STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02894

# SHTARKER FUN AYZEN

M. M. Dolitzky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# שטארקער פון אייזען

## אַ ראָמאַן פון אידישען לעבען

פון

מ. מ. דאליצקי

ערשטער באנד

צווייטע אויפלאגע

**HEBREW PUBLISHING COMPANY**

**50-52 Eldridge Street, New York**

**1920**

# שטארקער פון אייזען

אָדער

# דער געקרוינטער באנדיט

1טעם קאפיטעל.

## דער שלאַנג אין בוזים.

א קיהלע רעגענדע זומער-נאכט אם ענדע יולי אין יאהר ....18, האט שווארץ בעשאטענד דיא גרויסע שטאדט מאָסקווא. דער טהורעם-זייגער אין סאקאָלניקער אוטשאסטאָק, האט מיט א דומפּען מעלאנכאָלישען טאָן געקלונגען צוועלף מאָל דיא גאנצע סאקאָלניקער געגענד, וועלכע דיענט אלס דער בעסטער שפּאציר-פּארק פאר דיא מאָסקווער איינוואוינער, איז רוהיג און שטיל. דער רעגען, וועלכער האט געגנען אבענד נאך א שטארקען נאָרד-ווינד אויסגעבראכען, האט פערטריעבען אלע שפּאצירענדע צוריק אין שטאָדט אריין, אויך דיא סאקאָלניקער איינוואוינער, וועלכע שפּאצירען געוועהנליך יעדען אבענד ביז שפּעט אין דער נאכט, און אמאָל ביז ליכטיגען טאג, האבען ביי דיעזען שלעכטען וועטער עמפּפאנגען גאנץ פריה דיא נאכט און יעצט שלאָפען זיי שוין אין זייערע דאטשעס, פון וועלכע עס איז זעלטען צוזעהן א ליכט-שטראהל אדער צו הערען א מענשען-שטימע.

אין יענער פינסטערער נאכט, נאָך צוועלף אוהר, זיינען צוויי הויכע קרעפטיגע מענער, פערהילטע אין לאנגע רעגען-מאנטלען ארויסגעגאנגען פון סאקאָלניקער וואלד און מיט ראשע טריט האבען זיי ארויפגעטרעטען אויפ'ן ברייטען שאָסע, וואו עס איז געשטאנען נאר איין פערמאכטער עקיפּאזש און איינגע לייכטע דראָשקעס.

זיי זיינען צוגעגאנגען צום עקיפּאזש און האבען בעדונגען דעם פערשלאָפענעם קוטשער אפּצופיהרען זיי אין מאָסקווא.

— אויף „ווארווארקא", קוטשער! — האבען זיי איהם געזאגט און זיינען גלייך אוועקגעפאהרען.

— איזוואָזטשיק! — האט אויסגעשריען נאך א פערזאָן ארויסגעהענדיג פון א פינסטערע אַלעע.

באלד האבען איהם אומגערינגעלט דיא איינגע איזוואָזטשיקעס, האבען זיך אויפ'ן שאָסע געפונען און יעדערער האט איהם מיט זיין נגון ש זיך.

ער האט זיך ארויפגעכאפט אויף א דראָשקע און האט געהייסען דעם איז־וואָזטשיק פאָהרען וואס שנעלער.

— וואוהין בארין ?

— זאָלסט נאכפאָהרען דעם עקיפּאַזש וועלכער איז נאר וואס פערשוואונ־דען ! — האט איהם דער פּאסאזשיר בעפוילען — דוא בעקומסט א גאנצען פּאפּירעל און „נא־וואָדקי", אָבער פאהר אָן א זייט וועג, אז דיא פאָהרענדע אין'ם עקיפּאזש זאָלען גאָר ניט בעמערקען !....

— סלושאיו'ס בארין !

און דיא דראָשקע איז באלד אוועקגעפלויגען.

ביידע פּאסאזשירען אין פערמאכטען עקיפּאזש זיינען געזעסען א היבשע ווייל־ע שטארק פערטראכט. ענדליך, האט זיך איינער פון זיי ווי פון א טיעפען שלאף ערוואכט און האט פּלוצלינג א מאך געטהאן מיט דער האנד.

— אָבוואהל דיא זאך איז שוין אָפּגערעדט — האט ער צו זיין קאמעראד שטיל געזאגט — דאך שאדעט ניט, אז מיר זאלען אין דיעזער האלבע שטונדע רייזע אבערמאלס זיך בעראטהען וועגען דעם אונגליקליכען זאכארינען, דוא ווייסט דאך, מארטין, אין וואס פאר א געפאהר ער שטעהט....

- קיין בעסערער ראטה איז גאר ניטא ! — האט איהם מארטין געענט־פערט — צו זיך אין דאטשע קען איך איהם ניט נעהמען, דוא קענסט עס אויך ניט טהאן, היינט וואו דען זאלען מיר איהם דערוויל אהינטהאן ? זיא זארגט זיך אפילו וועגען איהם זעהר, אָבער וואהרשיינליך האט זיא נאך קיין פּלאץ פאר איהם גע־פונען, און מיר מוזען דאך איהם באלד רעטען !

— איך צווייפעל אבער — האט איהם אסטראָוו ערוויעדערט — צו איז דיא אידישע „זאראדיע" פאר איהם א גוטע בעהעלטניס ? דארט בעפאלט דאך דיא פּאָליציי פאסט יעדע נאכט אויף דיא אידישע הייזער.

— ער וועט דאך אבער דארט לאנג ניט פערבלייבען — האט איהם מארטין געענטפערט — און יענע אידישע פאמיליע וואוהין איך וויל איהם אוועקפיהרען איז זעהר אָן עהרליכע, זיא וועט האבען מיט איהם מיטלייד און וועט איהם שיצען פון אונגליק. איך האב מיך היינט אין אבענד געזעהן מיט גאָלדבוימען און זיך פאָרגעשטעלט מיט'ן נאָמען מארטינאָוו, איך האב איהם דערצעהלט, אז איך בין גוט בעקאנט געוועזען מיט זיינע ביידע אונגליקליכע קינדער, וועלכע דיא רוסישע טיראַניי האט היינטיגען יאהר פון איהם אוועקגעריבען און פערשיקט נאך סיביר, און גאָלדבוים האט מיט פרייד איינגעוויליגט צו געבען זאכארינען שוץ אין זיין הויז.

— מיין ראטה איז אבער — האט אסטראָוו זיך אָפּגערופען — אז בעפאר מיר קריגען נאך ארויס זאכארינען פון זיין שרעקליכע בעהעלטניס־לאך, זאָלסט דוא זיך נאך אמאָל זעהען מיט גאָלדבוימען.

— איך דיינק אז דאס איז ניט נייטהיג, איך וויים, אז גאָלדבוים דוצט ש'ין און ווארט צו עמפּפאנגען דעם אונגליקליכען אין זיין הויז און אז מיר וועלען איהם

אהין ברײנגען װעלען מיר געפינען אלע טהירען פון גאָלדבוימס װאױנונג פאר אונז אָפען.

— אָבער דו װײסט דאך, — האט אסטראװ װײטער גערעדט — אז „זאראַדיע" איז אימער בעדעקט מיט פאָליצײ־הינד און מיט דװאָרניקעס און אזױ װיא מיר ־יינען מיט דיעזען קװאַרטאַל זעהר װעניג בעקאנט, דאהער איז ראטהזאם, אז מיר זאלען יעצט בעזוכען גאָלדבוימען און איהם מיטנעהמען אין „קרעמל", און באלד װיא מיר װעלען דעם אונגליקליכען פון „קאנאַן" ארױסקריגען, זאלען מיר איהם גאָלדבוימען איבערגעבען. ער װעט שױן בעסער װיסען װיא אין זײן קװאַרטאַל צו זײן פאָרזיכטיג....

— דו האסט, אסטראװ, רעכט! — האט איהם מארטין נאך א קורצען נאכדענקען געענטפערט — מיר װעלען טאקי אזױ טהאן, און באלד װיא מיר קומען אויף „װארװארקא", לאזען מיר זיך הערונטער צו גאָלדבוימען אין „זאראַדיע"....

ביידע קאַמעראַדען האבען זיך װיעדער פערטראַכט און האבען א היבשע װײלע אײנער צום צװײטען ניט גערעדט; פּלוצלינג האבען זײ ביידע אינסטיקטיװ א ציטער געטהאן, פּונקט װיא אן עלעקטרישער פונק װאָלט זײ ביידען דורכגעדרונגען.

— דאס איז שרעקליך! דאס איז שױדערהאַפט! — האט מארטין העכסט אױפגערעגט געזאגט — א מענש זאל ליעגען איבער דרײסיג שטונדען אין א קאנאַן! װער װײס צו מיר װעלען איהם שױן געפינען א לעבעדיגען?....

— און דאס איז נאך שרעקליכער — האט אסטראװ זיפצענד ערװיעדערט — אז דער ניעדערטרעכטיגער לומפּ, דער געמײנער שורקע אלעקסײעװ איז פערבליבען לעבען און ביידע זאַבארינס קױלען האבען זאגאר זײן מאנטעל ניט בעריהרט!

— הײנט אבער מוז ער קראַפּירען װיא א הונד! — האט מארטין מיט אױפרעגונג געזאגט — איך גלױב, אז זײ װעלען איהם דארט דערטאַפּען.... מען מעג זיך שױן אויף זײ פערלאָזען!

— מיר שרעקט זיך עפּעס דאס הארץ! — האט אסטראװ פּלוצלינג איהם געזאגט — דו װײסט דאך אז איך בין ניט קײן פײגלינג, אָבער דאך פּיהל איך עפּעס א געהײמע שרעק.

מארטין האט װיא אונװילענד ארױסגעשטעקט זײן קאפּ דורך דעם האלב־אָפענעם פענסטער און האט דערזעהן פאהרענדיג א דראשקע אן דער זײט גאס, װעלכע האט געפיהרט א שלאַפענדען, צונױפגעקאָרטשעטען פאסאזשיר.

— װאו האלטען מיר שױן? — האט אסטראװ געפרעגט.

— בײ דעם טהױער פון װארװארקע.

— הײס דעם קוטשער זיך אװעקשטעלען! — האט איהם אסטראַװ געזאגט.

— זאל ער שױן דערפאהרען ביז דער װאנט פון זאראַדיע.

— נײן פרײנד, איך פּיהל מיך עפּעס אונװאהל.... מיר װילט זיך עפּעס פרישעס לופט.

— מיר איז אויך עפּעס ניט אם בעסטען — האט מארטין איהם געענטפערט. איך פּיהל עפּעס אן אױפרעגונג....

— שטעה! — האט אסטראוו פון'ם פענסטער צום קוטשער א געשריי געטהאן.

דער עקיפאזש האט זיך ריכטיג ביי דעם טהויער פון ווארוואַרקא אפ־געשטעלט.

ביידע קאמעראדען זיינען פון איהם ארויסגעגאנגען, זיי האבען אבגעצאהלט דעם קוטשער און זיינען ארויף אויפ'ן לינקען טראטאאר פון ווארוואַרקע, וועלכער פיהרט צו זאראדיע.

דער הינטערשטער איזוואָזשציק, וועלכער האט געפיהרט דעם שלאפענדען פאסאזשיר, האט א שמיץ געטהאן זיין פערד און האט ביידע קאמעראדען איבער־געיאגט.

פאר'ן שיין פון'ם לאנטערנע האבען זיי געזעהן, אז דער פאסאזשיר איז אן אלטער מאן מיט א לאנגען גרויען באָרד און פאות.

— עיי, בארין! בארין! — האט דער איזוואָזשציק זיך אוועקשטעלענד ביי זאראדיע וואנט צום פאסאזשיר געשריען — אט איז „ווארוואַרקא"!

דער פאסאזשיר האט זיך ערוואכט און האט אויסגעריבען דיא אויגען.

— ווארוואַרקא? — האט ער פערשלעפערט געפרעגט — גוט, איך געה הערונטער.

ער איז לאנגזאם פון דראָשקע אראפגעקראָכען, ער האט אפגעצאָהלט דעם איזוואָזשציק און איז צו דיא ביידע קאמעראדען צוגעגאנגען.

— ווייסט איהר ניט מיינע העררען — האט ער זיי אויף אידיש געפרעגט — וואו איך קען דא ערגעץ געפינען א נאכטלעגער?

— מיר פערשטעהן אייך ניט — האט איהם מארטין געענטפערט געהענדיג מיט אסטראווי'ן זיין וועג ווייטער.

דער אלטער איד האט זיי דיא זעלבע זאך איבערגעפרעגט אין צובראָכענעם רוסיש.

— דא אויף ווארוואַרקא, זיינען פיעלע גאסט־הייזער — האט איהם מארטין געענטפערט — געהט אביסעל ווייטער, וועט איהר זיי לייכט אויסגעפינען.

— אָ, פריינד, איך דאנקע! — האט איהם דער אלטער איד ערוויעדערט — אבער ווייסט איהר ניט צו וועט מען מיך דארט אריינלאָזען אויף נאכט־לעגער?

— ווארום דען ניט? פאר געלד בעקומט מען אלעס.

— אָבער איך קען קיין לאָזשי זאגאר פאר געלד ניט בעקומען! — האט דער אלטער ביטערליך געענטפערט.

— איך פערשטעה אייך ניט אונבעקאנטער, — האט איהם מארטין ער־וויעדערט.

— גאָר איינפאך, ווייל איך בין א איד! — האט דער אלטער מיט א וויינענ־דע שטימע געענטפערט — שוין אכט שטונדען וויא איך בין געקומען צופאהרען מיט סמאָלענסקער באהן פון בריסק, זייט דאן טרייב איך מיך ארום איבער מאסקווא צופוס און אויף דראָשקעס און אין קיין האטעל וויל מען מיך ניט אויפ־נעהמען, זיי זאגען, אז איך האב ניט דאס רעכט זאגאר איין נאכט אין מאסקווא

איבערצונעבטינגען.... דער רעגען האט מיך שוין אזוי דורכגענעצט, אז איך פיהל מיך גאנץ ערקעלטערט.... אָ, ליעבע מענשען, האט מיטלייד מיט אן עלענדען!....

ביים ענדיגען דיא לעצטע ווערטער האט זיך דער אלטער מאן צוכליפעט וויא א קליין קינד.

— קומט מיט אונז! — האבען איהם ביידע פריינדע געפיהלפאָל געזאגט — מיר וועלען אייך שוין בעזארגען א נאכט=לעגער.

— איהר קויפט אייך עולם הבא! — האט זיי דער אלטער ערגרייפענד דיא הענד געזאגט — איך וועל אייך דיעזען וואהלטהאט ניעמאלס פערגעסען, איהר רעטעט מיך איינפאך פון טוידט.

און מיט א פּאָר מינוט שפּעטער, האבען זיך אלע דריי מענער אראָפּגעלאָזען בארג אראָפּ אין דעם אידישען יאמער=טהאל — זאראדיע....

2טעם קאפּיטעל.

## דיא געהיימע שיסער.

פון דער פרעהליכער פּיליפּאוו'ס קאפע־הויז אויף טווערסקאיא איליצא, זיינען יענע נאכט אום איינס אוהר ארויסגעגאנגען צוויי יונגע רייך=געקליידעטע מענשען. זיי זיינען איינער נאך דעם צווייטען לאנגזאם געגאנגען אויפ'ן טראָטואַר, וואס פיהרט צו טווערסקאָי בולוואר; אויפ'ן גאס בּיי דעם געגענזייטיגען טראטואר, איז זיי נאכגעפאהרען א קיביטקע מיט גומענע רעדער, געשפּאַנט צו א שטארקען שמאָלפּיסיגען פערד. זיי זיינען ארויפגעגאנגען אויפ'ן בולוואר און אריין אין א זייטיגע שמאָלע אלעע, דארט זיינען זיי זיך צוזאמענגעקומען און אפּגעהענדיג א היבשע שטרעקע, האבען זיי זיך אוועקגעזעצט אויף א באנק געגען דעם אָבער-פּאליצמייסטערס הויז.

— היינט מוז דער לומפּ וויא א הונד קראַפּירען! — האט איינער גאנץ שטיל געזאגט צום צווייטען — איך גלויב אז דער באל וועט זיך באלד ענדיגען.

— וויא איך זעה — האט זיין קאמעראד איהם ערווידערט אנווייזענד מיט'ן האנד אויף דיא פיעלע עקיפּאַזשען, וועלכע רינגלען אום דעם אָבער=פּאליצמייסטערס העל=בעלויכטענע הויז — וויא איך זעה וועט דער שורקע צוליעב דעם רעגען=וועטער צוריקפאהרען אין א פערמאכטען עקיפּאַזש.

— דאמאלס וועלען מיר אנשטאט א מעסער נעבּרויכען א רעוואָלווער! — האט איהם דער ערשטער געזאגט.

— ביי נאכט אבער — האט זיין קאמעראד געענטפערט — איז א רעוואָלווער פיר אונז געגוג געפעהרליך....

— דער הונד אבער מוז היינט קראַפּירען!

— מיין ראַטה איז, אז מיר זאָלען איהם נאכפאהרען ביז זיין הויז, און ביי זיין ארויסגעהן פונ'ם עקיפּאַזש, זאלען מיר אויף איהם געבּרויכען דעם שטומען גער וועהר. וואס זאגסט דוא, אנדריאַנאָוו?

— דוא האסט רעכט קאָלצאָוו — האט איהם אנדריאַנאָוו נאך א קליינעם

נאכדענקען געזאגט — אבער זעה נור ווער געהט עס דארט אין דער אלעע?

— דאס איז געוויס אונזער איסטאָמין, וועלכער איז בעשטימט אומצוגעהן דיעזע נאכט קרעמעל און גוט אכטונג געבען ארום קאנאן ביז זאכארין וועט פון איהם בעפרייט ווערען. איך האב מיט איהם אפגעמאכט, אז ער זאָל דאָ זיין אום איינס אוהר. קום, לאָמיר איהם געהן ענטקעגען.

ביידע קאמעראדען האבען זיך אויפגעהויבען און זיינען אפגעגאנגען א קליינע שטרעקע אין דער פינסטערער אלעע, וואו זיי האבען זיך געטראָפען מיט א הויכען שלאנקען מענשען.

— גוטען אבענד, ברידער — האט ער זיי שטיל געזאגט — זאכארין לעבט....

— דאס איז נאך ווייניג — האט אנדריאנאָוו געענטפערט — צו איז ער געזונד און קען זיך נאך בעוועגען?

— שוין דיא צווייטע נאכט — האט דער הויכער פערזאָן געענטפערט — וויא איך האב איהם לייכטע שפּייזע אין קאנאן אריינגעוואָרפען. יעצט אין דער רעגנע-דער פינסטערער נאכט וואָלט זעהר לייכט געוועזען פון זיין בעהעלטעניש-לאָך איהם ארויסצוקריגען. אין קרעמעל איז ניט צו זעהן א פוס פון א מענשען, ליידער אבער זיינען נאך זיינע רעטער ניט געקומען.

— מיר קענען זיך אויף זיי פערלאָזען! — האט אנדריאנאוו איהם געענט-פערט — מארטין מיט אסטראוו'ן וועלען איהם געוויס היינט רעטען, אבער מיר מו-זען יעצט טהאָן אונזערס.... דער שורקע טאָר ניט זעהן דעם ערשטען זאָננע-שטראהל פון היינטיגען פריהמאָרגען.

— און איך געה צוריק נאך קרעמעל — האט זיי דער הויכער פערזאָן שטיל געזאגט:

— פריהער זאלסט דוא גוט אומקוקען דעם בולוואר — האט איהם אנ-דריאנאָוו שטיל געזאגט — אדיע ברודער, מיר געהן צוריק וואו מען דארף.

איסטאָמין איז מיט ראשע טריט אוועקגעגאנגען.

— — — — — — — — — — — — — — — —

מאָסקווער אָבער-פּאָליצמייסטער קאָזלאָוו פייערט זיין פּיער און פּערציג יעהריגען געבורטס-טאָג. זיין גרויסע וואוינונג איז העל בעלויכטען און הויבגעשטעלטע געסט זיצען ביי סערווירטע טישלאך, טרינקען שאמפּאניער און פּלוידערען מיט האלב פערגליווערטע ציגנער איבער גוטען שנאפּס און שעהנע מיידלאך. אין גרויסען זאל שפּיעלט אן אָרקעסטער מוזיק און דיא רוסישע דזשענטעל-לייט טאנצען מיט דאמען אין לאנגע שלעפּעס קאצאפּסקע אריסטאקראטישע טענץ. דער באל, וועל-כער האלט יעצט אם ענדע איז געגאנגען, וויא עס שיינט, זעהר לעבעדיג; מען זעהט אן דיא שיכור'ע געסט, וועלבע האלטען זיך קוים אויף דיא פיס, אז זיי האבען זיך געפרעהט מיט זייער אבער-פּאָליצמייסטערס געבורטס-טאג און האָבען זיך גוט מיט דיא פלעשלאך און מיט דיא פלעשער אונטערהאלטען.... דיא טענץ האבען אפגעפארבט ביי פיעלע דאמען דיא געזיכטער און מאנגע פון זיי קוקען יעצט אויס הימליש שעהן און רייצענד. בעזאָנדערס צייכענט זיך אויס מיט איהר שעהנהייט

איינע א גאנץ יונגע דאַמעטשקע מיט א ראָזע אריענטאַלישעם געזיכט און מיט פורפור=ראָזע פולע ליפּען, וועלכע זיצט לעבן א שעהנע פרוי פון איאהר צוויי דריי און פערציג אין א ווינקעל פון׳ם גרויסען זאַל און פאַכעט איהר אויפגע=פלאַמטע רייצענדעס געזיכט מיט א שנעע=ווייסען זיידענעם פאַכער.

— איך בעעהרע מיך פריילין מאַלליך אייך צו לאַדען צום לעצטען מאַזור=טאַנץ! — האט צו איהר געזאגט א הויך=געוואקסענע פערזאן פון א יאהר אייניגע און פערציג און האט זיך העפליך פערניינט.

דאַס מעדכען האט עפּעס וויא א ציטער געטהאן, זעהענדיג פאר זיך דעם מאַן, און איהרע ראָזע באַקען זיינען אין איין מאָמענט ערבלאַסט געווארען.

— איך דאַנק — האט זיא מיט א פערעכטליכע מינע שוואַך ארויסגערעדט און האט איהר שווארצהאָריגען קאָפּ אין א זייט פערדרעהט.

— מאָסקווער גאַלאַוואַ זאָלסט דוא מיין קינד ניט ענטזאַגען — האט איהר דיא פרוי וואס זיצט לעבן איהר געזאגט — מיר אלע רוסישע אונטערטהאַנען שטאַלצירען מיט זיין הויכע פּערזענליכקייט !....

— אבער איך בין מיעד!.... — האט דאַס מעדכען מיט א זאַנדערבארען טאָן שוואַך ארויסגערעדט און איהר קאָפּ אראפּגעלאָזען.

— שעהמט אייך, יונגע פריילין, זא=וואס ארויסצוריידען! — האט איהר אלעקסעייעוו מיט א פריינדליכען שמייכעל געזאגט, פונקט וויא ער וואלט דא גאָר ניט פערשטאַנען — א יונגעס מעדכען זאל אזוי גיך מיעד ווערען ?

דאַס מעדכען האט איהם גאר ניט געענטפערט און האט זיך פון איהם אפּ=געקעהרט.

דיא מוטער האט איהר טאכטער געשיינקט א געהיימען קניפּ אין האנד, אז זיא האט אזש פאר ווייטאָג א ציטער געטהאן. זיא האט מיט א פערעכטליכע מינע א קוק געטהאן אויף איהר קנייפּערין און איז באַלד פון איהר מיט אלעקסעיעוו׳ן אוועקגעגאַנגען און צוגעטראטען צו א יונגען אפיציר.

— פערצייהעט איהר, הערר אלעקסעיעוו — האט דיא פרוי ערבלאַסט איהם געזאגט — זיא איז נאך א דומעס קינד !

אלעקסעיעוו האט גאר ניט געענטפערט און איז גלייך פון איהר אוועקגע-גאַנגען.

דיא אריענטאַלישע נאז פון דער פרוי איז רויט געווארען וויא א קרעבס. זיא האט זיך פון איהר שטעלע אויפגעהויבען און איז צוגעגאַנגען צו א מאַן פון א יאהר פינף און פערציג מיט אן עכט אידישען געזיכט און האט זיך לעבן איהם אוועקגעזעצט.

— דוא געהסט מיט א לאַנגע נאז! — האָט געזאָגט א מאַן פון מיטלער אלטער צו אלעקסעיעוו׳ן וועהרענד ער איז צו איהם צוגעגאַנגען — איך האב געזעהן פון ווייטען וויא דיא זשידאָוויקא האט אויף דיר גאָר ניט געוואלט א קוקטהאָן. דוא האָסט עס אויך גאַנץ ערנסט פערדיענט.

— ווארום ? — האט איהם אלעקסעיעוו שטארק אויפגערעגט געפרעגט.

— גאָר איינפאַך. אז מאָסקווער גאַלאָווא, וועלכען דער באַטיושקא צאַר קושט אין שטערען געהט לאַדען צום טאַנץ א זשידאָווקא, איז ער ווערטה אז זיא זאל איהם ענטזאגען. וויא איך זעה פערשטעהסט דוא ניט דיין ווערדע.

— מיינסט דוא איסטאָמין, אז דאס וועט איהר געשענקט ווערען?

— אבער דערווייל האָסט דוא א נאַז! — האט איהם איסטאמין געררייצט.

— אלעקסעיעוו פערשוויינט ניט קיינע בעליידינגונג — האט דער גאלאווא גיפטיג געזאגט — זיי זיכער אז איך וועל נאך אמאל פון דער זשידאָווסקער גע־זינדעל אזא ראַבע נעהמען, אז זיי וועלען מיר האבען צו גדיינקען.

— אויב זיי וועלען דיר ביז יענער צייט ניט דערשיסען.

— דענקסט דוא טאקע אז דיא זשידעס האבען מיר פאַרגעססערן געוואָלט ערמאָרדען?

— אבי דוא פערשטעהסט.

— נו, נו, איך וועל מיך שוין מיט זיי רעכענען.

— און פארלויפיג לאמיר מאכען א פּראָפּעראנס! — האט איסטאמין איהם שמייכלענד געזאגט — מיין אלטער גענעראל־גובערנאטאר איז שוין אוועקגעפאהרען

— דא איז אבער דאך קיין פלאץ דערצו?

— נו, לאמיר פאהרען צו דיר נאך הויז.

— נאך דעם באל.

— אבער ווענעו זאלען מיר פאר א דריטע האנד לאדען?

— טאקע איהר פאָטער אליין! — האט אלעקסעיעוו נאך א קליינעם נאכ־דענקען געזאגט — מאלליך וועט היינט ביי אונז זיין זשידאָווסקע ברייטע בייטעל אויפעפנען אז עס וועט אזש געהן א רויך.

— דוא האסט כ׳לעבען שכל — האט איהם איסטאמין מיט א שמייכעל גע־זאָגט — זעהסט דוא וויא דיא זשידאווקא זיצט דאָרט מיט איהם און רעדט אין דער שטיל? דאָס דערצעהלט זיא איהם וויא וייער טאכטער האט דעם מאסקווער גאלאווא געמאכט א לאנגע נאז.

אלעקסעיעוו האט גיפטיג א שמייכעל געטהאָן.

— מיין ניט אז זיא איז אין גאנצען אונגערעכט — האט ער איהם געזאגט — אבער איך וועל מיך שוין מיט איהר רעכענען. נאך דעם לעצטען מאזור־טאנץ, אין וועלכען דאס מערכען מאלליך האט אין אלעקסעיעוו׳ס געגענווארט געטאנצט מיט׳ן יונגען אפיציר, צו וועלכען זיא איז נאך איהר מוטערס קניפּ צוגעגאנגען — האבען זיך אלע געסט צונויפגעקליבען אין גרויסען זאל מיטצוזינגען מיט׳ן אָרקעסטער דיא רוּסישע מחיה׳דיגע תפלה „באָזשע צאריא חראַני" און איידער דיא מוזיק האט אנגעהויבען צו שפּיעלען, האט דער בעל־שמחה קאזלאוו זיך אוועקגעשטעלט צווישען פּובליקום און אויסגעשריען:

— ווערטהע, הויכגעשטעלטע דאמען און הערדען! אונטער מיינע געסט געפינט זיך א געוויסער מאן, וועלכען זיינע פילאנטראָפּישע געפיהלע בעווענען איהם איינ׳צע ווערטער פאר דיא ווירדיגע געסט אויסצושפּרעכען.

אלע האבען זיך אוועקגעשטעלט מיט אָפענע מיילער.

עס איז ארויסגעטרעטען פון צווישען דאס פובליקום דער מאן, צו וועלכען דיא פרוי מאלליך איז נאך איהר קניפ אין איהר טאכטערס האנד צוגעגאנגען, און זיך ווענדענדיג צו אלע אנוועזענדע האט ער אין ריינעם רוסיש אבער מיט דעם ליטוועשען אקצענט אויסגעשריען:

— צו עהרען אונזער ווירדיגען הויך-געשטעלטען בעל-שמחה און צו עהרען אונזער האָכגעשטעלטען און טהייערען שטאדט-ווירטה, העררן אלעקסעיעוו און אלע אנוועזענדע היער, שענק איך פינף און צוואנציג טויזענד רובעל, צו בעענדיגען דיא צערקווא, וועלכע בויט זיך צום אנדענקען פון דעם היילינען וולאדימיר, אויף ניר קאַלסקאיא אוליצא.

— בראוואָ! בראוואָ! עס לעבע דיא היילינע פראוואָסלאוויע! — האבען געליארמט צעהנדליגע שטימען.

באלד נאך איהם האט ארויסגעטרעטען זיין פרוי, מאדאם מאלליך, און האלטענדיג צווי פאפירען אין האנד, האט זיא לויט אויסגעשריען:

— און צו עהרען אונזער גנעדיגען גאט'ס געזאלבטען און זיינע אלע ווירדיגע בעאמטע אין מאסקווא, פון דעם גרויסען שטאדט-גאָלאָווא העררן אלעקסעיעוו, ביז דעם קלענסטען בעאמטען אין דער פאליציי, שענק איך פופצעהן טויזענד רובעל אויף דיא היילינע געשיר אין יענער קירכע!

און באלד האָט זיא אויפ'ן טיש אוועקגעלייגט ביידע פאפירען און האט געבעטען אלעקסעיעוו'ן אז ער זאל זיי צונעהמען, ווייל זיא בעפאָלמעכטיגט איהם צו זיין דער קאסיר פון דאס געשענקטע געלד.

— בראוואָ, מאדאם מאלליך! — הוראה אלעקסעיעוו! עס לעבע דיא פראַוואסלאוויע און איהרע היילינע פאָרשטעהער! — האבען אלע געסט געשריען.

אלעקסעיעוו האט ביידע באנק-טשעקען צוגענומען ניט אויסדריקענד איין דאנקבארען וואָרט צו דיא גרויסע פילאנטראָפען, וועלכע האבען אזא גרויסע סומע געווידמעט צו אזא היילינען ציעל, וויא צו פערגרעסערען דיא גרויסע צאהל פון מאַסקווער קירכעס....

מען האט געבעטען נאָט ביי א זיעבען מאל פאר דעם באטיושקא צאר אלכסנדר דעם דריטען, און אלע געסט זיינען זיך ביסלעך-ווייז צוגאנגען.

— — — — — — — — — — — — — — — —

— דוא זעהסט — האט אנדריאנאָוו געזאָגט צו קאָלצאָוו'ן — דוא זעהסט אז דער לומפ זעצט זיך ניט אינ'ם עקיפאזש אליין, עס זעצען זיך מיט איהם נאָך צווי פערזאָנען.

— מיר שיינט, אז איינער פון זיי איז דער אידישער מיליאָנער מאלליך! — האָט איהם קאָלצאָוו געזאָגט — פאר'ן לאנטערנע פונ'ם עקיפאזש האָט זיך מיר זיין געזיכט אפגעשאטענט.

— דאָס איז אונמעגליך — האָט איהם אנדריאנאָוו ערווידערט — איך ווייס אז דער לומפ לאָזט ניט א אידען אויף זיינע אויגען.

— מעגליך אז איך האב געמאכט אן אירטהום — האט איהם קאַלצאָוו גע־ענטפערט, אבער וואס וועלען מיר יעצט טהאן?

— לאָמיר וואס אם שנעלסטען זיך אריינזעצען אין אונזער קיביטקע — האט איהם אנדריאנאוו געענטפערט — ווען מיר וועלען זיי נאכפאהרען, וועלען מיר דאן זיך בערעכענען וואס צו טהאן.

זיי זיינען ראש איבערגעגאנגען דיא ברייט פון בולוואר און האבען זיך אריינ־געזעצט אין דער קיביטקע, וועלכע איז שנעל אוועקגעפלויגען.

— שיסען! — האט אנדריאנאוו מיט א בעשלאָסענעם טאָן געזאָגט צו קאַל־צאָוו'ן — מיין רעוואָלווער איז א גאנץ שטילער, ער מאכט ניט קיין גרויסע קולות.

— וויא שטיל דער רעוואָלווער איז, וועט דאך אין אזא שטילע נאכט זיך הערען א קנאק.

— אבער אונזער פערד איז שנעל וויא א בליץ! דער טייפעל אליין קען איהם ניט דעריאגען....

— צו וועט דיר אבער געלינגען טרעפען אין ציעל? דא קען דאך גאר אן אונשולדיגער א קוגעל געניסען.

— אלעקסייעוו'ס חברים זיינען ניט בעסער פון איהם, מיך וועט גאר ניט קימערן אז אנשטאט איין שלאנג וועל איך טוידטען דריי.

— ניין פריינד, דאס איז געגען דיא גערעכטיגקייט — האט איהם קאַלצאָוו געזאָגט — וויא איך וואָלט וועלען טוידטען דעם אונמענש, דאך וואָלט איך ניט וועלען אז אנדערע זאגאר אן ערגערער פאר איהם, זאל ליידען זיינע זינדע. וועמען מען שטימט אָפּ, נור דעם מוז מען טוידטען.

— איך בין אבער א גוטער שיסער! — האט אנדריאנאוו ערוויעדערט — זעהסט דוא וויא ער זיצט דאָרט צווישעןביידע מענער.... מיט איין שאָס איז ער פערטיג!

— וויא באלד דוא ביסט איבערציינגט אז דיין קוגעל וועט נור בלויז איהם אליין טרעפען, איז ראטהזאם אז דיא זאך זאל באלד געשעהן. דא איז זעהר א ברייטער און שטילער פלאץ, עס איז דא וואוהין צו אנטלויפען, אבער זיי פאָרזיכ־טיג אנדריאנאוו!

— נעהם ארויס אויך דיין רעוואָלווער! — האט איהם אנדריאנאוו אויפגע־רעגט געזאגט — אז מיינער וועט ניט טרעפען זאל דיינער איינינע מאל אפפייערן.

קאלצאוו האט פון א זייטען־טאש ארויסגענומען א קליינעם רעוואָלווער.

— טרייב! האט אנדריאנאוו בעפוילען דעם אנטרייבער פון זיין קיביטקע.

דיא קיביטקע איז שנעל וויא א בליץ צוגעפלויגען צום עקיפאַזש. עס האבען זיך געהערט דריי האסטיגע רעוואָלווער שיסע איינער נאכ'ן צווייטען און באלד נאך דעם — א ווילדער געשריי און א הערצרייסענדער קרעכצען פון אלעקסייעוו'ס קאַרעטע.

אין גאס איז געוואָרען א שטארקער ליארעם און גערודער, עס האט געהילכט

א געשריי „קאראול“ און פאליצייסקע פייפליך האבען געסווישטשעט פון פערשיעדענע זייטען.

אבער איידער מענשען זיינען זיך צוזאמענגעלאפען, האט זיך אנדריאנאוו'ס פערד א לאז געטהאן א גאלאפ, און דיא קיביטקע מיט דיא שיסער זיינען פערשוואונדען.

3טעס קאפיטעל.

## דיא אונגליקליכע פאמיליע.

אברהם גאלדבוים איז א מאן פון א יאהר ניין און פערציג פופציג, מיט א בראונען און אן עדלעם הערץ. ער וואוינט אין מאסקווא שוין ניינצעהן יאהר מיט זיין פאמיליע וואס בעשטעהט ביי אונזער ערצעהלונג, פון א פרוי מיט צוויי ערוואקסענע קינדער, א זוהן מיט א טאכטער — אויף דאס רעכט פון א ווילנער עהרענבירגער, וועלכע ער האט בעקומען פון באטיושקא אלכסנדער דעם צווייטען, פאר פיעלע וואהל־טהאטען אין אלגעמיינע ווילנער שטאדט זאכען. ער האט זיך א מאל נערעכענט פון ווילנער שעהנסטע און נאבעלסטע אידען און האט בעזעסען א גרויסען פערמעגען; אבער א זאנדערבארער צופאל האט איהם געבראכט אין מאסקווא, וואו ער איז ביז היינטיגען טאג פערבליבען. מיט צוואנציג יאהר צוריק, האט זיינע א דיענסטמיידעל, ארויסגעפיהרט זיין ערשט געבארענעם זוהן, א קינד פון דריי יאהר, זיך אביסעל דורכשפאצירען. זיא האט איהם אוועקגעזעצט אויף א באנק אין שפאציער גארטען וואו עס איז געזעסען א יונגע, זעהר א רייכגעקליידעטע רוסישע דאמע. דאס קינד איז דער דאמע זעהר געפעהלען, זיא האט ארויסגענומען פון טייסטער איינינע קאפייקען און האט גענעבען דער מיידעל אז זיא זאל געהן פאר'ן קינד עפעס קויפען א נאשווארג.

— געה טאכטערקע, קויף דעם קליינעם שעהנעם איינגעלע קאנפעקטען — האט דיא דאמע איהר אין רוסישען געזאגט — איך וועל דא דערווייל אויף איהם אכטונג געבען.

דיא מיידעל האט איהר געפאלגט, און ווען זיא איז געקומען צוריק מיט דיא קאנפעקטען האט זיא מעהר ניט געפונען דאס קינד מיט דער דאמע.

אומזיסט האט גאלדבוים אלע מעגליכקייטען אנגעווענדעט דאס קינד צו געפינען, דער איינגעל צוגלייך מיט דער דאמע זיינען וויא אין וואסער אריין.

ער האט דיא זאך געלאזט פובליצירען אין אלע צייטונגען און מיט א יאהר שפעטער האט ער בעקומען א בריעף פון זיינעם א בעקאנטען רוסע אין מאסקווא, אז איהם שיינט דאס ער האט זיין קינד דערקענט נאך זיינע פרעמעטען ביי א רייכע רוסישע פאמיליע אין מאסקווא. גאלדבוים איז באלד אהין אוועקגעפאהרען, עס האט איהם געקאסט פיעל צייט און מיה ביז ער איז צו יענער פאמיליע צוגעקומען, אבער ער האט זיך צו זיין בעדויערען איבערצייגט, אז דאס איז ניט זיין קינד. ער איז דערווייל אין מאסקווא בעקאנט געווארען מיט איינינע קופלייטע ביי דער בערזע, וועלכע האבען איהם געראטהען דארט צו פערבלייבען. ער האט זיך געעפענט

א קליידער געשעפט, וועלכער איז איהם גוט אוועקגעגאנגען, באלד איז אויך זיין פרוי מיט'ן איננערן איניגעל פון פערלארענעם, געקומען צו איהם אין מאסקווא אוּן פון ראמאלס אן איז ער דארט פערבליעבען.

עס זיינען איהם אין מאסקווא געבארען געוואָרען נאך א זוהן מיט צוויי טעכטער, וועלכע ער האט געלאזט בילדען אין דיא גימנאזיומס, אבער פון דיא אלע פיער קינדער זיינען איהם מעהר וויא דיא צוויי איננערע ניט פערבליבען, דיא ביידע עלטערע, האט פון איהם דער געקרוינטער באנדיט צוגענומען פאר סיביר....דאס איז געשעהן ריכטיג מיט עלף מאנאטען בעפאר אונזער ערצעהלונג פאנגט זיך אן.

אין דער נאכט ווען מארטין מיט אסטראוון זיינען געפאהרען פון סאקאלניקי אין פערמאכטען עקיפאזש, איז גאלדבוים געזעסען מיט זיין פרוי און ביידע קינדער אין זיין ענגען וואוינונג אויף זאראדיע, און יעדע ווילע האט אן אנדערער פון זיי א קוק געטהאן דורכ'ן גאס־פענסטער געגען וועלכען עס האט געברענט דיא גאס־לאנטערנע.

— וויסט דוא אברהם — האט איהם זיין ווייב ביטערליך געזאגט — איך וויל ניט ארויסריידען....אבער מיר שרעקט זיך זעהר דאס הארץ.

— שרעק זיך היינט, שרעק זיך מארגען — האט איהר גאלדבוים בעטריבט געענטפערט — מיר טהוען א מענשענפפליכט, א וואהלטהאט, וועלכער יעדער מענש איז מחויב צו טהאן. רעטען א מענשען פון גאלגאן אדער פון קאטערגא ווייל ער האט געוואלט טויטען א שלאנג איז דיא שולדיגקייט פון יעדען עהרליכען מענשען.

— וועה איז צו מיר, וועה איז צו מיינע יאהרען! — האט דיא פרוי ברעכענד דיא הענד געיאמערט — נור אונזערע קינדער האבען ניט געפונען קיין שוץ! נור אויף אונז האט זיך גאטס צארן וויא א העלישער פייער אויסגעגאסען! אה, וואו זייט איהר יעצט מיינע טהייערע ליעבע קינדער? לעבט איהר נאך אדער זייט איהר שון בעגראבען אונטער דיא סיבירישע פינסטערע מינען? א, מיינע עדלע, גוטע קינדער! זייט מען האט אייך פון אונז אוועקגערויבט איז אלעס פון אונז פערשוואונדען, ניטא מעהר קיין קראם, ניטא קיין סחורה און ניטא קיין ברויט אין שטוב!

— א, ליעבע מוטער—האט איהר טאכטער, א יונגע שעהנע מעדכען פון א יאהר זעכצעהן מיט געוויין אויסגעשריען איהר פאלענד אויפ'ן האלז — האב מיטלייד מיט זיך און מיט אונז אלע! הער אויף אויפצורייסען דיא וואונדען, וועלכע זיינען נאך פייכט און קענען זיך גאר ניט אויסהיילען.... איך בין עס ניט אין שטאנד איבער־צוטראגען.

א פאר טרעהרען האבען זיך ארויסגעקייקעלט פון גאלדבוים'ס אויגען וועלכע זיינען באלד פערזונקען אין זיין ווייסהאריגען בארד.

— וועה מיר טאכטערקע — האט דיא אונגליקליכע מוטער יאמערנד פארגעזעצט — מיר האבען דאך זאגאר דעם גאסט ניט וואס צו געבען אין מויל אריין! מיר האבען דאך מיט אונזערע פערלארענע קינדער אלעס פערלארען. וויא מיט'ן האנד איז אלעס צוגענומען געווארען. מיר ליידען דאך הונגער!....

— דאס, וועט ליעבע מוטער, לאנג ניט דויערען — האט דיא טאכטער מיט

געווײן איהר געזאגט — איך וועל געהן מוטער ארבייטען, איך וועל מיט'ן נאָז דיא ערד אקערען, אבער דערמאן ניט ליעבע מוטער, דיא צרות! מיר פיהלען עס אלע; דער פאפא איז שוין דאדורך גרוי און אלט געוואָרען, און זעה וויא קוקט שוין אוים אונזער טהייערער יעפים — זיא האט אנגעוויזען מיט'ן האנד אויף איהר ברודער — ער איז דאָך שוין מעלאנכאָליש און אויסגעדארט וויא א סקעלעט! וויא וועט ער קרעפטען האבען צו אונטעררירכטען זיינע שילער און דערצו נאך א גאנצע טאג לערנען אין גימנאזיום, אז דוא וועסט יעדע ווײלע עראינערען דיא שרעקליכע ליידען? אָ, מוטער, לאָמיר זיך בעסער פרעהען מיט דעם וואָהלטהאט וואס מיר טהוען אן אונגליקליכען, וועלכען מיר האבען זיך אונטענומען צו רעטען פון גרעסטען אונגליק. איך גלויב אז מען וועט איהם באלד אהער ברענגען.

גאלדבוים האט זיין טאָכטער פעסט צוגעדריקט צו זיין ברוסט און א הייסער קוש פון זיינע פייערינגע ליפען האט אפגעקלונגען אויף איהר שנעע-ווייסע שטערען.

— מיר דוכט זיך אז מען געהט אויף דיא טרעפ — האט יעפים, וועלכער איז ביז יעצט געזעסען וויא פערטראכט זיך אפגערופען.

גאָלדבוים האט גענומען דיא טיש-לאמפע אין האנד און האט דיא טהיר אויפגעמאכט.

אין שטוב זיינען אריין צוויי הויכע מענער געקליידעט אין לאנגע רעגען-מאנטלען, איינער האט אויסגעזעהן פון א יאהר פינף און דרייסיג און דער צווייטער פון אונגעפעהר זעקס, זיעבען און צוואנציג יעהריגען עלטער.

— גוטען אבענד עדלע מענשען! — האט דער עלטערער צו דער פאמיליע גאלדבוים געזאגט — מיינט ניט אז מיין קאמעראד, וועלכער געהט מיט מיר, איז דער אונגליקליכער זאכארין, איך געה עס יעצט מיט איהם פון קאנאן איהם ארויס-קריגען, נור בעפאָר מיר טהוען דיעזען מענשענפפליכט, ווילען מיר וויסען און זיך איבערציינגען צו מיר אונטערוואָרפען אייך ניט אונטער א געפאהר.

— זייט רוהיג עדלער מענש — האט גאלדבוים געפיהלפאָל מארטינען ער-ווידערט — זאַראדיע איז וויא דער משונה'דיגער קאנאן א גוטע בעהלטנים לאָך פאר אונגליקליכע. דא וועט איהם דיא פאליציי ניט אזוי גיך אויסגעפינען, ווייל דא זיינען פיעלע בעהאלטענע, פאר וועלכע דיא פאליציי נעהמט גוטען געלד און העלפט זיי נאך מעהר צו בעגראבען אום זיי זאלען מעהר געלד בעקומען.

— איז אבער ניט געפעהרליך, — האט איהם אסטראוו געפרעגט — איהם אין דיעזען קווארטאל דורכצופיהרען? מיר זיינען מיט דיעזען קליינעם שטאדט-טהייל גאנץ אונבעקאנט.

— איך קען מיט אייך מיטגעהן — האט איהם גאלדבוים געענטפערט.

— דאס איז פון אייער זייטע הערר גאלדבוים זעהר פיין און ערהאבען, — האט איהם מארטין געזאגט — דערווייל וועט איהר טהאן נאך א וואהלטהאט: מיר האבען זיך געטראפען אויף ווארווארקא מיט אייערען א גלויבענסגענאָסע, אן אלטען מאן, וועלכער קען נעבאך ניט געפינען קיין נאכטלעגער צוליעב זיין אידיש-קייט; מיר האבען איהם ביי אייערע טרעפ געלאזט שטעהן, און מיר ווילען אייך

בעטען, פיעלייכט איז מעגליך איהם א לאָזשי צו פערשאפען. ער איז אין גאנצען דורכגענעצט און ציטערט וויא א פיש.

גאָלדבוים האט אנגעטהאן זיין היטעל און איז באלד מיטביידע נעסט ארויס־געגאנגען.

4טעס קאפּיטעל.

# שרעקליכעס.

מאָסקווא איז דאס הארץ פון דעם היילינגען רוסלאנד, און „קרעמעל״ איז דער פופיק פון מאָסקווער היילינגטהום. הייגט שטעלט אייך לעזער פאָר, וויא היילינג איז קרעמעל! מאסקווא האט נאך מיט הונדערט יאהר צוריק געהאט פערציג מאל פערציג צערקוועס, יעדען יאהר ווערט מינעמום צונעבויט צעהן, אלזא האט מאסקווא ביי אונזער ערצעהלונג צוויי טויזענד מיט זעקס הונדערט צערקוועס וועלכע פערהייליגען דער גרויסער קאצאפּען־שטאדט און מאכען דעם קרעמעל פון יאהר צו יאהר אלץ הייליגער און הייליגער.

קרעמעל איז דער צווייטער מאסקווער קרעפּאָסט (פעסטונג). ער איז געבויט פון צוויי זייטען אויף א הויכען אויפגעשאָטענעם בארג לעבען דעם טייך „מאסקווא־רעקא״. גאנץ קרעמעל האט געהיימע אונטעראירדישע קעלערען און מינען, ער ענטהאלט אונגעפעהר דריי רוסישע קוואדראטנע ווערסט און איז געשלאָסען אין א פיערקאנטיגע הויכע און דיקע געמויערטע וואנט, וועלכע שליסט זיך צוזאמען פון איין זייט, מיט דער וואנט פון ערשטען פעסטונג. יעדע וואנט האט צוויי גרויסע טהויערען, וועלכע זיינען אימער אָפען און יעדען איז אין יעדע צייט ערלויבט אריינ־צוגעהן — זאגאר א מענשען פון דער אידישער נאציאָן. דאָרט געפינט זיך איוואן דעם שרעקליכענס שלאָס, פון וועלכען ער פלעגט א מאל ארויסגעבען דיא אוקאזען צו הענגען פיער, פינף הונדערט מענשען א טאג, לעבען איהם איז געבויט דער גרויסער שלאָס פון זיינע נאכפאָלגער, ראָמאנאָוו'ס קינדער, וועלכע זיינען פיעל קלינער פאר דעם אלטען פאטריאך „איוואן גראָזני״ און זיי מאכען אָפּ פיעלע ערגערע און גרויזאמערע מאָרדטהאטען פאר איהם -- אין דער שטיל, אז א האָהן זאָל ניט א קרעה טהאן....

צווישען ביידע שלעסער געפינט זיך דיא גרויסע פאלאטע, וואו אַלע רוסישע אנטיקען און קאָסטבארקייטען צוזאמען מיט אלע קרוינען פון איהרע הערשער, ליגען אונטער גלעזער צווישען דיאמאנטען בריליאנטען גאָלד און זילבער, וועלכע בעטרעפען פיעלע צעהנדליגע מיליאָנען און קיינער האט דערפון קיינע נוצען. נאך דיא שלעסער שטעהן וויא גיגאנטען (ריעזען) פינף הויכע צערקוועס און קוקען אָן דער גרויסער ווילדער שטאדט מאסקווא פון אלע זייטען, לעבען דער העכסטער צערקאָוו, וועלכע זיא הייסט ביי דיא רוסען „איוואן קאָלאָקאָל״ צוליעב דעם שווערען אַבציג טויזענד פודינען גלאָק וואס הייננט אין איהר און קלינגט מעהר ניט וויא איין מאל אין יאהר, שטעהט אויף דער ערד נאך א פיעל שווערערע און גרעסערע גלאָקע, א קוקטהאנדיג אויף איהר, איז באלד צו דערקענען אז נור דיא גראָבע רוסען, זיינען

פעהיג אזא גראָבע גלאָקע צו בעשאפען. דיא אמאָליגע ווילדע מענשען פון „דור הפלגה" האבען זיך אונטערנומען צו בויען א טהורם, אז דער שפּיץ זאל גרייכען צום הימעל; זיי זיינען אבער געווען אזוי פערגרעבט אז זיי האבען ניט בערעכענט דאס זיי קענען זיך איינשפּארען פיעלע ארבייט ווען זיי זאלען דעם טהורם בויען אויף א הויכען בארג, און זיי האבען גראדע פערקעהרט איהם געבויט אין א טהאָל, און אזוי האבען דיא ווילדע קאצאפּעס זיך פערמאָסטען צו בויען א גלאָקע און האבען ניט אויסגערעכענט אז דיא קירכע אין וועלכע זיי ווילען איהר אויפהייגען איז ניט אין שטאנד זאָ א שווערע משא איבערצוטראגען, זיי האבען דיא גלאקע אין פערלויף פון צוויי יאהר אין צערקאָוו אויפגעהאנגען, אבער זיא איז אין א מיטען העלען מיטוואָך מיט דעם גאנצען קופּעל פון קירכע הערונטערגעפלויגען און איז פערזונקען מיט פיעלע קאצאפּעס טיעף אין דער ערד. צעהנדליגע יאהרען איז דיא ווילדע גלאָקע געלעגען בעגראבען אין קרעמעלשען באדען, ביז עס איז ארויס א קייזערליכער בעפעהל זיא צוריק פון איהר טיעפען קבר ארויסגראבען. דאס האט וויעדער נעקאָסט פיעל מיה מיט צעהנדליגע טויזענדער רובעל, און היינט שטעהט, גאָט זיי דאנק, דיא גלאָקע אויף א שטיינערנעם פונדאמענט לעבען דער ריזיגער קירכע „איוואן קאָלאָקאָל" פון וואנען זיא איז ארונטערגעפלויגען. דאס שטיקעל מעש, וועלכע האט זיך פון איהר אפּגעבראכען ביי איהר הערונטערפאלען וועגט א שעהנע פּאר טויזענד פּוד; אין דער לאָך, וועלכע האט זיך אן דיא גלאָקע פון דעם אויפּברוך אויסגעבילדעט, קען אריינפאָהרען אן עקיפּאזש געשפּאנט צו צוויי פערד, און דער צינגעל, וועלכער שטעהט לעבען איהר, וועגט זיך בסך הכל א קלייניגקייט: צוויי טויזענד גלייכע פּוד און עס איז אויסגערעכענט, אז צוואנציג פערד וואָלטען בעדארפען איהם בריינגען אין בעוועגונג, אום ער זאל א קלונג טהאן.

קיין עדלערן און פיינערן בעגריף וועגען א קונסט-ווערק האבען ניט דיא קאצאפּעס. א גוטע דינגע נאדעל פון רוסישע פאבריקאציאָן, איז ניט צו בעקומען אין גאנץ רוסלאנד, א גלעקעל צו א טהורם-זייגער ווערט געבראכט פון אנדערע לענדער, אבער א גראבע מגושם'דיגע גלאָקע זיינען זיי אין שטאנד צו מאכען.

דערפאר אבער קענען דיא נעצעהלטע אויפגעקלערטע רוסען האבען א שטיקעל טרייסטונג, אז ניט בלויז ז י י ע ר ע עלטערען זיינען א מאל געווען ווילדע מענשען, נור אויך דיא עלטערען פון א פיעל קליגערע נאציאָן פאר זיי, און דאס זיינען — דיא פראנצויזען. צווישען דיא פיעלע קאנאנען, וועלכע רוסלאנד האט מיט הונדערט יאהר צוריק צוגענומען ביי נאפּאָלעאָן דעם ערשטען, ווען ער איז אנטלאָפען קוים לעבעדיג פון מאסקווא, און זיי שטעהען אויסגעשטעלט אין קרעמעל, טאקע ניט ווייט פון דער ווילדער גלאָקע, אלס אן עוויגער אנדענקען פון דיא מאסקווער פערציג גראדיגע פרעסט, וועלכע האבען גערעטעט רוסלאנד, שטעהט א גרויסער קאנאָן, וועלכער איז פערהעלטניסמעסיג ניט וועניגער ווילדער פון דיא רוסישע גלאָקע. דער קאנאָן האט א מיילכעל אין וועלכען אייניגע מענשען, ניט פון סליינעם וואוקס, קענען אין איהם אריינקריכען און ווערען אין זיין קעל פערשלונגען, וויא אין א בויך פון א בעיאהרטען וואלפיש; דיעזער קאנאָן וועגט אונבעשרייעגד

שעהנע עטליכע פוד, און איהם האט עס דער קלוגער נאַפּאָלעאָן געשלעפּט פון פּאַריז ביז מאסקווא, געשפּאַנט צו הונדערט מיט פופציג פערד, און האט זיך פערמאָסטען צו מכבד זיין דיא קאַצאַפּען־שטאָדט מיט א פראַנצויזישען באָנאַפּאַרטישען קנאַק, אז ער זאל זיך הערען אזש אין דעם אזאַטישען סיביר.···יעצט שטעהט דער שוואַרצער משונה'דיגער קאַנאָן אויף א הויכען געמויערטען טראַטואַר, און קוקט אן דעם הייליגען קרעמעל מיט דיא ווילדע קאַצאַפּעס אין דיא לאַנגע פּאָדיאָווקעס מיט דיא פערשיכור'טע געזיכטער, וועלכע קומען איהם יעדען טאג אנקוקען און זיך פרייען מיט זיין קלוגען ווירטה'ס מפלה.

און אין דיעזען קאַנאָן ליעגט שוין איבער דרייסיג שטונדען בעהאַלטען אונזער זאַכאַרין, וועלכער האט צוויי מאל געשאָסען אויף אלעקסייעוו'ן, דעם מאָסקווער גאָלאָווא, ניט איין מאל צו טרעפען אין ציעל.

ווען אברהם נאָלדבוים איז מיט זיינע געסט אראָפּגעגאַנגען פון דיא טרעפּ און איז ארויף אויפ'ן גאס, האט ער דערזעהן פאר'ן לאַנטערנע-שיין, וויא אן אָקאָלאָדאָטשני פיהרט אן אַלטען מאַן פאַרן קראַגען אין דיא בעגלייטונג פון א דוואָרניק.

— דער אונגליקליכער איד איז אריינגעפאלען אין דיא הענד פון א פּאָליצייסקען באַנדיט, — האָט איהם מאַרטין גאַנץ שטיל געזאגט — נאט אייך, הערר נאָלדבוים א צעהן־רובעלדינע און געהט וואס אם שנעלסטען איהם אויסקויפען פון דעם נאַכט־הונד, איך דענק אז דער רויטער פּאַפּירל וועט ווירקען.

און ריידענד האט ער איהם דערלאַנגט א צעהנערל, וועלכען גאָלדבוים האט צוגענומען און גלייך צוגעלאָפען צום אָקאָלאָדאטשני.

— גוטער אבענד, הערר אָקאָלאָדאָטשני, — האט גאלדבוים איהם געזאגט — וואס פאר א פערברעכען האט איהר עס פּלוצלינג אויסגעפונען אין מיין אָנקעל וואס איהר פיהרט איהם מיט אזא עהרע אין אוטשאַסטאָק?

ער האָט צום אָקאָלאָדאָטשני א שמייכעל געטהאן און איהם אריינגעשטעקט אין האַנד דעם צעהנערל.

דער אלטער איד וועלכער האט פיבעריש געציטערט מיט'ן גאַנצען קערפּער, האט אנגעקוקט נאָלדבוימען מיט א דאַנקבאַרע מינע.

— אָ, הערר גאָלדבוים — האט איהם דער אָקאָלאָדאָטשני פריינדליך געענטפערט — ענטשולדיגט מיר וואס איך האב געמאַכט זא אן אירטהום, איך האב ניט געוואוסט אז ער איז אייערער אן אָנקעל — איך מאך אייך אבער אויפמערקזאם, אז איהר זאָלט אייער אָנקעל ניט לאָזען אזוי שפּעט אין דער נאַכט זיך ארומטרייבען מיט א פּעקעל אין דיא גאַסען, איהר ווייסט דאָך אז ער האט ניט קיינע ריכטיגע דאָקומענטען····

— איך פערשפּרעך אייך, הערר אָקאָלאָדאָטשני — האט איהם גאלדבוים ליעבליך געזאגט, אז ער וועט זיך שוין אזוי שפּעט ביי נאַכט מעהר ניט ארומטרייבען.

— דאס איז נאך ווייניג — האט איהם דער אָקאָלאָדאָטשני געענטפערט — איהר מוזט איהם נוט בעהאַלטען, און ווען ניט, — קען ער דאָך לייכט ארייןפאלען און געהן מיט'ן עטאַפּ.

— איך וועל איהם שוין בעהאַלטען וויא געהעריג איז — האט גאָלדבוים געזאגט — און מאָרגען פעררייזט ער אין גאנצען פון מאסקווא.

— אויב אזוי גיעב איך אייך איהם צוריק, אבער איך מוז וויסען וואו איהר טהוט איהם אהין.

— איך וועל איהם אוועקפיהרען אין דיא שטאדט נומערען אויף ניקאָלסקאיא לעבען קרעמעל — האט איהם גאָלדבוים געענטפערט.

— טהוט מיט איהם וויא איהר פערשטעהט — האט איהם דער אָקאָלאָדאָטשני געזאגט — אבי איך זאל וויסען וואו איהם מאָרגען צו געפינען, איהר ווייסט דאָך הערר גאָלדבוים אז א צעהנערל איז נור אויף איין טאָג....

— איך וועל אייך צו יעדע צייט זאגען וואו ער געפינט זיך — האט איהם גאָלדבוים געענטפערט אנגעהמענד דעם אַלטען פאר'ן האנד.

— נעדענקט! — האט איהם דער אָקאָלאָדאָטשני געזאגט און האט ארויפגעלייגט א פינגער אויף זיין רויטהע נאָז.

גאָלדבוים האט דעם אלטען פון דעם אָקאָלאָדטשני אוועקגעפיהרט און האט איהם ארויסגעפיהרט פון זאראדיע.

— ווער איז א איד? — האט ער איהם געפרעגט נאכהער וויא מארטין און אסטראוו זיינען צו איהם צוגעגאנגען און זיי זיינען געגאנגען צוזאמען איבער „מאָסקווארעצקאיא“ געגענאיבער דיא וואנט פון קרעמעל.

דער אלטער האט איהם אין שוואכען רוסיש דערצעהלט דיא זעלבע היסטאָריע, וועלכע ער האט ניט לאנג איבערגעגעבען ביידע קאמעראדען.

— איך פיהר אייך אין א האָטעל וואו איהר וועט קענען רוהיג איין נאַכט איבערשלאָפען — האט איהם גאלדבוים געזאגט.

דער אַלטער האט זיך פערגאנדער געוויינט וויא א קינד און האט זיך מיט ביידע הענד געריסען זיינע גרויע האר פון קאָפּ.

— אָ, וואס איז מיט אייך אַלטינקער? — האבען איהם זיינע בעגלייטער איבערראשט געפרעגט.

— וואָס מיט מיר איז — האט זיי דער אַלטער מיט געוויין געענטפערט — זאָל ניט זיין מיט קיין מענשען אונטער גאָטס הימעל! איך בין אן אונגליקליכער ניעדערשלאָגענער און פערוואָגעלטער צוויי און זעכציג יעהריגער מאַן, וועלכער מוז יעצט אנטלויפען פון זיין היימאטה און זוכען א בעהעלטניס ערגעץ אין אַן אנדער לאנד פון דיא טיראנען, וועלכע פערפאָלגען מיך און ווילען מיך דערווערגען אין דיא סיבירישע פינסטערע גרובען....

— איך?.... האט מארטין זיך א ווײלע אָפּשטעלענד געריהרט און פערוואונדערט געפרעגט.

— ניט פאר פערברעכען חלילה, — האט דער אלטער תמם׳אוואַטע אַפגע־זעצט — מיין גרעסטע זינד איז וואָס איך האב געוואָלט מיינע צוויי קינדער רעטען פון אייביגען אונגליק.

— וואס האט מיט אייך פּאַסירט? — האט איהם נאלדבוים וויא אויך זיינע בעגלייטער נייגיעריג און אויפגערעגט געפרעגט.

— זאל עס מיט קיין מענשען פּאַסירען! — האט דער אלטער יאמערענד געזאגט — מיינע צוויי קינדער, דיא בעסטע און דיא ליעבסטע, זיינען פאר א פּאָ־ליטישען פערברעכען בעפאר זיי זיינען געגאנגען אין סיביר, געזעסען צוויי יאָהר אין פינסטערן קערקער; איך האב געדונגען פון יענעם אסטראג צוויי בעוואוסטע רויבער, אז זיי זאלען דיא גראטעס, וואו מיינע קינדער זיצען אונטערזעגען. זיי האָ־בען עס געטהאן, אבער מען האט זיי ביים ענדיגען זייער ארבייט דערטאפּט.... זיי האבען דערצעהלט, אז איך האב זיי אונטערגעקויפט, און מען איז געקומען מיך ארעסטירען, אָבער מיר איז געלונגען דורך א הינטער טהיר צו אנטלויפען....

דער אלטער האט זיך א קליינע ווילע אָפּגעשטעלט און האט שווער אויפ־געאטהעמט וויא מען וואלט איהם אראָפּגענומען א שווערען שטיין פון הארצען.

— נו, וויא קומט איהר דא אין מאָסקווא? — האבען איהם מארטין מיט אָסטראָוו׳ן געפרעגט.

— איך בין געקומען בעטען שטיצע פון מיין רייכען אָנקעל פּאָליאקאָוו — האט דער אלטער זיפצענד ערווידערט — אבער אזוי וויא עס איז שוין געווען אכט אוהר אָבענדס האב איך אנגסט געהאט צו איהם ארייזפאָהרען אום ער זאל דאָ־דורך ניט ליידען ביי א שלעכטען צופאל.

מארטין האט גאָלדבוימען אפּגערופען אן א זייט.

— עס איז געפעהרליך איהם אין א האטעל אוועקצופיהרען — האט ער איהם געזאגט — ער קען נאך דארט אריינפאלען צו דער פּאָליציי.

— איך דענק אויך אזוי — האט איהם גאלדבוים געענטפערט — ניט קיין כשר׳ע דאָקומענטען זיינען נאך ניט אזוי געפעהרליך, אָבער ביי אזא פאל, איז א צו גרויסע ריזיקע פאר איהם צו פערבלייבען נעכטיגען אין א האָטעל.

— אויב איהר זייט געזאָגען מיט אונז צו געהען נאך קרעמעל, — האט איהם מארטין נאך א קליינעם נאכדענקען געזאגט — האב איך א ראטה וואס מיט דעם אלטען צו טהאן. מיר וועלען איהם אוועקזעצען ביי דער וואנט פון דעם אונטער־שטען קרעמעל אין א פינסטערע אַלעע צווישען דיא געדיכטע בוימער און נאכהער וויא איהר וועט זאכארינען אוועקפיהרען אויף זאראדיע, וועל איך מיט מיין קאָמע־ראד ארומשפּאצירען מיט דעם אלטען, ביז טאג ערגעץ אונטער דער שטאָדט.

— דאס איז א גוטער פּלאן — האט גאָלדבוים איהם געענטפערט — איך האב זא וויא זא גערעכענט זאכארינען אליין אוועקפיהרען אין מיין הויז, און אויס־צומיידען א געפאהר, יעצט מוז איך עס טהאן צוליעב דעם אלטען.

זיי האבען דעם אלטען אוועקגעפיהרט אין דעם אונטערשטען קרעמעל און איהם אוועקגעזעצט ביי דער וואנט פון פעסטונג אין א פינסטערע אלעע און הינ־

סענדיג איהם זיי אפוואַרטען ביי א האלבע שטונדע, זיינען זיי פון איהם אוועקגע־גאנגען און האבען מיט ראשע טריט ארויפגעשטיגען אין דעם אויבערשטען קרעמעל, אין דער דיכטונג פון דעם גרויסען פראנצויזישען קאַנאָן, וועלכער בעהאלט אין זיין קופערנעם בויך א לעבעדיגען יונגען מענשען.

זיי האבען ניט בעמערקט, אז צוויי שווארצע פיגורען, איינער א הויכער, א שלאַנקער נעהט זיי פון דער־וויטענס נאך און א זייט און דער צווייטער פון מיטלער וואוקס, מיט א לאַנגען גרויען באָרד און פאות, נעהט זיי נאך בארג ארויף און האַפט זיך אריין אין דער גרויסער גלאָקע.

— מיר מוזען יעצט זיין בערייט אויף אלעס! — האט מארטין געזאגט גאַנץ שטיל צו אסטראווי, ווערענד זיי זיינען געהנטער צוגעגאנגען צום גרויסען קאַנאָן — שאדע, וואס מיר האבען דאָ ניט אויך איסטאָמינען, ער וואלט דערווייליגע ארומגע־קוקט קרעמעל פון אלע זייטען.

— מיר וואונדערט ווארום ער איז אהער ניט געקומען — האט איהם אסטראָוו געענטפערט — אבער איך דענק, אז ער בעדארף דא ערגעץ זיין. ער איז זעהר קלוג און געשייט און ער ווייס אין וואס פאר א געפאהר מיר שטעהן דא.

זיי האבען געהייסען גאַלדבוימען אוועקגעהן און זיך שטעלען ביי דעם ספּאַס־קען טהויער אין א ווינקעל און זיי דארט אפּוואַרטען, און אליין האבען זיי צוגע־טרעטען צום קאַנאָן.

מארטין איז ארויפגעקראכען אויפ'ן הויכען געמויערטען טראטאַאר זיך האלב־טענדיג אן דיא גרויסע קוגלען פון קאַנאָן, וועלכע ליגען איינער אויפ'ן אנדערן און בילדען אזוי א שפּיציגען בערגעל. ער האט צוגעטרעטען צום קאנאן און זיך געשטעלט אויף דיא שפּיצען פינגער.

— דוא לעבסט זאכארין? — האט ער גאַנץ שטיל געפרעגט.

אין קאנאן האט זיך געהערט א לייכטער גערויש.

— שרעק זיך ניט, ברודער! — האט מארטין ווייטער גערעדט — איך בין מארטין, און בין געקומען דיך רעטען.

— איך האב ברודער, קיינע קרעפטען ארויסצוקריכען! — האט זיך געהערט פון קאנאן א לאַנגזאמע און א שוואכע שטימע.

— מעבטיג זיך, ברודער!

אין קאנאן האט זיך ווידער געהערט א לייכטער גערויש.

— ניטא קיינע קרעפטען! — האט זיך ווידער געהערט א שטימע פון קאַ־נאָן — איין פוס איז גענצליך געלעהמט.... איך דאנקע, ברודער, איך וועל שוין דא שטארבען....

א שטראם מיט טרעהרען האט זיך אויסגעגאסען פון מארטינס אויגען.

אסטראוו איז דערווייל געשטאנען אונטען און זיך איינגעקוקט פון אלע זייטען, אבער ער האט צוליעב דיא שטארקע פינסטערניס גאר ניט געקענט זעהן.

— מעבטיג זיך, ברודער, מיט אלע קרעפטען! — האט מארטין ווייטער גערעדט — יעדע מינוט איז יעצט טהייער.

אין קאנאָן האט זיך געהערט א שטארקערער גערויש.

— ניין, ברודער, איך בין פערלאָרען! — האט זיך אבערמאלס געהערט א שוואכע שטימע פון קאנאָן — ניטא קיין כח מיט דער רעכטער פוס צו ריהרען.

— באלד! — האט מארטין ביטערליך געזאגט און איז גלייך פון טרעטאָאר אראפגעשפרונגען.

— עס האלט מיט אונזער זאכארינען גאנץ שלעכט! — האט מארטין גע־זאגט צו אסטראווין — ער בעזיצט מעהר קיינע קרעפטען פון קאנאָן ארויסצוקריכען.

— אלזא, מוזען מיר איהם פון קאנאָן ארויסשלעפען! — האט אסטראָוו ענטשלאָסען געזאגט.

— אבער וויא וועלען מיר איהם פערפיהרען ביז גאָלדבוימען און וואס וועט נעבאך דער אונגליקליכער נאלדבוים מיט איהם טהאן? — האט מארטין איהם פערצווייפעלט געפרעגט — ביי אזא פאל איז דאך דיא געפאהר הונדערט מאָל גרעסער....

אסטראוו האט זיך פערטראכט.

— טויט אדער לעבען! — האט ער נאך א קליינע פויזע געזאגט — אדער מיר שטארבען צו גלייך מיט אונזער פריינד אדער מיר וועלען איהם רעטען.

— דוא האסט רעכט אסטראוו! — האט איהם מארטין געענטפערט און ביידע פריינדע האבען ארויפגעקלעטערט צום קאנאָן; מארטין איז אין איהם ארײַנ־געקראָכען און מיט א פּאָר מינוט שפּעטער, האבען זיי געטראגען אויף דיא הענד א מענשענ־קערפער צו דער ריכטונג פון ספאסקען טהויער.

פון דער גרויסער גלאָקע איז באלד ארויסגעגאנגען יענע שווארצע פיגור און איז לאנגזאם נאכגעגאנגען ביידע קאמעראדען; אבער איידער ער האט נאך געמאכט צעהן שריט, איז איהם פון הינטען אָנגעגאנגען דער הויכער, שלאנקער פערזאָן, וועלכען מיר האבען ביים שיין פון לאנטערנע געזעהן פון דער וויטען ווען ביידע קאמעראדען זיינען ארויפגעשטיגען צום אויבערשטען קרעמעל, ער איז גאנץ שטיל צוגעגאנגען צום געהענדען שווארצען פיגור און האט איהם מיט א שווערען טומפּען געוועהר אראפּגעלאָזען דריי קלעפּ איבערן קאפּ, אז ער איז אהנע צייט צו האבען א געשריי צו טהאָן, געפאלען וויא א שווערער שטיין צום באדען. דער הויכער פערזאָן, האט דעם פאלענדען קערפער ארויפגעלייגט אויף זיינע אקסלען, ער האט איהם צוגעטראגען צום גרויסען קאנאן און ארויפגעוואָרפען אויפ'ן שטיינערנעם הוי־בען טראטאאר. ער איז באלד אויף איהם ארויפגעקראָכען און האט דעם קערפער גענומען פאר דיא פיס און האט איהם טיעף טיעף אין קאנאָן אריינגערוקט. ער איז באלד פון'ם טראטאאר אראָפּגעשפרונגען און איז גלייך פערשוואונדען אין דיא פינסטערנים.

5טעם קאפּיטעל.

## מיט צוויי בייטשען.

הענכסט אויפגערעגט איז מאדאם מאלליך וועקגעפאהרען פון'ם אבער־פאליצמייסטערס באל. איהר טאכטערס קאלטע בענעהמונג צום מאסקווער גלאָוונ

און דעם פּאַטש אין פּנים, וועלכען זיא האָט איהם געגעבען דאָמיט וואָס זיא האָט ניט געוואָלט מיט איהם טאַנצען דעם לעצטען מאַזור־טאַנץ, האָט וויא אַ דאָנער־שלאַק אויף איהר געווירקט. שטייטש אַלעקסייעוו, דער וואָס שטעהט אַם שפּיצע פון מאָסקווער אריסטאָקראַטיע און איז אַזוי בעליעבט ביי דעם געקרוינטען, האָט געלאַדען איהר טאָכטער, אַ אידישע מיידעל צום טאַנץ, און זיא האָט מיט שטאָלץ און פעראַכטונג איהם ענטזאָגט און געטאַנצט פאַר זיינע אויגען מיט אַ יונגען אָפיציערעל!

אָבוואָהל זיא האָט דיא בעליידיגונג מיט אַ גרויסע סומע פערגלעט און אָבוואָהל דער גאַלאָוואַ האָט נאָך דעם באַל העפליך געלאַדען איהר מאַן צו זיך אויף אַ פּראָפּעראַנס, וואָס דאָס ציינט דייטליך, אַז אַלעקסייעוו האָט דיא בעליי־דיגונג איהר טאָכטער פערצייהעט, — אָבער וויא וואַגט זיך אַ יונגע אָבצעהן־יעהד־ריגעס מעדכען, וועלכע וויים נעבאָך איהר קלאַג, אַז זיא איז אַ זשידאָווקאַ אויף צרות, צו ענטזאָגען אַ הויכגעשטעלטען רוסישען מאַן, אַ גאַלאָוואַ איבער דער גרעסטער שטאָדט פון רוסלאַנד פון אַזאַ קליינע ביטע?....

זיא האָט קומענדיג מיט איהר טאָכטער אַהיים מעהר קיין וואָרט צו איהר אויסגערעדט. אָבער אַנשטאָט דעם, האָט זיא אין איהר הויז קיין זאַך אין אָרדנונג ניט געפונען און זיא האָט וויטהענד וויא אַ טיגערין געליאַרמט אויף איהרע בעדיענטע, אַז זיי זיינען טויגעניכטסען און פערנאַכלעסיגען דיא הויז, אַז זיי וויסען מעהר ניט, נור עסען, טרינקען און שלאָפען און אָפּנעהמען צום מאָנאָט זעהר געהאַלט.

— באַלד וויא מיין מאַן קומט מאָרגען פריה אַהיים — האָט דיא אויפגע־רעגטע ווירטהין ניט מיט איהר קול געקוויטשעט — טרייב איך אייך אַלע אַרויס וויא דיא הינד! צום טייפעל וועט איהר אַלע געהן פּאַניצעס, טויגעניכטסען!

איהרע פערשלאָפענע לאַקייעס און דיענסט־מיידלאַך, זיינען פאַר איהר גע־שטאַנען אויף דיא שפּיצען פינגער מיט אָפענע מיילער און ניט אויסגערעדט איין וואָרט.

— וואָס שטעהט איהר וויא דיא סלופּעס? — האָט זיא אָבערמאָלס אויף זיי געליאַרעמט — האָט איהר שוין דען ניט וואָס צו טהאָן?

דיא בעדיענטע האָבען זיך איינציגוויים פון איהר אוועקגעגנבעט, געהענדיג הינטער־זיך.

דיא מאַדאַם איז צאָרניג אַריינגעלאָפען אין איהר דייב־מעבלירטען שלאָפ־צימער. זיא האָט אָפּגעשפּיעלעט אונגעדולדיג פון איהר בוזים דיא פּיעלע בריליאַנ־טענע שמוק, וועלכע האָבען פערבלישצעט דעם גאַנצען צימער, איהר קאַמער־מעדכען האָט פון איהר אַראָפּגעצויגען דיא טהייערע זיידענע באַל־קליידער, זיא האָט זיך רעספּעקטפאַל פאַר איהר פערנייגט און איז באַלד אַרויסגעגאַנגען.

— אָ, אָ, איז אונזער זשיראָווקאַ היינט אַביסעל אין כעס! — האָט שטיל געזאָגט דער אָבער־הויז־דיענער צום לאַקיי, וועלכער האָט שוין דיא אונטערשטע

טהיר צוגעשלאָסען און איז אריין צו איהם אין צימער — זיא האט דארט, ווי איך פערשטעה, געכאפט א גוטע מפּלה....

— אומעדום זיינען דיא זשידעס פול! — האט דער לאַקיי איהם ערוויעדערט. איך פערשטעה גאר ניט, וויא קומט א זשיד צום אבער-פּאָליצמייסטער! מיר רוסען ציטערן פאר אן איינפאכען אקאָלאָדאטשני, און דיא זשידעס געהן צום אָבער-פּאָליצמייסטער אויף בעלער!

— האסטו געהערט, איוואנושקא — האט איהם דער הויז-דיענער געזאגט — וויא דיא זשידאווקא האט געזאגט, אז מארגען פריה טרייבט זיא אונז אלע ארויס?

— וועגען דעם וויל איך טאקי, סטעפּאנקע, מיט דיר זיך דורכריידען — האט איהם דער לאַקיי געענטפערט.

— וואס איז דאָ פאראן צו ריידען? אז זיא וועט אונז הייסען געהן, וועלען מיר מוזען געהן.

— וויא איך זעה, סטעפּאנקע, — האט איהם איוואנושקא געזאגט — האסט דוא ניט קיין שפּיצינע קעפּעל? וויא הייסט עס מיר זאלען ווארטען ביז מען וועט אונז הייסען געהן?

— איך פערשטעה דיך ניט, איוואנושקא, — האט איהם סטעפּאנקע פער-וואונדערט געענטפערט — זיינען מיר דען מחויב אוועקצוגעהן פריהער וויא מען הייסט אונז?

— דארום האב איך דיר סטעפּאנקע, געזאגט, אז דוא האסט ניט קיין שפּיצינע קעפּעל! — האט איהם איוואנקע מיט א שמייכעל ערוויעדערט — וויא פערשטעהסט דוא ניט, אז דער וואס געהט אוועק איידער מען הייסט, געהט ער ניט אוועק מיט ליידיגען?

— דוא ביסט קלוג, צו אלע שווארץ יאהר, וויא א טייפעל! — האט איהם סטעפּאנקא א קלאפּטהאנדיג אין זיין רויטען קערנעל געזאגט — אבער פאר א גע-שלאָגענעם הונד טאר מען ניט ווייזען קיין שטעקען.... ווייסט דוא, אז איך בין שוין פאר אזא מעשה, וואס-איך בין ניט אוועק מיט ליידיגען, איינינע יאהר פער-שווארצט געוואָרען?

— דאס איז אלץ סטעפּאנקע, ווייל דוא האסט א גלאטע קעפּעל! — האט איהם איוואנקע שמייכלענד געזאגט — א מענשען אבער וואס זיין קעפּעל איז שפּיציג, קען מען קיין מאָל חאפּען.

— און דוא איוואנקע ביזט אויך פון דיא דאָזיגע מענשלאך?

— איך האב שוין אמאל פיעל אן ערגערע זאך אלס גנבענען אפּגעטהאן — האט איהם איוואנקע שטאָלץ געזאגט — דאך געה איך ארום פריי וויא גאט אין פראנקרייך.

— נאך אן ערגערע זאך אלס גנבענען? — האט איהם סטעפּאנקע פערוואונ-דערט געפרעגט — וואס האסט דוא אזוינס געטהאן?

— דאס איז שוין מיר צו וויסען! — האט איוואנקע איהם געענטפערט.

— און וויא אזוי האט מען דיך ניט אויסגעפונען? דיין פאספארט רוכט זיך איז דאך אין אוטשאסטאק געמעלדעט.

— א פאספארט אין רוסלאנד איז אויך א דאגה? — האט איוואנקע לאכענד געזאגט — פאר א צעהן רובילדיגע בעקומט מען צוויי פאר איין מאל!

סטעפאנקא האט זיך געקראצט פאר דער פאטילניצע.

— הער נור סטעפאנקע! — האט איהם איוואנקע נאך א קליינע פויזע געזאגט — ווילסט דוא פון דיא זשידעס אוועקגעהן איידער מען שיקט דיך אוועק?

— איך האב זיך אבער מורא....

— אויף מיין אחריות סטעפאנקע! מיר וועלעןביידע אוועקפאהרען נאך טיפליס און מיר וועלען האבען גאר אנדערע נעמען....

— אבער וואס וועלען מיר דא צולאטחענען?

וואס? דיא ציערונג.... היינט איז דאצו דיא בעססע געלעגענהייט.... פערשטעהסט דוא מיך?

— דאס איז א צושווערע סומע, ברודער.

— חא, חא, חא! א חסרון, דיא כלה איז צו שעהן!

— מיר קענען מיט אזא שווערען פערמעגען גאנץ לייכט אריינפאלען.... ווייסט דוא וויפיעל איהרע שמוק זיינען ווערטה?

— וואס זיי זיינען טהייערער איז דעסטא בעסער, ווייסט דוא ניט סטעפאנקע, אז צוויי איז מעהר פאר איינס?

— אבער וואו וועלען מיר אזא שאץ דיא ערשטע צייט בעהאלטען, און וואו וועלען מיר זיך אליין אהינטהאן?

— איך האב פאר אלעמען א פלאץ, בעזאנדערס האב איך אויסגעפונען פאר דיא דיאמאנטען אזא בעהעלטניס לאך, וואס קיין טייפעל וועט ניט איינפאלען זיי דארט צו זוכען.

— אדרבא, זאג מיר איוואנושקא קרוין.

— אז מיר וועלען דיא זאך אפטהאן, וועל איך דיר זאגען. קום לאמיר געהן, וועלען מיר חאטש וויסען, אז עס איז כדאי געוועזן צו דיענען ביי זשידעס.... זיא שלאפט שוין געווים וויא א געהרג'עטע.

— ניין איוואנקע, איך וויל פריהער וויסען וואוהין מיר וועלען דעם שאץ פארלויפיג פערשטעקען.

— האפ זיך סטעפאנקע פארן קאפ — האט איהם איוואנקע מיט א שטאל־צען שמייכעל געזאגט — איך האב פאר'ן שאץ א בעהעלטניס, וואס דעם טייפעל אליין קען עס ניט איינפאלען; אז איך וועל דיר דאס זאגען, ווייס איך אז דוא וועסט אליין געשטעהן, אז מיט איוואנקען איז גוט צו האנדלען, וויל ער האט שארפע איינפעלע.

— נו, זאג־זשע, שוין איוואנקע, וואו איז דיין בעהעלטניס־פלאץ?

— אין גרויסען קאנאז, וואס שטעהט אין'ם קרעמעל!

— דוא ביזט ניט איוואַנקע, נאר דער טייפעל אליין! — האט איהם סטעפאנקע ענטציקט געזאגט — אָ, ברודער, דיא זאך איז אפּגעמאכט, אָבער זאג=ושע מיר שוין, וואו וועלען מיר זיך דערווייל אליין בעהאלטען?

— ביי טימאָפּייען אין׳ם טראַקטיר! דאס איז אין פּרעאבראַזשענסק ביי מאָסקווא, דארט איז א גוטער ערטעל וואס דוא מענסט זיך שוין פערלאָזען!

און מיט א שטונדע שפּעטער, זיינען ביידע פריינדע, איוואַנקע מיט סטעפאנקען, געשטאַנען אין „קרעמעל״ לעבען אונזער בעקאנטען גרויסען קאַנאָן. איוואַנקע איז ארויפגעקראָכען אויפ׳ן געמויערטען טרעטאָאר און נאכהער וויא ער האט א קליין פּעקעל אין קאַנאָן אריינגעוואָרפען, איז ער איילענד מיט סטעפאַנען אוועקגעגאַנגען.

— — — — — — — — — — — — —

דריי שטארקע קלינגע אין דעם רייכען מאַלליד׳ס טהיר־גלאָקע אום פינף אוהר מאָרגענס, האבען אויפגעוועקט אלע זיינע הויז=בעדיענטע פון זייער שלאָף. עס האט זיך באַלד ארויסגעחאפּט דער אונטער=לאַקיי פון זיין צימער, אונטער דיא מראַמאָרנע טרעפּ, און איז צוגעלאָפען צום פראָנט טהיר. ער האט איהר געוואָלט עפענען, אָבער ער האט ניט געפונען אין איהר דעם שליעסעל, ער איז באַלד ארויפגעלאָפען אויפ׳ן אויבערשטען שטאק און האט שטארק געקלאפט אין׳ם צימער פון דעם אבער=הויז דיענער סטעפאַן, וואו ער האט געוואוסט, אז דער הויפט=לאַקיי קומט אפּט אריין, אבער קיינער האט איהם דיא טהיר געעפענט. דערווייל האט דיא טהיר=גלאָקע זיך פערנאנדער געקלונגען נאר אהן אן אויפהער, אז דיא ווירטהין, מאַדאַם מאַלליך אליין, האט זיך מיט שרעקען ערוואכט. זיא איז צוגעלאָפען צו דער טהיר פון איהר שלאָף־צימער און האט געוואלט אריינלויפען אין זאל, אָבער דיא טהיר איז געווען פון אויסווענינ צוגעשלאסען. זיא האט שטארק אנגעהויבען צו קלאפען און שרייען אויף דיא אויבערשטע טענער, אבער דער גערודער פון דיא בעדיענטע אין שטוב און דיא קלינגע פון דער טהיר=גלאָקע, האבען איהר שטימע פערהילכט. זיא איז געווארען שטארק דערשראקען און האט אנגעפאנגען צו שרייען אום הילפע צו דיא גאַס=וועכטער דורך אן אפענעם פענסטער. עס האט זיך באַלד דערהערט א פּאָליצייסקער פייף און איינינע אקאָלאָדאטשניקעס מיט א פּריסטאוו האבען אויפגעבראָכען דיא פראָנט=טהיר און אריינגעלאָפען אין הויז. אלע הויזבעדיענטע האבען זיך אזוי דערשראָקען, אז זיי האבען ניט געוואוסט איינער פון׳ם אנדערן. זיי זיינען ארומגעלאָפען פון צימער צו צימער און געזוכט מיט ווילדע בליקען עפּעס א רויך אדער א פייער. איין אקאלאדאטשניק האט דערהערט פון א זייטיגען צימער א שטארקען קלאפּען מיט א ווילדען געשריי. ער האט באַלד מיט זיינע קאמעראדען דיא טהיר אויפגעבראָכען, פון וועלכע עס איז ארויס דיא ערבלאסטע מאַדאַם מאַלליך מיט א קוויטשענדען געשריי, אז מען האט איהר בעננבעט, עס פעהלען פון איהר שראנק פאר פופציג טויזענד רובעל ציהרונג. דיא פּאָליצייסקע האבען זיך גענומען ארומקוקען דיא הויז און דערווייל איז אריין אין צימער א פרעמדער פערזאָן און האט שווער אויפאטהעמדיג אויסגעשריען:

— וואס אם שנעלסטען, מאדאם מאלליך, צום גאַלאָווא אלעקסעיעת!

— אָ, וואס האט פּאסירט? — האט דיא מאדאם אויסער זיך אויסגעשריען.

— מאדאם, וואָס גיבער!

— אָ, וואו איז מיין מאן? וואָ־אָ־ס האט געטראפען? — האט דיא פּרוי שטאמלענד געשריען.

— גאָר ניט מאדאם, ער לעבט....

— געוואלד! וואס האט פּאסירט אזוינס?

— פערוויילט ניט מאדאם, איהר וועט באלד אלעס ערפאהרען....

— ניין! — האט דיא מאדאם ווילד געשריען — איהר מוזט מיר באלד זאגען וואס איז פאָרגעקומען?

— קיין געפאהר מאדאם, אויף מייןווארט, קיין געפאהר, ער איז לייכט פערוואונדעט איןביידע הענד.

— וו־ווער?.... פאר וו־וואס?.... אה, וואס פּייניגט איהר מיך?....

— קיין בייז זאל ניט זיין, ער וועט מיט גאטס הילף נאך היינט געזונד ווערען.

— אָ גאָט! — האט דיא מאדאם איסטעריש א קוויטש געטהאן זיך אָנבא־פּענדיג מיט ביידע הענד צום טיש.

— ניש־קשה מאדאם, איהר האט זיך ניט וואס צו שרעקען, הענד וואס גיעבען אזעלכע גרויסע נדבות פאר דיא הייליגע קירכעס, וועלען קונלען פון א רע־וואָלווער ניט שאדען. דער זכות פון דער הייליגער מאמען מיט'ן זוהן וועלען איהם ביישטעהען!

מאדאם מאלליך האט עפּעס יעצט ביי דיא לעצטע ווערטער געפיהלט אזא שוידער אין דיא ביינער, אזא קלעמונג אין הארצען, אז דער קאָפּ האט זיך איהר אָנגעהויבען צו דרעהען וויא א ראָד פון א לאָקאָמאָטיוו, אין דיא אויגען איז איהר געוואָרען פינסטער און זיא איז געפאלען וויא א שווערער שטיין אין אהנמאכט צום באדען.

מיט דיא הילפע פון איהרע פיעלע בעדיענטע, איז דיא מאדאם צוריק צו זיך געקומען, און מיט א האלבע שטונדע שפּעטער, איז זיא געשטאנען פאר איהר מאנס בעט ביי דעם מאָסקווער גאַלאָווא אלעקסעיעוו אין א צימער.

6טעס קאפּיטעל.

## אויפ'ן שוועל פון אונגליק.

אין איינע פון דיא ווייטע מאָסקווער הינטער־גאסען אויף „פּאָקראָווקא״ שטעהט א שעהנע צוויי־שטאָקיגע הויז מיט צעהן רייכפערפּוצטע פענסטער צום גאס. ביידע צוויי שטאק בעוואוינט דיא בעוואוסטע וויטווע (אלמנה), גרעפין מאריא אנדריאַאווא, וועלכע בעזיצט זעהר א שעהנעם נאמען אין דער אריסטאָ־קראטישער געזעלשאפט. זיא האט צוויי ערוואקסענע קינדער, א זוהן מיט א טאָכ־טער, וועלכע זיינען ביי איהר געבאָרען געוואָרען א צווילינג מיט צוואנציג יאהר צוריק. גרעפין מאריא איז ביי אונזער ערצעהלונג אכט און דרייסיג יאהר אלט און איז נאך א בילד שעהנהייט פון דיא זעלטענהייטען אין מאסקווא. איהרע קינדער

פאוועל און ליזא, זיינען עהנליך אין איהר וויא צוויי טראפּען וואסער און זיינען בעוואוסט פאר זעלטענע שעהנהייטען און בראווע גוטהערציגע יונגע מענשען. גרעפין מאריא אנדריאנאָווא איז אליין געבאָרען אין פעטערבורג ביי א רייכען גע־נעראל פון זעהר אן אריסטאקראטישע רוסישע פאמיליע און האט געהייראטהעט א געוויסען יונגען גראף אנדריאנאָוו, וועלכער איז צוויי יאהר נאך זיין הייראטה ערשאָסען געוואָרען אויף א דועל אונטער פעטערבורג, אזוי איז געווען דייטליך פערצייכענט אין זיין נאטיץ־ביכעל, וועלכען מען האט ביי איהם געפונען; אָבער קיינער ווייס ניט מיט וועמען ער האט דועלירט, ווייל אין'ם ביכעל איז עס ניט געשריעבען׃ עס האט דאמאלס מיט דיעזען פאל געקלונגען גאנץ פעטערבורג, און דיא ערצטע, וועלכע האבען זיין טוידטען קערפער אונטערזוכט, האבען בעהויפּטעט אז זיין געגנער האט איהם איינפאך ערמאָרדעט, ווייל זיי האבען צוויי קוילען געפונען אין זיין רוקען, וואס דאס צייגט דייטליך, אז דער שורקע האט איהם זאוף א דועל פערנארט, מיט דעם אבזיכט איהם צו ערמאָרדען, וואו קיינער וועט ניט זעהן און הערען.... גרעפין אנדריאנאָוו, האט דאמאלס געהאט א פערדאכט אויף א יונגען מאן אז ער האט דעם מאָרד בעגאנגען; אבער געהיימע אומשטענדע און איבערהויפּט וויל דאס וואר שווער אויפצו־ווייזען, האבען איהר אפּגעהאלטען, אז זיא זאל איהר פערדאכט ניט פערעפענטליכען.

דיא יונגע וויטווע אנדריאנאָווא, האט פון דאמאלס אן ניט געהייראטהעט און ניט אויפגעהערט צוטרויערן נאך איהר פערשטאָרבענעם מאן. זיא איז דיא ערשטע צייט געוואָרען שטארק מעלאנכאָליש און האט אלע מאל אין איסטערישען צושטאנד געשריען וועגען ראכע, און אויסגעפּלוידערט וויא א וואהנזיניגע אונפער־שטענדליכע ווערטער. אבער מיט דער צייט, איז זיא צו זיך געקומען און אין צוויי יאהר ארום נאך איהר מאנס טוידט האט זיא, צוליעב אן אונבעוואוסטע פאר איהרע אלע בעקאַנטע אורזאכע זיך בעזעצט אין מאסקווא, וואו זיא וואוינט ביז היינטיגען טאג.

— אָ, וויא פערשלאָפען דוא ביזט, מיין קינד — האט דיא גרעפין מאריא געזאגט צו איהר זוהן פאוועל, זיצענדיג מיט איהם צעהן אוהר מאָרגענס ביי א רוישענדען סאמאָוואר — דוא האסט וואהרשיינליך פאָריגע נאכט גאנץ שפעט געשפּאצירט, אָבער וואס האט דיר זיך פערוואלט אזוי פריה אויפצושטעהן?

— דער שפּאציר, מוטער, איז מיר געווען זעהר אנגענעהם — האט איהר פאוועל מיט א פערבאָרגענע אויפרעגונג ערוויעדערט — אונזער פערד האט דער קיביטקע געטראָגען וויא אין דער לופטען און אזא שפּאציער האב איך ליעב. אבער נאכהער עפּעס האב איך דיא גאנצע נאכט ניט געקענט איינשלאָפען, דער געדאנקען אז זאכארין איז אין געפאהר, האט מיר גאר ניט געלאזט רוהען, איך האב מיך דאריבער געאיילט אויפצושטעהן, ווייל איך וויל געהן זיך ערקונדיגען וואס איז מיט איהם היינטיגע נאכט געוואָרען.

— איך דענק — האט דיא גרעפין טרויעריג געזאגט — אז זיי האבען איהם שוין פון'ם קאנאן ארויסגעקריגען און איך גלויב, אז איינער פון זיי וועט באלד דא־ריבער אהער קומען.

— דארום עבען, ווייל קיינער פון זיי איז נאך ביז יעצט אהער ניט געקומען, וויל איך געהן געוואר ווערען וואס עס הערט זיך.

דיא גרעפין האט זיך פערטראכט און א שטארקער זיפץ האט זיך פון איהר הערץ אויסגעבראכען.

— זיפץ ניט מוטער! — האט פאוועל מיט א פעסטען טאן איהר געזאגט— דער לומפּ וועט ניט לעבען!

— אבער ניט דורך דיין האנד מיין קינד, בעדארף ער שטארבען — האט איהם דיא מוטער ביטערליך געזאגט.

— ווער דען זאל אונזער קריוודע דערגעהן, אז ניט איך? — האט פאוועל אויפגערעגט אויסגעשריען — דיינע עלטערן, וועלכע ער האט אמאל פעראונגליקט? דיין ברודער וועלכען ער האט פערשיקט אין סיביר? זיי זיינען צו-ווייט פון איהם....

— דוא זעהסט דאך, מיין קינד, אז עס האט זיך געפונען אן אנדערער — האט איהם דיא מוטער בעטריבט ערווידערט — אבער דוא מיין קינד טארסט עס ניט טהאן....

— איך טאר ניט? אָ, מוטער איך פערשטעה דיך ניט....

— ווייל איך דיין מוטער הייס דיר ניט אין א מוטער מוז מען פאָלגען!....

— אוים וועלכע גרינדע, מוטער? — האט פאוועל העכסט אויפגערעגט איהר געפרעגט.

— פרעג זיך ניט מיין קינד, אוים וועלכע גרינדע! איך, צארטע שוואכע פרוי, וועל ביי א געלעגענהייט דעם שורקע טוידטען וויא א הונד, אָבער דוא, זאלסט אויף איהם קיין האנד הייבען!

פאוועל האט זיך שטארק פערטראכט.

— דוא צווינגסט מיך מוטער, — האט איהר פאוועל נאך א לאנגען שטיל-שווייגען געזאגט — דוא צווינגסט מיך זיך צו פערטראכטען אין דיינע ווערטער און איבערקלערען זאנדערבארקייטען, וועלכע קענען מיך דערפיהרען צו וואהנזין....

— ניין, מיין קינד, גאר איינפאך, איך וויל ניט:

— אבער מיינע געפיהלע מוטער, מיינע געפיהלע פאר אונזער עהרע, פאר דיא עהרע פון מיין שוועסטער!....

— איך בין מעהר עמפּפינדליך פאר דיר מיין קינד, אבער מען מוז דולדען און ווארטען ביז א צייט.... זיי זיכער, אז דער לומפּ וועט מיט זיין טוידט ניט שטארבען, עס וועלען זיך שוין געפינען מענשען....

— עס איז שווער מוטער, צו ווארטען....

— מיר איז נאך שווערער — האט איהם דיא מוטער אבווישענד א פּאר טרערען פון איהרע הימעל-בלויע אויגען ערווידערט — מיר איז נאך שווערער, ווייל איך ווייס פיעל מעהר אלס דוא, וואס דער שורקע האט מיר געטהאן — דאך ווארט איך....

פאוועל האט איהר געוואלט ענטפערן, אבער אין יענער ווייל איז פון א

פערמאכטען צימער ארויסגעגאנגען א בילד שעהנעס מעדכען אין א מארגען-קלייד מיט א צייטונג אין האנד.

— גוטען מארגען מוטער, גוטען מארגען ברודער! — האט זיא זיי זאנפט מיט א וואהלקינגענדע שטימע געזאגט און האט זיי ביידען געקושט.

זיא האט זיך באלד געזעצט אויף א שטוהל און האט אויסגעשריען:

— טרעפט, מיינע טהייערע, וואס פאר א נייעס איך האב אין צייטונג געפונען? פאוועל האט אונגווילענד א ציטער געטהאן.

— אויב עפעס גוטעס, לעז פאר! — האט איהר דיא מוטער ליעבליך געזאגט.

דאס מעדכען האט אריינגעקוקט אין בלאט און געלעזען פאלגענדעס:

„פון דיא זשידעס אין מאסקווא איז שוין גאר ניט אויסצוהאלטען, אומעדום שטעקען זיי זיך, אומעדום קריכען זיי וויא דיא טאראקאנעס (קאקארוטשעס), זאגאר אין דיא גרעססטע הייזער, אויף בעלער און מאסקאראדען ביי גראפען און פירסטען און ביי קייזערליכע בעאמטע, זיינען זיי שוין אויך דא; עס איז פון זיי גאר ניט פטור צו ווערען, א נס וואס זיי געפינען זיך שוין ניט אויך אין'ם קייזערליכען הויף! נעכטען ביי נאכט צום ביישפיעל, איז געוועזען א באל ביי מאסקווער אבער־פאליצמייסטער, גענעראל-מאיאר קאזלאוו, אבער דארט זיינען אויך געוועזען דיא זשידעס. איינער פון זיי א געוויסער פאדריאדטשיק מ.... וואס זיין ווייב איז געוועזען בעדעקט מיט דיאמאנטען און בריליאנטען, האט זיך געוואלט צוחנפענען צו אונזער וויררדיגען הויכגעשעצטען מאסקווער גאלאווא אלעקסעיעוו, געווים עפעס וועגען א געשעפטעל.... און האט פארגעליינט דעם גאלאווא, איהם צו בעגלייטען אין זיין עקיפאזש נאך הויזע, וואו עס איז אויך מיטגעפאהרען אונזער הויכגעשעצטער גענעראל איסטאמין, דער אופראוויליאיושצע (קלערק) פון גענעראל־גובערנאטארס קאנצעליאריע. אבער אויפ'ן מיט'ן וועג איז אנגעפאהרען א דראשקע מיט צוויי פאסאזשירען, וועלכע האבען געווים שוין לאנג געלויערט אויפ'ן פאדריאדטשיק מ.... און דערזעהענדיג איהם אין'ם עקיפאזש, האבען זיי דריי מאל אויף איהם אפגעפייערט א רעוואלוואלווער און האבען איהם פערלעצט אין ביידע הענד, איין קוגעל אבער האט לייכט פערוואונדעט אונזער גענעראל איסטאמינען. היינט שטעלט אייך פאר, אז צוליעב א אידען, וועלכען מען האט געוואלט געווים דערשיסען פאר בעטרוג און שווינדעל, האבען לייכט געקענט געהרגעט ווערען אונזערע צוויי גרויסע מענער, מיט וועלכע גאנץ מאסקווא שטאלצירט און ריהמט זיך!.... אט אזוי זיינען דאס דיא זשידעס אומעדום פול. זאלען זיך אבער איינינע פון זיי ניט איינריידען, אז מיר אכטען זיי צוליעב זייערע נדבות וואס זיי האבען דיא לעצטע צייט אנגעהויבען צו געבען אויף פראוואסלאווגע צערקוועס. מיר פערשטעהן דיא אלע חניפות און עס וואלט געוועזען מעהר וויא רעכט פון אונזערע גייסטליכע און הייליגען סינאד, אז זיי זאלען איין מאל פאר אלע מאל ארויסגעבען א געזעץ, אז פון זשידעס טאר אונזער הייליגע פראוואסלאוויע ניט נעהמען קיין נדבה אדער וועלכען געשענק. מיר ליינען עס פאר אונזער הויכגעשטעלטען מיניסטער און אבער־פראקוראר פון דעם הייליגען סינאד הערר פאביעדאנאסצעווין....

פאסטוחאוו.

— דאס איז שרעקליך! דאס איז שוידערהאפט! — האט דער יונגער פאוועל צאָרניג אויסגעשריען — אידען זיינען שולדיג, אז יעמאנד האט געוואלט דעם לומפ אלעקסעיעוו דערשיסען!

— פון וואנען ווייסט דוא — האט איהם זיין שוועסטער ליזא געפרעגט ווארפענד אויף איהם א פאָרשענדען בליק — פון וואנען ווייסט דוא, אז אויף דיעזען מאל, האט מען אויף אלעקסעיעוו׳ן געציעלט?

— ווייל איך בין געווען דער שיסער! — האט פאוועל קאלט און רוהיג געענטפערט.

— אָ, גאט! — האט דיא מוטער פערברעכענד מיט דיא הענד אויסגעשריען.

— זיי ניט מוטער, אזוי איבערראשט! — האט איהר פאוועל מיט א פעסטען טאָן געזאגט — איך האב געטהאן וואס יעדער געפיהלפאָלער מענש בעדארף טהאָן פאר דיא עהרע פון זיין עהרליכער שוועכטער....

דיא מוטער האט ניט געענטפערט, זיא האט זיך אין א ווײלע ארום פון איהר שטוהל אויפגעהויבען און איז אריינגעגאנגען אין איהר צימער. זיא האט זיך א ווארף געטהאן אויף דיא קניע און אויפגעהויבען איהרע קליינע צארטע הענד צום הימעל.

— אָ, גאָט! — האט זיא וויינענד שטיל געשעפצעט — פערצייהע דאס אונשולדיגעס קינד פאר זיין פערברעכען! ער איז קייש און הייליג וויא אן ענגעל. ער וויל טוידטען א שלאנג און וויס ניט, אז דער שלאנג איז זיין פאטער!.... אָ, וויא דום, וויא נארריש איך בין אמאל געווען, אז איך האב מיך געלאָזט פערפיהרען פון א ניעדערטרעכטיגען בעטריגער! איך אליין האב אויף דער וועלט געבראכט אן עהרליך אונשולדיגעס קינד, וועלכער וויל בעפלעקען זיינע ריינע הענד אין זיין טיראַנישען פאָטערס בלוט!.... אָ, גרויסער גאָט, דוא ווייסט דאך אבער וויא אונשולדיג איך בין אריינגעפאלען אין זיין נעץ! ער האט דאך מיך ווירקליך פערפיהרט.... ער האט זיך אונטערנומען צו רעטען מיין ברודער פון סיביר, און איך, יונגעס קינד, האב ניט געוואוסט, אז ער אליין האט איהם אין אונגליק געוואָרפען מיט דעם אבזיכט מיך צו פערפיהרען!.... אָ, ווארום האט מיך דיעזער מערדער זא שרעקליך בעהאנדעלט?.... ער האט דאך אויף מיין מאן ערמאָרדעט.... איך וויים עס וויא יעצט איז טאג אויף דער וועלט....

א קלונג אין דיא טהיר גלאָקע האט איהר פלוצלינג איבערראשט. זיא האט זיך פון׳ם באדען אויפגעהויבען און נאכהער וויא זיא האט איהר פערוויינטעס געזיכט אבגעוואשען, איז זיא אריינגעגאנגען אין איהר עמפפאנג צימער.

— א מאן, גרעפין, ווינשט אייך צו זעהן — האט דער דיענער איהר געמעלדעט — ער הייסט סערגעי פאטאָמקין.

— סערגעי פאטאמקין? — האט דיא גרעפין וויעדערהאָלט — אזא נאָמען איז מיר גאר אונבעקאַנט.

— ער איז זעהר רייך געקליידעט און זעהט אויס צו זיין אן אנשטענדיגער מענש — האט דער דיענער פאָרטגעזעצט — ער האט זיך גענומען צום בוזים-טאש

און האט אייך געוואלט אריינשיקען א וויזיט-קארטע, אָבער ער האט מיר געזאגט, אז ער האט דיא קארטען פערגעסען צו הויזע.

— הייס איהם אריינגעהן — האט דיא ווירטהין איהם בעפאָהלען.

עס איז אריין אין איהר קאבינעט א הויכער עלעגאנט געקליידעטער מאן פון א יאהר אכט און דרייסיג מיט א שעהן געזיכט און מיט א לאנגען שווארצען באָרד און האט זיך פערנייגט.

— מיט וואס האב איך, אונבעקאנטער גאסט, אייער בעזוך צו פטרדאנקען? האט דיא גרעפין מיט איהר געוועהנליך פריינדליכער מינע איהם געפרעגט.

— איך בין אייערער א ווייטער אנפערוואנדטער — האט איהר דער גאסט פריינדליך געזאגט — און דערצו האב איך אייך נאך געבראכט א גרוס פון אייערן א גאנץ נאהענטע פערזאן.

— פון מיינעם א גאנץ נאהנטע פערזאָן? אָ, זייט מיר ווילקאָמען אנגע-נעהמער גאסט, ביטע זעצט אייך אוועק.

דער גאסט האט זיך נאך א העפליכען פערנייגען אוועקגעזעצט.

— דער מאן, וועלכער האט מיר דעם גרוס צו אייך איבערגעגעבען — האט דער גאסט פאָרטגעזעצט — הייסט אנטאָן מאראזאָוו!

דיא גרעפין איז אויפגעשפרונגען און האט א פאטש געטהאן מיטביידע הענד פאר פרייד.

— אלזאָ, האט איהר מיר געבראכט א גרוס פון מיין ברודער! — האט זיא אויסער זיך פאר איבערראשונג אויסגעשריען — פון מיין טהייערן איינציגען ברודער, וואס פוילט אָפּ זיינע יאָהרען אין אירקוטסק! אָ, וויא גליקליך איך שעץ מיך אין דיעזען מאָמענט, אז איך רייד מיט א מאן, וועלכער קען מיין ברודער פערזענליך!

— איך האב געוואוסט, גרעפין, אז דאס וועט אייך איבערראשען — האט דער גאסט מיט א פריינדליכען שמייכעל איהר געזאגט — איהר האט דאך שוין אייער טהייערן ברודער ניט געזעהן מעהר אלס צוואנציג יאָהר.

— אָ, שוין מעהר אלס צוואנציג פינסטערע יאהר! — האט דיא גרעפין מיט א זיפץ געזאגט און איהר פרעהליך געזיכט האט פלוצלינג אנגענומען א טרויעריגע מינע — אָ, וויא געהט עס איהם? וואס מאכט ער?

— ער איז גאט זיי דאנק געזונד און מונטער און ער גריסט הערצליך אייערע קינדער.

— האט ער אייך גאר קיין בריעף צו אונז ניט מיטגעגעבען?

— אט דאס וואלט נאך פאסען! — האט דער גאסט היימיש אויסגעשריען און האט באלד ארויסגעצויגען פון זיין בוזים-טאש א פערמאכטען קאָנווערט און איבערגעגעבען דער גרעפין.

זיא האט שנעל דעם קאָנווערט אויפגעמאכט און האט דעם בריעף מיט דיא אויגען דורכגעלאָפען.

— אָ, גאָט! — האט ייא איבערראשט אויסגעשריען — זייט איהר עס הערר פאָטאמקין, מיין ברודערס שוואָגער? זייט איהר עס זיין ווייבס ברודער, וועלכען

מיין טהייערער ליעבער ברודער, האט איינינע מאל אין זיינע בריעפע אזוי פיעל געריהמט אין פערגנעטערט!.... זיים איהר עס דער וואס האט אזוי פיעל געליטען פון דיא סיבירישע טיראניי?

דיא גרעפין האט פלוצלינג עפעס וויא זיך פערטראכט.

— אָ, גרעפין, דאס בין איך דער אונגליקליכער! — האט איהר דער גאסט מיט א זיפץ ערוויעדערט — אבער וואונדערט אייך ניט וואָס איך טראג ניט היער מיין ריכטיגען נאָמען „וואסילי פעטראָוו“, איך מוז הייסען „סערגעי פאטאמקין“ צוליעב א געוויסען ציעל....

— מיין ברודער רופט אייך אין זיין בריעף אויך מיט דעם זעלבען נאמען — האט דיא גרעפין מיט א טרויעריגען טאָן איהם געזאגט — אָ, וואָס מאכט איהר עדלער מענש? וויא איך זעה, האט איך סיביר מיט זיינע ווילדע מענשען ניט געשמעקט....

— נאך וויא ניט געשמעקט?! — האט דער גאסט זיפצענד געזאגט — שוין צוועלף חשך'דיגע יאהר אז איך שמאכטע דאָרט צווישען ווילדע טהיערע; פיער יאהר האב איך מיט מיין טהייערע שוועסטער געארבייטעט אין דיא אונטעראירדישע סאבאלינער מינען, דיא איבעריגע צייט, האב איך פערבראכט אין אירקוטסק צווישען דעם געקרוינטענם באנדיטען, וועלכע האבען מיר ניט דערלאזען זיך אנשטענדיג צו ערנעהרען פון מיין מעדיצינישען פאך. אבער צו אלעס מוז א מאל אן ענדע נעהמען. איך בין פון דאָרט אנטלאפען, אבער מיין אנטלויפען האט א געוויסען ציעל, א בעשטימטען צוועק. נור, ניט יעצט איז דיא צייט דערפון צו ריידען. איך וואלט מיך שעצען גליקליך, אז איהר וואָלט מיר געגעבען דיא געלעגענהייט זיך צו זעהן מיט אייער ווערטהע קינדער, וועלכע אייער ברודער און מיין טהייערער שוואגער ערצייגערט אימער מיט טרעהרען אין דיא אויגען.

— מיט'ן בעסטען פערגניגען, — האט מאריא אנדריאנאָוונא זיך אויפהויבענד פון איהר שטוהל איהם געזאגט.

און אין א ווייל ארום האט וואסילי פעטראָוו, אדער סערגיי פאטאָמקין זיך געפונען אין דער ג...לשאפט פון פאוועל מיט ליזאַ.

7טעס קאפיטעל.

# פ ע ר א ו נ ג ל י ק ט.

דער פריסטאוו פון מאסקווער גאָראָדסקאַי אוטשאסטאָק, זיצט שטארק בעשעפטיגט אין זיין קאנצעלאריע. ער האט פאָרינע נאכט געהאט פיעלע ארבייט, פון וועלכע ער איז נאך יעצט אום צוועלף אוהר ביי טאג אויך ניט פארטיג. איהם האט זיך פערוואָלט דיא פערגאנגענע נאכט ארויסגעהן אויף א גרויסען יאגד און ער האט געמאכט איינינע „אבלאוועס“ אויף אידישע הייזער, וואו ער האט געפאנגען אבציג זשידעס, וועלכע וואוינען אונגעמעלדעט אין זיין קווארטאל; ער האט זיי ארויסגעשלעפט פון דיא בעטען און אוועקגעפיהרט אין אוטשאסטאק, וואו ער האט זיי אלע פערשפארט אין א פערדען-שטאל פון דיא פייער לייט. יעצט זיצט ער פון

זיעבען אוהר מאָרגענס אין זיין קאַבינעט און עמפפאַנגט דיא פריינדע פון דיא ארעסטירטע, וועלכע קומען זיי אויסקויפען בעפאָר זיי פאַלען אריין אין העכערע הענד. ער האט בעשטימט אַ צעהנרובעלדיגע פאר יעדער ארעסטאַנט און ער האט שוין ביי א זעכציג „צעהנערלאך" אראָפּגעלאזען אין זיין ברייטע קעשענע, וועלכע האט נאך גענוג פלאַץ אויך פיר דיא לעצטע צוואנציג צעהנערלאך, אבער דיא פריינדע פון דיא לעצטע צוואנציג ארעסטאַנטען, זיינען צו אָרעם אום אזא גרויסען אבצאהל איהם צו געבען, און זיי שטעהן נעבאך און בעטען זיך ביי איהם, אז ער זאל צו־נעהמען פון יעדען פערזאָן א „פינפערל".

— מיט'ן עטאַפּ! — שרייט דער פריסטאַוו צאָרניג. אלע צוואנציג זשידעס מיט'ן עטאַפּ!

— איך האב, העררר פריסטאַוו, פאר אייך א וויכטיגע נייעס, — האט איהם געזאגט זיין סעקרעטאר איהם איבערדרייכענד א פּאַספּאָרט — דיא יונגע זשידאָווקא, וועלכע געפינט זיך צווישען דיא איבעריגע צוואנציג פערשפּאַרטע, איז דיא געוויסע פערברעכערין שרה פיינשטיין, וועלכע ווערט שוין צוויי יאהר פון דער פּאָליציי אין גאַנץ רוסלאנד געזוכט.

איינער פון דיא אנוועזענדע אידען, וועלכער איז געשטאַנען לעבען דעם פריסטאַוו'ס שרייב־טיש מיט א פינף־רובעלדיגע אין דער האנד, האט א ציטער געטהאן מיט'ן גאַנצען קערפּער. זיין געזיכט איז לייכענבלאס געווארען און פון זיינע אויגען האבען זיך ארויסגעוועלצט צוויי טרעהרען, וועלכע ער האט מיט'ן האנד שנעל אפּגעווישט.

— שרה פיינשטיין אויסגעפונען? — האט דער פריסטאַוו איבערראשט אויס־געשריען — אַ, וואס פאר א מציאה האב איך היינטיגע נאכט מיט מיין בעפעהל געכאַפּט!

— העררר פריסטאַוו! — האט איהם געזאגט דער איד, וועלכער האט א ציטער געטהאן ביים הערען דיא נאכריכט פון פריסטאַוס בוכפיהרער — א ך האב מיט אייך עפּעס צו ריידען.

— ארעטירט איהם! — האט ער בעפוילען דיא פּאָליצייסקע, וועלכע זיינען געשטאַנען ביי דער טהיר, אָנווייזענד אויף דעם אידען — איך וועל אייך שוין ווייזען וויא צו בעהאלטען א פערברעכערין.

עס זיינען באלד צוגעגאַנגען צו איהם צוויי אָקאָלאָדאָטשניקעס און האבען איהם גענומען אונטער דיא הענד.

— בעפאָר איהר ארעטירט מיר — האט דער איד מיט א פלעהענדע שטימע איהם געבעטען — ערלויבט מיר צו ריידען מיט אייך אונטער פיער אויגען איינגע ווערטער.

— נעווים ווענען חאבאר, — האט דער פריסטאַוו מיט א שפּאָטישען טאָן אויסגעשריען — דאס וועט ניט נעהן, ליעבער גרינבערג, ניט מיך וועט איהר אונטערקויפען....

דיא אָקאָלאָדאָטשניקעס האבען איינער צום אנדערען לייכט געשמייכעלט

וואָרפענד זייערע בליקען צום פּריסטאַווס קעשענע, פון וועלכע עס געשטעקט עטליכע שפּיצען פון רויטהע צעהנערלאך.

— ניט וועגען חאַבאַר, הערר פּריסטאַוו, — האָט איהם דער איד, וועלכען דער פּריסטאַוו האָט אנגערופען גרינבערג, געענטפערט — נור וועגען אן אנדער זעהר א וויכטיגע זאך.

דער פּריסטאַוו האָט איהם אריינגעפיהרט אין א בעזונדערען צימער און האָט דיא טהיר נאך זיך צוגעמאַכט.

— וואס האָט איהר מיר, גרינבערג, צו זאגען? — האָט איהם דער פּריסטאַוו שטרענג געפרעגט.

— איך האָב אייך צו זאגען — האָט איהם גרינבערג שאַרף געענטפערט — איך גיעב אייך אוועק מיין גאנצען פערמעגען אום איהר זאָלט שרה פיינשטיין בעפרייען.

— אין וויפיעל בעשטעהט אייער פערמעגען? — האָט איהם דער פּריסטאַוו רוהיג געפרעגט.

— אין פינף און זיבציג רובעל באַרעס געלד, וועלכע איך האָב היינט אָפּ־צונעהמען ביי א געוויסע פירמא.

— חא, חא חא! — האָט זיך דער פּריסטאַוו פאַרנאַנדער געלאַכט — זייט איהר שיכור, אדער איהר האַלט מיך פאַר שכור, אז איך זאָל בעפרייען א מער־דערין פאַר פינף און זיבציג רובעל.

— זיא איז אבער אונשולדיג — האָט גרינבערג מיט א פעסטען טאָן ערווי־דערט — זיא האָט קיין מאָרד בעגאנגען און זיא איז זאגאר ניט פעהיג צום קלענסטען פערברעכען, און פון א פאַלשע בעשולדיגונג איז קיין מענש ניט זיכער, עס פאַסירט א מאל אזא אונגליק אויך.

— אומזיסט אייערע רייד גרינבערג — האָט איהם דער פּריסטאַוו שאַרף געענטפערט — דיא פינף און זיבציג רובעל וועל איך ביי אייך נעהמען אויב איהר ווילט אליין ניט זיין ארעסטירט.... איהר קענט פאַר בעהאַלטען ביי זיך א פער־ברעכערין, און בעזאָנדערס נאך אזא פערברעכערין, חאָפּען דריי יאָהר ארעסטאַנט־סקאַיאַ ראָטאַ, אדער זיך זעהן מיט'ן קאַלטען סיביר....

— נו, און וויפיעל פערלאַנגט איהר פאַר איהר אליין? — האָט גרינבערג נאך א קליינעם נאַכדענקען איהם געפרעגט.

— איהר ווייסט דאָך גרינבערג אז אזא זאך איז גאר ניט אפּצושאַצען....

— אבער דאָך הערר פּריסטאַוו — האָט זיך גרינבערג געבעטען.

— ווייל פאַר אייך, טויזענד רובעל.

גרינבערג האָט זיך בעטראַכט און איז איינינע מינוט געשטאנען וויא פער־שטיינערט ניט צו בעוועגען זאגאר מיט דיא אויגען.

— גוט! — האָט ער פּלוצלינג נאך א שטאַרקען זיפצען געזאַגט — איהר בע־קומט. הערר פּריסטאַוו טויזענד רובעל — אבער איהר מוזט מיר אויף דעם געבען דריי טעג צייט.

(Iron, 8).

— איך גיעב אייך, הערר גרינבערג דריי טעג צייט — האט איהם דער פריסטאוו ליעבליך געזאגט.

— איך פערלאנג אבער פון אייך, — הער פריסטאוו — האט גרינבערג עט־וואס מונטערער געזאגט — אז זיא זאל ארענטליך בעהאנדעלט ווערען.

— זיא וועט זיצען פערשפארט אין מיין פריוואט וואוינונג — האט דער פריסטאוו איהם געענטפערט — אונטער מיין אייגענער אויפזיכט, געפעהלט אייך דאס ?

— איך מוז זיין צופריעדען, — האט גרינבערג איהם געענטפערט.

דער פריסטאוו האט דיא טהיר אויפגעמאכט און האט גרינבערג'ן ארויס־געלאזען, איהם דריקענד אייניגע מאל דיא האנד פאר פריינדשאפט און ערגעבענהייט.

א קלונג אין אפעראט פון קווארטאלנעם טעלעפאן האט באלד נאך גרינ־בערגס אוועקגעהן פערהילכט דעם פריסטאווס קאבינעט.

— ווער בעהערט דעם פריסטאוו מיט זיין געשפרעך ? — האט דער פריסטאוו זיך שטעלענד ביים אפעראט געפרעגט.

— דער נאטשאלניק פון דער געהיים־פאליציי אפענבאך — האט ער בעקומען אן אנטווארט — זייט איהר דער פריסטאוו ?

— איך.

— איהר זאלט באלד נאכפארשען ביי אלע פאליצייסקע פון אייער אוטשאס־טאק און אויך ביי פריוואט מענשען, צו האט יעמאנד געסטערן אבענד ביי נאכט, ניט בעמערקט ערגעץ געהענד דעם געוויסען געהיים־אגענט פאדליעצאוו. ער וואר געקליידעט אין א אידישען אלטמאדישען קאסטיום און האט געטראגען א לאנגען גרויען בארד מיט לאנגע פאות און האט אויסגעזעהן וויא א מאן פון א יאהר זיבציג. ער האט אויך געטראגען א קליינעם פעקעל אין האנד, וואו עס האט זיך געפונען א מאסקע, א פארוק מיט א פאר דאמען קליידער. וואס אם שנעלסטען נאכפארשען און זאפארט ענטפערן.

דער פריסטאוו האט באלד צוזאמענגערופען אלע פאליצייסקע און ער האט זיי דאס נעמליכע געפרעגט.

— א, הערר פריסטאוו, — האט זיך איין אקאלאדטשני אפגערופען — איך האב געסטערן אום איינס אוהר ביי נאכט זיך מיט פאדליעצאוו'ן געזעהן. ער איז צו מיר צוגעגאנגען פערקליידעט און האט מיך געבעטען אז איך זאל איהם ארעטי־רען אלס אן אונגעמעלדעטען איד, צוליעב זיינעם א געוויסען ציעל.

— וואו איז דאס געוועז ?

— אין זאראדיע לעבען אברהם גאלדבוים'ס וואוינונג. ער האט מיר געזאגט אז ער לויערט דארט וועגען א וויכטיגע זאך און האט מיך געהייסען אז איך זאל איהם פריי לאזען ווען יעמאנד וועט איהם וועלען פון זיין ארעסט אויסקויפען. איך האב זיין וואונש ערפילט, און אז גאלדבוים איז מיט נאך צוויי אונבעקאנטע מענשען ארויסגעגאנגען פון זיין הויז, האט ער דעם ארעטירטען פאדלעצאוו ביי מיר אויס־

נעקויפט פיר צעהן רובעל און ער האט איהם גענומען אויף זיין פעראנטוואָרט־ליכקייט.

דער פריסטאוו האט עס באלד מיט'ן טעלעפאָן גענעבען צו וויסען אָפּענבאכען.

— וואס אם שנעלסטען דעם אָקאָלאָדאָטשני צו מיר אין קאנצעלאריע! — האט זיך געהערט אפענבאכס שטימע אין רעהרעל פון טעלעפאָן.

דער אָקאָלאָדאָטשני איז באלד פון פריסטאוו'ס קאבינעט ארויסגעלאָפען.

— דוא ווייסט, מערזאוועין — האט אפענבאך נאכ'ן טעלעפאָנירען געזאגט צו זיין פערטרויטען דעטעקטיוו — מיר שיינט אז אונזער פאָדלעצאָוו איז שוין אויף יענער וועלט.

— וואס רעדט איהר, עקסעלענץ? — האט איהם מערזאוועין פערוואונדערט געפרעגט — מאָלע וואס עס קען געשעהן ביי א געהיים־פּאָליציסט אז ער זאל ניט קומען צו דער בעשטימטער צייט? מעגליך אז עפּעס א נייער פלאן וועגען א פערברעכער צווינגט איהם ערגעץ צו פערבלייבען.

— ניין, מערזאוועין — האט איהם אָפּענבאך מיט א פעסטע שטימע געזאגט — אָפּענבאך פערשטעהט אן עסק. איך קען פאָדלעצאָוו'ן וויא זיך אליין, און אז ער האט מיר פערשפּראָכען צו קומען אום דריי אוהר מאָרגענס און איז נאך אום צוועלף אוהר אויך ניטא, האט געוויס מיט איהם געטראָפען אן אונגליק. איך וויים אז זעהר א וויכטיגע זאך איז איהם פאָריגע נאכט פאָרגעשטאנען, און אָבוואָהל ער האט מיר ניט געזאגט אום וואס עס האנדעלט זיך, וויא זיין כאראקטער איז שוין פון לאנג ניט צו זאגען זיינע פלענער בעפאָר ער פיהרט זיי אויס, דאך פערשטעה איך אז ער האט געוועבט א גרויסע נעץ אויף איינינע וויכטיגע פערברעכער, עס איז מעגליך, אז ער איז אליין איז אין דער זעלבער נעץ אריינגעפאלען....

— מעגליך אז ער וועט נאך קומען? — האט איהם מערזאוועין געטרייסט.

— הלואי זאל עס געשעהן, אבער איך בין איבער איהם זעהר אונרוהיג, דען אויסער יענע זאך, האט ער נאך געהאט פאר זיך אן אנדער מיסיאן, וועגען וועלכע ער האט געמוזט אונבעדינגט אום אכט אוהר מאָרגענס זיך צו מיר מעלדען.

— באלד וועט קומען דער אָקאָלאָדאָטשני — האט איהם מערזאוועין געזאגט — און וויא מיר שיינט וועט איהר דורך איהם קומען אויף א שפּור פון פאָדליעצאָוו'ס פערשווינדונג.

— און דוא מערזאוועין, געה דערווייל ארויס איבער'ן שטאָדט עפּעס א שמעק טהאן וועגען דער גרויסער, פרעכער גניבה, וואס איז געשעהן ביי דעם רייכען מאָליך — האט איהם אפענבאך נאך א קליינע פויזע געזאגט — איוואן מיט סטע־פאנען, וויא מיר שיינט, זיינען נאך פון מאסקווא ניט אוועקגעפאהרען, אויף דיא וואקזאלען שטעהען אונזערע אגענטען, און ניט אויסגעפינען אזא שווערע גניבה איז איינפאך א שאנדע.

— איך וועל עס היינטיגען טאג גוט נאכפאָרשען — האט איהם מערזאוועין ערווידערט — אבער פאָרלויפיג מוז איך ביי אייך פרעגען א ראטה, וויא זיך צ.

בענעהן מיט גרויסן מאריא אנדריאנאוונא, און ווען זאל איך איהר הויז נאך א מאל בעזוכען? דער ערעסמאנט וואסילי פעטראָוו איז שטום ווי א פיש, ער וויל ניט ענטפערען אויף קיין פראגע, און וויא באלד איך שפיעל ביי דער גרעפין אין הויז פ ע ט ר אָ ו ו׳ס אָדער פ אָ ט אָ מ ק י ן׳ס ראָליע, בעדאַרף איך דאָך וויסען אויף ריכטיג זיין גאנצע לעבענסבעשרייבונג און אלע איינצעלהייטען פון איהר ברודערס לעבען; דערצו נאך ווייס איך ניט דעם ריכטיגען ציעל פון זיין רייזע און איך קען דאריבער פערלירען דעם צוטרויען פון איהר און איהרע קינדער, וועלכע קומען אונז פאָר זעהר פערדעכטיג.

— זיי, מערזאַוועצין זיכער אז אלעס איז פערזאָרגט — האט איהם אָפּענבאַך שטאָלץ געענטפערט — עס איז שוין לאנג אוועקגעגאנגען א געהיימע דעפּעשע אין אירקוטסק און איך האָף אז נאך היינט, וועט אלעס מיר ערקלערט ווערען. עס וועט קומען א ריכטיגע לעבענסבעשרייבונג פוןביידע שוואגערס. און וויא ווייט מעגליך איז, וועט מיר ערקלערט ווערען דער צוועק פון פאטאמקינס אדער פעטראָווס רייזע. קום צו מיר אום עלף אוהר אבענדס, וועל איך דיר ראטהען ווען נאך א מאל דער גרעפין צו בעזוכען, אבער איך מוז דייטליך וויסען וויא זיא האט דיר עמפפאנגען און וויא האבען געקוקט אויף דיר איהרע קינדער.

— זיי האבען זיך גאר פון מיר ניט געקענט אפרייסען! — האט מערזאַוועצין מיט א טייפעלשען שמייכעל געענטפערט — און דערווייל האב איך ארויסגעקריגען פון איהרע קינדער אז זיי האבען געוואוסט פון פעטראָווס רייזע אבער זיי האט געוואונדערט ווארום האב איך (פעטראָוו אדער פאָטעמקין) זיך אָפּגעשטעלט אין מאסקווא און ניט געפאהרען דירעקט נאך פעטערבורג.

— נו, וואס האסט דוא זיי געענטפערט?

— איך האב זיי געזאגט אז מיר האלט דא אין מאסקווא אָפּ עפּעס א וויכטיגע זאך, וואס אנבעלאנגט צו מיין פערזענליכקייט.

— וויא איך זעה — האט אָפּענבאַך נאך א קליינע נאכדענקען געזאגט — שפּיעלט זיך דא עפּעס א געהיימע וויכטיגע זאך.... אבער איך פערהאָף נאך היינט אלעס צו ערפאהרען.

— — — — — — — — — — — — —

מיר זיינען ווידער ביי אברהם גאָלדבוים אין וואוינונג, ער ליעגט אויסגע־צויגען אויף א בעטעל אין זיין שלאָפצימער און עס שטעהט לעבען איהם זיין יונגע טאָכטער און לייגט איהם קאלטע וואסער צום קאָפּ. זיין געבייגטע, פון צרות פער־וועלקטע פרוי שטעהט אין קיך און קאָכט פאר איהם ברוסט־טהעע. ער האט פאָריגע נאכט אין קיהלען רעגען־וועטער זיך שטארק צוגעקיהלט, ער האט אביסעל ווארעמקייט און הוסט אלע ווײַלע צו.

— נו, גאָט זיי דאנק — האט גאָלדבוים צו זיין טאָכטער געזאגט — אונז האט דאך געלונגען צו רעטען א מענשען פון טויט. ווען מען וואָלט איהם מיט א פאר שטונדען שפּעטער פון קאנאָן ארויסגעשלעפּט, וואָלט מען שוין פעשפּאָרט פאר איהם זוכען א וואוינונג.

— אבער דאפיר פאטער ביזט דוא שטארק הייזעריג — האט איהם זיין טאכטער זיפצענד ערווידערט — וויא מיר פרעהט, וואס דוא האסט מיטגעהאלפען צו רעטען א מענשען פון טויט, דאך וואלט איך וועלען אז דוא זאלסט אויך זיין געזונד.

— ניש־קשה, קיין בייז זאל ניט זיין — האט איהר גאלדבוים געטרייסטעט איהר דריקענד דיא האנד — איך פיהל מיך שוין עטוואס מונטערער. אז איך וואלט האבען כח, וואלט איך געהן צו איהם געוואר־ווערען, און זעהן וואס ער מאכט.

— באלד וועט קומען פון איהם אונזער יעפים — האט איהם דאס מעדכען געענטפערט — מיר דאכט זיך אז איך הער שוין זיינע טריט.

דיא טהיר האט זיך אין גאלדבוימס וואוינונג אויפגעעפענט און עס איז אריינגעקומען אן אקאלאדאטשני, און ניט ווארטענד א ווייל, איז ער באלד אריין צו גאלדבוימען אין צימער.

דער פאטער מיט דער טאכטער האבען אינסטינקטיוו א ציטער געטהאן, ריכטיג וויא זיי וואלטען וויסען וואס פאר אן אונגליק עס דראהעט זיי.

— געסטערן, העדר גאלדבוים — האט איהם דער אקאלאדאטשני שטריינג געזאגט — האט איהר ביי מיר אויסגעקויפט אן אלטען אידען פאר א צעהנרובעל־דינע. איהר האט מיר פערשפראכען אז איהר נעהמט איהם אויף אייער פעראנטוואָרטליכקייט, אלזא איך בין יעצט צו אייך געקומען איהר זאלט מיר זאגען וואו יענער איד געפינט זיך.

גאלדבוים וועלכער האט געוואוסט פון דעם אלטענס ערצעהלונג, אז ער (דער אלטער) איז בעטראכטעט ביי דער רעגיערונג אלס א פערברעכער, וויל ער האט געוואלט דורך אן אויפברוך רעטען זיינע קינדער פון געפענגניס; האט זיך אויף א קליינע ווילע פערטראכט.

— איז מיר ערלויבט, העדר אקאלאדאטשני, צו וויסען וואס איהר האט איהם נייטהיג? — האט איהם גאלדבוים נאך א קליינע פאזע געפרעגט.

— איך האב דאך אייך נאך געסטערן געזאגט — האט איהם דער אקאלאדאטשני ליסטיג געענטפערט, אז איין צעהנערל איז ווייניג.

— ער איז אוועקגעפאהרען — האט איהם גאלדבוים שארף געענטפערט אום זיך אפצוטשעפען פון דעם חאבארניק.

— איהר זאגט, גאלדבוים א ליגען — האט איהם דער אקאלאטשני רוהיג געענטפערט — זאגט מיר וואו האט איהר אהינגעטהאן דעם אידען?

גאלדבוים, וועלכער האט ווירקליך ניט געוואוסט וואו דער איד איז פערבליעבען וויל מארטין מיט אסטראוו'ן האבען אפגערעדט איהם ארומצופיהרען ביז טאג אונטערען שטאדט, האט יעצט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען און האט זיך ווידער אויף א ווילע פערטראכט.

— וואו האט איהר אהינגעטהאן דעם אידען?! — האט דער אקאלאדאטשני טופענד מיט דיא פיס געליארעמט.

— איך ווייס ניט, — האט גאלדבוים שוואך געענטפערט — איך האב איהם געלאָזען אויפ'ן גאַס.

— ניין, איהר ווייסט יא — האט דער אקאלאָדאטשני ווילד אויסגעשריען — זאגט מיר וואו האט איהר אהינגעטהאן דעם אלטען?

— איך בין ניט פערפליכטעט אפצוהיטען אן אונבעקאנטען מענשען וואוהין ער געהט, — האט גאָלדבוים איהם ערוויעדערט.

— איהר האט דאך געזאגט, אז איהר וועט איהם אוועקפיהרען אין דיא שטאָדט-נומערן אויף ניקאָלסקאיא?

— ער איז אבער פון מיר אוועקגעגאנגען.

— איהר וועט, גאָלדבוים, שוין יא זאָגען וואו איהר האט איהם אהינגעטהאן! האט דער אקאלאדאטשני איהם פעסט ערגרייפענד פאר'ן האנד אויסגעשריען און ביים ענדיגען דיא לעצטע ווערטער, האט ער א פייף געטהאן מיט זיין בלייענע פייפעל.

אין הויז זיינען באלד אריינגעלאָפען דריי זשאנדארען, זיי האבען דעם ערקראנקטען גאלדבוימען א נעהם געטהאן אין דער לופטען און ניט צולאָזענד צו איהם זיין דערשראָקענע ווייב און טאכטער, האבען זיי איהם פון זיין הויז וויא א באל ארויסגעטראָגען.

8טעס קאפיטעל.

## דיא עהרליכע קעמפפער.

— א איד האט ערמאָרדעט א פראוואָסלאַוונעם! א איד האט ערמאָרדעט א פראוואָסלאוונעם! — האבען אויף מאָרגען נאך גאָלדבוימס פערהאפטונג געליארעמט אלע מאָסקווער צייטונגען און דער בעוואוסטער אידען-פרעסער פאסטוחאָוו, האט ערפילט זיין האלבע צייטונג „מאָסקאָווסקי ליסטאָק” מיט שרעקליכע בלבולים אויף אלע מאָסקווער אידען, אז זיי בעשעפטיגען זיך נור מיט דיעבשטאלען, רויבערייען, מערדעריי און מאכען אונגליקליך דיא מאָסקווער בעפעלקערונג. דער גאָלאָווא אלעקסייעוו האט באלד געלאדען צו זיך דעם מאָסקווער אידישען ראבינער מיט נאך א פאָר בערופענע מענשען פון דער אידישער געמיינדע און האט זיי פאָרגעוואָרפען פאר וואס זיי גיעבען ניט אכטונג אויף זייערע גלויבענס-גענאָסען, דאס זיי זאָלען אויפהערען אזוי צו בעשווינדלען און בערויבען דיא מאָסקווער איינוואוינער, און זיי זאלען זיך פון יעצט אן מיה געבען צו ערקלערען דעם אידישען פאָלק, אז צו ערמאָרדען א פראַוואָסלאוונעם איז א ו י ך א זינד פאר גאָט, ווייל אלע מענשען זיינען ביי גאָט גלייך.

דיא אידישע פאָרשטעהער האבען זיך געפרופט צו פערטהיידיגען און אראָפּנעהמען פון גאָלדבוימען דיא בעשולדיגונג, וועלכע זיא האט קיינע גרינדע און קיינע בעווייזע, אז ער האט דעם מאָרד אויף פאָדלעצאָוו'ן בעגאַנגען, אבער דער גאָלאָווא האט זיך גאָר ניט געלאָזט ריידען. זיי זיינען מיט פערביטערטע הערצער פון אלעקסעיעוו'ן אוועקגעגאנגען און האבען אויסגעווירקט ביי דעם פראָקוראָר, אז ער זאל איינעם פון זיי ערלויבען, זיך צו זעהן מיט גאָלדבוימען אין געפענגניס, פיעללייכט וועט איהם געלינגען פון איהם עטוואָס צו ערפאהרען וועגען פאָדלעצאָווס זאָנדער-

בארע פערשווינדונג. עס האט גאָלדבוימען בעזוכט דער אידישער ראבינער, אָבער ער האט פון דעם אונגליקליכען גאר ניט ערפאהרען. גאלדבוים האט איהם געענט־פערט דאס זעלבע וואָס ער האט געסטערן נעענטפערט אָפּענבאבען, אז ער האט דעם אלטען מאן דורך א צופאל איבערגעלאָזען אויפ'ן גאס. דער עהרליכער גאָלד־בוים האט נאך אלץ ניט געוואוסט דיא ריכטיגע אורזאכע פאר וואס ער איז פערהאפטעט, ער האט אלץ געמיינט, אז ער איז בעשולדיגט אין דעם וואס ער האט בעהאלטען א פערברעכער געגען דער רעגיערונג, וויא פאָדלעצאָוו האט איהם איינגערעדט און דערצעהלט, אז ער אנטלויפט פון רוסלאנד, ווייל ער האט געוואָלט רעטען זיינעביידע קינדער. ווען דער ראבינער האט איהם פערטרויט דיא ריכטיגע אורזאכע און האט איהם ערקלערט, אז דער אלטער פערשוואונדענער איד, איז גאר געווען דער בעריהמטער געהיים־אגענט פאָדלעצאָוו, איז ער אזוי איבערראשט געוואָרען, אז ער האט איינינע מינוט קיין וואָרט געקענט ארויסריידען. ער האט שוין גוט פערשטאנען, אז דאָ האבען עפּעס אָפּגעטהאָן זיינע נאכט געסט, וועלכע ער האט מיטגעהאָלפען צו רע־טען זאחארינען, אָבער דער עהרליכער, בראווער גאָלדבוים, האט דיא געשיכטע זאגאר דעם ראבינער ניט פערטרויט. נאר ער האט איהם געבעטען, אז ער זאָל זיין א פאָטער צו זיין אונגליקליכע פאמיליע און איידער ער וועט געהן אויף קאַ־טאָרגא זאָל ער זיך דיא מיה געבען ארויסצו־ווירקען ביי דיא בעאמטע, אז מען זאל איהם ערלויבען זיך צו זעהן מיט זיין פאמיליע. דער ראבינער, וועלכער האט זאגאר פריהער ניט געצווייפעלט, אז גאלדבוים איז אונשולדיג, האט איהם דאס פער־שפּראָכען און האט זיין געפענגנים פערלאָזען.

גאָלדבוימס אונגליק האט פעראינטערעסירט פאסט אלע אידען אין מאָסקווא און זיי האבען געזוכט מיטלען וויא גאלדבוימען צו בעפרייען ניט אזוי צוליעב איהם, נאר צוליעב דער גאנצער אידישער געמיינדע, זיא זאל ניט ליידען צוליעב איינעם, וועהרענד דער איינער איז אויך אונשולדיג.... נאר מעהר וויא אלע אידען, האבען זיך אין דעם אונגליקליכענס שרעקליכע לאגע, אינטערעסירט איינינע רוסען, און דאס זיינען געווען מארטין, אסטראָוו און דער יונגער איסטאָמין.

זיי האבען זיך צוזאמענגעקליעבען ביי גרעפין מאריא אנדריאנאוונא אין א ווייטען אבגעזונדערטען צימער און האבען געפיהרט צווישען זיך א פייערינען געשפּרעך:

— וואו האט געקענט דער לומפּ פאָדלעצאָוו אהינקומען? — האט געברומט מארטין ערגערליך — עס איז וואהר, אז זיין פערשווינדונג, האט אונז געדעטעט פון גרעסטען אונגליק, אָבער עס איז דאך אין אן אונגליק ארייננעפאלען אן עהר־ליכער, בראווער אונשולדיגער מאן, וועלכער האט איינפאך געאָפּפערט זיין לעבען צוליעב א וואהלטהאט.... איך בין ארויסער זיך, איך געה פון זינען אראָפּ!

— איך וועל מיך מוזען צוליעב דעם אונגליקליכען איד גאלדבוים, ארויסגע־בען! — האט אסטראָוו ברעכענד מיט דיא הענד געזאגט — איך קען אזא אונרעכט, אזא מאָרד־טהאט ניט אריבערטראָגען. עס איז ביי מיר פערבליעבען, אז איך זאָל

זאגען דאס איך האב פאַדלעצאָוון ערמאָרדעט און איהם אין טייך אריינגעלאָזען, אום דעם בראווען, עהרליכען גאלדבוים צו בעפרייען.

— דאס בעדארפסט דוא אסטראָוו ניט טהאן — האט איהם איסטאָמין געענטפערט.

— וואו איז גערעכטיגקייט? וואו איז גלייכהייט פאר וועלבע מיר קעמפפען מיט דעם בלוטיגען רוסלאנד? — האט ערוויעדערט אסטראוו אויפגערעגט — ניין, איך מוז עס טהאן!

— ניין, דוא בעדארפסט עס ניט טהאן — האט איהם איסטאָמין קאלט און רוהיג געענטפערט — דאס בעדארף נאר טהאן דער, ווער עס האט פאַדלעצאָוון ערמאָרדעט.

— אבער יענער טהוט דאך עס ניט — האט אסטראוו פערדריסליך געזאגט.

— פאַרלויפיג ווייסט דוא דאך ניט צו פאַדלעצאָוו איז ערמאָרדעט! — האט איהם געענטפערט דער נעמליכער.

— טאַ, וואו דען איז ער אהינגעקומען?

— ווער קען א געהיים-אגענט פערשטעהן?

— ניין, ברודער, אז ער וואלט לעבען, וואלטען מיר שוין אלע געזעסען אין קאזעמאט — האט מארטין ביטערליך געענטפערט — איך זאכארין וואלט שוין אזוי רוהיג ניט געלעגען ביי גרינבערג'ן אויפ'ן בוידים.

— נו, טאַ וואס זאָלען מיר טהאָן? — האט געפרעגט איסטאָמין גאנץ קאלטבלוטיג.

— מיר מוזען ווארפען צווישען זיך גורל ווער פון אונז זאל געהן זאגען, אז ער האט פאַדלעצאָוון ערמאָרדעט און אין טייך אריינגעוואָרפען, אום דעם אונגליקליכען גאלדבוים צו בעפרייען — האט אסטראָוו נאך א קליינעם נאכדענקען געזאגט.

— ניין מיר בעדארפען עס ניט — האט ערווידערט איסטאָמין.

— ווארום? — האט מארטין אונרוהיג געפרעגט.

— ווייל מיר קענען עס מאכען אהן א גורל.

— אהן א גורל געה איך ניט! — האט מארטין זיך אויסגעדריקט.

— און איך אויך ניט — האט ערוויעדערט אסטראָוו נאך א קליינעם נאכדענקען — מיר אלע דריי האבען אנטהייל גענומען אין זאכארינס רעטונג און דאמיט פעראונגליקט אן עהרליכע, בראווע און אונשולדיגע פאמיליע, מוזען מיר אלע דריי זיין איינשטימיג צו געהען אויפ'ן עשאפאט אום יענע פאמיליע צו רעטען, אבער דאס מוז געשעהן דורך א גורל.

— נו, לאָמיר ווארפען גורל! — האט איסטאָמין געזאגט מיט דיא זעלבע רוהיגקייט.

זיי האבען אויפגעשריבען זייערע נעמען אויף דריי גלייכע פאפירלאך און האבען זיי אריינגעלייגט אין א הוט, אין דעם צווייטען הוט האבען זיי אריינגעלייגט צוויי ליידיגע פאפירלאך און אויף דעם דריטען אן אויפשריפט: „געה".

— טרייסעל! — האט איסטאָמין געזאגט צו מאַרטינען און נאכהער צו אסטראוו'ן.

זיי האבען דיא היט פערדעקט מיט א שנופּ־טיכעל און פערנאנדער געטרייסעלט.

יעדער פון זיי האט זיינעביידע הענד אריינגעשטעקט אין ביידע היט און האט ארויסגעצויגען צוויי פּאפּירלאך.

דער גורל איז געפאלען אויף מארטינען.

מארטין האט א לייכטען שאקעל געטהאן מיט'ן קאפּ און האט רוהיג געזאגט:

— איך טהו עס!

— ניין! — האט איסטאָמין זיך אָפּגערופען — איך וועל עס טהאן.

— דו? — האבען ביידע פריינדע איבערראשט אויסגעשריען — דו האסט זאָגאר דאס רעכט ניט יעצט דאצו.

— איך האב אבער יא דאס רעכט דאצו! — האט שוין איסטאָמין יעצט א ביסעל אויפגערעגט זיי געזאגט — ווייל איך האב ערמאָרדעט פּאָדלעצאָוו'ן!

— דו האסט ערמאָרדעט פּאָדלעצאָוו'ן?

— איך, מיט א שטיין פון קרעמעלשען טראָטואר! — האט איסטאָמין פאָר־געזעצט — איך בין יענע נאכט אומגעגאנגען ארום קרעמעל וויא מיר האבען אָפּ־גערעדט, איך האב געזעהן פאר'ן לאנטערנע שיין, אז איהר פיהרט אן אלטען מאן אראפּ אין'ם אונטערשטען קרעמעל; אָבער ווען איהר זייט ארויפגעגאנגען, איז אייך דער אלטער פון דערווייטענס נאכגעגאנגען און איז אריין אין דער גרויסער גלאָקע. ווען איהר האט זאכארינען געטראָגען צו גאָלדבוימען, האב איך בעמערקט וויא דער אלטער געהט פון דער גלאָקע ארויס און געהט אייך נאך און דאן האב איך איהם מיט דריי קלעפּ פערטיג געמאכט.

— דו ביסט א העלד, איסטאָמין! — האבען זיינע קאַמעראַדען מיט טרעה־רען אין דיא אויגען געזאגט — דו בעדארפסט ניט שטארבען און טאָרסט ניט שטארבען! אזעלכע העלדען וויא דו בעדארף יעצט אונזער פאָטערלאנד האבען.

— איהר בעדארפט קיינער ניט שטארבען! — האט זיי איסטאָמין רוהיג ערוויעדערט — איהר זייט ביידע אויך פון דיא ווארעמסטע פרייהייטס קעמפּפער, וועמען אונזער געהיים־בונד האט נייטיג!

— אבער וויא רעטען מיר דעם אונגליקליכען גאלדבוים! — האט מאַרטין איהם פערצווייפעלט געפרעגט.

— מיר קענען איהם יא רעטען! — האט איסטאָמין זיי געענטפערט.

— וויא אזוי?

— אז דו מארטין, זאלסט זיין דער סליעדאָוואטעל פון גאלדבוימס פראָ־צעס! — האט איהם איסטאָמין ערוויעדערט.

— אָבער איך בין דאך גאר א סליעדאָוואטעל אין אן אנדער טהייל־שטאָדט!

— דאס קען איך שוין אויסווירקען! — האט איסטאָמין איהם געענטפערט. איך וועל דיך פאָרשטעלען פאר מיין פאָטער אלס א טיכטיגען, קלוגען און פּראַק־

טישען סליעדאָוואטעל און ער, אלס גענעראל און אופּראוויאיושצי ביים מאָסקווער גענעראל־גובערנאטאר, וועט ביי דעם אלטען דאָלגאָרוקאָוו אויסווירקען, אז מען זאָל דיר איבערגעבען גאלדבוימס פּראָצעס.

— דאס איז ווירקליך א פּאַרטרעפליכער פּלאַן ! — האבען זיינע ביידע קאָ-מעראדען איינשטימיג געזאגט.

— און וויא גלאט צו פערלייכטערן גאלדבוים'ס פּראָצעס — האט איסטאָמין ווייטער פאָרטגעזעצט — איז זעהר וויכטיג נאך איין זאך צו טהאָן, אבער זאגט מיר נאר פריינדע, ווארום האט איהר מיר ניט געפרעגט, וואו האב איך אהינגעטהאָן דעם געהרגעטען פּאָדלעצאָוו ?

— וואס איבערראשונג קען מאבען ! — האט מארטין אויסגעשריען שאָקלענ־דיג מיט'ן קאפּ.

— ער ליעגט אין קאנאַן וואו זאבארין איז געלעגען — האט איסטאמין מיט א שמייכעל געזאגט — איך דענק אז באלד וועט קרעמעל פערגניגען האבען פון דעם אנגענעהמען גערוך וואס וועט פון זיין לייבע זיך אפּגעבען.... אבער דאס אן א זייט פריינדע, מיין פּלאַן איז, אז מיר זאלען צו זיין לייבע אין קאנאן צו־ווארפען א קליינעם שריפט אז דיא ניהיליסטען האבען איהם ערמאָרדעט און דער שריפט זאל זיין אונטערשריבען מיט דיא צוויי ווערטער „געהיים־בונד" און נאכהער וועלען מיר אריינשיקען א בריעף מיט דעמזעלבען אונטערשריפט אין טרעטאָע אָטדעליעניע, אז פּאָדלעצאָוו ליגט אין קאנאַן — און דאן וועט דער גאנצער פערדאכט פון גאָלד־בוימען ארונטערפאלען, ווייל דיא בעסטיעס וועלען פערשטעהן אז ניט א פּופּציג־יעהריגער סוחרישער איד, וואס וואוינט אויף זאראדיע האט אן אויפטראג מיט דיא ניהיליסטען און איז פעהיג זא. וואס צו טהאָן.

— דיינע פּלענער, איסטאָמין, זיינען פּאַרטרעפליך ! — האבען איהם זיינע קאמעראדען געענטפערט.

— דאס מוז היינט אלעס געטהאן ווערען ! — האט איסטאָמין זיי ענטשלאָסען געזאגט — אבער איידער מיר צוגעהען זיך, לאמיר זיך צוזאמענלייגען מיט א סומע געלד אום צו שטיצען דיא אונגליקליכע גאָלבוים'ס פאמיליע ! אָט דאס איז פּאָר־לויפיג מיין נדבה ! — האט ער געזאגט ארויסנעהמענד פון זיין בוזים־טאש פיער נייע הונדערטער.

— און פינף הונדערט גיעב איך, — האט מארטין געזאגט.

— און צוויי הונדערט גיעב איך פּאַרלויפיג ! — האט זיך אָסטראָוו אָפּגע־רופען.

— ביי דער גרעפין מיט איהרע קינדער וועלען מיר אויך עפּעס בעטען א נדבה, — האט מארטין זיי געזאגט, — איך דענק אז זיי וועלען באלד פון זייער אימעניע צוריק קומען.

— יעצט צו דער צווייטער זאך, — האט איסטאָמין זיי געזאגט — דיא גע־שיכטע מיט מאריא אנדריאנאוונא און מיט אונזער אלגעמיינע לאנג ערווארטעטען גאסט סערגיי פּאָטאָמקין, קומט מיר זעהר זאנדערבאר פאָר. לויט דעם בעריכט

פון פעטערבורגער צענטראל-קאָמיטעט, האט ער אין מאסקווא ניט געטארט פער־בלייבען בעפאָר ער האט זיך געזעהן מיט אונזערע פאָרשטעהער אין פעטערבורג, און וויא קומט עס דאס ער איז אין מאסקווא פערבליעבען אויף איינע טעג? לויט אונזער אנדריאנאוו האט מיר דערצעהלט אין זיין נאמען — האט סערגיי פאָטאָמקין דא אין מאסקווא עפעס זיינע אן איינענע זאך, וואס עס האלט איהם אָפּ פון זיין רייזע, אבער דאס איז דאך נגנען אונזערע געזעצע.

— מיר מוזען זיך מיט איהם זעהן — האט מארטין געזאגט — מעגליך אז ער זעהט עפעס א שטערונג, וועלבע ער וויל עס ניט אנדריאנאוו'ן פערטרויען.

— און דאס איז אויך מיין מיינונג — האט אָסטראוו זיך אפגערופען — אן אירקוטסקער דעלעגאט בעדארף ניט זיין עפעס אן איינעל. אונזערע אלע מיטגלידער אין אירקוטסק זיינען זעלטענע קלוגע און פאָרזיכטיגע מענשען. און אז זיי האבען אויסגעקליבען פון זיך א פאָרשטעהער, מעג מען זיך אויף איהם אין אלע אינזיכטען פערלאזען.

— איינער פון אונז מוז זיך יעדענפאלס מיט איהם זעהן — האט מארטין נאך א קורצע פויזע געזאגט — אום צו בעריכטען דעם צענטראל קאמיטעט ווען ער פאהרט פון מאסקווא ארויס, און פיעללייכט איז דיא זאך נוציג פאר איהם פערזענליך.

— ער האט אנדריאנאוו'ן געזאגט — האט איסטאָמין ערווידערט — אז היינט אום אכט אוהר אבענדס וועט ער ווידער דער גרעפין'ס הויז בעזוכען, אלזא ווער פון אונז זאל זיך מיט איהם זעהן? אדער פיעללייכט זאלען מיר זיך אלע גענגען אבענד דא צוזאמענקלייבען?

זיי האבען זיך א קליינע ווילע בעראטהען, און עס איז צווישען זיי פער־בליבען אז איסטאָמין זאל זיך זעהן מיט סערגיי פאָטאָמקין ביי דער גרעפין אין הויז, מארטין זאל בעזוכען זאבארינען און אָסטראוו זאל דער אונגליקליכער פאמיליע גאלדבוים אוועקטראגען דיא סומע געלד און נאכהער זאל ער אריינוואָרפען דעם שריפט אין קאנאַן און שיקען א בריעף אין טרעטאָע אָטדיעליעניע אז דער „געהיים בונד" האט פאָדלעצאָוו'ן ערמאָרדעט, און ער ליעגט אין קאנאַן.

זיי האבען זיך פריינדליך פעראבשיידעט און זיינען איינציג־ווייז זיך צוגאנגען.

9טעס קאפיטעל.

## עדלע מענשען אין אונגליק.

פינף פערזאנען ווערען יעצט אין מאסקווא געזוכט פון דער געהיים-פּאָליציי: זאבארין וועלבער האט מיט א פאר טעג צוריק געשאָסען אויף אלעקסייעוו'ן, דער אונבעקאנטער, וועלבער האט פאָרגעסטערען ביי נאכט דריי מאל אפגעפייערט זיין רעוואָלווער אויף אלעקסייעוו'ס עקיפאזש, פאָדלעצאָוו דער בעריהמטער געהיים־אגענט, וועלבער איז פון יענע נאכט אן פערשוואונדען געוואָרען, און אונזערעביידע פיינע יונגען איוואן און סטעפאן, וועלבע האבען זיך ערבאָרעמט אויף מאדאם מאלליך'ס ציערונג און האבען זיי אין קאנאן אריינגעוואָרפען. עס געהן ארום איבער

מאסקווא פינף טיכטיגע אגענטען פון אָפּענבאַד'ס חדר און יעדערער פון זיי האַלט אַלץ אין זיין געדאַנק דיא פינף פערברעכער און מאכט פּלענער וויא אזוי צו פאַלען אויף זייערען א שפור.

איינעם פון דיא שפּיאָנען, א געוויססען ש י ר ק י ן, איז אויפ'ן גאס געוואָרען פערדעכטיג א מאַן, וועלכען ער האט בעמערקט פאַהרענדיג אין א קיביטקע נעשפּאַנט צו א גוטען פערד, ער איז דעם מאַן נאכגעפאהרען אויף א דראָשקע און ער האט בעמערקט דאס דער מאַן געהט אריין אין א גרויסען וויין געשעפט. ער האט באלד נאכגעפאָרשט ווער דער מאַן איז, און ער האט זיך ערקונדיגט אז ער הייסט אנטאָן איוואַנאָוו, און ער איז טאקע אין יענעם געשעפט איינגעשטעלט אלס א הויפּט-פּריקאַזשציק; מיט א שטונדע שפּעטער האט ער זיך דערוואוסט אז ער איז דעם פּריסטאַוו'ס, פון גאַראָדסקאָי אוטשאַסטאָק א לייבליכער ברודער, און ער וואוינט טאקע ביי איהם אין הויז.

שורקין איז אוועקגעלאָפען צו איסטאָמינען און האט איהם געפרעגט צו ער האט ניט א פערזענליכען פיינד, וועלבער הייסט אנטאָן איוואַנאָוו, און אז איסטאָמין האט איהם געענטפערט ניין, האט ער באלד בעזוכט אַלעקסייעוו'ן און האט אויך איהם דיא זעלבע פראגע געשטעלט.

— וועלכען איוואַנאָוו'ן מיינט איהר? — האט איהם אלעקסייעוו געפרעגט.

— דער וואס דיענט ביי דער גרויסער פירמא קוזמין און ער איז א ברודער פון דעם פּריסטאַוו איוואַנאָוו אין גאָראָדסקאָי אוטשאַסטאָק.

— יענער שורקע? — האט אלעקסייעוו אויסגעשריען — ער איז דאך מיר א בלוטיגער פיינד זייט איך האב איהם ענטזאָגט פון זיין שטעלע אין ד ו מ ע (מאַגיסטראַט), ער האט זיך זאגאר אייניגע מאל אויסגעדריקט אז ער וועט פון מיר נעהמען ראַכע.

שורקין'ס אויגען האבען אנגעהויבען צו פייערען וויא ביי א הונגעריגע טיגער ווען ער דערשמעקט א לעמעלע.

— האט ער דאס גערעדט אויף פאר זייטיגע מענשען? — האט איהם שורקין נאך א קליינע פּויזע געפרעגט.

— פאר אלע בעאַמטע אין מיין קאַנצעלאַריע פון ראַטההויז, און אין דער וואהרהייט, האב איך א לאַנגע צייט זיך פאר איהם געהיט וויא פאר א טייפעל, דען ער איז זייער א היציגער באַנדיט.

שורקין האט זיך פערניינט און איז פון גאַלאָווא אוועקגעגאַנגען.

— גאָט האט מיר היינט צוגעשיקט א ווילדע מציאה! — האט שורקין צו זיך אליין גערעדט ארויסגעהענד פון אלעקסייעוו'ן און האט טייפעליש געשמייכעלט — דא וועל איך קענען ווייזען אָפּענבאַכען אז שורקין איז ניט קיין אינגעל, און ער קען אויך קוואַרטירען ביי אַן אויסגעמאַכטען פּריסטאַוו אין הויז און דערגעהן א וויכטיגע געהיימניס. אָ, איך וואָלט מיך ווינשען דאס איך זאל קענען אויפווייזען אז דער פּריסטאַוו אליין האט אויך אנטהייל גענומען אין זיין ברודערס טהאט. דען נור ביי א גרויסען הימעל-שרייענדען סקאַנדאַל קען א געהיים-אגענט זיך ערווערבען א נאָמען....

ער איז מיט ראשע טריט אוועקגעגאנגען און איז באלד פערשוואונדען צווישען דעם גרויסען פובליקום אין א רוישענדע גאס.

— — — — — — — — — — — — —

אין א קליינע קעמערעל אויף א בוידעם אין זאראדיע ליעגט א יונגער מענש אויסגעצויגען אויף צוויי ברעטער. זיין געזיכט איז בלייך וויא קאלך און דיא ליפען פערדארט, וויא א טרוקענער לעדער. ער ליעגט אויף א קליינע קישעלע און האלט דיא האנד אונטערן קאפ.

— מיר שיינט אז מיר איז שוין בעסער! — זאגט ער צו זיך אליין — איך קען שוין ריהרען מיט'ן פוס, אבער וואס דורשט זיך מיר אזוי אלע ווייל ע?

ער נעהמט דאס בלעכ-קענדעל וואס שטעהט לעבען זיין צוקאפענס און טהוט א פאר זופען.

— אַ, וואס פאר א פאלק דיא אידען זיינען! — האט ער ווייטער פארגע-זעצט — יעצט זעה איך טאקע אז זאגאר זייערע פערטהיידיגער, זייערע בעסטע פריינדע דיא וואס קעמפפען מיט דיא ניעדערטרעכטיגע באנדיטע, וועלכע ווילען זיי פערשמוצען מיט זייערע מיילער און פעדער, ווייסען נאך ניט א הונדערטע טהייל פון אלע גוטע אידישע אייגענשאפטען. אַ, וויא בעדויערונגס-ווערטה איז דיעזער אונגליקליכער פאלק, דאס עס איז ניטא אויף דער גאנצער ברייטער וועלט איין קעניגרייך, וועלכע זאל זיך נעהמען צו דערגעהן דיא אידישע קריוודע פון דער טי-ראנישער, בארבארישער רעגירונג וואס פעראינגליקט און פערניכטעט דיעזען יהרליכען, פיינעם און גוטהערציגען פאלק, וועלכער האט אנגעצונדען א ליכט פאר אלע פעלקער און זיי געלעהרענט גלייכהייט, גערעכטיגקייט, בארמהערציגקייט און טוגענד נאך מיט טויזענדער יאהרען צוריק, ווען טיראניי און דעספאטיזמוס זיינען געווען דיא איינציגע הערשער פון דעם גאנצען ערד-קוגעל.

ער האט זיך א ווילע פערטראכט און א זיפץ האט זיך פון זיין הערץ ארויס-געריסען.

— אַ, גאלדבוים, גאלדבוים! — האט ער נאך א קליינע פויזע ברעכענד דיא הענד געזאגט — דוא ביסט דאך א מוסטער און וואהרער סימבאל פון דיין אידישען נאציאָן, דוא האסט אויפגעאפפערט דיין לעבען אום צו רעטען אן אונגליק-ליכען וואהרהייטס קעמפפער פון עווגען ליידען, דיין עהרליכעס בראוועס הערץ האט דיר ניט דערלאזען צו ענטזאגען א מענשען וועלכער בעט פון דיר שוץ פאר אן אונגליקליכען, און יעצט ווערסט דוא דערפאר אבגעצאהלט מיט פינסטערען קערקער און מיט שרעקליכע ארעסטאנסקע ליידען, און דיין צוקונפט איז סיביר און קאטערגא!.... אַ, טהייערער גאלדבוים, דוא ביסט גוט, עהרליך, בארעמהערציג און ליבעראל וויא דיין גאנצער נאציאָן, און צוגלייך מיט איהם ביסט דוא בעשול-דיגט אין א מ א ר ד און ב ע ש מ ו צ ט וויא דער ניעדערטרעכטיגסטער שורקע.

ער האט זיך וויעדער פערטראכט און זייגע שווארצע ברענענדע אויגען האבען געשאטען פונקען.

— און דוא עדלער גרינבערג — האט ער נאך א לאנגען שטילשווייגען ווייטער

גערעדט — דוא, וועלכער האסט מיך באלד דעמזועלבען מאָמענט פון גאָלדבוימס הויז איבערגענומען און האסט מיר דיעזען שטילען בוידעם פאר א בעהעלטניס לאך אפגעגעבען, מיט וואס זאל איך דיר אבדאנקען? אָ, עדלער, עהרליכער מענש, ווארום האב איך דיך היינט נאך גאר ניט געזעהן?....

עס האט זיך געהערט א לייכטער גערויש ביים טהירעל״פון׳ם קעמערעל, וועלכע האט זיך באלד אויפגעעפענט און א יונגער מענש פון עטוואס העכער אלס מיטלער וואוקס איז צו דעם ליגענדען אויף דיא ברעטער צוגעגאנגען.

— אָ, טהייערער גרינבערג! — האט דער יונגער מענש איהם געזאָגט — יעצט עבען האב איך מיך עראינערט, זייט מיר ווילקאמען טהייערער ענגעל! וואס מאכט איהר?

— וויא געהט עס אייך, ליעבער זאבארין? — האט איהם גרינבער בעטאָנענדיג דעם „אייך״ געפרעגט.

— זעהר גוט! — האט איהם זאבארין מיט א פרעהליכע מינע ערווידערט.

גרינבערג האט מיט בעדויערן א שאָקעל געטהאן מיט׳ן קאָפּ.

— איך געפעהלט פיעללייכט ניט, טהייערער ווירטה, מיין געלענער וואס איהר שאקעלט אזוי מיט׳ן קאפ? — האט איהם זאבארין לוסטיג געזאגט — האט דעריבער קיין זארג; גליקליך איז דער מענש, וועלכער ליידעט פאר א הייליגער אידעע....

גרינבערג האט א זיפץ געטהאן.

— וואס זיפצט איהר, הערר גרינבערג? — האט זאבארין מיט דיא זעלבע פרעהליכקייט איהם געפרעגט — איהר זייט דאך א קינד פון דעם נאציאָן, וועלכער ליידעט אויך צוליעב א הייליגע אידעע, בעדארפט איהר דאך פערשטעהן און פיהלען אז איך שעץ מיך גליקליך דאס איך בין א קעמפפער פאר דיא ריינע וואהרהייט.

— איך בין מיט אייך איינשטימיג ליעבער זאבארין — האט איהם גרינבערג פינסטער געזאגט.

— היינט וואס־זשע זיפצט איהר? — האט איהם זאבארין מאכענד מיט׳ן האנד געפרעגט.

— אָה ברודערקע — האט איהם גרינבערג ביטערליך ערווידערט — איך בעדארף דאך אייך ניט ערקלערען אז אין מענשענס לעבען גיבען אמאל מאמענטען אין וועלכע ער מוז זיפצען ווען ער זאל זאגאר בעזיצען א שטיינערנע הארץ.

— איך זעה אן אייך, הערר גרינבער, אז מיט אייך איז עפעס ניט גלאט — האט איהם זאבארין מיט אן ערנסטע מינע געזאגט.

— נאך וויא ניט גלאט! אבער וואס קען מען מאכען?

— היינט דערצעהלט־זשע מיר, הערר גרינבערג, וואס בעאונרוהיגט אייך, אויב מיר איז עס ערלויבט צו וויסען — האט זאבארין איהם ערגרייפענד פאר׳ן האנד געזאגט.

— מיט מיר איז א גאנץ לאנגע טרויעריגע געשיכטע, — האט גרינבערג

בעטריבט איהם ערווידערט — וואס יעצט איז קיין צייט זיא איבעצודערצעהלען. אבער קורץ און שארף גערעדט: איך פיהל מיך זעהר אונגליקליך.

— אונגליקליך?.... א מענש וועלכער איז מיט מיר איינשטימיג, אז ליידען איז דיא פפליכט פון יעדען עהרליכען מענשען — פיהלט זיך אונגליקליך?! א, טהייערער ווירטה, איהר מוזט מיר זאגען אין וואס בעשטעהט אייער אונגליק!

— אין א סומע געלד וואס אמאליגע יאהרען איז עס געווען ביי מיר א שפיי, היינט אבער איז דאס ביי מיר א גאנצער שאץ.

— און וויפיעל?

— אין נייץ הונדערט פינף און צוואנציג רובעל, מיט וועלכע איך קען יעצט רעטען א יונגע עהרליכע און אנשטענדיגע פרוי פון אייביגע קאטערגא אין סיביר.

— אט באלד בעקומט איהר דיא סומע! — האט זאכארין איהם גאנץ רוהיג געענטפערט.

גרינבערג איז פאר איבערראשונג פון זיין שטעלע אפגעשפרונגען, ער האט ביידע הענד אויפגעהויבען אין דער הויך און האט געפיהלפאל ארויסגערעדט:

— א, גאט, דוא שיקסט דיא רפואה פאר דער מכה.

— אבוואהל איך זעה אין אייך — האט זאכארין געזאגט — אז דא האנדעלט זיך אום זעהר א וויכטיגע זאך און דאס מאכט מיר זעהר נייגיעריג עטוואס דערפון צו וויסען; אבער איך וועל עס יעצט פון אייך ניט פערלאנגען; ברייגנט מיר טינט און פעדער מיט פאפיר, איך וועל אויפשרייבען א קליין צעטעלע און איהר וועט דיא סומע בעקומען באלד וויא איהר וועט עס דעם אדרעסירטען פערזאן איבערגעבען.

— בעפאר איך טהו עס און ליידער געגען מיין ווילען — האט גרינבערג אויפ־גערעגט איהם ערווידערט — וועל איך אייך אין קורצע ווערטער דערצעהלען, אז יענע פרוי איז ביי מיר אין הויז פערהאפטעט געווארען ביי א בעפאל אין דער נאכט ווען איך האב אייך פון דעם אונגליקליכען גאלדבוים איבערגענומען. אין אוטשאסטאק האט מען געפונען ביי איהר אן אלטען פאספארט און מען האט זיך באלד געחאפט אז דאס איז דיא פרוי. וועלכע דיא פאליציי זוכט איהר שוין זייט צוויי יאהר פאר א מארדטהאט, אין וועלכען איך וויים אז זיא איז פאלש בע־שולדיגט, נור עס איז גאנץ שווער איהר אונשולד צו בעווייזען. דער פריסטאוו פון גאראדסקאי אוטשאסטאק איוואנאוו, האלט איהר פערשפארט אין זיין פריוואט וואוינונג און ווארט אויף טויזענד רובעל אויסקויף־געלד, וועלכע איך האב איהם פערשפראכען צו ברייגנען; ווערענד מיין גאנצער קאפיטאל בעשטעהט אין פינף און זיבציג רובעל. איך זאג אייך אבער ליעבער זאכארין אז איך נעהם דאס געלד פון אייך נעגען מיין ווילען, און ווען דא וואלט זיך געהאנדעלט וועגען מיין נפש וואלט איך גלייכער אליין געליטען איידער א צווייטען צו בעריהרען, אזוי איז שוין מיין כאראקטער, אבער פאר אן אונגליקליכע שוואכע פרוי מוז מען עס טהאן, זאנסט איז זיא פערלארען....

— ליעבער פריינד — האט איהם זאכארין גוטהערציג געזאגט — איהר דארפט זיך וועגען דעם גאר ניט בעאונרוהיגען, מיר זיינען לעבעדיגע מעני[illegible] אז גאט

וועט אייך העלפען, וועט איהר א מאל דאס געלד אויף א צדקה זאך אפגעבען. געהט וואס שנעלער און ברענגט מיר טינט און פעדער מיט פאפיר און געהט רעטען אן אונגליקליכע.

גרינבערג האט איהם אין איינינע מינוטען ארום געבראכט דאס שרייב-געצייג.

זאכארין האט אויפגעשריבען א קליין בריעפעל און האט עס איהם איבער-געגעבען אין א פערמאכטען קאָנווערט.

— געהט און גיט דאס בריעפעל איבער — האט איהם זאכארין געזאגט — דאס מעדכען בערטהא מאלליך, איהר מוזט אבער מיט'ן בריעף זעהר פאָרזיכטיג זיין ער בעדאַרף גלייך אהן א פערמיטלונג, צו איהר אין האנד אנקומען אז קיינער פון מאללאָך'ס הויז זאל עס ניט בעמערקען. דאס בריעפעל אין אלגעמיין איז א טרפה סחורה ווייל איך בין אויף איהם אונטערשריבען.... אלזא, ליעבער גרינבערג, איך דאַרף שוין מיט אייך דאריבער פיעל ניט ריידען, איהר ווייסט שוין וואס אייך שטעהט דא פאָר.

— איך וועל שוין דיא זאך בעזאָרגען, אז א פויגעל זאל עס ניט זעהן — האט איהם גרינבערג מיט דאנקבארע טרעהרען אין דיא אויגען געענטפערט.

ער האט דעם בריעף אריינגעלעגט אין זיין בוזים-טאַש און איז באלד פון'ם בוידים אראָפּגעקראכען.

## 10טעס קאפיטעל.

# דיא מאָרד-בּרענער.

טימאָפיי מיכיילאָוויטש טראַקטיר אין פּרעאָבראַזשענסק, אם ענדע מאָסקווא, איז ביי פיעלע פון יענעם נאכבארשאפט בעוואוסט פאר א פלאַץ, וואו עס קומען אריין ניט קיין גאנץ גלאטע מענשלאך. עס טראגט זיך צווישען דיא איינוואוינער פון יענעם געגענד א זאגע, אז דארט ווערען אין דערשטיל אפגעטהאן הימעל-שריי-ענדע פערברעכען; אָבער קיינעם איז ניט בעוואוסט אין וואָס דיא פערברעכען בעשטעהען. טימאָפיי האט ניט לאנג געהאט א קליינעם פּראָצעסעל פאר א געוויסען אנטלאָפענעם מערדער פון סיביר, וועלכען מען האט אין זיין טראַקטיר געפונען ביי א גלאָז טהעע; אבער פיעלע פּאָליציייסקע פון יענעם קווארטאל האבען אליין עדות געזאגט אויף טימאָפיי'ען, אז ער איז א בראווער, עהרליכער מאן; און אזוי וויא א מענש פון אָפענעם געשעפט, קען ווירקליך ניט וויסען ווער זיינען זיינע בעזוכער, איז טימאָפיי פאר אונשולדיג ערקלערט געוואָרען. פון דערטאָפען א קליינעם גנב'על אין א טראַקטיר, מאכט דיא פּאָליציי קיין גרויסען וועזען און ציהט ניט צו דעם ווירטה צו א פּראָצעס; נאָר אזוי וויא פון טימאָפיי'ס טראַקטיר זיינען פאר דער לעצטער צייט ארויסגעפיהרט געוואָרען ביי א צוואנציג, פינף און צוואנציג גנבים, און גראדע ניט קיין קליינע — האט טימאָפיי בעקומען א פאָרוואורף פון'ם פּריס-טאוו.... דער פּריסטאוו וויעדער האט פון טימאָפיי'ען בעקומען א פערמאכטען קאָנווערט... און פון דאמאלס אָן, איז זאגאר איין קליין גנב'על אין זיין טראַקטיר ניט אויסגעפונען געוואָרען און דיא פּאָליציי האט אין גאנצען אויפגעהערט א שמעק טהאן צו זיין טראַקטיר, וויא זיי וואלט געגצליך פערגעסען אן זיין עקסיסטענץ.

אין א זייטיגען צימער פון יענעם טראקטיר זיצען יעצט אונזערביידע בעקאַנטע פיינע יונגען איוואנקע מיט סטעפאנקען ביי א פלעשעל אצשישצעני (רייזהיסקי) און ריידען איינער צום צווייטען אין דער שטיל און שמייכלען זיך צו.

— זיי האבען געחאפט א טהייערע אפיתוקי — האט געזאגט טימאפיי צו א דויבען דיקען פערזאָן, וועלכער איז געשטאנען לעבען איהם כיים פולט און געקוקט פון דער ווייטענס אויף דיא ביידע זיצענדע אין צימער — אבער זעה נאר וואס פאר אן אויסגעמאכטע יונגען דאס זיינען, אז זיי האבען זאגאר מיר נים פערטרויט זייער געהיימניס! דיא צייטונגען שרייבען דאך, אז דער זשידאָוועקס ציערונג קאָסטען איבער זעכציג טויזענד רובעל.

— דאס איז א פערמעגען וואס אזא מענשעל וויא איך בעדארף צוליעב איהם הונדערטער שלעסער אויפברעכער — האט דער הויכער פערזאן שטיל געזאגט צו טימאפיי׳ען.

— און אז דוא, מיין ראזבאָיעוו, זאָלסט האבען שכל — האט איהם טימאפיי שמייכלענד געזאגט — איז נאך היינט זייער שאץ ביי אונז.

— ווענען דעם קלער איך דאך טאקי — האט איהם ראזבאָיעוו געענטפערט.

— נו, טא מאך קיין שיהות — האט איהם טימאפיי געזאגט — און געה צו זיי צו, און טאפ אן דעם דופק, וואו דער שאץ געפינט זיך. אבער זאלסט האבען שכל....

— אביסעל שכל קען איך נאך דיר, מיין שוואגעריל, פערקויפען — האט איהם ראזבאָיעוו שטאלץ געענטפערט.

— זאָל זיין אזוי, אבי דיא ביסעל צירונג זאל היינט זיין ביי אונז.

ראזבאָיעוו איז פון איהם אוועקגעגאנגען, ער האט זיך געזעצט ביי א טישעל לעבען זייער האלב-אפענעם צימער און האט זיך געהייסען געבען א פלעשעל בראנפען.

— עהע, איוואנושקא, צום וואהל זיין! — האט ראזבאָיעוו לויט אויסגעשריען אריינשטעקענד זיין רויטהאָריגען קאָפּ אין טהיר — דוא ווייסט? היינט איז דאך מיין געבורטס-טאָג אויף לאנגע יאהר.

— נו, טא וואס שוויינסט דוא? — האט איהם איוואנקע געענטפערט.

— וויא הייסט איך שווייג? זעהסט דוא דען נים, אז איך זיין נים ריידינג?

— אליין טרינקען איז נאך ווייניג — האט אים איוואנקע מיט א פארוואורף געזאגט.

— ווילסט דוא פיעלייכט, אז איך זאל עפיס הייבען דערלאנגען? — האט איהם ראזבאָיעוו תמ׳אָוואטע געפרעגט.

— נעווים וויל איך — האט איהם איוואנקע געענטפערט.

ראזבאָיעוו האט א געשריי געטהאן צום ווירטה, אז ער זאל אריינשיקען אין צימער א פאר פּיעשלאך מיט גוטען שנאפס און ער איז גלייך צו ביידע קאמעראדען אין צימער אריינגעגאנגען

— א, סטעפאנקע, דוא ביסט אויך דא? — האט ער זיך ווענדענדיג צו סטעפאנען געזאגט — איך האב געמיינט, אז איוואנקע איז דא אליין.

— אהן איוואנקען טהו איך מיך ניט א קעהר! — האט איהם סטעפּאנקע געענטפערט — זיץ ברודער, לאָמיר אריינגיסען לכבוד דיין געבורטס־טאָג.

ראזבאָיעוו האט אָנגעגאָסען דריי גלעזלאך און אלע דריי קאָמעראדען האבען זיי מיט א פריינדליכען „לחיים” אין זייערע מיילכלאך איבערגעקעהרט.

ער האט באַלד אָנגעגאָסען דיא גלעזלאך נאך אמאל און נאך אמאל און דיא פריינדע האבען געגאָסען וויא ניט אין זיך לכבוד זייער פריינדס געבורטס־טאָג.

— עהע טימאָפּיי! — האט ראזבאָיעוו געשריען — נאך אפּאָר פלעשלאך!

— גענוג ברודער! — האט איהם איוואנקע מיט א האלב־פערגליווערטען צונג געזאָגט — איך פיהל מיך שוין גוט בעטרונקען....

— דוא ביזט דאך עפּעס נאר א קאַליקע! — האט איהם ראזבאיעוו מיט א פאָרוואורף געזאגט — וויא ווערט עס א פּראוואָסלאָווגער בערוישט פון איין פלעשעל וואָדקי? סטעפּאנקע איז שוין טאקי מעהר מענש פאר דיר, ער האט מעהר געטרונקען און דאך האלט ער נאך זיין קאָפּ גלייך.

— ניש־קשה איוואנקא — האט זיך סטעפּאנקע אפּגערופען — איין פלעשעל קען מען נאך אריינגיסען.

טימאָפּיי אליין האט א גרויסע פלאַש אריינגעטראָגען און ווינקענדיג צו ראָזבאיעוו’ן שמייכלענד מיט דיא אויגען, איז ער פון’ם צימער ארויסגעגאנגען און האט דיא טהיר נאך זיך צוגעמאכט.

ראזבאָיעוו האט נאך אפּאר גלעזלאך פון דער פרישער פלאש אנגעגאסען און דיא פריינדע האבען זיך פון דאס ניי פערנאנדער געטרונקען און געגאָסען „וויא אויף הייסע שטיינער”.

— אָ, ראזבאָיעוויקע קרוין, — האט איוואנקע געשטאמעלט וויא מיט א נעלעהמטען צונג און זיינע רייטהע פערגלאָכענע אויגען וויא מיט בלוט האבען איהם ווילד אָנגעקוקט — מיר דוכט זיך, אז איך זעה דאָרט א מענשען.... אָי, וועה געשריען, איך זעה איהם! ... טהו נאר א קוק, אן אקאָלאָדראָטשני!....

— טאקי, אויף מיין וואָרט — האט ראזבאָיעוו שמייכלענד געזאגט — אָ, איז דאס א מאבער!.... אבער איך זעה איהם גאנץ ווייט, און וואו איוואנושקא, זעהסט דוא איהם?

— אָט זיי טאקי, ברודערקע, דא לעבען קאנאָן!.... — האט איוואנקע ערשראָקען געזאגט און האט זיך מיט ביידע הענד אנגעחאפּט אָן ראזבאיעוון.

— א ליגען זאָגסט דוא איוואנקא, — האט זיך דער שכור’ער סטעפּאנקא אפּגערופען — דא איז ניט „קרעמעל”.... דא איז א באד!.... געוואלד א באָד!

— ניין, דא איז „קרעמעל” ! — האט ראזבאָיעוו איהם איבערגעשלאגען.

— געוואלד! — האט איוואנקע געשריען זיך אייפהויבענד פון זיין שטוהל און פאלענד צוריק אויף איהם — לאמיר וואס גיכער אנטלויפען!....

— פון א באָד לויפט מען ניט, — האט סטעפּאנקע געשטאמעלט און האט זיין קאָפּ אראפּגעלאָזען צו דיא קניע.

— ניטאָ איוואנקא וואוהין צולויפען! — האט ראזבאָיעוו געשריען — קרעמעל איז פערשלאָסען....

— געוואלד ראטעוועט! — האט איוואנקע געליארעמט — ער וויל דאך אונז באַפּען....

— און ער איז טאקי גאנץ גערעכט — האט ראזבאָיעוו געשריען — א קלוגער מענש טראגט ניט אזוי פיעל צירונג ביי זיך.

— קדחת איהם! — האט סטעפאנקע זיך פלוצלינג אוועקגעשטעלט און זיך שאָקלענדיג הין און צוריק געשריען — ער וויים ניט וואו די צירונג? א קריינק וויים ער.

— אָי, ער וויים יא — האט איוואנקע ברעכענד מיט די הענד געשריען — זעהסט דוא ניט, אז ער געהט גלייך צום קאנאן!

— ער וועט ניט קענען ארויפקלעטערן — האט סטעפאנקע געשטאמעלט.

— ניין ברודערקע — האט איוואנקע געשריען — זעהסט דאך, אז ער קלעטערט! אָי, וועה געשריען.

— ער קלעטערט נאר צו אנדערע קאנאָנען — האט ראזבאיעוו געזאגט.

— ניין, צום גרויסען! — האט איוואנקע ערשראקען געליארעמט — געוואלד רעטעט!....

— באלד זייט איהר גערעטעט! — האט ראזבאיעוו געשריען און זיינע אויגען האבען געפייערט וויא ביי א ווילדען טיגער.

ער האט באלד אריינגערופען טימאפיי'ען און נאכהער וויא ער האט זיך מיט איהם איינינע מינוט גאנץ שטיל געסודעט, האבען זיי די ביידע פיינע יונגען אוועקגעטראגען אין א הינטערשטען פליגעל אין דעם הויף פון טראקטיר און זיי פערשפארט אין א פינסטערע קעמעריל.

— אום אכט אוהר אבענד מוז דער גאנצער פליגעל זיין אין פלאמען! — האט טימאָפיי געזאָגט צו ראזבאָיעווען, ווערענד זיי זיינען ביידע פון קעמערעל ארויסגעגאנגען.

— און אז די זשידאָווסקע פאמיליע, וועלכע וואוינט דארט ביי אונז, וועט פערברענט ווערען — האט זיך ראזבאיאוו אָפּגערופען — וועל איך אויך ניט זיין בדלות!.... אז מען האקט האלץ פאלען שפּענער....

— און וויא באלד זיי וועלען זיך רעטען, וועל איך שוין זעהן אז זיי זאלען אין'ם בראנד בעשולדיגט זיין! — האט איהם טימאפיי געזאגט און זיינע גרינע אויגען האבען געשאָטען פייער — שוין צופיעל זשידעס אין מאָסקווא—

— — — — — — — — — — — — — —

גאנץ פארזיכטיג מיט זאכארינס בריעף אין'ם בוזים־טאש, איז דער ארעמער יאקב גרינבערג צוגעגאנגען צו דעם רייבען מאליך'ס הויז אויף „טווערסקאיא אוליצא״. ער האט זיך ארום דער שעהנער הויז וואס קוקט אוים וויא א קייזערליכער פּאַלאַסט, איינינע מאל ארומגעדרעהט, ענדליך איז ער צוגעגאנגען צום שווייצאר און האט איהם געפרעגט צו פריילין מאליך איז צו הויזע.

— מיט א האלבע שטונדע פריהער איז זיא אוועקגעפאהרען — האט איהם דער שווייצאר געענטפערט.

— אויף לאנג? — האט גר. בערג געפרעגט.

— דאס קען איך אייך ניט זאגען — האט איהם דער שווייצאר ערווידערט — זיא איז געפאהרען אין פרעאבראזשענסקער אירדען-הויז, צו בעזוכען א קראנקען מענשען.

— א וואס פיר א גוטער צופאל! — האט זיך גרינבערג געקלערט — איך וועל איהר אין פרעאבראזשענסק ווען זיא וועט ארויסגעהן פון דול-הויז אפווארטען, און וועל איהר זאכארינס בריעף איבערגעבען.

ער האט געדונגען א דראשקע און איז גלייך אוועקגעפאהרען נאך פרעאבראזשענסק.

באלד וויא ער איז צום דול-הויז צוגעפאהרען, האט ער זיך דערוואוסט פון'ם גאס-וועכטער אז דיא שפרעך שטונדע מיט דיא קראנקע איז צווישען 8 און 9 אוהר אבענדס, און אזוי וויא איהם איז פערבליבען ביז 9 אוהר גאנצע צוויי שטונדען, איז ער אריינגעגאנגען אין טימאפיי'ס טראקטיר, וועלכער איז ריכטיג געגענאיבער דעם אירדענאנשטאלט און האט זיך געהייסען דערלאנגען א פארציאן טהיי אין א בעזונדערן צימער.

— ראזבאיעיו, — האט טימאפיי שטיל געזאגט צו זיין שוואגער — נאט האט אונז צוגעשיקט א ווילדע מציאה, א זשיד זיצט דארט אין'ם צימער, אפשר איז א סברה אז ער זאל אין דער בראנד בעשולדיגט זיין?....

— און יענע זשידעס זיינען דען הינט? — האט איהם ראזבאיעוו מיט א שמייכעל געפרעגט — דיא גאנצע וועלט זשידעס ווילסט דוא דען צוציהען צו דער בעשולדיגונג?!....

— איך וויל, פערשטעהסט דוא מיך, אז יענע זשידעס זאלען אלע פערברענט ווערען — האט טימאפיי געזאגט און זיינע אויגען האבען געפייערט — אז ניט קענען מיר נאך דורך זיי האבען א גאנצען עסק, דוא ווייסט דאך וואס זשידעס זיינען....

— דוא האסט באלד רעכט — האט איהם ראזבאיעוו נאך א קורצען נאכדענקען געזאגט — זיי וועלען אונז געוויס אנמאכען א חתונ'קע אז מיר וועלען זיך האבען צו קראצען.

— ארזא, אזוי בלייבט עס, — האט טימאפיי בעשלאסען געזאגט — דוא ראזבאיעוו מוזט זעהן אז זיי זאלען זיך ניט קענען רעטען, דער פייער מוז באלד דעם גאנצען פליגעל ארומנעהמען, און איך וועל שוין דא מאכען אז דער זשיד וואס זיצט דארט אין צימער, זאל אין דער גאנצער זאך בעשולדיגט זיין.

— דאס איז א פארטרעפליכער פלאן! — האט ראזבאיעוו ענטציקט געזאגט — דוא ביזט ווירקליך, א קלוגער טייפעל

— ארזא ראזבאיעוו — האט טימאפיי רוהיג געזאגט — נעה נעהם דיא בענזין מיט אלע פייער-געצייג און שטעל זיך אוועק אין'ם פינסטערן קארעדאר ביי דע-

טהיר פון קעמערל וואו דער פייער בעדארף צוערשט אייסברעכען, אז דוא ווערסט זעהן דורכ'ן פענסטערל לעבען דיא טרעפ אז דער זשיד געהט אין קארידאר אריין, זאלסט דוא דיין ארבייט אָפּטהאן.

— אבער וויא ווערסט דוא נאר אן אונבעקאנטען מענשען אהין אריינגאררען?

— וועגען דעם זאלסט דוא שוין זיך ניט זאָרגען — האט איהם טימאָפּיי שטאלץ געזאגט — דוא ווייסט דאך אז מיר טויגען צו א געשעפטעל.

— אלעס וועט אין פיינסטען ארדנונג אָפּגעטהאן ווערען — האט ראזבאָיעוו איהם געלאסען געזאגט און איז באלד פון איהם אוועקגעגאנגען.

אויפגערעגט און אונגעדולדיג איז יאקאָב גרינבערג געזעסען ביי א גלאז טהעע אין'ם ציממער פון טימאָפּיי'ס טראַקטיר און פינסטערע געדאנקען האבען זיין הערץ געדריקט. ער האט יעדע ווילע געזעהן זיין גאנצע פערגאנגענהייט אין טרויעריגע בילדער. ער האט זיך געזעהן אלס נייִנצעהן יעהריגער יונגער מאן אין א הויז פון רייכע און עדלע עלטערען וואו ער האט בעקומען פון קינדהייט אן א שעהנע ערציהונג; ער פערליעבט זיך אין א יונגע זעכצעהן יעהריגע הימעל-שעהנעס מעדכען פון זעהר א שעהנע הויז און עהרליכע רייכע עלטערען. דיא מיידעל איז קלוג, עהרליך און העכסט געבילדעט, אבער זיא איז צו איהם קאלט און גלייכגילטיג; ער דערגעהט אז זיא ליעבט אן אנדער יונגען מענשען, וועלכער שטעהט אין אלע פאכען פיעל נידריגער פון איהם; דיא זאך פערדריסט איהם און ער זוכט מיטלען ווי א איהר יונגעם הערץ צו ערווערבען. ער ער ערפאהרט אז זיין געגנער איז גאר א נעמיינער ניעדערטרעכטיגער שורקע, וועלכער פיהרט אין געהיים א פערברעכערישע לעבען צווישען קארטען שפּיעלער און איינפאכע בייטעל-שניידער.... ער פערטרויט עס זיין געליעבטער און ווארנט איהר פון יענעם מענשען, ער זאגט איהר זיין מיינונג אז איהר געליעבטער הייראטהעט איהר צוליעב איהר געלד, אבער זיא נעהמט עס אן פיר א ליעבעס אינטריגע, און מיט א פאר מאנאט שפּעטער געהער זיא שוין געזעצליך צו יענעם, געגען דעם ווילען פון איהרע עלטערען.... אין א פאר יאהר ארום בינגעגענט איהם זיין אמאליגע געליעבטע אויפ'ן גאס און ווייגט פאר איהם מיט טרעהרען. זיא דערצעהלט איהם אז איהר געמאל בעהאנדעלט איהר טיראניש, ער האט איהר געלד פערשפּיעלט אין קארטען און האט אריינגעבראכט אין איהר הויז א שעהנע פיאנא־לעהרערין צו וועלכער ער איז מיט לייב און זעעלע פערבונדען.... ער פאנגט אן צו האנדלען מיט איהר מאן וועגען א גט, אבער יענער נארט ביי איהם אויס א שעהנעם קאפּיטאל און נאכהער דאנאָסירט ער איהם אז ער האט פאלש דורכגעמאכט זיין פּריזיוו.... ער זעהט זיך אלס סאלדאט אין מאסקווא און פיהלט זיך אונגליקליך, מען בעהאנדעלט איהם שלעכט צוליעב זיין אידישקייט, ער ווערט אפט געשלאגען און געווארפען אין קארצער גאר אהן אן אורזאכע, ער ווערט אבער, נאך פיעלע קאסטען און מיה פון זיינע עלטערען, אין א יאהר ארום בעפרייט און מען הייסט איהם פאהרען צוריק נאך ווילנא וויל ער האט ניט דיא רעכט צו וואוינען אין מאסקווא. איהם ווילט זיך ניט צוריק פאהרען נאך זיין היימאטה וואו ער דארף ווידער זעהן דעם שארלאטאן וועלכער האט

איהם פעראונגליקט און פאר וועמען זיין אמאלינע געליעבטע אן וועלכע ער קען נאר ניט פערגעסען ליידעט אזעלכע שמערצען, ער געהמט זיך צו אן ארבייט און בעקומט אלס ארבייטער דאס רעכט צו וואוינען אין מאסקווא; ער הייראטהעט, זיין פרוי שיינקט איהם דריי שעהנע קינדער און ער פיהלט זיך שוין גאנץ גליקליך.

ער זעהט מיט איינינע טעג פריהער וויא א יונגע פרוי פערדעקט מיט א שווארצע טוך ביז דיא אויגען וואנדעלט איבער זאראדיע געגען אבענד און זוכט א שוץ פון דער פאליציי. „נור איין נאכט איבערנעכטיגען — זאגט זיא צו א אידען — אז ניט בין איך אונגליקליך"... גרינבערג בעט איהר צו זיך אין הויז און באלד וויא זיא קומט אין שטוב אריין דערקענט ער זיין אמאלינער געליעבטע!....

ער ווערט נאך יעצט זיצענדיג ביי דער טהיר פון טראקטיר איבערראשט און ערציטערט זיך עראינערנדיג אן דיא איבערראשונג וואס ער האט געהאט אין דעם מאמענט ווען זיי האבען זיך איינער דעם צווייטען דערקענט, און זיין געזיכט ווערט פון מינוט צו מינוט פינסטערער, ווען ער דערמאנט זיך אן דער געשיכטע וואס זיא האט איהם דערצעהלט אז איהר מאן און איהר איינציג קינד האט דיא פיאנאָ-לעהרערין פערגיפטעט און דער פערדאכט פון'ם שרעקליכען מארד איז געפאלען אויף איהר; צוליעב וועלכען זיא וואנדעלט שוין צוויי יאהר ארום און בעהאלט זיך פון דער פאָליציי....

עס שטעלט זיך פאר זיינע אויגען פאָר דער שרעקליכער בעפאל, וועלכען דער פריסטאַוו איוואנאָוו האט גראדע יענע נאכט געמאכט אויף זיין הויז. ער זעהט וויא מען שלעפט דער ערציטערטער שרה פיינשטיין ארויס פון איהר בעט און מען פיהרט זיא אוועק אין'ם קווארטאל.

אבער אויך א פרעהליכער געדאנק בעלעבט איהם און צוטרייבט וויא א ווינד דיא פינסטערע וואָלקענס וואס ליגען אויף זיין געזיכט פון אמאלינע עראינע-רונגען. ער האפט באלד צו זעהן פריילין מאלליך און בעקומען פון איהר דיא סומע מיט וועלכע ער קען דער אונגליקליכער אויסקויפען פון'ם פריסטאָוו.

— גוטען אבענד, בארין — האט געזאגט טימאָפיי אריינגעהענדיג צו איהם אין צימער — אויסער דיא אידישע פאמיליע, וועלכע וואוינט ביי מיר אין'ם היג-טערסטען פליגעל, האב איך שוין לאנג אין מיין טראַקטיר א אידען פאר מיינע אויגען ניט אנגעזעהן, דארום איז מיר זעהר אנגענעהם מיט אייך אביסעל צו פער-בריינגען.

— איז אין דיעזע געגענד גאר קיינע אידען דאָ? — האט איהם גרינבערג געפרעגט.

— זעהר וועניג — האט איהם טימאָפיי געענטפערט — איך קען מעהר ניט וויא דיא אידישע פאמיליע, וועלכע וואוינט אין מיין הויז און איך האב פון איהר גרויס עגמת נפש, ווייל זיא איז געבאך אזוי ארעם, אז זיא שטארבט איינפאך פאר הונגער.

— האט דיא פאמיליע גאר קיינע בעשעפטיגונג?

— שוין זייט דריי מאנאט אז דער פאטער פון יענער פאמיליע ליעגט

שטערבליך קראנק, זיין פרוי איז האלב וואהנזינניג פאר גרויס ארמוטה אוןביידע קליינע קינדער זיינען איינפאך געשוואלען פאר הונגער.

— אָ, נאַט! — האט גרינבערג מיט א שארפען זיפץ אויסגעשריען.

— מיט וויפיעל איך האב געקענט — האט טימאָפיי מיט א פרומע מינע געזאגט — האב איך זיי געשטיצט, אבער מעהר קען איך ניט, עס איז גאנץ גענוג פאר מיר וואס איך בעט ניט פון איהר פאר וואוינונג שוין זייט דריי מאנאטען; וויטער, ווייסט איהר דאך אז א מענש האט איינע ווענען צו שטיצען און דערצו בין איך נאך א בעווארפענער מיט א גרויסע פאמיליע און דיא געשעפטען זיינען ניט אם בעסטען.

— עס איז פון אייך זעהר שעהן און ערהאבען וואס איהר האט מיט דיא אונגליקליכע ביז היינט געטהאן — האט גרינבערג מיט געפיהל געענטפערט — יעצט וועל א יך מיך בעמיהען פאר דיא אונגליקליכע צו זארגען, און איך וועל ווענען זיי מעלדען דער אידישער געמיינדע.

— דארום טאקי האב איך מיט אייך פערפיהרט א געשפרעך — האט איהם טימאָפיי ערווידערט — איהר בעדארפט אבער בארין וויסען, אז איין קינד האלט דארט איינפאך ביים שטארבען און מען מוז צו איהר באלד האבען א דאקטאר; איך קען מיר מיט זיי ניט צוזאמענריידען וויל זיי פערשטעהן קיין רוסיש, און עס וואלט זעהר שעהן זיין פון אייער זייטע, ווען איהר וואלט זיך דיא מיה געבען מיט זיי זיך דורכצורעדען און מיר ערקלערען פיעללייכט איז מעגליך מען זאל דאס קינד אבגעבען אין האספיטאל.

— וואו וואוינען זיי? — האט גרינגבערג זיך אויפהויבענד פון זיין שטעלע געפרעגט.

— אָט גלייך פון דיעזער טהיר ארויסגעהענדיג אין הינטערשטען פליגעל, אז איהר ווילט קען איך אייך ביז צו דער טהיר צופיהרען.

— קומט! — האט איהם גרינבערג מיט א פעסטען טאן געזאגט — אונגליק-ליכע מוז מען רעטען.

טימאָפיי האט איהם ארויסגעפיהרט אויפן הויף און האט איהם אנגעוויזען מיטן פינגער וואוהין צו געהן.

גרינבערג איז צוגעגאנגען צו דער פראָנט-טהיר פון'ם הינטערשטען פליגעל, און איז גלייך אריינגעגאנגען אין דעם פינסטערן קאָרידאָר. ער האט זיך גענומען אַנ-רייבען א שוועבעלע — — אבער פלוצלינג איז איהם ליכטיג געווארען אין דיא אויגען פון א העלליכטיגע פייער, וועלכער האט אין דיעזען מאָמענט אויסגעבראכען פון אלע פיער זייטען קאָרידאָר; ער איז מיט טוידט-שרעק הינטער זיך אפגעשפרונגען און איז אריינגעפאלען אין א פאר גראבע הענד, וועלכע האבען איהם פעסט ערגריפען און א ווילדע שטימע האט אין זיינע אויערן געקלונגען:

— איך האב דיך דערטאפט ניעדערטרעכטיגער, מאָרד־ברענער!

— געוואלד! געוואלד! פייער! פייער! רעטעט! רעטעט! — האבען זיך

נעהערט שרעקליכע קולוה פון'ם הויז, וועלכע איז באלד נעשטאנען אומגערינגעלט מיט פלאמען.

— א מארד! א מארד־ברענער! — האט טימאפיי האלטענדיג פעסט גרינ־בערגען אין זיינע גראבע לאפעס געשריען — עהע! פאליציי! עס ברענט! מענשען! רעטעט!

— רעטעט! רעטעט! — האט ראזבאיעוו געשריען ארומלויפענדיג אויפ'ן הויף — מענשען ווערען לעבעדיג פערברענט! געוואלד רעטעט! זיי ברענען! לעבע־דיגע קליינע קינדערלאך!....

— קאראאול! קאראאול! קאראאול!

## 11טעס קאפיטעל.

## א טיגערין אין מענשען־געשטאלט.

מיט צוועלף יאהר צוריק איידער אונזער ערצעהלונג פאנגט זיך אן, איז וואסילי פעטראוו אדער סערגיי פאטאמקין, נאך זיין יעצטיגען פאספארט, פערשיקט געווארען מיט זיינע אן אינגערע שוועסטער נאך סיביר. פעטערבורגער געהיים־פאליציי האט אויסגעפונען אז זיי זיינען ביידע געשטאנען אין פערבינדונג מיט א רוסישען ניהיליסט אין פאריז, וויל אין א בריעף וואס מען האט ביי זיי אויסגעפונען, האט זיי דער פאריזער געבעטען זיך צו זעהן מיט איינעם א פרוסאקאוו ועגען יענעם געגענשטאנד.... מען האט באלד וואסילי פעט־ראוו מיט זיין שוועסטער אננא ארייגעווארפען אין „פעטרא־פאוולסקאיא קרע־פאסט" און אנגעהויבען ביי זיי חוקר ודורש זיין ווער איז דער בריעף־שרייבער, ווער איז פרוסאקאוו און וואס איז יענער געגענשטאנד? דיא אונגליקליכע האבען ערקלערט אז דער שרייבער אויס פאריז איז א יונגער דאקטאר, וועלכער פערפאל־קאמט זיך דארט אין דער מעדיצי', אז פרוסאקאוו איז א שדכן אויף „ליטייני פראספעקט" און יענער געגענשטאנד איז א מיידעל מיט פערציג טויזענד רובעל נדן. אויף „ליטייני פראספעקט" האט זיך טאקע אויסגעפונען א שדכן מיט'ן נאמען פרוסאקאוו און דער שדכן האט דייטליך געזאגט אז וואסילי פעטראוו מיט זיין שוועסטער אננא, האבען איהם טאקע בעזוכט וועגען יענעם געגענשטאנד, אבער דיא פאליציי האט דערווייל ערהאלטען א בעריכט פון איהרען א שפיאן אין פאריז, אז יענער יונגער דאקטאר, האט איינינע מאל בעזוכט א ניהיליסטישע קאפע־הויז, און אין פעטערבורגער כעמישען פאקולטעט האט זיא גראדע אויסגעפונען נאך איינעם א פרוסאקאוו, ביי וועלכען זיא האט דערטאפט א דינאמיט באמבע מיט רעוואלוציאנערע פראקלעמאציאנען.

דיא פארשטעהער פון מאנארך, האבען זיך באלד צוזאמענגעקליבען אין „טרעטאיע אטדעלעניע", זיי האבען זיך אויף א קליינע ווילע פערטראכט און עס איז בעשלאסען געווארען אז דער יונגער דאקטאר אין פאריז איז א ניהיליסט, פרוסאקאוו איז טאקע א שדכן; נור ניט פרוסאקאוו דעם שדכן נור פרוסאקאוו דעם באמבע־מאכער האט ער דער ניהיליסט אין זיין בריעף געמיינט, און א בעוויין

דערצו איז אז דער בריעף-שרייבער איז א ז׳אקטאר און פעטראוו איז אויך א דאקטאר. אלזא, זאל ער מיט זיין שוועסטער וועלכע זיינען געשטאנען אין פערביני דונג מיט א באָמכע מאַבער, געהן אויף פיער יאהר קאטערגא אויף סאבאלין און נאכהער אויף אייביגע קווארטיר אין אירקוטסק.

דיא זאך איז אפגעטהאן געווארען. דיא אונגליקליכע, ברודער און שוועסטער האבען דיא פיער יעהרינע קאטערגא קוים מיט׳ן לעבען דורכגעמאכט און זיי האבען זיך נאכהער בעזעצט אין אירקוטסק. דארט זיינען זיי בעקאנט געווארען מיט אנטאן מאַראָזאָוו, גרעפין מאריא אנדריאנאוואַ׳ס ברודער, און מיט א קורצע צייט שפּעטער האט ער געהייראַטהעט דער אונגליקליכער אננא פעטראָוונא.

אנטאן מאַראָזאָוו מיט זיין שוואגער וואסילי פעטראָוו, וועלכע האבען ביידע דורכגעמאכט פעטערבורגער מעדיצינישען פאַקולטעט, האבען זיך ערנעהרט אין אירקוטסק מיט נ ע ה י י מ ע פּראקטיקע ביי קראנקע און בעקאנטע עהרליכע הייזער. דיא רוסישע רעגיערונג האט פון זיי אוועקגערויבט דאס רעכט זיך צו בעשעפטיגען מיט׳ן מעדיצינישען פאך. זיא טהוט עס געוועהנליך מיט אלע איהרע פּאָליטישע אָפּפער. איהר איז וועניג זייער ק ע ר פּ ע ר ל י כ ע ר טוידט אין דעם קאלטען ווילדען סיביר, זיא טוידטעט זיי אויך ג י י ס ט י ג; זיא זאָרגט זיך פיעללייכט ווען אימיצער פון זיי מאכען א לעבען, און ל ע ב ע ן אין גלות טאָר מען ניט. אז מען לעבט ד ע נ ק ט מען, אז מען ד ע נ ק ט, ט ה ו ט מען און פיר א ט ה א ט ציטערט רוסלאנד וויא אין פיבער און זיא פערשיקט איידער מען טהוט נאך עפּעס—אין דעם ווייטען סיביר.

ביידע שוואגערס האבען זיך אין דער שטיל געקויפט א נאמען פאר גוטע און ערפאהרענע ערצטע אין א געוויסען קווארטאל פון אירקוטסק. פּאָלקאָווניק אלעקסאנדראָוו, וועלכער איז געשטעלט אכטונג צו געבען אויף דיא פערשיקטע, האט דערפון געוואוסט; אבער ער האט עס פערשוויגען אבוואָהל ער האט געהאט א נאמען ביי דיא פערשיקטע פאר זעהר א שטרענגען און גרויזאמען טשינאָווניק. ער אליין פלעגט זאגאר קיינע אנדערע ערצטע בעשעפטיגען אין זיין הויז, ער האט זיי נאך מאנכע מאל געלויבט פאר אנדערע טשינאָווניקעס, וועלכע האבען ווירקליך אויסגעפונען אז דיא ערצטע פערשטעהען גוט זייער פאך און נעהמען צו א „קראנקהייט וויא מיט דער האנד״.

מיט א האלב יאהר פריהער וויא אונזער ערצעהלונג פאנגט זיך אן, גאנץ שפּעט אין א פינסטערע נאכט, האט זיך געהערט א קלונג אין דער טהיר־גלאָקע פון אנטאָן מאָראָזאָוו׳ס וואוינונג.

— וואס ניכער איהר מיט אייער שוואגער צום פּאָלקאָווניק — האט איהם גאנץ שטיל געזאגט א מאן ווען ער האט דיא טהיר אויפגעמאכט.

— וואס האט געטראָפען ? — האט איהם מאָראָזאָוו איבערראשט געפרעגט.

— וואָס ניכער הערר מאָראָזאָוו, צום פּאָלקאָווניק ! — האט דער מאן פּאָרטגעזעצט און האט שווער געאטהעמט — עס איז קיין צייט צו דערצעהלען.

מיט א פירטעל שטונדע שפעטער זיינעןביידע שוואגערס געשטאנען ביי׳ם פּאַלקאָווניק אין פאַרצימער.

דער פּאַלקאָווניק האט זיי באלד אריינגעפיהרט אין א וויטען אבגעלייגטען צימער פון זיין גרויסען וואוינונג, און פאר זייערע אויגען האט זיך פאַרגעשטעלט א שרעקליכער, הערצרייסענדער בילד: צוויי יונגע מענשען בלאסע וויא דיא קאלך זיינען געלעגען איינער לעבען אנדערען אויף צוויי בעטלאך און דיא ליילאכער אונטער זיי זיינען געוועזען בענאַסען פון אלע זייטען מיט בלוט.

— רעטעט! — האט דער פּאַלקאָווניק מיט א שטילע אבער הערצריהרענדע שטימע צו זיי געזאגט — זיי זיינען ערשאָסען.

ביידע ערצטע האבען זיך באלד א נעהם געטהאן צו דיא קראנקע, און נאך א שטונדע שווערע ארבייט האבען זיי ארויסגעקריגען פון זייערע קערפּער פיער רעװאָלווער-קוגלען.

זיי האבען באלד אויף דיא וואונדען געלייגט א באנדאַזש און ביידע פער-וואונדעטע האבען געעפענט דיא אויגען.

— קיין געפאהר, הערר פּאַלקאָווניק, — האבען דיא ערצטע צו דעם צערשמע-טערטען אלעקסאנדראוו געזאגט. דיא בלוט פערלוסט איז זאַגאַר א גרויסע, אבער זיי וועלען ביידע בלייבען לעבען און וועלען מיט דער צייט זיין געזונד.

דער פּאַלקאָווניק האט באלד נאכ׳ן בעפעהל פון דיא ערצטע, אריינגעטראגען א פלעשעל קאָניאק און דיא דאָקטורים האבען אייניגע טראָפּען געגעבען דיא קראנקע.

— קען מען זיי דא אויף א פירטעל שטונדע אַליין לאזען? — האט דער פּאַלקאָווניק געפרעגט דיא ערצטע.

— רוהע איז יעצט פאר זיי זעהר נעטהיג — האבען דיא ערצטע איהם ערווידערט.

— אלזא, לאמיר אריינגעהן אין א צווייטען צימער, — האט דער פּאַל-קאָווניק בעטריבט געזאגט.

זיי זיינען אלע דריי אריינגעגאנגען אין אן אנדער צימער.

דער פּאַלקאָווניק איז א היבשע ווילע געשטאנען אהנע בעוועגונג און זיינע אויגען האבען געפייערט, פּלוצלינג האט ער א לייכטען ציטהער געטאהן און וויא ניט מיט זיין שטימע אויסגעשריען:

— איך דאנק אייך, אונגליקליכע, פון טיעפסטען הערצען, איך דאנק אייך אים נאמען דער מענשהייט און אים נאמען פון אונזער הייליגע אידעע צו פערניכטען ראָמאנאָוו׳ס קינדער און בעפרייען אונזער פאטערלאנד פון דער טיראנישער זעלבסטהערשונג!

ביידע דאָקטורים זיינען געווארען אויפגעציטערט, זיי האבען מיט ווילדע בליקען אנגעקוקט דעם פּאַלקאָווניק.

—איך וויים ברידער, וואס ביי אייך אין הארצען קומט יעצט פאָר! — האט אלעקסאנדראָוו פייעריג געזאגט — איך וויים וויא שרעקליך, וויא שוידערהאפט

זעהט אייך היינטיגע נאכט אויס, און וויא זאנדערבאר און רעטהזעלהאפט עס קלינ־ גען מיינע ווערטער אין אייערע אויערן! אבער ווייכט ברידער, אז אייערער א הייסער ברודער, א געפיהל־פאָלער גענאָסע, וועלכער נעהמט דעם שווערסטען אנטהייל אין אייער אונגליק און אין דאס אונגליק פון אונזער גאנצען פאָלק שטעהט פאר אייך אין א מונדיר פון א פּאָלקאָווניק, אין א פעל פון א טיגער, אין א געפלעקטע הייטעל פון א שלאנג! איך בין ניט דער שטרענגער גרויזאמער פּאָלקאָווניק אלעקסאנדראָוו, פאר וועלבען דיא ארעסטאנטען ציטערן נעבאך, איך בין ניט דער ניהיליסטישער פערפאלגער און פעררעטהער, נאר איך בין דער וואַ־ רעמער מענשענ־פריינד, דער הייסער אנהייננער פון דער הייליגער אידעע צו בעפרייען רוסלאנד פון דיא טיראנישע הערשונג, פריי צו לאזען הונדערט מילליאָן פער־ שקלאפטע, ניעדערגעשלאגענע און אין טיעפען זומפ פערזונקענע קנעכט פון דער פערברעכערישער געזינדעל, וועלבע פערפאלגט זיי און פעראכטעט זיי מיט אן אייי־ זערנעם פויסט!....

— אָ, פּאָלקאָווניק! — האבען ביידע ערצטע מיט טרעהרען אין דיא אויגען געשטאמעלט.

— רופט מיך ניט פּאָלקאָווניק! — האט אלעקסאנדראָוו זיי קוקענד אין דיא אויגען מיט א מינע פון א פארוואורף געזאגט — דא אין מיין צימער בין איך ניט קיין טיגער, ניט קיין קראקאדיל, דא בין איך א מענש, א פרייהייטס־קעמפפער מיט אלע עהרליבע מענשען צוגלייך!.... רופט מיך ברודער, רופט מיר גענאסע, ווייל דאס בין איך, ניט נור פון היינטיגען טאג, זאנדערן שוין יאהרען לאנג, נאך בעפאר איך האב מיין שטעלע אלס טיגער בעטרעטען.

— אָ, גאט!

— אָ, אלמעכטיגער!

— וואונדערט זיך ניט ברידער! — האט דער פּאלקאָווניק ווייטער פאָרטגע־ זעצט — דיא פּאָרזעהונג (השגחה) האט מיך אהער געבראכט, אום עטוואס צו פערקלענערען דעם גרויסען אונגליק פון אונזער פערשקלאפטען פאלק. זייט איך בין אויף מיין אמט אנגעשטעלט האט מיר געלונגען אביסעל צו פערלייכטערן דיא ביטערע לאגע פון דיא פערשיקטע אין דיעזען ווילדען געגענד. פיעלע ארעסטאנטען האב איך מיט מיין שטרייננע ראָליע און מיט געהיימע מיטעל גערעטעט איינפאך פון טוידט, און פיעלע האב איך געגעבען דיא מעגליכקייט צו אנטלויפען פון אייבי־ גען ליידען אין דעם ניהנם'דיגען סיביר. אט, ניט ווייט פון אייך אין צווייטען צימער ליענען אלס לעבעדיגע צייגע צוויי אונגליקליכע! ווייסט איהר ווער זיי זיינען? צוויי אנטלאפענע ניהיליסטען פון קאטארגא, וועלבע איך האב שוין לאנג אפגעוואַרט אין אירקוטסקען וואלד, אום זיי צו רעטען. מיין עקיפּאַזש מיט דריי פון אונזערע גענאסען, האבען זייט צעהן טעג ניט אויפגעהערט ארומצופאהרען דעם וואלד אום דיא אונגליקליבע צו עמפפאנגען; צום אונגליק אבער האבען דיא אונגליקליכע ביי זייער אנקומען אין אירקוטסק, אויסגעשטאנען א קאמפף היינט אום צוועלף ביי נאכט אין פינסטערן וואלד. איינינע זשאנדארען האבען זיי צופעליג געטראפען און

האבען זיי פערוואונדעט. מיינע מענשען אבער, דינען בעפאלען דיא ושאנדאַרען פון הינטען און האבען דיא אונגליקליכע פון זייערע הענד בעפרייט....

— איהר זייט גאטס אן ענגעל! — האבען ביידע שוואגערס מיט געוויין אויס־גערופען.

— ניין, איך בין א מענש! — האט דער פאלקאווניק ווייטער גערעדט — און פרייהייטס־קעמפפער, טארן ניט ענטציקט ווערען פון א וואהלטהאט, וואס יעדער אנשטענדיגער, עהרליכער מענש איז פערפליכטעט צו טהאן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

פון יענער נאכט אָן זיינען ביידע שוואָגערס פערבונדען געוואָרען מיט לייב און זעעלע צו זייער נייעם געהיימען גענאָסע. ער האט זיי באלד בעקאנט געמאכט מיט א געהיימע געזעלשאפט, וועלכע איז געשטאנען אין פערבינדונג מיט'ן צענטראל־קאָמיטעט אין פעטערבורג און האבען געהאט א געהיימען בעשלוס צו ערמאָרדען דעם רוסישען דעספאט מיט א היבשע טהייל פון זיין געזינדעל ביי זיין קאראנאציע אין מאָסקווא.

צו דיעזען ציעל און נאך אנדערע וויכטיגע געהיימניספאלע שטרעבונגען האט פעטערבורגער צענטראל־קאָמיטעט ארויסגערופען פון יעדע שטאדט, וועלכע האט מעהר אלס צעהן מיטגליעדער — איין דעלעגאט; און אזוי וויא אירקוטסקער געזעל־שאפט, האט געצעהלט מעהר אלס פינף און צוואנציג מיטגליעדער, האט זיא בע־דארפט ארויסשיקען איהרען א פאָרשטעהער צו פעטערבורגער געהיים־בונד. עס איז געהאלטען געוואָרען ביים פאָלקאָווניק אין הויז א ראטה און דיא געזעלשאפט האט ערוועהלט וואסילי פעטראָוו'ן, אלס איהרען א דעלעגאט.

מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט האט דיא געהיימע געזעלשאפט ארויסגעשיקט פעטראָוו'ן פון אירקוטסק. זיא האט איהם גענעבען א פאספאָרט מיט א נייעם נאָמען סערגיי פאָטאָמקין און אויסער דעם האט זיא איהם קיינע אנדערע דאָקו־מענטען ניט מיטגעגעבען אויס פורכט פאר א שלעכטען צופאל. ער האט מיטגע־נומען א קליין בריוועל פון זיין שוואגער מאראזאוו, צו זיין שוועסטער, גרעפין מאריא אנדריאנאָווא; אָבער אין איהם איז קיינע נעפעהרליכע זאכען ניט געשריעבען גע-וואָרען. דער בריעף האט ענטהאלטען פאָלגענדעס:

„ליעבע טהייערע שוועסטער!

„דיעזער מאן, הערר סערגעי פאָטאָמקין, איז מיין ווערטהער שוואָגער איבער וועלכען איך האב דיר שוין אייניגע מאל געשריעבען. עס פרעהט מיך זעהר דאס דוא האסט דיא געלעגענהייט זיך צו זעהן מיט א מענשען, וועלכע זיין ווירדיגע שוועסטער האט פערזיסט מיין ביטערן לעבען אין גלות. איך גריס הערצליך דיינע טהייערע קינדער. דיין ברודער, אנטאָן".

אויסער דיעזע אייניגע געצעהלטע ווערטער, האט דער בריעף ניט ענטהאל־טען. עס איז זאגאר נאכ'ן ווארעמען אויסרוף „ליעבע שוועסטער" ניט געשריעבען געוואָרען איהר נאמען, און וואו זיא וואוינט איז אויפ'ן קאָנווערט ניט ערגינערט געוואָרען.

צוגעפּארבט זיין בלאָנדען באָרד אויף שוואַרץ, און מיט א פרעמדען פּאס־פּאָרט אין בוזים־טאַש, האט וואסילי פעטראָוו דורכגעמאכט די גרויסע רייזע פון אירקוטסק ביז ניזשני נאָווגאָראָד אהן בעזאנדערע צופעלע. ער איז מיט קיינעם זין דער ווענגס ניט בעקאַנט געוואָרען און האט קיינעמס בעקאַנטשאַפט ניט געזוכט. אין ניזשני אבער איז ער אונווילענד בעקאַנט געוואָרען מיט א יונגע דאמע דורך א בעזאנדערן און ניט קיין גאַנץ הימליבען צופאַל.

ער איז הערונטערגענאַנגען פון דאַמפּפער „קאָנסטאַנטין“ אום פיער אוהר נאָך מיטאָג, און אזוי וויא דער צוג פון ניזשני נאָך מאָסקווא, געהט אָפּ אום צעהן אוהר אבענדס, האט ער זיך בעשלאָסען צו בעזוכען דעם זוהן פון דעם רייכען קאזאק אָבוחאָוו, וועלכער איז געווען א הייסער גענאָסע צו דער ניהיליס־טישער געזעלשאַפט און האט אין געהיים פערשווענדעט פיעלע צעהנדליגע טויזענדער, צו פּראָפּאגאַנדירען מיט דער הייליגער אידעע צווישען די בויערן ביי דער וואָלגא, נאָך אין יאָהר 1873. ער האט געוואוסט, אז דער זוהן בעשעפטיגט זיך אין דער שטיל מיט דער אידעע פון זיין פערשטאָרבענעם פאָטער און ער איז א מיטגליעד צו פעטערבורגער געהיים־בונד. פעטראָוו איז מיט ראַשע טריט דורכגעגאַנגען איי־ניגע שטילע גאַסען, און פון דאָרט איז ער ארויף אויף מאָסקאָווסקאיא אוליצא, וואו ער האט גאַנץ לייכט אויסגעפונען אָבוחאָווס גרויסע הויז. ער איז אריינגעגאַנ־גען דורך דער פראָנט־טהיר אין פאָר־הויז און האט געפרעגט דעם שווייצאר צו ער קען זעהן דעם ווירטה ניקאָליי אָבוחאָוו, דער שווייצאר האט א שטאַרקען זיפץ גע־טהאן און האט געענטפערט:

— וויא איך זעה, באַרין, זייט איהר געווים אין ניזשני א גאַסט.

— וויא אזוי זעהט איהר עס? — האט איהם פעטראָוו אויפגערעגט געפרעגט.

— ווייל גאַנץ ניזשני נאָווגאָראָד קלינגט מיט מיין ווירטה'ס אונגליק — האט איהם דער שווייצאר זיפצענד ערווידערט — נעכטען אום דריי אוהר ביי נאכט, האט איהם די פּאָליציי פון'ם בעט ארויסגעשלעפּט און אריינגעוואָרפען אין פינ־סטערן קערקער.

פעטראָוו איז ערציטערט געוואָרען און האט זיך באַלד אומגעדרעהט צום טהיר.

— ניין באַרין, — האט איהם דער שווייצאר מיט א בעדויערענדע מינע גע־זאָגט — ניט דורך דיעזע טהיר בעדאַרפט איהר צוריק ארויסגעהן. אונזער הויז איז אומגערינגעלט מיט געהיימע אַגענטען; קומט איך וועל אייך ארויספיהרען.

דער שווייצאר האט דורכגעפיהרט דעם ערציטערטען פעטראָוו א לאַנגען פינסטערן קאָרידאָר און איהם אריינגעפיהרט אין א גרויסען גאָרטען און נאכהער וויא ער האט דורך א שפּאַלט פון פּאַרקאַן בעקוקט די גאַס, האט ער פעטראָוו'ן דורך א קליינע טהירעל ארויסגעלאָזען אויפ'ן גאַס.

— געהט גלייך און קוקט זיך ניט אום — האט ער איהם שטיל ביים ארויס־לאָזען געזאָגט — און גאָט זאָל אייך היטען.

צערשמעטערט און נידערגעשלאָגען איז וואסילי פעטראָוו אוועקגעגאַנגען ניט

וויסענד וואוהין צוגעהן און וואס צוטהאן, אום אויסצומיידען דעם געפאהר פון גע־היימע פערפאלגער. ער האט אבער זיין פערשטאנד ניט פערלאָרען און זיין קאפּ האט געארבייטעט פלענער, וואו זיך אהינצוטהאן ביז צעהן אוהר אבענד - און וויא זיך צו רעטען פון דיא שפּיער־הינד. ער האט געפאסט א בעשלוס, זיך אומקעהרען צום דאמפּפער „קאָנסטאנטין" און אהין אריינגעהן מיט אן אויסרייד, אז ער האט דארט פערגעסען זיין רייזע־טאַש.

ער איז צוגעגאנגען צו דער וואָלגא און איז מיט'ן ברעג טייך געגאנגען גאנץ געלאסען ווארפענד זיינע בליקען אויפ'ן שטילען רוהיגען געגענד, וואו מען זעהט ניט זאגאר איין מענשען.

— איך דענק, אז איך בין געבליעבען אונבעמערקט — האט ער זיך געקלערט און האט אנגעהויבען ראשער צו געהן.

פּלוצלינג האט ער דערזעהן פון דער ווייטען וויא א דאמע פון מיטלען וואוקס, פערהילט אין שווארצע קליידער, געהט צו מיט ראשע טריט צום ברעג טייך. זיא נעהמט ארויס א שטיקעל פּאפּיער פון איהר שווארצע קלייד און שרייבט אויף איהם מיט א בליי־פעדער. זיא ווארפט דאס שטיקעל פּאפּיער אויפ'ן באדען און אליין נעהמט זיא זיך ווארפען אין טייך אריין.

זיין הארץ האט אנגעהויבען שטארק צו קלאפּען און ער האט האסטיג אנגע־פאנגען צו לויפען צו דער אונגליקליכער דאמע. דיא פרוי האט דערווייל אריבער־געקראָכען דעם אייזערנעם צוים און האט זיך איינגעבויגט מיט'ן גאנצען קערפּער אויסשפּרייטענד איהרעביידע הענד אין דער הויך.

— האלט! — האט פּעטראָוו אויסגעשריען איהר ערגרייפענד פעסט פאר איהרע ראבען־שווארצע לאקען און ניט צו ווארטענד איין מאָמענט, האט ער זיא אריבערגעשלעפּט צו זיך איבערן אייזערנעם צוים.

— מערדער! — האט דיא פרוי מיט טרעהרען אין דיא אויגען אויסגעשריען.

— מעגליך, אז איך בין עס — האט איהר פּעטראָוו אויפגערעגט ערוויעדערט. מעגליך, אז מיט מיין רעטען אייך, האב איך טאקי בעגאנגען א מארד; עס גיעבען אויף דער וועלט אונגליקליכע, וואס נור דער טוידט איז זייער בעסטער און גע־טרייסטער רעטער; אָבער צו זעהן וויא א מענש ערמאָרדעט זיך, איז קיינער ניט אין שטאנד. דיא גערעכטיגקייט לעהרע־ ־ אונז, אז מיר מוזען גאר אהנע נאכדענ־קען, צו מיר מאכען ערגער אדער בעסער — רעטען א מענשען פון'ם טוידט.

פּעטראָוו האט ביים ענדיגען דיא לעצטע ווערטער זיך איינגעבויגט צום באָדען און האט אויפגעהויבען דאס אויפגעשריבען שטיקעל פּאפּיר.

דיא פרוי האט שווער געאטהעמט און ווערענד ער האט געוואלט דעם שריפט דורכלעזען, האט זיא זיך ווידער א וואָרף געטהאן צום טייך.

— ניין, ווערטהע פרוי! — האט פּעטראָוו איהר אנחאפּענד פאר'ן האנד געזאנט — אין מיין געגענווארט וועט איהר זיך דאס לעבען ניט נעהמען!

— איהר מאכט מיך אונגליקליך! — האט דיא דאמע וויינענד איהם גע־זאגט -- לאזט מיך אונבעקאנטער מאן זיך רעטען!

זואסילי פעטראוו איז דורכגעלאפען מיט דיא אויגען דיא איינינע געשריבענע ציילען אין דעם שטיקעל פאפיער.

— אָ גאָט! — האט ער איבערראשט אויסגעשריען — איהר זייט עס מאדאם אבוחאָווא!

— פערשטעהט איהר שוין, אז נור דער טוידט איז מיין איינציגער רעטער? האט דיא יונגע דאמע מיט א פאָרוואורף איהם געזאָגט.

— ניין, מאדאם אָבוחאָווא — האט איהר פעטראָוו העכסט אויפגערעגט ערוויעדערט — א מענש מוז קעמפפען מיט'ן ביטערן שיקזאל, א מענש מוז ליידען און האפען.

— האָפען? — האט דיא פרוי ביטערליך געלאכט — מיין מאן ווערט מאָרגען אום צוועלף אוהר אין קערקער געהאנגען.... איך ווער פון דיא טיראנען געזוכט שוין איינינע שטונדען און עס ערווארטעט מיך דער זעלבער גאלגאן...

דיא פרוי האט זיך פערהאקט און א שטאַרקער הערצרייסענדער געוויין האט זיך אויסגעריסען פון איהר ברוסט.

פעטראָוו איז ערציטערט געוואָרען. עס האט איהם געוואָרפען א צאָהן און א צאָהן, ער האט פאר גרויס קלעמונג און קרענקונג ניט איין ווארט געקענט ענטפערן.

— קומט! — האט ער מיט א ציטערענדע שטימע צו איהר נאך א קליינע פויזע געזאגט.

— אָ, ניין, אונבעקאנטער מאן — האט איהם דיא פרוי מיט א פעסטע שטימע ערוויעדערט — דא מוז איך שטאַרבען!

— ניין, מאָדאם אָבוחאָווא! — האט פעטראָוו איהר ערגרייפענד פאר'ן האנד געזאג — איהר האט נאך צייט דערצו.... דא, וועט איהר ניעמאלס פערזאמען, קומט מיט מיר, איך בין אויך אן אונגליקליכער, לאמירביידע דולדען און האָפען.

דיא פרוי האט מיט א ווייסע שנופ־טיכעל אפגעווישט דיא טרעהרען פון איהרע רונדע ראזעווע באקען און האט זיך פערטראכט.

— קומט! — האט איהר פעטראָוו ווידער געזאגט — לאָמיר זיך אביסעל דורכריידען.

— איידער ארייצופאלען אין דיא הענד פון דיא פאָליציי־באנדיטען — האט איהם דיא פרוי שוין עטוואָס רוהיגער געזאגט — איז פיעל גלייכער דער טוידט. לאזט מיך, עדלער מענש, שטארבען פרייוויליג.

— ניין, קומט מיט מיר! איך וועל זוכען פאר אייך א רעטונג, איך וועל מיך בעמיהען צו מאכען פאר אייך דאס לעבען אנציהענד, אָבוואהל איהר זייט אונגליקליך. אונגליקליכע מענשען בעדארף אויך דיא מענשהייט האבען, זיי זיינען פיעל מעהר פעהיגער אלס גליקליכע עטוואָס גוטעס אויפצוטהאן אין דער פערדארבענער וועלט.

און אום צעהן אוהר אבענס האבען זיך צווישען אלע פאסאזשירען אין צוג

וואס פיהרט נאך מאסקווא אריינגעזעצט צוויי בויערן מיט צופלאַכטענע צוקודלעטע בערד און מיט לאנגע פאַדיאַווקעס פערגארטעלט מיט רויטע גארטלען און זיינען נאכ'ן דריטען קלונג מיט אלע צוגלייך אוועקגעפאָהרען.

ביידע בויערן האבען דיא גאנצע וועג איינער צום אנדערן זעהר ווענינ גע־רעדט און אז דער צוג האט זיך אין מאסקווע ביים וואקזאל אפגעשטעלט, האבען זיי ארויפגעלייגט זייערע זעקלאך אויף דיא פלייצעס און זיצען אריין אין וואקזאל.

— דיא רייזע האט אונז גוט אפגעגאַלטען — האט דער העבערער בויער גאנץ שטיל געזאגט צום נידעריגערן — הלואי ווייטער....

— און איך האב מיך מורא פאר דיעזען זשאנדאר! — האט דער קלענערער בויער איהם געענטפערט מיט א קלינגענדע פרויען שטימע אנווייזענד מיט'ן פינגער אויף א זשאנדאר, וועלכער איז ניט ווייט פון זיי געשטאנען.

דער העכערער בויער איז לייכט־בלאס געווארען און ער האט מיט אן ער־שטוינען ערשראַקענע מינע א קוק געטהאן אויף זיין קאמעראד און איהם געווינקט מיט דיא אויגען.

— איך וויים ניט, ווארום האסט דוא זיך פעטראָוו, אזוי ערשראָקען? — האט דער בויער אראָפּרייסענד פון זיך זיין באָרד אויסגעשריען — א פרייהייטס־קעמפפער אין רוסלאנד מוז זיין בעשלאסען אויף אלעס....

און אין דיעזען מאמענט האבען פעטראָוו'ן אומגערינגעלט איינינע זשאנדארען.

— בעזוכט דעם שורקע! — האט דיא פרוי געזאגט מיט א שטרענגען טאָן.

— שלאנג! — האט זיך פון פעטראָוו'ס ברוסט א הערצרייסענדע שטימע אויסגעריסען.

— ניין, מאדאם אבוחאווא! — האט דיא פרוי גיפטיג געלאכט.

דיא זשאנדארען האבען באלד פון זיין בוזים־טאש ארויסגענומען אנטאן טאראזאווס בריעף און זיין פאספארט אויף סערגעי פאטאמקינ'ס נאמען.

— פיהרט איהם אוועק! — האט דיא יונגע דאמע בעפוילען — און ווארפט איהם אריין אין פינפטען נומער, אונטער דער ערד!

מען האט באלד ארויפגעווארפען אויף דעם אונגליקליכענס הענד שווערע קייטען, אויף דיא פיס אייזערנע קלעצלאך, און מיט א ווילע שפעטער איז פון'ם וואקזאל אפגעפאהרען א שווארצע קארעטע מיט גראבע אייזערנע גראטעס און איז גלייך פערשוואונדען.

12טעס קאפיטעל.

## מען פייפט איהם אן פון ביידע זייטען.

— זיא איז הימעליש שעהן! איך האב נאך וואס אזוינס אין מיין לעבען ניט געזעהן! ביי דיא זשידעס צו אלע שווארץ יאָהר, זיינען דיא שעהנסטע פרויען אין דער וועלט! דיעזער פערפלוכטער, פערפאלגטער פאלק, האט דער ערשטער אויף דער וועלט אויסגעקלערט שווארצע פייערינע אויגען מיט ראָזע באַקען!.... — אזוי האט צו זיך אליין גערעדט דער פריסטאוו איוואנאוו זיצענד אין'ם קאבינעט פון

זיין פריוואט וואוינונג, און זיינע קליינע טיפ-זיצענדע אויגען האבען געפייערט אין זיין רויט-האריגען קאפּ.

ער האט זיך פון זיין שטוהל אויפגעהויבען און האט געמארשירט איבער'ן קאבינעט הין און צוריק פערטיפט אין געדאנקען, פּלוצלינג האט ער א שמייכעל געטהאן.

— אַ, איז דאס א שעהנהייט! איז דאס א שעהנהייט! -- האט ער ווייטער פּאַרטגעזעצט — אבער איך גלויב אז זיא איז פון מיר ניט ווייט.... זיא וועט האבען שכל און וועט זיך ניט וועלען אונגליקליך מאכען.

ער האט זיך אוועקגעשטעלט לעבען שפּיגעל און האט געקרייזעלט מיט דיא הענד זיינע לאנגע רויטע וואַנצעס.

— איך בין נאך גענוג שעהן און אנציהענד — האט ער מיט א פערגניגטען שמייכעל צו זיך אליין ווייטער גערעדט און האט געגלעט זיין לאַנגען באָרד — איך קען נאך א פרוי גאנץ שעהן געפעהלען; אבער וואס האב איך דא צו קלערען? זיא וועט מוזען וועלען, זיא איז עס געצוואונגען צו טהאן; סיביר און קאטאָרגא זיינען צוויי שרעקליכע זאכען.

ער האט זיך אויפ'ן שטוהל צוריק אוועקגעזעצט און האט זיך אבערמאלס פערטראַכט.

— איז זיא ווירקליך א מערדערין? — האט ער נאך א קליינע פויזע ווייטער גערעדט — האט דען ווירקליך אזא שעהנעס, געטליכעס וועזען פערגיפטעט א מאַן מיט איהרעס אן אויגען קינד? ניין דאס קען ניט זיין! נרינבערג האט מיר געזאגט אז זיא איז אונשולדיג און דאס איז דיא איינצעלנע זאך וואס איך קען א אידען גלויבען.... אבער ווארום בריינגט ער ניט דיא טויזענד רובל?

א קלאפּ אין טהיר האט איהם זיינע געדאנקען איבערגעשלאַגען. דיא טהיר האט זיך באלד אויפגעמאכט און זיין בעדיענטער יעוודאקים האט זיך געשטעלט אויפ'ן שוועל.

— וואס האסט דוא יעוודאקים צו זאגען? — האט איהם דער פּריסטאַוו געפרעגט.

— איך מוז דיא מינוט אוועקפאָהרען אויף עטליכע טעג אין דארף אריין -- האט איהם יעוודאקים מיט א טרויעריגע מינע ערווידערט און האט זיך געקראַצט אין פּאטילניצע.

— אַוועקפאָהרען? פרעג זיך צו איך וועל דיר לאָזען.

— אַ, איך מוז, באטיושקא....

— דוא מוזט? — און ווער וועט מיר אזוי גוט פוצען דיא שטיפעל ווי דוא? ווער וועט מיר צורעכט מאכען דיא געבראטענע ראקעס? — דוא ווייסט דאך אז נור דוא ביזט א בריה צו ראקעס.... דער טייפעל ווייסט דיר, וואו האסט דוא זיך דעם קונסט אויסגעלערנט, דיינע ראקעס שמעקען דאך מיט א ריח גן עדן.

— אַ באטיושקא, איהר מוזט מיר אויף עטליכע טעג אפּלאָזען; מיין אַלטע מאמע האלט ביים שטארבען.

(Iron, 5.)

— דער טייפעל וועט איהר ניט צונעהמען. עס איז שוין לאנג צייט געווען אז דוא זאלסט קיין מאמען ניט האבען — האט דער פריסטאוו לאכענד געזאגט.

— אָ, באטיושקא — האט יעוודאקים תמ׳עוואטע איהם געענטפערט — אז אייער מאמע וואלט האלטען ביים שטארבען, וואלט איהר דען פאר׳ן טוידט זיא ניט וועלען זעהן?

דער פריסטאוו האט א שמייכעל געטהאָן.

— מאַרגען! — האט ער נאך א קליינע פויזע זיין דיענער געזאגט.

— האט רחמנות, באטיושקא, ווארום ניט היינט?

— איך מוז דאך דערוויילע האבען אן אנדער דיענער! — האט איהם דער פריסטאוו מיט א שטרענגען טאן ערווידערט.

— דאס האב איך שוין פריהער בעזאָרגט! — האט איהם יעוודאקים מיט א פרעהליכע מינע געענטפערט — איך וועל אייך אויף מיין שטעלע איבערלאזען מיין שוואָגער, וועלכער האט מיר דיא נאכריכט פון׳ם דארף געבראכט; ער וועט אייך איינפרעגלען אזעלכע ראקעס, אז איהר וועט פון זיי הנאה האבען מעהר אלס פון מיינע.... אונזער גאנצע פאמיליע איז קינסטלער אין דיעזען פאך.

— א מיתה משונה זאל דיין מאמע איננעהמען! — האט איהם דער פריס־טאוו בייז געזאגט — פאהר צו אלע שווארצע יאהר, אבער דוא זאלסט באלד נאך דיין מאמעס טוידט צו מיר צוריקקומען!

— אויף מיינע נאמנות! — האט איהם יעוודאקים זיך איבערקרייצענדיג דריי מאל געזאגט — זאל איך אייך מיין שוואגער ארייננפיהרען?

— וואס דען? אהן א בעדיענטען וועסט דוא מיך לאזען?

יעוודאקים איז ארויסגעלאפען און האט באלד ארייננגעפיהרט אין פריסטאווס קאבינעט אונזער בעקאנטען שורקינען, געקליידעט אין א קורצע פאַדיאָווקא און פערגארטעלט מיט א רויטען גארטעל.

שורקין האט זיך ניט ווייט פון שוועל אוועקגעשטעלט און האט מיט עהרע־פורכט געהאלטען זיין היטעל אונטערן ארעם.

— וויא הייסט דוא? — האט איהם דער פריסטאוו געפרעגט.

— איך הייס איוואן פאלקין און בין געבארען אין יעוודאקימס דארף.

דער פריסטאוו האט א לייכטען שמייכעל געטהאן.

— קענסט דוא פרעגלען ראקעס?

— איהר וועט לעקען, באטיושקא דיא פינגער; ביי מיר געהט שוין א ראק פון סקאווראדע לעבעדיג ניט אראפ; ער קריכט אזוא לאנג הינטער זיך ביז דיא וואנצעס ווערען איהם פערסמאליעט און ער ציהט זיך אויס אויפ׳ן בויך און פרעגעלט זיך פאר נחת....

— דוא ביזט א מאלאדיעץ! — האט איהם דער פריסטאוו לאכענד געזאגט.

— אבי דוא פערשטעהסט! — האט זיך שורקין געקלערט.

דער פריסטאוו האט ביי איהם צוגענומען א שמאַגעל נייענקען פאַספאָרט און האט געהייסען יעוודאקימען איהם ארייננפיהרען אין זיין בעשטימטען צימער.

יעוודאקים האט זיך פאר'ן פריסטאוו טיעף פערניינט זאגענדיג איינינע מאל אדיע, און איז פון פריסטאווס קאבינעט מיט שורקינען ארויסגעגאנגען.

שורקין האט איהם אין האנד ארייגעשטעקט עטליכע רויטע פאפירלאך און יעוודאקים איז פון פריסטאווס הויז פרעהליך אוועקגעגאנגען.

— אַ, דיא זשידאָווקא, דיא זשידאָווקא! — האט דער פריסטאוו ווידער צו זיך אליין געזאגט — זיא מאכט מיר נאר דעם טוידט!.... איך בין שטערבליך אין איהר פערליעבט. א זיבען און צוואנציג יעהריגע פרוי זאל אזוי זיין שעהן און בלי־הענד! מיין אלטע מכשפה איז שוין גאר א טראנטע! זיא איז פון אייביג אן געוועזן א גרויסע מיאוסקייט, און איך, נארר, האב געקוקט אויף איהר גרויסען פערמעגען! אבער ווער האט געוואוסט אז איך וועל אמאל זיין א פריסטאוו אין א זשידאווסקען קווארטאל?

— — — — — — — — — — — — — — —

וועהרענד דער פריסטאוו איז געזעסען אין זיין קאבינעט און האט געראַמאַנ־סירט, איז דיא יונגע פרוי שרה פיינשטיין געזעסען אין א פערטען צימער, ניט ווייט פון דער קיך און האט געוואָרפען ווילדע בליקען אויף דער פערשפארטער טהיר. איהרע שווארצע פייערינע אויגען האבען געשאָסען פונקען, איהרע ראָזע באַקען זיינען געווען פייכט פון טרעהרען און איהרע פולע פארבינע ליפען האבען זיך שטיל בעוועגט.

— נור אונגליק, עלענד און נויטה פערפאָלגען מיך אויף יעדען טריט — האט זיא צו זיך אליין נעברומט ביטערליך — מיין יוגענד איז פאריבער וויא א פינסטער־רער שאטען אויף א שווארצען פעלזע־בארג; דיא פינסטערנים געהט אוועק און דער פעלז בלייבט שווארץ און פינסטער וויא געוועז. ניטא איין זאַגען שטראהל וועלכער זאל בעלייכטען אויף א ווילע מיין טרויעריגען, נאכט־שווארצען לעבען! מיין יונגעס הערץ האט געפיהלט ליעבע — אבער צו וועמען?.... גראדע דעם, וואס מען בע־דארף פערדאמען און האסען! אפגעשטויסען פון זיך, האָב איך גראדע א ליעבעס־ווירדיגען, עהרליכען און בראווען מענשען, פיר וועלכען איך וואלט לעבען גליקליך און וועלכער וואלט זיך גליקליך געשעצט מיך פאר א פרוי צו האבען! היינט וואו איז דעם מענשענס הארץ איבער וועלכען דיא פילאָזאָפען מאכען אזא וועזען און זאגען, אז אין איהם זיצט א פראָפעצייהונגס געפיהל (רוח נבואה) מיט א געוויסען אינסטינקט?....

— אָ גרינבערג, גרינבערג! — האט זיא נאך א קליינעם שטיל־שווייגען גע־זאגט — איך האב דיין ראטה ניט געפאלגט, דוא האסט מיך געווארנט פון אונגליק וויא א פריינד און איך, נאררישע קינד, האב דיר בעטראכט פאר אן אינטריגאנט; איך האב געדיינקט אז דיינע ליעבע געפיהלע צו מיר האבען דיך פערדארבען.

זיא איז פלוצלינג שטיל געווארען און האט זיך האסטיג פון איהר שטוהל אויפגעהויבען און איז צוגעלאפען צום פענסטער.

— צו הויך הערונטערצושפרינגען! — האט זיא ווייטער פאָרטגעזעצט, נאכ־הער וויא זיא האט דורכ'ן פאָרטעטשקע ארויסגעקוקט — איך מוז נאך לעבען און

בעדארף נאך לעבען! ראבע מוז איך נעהמען, ראבע פון דעם שלאנג, וועלבער האט מיין טהייער איינציג קינד פערגיפטעט מיט זיין פאטער צוזאמען! ראבע פון דער פערפלוכטער מערדעריז, וועלכע האט זיך רייגגעוואשען פון׳ם שרעקליכען פער־ברעכען, און דעם גאנצען שולד אויף מיר ארויפגעווארפען!

זיא האט זיך צוריק אויפ׳ן שטוהל אוועקגעזעצט און האט זיך פערטיפט אין טרויעריגע געדאנקען.

— אבער וואו בין איך דא? — האט זיא ביטערליך נאך א לאנגען שטיל־שוויינען געברומט — דאס אונגליק לאזט מיר אויף איין קליינע ווילע נים צורוה! יעדען טאג א נייעס! איך האב געזוכט דער מערדערין און האב געפונען פיעללייכט.... דעם טוידט! וואו וועט דער אונגליקליכער גרינבערג נעהמען טויזענד רובל? און ווארום בעדארף ער עס טהאן? איך האב דאך איהם אמאל אפגעשטויסען! ער האט מיר שטערבליך געליעבט און איך האב געהייראטהעט א טויגעניכטס, אן אויסוואורף, א דיעב און א קארטען־שפיעלער!.... און וואס וויל פון מיר דער פריסטאוו? — האט זיא ווייטער צו זיך גערעדט — ער נעהמט טויזענד רובל אויס־קויף געלט פון אן ארימען אונגליקליכען מענשען, און מיך פייניגט ער מיט ליעבעס ערקלערונג! דער טויגעניכטס ליעבט מיך. אך, וויא שרעקליך איז פאר א פרוי צו זיצען פערשפארט אין א צימער ביי א מענשען, וועלכער ליעבט זיא!.... און וואס וויל פון מיר זיין ברודער? אך, דאס איז שוידערהאפט!....

— אבער ניין! — האט זיא נאך א קליינע פויזע צו זיך ווידער גערעדט — מיט שלאנגען בעדארף מען וויסען וויא אומצוגעהן! דיא שווערע צרות האבען מיך שוין אויסגעלערנט וויא צו האנדלען מיט מענשען און אונמענשען.... איך זיץ דא פערשפארט אין א צימער ביי צוויי טהירע, וועלכע ווילען אויף מיר אויסאיבען זייערע ליידענשאפטליכע געפיהלע. איך וועל זיך מיט דיעזער געלעגענהייט בענוצען, פיעללייכט וועט מיר געלינגען פון מיין קערקער זיך צו רעטען.

אין דיעזען מאמענט האט זיך געהערט א לייכטער גערויש פון יענער זייט טהיר, עס האט זיך אין איהר גערדעהט א שליעסעל און דיא טהיר האט זיך באלד אויפגעמאכט.

עס איז אריין אין צימער דער פריסטאוו איוואנאוו און האט דיא טהיר נאך זיך צוגעשלאסען. ער האט ניט בעמערקט וויא זיין נייער דיענער געהט איהם נאך און שטעלט זיך אוועק לעבען טהיר־פאסט.

— גוטער אבענד, פרוי פיינשטיין! — האט דער פריסטאוו מיט א ליעבליכע מינע צו דער יונגער ארעסטאנטין געזאגט — וויא פיהלט איהר זיך היינט?

— גאט זיי דאנק פריש און מונטער — האט איהם דיא פרוי פריינדליך ער־ווידערט — צו צרות קען א מענש גיך געוואוינט ווערען.

— פיהלט איהר זיך ווירקליך אונגליקליך? — האט איהר דער פריסטאוו מיט א בעדויערענדע מינע געפרעגט.

— וויא פערשטעהט איהר?

— וויא וואָלט שוין זיין, אז איהר וואָלט יעצט געלעגען אין א פינסטערען קאזעמאט און בעדאַרפען געהן אויף אייביגע קאטערגא?

— גאָט איז באַרעמהערציג און טהוט נסים מיט פאַלש בעשולדיגטע.

— זייט איהר ווירקליך, פרוי פיינשטיין פאַלש בעשולדיגט?

— גאָט איז מיין עדות.

— אבער גאָט קריכט פון הימעל ניט אַראָפּ עדות זאָגען אין דעם אונשולד פון פאַלש־בעשולדיגטע. דיא ריכטער בעדאַרפען האבען מענשליכע עדות.

— אין דעם עבען בעשטעהט מיין גאנצער אונגליק — האט דיא פרוי מיט א זיפץ ערווידערט — וואס איך קען מיין אונשולד ניט בעווייזען. נור איין זאך קען פון מיר דיא בעשולדיגונג אראָפּנעהמען, אבער דאס וועט ניעמאלס פּאַסירען.

— זאָגט מיר וואס קען איידָ פון דיא בעשולדיגונג ריין וואַשען, אפשר וועל איך אויך קענען דערצו מיטהעלפען.

— עס איז ניטא דערצו קיין מיטעל.

— אבער דאָך, זאָגט מיר פרוי פיינשטיין! — האט דער פריסטאוו איהר נעבעטען און זיין געזיכט האט אנגענומען אַן ערנסטע מינע.

— מיין אונשולד קען אנדערש ניט בעוואוסט ווערען, סיידען אז דיא מערדערין פון מיין קינד מיט זיין פאטער, זאל זיך מודה זיין.

— און ווער איז יענע מערדערין?

— א פּיאַנאָ לעהרערין, וועלכע מיין מאַן האט צו זיך אין שטוב אריינגענומען אויף קווארטיר און האט געשפּיעלט מיט איהר א געהיימע ליעבע.

— א אידין אדער א קריסטין?

— א פּראוואָסלאַווניע.

— וויא הייסט זיא?

— זיא הייסט מאריא זלאַדייקינא.

דער פריסטאוו האט זיך א חאַפּ געטהאַן פאר'ן קאָפּ און איז פון זיין שטעלע הינטער זיך אָפּגעשפּרונגען.

— וואס זייט איהר אזוי, הערר פריסטאוו, איבערראשט געווארען? — האט איהם שרה פיינשטיין ערשטוינט און אויפגערעגט געפרעגט.

— ווען האט דיא זאך פּאַסירט? — האט איהר דער פריסטאוו מיט אויפרעגונג געפרעגט, ניט צו שענקען אכטונג איהר פראגע.

— מיט צוויי יאהר צוריק.

— ווייסט איהר ווער מאַריא זלאַדייקינא איז? — האט דער פריסטאוו מיט איבערראשונג איהר געפרעגט.

— איך ווייס מעהר ניט אז זיא האט פערגיפטעט מיין מאַן מיט מיין קינד, אבער ווער זיא איז ווייס איך ניט.

— מאַריא זלאַדייקינא, איז היינט דיא גרעסטע שפּיאָנין ביי אונזער רעגיערונג — האט איהר דער פריסטאוו שאָקלענד מיט'ן קאָפּ געזאָגט — אין דיא

אבצעהן מאָנאַטען וועלכע זיא איז אויף איהר פּאָסטען געשטעלט, האט זיא אויפ־געטהאן מעהר אלס צעהן שפּיאָנען אין צעהן יאהר.

פרוי פיינשטיין איז פון איהר שטוהל אפגעשפּרונגען פאר איבערראַשונג.

— וויא זעהט זיא אויס? — האט איהר דער פּריסטאַוו נאך א קליינע פּייע שטילשווייגענד געפרעגט.

— זיא איז א דאמע פון מיטלען וואוקס, מיט א רונדעס שעהן געזיכט און מיט שווארצע לאָקען.

— דאס איז זיא! — האט דער פּריסטאַוו אויסגעשריען.

— קענט איהר מיר ניט זאגען וואו זיא געפינט זיך? — האט איהם די פרוי מיט א פלעהענדע שטימע געפרעגט — איך האב געהערט אז זיא וואוינט דא אין מאסקווא, אבער איך בין אין דעם ניט איבערצייגט.

— מאריא זלאַדייקינא, האט ניט קיין בעשטימטען וואוינונג־פּלאַץ, אבער איהר הויפּט בעשעפטיגונג, בעשטעהט אין די דריי שטעדט מאסקווא, פּעטערבורג און ניזשני נאָוואָגאָראָד.

— ווייסט איהר פיעללייכט וואו געפינט זיא זיך היינט?

— היינט איז זיא דא אין מאסקווא; אבער צו וואס דארפט איהר עס וויסען?

— וויסען שאדעט קיין מאל ניט — האט די פרוי שוואך ערווידערט און איהרע אויגען האבען געפייערט.

דער פּריסטאַוו האט געוואָרפען אויף איהר א ליידענשאפטליכען בליק און איז צו איהר נעהנטער צוגעגאנגען.

— זאגט מיר פרוי פיינשטיין, — האט ער צו איהר שמייכלענד געזאגט — וואו האט איהר גענומען אזעלכע שווארצע פלאמענדע אויגען?

— און איהר בעטראכט עס, הערר פּריסטאַוו, פאר א מעלה? — האט זיא איהם מיט אן איראָנישען טאָן ערווידערט.

— טאַ וואס דען, פאר א חסרון זאל איך דאס בעטראכטען? אזעלכע אויגען קענען אייך אין א שטיינערנע הארץ ערוועקען ליעבעס געפיהלע....

— און אין אייער הארצען אויך? — האט די פרוי געפרעגט און האט זיך בעמיהט איהם צו ווייזען א פריינדליכע מינע.

— איהר דענקט דען אז מיין הערץ איז הארטער פון שטיין?

— מיר דוכט זיך אז אויך פעסטער פון שטאל.

— ווארום דוכט זיך אייך אזוי?

— ווייל א מענש מיט א ווייך הארץ איז ניט פעהיג צו האלטען א מענשען פערשפּארט אין א האלב פינסטערען צימער און ווארטען ביז מען זאל איהם קומען אויסקויפען.

— איהר זייט דאך אבער בעטראַכטעט פאר א מערדערין.

— א מערדערין פריי צו לאזען פאר געלד, איז דיא זעלבע זינד וויא אליין א מאָרד צו בעגעהן, און וויא באלד איך בין ווירקליך ביי אייך פערעכענט פאר א מערדערין, זייט איהר א פערדאָרבענער מענש, ווען איהר ווילט מיך פריי לאזען פאר

טויזענד רובעל, און א נאַרר איז דיא יעניגע פרוי, וועלבע גלויבט אזא מענשען אין זיין ליעבעס ערקלערונג.

דער פּריסטאוו איז געבליעבען שטעהן וויא א צודולטער; ער האט אין איהרע לעצטע ווערטער דערשמעקט עפּעס א קליינע האָפנונג צו בעפרידיגען זיינע ליידענשאפטליכע געפיהלע. אזעלכע מענשלאך פערשטעהן א זאך אויפ׳ן וואונק.

— אָ, פרוי פיינשטיין — האט דער פּריסטאוו איהר ערגרייפענד פארביידע הענד אויסגעשריען — איך ליעב אייך שטערבליך.

— א מערדערין טאָר אן עהרליכער מענש ניט ליעבען — האט איהם דיא פרוי קאלט ערווידערט, און האט איהרע צארטע קליינע הענטלאך פון זיינע לאפּעס ארויסגעריסען.

— איהר זייט אן ענגעל גאָטעס! — האט דער פּריסטאוו ליידענשאפטליך אויסגעשריען — פערפלוכט זאל זיין דער יעניגער, וועלבער קען זאגאר איין מאָמענט אייך אלס א מערדערין בעטראַכטען.

— אלזא, בין איך ניט קיין מערדערין?

— אָ ניין, מיין ליעבע.... מיין טהייערע....

— טאָ ווארום האלט איהר מיך פערשפּארט אין געפענגניס?

— וייל....וייל — האט דער פּריסטאוו געשטאמעלט.

— וייל איהר זייט א שלעכטער מענש! — האט פרוי פיינשטיין איהם אנ־קוקענד פריינדליך און שאָקלענד מיט איהר רונדען שווארצהאריגען קאָפּ צו איהם געזאגט.

— קען איך דען ערווארטען אייער געגענליעבע ווען איך וועל א גוטער מענש ווערען? — האט דער פּריסטאוו איהר ווידער ערגרייפענד פאר ביידע הענד געפרעגט.

— אייך מאנספּערזאנען טאָר מען ניט גלויבען, — האט איהם דיא פרוי לאנגזאם ארויסשלעפּענד איהרע הענד פון זיינע געזאגט — איהר זייט אלע פאלש.

— אלע יא און איך ניט! — האט דער פּריסטאוו פייערליך אויסגעשריען און האט איהר פעסט צו זיין ברוסט צוגעדריקט.

— אוועק! — האט דיא פרוי געביטעריש אויסגעשריען און האט איהם מיט אזא קראַפט פון זיך אבגעשטויסען, אז ער איז הינטער־זיך ביז צו דער טהיר אוועק־געפלויגען — אין א פערשפּארטען צימער און ביי אייך צו הויזע אין אזא לאגע, הייסט עס א געוואלד־טהאט, און פאר מיין עהרע וועל איך קעמפּפען!

— און וויא הייסט עס ביי אייך ניט קיין געוואלד־טהאט? — האט איהר דער פּריסטאוו געררייצט און זיך ערנעהענד צו איהר געפרעגט.

— ליעבע ליעבט פרייהייט....ליעבע האסט ליידענשאפטליכע אומגעהנגע.... פערשטעהט איהר מיך?

— איהר האט רעכט מיין ליעבער זיסער ענגעל — האט איהר דער פּריס־טאוו פייעריג ערווידערט — אבער וואו און וויא אזוי זאל אונזער ליעבע בעשטהען?

— אין דער פרייער גאַטעס וועלט, דאַמאַלס הייסט עס ריינע, קיישע און אונגעצוואונגענע ליעבע.

— אבער אויף דער פרייער וועלט טאָרסט ד ו א דאָך מיין טהייערע זיך ניט וויזען — האט דער פריסטאַוו ל י ע ב ל י ך און בעזאָרגט איהר געענטפערט.

— ד ו א, אלס פריסטאַוו, האָסט דאָצו פיעלע מיטעלן — האט איהם דיא פרוי ל י ע ב ל י ך ערוויעדערט.

זיינע גרינע קאַצענאויגען האבען אנגעהויבען צו פייערן דערהערענד פון איהר מויל דעם וואָרט „דוא“.

ער איז צוגעגאנגען צו איהר, און האט איהר געוואָלט א קוש טהאָן.

— ניין, מיין טהייערער! — האט איהם דיא פרוי מיט א געביטערישען שטרענגען טאָן געזאגט — אלץ ניט דא אין פערשפאַרטען צימער! דאס הייסט געצוואונגען....

— מאָרגען פערשאַף איך דיר א פּאספּאָרט און א קווארטיר — האט איהר דער פריסטאַוו נאך א קליינעם נאכדענקען געזאגט — איז גוט?

— עס בעדאַרף גאר בעסער ניט זיין.

— זיין געזיכט האט אויסגעשטראַהלט פאר פריידע.

— נור איין זאך וועל איך פון דיר פערלאנגען נאך היינט — האט איהם דיא פרוי געזאגט און האט איהם מיט א ליעבליבע מינע געקוקט אין דיא אויגען.

— זאָג מיין ענגעל וואס?

— אז דעם שליסעל פון טהיר זאלסט ד ו א מיר אָפּגעבען, וויל איך האב פיינד צו שלאָפען ביי נאכט אין אן אָפענעם צימער.

— טרויסט דוא דען מיר ניט דעם שליסעל?

— ניין מיין טהייערער — איך האב פיינט אז דיא טהיר איז ביי נאכט פערשלאסען פון יענער זייט. האלט זיך אלע טהירען אין דיין וואוינונג פערשלאָסען אבער דער שליסעל פון מיין צימער וויל איך אליין האבען.

— אדיע מיין ליעבע, דוא בעקומסט איהם — האט איהר דער פריסטאַוו רייכענד דיא האנד געזאגט.

— געה געזונד — האט איהם דיא פרוי ליעבליך געענטפערט.

פון יענער זייט טהיר האט זיך געהערט א לייכטער געררויש ווען דער פריסטאַוו האט געזאגט „אדיע“. דער נייער דיענער האט שוין מעהר ניט געוואָלט שטעהן אין א מקום סכנה.

— דיינע ראַקעס, שורקין, געהען שוין פון סקאָברערדע לעבעדיג ניט אראָפּ — האט דער נייער דיענער געקלערט אוועקגעהענד פון דער טהיר — און ער איז גלייך אריין אין זיין צימער.

13טעס קאפּיטעל.

## דער קראָקאָדיל אין נעץ.

העכסט אויפגערעגט איז געזעסען גענעראל אפּענבאך אין קאבינעט פון זיין קאנצעלאריא אין דעם אבענד ווען דער פייער האט אויסגעבראָכען אין דעם

הינטערשטען פליגעל פון טימאָפּיי'ס טראַקטיר. אויף זיין טיש זיינען געלעגען אייניגע אויפגעמאַכטע דעפּעשען, פּיעלע פּאַפּירען און אויפגעריסענע קאָנווערטען אויף וועלכע עס איז מיט רויטהע טינט אויפגעשריבען. „סעקרעטנאָע" (געהיימניס), אבער ער האט אויף זיי ניט געקוקט; ער האט זיך אויף א ווײלע פערטראַכט.

— אלע מיינע אגענטען זיינען טויגעניכטסען — האט ער מיט אויפרעגונג צו זיך אליין גערעדט — פערברעכער טרייבען זיך אין מאסקווער גאַסען פראַנק און פריי און קיינער קען זיא ניט אויסגעפינען, דאס איז גאר ניט געהערט געוואָרען, אז מען זאל שיסען אויף א מענשען צוויי מאל אנפאנג אבענד, און וואו, אין קרעמעל, און דער שיסער זאל ווערען פערשוואונדען וויא אין וואסער אריין. דוכט זיך אז מען האט באלד בעוואכט אלע טהירען פון פעסטונג און דער מערדער האט ניט געהאט פון וואנען ארויסצולויפען, און דאָך איז ער ניטא. און וואו זיינען יענע ביידע שיסער פון דער קיביטקע? וואו איז איוואן מיט סטעפּאנען, און וואו איז פּאָדלעצאָוו?

ער האט זיך ווידער פערטראַכט און זיין געזיכט האט אנגענומען א שטרענגע און העכסט אויפגערעגטע מינע.

— איך פערשטעהע גאר ניט דיא גאנצע געשיכטע מיט גאלדבוימען — האט ער נאך א קליינעם שטילשווייגען ווייטער גערעדט — וויא איך זעה ווייס גאָלדבוים פון אלעס; אבער ער שווייגט וויא א פיש, נור צו האט ער ווירקליך פּאָדלעצאָוו'ן ערמאָרדעט, דאס לייגט זיך מיר אויך עפּעס ניט אויפ'ן שכל.

— יא, ער האט איהם ערמאָרדעט, — האט ער נאך א קורצען נאכדענקען מיט א פעסטען טאָן אויסגעשריען, פּונקט וויא ער וואָלט רײדען צו א צווייטער פערזאן — פּאדלעצאָוו איז געווען דער שפּיאָן און דער פעררעטער פון ביידע גאָלדבוים'ס קינדער, ער האט זיי אויפ'ן נאס פערהאַפטעט. יעצט האב איך מיך עס ערמאָנערט. אבער וואו האט גאָלדבוים דעם ערמאָרדעטען אהינגעטהאן, ווארום קען מען איהם ניט אויסגעפינען?

ער איז באלד אריינגעלאָפען אין ארכיוו און האט ארויסגענומען פון א שראַנק א דיקען בוך מיט רויטהע טאָוולען און האט איהם אנגעהויבען צו בלעטערען.

— יא, איך האב קיין איהרטהום געמאכט, פּאדלעצאָוו האט ביידע גאָלדבוים'ס קינדער פערהאַפטעט — האט ער שטיל געמורמעלט און איז באלד צוריקאין זיין קאבענעט אריינגעלאפען.

ער האט זיך געזעצט אויף זיין שטוהל און האט אויף א קליין בויגעלע פּאַפּיר אויפגעשריבען אייניגע צײלען, און נאכהער וויא ער האט איהם איינגעפּאַסט אין א דיקען קאָנווערט וועלכען ער האט פערזיגעלט מיט טריפּוואקס און אויף איהם אויפגעשריבען „סעקרעטנאָע", האט ער א דריק געטהאן דעם ווייסען קנעפּעל אין זיין שרייב־טיש. אין קאנצעלאריע האט זיך געהערט א קלונג, און עס איז באלד אין קאבינעט אריינגעלאפען א סאלדאט.

— דיעזען בריעף — האט איהם אָפּעגבאך בעפוילען — זאלסט דוא גלייך אוועקטראגען צום פּראָקוראָר אויף ניקיטסקאיא אוליצא.

און ריידענד האט ער דעם פערזיגעלטען בריעף אריינגעלייגט אין א בוך, און האט איהם דעם סאלדאט איבערגעגעבען.

— סלושאיו'ס, וואשע....—האט איהם דער סאלדאט מיט עהרענפורכט געזאגט, און איז באלד מיט'ן בריעף אוועקגעלאפען.

א קלונג אין אפאראט פון טעלעפאן האט פלוצלינג צערשטערט דיא שטיל-קייט אין אפענבאך'ס קאבינעט.

ער איז גלייך צום אפאראט צוגעלאפען און געפרעגט ווער עס טעלעפאנירט.

— פרעאבראזשענסקער פריסטאוו — האט ער באקומען אן אנטווארט.

— וואס האט איהר מיר צו זאגען?

— א שרעקליכער, שוידערהאפטער און הערצרייסענדער מארד-בראנד! — האט זיך געהערט א הילכענדע שטימע איבערן גאנצען קאבינעט — און אן ענדע-קונג פון א וויכטיגע געהיימניס. א איד פון א יאהר ניין און צוואנציג, דרייסיג, וועלכער וויל ניט זאגען זיין נאמען און וואו ער וואוינט, פלעגט אלע מאל בעזוכען א אידישע פאמיליע אין א געוויסען טימאפייעוו'ס הויז. לויט וויא טימאפייעוו און זיין שוואגער ראזבאיעוו, צוויי עהרליכע בראווע מענשען דערצעהלען, פלעגט זיך דער יונגער איד אלע מאל צאנקען מיט דער אי-דישער פאמיליע; היינט אום אכט אוהר אבענד, האט ער ווידער יענער פאמיליע בעזוכט און האט זיך מיט איהר שטארק צוקריגט, און באלד וויא ער איז פון דיא טרעפ הערונטערגעגאנגען, האט א פלאם פייער מיט איין מאל ארומגענומען דיא גאנצע הויז; קיינער פון דער אונגליקליכער פאמיליע האט זיך ניט געקענט רעטען און זעקס מענשען זיינען פערברענט געווארען אויף קויל. פון פיער פערזאנען איז בעשטאנען דיא פאמיליע און דיא אנדערע צוויי מענשען זיינען געוועזען ווארשיינליך צוויי אידען וועלכע האבען געוואוינט ביי זיי ניט צוגעשריבען.

— און וואו איז דער מארד-ברענער? — האט אפענבאך איבערראשט געפרעגט.

— טימאפיי מיט ראזבאיעוו'ן האבען איהם געכאפט ארויסלויפענד פון קאר-רעדאר מיט נאסע הענד פון בענזין, און ביי דער אונטערזוכונג האב איך ביי איהם דערטאפט א בריעף פון זאכארינען, וועלכען מיר זוכען שוין איינינע טעג פאר זיין שרעקליכען פערברעכען.

אפענבאך איז פון זיין שטעלע אפגעשפרונגען און זיינע אויגען האבען געפייערט וויא ביי א בלוטדורסטיגען וואלף ווען ער דערשמעקט אן אפפער.

— וואס אם שנעלסטען דעם מארד-ברענער מיט'ן בריעף מיט אלע צייגע צו מיר אין קאנצעלאריע! — האט אפענבאך ווילד געלארעמט דורכ'ן טעלעפאן.

— סלושאיוס, וואשע הרעוואסחאדיטעלסטווא! — האט זיך געהערט דעם פריסטאווס שטימע — און אפענבאך איז לאנגזאם צוריק צו זיין שרייב-טיש צוגע-גאנגען.

אין קאבינעט איז נאך א לייכטען אנקלאפען אריינגעגאנגען א בילד שעהנע דאמע פון א יאהר אכט און צוואנציג, מיט א פאר פייערינע אויגען און מיט

שווארצע געקרייזעלטע לאָקען, וועלכע האבען איהר אראָפּגעהאנגען וויא שווארצע זייד־קראַנצען אויף איהר שנעע ווייסע האלז.

— אָ, ווענען זעה איך דא! — האט אפּענבאך מיט פרייד אויסגעשריען זיך אויפהויבענד פון זיין שטוהל און איהר פריינדליך רייכענד זיין האנד — פרייליין זלאַדייקינא בעעהרט מיך מיט איהר בעזוך! ביטע פרייליין זעצט אייך אוועק! איך ליעב.... איך סימפּאַטיזיר אייך זעהר.

— וואס האט איהר זיך אזוי פערכאפּט? — האט איהם זלאַדייקינא מיט א פריינדליכען שמייכעל געפרעגט זיך אוועקזעצענד נעגען איהם אויף א שטוהל — פון ליעבען ביז סימפּאַטיזירען איז נאך מיינער מיינונג א קליינער אונטערשיעד.

— אלזאָ איז מיר ערלויבט צו זאגען, אז איך ליעב אייך? — האט איהר אפּענבאך מיט א זיסען און ליעבען טאָן געפרעגט און האט גלייך געקוקט אין איהרע רייצענדע פלאַמענדע אויגען.

— איך וועל עס אייך געוויס ניט פערוועהרען! — האט זלאַדייקינא מיט א ליעבליכע מינע ערווידערט און האט איהם קאָקעטיש אָנגעקוקט.

— און וויא וואלט איהר מיר געענטפערט אז איך וואלט מיר גענומען דיא פרייהייט אייך צו פרעגען צו איהר ליעבט מיך?

— ביי אזא פראגע וואלט איך געוויס געפונען אן אנטווארט — האט איהם זלאַדייקינא מיט א האלב ערנסטע מינע געענטפערט.

— נו, פרייליין זלאַדייקינא — האט אפּענבאך ווייטער גערעדט און זיין געזיכט האט זיך פערוויטינט — שטעלט אייך פאר אז איך האב עס אייך שוין געפרעגט.

— ענטפער איך אייך, אז איהר זאלט פריהער אויסהלאַפּאָטשען אן ערלויבניס פון אייער אלטער פלונית׳טע. אייער באבע האט אויך עפּעס א שטיקעל דעה אין טיש.

אפּענבאך האט וויא אונווילענד א לייכטען זיפץ געטהאן וועלכען ער האט באלד פערענטפערט מיט א שמייכעל.

— דיא אלטע פלונית׳טעס — האט זלאַדייקינא ליסטיג געזאגט — מאכען אָן גרויסענע צרות! איז דאס וואהר, אייער עקסעלענץ?

— און דיא יונגע נאך גרעסערע! — האט איהר אפּענבאך שוואך געענטפערט ניט אראָפּנעהמענד פון איהר זיינע שארפע דורכדרינגענדע אויגען.

— אזא מיינונג האט איהר עס וועגען דיא יונגע דאמען? — האט איהם זלאַדייקינא מיט א קאָקעטישע מינע געפרעגט און איהם א ציה געטהאן פאר׳ן ארבעל.

— און איך האב דאס רעכט אזוי צו דיינקען.

— און איך האב פאר אזא בעליידיגונג דאס רעכט אייך צו פרעגען, ווארום? — האט זלאַדייקינא לאכענד איהם געזאגט.

— וויל דיא יונגע דאמען מאכען אונז העסליך דיא אלטע! — האט איהר אפּענבאך מיט א שמייכעל געענטפערט.

— טא ווער הייסט אייך מאנספערזאָנען האבען אזעלכע גרויסע אויגען?— האט איהם זלאדייקינא האלב ערנסט, האלב שפּאַטיש פארגעווארפען און האט איהם אריינגעקוקט מיט א שמייכלענדע אבער פריינדליכע מינע אין זיין אריענטא-לישעם געזיכט.

— דאס איז שוין ביי אונז מאנספערזאָנען אזא נאטור! — האט ער איהר שאקלענד מיט'ן קאָפּ ערווידערט און האט איהר בעווארפען מיט ליידענשאפטליכע בליקען.

— און מיר פרויען טארען ניט זיין קיינע נארדען! — האט איהם זלאַדייקינא מיט א זינגענדען טאָן ערווידערט.

— אלזאָ טהוט מיר זעהר לייד וואס איך בין געצוואונגען דיעזען געשפּרעך מיט אייך צו אונטערברעכען.

— פילאָזאָפירען האב איך אימער ליעב — האט זלאַדייקינא מיט א טייפעל-שען שמייכעל געזאגט און האט געקרייזעלט איהרע שווארצע לאָקען.

— ניט אלץ וואס איינעם איז ליעב, איז דעם צווייטען אנגענעהם — האט אפּענבאך פינסטער געענטפערט.

— און איך וואלט מיך ווינשען, אז וואס מיר איז ליעב זאָל זיין אייך אנגע-נעהם — האט איהם דיא דאמע קאקעטיש ערווידערט.

— דאס קען ניט געשעהן.

— וואָרום?

— ווייל איהר זייט וועגען ליעבע אנדערש געזאָנען.

— אזוי בעדארף זיין געזאגען יעדע אַנשטענדיגע פרוי — האט זלאדייקינא מיט אן ערנסטע מינע איהם געזאגט — זיא טאָר ניט לעבען לייכטזיניג, זיא טאָר ניט שענקען איהר הערץ א מענשען, וועלכען ער געהערט צו אן אנדערע. אן אנ-שטענדיגע פרוי מוז זיך קענען בעהערשען אבוואָהל זיא פּיהלט און זיא ליעבט.

— געפיהלע קען מען ניט בעגרענצען, ליעבע איז אונמעגליך אנצוטהאן א ציימעל! — האט אפּענבאך צוהיצט איהר געענטפערט און זיינע אויגען האבען געפייערט.

— מיר פרויען קענען אלעס! — האט זלאַדייקינא שטאָלץ אויסגעשריען.

— ניין, נור אזא טייפעל וויא איהר קענט עס! — האט אפּענבאך מיט א שמייכעל געזאגט — נאר א זלאדייקינא וואס קען מיט איהר קליינע לאפּקע חאפּען הונדערט ניהיליסטען וויא דיא פליעגע, קען אויך אויפהענגען אויף איהר הארץ א שלאָס!

— אַי, אַי, קען איך! — האט זלאַדייקינא מיט א שטאָלצען טאָן געזאגט און האט געשאקעלט מיט איהר שווארצהאָריגען קאָפּ.

— און פאר יעדען מענשען אין דער וועלט? — האט איהר אַפּענבאך מיט אן אונמוטהיגע מינע געפרעגט און האט אנגעקוקט גלייך אין איהרע פייעריגע בעצויבערטע אויגען.

זלאדייקינא האט א זיפץ געטהאן און האט איהם ניט געענטפערט.

און אין דיזען מאָמענט האט זיך געהערט א צווייטער קלונג אין טעלעפאָן. אָפּענבאך איז צוגעלאָפען צום טעלעפאָן און האט געפרעגט ווער עס טעלעפאנירט.

— א ניהיליסט! — האט ער בעקומען אן אנטוואָרט.

ער איז פון זיין שטעלע אפגעשפרונגען פאר איבעררעשונג און האט באלד צום אפאראט צוגעפיהרט דער יונגער דאמע.

— הערט א פרעכהייט! — האט אָפּענבאך צו איהר געזאגט — א ניהיליסט רעדט צו אָפּענבאכען דורכ'ן טעלעפאן.

זלאדייקינא מיט אפענבאכען, האבען בשותפות צוגעלענט דיא אויערען צום אפאראט.

— וואס ווינשסט דוא? — האט אָפּענבאך אין אפאראט אריינגעשריען.

— דוא ביזט צו פרעך, אז איך זאל דיר פאר אזא ליעבליכקייט וויא „דוא" ענטפערן — האט געהילכט א שטימע אין זייערעביידענס אויערען — איך האב דיר א וויכטיגע זאך מיטצוטהיילען, אָבער נור מיט דער בעדינגונג, אז דוא זאלסט ניט ריידען מיט מיר פער „דוא".

— זאָגט וואס האט איהר מיר מיטצוטהיילען! — האט אפענבאך העכסט אויפגערעגט געשריען.

— אָט אזוי רייד! — האט איהם דיא שטימע ערוויעדערט — יעצט וועל איך דיר פערטרויען א געהיימניס, אז איך האב דיין שפיאָן פאָדלעצאָוו'ן ערמאָרדעט וויא א הונד און איהם אריינגעשטעקט אין א לאך, וואו דיר קען עס גאר ניט איינפאלען!

ביידע שפיאנען ביים אפעראט האבען וויא פון אן עלעקטרישען שטרום א ציטער געטהאן.

— וואו האסט דוא איהם פערשטעקט?

— זיי אזוי פריינדליך און רייד אביסעל העפליכער!

— וואו האט איהר איהם פערשטעקט?

— איהר האט דאך בודאי געהערט פון נאפאָלעאָן דעם ערשטען, און אז ער האט איבערגעלאזען א גרויסען קאנאן אין אונזער הייליגען קרעמעל ווייסט איהר דאך אויך; אלזא זאלט איהר אזוי גוט זיין און זיך בעמיהען צו זוכען אייער געפגר'טען שפיער־הונד אין יענעם קאנאן. אדיע, לעבען זיא וואהל!

— איך בין איבעררעשט פון אזא פרעכהייט! — האט אפענבאך העכסט אויפגערעגט צו זלאדייקינא געזאגט — מיר מוזען דעם פרעכען קערל אויסגעפינען.

— איך פערהאף אז איך וועל דעם חברה־מאן דערטאפען! — האט זלאדיי־קינא מיט אויפרעגונג אויסגעשריען — אוי, איז דאס א שורקע!

— איך וועל פאר אזא גרויסע מציאה אייך גלייך מעלדען צו זיין קייזערליכע האהייט — האט אפענבאך געזאגט — און איהר וועט האבען א גרויסען צוקונפט.

— נאך היינט פאנג איך מיין טהעטיגקייט אן, אבוואהל עס איז שוין באלד עלף אוהר אבענד — האט זלאדייקינא מוטהיג איהם ערוויעדערט — אבער ווען נעהמט איהר נאך קרעמעל?

— ווינשט איהר פיעללייכט אין דער אונטערזוכונג נעהמען אן אנטהייל?

— ניין, עס שטעהט מיר היינט פאר נאך פיעל אנדערע וויכטיגע זאכען — האט זלאדייקינא געענטפערט — איך האב פיעלעס אויפגעטהאן אין ניזשני נאווגאראד פון וואנען איך קום און יעצט האב איך דערטאפט אין מאסקווא עפעס א גאנצע געשיכטע, און דאס עבען האט מיך היינט צו אייך געבראכט.

דיא טהיר האט זיך נאך א לייכטען קלאפען אויפגעעפענט און א געהיימאגענט האט געמעלדעט, אז מען האט געבראכט דעם מארד־ברענער.

— פיהרט איהם אריין! — האט אפענבאך שטרענג אויסגעשריען.

עס זיינען אריינגעגאנגען אין'ם קאבינעט א פריסטאוו מיט צוויי אקאלאדאטשניקעס, וועלכע האבען געפיהרט דעם ערבלאסטען גרינבערג'ן געשמידעט אין קייטען.

— וואו איז זאבארינס בריעף? — האט אפענבאך דעם פריסטאוו געפרעגט.

ער האט גלייך איבערגעגעבען אפענבאכען א בריעף אין אן אויפגעריסענעם קאנווערט.

אפענבאך האט דעם בריעף אויפ'ן שרייב־טיש אוועקגעלעגט און האט אין איהם געלעזען פאלגענדעס:

„צו פריילין N. N. ביטע גיעבען זיי דיעזען עדלען מענשען טויזענד רובעל, וועלכע ער האט נעטהיג צו עהר א וויכטיגע זאך. אסיפ זאבארין".

— ווער זייט איהר? — האט אפענבאך דעם טאדעס־בלאסען גרינבערג'ן געפרעגט.

— איך קען אייך יעצט מיין נאמען ניט זאגען! — האט איהם גרינבערג שוואך ערוויעדערט.

— צו וועמען איז דער בריעף געשריעבען? — האט אפענבאך איהם ווייטער געפרעגט.

— דאס קען איך אויך ניט אויסזאגען.

— וואו איז אסיפ זאבארין? — האט אפענבאך טופענד מיט דיא פיס געליארעמט.

— אומזיסט ערגערט זיך אייער עקסעלענץ — האט גרינבערג געלאסען געענטפערט — טהוט מיט מיר וואס איהר פערשטעהט, און א צווייטענס געהיימניס וועל איך קיינעם ניט איבערגעבען.

מאריא זלאדייקינא האט דעם אונגליקליכען גרינבערג'ן שטארק אנגעקוקט. ער איז איהר זעהר בעקאנט פארגעקומען, אבער זיא האט זיך ניט געקענט ערא־נערן, וואו זיא האט איהם אמאל געזעהן.

— אוים וועלכע גרינדע האסט דוא אזא שרעקליכען מארד־בראנד בעגאנגען? — האט איהם אפענבאך שטרענג און שטארק אויפגערעגט געפרעגט.

— נור אויף דאס איינציגע קען איך ענטפערן, — האט גרינבערג ציטערענד ביי אלע גליעדער שארף געזאגט — אז דאס איז א הימעל־שרייענדער מארד־טהאט פון דיעזע, וועלכע בעשולדיגען מיר אין דעם. איך בין איבערצייגט, אז דער טראק־

טירשציק מיט זיין קאַמעראַד, וועלכע זאגען עדות אין דיעזען שרעקליכען פערברע־
כען, האבען אליין דעם מאָרד־בראַנד בעגאַנגען.

— דוא ביזט א פּרעכער שורקע! — האט אויסגעשריען דער פּרעאָבראַזשענ־
סקער פּריסטאַוו — איך קען טימאָפיי׳ען מיט זיין שוואָגער ראַזבאָיעוו׳ן פאַר בראַווע
עהרליכע מענשען!

— וואו זיינען ביידע שוואָגערס? — האט אָפּענבאַך דעם פּריסטאַוו געפרעגט.

— ראַזבאָיעוו איז קראַנק פאַר שרעק — האט איהם דער פּריסטאַוו ער־
ווידערט — און טימאָפיי שטעהט דא אין אייער קאַנצעלאַריע.

— רופט איהם אריין!

דער פּריסטאַוו האט אריינגעפיהרט אין׳ם צימער א מאַן פון א יאהר פופציג
מיט א דיקען רויטען פּנים און מיט קליינע פלאַמענדע אויגען, וועלכע זיצען אונטער
געלב־האָריגע ברעמען און איבער א ברייטען פלאַטשיגען נאָז, מיט אוננאַטירליך
ברייטע נאָזלעכער.

דער מאַן האט זיך טיעף פערנייגט.

— זייט איהר עס טימאָפיי, ביי וועלכען דער מאָרד־בראַנד האט פּאַסירט?
האט איהם אָפּענבאַך שטאַרק אָנקוקענד געפרעגט.

— טאַק טאָטשנאָ׳ס! (אַזוי איז עס).

— און וואו איז אייער שוואָגער?

— ער איז נעבאַך קראַנק געוואָרען פאַר גרויס שרעק.

— וואס האט איהר געגען דיזען מאַן צו זאגען? — האט אָפּענבאַך אנווייזענד אויף גרינבערג׳ן איהם געפרעגט.

— איך האב בעמערקט — האט טימאָפיי קאַלט און רוהיג געזאגט — וויא
דיעזער מאַן איז איינינע מאל געקומען צו דער אונגליקליכער אידישע פאַמיליע,
וועלכע האט געוואוינט אין מיין הויז און האט זיך שטאַרק געקריגט מיט׳ן מאַן און
זיין פרוי. היינט געגען אבענד, אין ער ווידער געקומען, ער האט ווידער פערפיהרט
דאָרט א קריעג, און נאכהער האב איך מיט מיין שוואָגער איהם דערטאַפּט ביי
דעם בראַנד.

— זאָג מיר וויא הייסט דוא? — האט אָפּענבאַך געביטעריש געשריען צום
אונגליקליכען.

— און ווארום פרעגט איהר מיר ניט, וואס איך האב געגען דיעזען א ו נ־
מ ע נ ש צו זאגען? — האט גרינבערג אָנווייזענד אויף טימאָפייען צו אָפּענבאַכען
געזאגט.

— א מענש, וועלכער וויל זיין נאָמען ניט ענטדעקען, איז ניט בעגלויבט!
גרינבערג האט זיך פערטראַכט.

— זיי וועלען דעם אונגליקליכען זאַכאַרינען ביי מיר אויפ׳ן בוידים אויסגע־
פינען — האט ער זיך געקלערט. ניין, איך וועל מיין נאָמען ניט זאגען! ביז זיי וועלען
מיין נאָמען אליין ערפאהרען וועט שוין געוויס דער אונגליקליכער דאָרט ניט זיין.

— אלזא, איהר זאגט מיר וויא איהר הייסט?

— ניין! — האט גרינבערג מיט א פעסטען טאן אויסגעשריען — איך פערהאף צו גאט, אז דיא וואהרהייט וועט ארויפשווימען.

— ער פלוידערט נאך דער שורקע וועגען גאט און וואהרהייט! — האט אפענבאך צארניג אויסגעשריען.

— דיזער מאן קומט מיר פאר זעהר בעקאנט! — האט מאריא זלאַדייקינא אנווייזענד אויף גרינבערג'ן צו אפענבאַבען געזאגט — אבער איך קען מיך ניט ערינערן, וואו האב איך איהם ערגעץ געזעהן.

גרינבערג האט אויף איהר א קוק געטהאן און איהם איז אריבער א שוידער איבער דיא ביינער; ער האט איהר גראדע יא דערקענט, אז דאס איז דיא בעסטיע, וועלכע האט פערניפטעט שרה פיינשטיינס מאן מיט איהר קינד, צוליעב וועלכער ער איז יעצט אין אזא אונגליק אריינגעפאלען, ווען ער איז געגאנגען זיא רעטען פון מערדערישען פריסטאוו איוואנאָוו. דיא בעסטיע, וועלכע ער האט מיט זעקס זיבען יאהר צוריק געזעהן ביי שרה פיינשטיין אין הויז, אלס מאַטרעסע ביי איהר טיראַנישען מאן, האט איהם נאך מיט א פינף יאהר אינגער אויסגעקוקט אלס דאמאלס.

— קענסט דוא דיזע דאמע? — האט זיך אפענבאך פרובירט איהם צו פרעגען, פיעללייכט וועט ער עפעס דורך א זייטיגען מיטעל פון איהם דערגעהן.

— ניין! — האט גרינבערג געענטפערט און א שרעקליכער זיפץ האט זיך פון זיין הערץ ארויסגעריסען.

— פיהרט איהם אוועק איז געפענגנים און זעצט איהם אליין אין א צעלע אונטער א שטרענגע וואך! — האט אפענבאך בעפאהלען — ער וועט אונז שוין מיט גאטעס הילף אלעס ערקלערן.... לעבען זאל דיא קאזאצקע נאגייקא!

מען האט דעם אונגליקליכען באלד ארויסגעפיהרט.

און אין דיזען מאָמענט האט מען אריינגעבראכט א פערזיגעלטע דעפעשע. אפענבאך האט איהר אויפגעמאכט און נאכהער וויא ער איז איהר דורכגעלאָפען מיט דיא אויגען, האט ער ערפרייט אויסגעשריען.

— לעבען זאל שורקין! ער איז אין זיין זאך א קינסטלער.

— געוויס עפעס א פּאָליטישע זאך! — האט זלאַדייקינא וויא צו זיך אליין געזאגט אונטער דיא ציהנער און האט ליעבליך אויף אפענבאכען א קוק געטהאן.

— ניין! ער האט אויסגעפונען א מערדערין פון א מאן מיט איהרס אן איינען קינד.

זלאַדייקינא האט ערפיהלט א הארצקלאפען מיט א היץ אין קאפ, וועלכע עס האבען איהר אפגעהאלטען איינינע סעקונדען.

— איך האב ניעמאלס געגלויבט, אז פרויען זיינען זא־וואס פעהיג צו בעגעהן! — האט זיא מיט א תמ'אוואטע מינע געזאגט — אבער ליידער האב איך דיא לעצטע צייט אין דיא צייטונגען געפונען איינינע אזעלכע פעלע, און אלץ צווישען רוסישע פרויען.

— און דיזע פרוי איז גראדע א אידישע — האט איהר אפענבאך געזאגט — איך דענק, אז דער נאמען שרה פיינשטיין איז אייך גוט בעקאנט, ווייל יעדער

„היים־אַגענט אין רוסלאַנד, האט איהר אויפ'ן צעטעל צווישען אלע פערברעכער.

אפּענבאַך האט נים בעמערקט וויא ביי זיין ארויסריידען „שרה פיינשטיין איז אייך גוט בעקאַנט“, האט זלאַדייקינא א לייכטען ציטער געטהאָן.

— יעצט צו אונזער זאכע — האט זלאַדייקינא איהם געזאגט — איך בין צו אייך געקומען צוליעב זעהר וויכטיגע זאכען, וועלכע וועלען אונז ביידען א גרויסען נאָמען פערשאַפען.

און ביידע שפּיאָנען האבען זיך שטיל געסודעט א היבשע ווייל.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

וועהרענד אַפּענבאַך האט געראַמאַנסירט מיט מאריא זלאַדייקינא אין זיין קאבינעט, און דיא שענדליכע פרוי האט גערעדט וועגען עהרליכקייט: אז אַן אנשטענדיגע פרוי טאָר נים ליעבען לייכטזיניג און טאר נים שענקען איהר הארץ צו א מענשען, וועלכער געהערט צו אן אנדערע, און האט דאמיט אָפּענבאַכען אפּגעשלאָגען דיא פליעגלען פון זיין ליעבע, אז ער האט נעבאך איהר ווירקליך בעטראַכט פאר אן אונשולדיגעס מעדכען און האט זיך מעהר נים געוואגט היינטיגען מאל ווייטער צו ריידען.... האט זיך אסטראַוו ארומגעדרעהט אין קרעמעל מיט א בריעף אין בוזים־טאַש, וועלכען ער האט געוואלט אריינוואַרפען אין קאנאַן אים נאָמען פון מאָסקווער געהיים־בונד, אז דיא ניהיליסטען האבען ערמאָרדעט פּאָדלעצאָוו'ן, אום דיא שולד פון דעם אונגליקליכען גאלדבוים ארונטערצונעהמען. אָבער ער האט געזעהן וויא ארום קאַנאַן דרעהט זיך אלץ ארום א הויבער, דיקער פערזאָן און קוקט זיך אלע ווילע ארום פון אלע זייטען; דיא זאך איז איהם נים געפעהלען און ער איז פון קרעמעל דורכ'ן ספּאסקען טהויער ארויסגעגאַנגען און געהענדיג אויף „וואַרוואַרקאַ“ האט ער זיך געטראָפען מיט'ן יונגען איסטאָמין, וועלכער איז געגאַנגען צוריק פון גרעפין מאריא אנדריאַנאָווא.

— פּאָטאָמקין האט דער גרעפין נים בעזוכט — האט ער גאנץ שטיל געזאגט צו אסטראָוו'ן — און דאס בעאונרוהיגט מיך זעהר, איך פירכטע צו איז ער נים אריינגעפאלען....

— דאס איז א זאך אויף שפּעטער — האט איהם אסטראַוו שטיל ערוויעדערט — אבער וואס טהוט מען מיט'ן בריעף, וואס מיר האבען אפּגערעדט דאָרט אריינצוואַרפען? עס דרעהט זיך דאָרט ארום א מענש, וועלכער איז מיר זעהר פערדעכטיג.

— לאָמיר געהן צוריק — האט איהם איסטאָמין געענטפערט.

— אבער וויא וועט זיין מיט דער אפּגערעדטער זאך?

— איך וועל טעלעפאָנירען וואוהין מען בעדארף פון גענעראַל־גובערנאַטאָרס טעלעפאָן! — האט דער יונגער איסטאָמין איהם גאנץ שטיל מיט א שמייכעל ערוויעדערט — איך וועל מיך אריינכאפען אין קאנצעליאַריע צו מיין פאָטער, און וועל שוין דיא זאך צורעכט מאכען....

ביידע פריינדע האבען זיך פריינדליך פעראבשיידעט און זיינען זיך צוגעגאַנגען

און דער הויכער דיקער פערזאָ, וועלכער האט זיך אין קרעמעל ארום קאַנאָן ארומגעדרעהט, דאס וואר ראַזבאָיעוו, וועלכער איז נעבאך קראנק געווארען פאר שרעק פון דער גרויסער שרפה.

— וויס דער טייפעל וואס מיר שרעקט זיך היינט אזוי דאס הארץ! — האט ראַזבאָיעוו זיך נעקלערט א קוקטהאנדיג אויפ'ן גרויסען שווארצען קאַנאָן, ווען אסטראָוו איז פון קרעכעל ארויסגעגאנגען — מיר שטינקט עפעס אונטערן נאָז, וויא ווערימדיגע פלייש אדער צו איז דאס דער ריח פון דיא פערברענטע זשידעס?.... אָ, דיא זשידעס! דיא זשידעס! האט ער גאנץ שטיל אונטער דיא צייהנער געוואָרטשעט, דאס איז א רויבער פאלק! זיי זיינען איינפאכע מערדער. זיי האבען נעקרייצט אונזער גאט און האבען זיין קאפ בעדעקט מיט א דארענ־קראַנץ.... א בלוט! עס גיסט זיך, אז עס נעהמט אן א גרויל צו זעהן....

— אָבער וואָס זיינען דיעזע זשידעס שולדיג? — האט ער ווייטער נעקלערט און חאט געוואָרפען זיינע בליקען צום ריזיגען קאַנאָן — ווארום האב איך זיי פערברענט? זיי האבען דאך אונז, זייט זיי האבען ביי אונז געוואוינט, קיין מאל ניט בעליידיגט. אזעלכע שטילע רוהיגע מענשען האב איך פערברענט אויף אש! יעדען חדש האבען זיי דירה־געלט אפגעצאהלט פארויס און א רובל פלעגט מען אויך ביי זיי אמאל בעקומען צו לייהען. עך, טשאָרט פאָבערי! האט ער פלוצלינג שארף ארויסגערעדט — זעכציג טויזענד רובל ברילליאַנטען! דאס איז דאך אן אוצר! א שאַץ! מיר דרייסיג, איהם דרייסיג, דאס איז ווירקליך א גוטע חלוקה! איך וועל מאכען דער מאמען א פארטוך; לעבען דער „איווירסקער“ הייליגער מוטער וועל איך צינדען א גאנץ יאהר ליכטלאך, און וואס וועל איך דא זארגען וועגען דיא זשידעס!

ער האט זיך ארומגעקוקט פון אלע זייטען און נאכהער א קוק געטהאן אויפ'ן קאַנאָן.

— אך, וויא שרעקליך דער קאנאן קוקט עפעס אויס! — האט ראַזבאָיעוו ווידער צו זיך גערעדט — עפעס גיט זיך פון איהם אָפ א שלעכטער ריח! סמאלענעס, וואס זשע? איך פערשטעה עס ניט.—אך דיא מיידעלע! איך האב נאך אזא שעהנע זשידאָוואָטשקא אין מיין לעבען ניט געזעהן. זיא פלעגט קושען און האלזען מיין קליין אַנושקאַ'ן און פלעגט זיך צו מיר לאַשטשען וויא א קליין קעצעלע, און איהר האב איך פערברענט! נור איהר איינער האט מען געפונען גאנץ, אונבעריהרט, פונקט וויא זיא וואלט געשלאָפען, אפילו איהרע בלאנדע הערעלאך זיינען ניט געוועזן פערסמאַליעט. טפו! טייפעל! וואס איז היינט מיט מיר געווארען? — האט ראַזבאָיעוו ווייטער צו זיך גערעדט מאכענד מיט זיינע גראבע לאפעס הין און צוריק. נא דיר א נייעס! ראַזבאָיעוו ווערט נאר פלוצלינג א פייגלינג! א בעל־רחמים! אבער ניט ראַזבאָיעוו הייס איך יעצט! — האט ער ווייטער געמורמעלט אונטער דיא צייהנער — איך הייס וואסילי חאַמיאַקאָוו! וויא באלד מען כאפט. א שווינג!.... וואסילי חאַמיאַקאָוו!... — דיא האלז געשניטען ... א שווינג!.... וואסילי חאַמיאַקאָוו!.... — שמייסען, רעדערען, קאַטאָרגאַ — אבער פון חדר ניט א וואָרט!.... וואסילי חאַמיאַקאָוו!....

ער האט זיך נאך אמאל ארומגעקוקט און נאכהער וויא ער האט זיך דריי מאל איבערגע׳צלמ׳ט, האט ער זיך ארויפגעהאפט אויפ׳ן הויכען שטיינערנער טראָ-טאַאר.

— דוא זעהסט — האט גאנץ שטיל געזאגט א פערזאָן פון העבער אלס מיטלען וואוקס צו א העברען וועלבע זיינען געגאנגען אין א זייט טראטאָאר מיט שטילע טריט — דוא זעהסט, מערזאוויצין, וויא א מענש איז צוגעקראָכען צום קאנאָן?

— איך זעה, אייער עקסעלענץ! — האט איהם דער מאן גאנץ שטיל ערווי-דערט — מיר האבען דא דערטאפט, וויא איך דענק, דעם מערדער אליין!

— איך האב מורא צו האט ער דעם מארד נור וואס ניט בעגאנגען, אדער ער בעגעהט איהם גאר יעצט — האט דער מאן געזאגט צו מערזאוויצינ׳ען — דוא זעהסט וויא ער קלעטערט וויא א קאץ און ער ליעגט אין איהם שוין מיט א האלבען קערפער?

— זאָל איך א פייף טהאָן?

— פייף!

מערזאוויצין האט געגעבען איינינע סיגנאלען

דער אנדערער האלבער קערפער איז באלד פערשוואונדען אין קאנאָן און פון אלע זייטען האבען אנגעהויבען צו לויפען אָקאָלאָדאָטשניקעס מיט סאָלדאטען און ציוויל געקליידעטע מענשען.

און אין א פאר מינוטען ארום זיינען פון קאנאָן ארויסגעשלעפט געווארען צוויי מענשען-קערפער, איינער א טוידטער און דער צווייטער א לעבעדיגער.

14טעם קאפיטעל.

## ווער איז אַלעקסעיעוו?

מאָסקווער נאַלאָווא ניקאָלאַיי סערגייעוויטש אַלעקסייעוו איז ביי אונזער ערצעהלונג דריי און פערציג יאהר אלט. זיין פאטער סערגיי איז געוועזן פון קינדוויים אן א מיטהעלפער ביי זיין טאטען אין קאבאק (שיינק) אויף „ניגליני פראָיעזד״ אין מאסקווא. ווען אלעקסייעוו׳ס טאטע סערגיי איז אכצעהן יאהר אלט געווארען, האט ער זיך פערליעבט אין זעהר א שעהן מיידעל, וועלבע ער האט דערזעהן ביי א גע-וויסען פריסטאוו באראנאָוויטש, ווענען ער פלעגט יעדען מאָנאט טראָגען „לאָ יחרץ געלד״ אז ער זאל פערשווייגען דיא סקאנדאלען וואס טהוען זיך אפ אין זיין טאטענס שיינקעל.

סערגיי האט זיך דערוואוסט אז דיא מיידעל איז דעם פריסטאוו׳ס טאכטער, און האט דאדורך אנגעהויבען אויפצוגעבען דיא האָפנונג צו בעקומען אזא מיוחסת פאר א ווייב; אבער דער פריסטאוו האט אנגעפאנגען סערגיי׳ען שטארק מקרב צו זיין און האט אגב אלע מאל מיט איהם פערלייגט א ס ט אָ ס ׳ ל, ביי וועלבען ער (געוועהנליך סערגיי) פלעגט יעדען מאל פערשפילען היבשע סומען.

דער פריסטאוו, וועלבער האט נעבאך צו קיין שפילער ניט געהאט קיין הצלחה וויא צו סערגיי׳ען, און פלעגט פערבאקען ביי א נ ד ע ר ע דאפעלט וויפיעל

ער פלעגט געווינען ביי איהם, האט זיך ארומגעזעהן אז צו האבען אזא איידים וויא סערגיי איז נאר ניט קיין קרומע זאך. דערצו נאך האט ער געוואוסט אז דיא ערשטע ליעבע פון זיין טאָכטער איז גריילאך ניט געלונגען, און נאר אין קורצען וועט ער אם ירצה השם האבען אן אייניקעל וועלכען עס וועט פעהלען א פאטער. אלזא איז דער שדוך למזל טוב געוואָרען, און דער אלטער מחותן פון חתן'ס צד האט פאר זיין זוהן סערגיי געקויפט א קליינע אימעניע אין א י ל י נ ק א ביי מאסקווא, פאר וועלכע ער האט אָפּגעצאָהלט פערציג טויזענד רובל.

סערגיי מיט זיין ווייבעל מאריא האבען זיך בעזעצט אין אימעניע און זיא האט איהם אין א מזל'דיגע שעה געבארען א רויטהאָריגען זוהנעלע, וועלכער האט זיך צוגעאיילט אויף דער וועלט צו ערשיינען פריהער מיט גאנצע פינף מאנאטען.

וויא כערגיי איז ניט געווען קיין גרויסער בעל חשבון, דאך האט ער עפּעס פערשטאנען.... אבער „אלע זינדע פערדעקט דיא ליעבע" און אזוי וויא מאריא איז געווען זעהר א שעהן ווייבעל און דערצו נאך א גאנץ קלוגע — האט סערגיי דערפון ניט געמאכט קיין גרויס וועזען און האט דעם אונצייטיגען זוהן א נאמען געגעבען „דמיטרי סערגייעוויטש!"

מיט א יאהר שפּעטער, האט דער באטיושקא צאר אלכסנדר דער צווייטער געהאלטען דיא מאנעווערעס ביי א י ל י נ ק א לעבען מאסקווא, און ער מיט זיין סוויטע האבען אנגעטהאן דעם יונגען גוט-בעזיצער סערגיי גרויס עהרע — זיי האבען קווארטירט אין זיין אימעניע. דארט האט אלכסנדר דערזעהן דעם יונגען סערגיי'ס ווייבעל, און אין זיין יונגע קייזערליכע הארץ האט זיך ערוועקט א ליעבעס געפיהל; זיין פליגעל אדיוטאנט האט באלד געמעלדעט דעם יונגען סערגיי אז זיין קייזער-ליכע מאיעסטעט פערלאנגט צו האבען זיין יונג ווייבעל ביי זיך אין פּעטערבורג פאר א הויף דאמע.

צו סערגייען האט דיעזע נאכריכט געפרייהט אדער ניט, דאס איז פאר אונ-זערע לעזער אלץ איינס, נור דאס שאדעט פאר זיי נימז צו וויסען, אז דיא יונגע גוט-בעזיצערין מאריא אלעקסייעוו, סערגיי'ס ווייבעל, איז גלייך מיט אלכסנדרס אוועקפאהרען פון אילינקא פערשוואונדען געווארען.

סערגיי האט אין צוויי וואכען ארום בעקומען א בעפעהל, אז ער טאר ניט הייראטען אן אנדער פרוי אהן א קייזערליכע ערלויבניס, און אין צעהן מאנאטען שפּעטער איז געקומען אין זיין אימעניע א הויכגעשטעלטער גאסט מיט א קינד אין דיא וויקעלאך.

— אים נאמען פון זיין קייזערליכע האהייט — האט איהם דער טשינאווניק שטיל געזאגט מיט א שטרייגגע שטימע — האב איך אייך געבראכט א קינד פון צוויי וואכען מיט אן אם. דאס קינד מוז הייסען „ניקאָלאיי סערגייעוויטש אלעק-סייעוו".... דערצו האט זיין קייזערליכע מאיעסטעט אייך בעשיינקט מיטן טיטעל גענעראל און זיין גנעדיגקייט צו אייך וועט פערעפענטליך ווערען אין „פּראוויטעל-סטוועני וויעסטניק".

— אבער.... האט סערגיי געשטאמעלט.

— ש—ש—שא, ניט א ווארט!

סערגיי האט פערשטאנען אז דא איז טאקי ניט צו ריידען א ווארט, און ער האט דעם אינגעל מיט דער אם צוגענומען.

אין מאסקווא איז דערוויילע פריסטאוו באראנאוויטש געווארען און אבער-פאליצמייסטער און זיין ברוסט איז געווארען בעליינט מיט ארדענס און מיט מעדאליען.

אז דער אינגעל ניקאלאי איז א יאהר אלט געווארען, האט סערגיי פלוצלינג בעקומען אן איינלאדונגס שריפט פון זיין שוויגערפאטער, דער אבער-פאליצמייסטער, אז ער זאל זיך דיא מינוט צו איהם מעלדען.

דער פאטער פון צוויי פרעמדע קינדער איז באלד צום פאטער פון זיין ווייבעל אוועקגעלאפען און האט דא גערעכענט דערוויילע פאר איהם זיין ביטערע הארץ אויסניסען, אבער דער אבער-פאליצמייסטער האט איהם גאר ניט דערקענט.

— אים נאמען פון זיין קייזערליכע האהייט—האט ער איהם מיט א שטריינגע מינע געזאגט — הייס איך אייך ביז מארגען אבענדס חתונה האבען מיט דער אם אננא מארטינאווא, וועלכע איז צוגלייך מיט ניקאלייען צו אייך ארייגגעשיקט געווארען.

— סטייטש?.... — האט סערגיי געשטאמעלט — סטייטש?.... און נאך מיט אזא העסליכקייט דערצו?

— ש—ש—שא! ניט א ווארט!.. דאס קינד מוז האבען עלטערען....
ש—ש—שא!

סערגיי האט ווידער פערשטאנען אז דא איז ניט צו ריידען א ווארט און ער האט נאך דעם זעלבען אבענד געהייראטהעט דיא שווארצע אם מיט דיא פערפוילטע שווארצע צייהנער.

מיט צוויי יאהר שפעטער איז סערגיי פלוצלינג געלאדען געווארען אין מאסקווער קאזנאטשייסטווא.

דארט האט איהם עמפפאנגען א טשינאווניק און האט איהם אריינגעפיהרט אין א בעזונדערן צימער.

— וויפיעל האט איהר בעצאהלט פאר אייער אימעניע אין אילינקא? — האט איהם דער טשינאווניק געפרעגט.

— ווארום האט איהר עס נייטיג צו וויסען? — האט איהם סערגיי דרייסט געפרעגט.

— אים נאמען פון זיין קייזערליכע מאיעסטעט — האט ער בעקומען אן אנטווארט — מוזט איהר מיר דאס זאגען! אבער אהן א ליגען.

— פערציג טויזענד רובל — האט סערגיי איהם געענטפערט.

— איז דאס וואהר?

— דאס איז א זאך וואס מען קען זיך איבערצייגען.

— אלזא — האט איהם דער טשינאווניק רוהיג געזאגט — נאט אייך א

שריפט און נעהט צום קאסע נאך דער סומע, דיא אימעניע פערבלייבט א קייזער־ליכע. אָט איז א פאפיר, שרייבט זיך אונטער.

— סטייטש? וואס איז דאס? וויא אזוי? — האט סערגיי אויסער זיך אויס־געשריען האלבע פראזען.

— ש—ש—שא! ניט א ווארט! דיא אימעניע איז א קייזערליכע, און איהר נעהט גלייך צום פאליצמייסטער.

סערגיי האט שוין דעם דריטען מאָל פערשטאַנען אז דאָ איז ניט צו ריידען א וואָרט. ער האט דעם פאפיר אונטערגעשריבען, דאס געלט פאר דער אימעניע אָפגענומען און איז גלייך אוועק צום אָבער פאָליציי־מייסטער.

באראנאָוויטש האט ארויסגענומען פון שרייב־טיש א פאפיר און האט איהם אויפ'ן טיש אוועקגעלייגט.

— אים נאמען פון זיין קייזערליכע מאיעסטעט — האט באראנאוויטש שטרענג געזאגט — שרייבט זיך אונטער, אז איהר מוזט אין פערלויף פון א מאָנאט דיא אימעניע פערלאזען און אוועקפאהרען וואוינען אין פעטערבורג.

— און אין מאָסקווא צו וואוינען טאָר איך ניט? — האט סערגיי מיט א פערעכטליכע מינע געפרעגט.

— ניין, דיא קינדער מוזען ערצויגען ווערען אין פעטערבורג.

— דיא קינדער! — האט סערגיי אויסער זיך פאר כעס אויסגעשריען — איז דען דער ערשטער יונג „דימיטרי" אויך א גרויסער מיוחס? איך וועל אייך איהם היינט ארייגשיקען.

— און דוא שורקע קענסט דיין קינד אליין ניט ערציהען? — האט באַ־ראנאָוויטש צאָרניג געליארעמט.

— מיין קינד? דמיטרי איז אזוי מיינער וויא ניקאָלאי.

— לומפ! שורקע! טויגעניכטס! — האט באראנאָוויטש טופענד מיט דיא פיס געשריען — דוא וואגסט זיך צו בעליידיגען א הויף־דאמע? — אין סיביר, אין קאטאָרגא.

סערגיי האט שוין דעם פערטען מאל פערשטאנען אז מיט פייער טאָר מען זיך ניט שפיעלען און אין צוויי וואָכען ארום האט ער זיך מיט זיין ווייב און מיט ביידע פרעמדע קינדער בעזעצט אויף „ליטייני פראָספעקט", אין פעטערסבורג.

ביידע קינדער „דמיטרי" און „ניקאָלאי" האבען זיך „געהאָדעוועט און געוואק־סען וויא אויף הייוועז" אבער סערגיי האט פון ביידען קיין נחת ניט געהאט. דימיטרי האט צו זיין פערצעהן־יעהריגען אלטער דערשאָפען א דירעקטאָר פון גימנאזיום, ווייל ער האט איהם געוואָלט פון גימנאזיום אויסשליסען צוליעב א פאַלש וואס ער האט געמאכט אום איבערצוגעהן אין פינפטען קלאַס. אלע צייטונגען האבען דאמאלס געקלונגען מיט דעם יונגען פערברעכער דמיטרי סערגיי־עוויטש אלעקסייעוו, וועלכער איז נאכ'ן מאָרד פערשוואונדען וויא אין וואסער אריין און אלע האבען איינשטימיג בעהויפטעט, אז זיין פאטער סערגיי

האט איהם בעהאלטען; וויא דיא זאך האט דעם פ ר ע מ ד ע ן פאטער נעשמעקט, קען זיך יעדערער פאַרשטעלען; סערגיי איז פאר שמערצען און אומזיסטע שאנדע, שיעור פון זינען ניט אראָפּ און האט א היבשע צייט אויפ'ן נאס זיך ניט געוויעזען.

זיין אינגערער זוהן ניקאָלאַיי (הייגטינער מאָסקווער גאלאָווא) האט איהם גאר אויף אן אנדער ארט צרות אויסגעטהיילט; וועהרענד ער איז נור זעבצעהן יאהר אלט געווען און איז נאך געווען א שילער אין זיבעטען קלאס גימנאזיום, האט ער שוין געפיהרט א ליעבע פאר וועלכע ער האט בעדארפט אויף אייניגע יאהר אין געפענגניס אריינפאלען. עס האט געהאלטען ביי אן עפענטליכען סקאנ־דאל מיט א גרויסען פראָצעס מיט וועלכען גאנץ פעטערסבורג וואָלט געקלונגען, אבער דיא זאך איז צייטליך זיין פ אָ ט ע ר בעוואוסט געווארען און עס האט איהם געקאָסט פיעלע טויזענדער אום דיא שענדליכע זאך אין דער עפענטליכקייט ניט צו ברייננען.

ביז זיין אכצעהן יעהריגען אלטער, האט ער נאך אייניגע אזעלכע ליעבעס דורכגעפיהרט, וועלכע עס האבען דעם אונגליקליכען סערגיי נאך א פאָר שעהנע צעהנדליג טויזענדער געקאָסט, און אלע שענדליכע פערברעכען זיינען געבליעבען פערדעקט.

ביי זיין נייִנצעהן יעהריגען אלטער ווען ניקאָלאַיי אלעקסייעוו האט מיט גרויס שווירינקייט אריינגעטרעטען אין ערשטען קורס אוניווערזיטעט — האט ער זיך גענצ־ליך אומגעענדערט. ער האט זיך ארומגעזעהן אז א מענש וויא ער, וועלכער האט א שטארקע ליידענשאפט צו זיין א מאָל א רעדעלפיהרער און א הערשער איבער שוואכערע, מוז זיין פאָרזיכטיג פון יעדער עפענטליכען סקאנדאל, וואס קען איהם שטערען צו ערגייכען זיין ציעל. א קלוגער מענש — האט ער צו זיך אליין איין מאל געזאגט — קען אלעס טהאָן אין דער פינסטער.... א קלוגער מענש דארף קענען אפנארען אז דער אפגענארטער זאל ניט פערשטעהן „וועלכע מאַמע עס האט איהם געהאט". איך בין ליידענשאפטליך, איך בעזיץ הייסע געפיהלע. הוליע ניקאָלאַי וויפיעל דיין הארץ געלוסט, אבער האב שכל אז דיין בעפלעקטע נשמה זאל זיך ניט אפּשפּיעגלען אויף דיין שטערן. דיא מענשהייט ליידעט עס ניט, אבוואָהל קיינער איז ניט בעסער פון מיר.

מיט דיעזען בּנשלום האט ניקאלאי אלעקסייעוו אריינגעטרעטען אין דער גע־זעלשאפט און דיעזע אונמענשליכע אידעע האט ער אימער מיט דיא גרעסטע פינקט־ליכקייט אין זיין לעבען דורכגעפיהרט.

ער איז אין אוניווערזיטעט בעקאנט געווארען מיט א יונגען סטודענט פון לעצטען קורס מעדיצין, דיעזער יונגער סטודענט האט געהייסען אנטאָן מאראָזאָוו. ניקאָלאַי אלעקסייעוו האט געוואוסט אז ער האט א הימליש שעהנע שוועסטער, און דורך דיעזע בעקאנטשאפט האט ער בעקומען א צוטריט אין מאראָזאָוו'ס הויז, וואו ער איז בעקאנט געווארען מיט דער שעהנער רייצענדער און בליהענדער זיבצעהן יעהריגעס מעדכען מאריא מאראָזאָוו, ארום וועלכע עס האבען זיך ארומגעדרעהט אלע פעטערבורגער אריסטאָקראטישע יונגע מענשען; דען אויסער איהר אונגעהייער

שעהנהייט, איז זיא נאך געוועזן זעהר רייך, געבילדעט און גוט ערצויגען. איהר פאטער האט געשטאמט פון א הויכע אריסטאקראטישע פאמיליע און איז געוועזן אן ענטזאנטער גענעראל פון באטיושקא צאר ניקאלאי, ווייל ער האט איהם וויא א פראפעט פארגעזאגט, וויא דיא קרימער קריעג וועט זיך ענדיגען. ער האט דאפיר בעצאהלט מיט זיין אמט, אבער דעם אלטען מאראזאוו האט דיא זאך זעהר וועניג געקימערט, ער איז געוועזן גענוג רייך אז ער זאל קענען לעבען אין פריידען אהנע צו זיין א גענעראל אויף דיא עלטערע יאהרען.

באלד וויא ניקאלאי אלעקסייעוו האט דערזעהן דער יונגער מאריא מאראזאווא, האט ער אייפריג אנגעהויבען ארומצוטאנצען. ער האט געזעהן אז זיא סימפאטיזירט מיט איהם. אבער צוויי מענשען שטעהען איהם אין וועג; איינער א געוויסער יונגער גראף פעטער אנדריאנאוו וועלכער בעזוכט איהר טעגליך און פערברייננט מיט איהר גאנצע שטונדען אין געשפרעך און דער צווייטער איז איהר ברודער אנטאן מאראזאוו אליין. דער לוסטיגער אלעקסייעוו האט געוואוסט אז אנטאן מאראזאוו׳ן שמעקט ניט איהם צו האבען פאר א שוואגער, ווייל דער יונגער אנטאן האט זיך דיא לעצטע צייט דערוואוסט פון איינינע געהיימע ליעבעס, וואס ער (אלעקסייעוו) האט אפגעשפיעלט אין דער פינסטער און האט דאמיט פעראונגליקט איינינע פאמיליען; אנטאן האט זאגאר געגעבען אלעקסייעוו׳ן צו פערשטעהן אויפ׳ן וואונק אז דיא זאך מיט זיין שוועסטער וועט ניט געהן. אלעקסייעוו׳ן האט עס זעהר געערגערט, אבער וואס מעהר אנטאן מאראזאוו האט זיך בעמיהט זיין נייעם קאמעראד אפצושטויסען, דעסטא מעהר האט דער נייער קאמעראד אלעקסייעוו זיך צו איהם געלעקט און געחנפ׳עט און האט זיך געוויעזען פאר איהם ל י ע ב ל י ך און פ ר י י נ ד ל י ך, אז דער עהרליכער בראווער אנטאן פלעגט וויפיעל מאל בערייהען וויא קומט ער אזא ג ו ט ע ן פ ר י י נ ד אנטהאן שמערצען, דאך האט אנטאן אויף קיין פאל זיך ניט געקענט בעשליסען צו קוקען גלייכגילטיג אויף אלעקסייעוו׳ס ליעבע צו זיין שוועסטער, און האט זיך בעמיהט אין דערשטיל דיא זאך צו צערשטערען.

אבער עהרליכע מענשען געהען אין גראדען וועג און ווייסען ניט אז דיא פערדארבענע, ניעדעריגע אויסווירפע, האבען טויזענד וועגען וויא צו עררייכען זייער ציעל.

איין מאל איז אלעקסייעוו צוליעב א רעגען-וועטער פערבליעבען גאנץ שפעט אין דער נאכט אין מאראזאוו׳ס הויז און האט זיך פ ר י י נ ד ל י ך אונטערהאלטען מיט א נ ט א נ ע ן אין זיין צימער. זיי האבען אנפאנגס גערעדט וועגען וויסענשאפטליכע זאכען און נאכהער וועגען פריינד און וועגען ליעבע; אלעקסייעוו האט דיעזען מאל אנטאנען זעהר שטארק געשמייכעלט און האט איהם בעשאטען מיט פייערינע ליעבעס-פראזען און געקרייזעלטע קאמפלימענטען. „וויא א מענש זאל ניט זיין בראוו, עהרליך און גלייכגילטיג צו חנופה; דאך געפינט א שמייכלער א ווינקעלע אין זיין הארצען״ — האבען אונז קלוגע מענשען ערקלערט — און אזוי איז געוועזן אנטאן. אבוואהל ער האט שמייכלונג געהאסט, דאך האבען אלעקסייעוו׳ס

ווערטער אויף איהם שטארק געווירקט און ער האט איהם מיט ליעבע געענטפערט, דען ער איז טאקע געווען אזוי געזאָגען.

— ווייסט דוא אנטאן — האט פלוצלינג אלעקסייעוו געזאגט צו זיין קאמע־ראד — אז איך בין איבער דיא אויערען פערליעבט.

— ווארום זאל איך עס ניט וויסען ? — האט איהם אנטאן מיט א פערבאָר־גענעם פערדרוס געענטפערט.

— אבער טרעף אין ווּעמען ?

— נו, אדרבא זאָג.

— דוא וועסט זיך כאפּען פאר'ן קאָפּ.

— זאָל זיין אזוי, אבי זאָג.

— אין דער יונגער קניאגיניא שאחעווסקאיא.

אנטאן האט זיך טאקע א חאפּ געטהאן פאר'ן קאָפּ פון איבערראשונג, וואס זיין שוועסטער מ א ר י א איז בעפּרייט געווארען פון א מענשען, וועלכען ער וויל ניט האבען פאר א שוואָגער, חאָטש ער איז מיט איהם בעפריינדעט.

— איך האב געוואוסט — האט אלעקסייעוו לוסטיג פאָרטגעזעצט — אז דוא וועסט זיך וואונדערען אויף אזא העזה פון מיין זייט.

— געוויס האָסט דוא עפּעס א האָפענונג.

— נאך וואָס פאר א האָפנונג: — האט אלעקסייעוו פרעהליך אויסגעשריען — פאר מיר בעמיהט זיך אין דיעזער זאך זעהר א הויכגעשטעלטע דאמע.

— וואס קען אין א ליעבע העלפען א דאמע ?

— זיא איז אבער זעהר נאָהענט צו דער יונגער קניאגיניא.

— און אז צוואנציג מאל נאָהענט ?

— וויא פערשטעהסט דוא ניט נארוניו, — האט אלעקסייעוו מיט א שמייכעל געזאגט — אז דיא דאמע איז דיא יונגע קניאגיניא אליין.

— איך ווינש דיר גליק פריינד — האט אנטאן אויסגעשריען איהם רייכענד פריינדליך זיין האנד.

— דוא ביסט דער ערשטער וועמען איך האב עס פערטרויט — האט איהם אלעקסייעוו ליעבליך געענטפערט און איז אנטאָנען ארויפגעפאלען אויפ'ן האלז.

ביידע פריינדע האבען זיך צוקושט.... אין דיעזען מאָמענט האט זיך גע־הערט א שטארקער קלאפּען אין אלע מהירען, וועלכע זיינען באלד געעפענט גע־ווארען און א זשאנדארמסקער פאָלקאָווניק מיט זשאנדארען און געהיים־אגענטען זיינען אריינגעפאלען וויא הונגעריגע וועלף אין שטוב אריין.

— נעהמט איהם — האט דער פאלקאווניק צו דיא זשאנדארען אויסגעשריען אנווייזענד אויף דעם ערשראָקענעם אנטאן מאראזאָוו.

— אָ, פאר וואָס ?! — האט אנטאן געשטאמעלט.

— דוא פרעגסט נאך פאר וואס ? — האט דער פאָלקאָווניק געליארעמט — קום, אין פעטראָפּאוולסקי קרעפּאָסט וועסט דוא שוין אלעס דערגעהן.

עס זיינען אין שטוב ארייגעלאפען זיינע עלטערן מיט זיין שוועסטער מאריא

טוידטערשראָקענע און זיינען פאר איבערראשונג געשטאנען וויא געלעהמט, זייערע צינגער האבען זיך ניט געריהרט.

— אָ, גאָט! — האט אלעקסייעוו ברעכענד מיט דיא הענד געיאָמערט — וויא אונגליקליך בין איך מיט דעם אונגליק פון מיין טהייערסטען און ליעבסטען פריינד! אָ, מיינע הערר׳שאפטען, נעהמט מיך אנשטאט איהם, ער איז אונשולדיג, ער איז קיין פערברעכער.

— מיר ווייסען וועמען צו נעהמען, — האט דער פּאָלקאָווניק שטרענג ערוויי־דערט — מיר קענען יעדען איינציגען יונגען מענשען פּערזענליך, און ווען איהר זאָלט אפילו זיך אליין אין פערברעכען בעשולדיגען, נעהמען מיר אייך אויך ניט.

און מיט א האלבע שטונדע שפּעטער איז שוין אנטאָן מאראָזאָוו געלעגען אין א פינסטערע צעלע אין פּעטראָפּאַוולסקאיא קרעפּאָסט.

אנטאן מאראזאוו איז נאך א האלב-יעהריגען זיצען אין פּעטראָפּאַוולסקאיא קרעפּאָסט פערשיקט געוואָרען אויף אייביגען סיביר אין אירקוטסק. עס האט ניט געהאָלפען דיא פיעלע טויזענדער וועלכע זיין אונגליקליכער אַלטער פאטער האט זיך געלאזט קאָסטען, חאָטש זיך צו דערוויסען דיא אורזאכע פון זיין גרויסען אונגליק.

דערוויילע האט אלעקסייעוו זיך אריינגעמאכט וואס מעהר און מעהר אין דער הויז פון דיא פעראונגליקטע עלטערען. איהם איז יעצט מעהר אין וועג ניט גע־שטאנען נור דער איין יונגער גראף אנדריאנאוו וועלכער האט מאריא׳ן געליעבט ביז צום וואהנזינן. אבער אלעקסייעוו האט נעהאט געגען איהם גוטע געוועהר, דאס וואר שווינדעל און בעטרוג.

פיעלע פון דער פּעטערבורגער אריסטאקראטישע געזעלשאפט האבען גע־וואוסט אז דער יונגער ניקאלאי אלעקסייעוו האט א פרייען איינגאנג אין קייזער־ליכען הויף און ער איז זייער געאכטעט ביי איינינע גראָספירסטען און הויף־דאַמען. דיא אורזאכע דערפון איז געווען אונבעקאנט. עס זיינען געזאגט געוואָרען דאריבער פיעלע מיינונגען, אבער קיינעם איז דאס געהיימניס, וואס אונזערע לעזער ווייסען ניט געווען בעוואוסט. און דערמיט האט אלעקסייעוו דיא אונגליקליכע עלטערען מיט זייער טאָכטער פאר זיך געקויפט.

— איך וועל מיר דיא מיה געבען, — האט ער זיי פערשפּראָכען — אויסצו־ווירקען ביי איינע פון דיא גראָספירסטען, אז מען זאל אייער אונגליקליכען אנטאן פריי רופען פון סיביר. און מיט אזעלכע פערשפּרעכונגען האט ער דער יונגער מאריא׳ס פריינדשאפט ערוואָרבען. דיא פריינדשאפט איז אין א גאנץ קורצע צייט איבערגעגאנגען אין ליעבע און דיא ליעבע—אין ל י י ב ט ז י ן.

מאריא מאראָזאָווא האט באלד איינגעזעהן אז זיא האט זיך בעגאנגען לייכט־זיניג, דען מיט א קורצע צייט שפּעטער וויא זיא איז דורך אלעקסייעוו׳ן פערפיהרט געוואָרען, האט זיא זיך דערוואוסט דורכ׳ן יונגען גראף אנדריאנאוו, אז אלעקסייעוו האט איהר ברודער אונגליקליך געמאכט. א יונגע הויף־דאַמע ארום וועלכער אלעקסייעוו האט ארומגעטאַנצט, האט דעם גראף אנדריאנאוו פערטרויט, אז דורך אלעקסייעוו׳ס א דאָנאָס איז אנטאָן פערשיקט געוואָרען אין סיביר. דיא

אונגליקליכע מאריא מאראזאווא איז פון איין פערברעכען געגאנגען צו א צווייטען; זיא האט וואס שנעלער געהייראטהעט דעם יונגען גראף פעטער אנדריאנאוו אום דיא שאנדע פון איהר לייבטזיניגקייט זאל צייטליך פערדעקט ווערען.

זיא האט אין זעקס מאנאטען מיט איינינע טעג נאך איהר האָבצייט גע־שענקט איהר מאַן א צווילינג, א זוהן מיט א טאָכטער, און דאס איז געבליעבען פאר דער וועלט און זאגאר פאר אלעקסייעוו'ן אליין א געהיימניס — און אזוי איז אלעקסייעוו'ס נייער פערברעכען און מאריא אנדריאנאוו'ס לייבטזיניגקייט פער־דעקט געוואָרען.

מאריא'ס הייראטה מיט גראף אנדריאנאוו, האט אלעקסייעוו'ן אזוי שטארק אויפגערעגט, אז ער איז שיעור ניט דערגאנגען צו וואהנזינן; אויף אזא פלוצלינגען קלאַפּ האט ער זיך קיין מאָל ניט געריכט. צו ער וואָלט זיא געהייראטהעט נאך זיין פערברעכען, אדער ער וואָלט זיך מיט איהר בעגאנגען וויא מיט יענע אַפּפער פון זיינע אמאָליגע ליעבעס, אין דעם האט ער זיך קיין רעכנונג ניט אָפּגעגעבען; אָבער עס האט איהם געערגערט ביז צום טוידט, וויא קומט זיין געגנער אנדריאנאָוו אויספיהרען, און וויא קומט מאריא נאך אזא נאָהענטע ליעבע איהם ווארפען וויא אַ געמיינעם שורקע. ער האט אויס גרויס פערדרוס און אייפערזוכט מעהר זיך ניט געקענט אָפּגעבען מיט לערנען. ער האט דעם אוניווערזיטעט פערלאזען, ווען ער איז געווען אויפ'ן צווייטען קורס, מיט דעם בעשלוס, ווען עס איז ביי א געלעגענהייט צו נעהמען ראַכע פון דעם יונגען פאָר פאָלק.

מיט צוויי יאהר שפעטער האט זיך איהם געמאכט דיא ריכטיגע געלעגענ־הייט זיין ראַכע אויסצואיבען, און אויף א גרויזאמען, מערדערישען ארט, וויא עס פאַסט פאר א מיטגליעד פון ראַמאַנאָוו'ס פערברעכערישע געזינדעל.

ער האט זיך איין מאל געגען אבענד געטראָפען אין יעקאטערינאָווסקי פּאַרק מיט'ן יונגען גראף אנדריאנאָוו. דער גראף האט איהם געוואָלט אויסמיידען; אבער אלעקסייעוו האט איהם אָפּגעשטעלט מיט א פריינדליכען „גוטען אבענד". דער עהרליכער גראף האט איהם מיט דאס געמליכע ערוויעדערט.

— אָ, וויא לאנג איך האב אייך ניט געזעהן, גראף — האט אלעקסייעוו גע־זאגט — שוין א געוויסע פּאר יאהר, וויא מיר שיינט. — וואס מאכט איהר? וואס מאַכט מאריא אסיפּאָוונא?

— איך דאנקע — האט איהם דער גראף העפליך געענטפערט — אלעס איז אין דיא בעסטע אָרדנונג.

— און אייער מאריא אָסיפּאָוונא איז טאַקע ווירקליך געזונד? — האט איהם אלעקסייעוו מיט א שפּאָטישען טאָן געפרעגט — איך האב געהערט אז זיא בייגקט שטארק נאך איהר אמאָליגען געליעבטען.

וויא א דאנערשלאַג האט אלעקסייעוו'ס פרעכער ארויסטרעטען אויפ'ן יונגען גראף געווירקט, ער האט קראַמפּפהאַפט זיין פויסט אויסגעדריקט און איהם גע־ריכטעט געגען אלעקסייעוו'ס געזיכט.

— דוא ביסט א לומפּ! — האט ער אויסגעשריען.

-- און דוא ביסט א בעטראָגענער פון אונטערייהייט — האט איהם אלעק-סייעוו קאלט און רוהיג געענטפערט — שורקע וועל איך דיך ניט רופען.

— ארויס מיט דיין רעוואָלווער! — האט גראף אנדריאנאוו ארויסציהענד א רעוואָלווער פון זיין אבער־מאנטעל אויסגעשריען.

— איך טהו עס — האט אלעקסייעוו איהם געלאסען געענטפערט און האט זיך געכאפט צו זיין בוזים טאש — אבער דאָנער וועטער! איך האב דעם רעוואָל-ווער פערגעסען צו הויזע.

— וויא באלד דוא ברייננסט איהם ניט אהער אין א האלבע שטונדע צייט, ביזט דוא דער ערשטער לומפּ אונטער גאָט'ס הימעל.

— אבער וואו וועלען מיר דועלירען?

— פון מיינטוועגען דא.

— דאָ איז קיין פּלאָץ דאצו.

— זאל זיין לעבען מאָסקאָווסקאיא זאסטאווא.

אלעקסייעוו איז אוועקגעלאפען און גראף אנדריאנאוו האט זיך אוועקגעזעצט אויף א באנק, ער האט ארויסגענומען זיין נאָטיצ־ביכעל און האט אין איהם אריינ-געשריבען מיט א בליי־שטיפט איניגע ציילען.

אין א שטונדע ארום איז דער בעליידיגטער אנדריאנאוו אראפּגעשפּרונגען פון א דראָשקע וועלכע האט זיך אפּגעשטעלט לעבען מאסקווער זאסטאוו, אלעק-סייעוו איז אראָפּ פון אן אנדער דראָשקע.ביידע זיינען נאך א קליין שטיקעל וועג צוזאמענגעקומען און זיינען מיט ראשע טריט און שווייגענד געגאנגען א היבשע ווייל׳ע.

— נו, זאל זיין דא, — האָט אנדריאנאוו זיך אוועקשטעלענד געזאגט צו אלעקסייעוון.

— נאך א ביסעלע ווייטער — האט אלעקסייעוו אונטער דיא צעהנער ער-ווידערט.

ביידע זיינען ווייטער געגאנגען נאך א שטיקעל וועג. פּלוצלינג האט אלעק-סייעוו'ס רעוואָלווער צוויי מאל אפּגעפייערט און גראף אנדריאנאָוו איז געפאלען אין א טייך בלוט צו באדען.

— מיין ראכע איז אויסגעאיבט — האט אלעקסייעוו פייערליך געזאָגט — יעצט וועט דיא קאנאליא וויסען, אז מיט אלעקסייעוו'ן שפּאסט מען ניט.

ער האט זיך צום גראף'ס לייבע צוגעביינט און ווען ער האט זיך איבערציינט דאס זיין אָפּפער איז טוידט, האט ער איהם אנגענומען פאר דיא פיס און האט איהם אוועקגעשלעפּט אין דעם נאָהענטען וועלדעל. ער האט איהם אריינגעוואָרפען אין א גרוב או׳ איז באלד מיט ראשע שריט אוועקגעגאנגען.

מיט צוויי יאהר שפּעטער איז אלעקסייעוו געוואָרען גאָלאָווא אין מאסקווא, און באלד נאך דעם האט זיך מאריא אנדריאנאוונא, דאָרט בעזעצט אין א הינטער נאָס מיט איהרע ביידע קינדער פּאוועל און ליזא.

## 15טעס קאפיטעל.

## בוידים געהיימניסע.

אויפגערעגט, ניעדערגעשלאָגען און צושמעטערט איז אָסיפּ זאַכאַרין געלעגען אויפ'ן בוידים אין דער נאכט וואס דאס אונגליק האט דעם עהרליכען גרינבערג געטראָפען. ער האט געוואוסט, אז גרינבערג מוז ניט שפּעטער וויא אום צעהן אוהר אבענדס צוריקקומען ווייל שפּעטער וועט ער דער פריילין בערטהא מאלליך ניט קענען זעהן; אבער ער האט געהערט וויא דער זייגער אויף ספּאסקער טהורעם האט שוין צוועלף מאל אָפּגעקלונגען און גרינבערג איז נאך ניטא. ער איז פון זיין געלעגער אויפגעשטאנען און האט זיך געפּרובירט אוועקשטעלען אויף זיין קראנקער פוס; אבער ער איז נאך ניט געווען אין שטאנד אויף איהר איינצושטעהען.

— אך, וויא געטהיג איך בעדארף יעצט דיא פוס האבען! — האט ער שטיל צו זיך גערעדט — מעגליך, אז איך מוז שוין פון דאנען ענטלויפען, מעגליך אז מיט גרינבערג'ן האט אן אונגליק פּאסירט און דיא פערפלוכטע בעסטיעס געהען יעצט ארוים פון אָפּעגבאבס קאנצעלאריא אדער פון „טרעטיע אָטדעלעניע" מיך ארויס־שלעפּען פון מיין בעהעלטנים לאך.

ער האט ארויסגענומען א קליינעם רעוואלווער פון אונטער זיין נארטעל און האט פאר'ן שיין פון דאס ליכט וואס האט לעבען איהם געבלישטשעט איהם שטארק בעטראכט. ער האט איהם באלד צוריק בעהאלטען און זיך בעטריבט א ווארף געטהאן אויף דיא צוויי ברעטער.

דיא אוהר האט דערווייל צוויי מאל געקלונגען און זאַכארין האט א לייבטען ציטער געטהאן.

— שוין האלב איינס, — האט ער אונרוהיג געמורמעלט — און גרינבערג איז נאך ניט געקומען! זאל ער שוין שלאפען און מיר ניט ברייננען אן אנטווארט? ניין, דאס איז אונמעגליך! ער איז צו בראוו און עהרליך דאצו. ער וואלט מיך אהן אלעמען שוין צוויי אדער דריי מאל בעזוכט ווען ער וואלט געקומען צו הויזע. ניין, איהם האט אן אונגליק פּאסירט! א, וואס האב איך צו איהם געהאט? ווארום האב איך דעם עהרליכען מענשען געשטעלט אין געפאהר מיט א בריעף אויף וועל־בען מיין נאמען איז געשריעבען!

שרעקליכע, טרויעריגע געדאנקען האבען דעם אונגליקליכען אנגעהויבען צו מאטערען; פּונקט וויא ער וואלט דיא געדאנקען געזעהן מיט דיא אויגען אין שוי־דערהאפטע בילדער. ער האט באלד דאס ליכט פערלאשען און האט זיין קאפּ איינגענארעט אין זיין קישעלע; דערווייל האט דיא אוהר אויף ספּאסקען טהורעם איינס אָפּגעקלונגען. זאַכארין האט זיך האסטיג אוועקגעזעצט און האט ווילד אנ־געקוקט דיא פינסטערנים וואס רינגעלט איהם אום וויא א בייזער שלאנג.

— גרינבערג'ן האט געטראָפען אן אונגליק! — האט ער געברומט ביטערליך — דער בראווער גרינבערג וואכט מיר אן אנטווארט געבראכט! א, וויא זעה איך זיין פרוי?

ער איז פון זיין גלענער אָבערמאלס אויפגעשטאנען און האט געוואלט פון בוידים אין גרינבערג'ס וואוינונג אראָפּשטייגען, אבער זיין קראנקע פוס האט איהם געשטאכען וויא מיט נאדלען, ער האט זאגאר איין טריט אויך ניט געקענט מאכען.

ער האט זיך ווידער אויף דיא ברעטער א וואָרף געטהאן, אבער פינסטערע און טרויעריגע געדאנקען האבען איהם ניט געלאזט רוהען.

— איך געה פון זינען אראָפּ! — האט ער זיך האלטענד מיטביידע הענד ביים קאָפּ בעטריבט געזאגט — מיט מיינע הענד האב איך און עהרליבען מענשען אין אונגליק געשליידערט! שוין דער צווייטער אָפּפער פאלט ביי מיין רעטונג! אבער וואָס הער איך עפּעס א גערויש? ווער קריכט עס אויפ'ן ליטער לעבען טהירעל? איז דאס אפּט ניט גרינבערג, אדער פיעללייכט גאר דיא פּאָליציי?

— זאכארין! — האָט ער דערהערט א זאנפטע און בעקאנטע פרויען שטימע

— זאכארין, ליעבער, זיסער זאכארין, וואו ביזט דוא? לעבסט דוא, טהייערער זאכארין?

און באלד נאך דעם האט זיך געהערט א שטילער כליפּען.

— איך לעב מיין ענגעל! — האָט גלייך אָפּגעלויטעט זאכארינ'ס שטימע.

ער האָט מיט ציטערענדע הענד אנגעצונדען דאס ליכט און פאַר'ן שיין האָט זיך געזעהן א שלאַנקע דאמע עטוואָס העכער אלס מיטלען וואוקס, וועלכע איז באלד אין זיין האלב אפּענע קעמערל אריינגעלאָפּען.

זיא האָט זיך פאר זיין געלעגער אוועקגעשטעלט אויף דיא קניע און פער־בראכען מיט איהרע צאַרטע הענטלאך און געשטאנען אונבעוועגליך וויא א מראַ־מאָרנע סטאַטוע.

ביידע האָבען זיך אָנגעקוקט און זייערע פלאמענדע אויגען אין וועלכע עס האט זיך געזעהן פאר'ן ליכט'ל א גלענצענדע פייכטיגקייט, האבען גערעדט מיט א שטומע שפּראכע, מיט א שפּראכע וועלכע נאר זיי ביידע זיינען געווען אין שטאנד צו פערשטעהן.

— אָ, זאכארין! — האט דיא דאמע איהם פאלענד פּלוצלינג אויף'ן האלז מיט אן אויפגעהאלטענעם און פערשטיקטען וויינען אויסגעשריען — וויא שרעקליך, וויא שוידערהאפט דאס קומט מיר אלעם פאָר! אבער שטיל! וואס מאכסט דוא? וויא פיהלסט דוא זיך?

— פאָלקאָמען פריש און מונטער! — האט איהר זאכארין מוטהיג ערווידערט און האט איהר געשיינקט א הייסען קוש אין איהר שנעע־ווייסען שטערן — איך דיינק אז מארגען וועל איך שוין קענען הערומגעהן.

— אָבער וואו? — האט דיא דאמע געזיפצט.

— טאַקי אין מאָסקווא, מיין טהייערער ענגעל! — האט איהר זאכארין מיט א פעסטען טאָן ערווידערט — נאך אויסלאַנד פאהרען פיינלינגע; איך מוז אבער פאר דער מענשהייט עפּעס אויפטהאן, איך מוז מיט דיא טיראַנען קעמפּפען.

— ניין זאכארין! — האט איהם דיא דאמע אונרוהיג געענטפערט — דוא

קענסט פון אויסלאנד פאר דער מענשהייט אויך פיעלעס אויפטהאן! איך וועל אויך מיט דיר מיטפאָהרען און דיין קראַפט וועט זיך פערדאָפּלען. אבער ווארום זאלען מיר יעצט דעריבער ריידען? דוא מוזט זיך נאך ערהאלען, דוא בעדארפסט צו זיך קומען, און צו דיעזען צוועק האב איך דיר בעזארגט א שטילען רוהיגען פלאץ וואו א גוטער אַרצט וועט דיך בעהאנדלען אום דוא זאלסט שפּעטער דיין קאמפף קע־נען פאָרטזעצען. מיר וועלען נאבהער אלעס בעשליסען, אבער פאָרלויפיג זיי געזונד און האב קרעפטען.

— האסט דוא צייטליך מיין בריעף ערהאלטען? — האט איהר זאכארין פלוצלינג א פרעג געטהאן.

— וועלכען בריעף? — האט איהם דיא דאמע פערוואונדערט געפרעגט — דוא האסט דאך אין אונזער ליעבע א בעזונדערן סיסטעם, אז אן אונגליק וואס דיר טרעפט, זאגסט דוא מיר ניט אָן, און ווען מ א ר ט י ן האלט מיר ניט פערטרויט וואו דוא געפינסט זיך, וואלט איך דאס גליק ניט געהאט היינט דיך צו זעהן.

זאכארין האט מיט'ן גאנצען קערפּער א ציטער געטהאן.

— אָ, וואס איז מיט דיר מיין טהייערער?

— ליעבע, זיסע בערטהא! — האט זאכארין ערגרייפענד איהרע ביידע הענד געזאָגט — האב מיטלייד מיט זיך און געה גלייך נאך הויזע!

— אָ, וויא זאָנדערבאר דיין ביטע קומט מיר פאר! — האט דיא דאמע אי־בערראשט אויסגערופען.

— נאר איינפאך, מיין ליעבע, איך גלויב, אז דיא פּאָליציי וועט באלד דיא גאנצע הויז בעלאגערן!

— אַלזאָ ווילסט דוא, אז וועהרענד דוא וועסט אין אונגליק אריינפאלען, זאל איך לעבען פריי און גליקליך?

— ליעבע בערטהא! — האט זאכארין מיט א ציטערענדע שטימע איהר געזאגט — אלס עהרליכער, בראווער מענש זאג איך דיר אז דוא זאלסט אן מיר פערגעסען! איך ליעבע דיך הייס און היילינג מיט'ן גאנצען פייער פון מיין יונגעם הערץ; אבער וויא הייס מיין ליעבע איז, זאָ הייס איז מיין מיטלייד מיט דיר עדלעס קינד. איך בין א נ י ה י ל י ס ט אין פּאָלען זינען, מיין לעבען שטעהט יעדע מינוט אין קאָן, ווען איך בין היינט געראטעט, איז מעגליך דאס מארגען בין איך אויפ'ן עשאפאָט, און דוא מיין טהייערע ביזט נאך א יונגעס צארטעס קינד, דוא האסט נאך קיינע פולע אכצעהן יאהר; ערצויגען ביזט דוא עדעל ביי פיעלע מיליאָנען, דיין נאציאָן איז דיא אידישע, וועלכע בעדארף ניט און טאָר ניט נעהמען אנטהייל אין דעם פערצווייפעלטען קאמפף פון דיא רעוואָלוציאָנערען; ווייל וויא דיא זאך וועט זיך נאכהער אויסלאָזען, ווערט דערווייל דיא גאנצע אידישע נאציאָן פערניכ־טעט צוליעב איינינע פרייהייטס קעמפּפער. דער טיראן ליעבט ניט אידען און זוכט נור א פריטשעפּקע אום ער זאל קענען דעם גאנצען אידישען פאלק רואינירען און פערניכטען, — היינט ווארום זאלסט דוא זיך מיין טהייערע פערניפּטען דיין לעבענס בעבער? היינט הייראטהעסט דוא און מארגען ביזט דוא א יונגע וויטווע, מארגען

זעהסט דוא וויא דער הענקער פערציהט א שטריקעל אויף דיין מאנס האלז און מען בעגראָבט איהם אונטערן גאלגאן!

— נענונ! — האט בערטהא מיט א פעסטען טאן געזאגט — איך האב עס אלעס פריהער געוואוסט; אבער מיט דיר איז מיר דער טויטט אויך אנגענעהם און זיס! מעהר קיין ווארט דאריבער, זאכארין!

— אה, מיין עדלעס קינד! — האט זאכארין איהר צודריקענד צו זיין ברוסט פייערליך געזאגט — צוליעב דיר מוז איך מיט מיין לעבען אויף פארזיכטיגער זיין, און דארום מוז איך שוין וויסען, וואס מיט מיין אונגליקליכען ווירטה יאקאָב נרינבערג האט פאסירט! איך האב איהם צו דיר געשיקט מיט א בריעף נאך טויזענד רובל, וועלכע ער האט נעטהיג געהאט וויא דאס לעבען; דעם בריעף האסט דוא ניט ערהאלטען און ער איז צו מיר צוריק ניט געקומען. וויא קען איך מיך באלד ערוויסען וואס דא האט פאסירט?

— איך געה שוין אראָפּ צו דער ווירטהין, וועלכע האט מיר צו דיר דעם וועג אנגעוויזען.

— און וויא באלד איהר מאן איז נאך ניט צו הויזע, — האט איהר זאכארין בעזארגט געזאגט — זאלסט דוא גלייך אוועקגעהן און אויפזוכען א מיטעל וויא מיך ביז מארגען פריה פון דאנען צו בעפרייען.

— איך דיינק אז מיט א פּאָר שטונדען שפּעטער וועסט דוא שוין זיין ביי דאקטאר וואסיליעוו אין א צימער! — האט איהם דאס מעדכען זיך מוטהיג אוועק-שטעלענד ערווידערט — אדיע זאכארין.

— לעבע וואָהל מיין ענגעל!

און קלינגענדע קיסע האבען פערהילכט דאס קעמערעל.

— — — — — — — — — — — —

וועהרענד אויפען בוידים האט זיך אָפּגעשפּיעלט דאס הערצרייסענדע ליעבע, האט זיך ביי פּריסטאוו איוואנאוו אין וואוינונג נאך עפּעס אָפּגעשפּיעלט.

ווען שרה פיינשטיין האט געהאט דעם שליסעל פון איהר קערקער, האט זיא שוין מעהר איין מינוט ניט געקענט רוהען; זיא האט זיך בעשלאָסען דיא גאנצע נאכט ניט צו שלאָפען און אויסרעכענען וויא דעם שלויען פּריסטאוו אפּצונארען. זיא האט גוט געוואוסט, אז דיא רוסישע טשינאווניקעס זיינען אויף זייער זאך גענוג קלוג, און וויא באלד ער האט איהר אפּגענעבען דעם שליסעל, געוויס האט ער שוין גוט בעוואָרענט, אז זיא זאל אין דיעזער נאכט ניט קענען אנטלויפען. אויף דיא פערשפּראָכענע בעפרייאונג האט איהר זעהר ווייניג געפרעהט, זיא האט פערשטאנען, אז אזא אויסגעמאכטער יונג וויא דער פּריסטאוו וועט געוויס אויף איהר ווארט ווייניג שטעלען, און וויא באלד ער וועט איהר געבען א פּאספּאָרט און דינגען א וואוינונג, וויא זיא האט מיט איהם אפּגערעדט, וועט זיא אין קיין פאל פון איהם זיך ניט קענען רעטען. זיא האט דיא גאנצע נאכט איהרע קליידער פון זיך ניט אויסגעצויגען און אויף איהר בעטעל זאגאר זיך ניט צוגעשפּארט; נור זיא איז צוגעגאנגען צום פענסטער און האט זיך אויף א שטוהל אניעדערגעזעצט :

געהאלטען איהר קליינעם שווארץ־האָריגען קאָפּ צווישען ביידע הענד און געטראַכט

— מיין רעטונג מוז היינט געשעהן! — האט זיא נאך א לאנגען נאכדענקען זיך אליין אונטער דיא ציינער געדעדט — איידער א שענדליכען לעבען, איז שוין בעסער קאטאָרגא; אָבער ווען מען קען זיך פון קאטאָרגא רעטען, און קוים עס איז נאך פאראן זאגאר דיא שוואכסטע האפנונג, מוז מען אנווענדען מיטלען! אבער וואס פאר א מיטלען?.... מיין צימער קען איך לייכט עפענען, אבער וויא וועל איך דורכגעהן דיא איבעריגע צימערען? וויא וועל איך דורכגעהן דעם הויף, וואו איך זעה צוויי וועכטער ביי דער טהיר? איך האב דאך ניט לאנג בעמערקט וויא דער אויסוואורף האט מיט זיי געדעדט. אך, וויא שרעקליך איז מיין יעצטיגע לאגע! וואו וועט דער אונגליקליכער גרינבערג נעהמען טויזענד רובעל און ווארום זאל ער עס טהאן?.... און אז ער וועט עס שוין יא טהאן, וועט דען דער טיראַן אין גאנצען מיר פריי־לאָזען, נאכהער וויא ער האט שוין אויף מיר געוואָרפען אן אויג.... נאכהער וויא איך געפעהל איהם אויף צרות?....

א לייכטער קלאַפּען אין טהיר האט איהר שטארק איבערראשט.

— איינס אוהר ביי נאכט א קלאַפּ אין טהיר! — האט זיך דיא אונגליקליכע נעקלערט — און אין וועלכע טהיר? ביי א פריסטאוו, וועלכער לויערט אויף מיר! ער געהט שוין ווידער! ניין, איך וועל איהם ניט עפענען! איך שלאָף!

אין טהיר האט זיך געהערט א שטארקערער קלאַפּ, באלד נאך איינער און א דריטער.

זיא איז אויף דיא שפּיצען פינגער צו דער טהיר צוגעגאנגען א... האט זיך איינגעקוקט דורכ'ן לעכעל פון שליסעל. זיא האט געזעהן א שטיקעל פאָלע פון א ווייסען רעקעל.

— דאס איז דער צווייטער שורקע, זיין ברודער צו אלע שווארץ יאהר! — האט דיא אונגליקליכע אויפגערעגט געברומט — איין טייפעל ארויס, דער צווייטער אריין!....

פלוצלינג איז מיט דיא שנעלינקייט פון א בליץ עפּעס א געדאנק אין איהר קאָפּ דורכגעפלויגען; זיא האט א לייכטען שמייכעל געטהאן און האט דיא טהיר אויפגעמאכט.

— ענטשולדיגט מיר ליעבע סאָנינקא, — האט איהר אנטאָן איוואנאָוו ליעבליך געזאגט, נאכהער וויא ער איז אין איהר צימער פרעך אריינגעגאנגען — ענטשולדיגט מיר וואס איך בעזוך אייך זאָ שפּעט אין דער נאכט. איך ווייס, אז איהר שלאָפט אם מיינסטען ביי טאג און ביי נאכט זיצט איהר און קלערט.... אך, וויא גליקליך וואלט איך זיין, ווען איך וואלט געווען דער סוביעקט, וועלכער בעשעפטיגט אייערע געדאנקען!

— פאר אזא גליק הארט איהר עס, ווען א זשידאווקא זאל וועגעי טראכטען? — האט איהם שרה מיט א פריינדליכע מינע און מיט פער פעראכטונג געפרעגט.

-- מיינט איהר, סאַנינקע, אז איך בין א יודען־פרעסער, וויא מיין ברודער? האט דער יונגער איוואנאוו מיט א געמאכטען פערוואונדערונגס טאן גערעדט — ניין, איהר מאכט אן אירטהום, איך ליעב דיא אידען פייערליך און נאך מעהר, זייערע טעכטער....

— נו, ווארום הייראטהעט איהר ניט עפּעס א געטויפטע זשידאָווקא?

— וועגען דעם, מיין ליעבע סאַנינקע, בין איך צו אייך יעצט געקומען, — האט אנטאָן מיט א ליעבליכע מינע, איהר אַנקוקענד גלייך אין דיא אויגען געזאגט. איך האב מיך בערעכענט, אז פאר אייך וואלט ניט קרום געווען זיך צו טויפען.

— ביידע ברידער זיינען קראנק אויף איין קראנקהייט! — האט זיך שורקין נעקלערט שטעהענדיג הינטער'ן טהיר — געוויס איז דיא זשידאווקא עפּעס א זעל־טענע שעהנהייט; אָבער ראָמאנסירט ברידערלאך, איהר וועט זיך פון דיעזען ראָ־מאן האבען צו קראצען!....

— נו, וואס וועט שון זיין, ווען איך וועל מיך טויפען? — האט איהם שרה נאאיוו געפרעגט.

— דאמאלס וועל איך אייך בעטען, אז איהר זאלט זיין מיינע! — האט אנטאן פייעריג ערוויעדערט — איך וועל אייך האלטען טהייער און אייך פערהיילינגען וויא א געטין.

— אויף אייך מאנספערזאנען איז זיך ווייניג צו פערלאָזען, — האט שרה רוהיג ערוויעדערט — היינט ליעבט איהר דיעזער און מאָרגען אן אנדערע. איך גלויב אז אייער ברודער האט אויך א וויב, און דאך ראָמאנסירט ער ביי זיך צו הויזע מיט אן אנדערע און מעגליך גאר ניט וויט פון זיין פרוי'ס צימער.

— דאפיר איז ער דאך א פריסטאוו, — האט אנטאָן שפּאָטיש געזאגט — און א פּאָליציי־מאן קען זיך אלעס ערלויבען.

— אָה, אָה, ניהיליזמוס! — האט דער דעטעקטיוו שורקין הינטער דער טהיר זיך געקלערט — ער איז געוויס א ניהיליסט און האט אויף אלעקסעיעוו'ן געשאָסען אויך אויס ניהיליסטישע גרינדע!

— פאר אזוי פערדארבען האלט איהר עס דיא פּאָליציי־סקע בעאמטע? — האט איהם שרה מיט א שמייכעל געפרעגט.

— וויא דיא רעגירונג, אזוי זיינען איהרע בעאמטע!

שורקין האט ארויסגעחאפּט פון זיין בוזים־טאש א קליין נאָטיץ־ביכעל און האט אנטאָן'ס פראזע, וואָרט אין וואָרט אָבגעקופּירט.

— אָבער וואס רעדט אייער ברודערס וויב, — האט איהם שרה שמייכלענד געפרעגט — ווען זיא זעהט, אז איהר מאן טרייבט זיך ארום מיט אנדערע פרויען?

— זיא רעדט גאר ניט! — האט אנטאָן לאַכענד געזאגט.

— איז זיא געוויס פערדאָרבען וויא ער?

— אין געגענטהייל, זיא איז א גאנץ בראווע, עהרליכע פרוי.

— א בראווע עהרליכע פרוי, פערשווייגט אזא אונטרייהייט?

— ווייל זיא וויים ניט! — האט אנטאָן לאַכענד געזאגט.

— איך גלויב, אז זיא מאכט זיך ניט ווינסענדיג, — האט שרה ליסטיג אין מיט א פריינדליכען שמייכעל געזאגט — ווייל זיא וויים, אז זיא קען איהם דערפאר גאר ניט טהאן.

— חא, חא, חא! וויא הייסט זיא קען איהם גאר ניט טהאן? איהר גאנצער פערמעגען ליעגט אין באנק אויף איהר אייגענעם נאָמען.

— מעגליך, אז זיא איז ניט אזוי שטארק אייפערזיכטיג וויא אנדערע פרויען?

— גראדע פארקעהרט! — האט אנטאן גאנץ נאאיוו גענטגעגערט — זיא איז אזוי אייפערזיכטיג, אז זיא וואָלט איהם לעבעדיג פערברענט פאר'ן קלענסטען פערדאכט.

— איהר שפאסט עס, הערר איוואנאָוו, — האט שרה לאכענד געזאָגט — איז עס מעגליך, אז אייער שוועגערין זאל ניט וויסען, אז א יונגע דאמע זיצט דאָ פערשפארט ביי איהם אין א צימער און איהר מאן פערברייננגט לעבען דער דאמע גאנצע שטונדען.

— זיא וויים, אָבער זיא האט ניט געזעהן וויא לאנג ער פערווילט ביי איך.

— סיידען זיא איז בלינד, — האט שרה ווייטער געלאכט — אדער זיא זיצט פון מיר אין א גאנץ ווייטען צימער.

— אין א ווייטען צימער? — האט אנטאָן איהר געהאָלפען מיטלאכען — איז דען דער דריטער צימער פון דאנען ווייט?

— מיר שיינט, אז ווען מען האט מיך אהער אריינגעפיהרט — האט שרה ווייטער גערעדט — האב איך מעהר ניט געזעהן וויא דעם קיך צימער פון וואנען איך בין געקומען.

— ניין, סאָנינקע, — האט אנטאָן ליעבליך געזאגט — געגען אייער צימער ענט־געגען איז דיא טהיר פון אונזער בעדיענטענס צימער און גלייך מיט אייער טהיר פיהרט א טהיר צו איהר צימער....

— איך הער עפעס לעבען טהיר א גערויש — האט שרה ליסטיג געזאגט — און איך וואלט אייך ראטהען פון דאנען ארויסגעהן, ווייל איהר קענט זיך דא טרע־פען מיט אייער ברודער.

— אָה, סאָנינקע, — האט אנטאן פריינדליך געזאגט — בעאונרוהיגט אייך ניט אומזיסט, ווען איך וואָלט וויסען, אז מיין ברודער קען יעצט צו אייך קומען, וואָלט איך אייך ניט בעזוכט.

— איהר האט דאך נאָר וואָס געזאגט, אז א פּאָליציי־מאן קען אלעס.

— אבער ניט פליהען מיט פליעגלען פון קווארטאל אין זיין פריוואט וואוינונג.

— אזוי שפעט זיצט ער אייער ברודער אין קווארטאל?

— יעצט איז פאר איהם דארט דיא בעסטע צייט, — האט אנטאָן געלאכט — שפעט אין דער פינסטער לאזען זיך פיש בעסער פאנגען און אויסער דעם האט דיא פּאָליציי צייט איינינע טעג צו טהאן מיט אלעקסעיעוו'ן.

— וועלכער אלעקסעיעוו? — האט שרה נייגיעריג געפרעגט.

— דער שורקע, וועלכער רופט זיך מאָסקווער גאַלאָווא, האט אנטאָן געענטפערט.

— וואס האט דען דיא פּאָליציי מיט איהם צו טהאן?

— לאנג לעבען זאלסט דוא, סאָנינקע, פאר דיין נייגירדע? — האט דער דעטעקטיוו שורקין ביי יענער זייט טהיר זיך געטראכט — דוא האסט דיעזע פראגע יעצט פון מיין מויל ארויסגעכאפּט, איך בעדארף טאקי וויסען אן אנטווארט.

— מען האט אויף איהם צוויי מאל געשאָסען.

— געשאסען?

— אָבער ליידער ניט געטראָפען.

שורקין האט וויעדער עפּ׳ס אריינגעשריעבען אין זיין ביכעל.

— און דיא שיסער האט מען דערטאפּט?

— אזוי לאנג קריינקט ער! — האט אנטאָן מיט א פרעהליכען טאָן ערוויע־דערט — אבער גענוג וועגען זייטיגע זאכען צו ריידען! לאמיר הערען עפּעס פון דיר א ווערטעל וועגען אונזער ליעבע.

— ער וויל שוין מעהר ניט ריידען! — האט שורקין זיך געטראכט — אבער ער האט שוין גענוג גערעדט.... איך וועל מיט גאטס הילף נאך מעהר הערען! שרה האט זיך פערנאנדער געלאכט.

— וואס בעדייטעט סאָנינקע אייער לאכען? — האט איהר אנטאן אויפגע־רעגט געפרעגט.

— איך לאך וואס א פראוואָסלאוונער ליעבט א זשידאָווקא.

— נו, האב איך דאך אייך געמאכט א פּאָרשלאג, אז איהר זאלט זיך טויפען.

— נאך היינטיגע נאכט?

— זייט איהר אבער געזאנגען, ווען עס איז דאס צו טהאן פון מיינטוועגען? שרה האט איהם געענטפערט מיט א פריינדליכען שמייכעל.

אנטאָן איז צו איהר צוגעלאָפען און האָט איהר ליעבליך אומגעהאלדזט.

— אלץ נאכ׳ן טויפען! — האט שרה איהם אפּשטויסענד פון זיך מיט פער־אכטונג ערוויעדערט — דערווייל געהט שלאָפען, ווען איהר ווילט, אז איך זאל ניט מאכען א ליארעם!

— און איהר פערשפּרעכט מיר זיך צו טויפען? — האט אנטאָן זיך ערוויי־טערענד פון איהר אייניגע שריט געפרעגט און זיינע אויגען האבען געפייערט.

— אז איהר וועט מיר זיין געהארכזאם און געהן יעצט שלאפען, וועל איך אייך מאָרגען זאגען אנטוואָרט.

— איך טהו עס מיין טהייערער ענגעל! — האט אנטאָן ערפרעהט אויסגע־רופען און ער האט זיך באלד מיט איהר פריינדליך פעראבשיידעט און איהר צימער פערלאָזען.

— פּ־פּע, וויא ער חראָפּעט צום טייפעל! — האט אנטאָן געזאגט א קוק־טהאנדיג אויף שורקינען, וועלכער איז געלעגען אויסגעצויגען אויפ׳ן בויד, ווען ער איז דורך זיין צימער דורכגעגאנגען — דאס איז עפּעס א מוזשיק נאר וואס פון׳ם דאָרף ארויס!....

— דיא צייט פון מיין רעטונג איז געקומען! — האט שרה נאך א גאנצע האלבע שטונדע נאכדענקען צו זיך אליין גערעדט — טוידט אדער לעבען!

זיא האט גאנץ שטיל איהר צימער אויפגעעפענט, זיא איז ארויסגעגאנגען און האט איהם פון אויסוויינינג פערשלאָסען, זיא איז אויף דיא שפיצען פינגער צוגעגאנגען צו דער זייטיגער טהיר און האט איהר לאנגזאם אויפגעמאכט און פון אינעווייניג גלייך צוריק צוגעמאכט. פון דאָרט איז זיא אריין אין עס־צימער, וואו א טהיר פון נאך א צימער איז געווען האלב אָפען, און פאר'ן רויטען שיין פון א הענג לאמפע האט זיא דערזעהן אַ שלאָפענדע דאמע אין זעהר א רייך־פערפוצטע בעט.

זיא איז שטיל אין צימער אריינגעגאנגען און האט דיא האלב־אָפענע טהיר לאנגזאם צוגעמאכט. אויף דיא שפיצען פינגער איז זיא צו דער בעט צוגעגאנגען און האט זיך אוועקגעשטעלט.

— מיטלייד מאדאם איוואנאוו! — האט זיא מיט א שטילע שטימע געזאגט— מיטלייד מיט אן עלענדע!

זיא האט דיא זעלבע ווארטען אלע מאָל העכער גערעדט ביז דיא פרוי האט זיך פלוצלינג אויפגעחאפט און האט זיך האסטיג אוועקגעזעצט אויפהויבענד איהרעביידע הענד אין דער הויך און האט געעפענט איהר מונד אויסצושרייען: געוואַלד!

— שרעקט אייך ניט טהייערע, ליעבע פרוי! — האט שרה פיינשטיין פאלענד אויף דיא קניע און אויסשפרייטענד איהרע קליינע צארטע הענטלאך מיט טרעהרען אין דיא אויגען אויסגעשריען — איך בין דיא אונגליקליכע, עלענדע און פערפאָלגטע פרוי, וועלכע זיצט שוין צוויי טאג פערשפארט אין אייער הויז אין א צימער! איך בין צו אייך געקומען אום צו בעטען פון אייך מיטלייד.... רעטעט מיך עדלע פרוי פון מיינע פערפאָלגער, וועלכע ווילען זייערעליידענשאפטליכע געפיהלע אויף מיר אויסאיבען.... איך בין אונגליקליך! איך בין עלענד וויא א שטיין און בעזיץ קיינע קרעפטען צו קעמפפען פאר מיין עהרע.... איך בין שוואך וויא א פליעג. און דא אין וואוינונג פון אן אנשטענדיגע, עהרליכע, עדעלע פרוי וויא איהר זייט, וויל א מענש מיך צו א שענדליכען לעבען ברייגען....

— ווער? — האט דיא פרוי ווילד אויסגעשריען — ווער וואגט זיך אייך צו בעריהרען?

— אָה, איך קען עס אייך ניט זאגען!.... מיין געוויסען לאָזט עס מיר ניט!

— ניין, איהר מוזט מיר זאגען ווער! — האט דיא פרוי אויסער זיך אויסגעשריען — איהר טאָרט פון מיר גאר ניט לייגנען! איך מוז עס וויסען!

— עס טהוט מיר זעהר לייד אייך צו זאגען, אז דער יעניגער איז אייער מאן אליין!

— מיין מאן? — האט דיא פרוי ארויסשפרינגענדיג וויא א ווילדע טיגערין פון איהר בעט אויסגעשריען — מיין מאן? ער האט דאך אייך גאר פערשפארט פאר א פערברעכען!

— אָה, ניין עדעלע פרוי! איך האב קיין פערברעכען בעגאנגען, אויסער וואס גאט האט מיר געשענקט א שעהן געזיכט.... איז דאס דען מיין שולד?

— און מעהר ניט?

— מעהר ניט, עדעלע פרוי, — האט שרה וויינענד ערוויעדערט — אייער מאן האט מיך ביי א בעפאל דערזעהן און האט שוין צוליעב א געוויסען ציעל אויסגעקלערט אויף מיר פיעלע פערברעכען אום מיך ביי זיך אין וואוינונג צו פערשפארען.

— צוליעב וועלכען ציעל! — האט דיא פרוי העכסט אויפגערעגט געפרעגט.

— ער האט געוואלט, אז איך זאל איהם זיין ליידענשאפט נאכגעבען, און נאכהער וויא ער האט געזעהן, אז ער קען מיט מיר גאר ניט מאכען ביי זיך אין צימער, וואו אייך קען עס לייכט בעוואוסט ווערען, צווינגט ער מיך, אז איך זאל אריינציהען אין א וואוינונג פאר וועלכען ער וועט צאהלען און ער וויל מיך דארט אפט בעזוכען!

— א גאט! — האט דיא פרוי פערברעכענד מיט דיא הענד אויסגעשריען — איך האב שוין לאנג אויף איהם געהאט עפעס א פערדאכט; אבער איך האב ניט געוואוסט, אז ער איז מיר אזוי וויט אונטריי!

— אט וויא איך דערצעהל אייך עדעלע פרוי!

— קענט איהר מיר געבען עפעס א בעווייז אין דעם? — האט דיא פרוי נאך א קליינעם נאכדענקען געפרעגט.

— דער בעסטער בעווייז איז דיעזער שליסעל! — האט שרה איבערגרייכענד דעם שליסעל פון איהר צימער געזאגט — אז איך האב איהם געזאגט דאס איך בין צופריעדען מיט איהם ערגעץ צו קווארטירען, האט ער מיר באלד האלב פריי געלאזען

מאדאם איוואנאוו האט זיך מיטביידע הענד א קלאפ געטהאן אין קאפ.

— איך וועל איהם שוין אנלעהרנען! — האט דיא פרוי וויטהענד געשריען — ער וועט שוין א „צעהנטען פערזאגען״!

דיא פרוי האט ארויפגעווארפען איהר קלייד אויף זיך און האט זיך פערהילט אין א טוך.

— קומט! — האט זיא שרה'ן ערגרייפענד פאר'ן האנד געזאגט — איך בעפריי אייך פון דעם הולטיי!

זיא האט דער איבערראשטער שרה פיינשטיין אראפגעפיהרט פון דיא הינטערשטע טרעפ, אליין האט זיא זיך אוועקגעשטעלט ביי דער טהיר און האט איהר געהייסען ארויסגעהן פון'ם הויף.

— נילזיא'ס מאטושקא! (מען טאר ניט מאמעלע!) — האבען איהר ביידע וועכטער שטרענג געזאגט, ווען זיא איז צום טהויער צוגעגאנגען.

מאדאם איוואנאוו איז באלד צו זיי צוגעלאפען און האט יעדען פון זיי אראפגעלאזען צו פאר הייסע פעטש, אז זיי איז געפלויגען פייער פאר דיא אויגען.

— סלושאיום'ס! סלושאיום'ס! — האבען זיי ביידע אין איין קול אויף דיא פעטש ערוויעדערט און האבען גלייך דיא טהירעל פון'ם טהויער אויפגעמאכט.

— איהר וועט דאפעלט בעקומען, ווען איהר וועט איהם איין ווארט פון

דער גאנצער געשיכטע אפדערצעהלען! — האט דיא מאדאם, נאכהער וויא שרה פיינשטיין איז אוועקגעגאנגען, צו דיא וועכטער געזאגט.

— סלושאיום׳ס! סלושאיום׳ס!

— — — — — — — — — — — — — —

מיט ראשע טריט האט שרה פיינשטיין זיך ארומגעדרעהט אין פערשיעדענע הינטער־געסלאך גלייך וויא זיא האט פון איהר קערקער זיך ארויסגעחאפט. „צום אלטען פריינד גרינבערג״, האט זיא געפאסט ביי זיך א בעשלוס און איז באלד אין זיין וואוינונג אריינגעלאפען.

זיא האט לויפענדיג צו גרינבערג׳ן זיך פארגעשטעלט, וויא שווער און וויא געפעהרליך עס איז יעצט אום צוויי אוהר אין דער נאכט אין גרינבערגס וואוינונג זיך אריינצוחאפען. אבער צו איהר ערשטוינען האט זיא גאר ניט בעדארפט לאנג ארום זיין קווארטיר זיך ארומדרעהען; זיא האט געפונען דיא אונטערשטע טהיר האלב אפען, און ביי דעם ערשטען לייכטען אנקלאפען, האט איהר זיין פרוי דיא אויבערשטע טהיר אויפגעמאכט.

גרינבערגס פרוי אסתר, איז הינטער זיך אפגעשפרונגען פאר איבערראשונג ווען זיא האט שרה פיינשטיין דערזעהן. איהר בלאסע, טרויעריגע געזיכט איז רויט געווארען פאר ערשטוינען און פרייד. זיא האט א פאטש געטהאן מיט ביידע הענד איהר אנקוקענד שטום אין דיא אויגען.

דיא אונגליקליכע האט איהר אויך שטום אנגעקוקט און האט געזוכט מיט דיא אויגען הין און צוריק און א פערוואונדערטע מינע איז אויף איהר ערשראקענע געזיכט געלעגען, פונקט וויא זיא וואלט געוואלט אויסדריקען איהר ערשטוינונג, וויא קומט עס אזוי שפעט אין דער נאכט זאל דיא ווירטהין ניט שלאפען און דער ווירטה ניט זיין צו הויזע.

— זייט איהר ווירקליך געראטעט? — האט אסתר גרינבערג מיט א פער־וואונדערטען און פרעהליכען טאן אויסגעשריען, ריכטיג וויא זיא וואלט ניט גלויבען איהרע אויגען, אז זיא זעהט פאר זיך דיא ארעטירטע פרוי.

— אה, טהייערע פריינדין, פארלויפיג יא! — האט שרה קוקענד צום טהיר מיט אן ערשראקענעם געזיכט גרוויעדערט.

— און מיין מאן וועט פון דעם פריסטאוו אויך באלד קומען?

— איז דען אייער מאן יעצט ביי דעם פריסטאוו?

— ער איז אנפאנג אבענד אוועקגעלאפען מיט א בריעף פון א וויכטיגען פערזאן צו איינע א רייכע פרוי, אום צו בעקומען פאר דעם פריסטאוו דיא פער־שפראכענע טויזענד רובעל אויסקויף געלט.

— און ער איז נאך ניט געקומען? — האט שרה חעכסט אויפגערעגט געפרעגט.

— און איהר האט איהם גאר ביי דעם פריסטאוו ניט געזעהן? — האט אסתר מיט אן אונרוהיגע מינע געפרעגט.

שרה האט אנשטאט ענטפערן פערבראכען מיט דיא הענד.

— וועה מיר! וואס האט פּאסירט? — האט אסתר מיט א ציטערענדע שטימע אויסגעשריען.

— איך מוז אייך זאגען דיא ריינע וואהרהייט, — האט שרה אויפגערעגט איהר ערוויעדערט — אז איך האב מיך נאר אהן א פערמיטלונג, פון פריסטאוו אליין גערעטעטעט.

— אָי! — האט זיך א הערצרייסענדער קרעכץ פון אסתר'ס ברוסט ארויסגע־ריסען און זיא האט זיך מיטביידע הענד אן שרה'ס שולטערן אנגעכאפּט.

— איהר האט זיך גאר ניט וואס צו בעאונרוהיגען, — האט איהר שרה נאך א קליינעם נאכדענקען געטרויסטעט — אייער מאן וועט געוויס באלד צוריקקומען; עס איז מעהר ניט צו בעדויערן, וואס דער שורקע בעקומט פאר מיין זעלבסט בעפרייאונג טויזענד רובעל.

— וואס רעדט איהר! — האט אסתר העכסט אויפגערעגט און אונרוהיג אויסגעשריען — אזוי שפּעט אין דער נאכט זאל מיין מאן זיין ביי דעם פּריסטאוו? אָי, מיין הערץ שרעקט מיך זעהר, איך האלט עס גאר ניט אויס!

שרה האט איהר דערצעהלט אין קורצען איהר לאנגע אין פּריסטאוו'ס הויז און וויא אזוי זיא האט זיך גערעטעט פון איהר געפענגניס און האט געענדיגט מיט דיעזע ווערטער:

— און וויא באלד אייער מאן איז נאך ניט געקומען, איז דאס א בעוויז, אז דער פּריסטאוו האלט איהם אפּ ביז אין דער פריה, אום ער זאל אי דיא טוי־זענד רובעל קענען נעהמען און מיך ניט פערליערען.... דער שורקע וויל דאס געלד מיט'ן נפש צוזאמען.

אסתר האט זיך מיט דיעזע ערקלערונג, וועלכע עס ליגט זיך לייכט אויפ'ן שכל אביסעל בערוהיגט וועגען איהר מאן; אבער זיא איז אונרוהיג געוואָרען וועגען דער אנטלאָפענער ארעסטאנטין וואס קען לייכט אין פּריסטאוו'ס הענד צוריק אריינפאלען זיצענדיג ביי איהר צו הויזע.

— וויא באלד אזוי, ליעבע פריינדין, — האט אסתר נאך א קליינעם נאכ־דענקען געזאגט — מוז איך אייך בעזאָרגען אן אנדער בעהעלטניס, וואו איהר וועט זיין פיעל זיכערער וויא ביי מיר אין וואוינונג. ביטע ווארטעט א ווילע אויף, איך קום באלד צוריק.

זיא האט אנגעצונדען א ליכט און איז ארויסגעגאנגען און מיט צעהן מינוטען שפּעטער, איז שרה פיינשטיין געזעסען לעבען אַסיפ זאכארין אויפ'ן בוידים.

אונגליקליכע אסתר! דוא רעטעסט אונגליקליכע און דוא ווייסט ניט, אז דער שרעקליכסטער אונגליק האט דיך, ארימע פרוי, אליין געטראָפען.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— אך, וויא פינסטערניס איז שרעקליך! — האט שרה וויא צו זיך אליין גערעדט זיצענדיג אויף דער ערד ביי זאכארינען אין קעמערל, וואו דאס ליכטעל איז שוין לאנג אויסגעגאנגען.

— פינסטערניס איז ליעב און אנגענעהם פאר דיא וואס ווערען פערפאָלגט

פאר זייערע עהרליכע אידעען, — האט זאכארין רוהיג ערוויעדערט — איך זעה אייך
ניט פרוי, און איך וויים ניט ווער איהר זייט. נאר, אז דיא ווירטהין האט אייך
היער בעהאלטען, פערשטעהע איך, אז איהר מוזט זיצען אין דער פינסטער; איך
פערשטעה אבער אן אייער שטימע און אן אייער אויסדריקען דיא פראזע „פינ־
סטערניס איז שרעקליך“, אז ניט צוליעב עפּעס א שרעקליכען פערברעכען זיצט
איהר אין דער פינסטער.... געוויס זייט איהר אויך עפּעס פערפאָלגט פאר א
אידעע, א געדאנק אדער זאגאר פאר אייער אבשטאמונג, ווייל איהר זייט א
אידין...

שרה האט א קרעכץ געטהאן.

— א מאל איז א קרעכץ, א זיפץ אדער א טרויעריגע מינע, — האט זאכא־
רין ווייטער גערעדט — דער בעסטער און דער קלינגסטער אנטוואָרט. עס גיעבען א
סך מאָמענטען אין מענשענ.ס לעבען אין וועלכע זיין איין זיפץ פערגרינגערט איהם
טויזענד קוועלונגען און פערענטפערט טויזענד פראגען — דאָך אלס איינער פון דיא
יעניגע, וועלכע פינסטערניס מוז זיי זיין ליעב און אנגענעהם, וואָלט איך ווינשען
אנטהייל נעהמען אין אייערע שמערצען, וועלכע האבען אייך געצוואונגען צו זיצען
גלייך מיט מיר אויף א פינסטערן בוידים. מעגליך, אז מיר ווערען ביידע פערפאָלגט
פאר א יין אידעע און דאדורך קענען זיך אונזערע ביידע קרעפטען פעראייניגען.

— אָ פריינד, — האט שרה זיפצענד איהם געזאגט — קרעפטען פון אונגליק־
ליכע און פערפאָלגטע זיינען געגליכען צו א צערבראָכענעם ראָד אין א וואגען. ער
שטערט דעם וואָגען צו געהן, און ער אליין ווערט ביי זיין בעוועגונג נאך מעהר
צובראכען.

— אייער פערגלייכען, פריינד, — האט זאכארין ערוויעדערט — איז זעהר
טיפזיניג און פּראקטיש. איך זעה, אז לעבען מיר זיצט א מענש מיט וועמען איך
מעג ריידען; אבער ניט אימער בעדארפען אונגליקליכע און פערפאָלגטע זייערע
קרעפטען מיט אזא מיינונג בעטראכטען. דאס לעבען אין וועלכען פערשיעדענע
קרעפטען ארבייטען, מוז האבען אויך קרעפטען פון אונגליקליכע און פערפאָלגטע.
דיעזע מענשען ארבייטען פיעל ענערגישער און שטארקער. עס גיעבען פיעלע טהעע־
טיגקייטען, וועלכע בריינגען נוצען דער גאנצער מענשהייט, און דאָך ווערען זיי בע־
טראכטעט פאר דיא גרעסטע פערברעכען. פאר פערברעכען ווייסען אלע, אז מענשען
ווערען פערפאָלגט און אונגליקליך; היינט שטעלט זיך פאָר, וואס וואלט געווען
ווען אלע ארבייטער פאר דער מענשהייט, דאס הייסט: דיא אונגליקליכע און פער־
פאָלגטע וואָלטען בעטראכט זייערע קרעפטען פאר א צובראכענעם ראָד אין וואָגען?
אבער מיר פערפאָלגטע טאָרען אזוי ניט טראכטען, מיר מוזען פאר דער מענשהייט
ארבייטען אבוואהל מיר ווערען דאפיר פערפאָלגט, אבוואהל מען ווארפט אונז דער־
פאר אין געפעננגיס אדער מען פיהרט אונז צום עשאפאָט, צום גאלגאן.... אבער
זאגט מיר עלענדע פריינדין, ווער איהר זייט? — האט זאכארין פלוצלינג אונטער־
ברעכענד זיין געשפּרעך איהר געפּרעגט — מיין ווירטהין האט מיר מעהר ניט גע־
זאגט, דאס איהר זייט אן עהרליכע פערפאָלגטע פרוי, און דאס פערשטעה איך אן.

אייערע נעצעהלטע ווערטער; אבער וואס פאר אן אונגליק האט אייך דא צו מיר געבראכט?

— א ניעדערטרעכטינע פאלשע בעשולדיגונג! — האט איהם שרה ער־ וויעדערט.

— זייט איהר עס פיעללייכט דיא פרוי, וועלבע איהר זייט היער אין מיין ווירטה'ס וואוינונג ביי דעם פריסטאוו'ס בעפעהל פערהאפטעט געוואָרען? — האט איהר זאבארין העכסט אויפגערעגט געפרעגט.

— איך בין עס דיא אונגליקליכע.

זאבארין איז פון זיין געלעגער פונקט וויא א שלאנג וואָלט איהם א ביס געטהאן אויפגעשפרונגען.

— אָ גאָט! — האט ער ניט מיט זיין שטימע אויסגעשריען — טאָ וואו איז הערר גרינבערג?

— איך דענק אז ער איז נאך ביי דעם פריסטאוו מיט דיא טויזענד רובעל, — האט שרה איהם ערוויעדערט.

— מיט וועלכע טויזענד רובעל? — האט זאבארין ערשטוינט געפרעגט.

— מיט וועלכע ער האט גערעכענט צו בעקומען פון א הויכע דאַמע, לויט וויא זיין ווייב האט מיר יעצט דערצעהלט.

— דורך א בריעף וועלכען מען האט איהם געגעבען?

— יא דורך א בריעף.

— איך אליין האב דאך איהם דעם בריעף געגעבען! — האט זאבארין אי־ בערראשט און שטארק אויפגערעגט אויסגערופען — אבער ליידער האט ער דאך דאס געלד ניט בעקומען, וואס איז דאס? איך פערשטעהע עס ניט!

שרה האט א ציטער געטהאן און האט פערבראָכען מיטביידע הענד.

— היינט וויא אזוי האט איהר זיך גערעטעט? — האט איהר זאבארין צו־ רודערט געפרעגט — עפעס דיא גאנצע געשיכטע קומט מיר זאָנדערבאר פאָר.

זיא האט איהם דערצעהלט איהר געשיכטע און וויא אזוי זיא איז פון פריס־ טאוו'ס צימער אנטלאָפען.

— מיט גרינבערג'ן האט געטראפען אן אונגליק — האט זאבארין ציטערענד מיט'ן גאנצען קערפער געזאגט — יעצט בין איך איבערצייגט, אז ער איז אריינגע־ פאלען צו דער פאליציי מיט מיין בריעף וועלכער מאכט איהם אונגליקליך .... יא, דאס איז ריכטיג, מיין פרוי נעבאך רעכענט אויך, אז ער איז ביי דעם פריסטאוו.

שרה האט אויסגעבראכען מיט א געוויין.

— איך ראטה אייך אונגליקליכע פריינדין — האט זאבארין איהר אונרוהיג געזאגט — אז איהר זאלט דעם בוידים פערלאזען וואס אם שנעלסטען, דען נאכ־ הער וויא גרינבערג איז מיט'ן בריעף אריינגעפאלען, זיינען מיר דא ביידע ניט זיכער.

— אבער וואוהין געהט מען? — האט שרה פערברעכענד מיט דיא הענד געיאמערט — איך בין אין דיעזער שטאדט פרעמד און האב קיינע בעקאנטע.

דיא טהירעל האט זיך אין דיעזען מאָמענט אויפגעמאכט **און עס האט זיך** נעהערט שטילע שריט אויפ'ן בוידים.

— זאכארין, — האט ער דערהערט א **גאנץ** שטילע שטימע — **מיר זיינען** געקומען דיך רעטען.

— מארטין? — האט זאכארין געפרעגט.

— מארטין, — האט ער בעקומען אן אנטוואָרט — אָסטראָוו איז אונטען, **זיא איז** אויך דא.

— איך בין דא ניט איינער, — האט זאכארין געזאגט — איהר מוזט אויך רעטען נאך אן אוניקליבע פרוי, וועלבע מיין ווירטהין האט דא יעצט בעהאלטען.

מארטין האט אנגעצונדען א ליכט און דערזעהענד דער שעהנער פערוויינטער פרוי, האט ער זיך פאר איהר העפליך פערנייגט און האט איהר דאס ליכט איבער-געגעבען.

— מיט אונז, אונבעקאנטע דאמע, — האט ער איהר פריינדליך געזאגט — אייער ערשטער נוצען איז, אונז דעם וועג צו בעלייכטען.

ער האט זאכארינען אוועקגעשטעלט איהם ערגרייפענד אונטער דיא ארעמס, שרה איז נעגאנגען פאָראויס מיט דאס ברענענדע ליכט'ל אין דער האנד; זיא איז פון לייטער ארונטערגעקראָכען; מארטין האט זאכארינען וויא עס איז אראפגע-פיהרט פון שטופע צו שטופע.

און אין איינינע מינוטען ארום, איז פון הינטער זאראדיע, לעבען „פראָוואַ-לאָמאניד־וואראָט" אוועקגעפלויגען א פערמאכטער עקיפאזש גלייך מיט'ן וועג פון „מאָסקווא רעקא" און איז פערשוואונדען געווארען וויא א שווארצער שאטען אין דיא פינסטערניס.

16טעס קאפיטעל.

## ער פיהרט זיי אלע אין חדר.

אויפ'ן פינפטען שטאָק אין דעם בעריהמטען מאסקווער געפענגניס אויף „טאגאנקא" זיצען פינף ארעסטאנטען אין אן ענגע פינסטערע צעלע, איין קליין פענסטערל אין דאך וואס קוקט אויס וויא אן אויג פון א בר-מנן און איז בעדעקט מיט א נעדיכטע שטעבענדע אייזערנע גראטע, בעלייכטעט מיט א דונקעלן שיין דעם שרעקליבען צימער אין וועלכען עס איז ניט צו זעהן א בעטעל אדער א שטוהל. א לאנגער טאפטשאן צוזאמענגעשלאגען פון פיער ברייטע שמוציגע ברע-טער, פערנעהמט א האלבען צימער. אויף איהם ליעגט א פערפוילטער עפוש'דיגער שטרוי-זאק, אויף וועלבען דיא ארעסטאנטען זיצען דעם גאנצען טאג און רוהען ביי ביי נאכט. אונטער דעם טאפטשאן שטעהן פיער ליימענע טעפלאך, וועלבע ווערען פון דיא וועכטער אנדערש ניט אויסגעגאסען, סיידען אז זיי געהען שוין איבער און פערנעצען דעם דיעל פון איבעריגען שטיקעל צימער; דיא ווענט זיינען שווארץ און עס ליעגט אויף זיי א ווייסער מאָך וואס דער ווינטער לאזט נאך זיך איבער אלס אן אנדענקען פון דיא שרעקליבע ווילגאָטש. דאס קופט איז פערפעס-

טעט און נעדיכט, דאס מען קען איהם אנטאפען מיט דיא הענד וויא אמאָליגע מצרים'דיגע פינסטערנים.

אין דיעזען גיהנם'דיגען צימער, פון וועלכען עס זעהט זיך א פעסט געשלאָסענע אייזערנע טהיר, זיצען אונזערע פיער בעקאנטע פערזאָנען איינער איז, דער אירקוטסקער וואסילי פעטראוו, אדער סערגיי פאטאָמקין, דער צווייטער, איז אברהם גאָלדבוים, דער דריטער, יאקאב גרינבערג און דער פיערטער, וואסילי חאָמיאקאָוו (ראזבאָיעוו).

דעם פינפטען האט מען יעצט צו זיי אין צעלע אריינגעוואָרפען און ער זיצט געשמידט צום וואַנט מיט א דיקע אייזערנע קייט.

— וואס איז נאך שרעקליכער וויא א מאָרד=ברענער? — האט זיך געקלערט דער אונגליקליכער גרינבערג — און דאך זיץ איך פריי ווערענד מיין נייער קאַמעראד איז געשמידט צום וואנט. אך, וויא שווידערהאַפט עס איז צו זעהן א געשמידטען מענשען. אבער געוויס ליענט אויף איהם עפעס א שווערער פערברעכען, אבער מעגליך — האט זיך דער אונגליקליכער ווייטער געקלערט — אז ער איז אונשולדיג וויא איך. מעגליך, אז ער איז געלאפען רעטען א מענשען פון אונגליק; ער איז געגאנגען צו א וואהלטהעטיגע זאך און ער איז נאך אין א גרעסערן אונגליק אריינגעפאלען. אין רוסלאנד קען אלעס פאסירען. אבער וויא אזוי שמידט מען עס א מענשען זאָ טיראניש צו א וואנט? קען ער דען פון דיעזען פערשלאָסענעם גיהנם אנטלויפען.

גרינבערג האט זיך פערטראכט ניט אראָפנעהמענד דיא אויגען פון אונגליקליכען ארעסטאנט. פלוצלינג האט ער זיך דערמאהנט אן זיין אונגליקליכע פרוי מיט זיינע דריי קליינע קינדערלאך און א הערצרייסענדער קרעכץ האט זיך פון זיין ברוסט ארויסגעריסען.

— שוין צוויי טאג אריבער — האט ער ביטערליך געברומט צווישען דיא צעהנער — זייט דאס אונגליק האט מיך בעגעגענט. מיין ווייב האט מיך אין אָפענבאכם קאָנצעליאריע אויסגעפונען; דאס קליין קינד אויף איהרע הענד האט געפיפטשעט וויא א פייגעלע: „פאפא" און האט זיך געצויגען צו מיר. אָ, וויא שרעקליך! אלע צייטונגען אין רוסלאנד קלינגען מיט יאקאב גרינבערגס מאָרד=בראנד. מיין פאטער וועט דאָרט שטארבען פאר שאנדע. מיין ווייב און קינדער פאר הונגער און שמערצען. אבער נאט זיי דאנק זאכארין און שרה זיינען גערעטעט.

ער האט זיך ווידער פערטיעפט אין שרעקליכע געדאנקען און האט א קוק געטהאן אונווילענד אויף וואסילי חאָמיאקאָוו.

— אך, וויא בעקאנט דיעזער ארעסטאנט קומט מיר פאָר — האט ער ווייטער געטראכט — ער איז פונקט געראָטען אין יענעם מערדער, וועלכער האט דיא הויז אין פראָבראזשענסקי אונטערגעצונדען און מיך אין דעם מאָרד=בראנד בעשולדיגט. אבער וויא קומט ער צו הייסען חאָמיאקאָוו, ווערענד יענעם האט דער פריסטאוו פון פראָברעזשענסקען קווארטאל אנגערופען ראזבאָיעוו?

ער האט זיך שטארק צו איהם צוגעקוקט און האט מיט'ן גאנצען קערפּער א ציטער געטהאן.

— זיי זיינען עהנליך וויא צוויי טראָפּפען וואסער! — האט דער אונגליקליכער וויטער זיך געקלערט — זיינע אויגען פייערן וויא ביי א וואהרען מערדער; זיינע בליקען שטעכען מיר אין הערצען וויא שארפע פיילען. אבער ער איז דאך ניט דער זעלבער! איך וויים געוויס, אז יענער הייסט ראזבאָיעוו.

דער געשמידטער ארעסטאַנט איז געזעסען אויפ'ן דיעל; זיין שווארצהאריגע קאָפּ איז געווען אראפּגעלאָזען צום ברוסט און ער האט שטארק געכראָפּעט.

פּאָטאָמקין האט זיין קאָפּ איינגענאָרעט אין שמוציגען שטרוי-זאק און האט געוויינט, גאָלדבוים איז געזעסען מרה-שחורה'דיג מיט האלב פערגלעזערטע אויגען און האט אנגעקוקט דיא שווארצע אייזערנע טהיר אום ער זאל ניט זעהן דעם גע-שמידטען מארטירער און חאמיאקאָוו איז געזעסען און געוואָרטשעט אין דער שטיל וויא א טיגער אין א קליעטקע.

— אָ ליעבער גאָלדבוים! — האט גרינבערג צו גאָלדבוימען געזאגט מיט א ציטערענדע שטימע — ווער האט געקענט מיט א פּאר טאג פריהער זיך פאָרשטעל-לען, אז מיר וועלען ביידע דא פוילען אין דעם פינסטערען שטיקענדען קערקער! וואס וועלען יעצט טהאן אונזערע פאמיליען? וואו וועלען אהינקומען אונזערע קינדער?

— ניט געזאָרגט ברודער! — האט גאָלדבוים מוטהיג ערווידערט — מיר וועלען עס נאָך אמאל אין פריידען דדרצעהלען.

— גליקליך זייט איהר, ברודער, וואס איהר קענט נאָך האָפען! — האט גרינבער טרויעריג ערווידערט — איך אבער זעה פאר קיין רעטונג גאר ניט ארויס. איך מוז יעדע האָפנונג אויפגעבען. איך זאג „איך מוז“, ווייל אזוי איז מיין שרעק-ליכער צושטאנד, מענשען זאגען עדות, אז זיי האבען געזעהן וויא איך האב דעם מאָרד-בראנד בעגאנגען, א בריעף פון א געפעהרליכער פערזאן פאר דער רעגיערונג האט מען אין מיין קעשענע אויסגעפונען, היינט וויא אזוי קען איך האפען און וואס האָב איך צו ערוואַרטען?

גאָלדבוים האט געוואלט דעם אונגליקליכען טרויסטען, אבער ער האט ניט געוואוסט וויא אזוי און מיט וואס. ער האט גוט פערשטאנען, אז מיט פוסטע רייד און מיט פערזיכערונג אויף געטליכע נסים, וועט ער דעם אונגליקליכען ניט בערו-היגען, ווייל זיין בעשולדיגונג איז ווירקליך א שווערע.

— מיין אונגליק איז נאך שרעקליכער פון אייער'ן — האט גאָלדבוים נאך א קליינעם שטילשווייגען געענטפערט — איך בין אויך בעשולדיגט אין א מארד און דאך האב איך מיין האָפנונג ניט אויפגעגעבען; איך גלויב אין דעם קלוגען וואָרט פון אונזערע אמאָליגע געלעהרטע, אז פאלשקייט און ליעגען האבען קיינע פיס און דיא וואהרהייט מוז פון אונטער דער ערד ארויס-שפּראָצען.

— הראָפּע ניט אזוי צום טייפעל! — האט חאמיאקאָוו צום געשמידטען ארעסטאנט פּלוצלינג א געשריי געטהאן און האט מיט זיין גראָבע פוס איהם א קלאָפּ געטהאן אין קניע — דוא ביזט ניט קראנק צו שלאָפען ביי נאכט!

פּאַטאַמקין איז פון זיין געלעגער אויפגעשפּרונגען און איז צו חאַמיאַקאָוון צוגעלאָפען.

— הונד! — האט ער צו איהם וויטהענד א געשריי געטהאָן — פערדריסט דיר וואס אן אונגליקליכער פערגעסט א ווײַלע זיינע שמערצען?

— פערפלוכטער פראַנט! — האט חאַמיאַקאָוו זיך אוועקשטעלענד מיט א פויסט צו פּאַטאַמקינס געזיכט ווילד אויסגעשריען.

— איך וועל דיך באלד אזוי מכבד זיין, אז דו וועסט מיך האבען צו געדיינקען!

ער האט זיין שטאַרקען פויסט געוואָלט אראָפּלאָזען פּאַטאַמקינען אין געזיכט; אבער גאָלדבוים און גרינבערג האבען איהם אָנגעכאַפּט פעסט פאר ביידע הענד.

— זשידאָווסקע מאָרדעס! — האט חאַמיאַקאָוו געקיארעמט — אום — און — אום זייט איהר פול. אפילו אין אסטראָג (געפענגניס) האט מען אויך פון אייך קיין רוה!

און שרייענדיג האט ער זיי פון זיך א שטויס געטהאָן, אז זיי זיינען וויא די פליעגען פון איהם אָפּגעפלויגען און געפאלען הינטער זיך צום באָדען.

אין דער שווארצער אייזערנער טהיר האט זיך גלייך אויפגעמאכט א קליין טהירעלע און א סאָלדאטסקער רויטהאריגער קאָפּ האט צו זיי א געשריי געטהאָן:

— מאָלטשאט סוקיני דיעטי! א טאָ, ראָזגי! (שווייגט הינטישע קינדער, ווען ניט — ריטער!).

אלע זיינען באלד שטיל געוואָרען, נור דער געשמידעטער ארעסטאנט האט שוואך און הייזעריג געברומט:

— רעטעט! א ביסעל וואסער!

פּאַטאַמקין האט איהם באלד דערלאנגט א ביסעל וואסער אין א שווארצען ערדענעם קריגעל.

דער אַרעסטאנט האט די וואסער פאר איין מאל אויסגעטרונקען און האט מיט דאנקבארע בליקען און מיט טרעהרען אין די אויגען א קוק געטהאָן אויף פּאַטאַמקינען.

— איך דאנקע! — האט ער שוואך צו איהם ארויסגערעדט און האט באלד זיין קאָפּ צו זיינע קניע אראָפּגעלאזען.

א בית חיים שטילקייט האט אייניגע מינוטען געהערשט אין פינסטערן צימער. די אונגליקליכע זיינען געזעסען שטיל און טרויעריג, יעדערער פון זיי האט געקוקט אין אן אנדער זייט אום זייערע בליקען זאלען ניט פאלען אויף דעם אונגליקליכען געשמידעטען מארטירער.

— אָ, וואָס האבען זיי צו מיר געהאט? — האט פּאַטאַמקין ענדליך צו זיך אליין געברומט — ווארום האבען זיי מיך היינט פון מיין אונטעראירדישע צעלע ארויסגעשלעפּט? איז דען ניט בעסער צו זיטצען צווישען שטומע פיער ווענט, וויא איך בין פאַרהער געזעסען, איידער צו זעהן מיט די אויגען וויא א מענש געהט אויס אונטער אייזערנע שווערע קייטען אין א פינסטערע בעגרעבניס!

— מיין קאָפּ! מיין קאָפּ! — האט פּלוצלינג דער ארעסטאנט מיט א פערשטיקטע שטימע געברומט און האט ביידע הענד אויף זיין קאָפּ ארויפגעלייגט.

פּאַטאָמקין איז צו איהם צוגעלאָפען און האט איהם אנגענומען ביים פּולס.

— א, איך דאנקע אוּנגליקליכער ברודער! — האט דער געשמידטער מארטירער איהם אנקוקענד מיט א דאנקבארע מינע געזאגט — אבער וואָס קען מיר דאָ העלפען אייער אנטאפּען מיין דופּק? ער וועט שוין לאנג ניט שלאגען, ער וועט זיך באלד אין גאנצען אָפּשטעלען.

— צום אונגליק ברודער, קלאפּט ער גאנץ נאָרמאל! — האט איהם פּאַטאָמקין מיט א זיפץ ערווידערט — דאס צייגט, אז א מענש איז שטארקער פון דיא אייזערנע קייטען. מעבטינגט אייך ברודער! א מענש מוז האָפען, ער בעדארף גלויבען אין זיין קראפט, און דאמאלס קען ער אויך דיא שווערסטע קייטען געדולדיג אריבערטראָגען.

— האָפען? — האט דער ארעסטאנט געברומט ביטערליך — ביים גאלגאן, ברודער, האפּט מען ניט.

— האלט איהר דען, אונגליקליכער, ביים גאלגאן? — האט איהם פּאַטאָמקין אויפגערעגט געפרעגט.

— נאך ערגער, טהייערער ברודער! — האט איהם דער ארעסטאנט זיפצענד ערווידערט.

פּאַטאָמקין האט מיט א פערוואונדערטע מינע אויף איהם א קוק געטהאן.

— וואס וואונדערט איהר זיך? — האט איהם דער ארעסטאנט שאָקלענד מיט'ן קאָפּ ביטערליך געזאגט — גלויבט איהר דען, אז ערגער וויא דער גאלגאן גיעבט עס ניט?

— אבוואהל אונזער אונטערהאלטונג איז גענוג טרויעריג און שרעקליך — האט פּאַטאָמקין מיט א פערביטערטע הארץ געזאגט — דאך בין איך נייגעריג צו וויסען וואס הייסט ביי אייך אונגליקליכער, ערגער וויא דער גאלגאן?

— געהן צום גאלגאן אהנע וואס עפּעס גוטעס פאר דער מ ע נ ש ה י י ט אויפצוטהאן! — האט איהם דער ארעסטאנט שארף געענטפערט און האט זיין קאָפּ אויפגעהויבען.

— איך פערשטעה! — האט פּאַטאָמקין מיט א ציטערענדע שטימע געענטפערט — יעצט הער איך אין אייער אנטוואָרט א שטימע פון א ברודער, א שטימע פון א מענשען, וועלכער איז געווים וויא איך צו דיא טיראנען אריינגעפאלען. וויא הייסט איהר, טהייערער ברודער!

— לעוו סטעפּאנאָוו! — האט דער ארעסטאנט שאָקלענד מיט'ן קאָפּ ערווידערט.

פּאַטאָמקין האט א ציטער געטהאן מיט'ן גאנצען קערפּער און איז הינטער זיך ארויפגעפאלען אויפ'ן טאפּשאָן און גאלדבוים מיט גרינבערג'ן האבען זיך א כאַפּ געטהאן פאר דיא קעפּ.

פּאַטאָמקין איז אָבער באלד פון זיין אָרט אויפגעשפּרונגען, ער איז צוגעלאָפען

צום געשמידטען מארטירער און האט זיך פאר איהם א ווארף געטהאן אויף דיא קניע.

— ברודער! — האט ער צו איהם מיט א ציטערענדע שטימע געזאגט — איהר שטארבט וויא א העלד! איהר האט פיעלעס אויפגעטהאן, נאך מעהר וויא מען קען פון א מענשען פערלאנגען! איהר בעדארפט ניט בעדויערן וואס איהר זעהט ניט אין דיא לעצטע מאמענטען פון אייער לעבען פארטיגע פרוכט פון אייער טהעטיגקייט! דעם קאמפף וועלכען איהר האט געפיהרט איז ניט פאר איינציגע מענשען און ניט אין איינציגע יאהר אזוי לייכט אויסצופיהרען! דער געגנער איז צופיעל שטארק. דאס מוז דויערן יאהרען, ביז דיא מיטהעלפער צו אייער הייליגער אידעע וועלען זיך פערמעהרען דורך בילדונג און פראפאגאנדע! אבער דאס וואס איהר האט אנגעפאנגען וועלען אייערע נאכפאלגער ענדיגען; איהר האט פער־פלאנצט א בוים, אונטער וועלכער דער קינפטיגער דור וועט זיצען און זיך ערקוויקען מיט זיינע זיסע פריכטע און זיין אנגענעהמען שאטען און דאס מאכט אייך אונ־שטערבליך.

— דאס וועט ניעמאלס געשעהן! — האט דער מארטירער מיט א זיפץ געענטפערט — נאך מיין לאנג־יעהריגען קאמפף, בין איך ענדליך געקומען צו דער איבערצייגונג, אז אונזער פאלק איז צופיעל ווילד און פערגרעבט, ער דענקט גאר ניט וועגען זיין זעלבסט־בעפרייהונג און איז גאר ניט פעהיג דעריבער צו דיינקען. ער איז פערזונקען אין ארמוטה, שברות און פאנאטיזמוס איבער דיא אויערן, און דיא שענדליכע רעגיערונג, וועלכע זוכט איהרע נוצען, אז ראמאנאוו'ס געזינדעל זאל אייביג רעגיערען — לאזט ניט העריין איין ליכט־שטראהל אין דיא קליינע פענ־סטערלאך פון איהרע אכציג מיליאן בעהערשענדע בויערן. זיא פערגרעבט זיי מיט פלייס אום זיי זאלען ניעמאלס עפענען דיא אויגען; זיא מאכט זיי פון יאהר צו יאהר ארימער מיט שרעקליכע פאדאטקעס (אבגאבען); זיא פערשפרייטעט צווישען זיי שברות און פאנאטיזמוס און דאס פאלק זינקט אלץ טיפער און טיפער, אז ער וועט קיין מאל פון זיין שרעקליכע לאגע ניט קענען ארויסקריכען, ווען ער זאל זאגאר וועלען.

פאטאמקין האט איהם געוואלט ענטפערן; אבער ער האט א קוק געטהאן אויף חאמיאקאוו'ן און ער האט זיך דערפון אפגעהאלטען.ביידע אידישע ארעס־טאנטען זיינען איהם געפעהלען באלד וויא ער האט זיי דערזעהן. ער האט זיי באלד ליעב בעקומען און ער וואלט זיך אין זייער געגענווארט ניט גענירט זיינע גע־דאנקען פריי ארויסצוריידען; אבער וואסילי חאמיאקאוו איז איהם שטארק ניט געפעהלען, זיינע ברענענדע אויגען וויא ביי א ווילדען טיגער האבען אויף איהם געמאכט זעהר א שלעכטען איינדרוק.

דער אונגליקליכער האט אבער ניט געוואוסט, אז צווישען דיא פיער ארעס־טאנטען געפינט זיך א פיעל ערגערער אלס וואסילי חאמיאקאוו מיט זיינע טיגרישע אויגען.

— מיר וועלען נאך דעריבער ריידען! — האט פאטאמקין דעם מארטירער

שוואך ערווידערט ווארפענד א פערדעכטיגען בליק אויף חאַמיאקאָוון.

דער געשמידטער ארעסטאַנט האט מיט א געהיימען בליק א קוק געטהאן אויף פּאַטאַמקינען און חאַמיאקאָוו׳ן און האט באלד צוריק אראפּגעלאָזען זיין קאָפּ צו דיא קניע.

א לאנגער און שרעקליכער שטילשווייגען האט געהערשט אין דער פינסטע־רער צעלע; חאמיאקאוו האט זיך אויסגעצויגען אויפ׳ן טאפּטשאן און דיא איבעריגע דריי ארעסטאנטען זיינען געזעסען שווייגענד אויפ׳ן נאסען באָדען און האבען שטיל און טרויעריג אנגעקוקט דעם גרויסען רוסישען ניהיליסט, וועלכער האט מיט זעלבסט אויפאָפּפערונג געמאכט דיא מינע אונטערן קייזערליכען זימנעם דוואָרעץ, און נאך דעם וויא עס איז איהם געלונגען צו אנטלויפען נאך אויסלאנד, איז ער אין דעם זעלבען יאהר ווידער צוריקגעקעהרט נאך רוסלאנד און ער האט אויסגעארבייט דעם גאנצען פּלאן, וויא אומצוברייננגען אלכסנדר דעם צווייטען.

אין דער אייזערנער טהיר האט זיך פּלוצלינג דערהערט א דרעה פון א שלי־סעל; זיא האט זיך באלד אויפגעמאכט און דער סמאַטריטעל פון טיורמא איז אין צעלע אריינגעגאנגען, נאך איהם איז אריין א זשאנדאר.

— טהו א קוק — האט דער סמאַטריטעל צום זשאנדאר געזאגט — וויא זיצט דארט סטעפּאַנאָוו, צו איז ער דער שורקע גוט צוגעשמידט צום וואנט? אויב ער איז צו פריי זאלסט דוא איהם אָנטהאָן א קליין קייטעל אויך אויף דיא הענד.

דער זשאנדאר איז צו סטעפּאַנאָוו׳ן צוגעגאנגען, ער האט זיך צו איהם צו־געבויגט און האט בעטאפּט דיא קייט אָן וועלכע ער איז געווען צוגעשמידט.

— חאמיאקאָוו׳ן ארויס! — האט דער געשמידטער מארטירער גאנץ שטיל דעם זשאנדאר אין אויער א שעפּטשע געטהאָן.

— איך געפין, אז ער ער איז צו לויז געשמידט! — האט דער זשאנדאר צום סמאַטריטעל געזאָגט.

— עס איז דאָ נאך א קייט, — האט דער סמאַטריטעל מיט א גיפטיגען טאָן אויסגעשריען — מיר האבען זיי גענוג.

אלע דריי ארעסטאנטען האבען א ציטער געטהאָן.

— און אזוי וועט ער אנטלויפען? — האט פּאטאמקין זיך מעהר ניט קענענ־דיג בעהערשען מיט א פערעכטליכען טאָן דעם סמאַטריטעל געפרעגט.

— מאַלטשאט סאבאקא (שוויינ הונד)! — האט דער סמאַטריטעל וויטהענד אויסגעשריען — דא אין קערקער גילט ניט מעהר ניהיליזמוס! דא פערענטפערן קייטען און ריטער אלע קשיות.

— איך פערשטעה! — האט פּאַטאַמקין שטיל גע׳וואָרטשעט און האט באלד זיין קאָפּ אראפּגעלאָזען.

— עה, דוא הונד! — האט דער זשאנדאר א צופּ טהאנדיג חאַמיאקאָוו׳ן פאר׳ן האנד געשריען — דוא ליעגסט זיך אויסגעצויגען וויא א גאנצער בעל־הבית! קום צום סליעדאָוואטעל!

אלע דריי ארעסטאנטען זיינען פרעהליכבער געוואָרען, וואס זיי ווערען חאָטש אויף איינינע שטונדען בעפרייט פון דעם גרויזאמען קאמער׳אד, פאר וועלכען זיי שרעקען זיך.

— אָבער מעהר זאלסט דוא מיך צו פראנטען און צו זשידעס ניט הערייג־פ׳הרען! — האט חאָמיאַקאָוו זיך אויפהויבענדיג פון זיין געלעגער צום זשאנדאר אויסגעשריען — אז ניט וועל איך דיר אלע צייהנער אויסשלאָגען.

— פופציג שמיץ! — האט דער סמאָטריטעל ניט מיט זיין קול געלארעמט.

— אבי ניט צווישען זשידעס! — האט חאָמיאַקאוו אויסגעשריען.

דער זשאנדאר האט אָנגענומען חאָמיאַקאָוו׳ן פאר׳ן קארק און האט איהם פון צעלע ארויסגעפיהרט.

— אָט דאס איז רוסלאנד! — האט דער צוגעשמידטער צום קייט זיפצענד געוואָרטשעט, ווען דיא טהיר האט זיך פון יענער זייט צוגעשלאָסען — אומזיסט האב איך דיא בעסטע יאהרען פון מיין יוגענד פערבראכט אין שרעקליכען קאמפף געגען דיעזער בעסטיע! זיא איז צופיעל שטארק און דערלאָזט ניט נייע קעמפפער פון איהר באָדען ארויסוואקסען, אדער זיא פערווערט זיי איידער זיי טהוען עפעס אויף. אלכסנדר דעם צווייטען האבען אונזערע העלדען געטוידטעט; אבער רוסלאנד איז א שלאנג מיט טויזענד קעפּ, מען האקט איינעם אראָפּ און דער צווייטער פערנעהמט זיין שטעלע נאך מיט מעהר מוטה און ברוט.

סטעפּאנאָוו האט א קוק געטהאן אויף דער נייער קייט, וועלכע דער זשאנ־דאר האט איהם אָנגעטהאן אויףביידע הענד און א שרעקליכער זיפץ האט זיך פון זיין ברוסט ארויסגעריסען.

— אָ, ליעבער ברודער! — האט פּאָטאָמקין טרויעריג צו דעם אונגליקליכען געזאגט — איך וואלט קיין מאל ניט געגלויבט, אז דער גרויסער העלד ליעוו סטע־פּאנאָוו זאל ענדליך אזא מיינונג וועגען זיך און זיינע מיטהעלפער ארויסריידען! איך וואלט מיר ניעמאלס פאָרגעשטעלט, אז איהר זאלט בערייהען אייער העלדענ־טהאט צוליעב אזא פאלשע איבערצייגונג, וויא איהר האט פריהער און יעצט זיך אויסגעדריקט. איך האב געהערט פון אייך א מיינונג, אז אונזער פאלק איז ניט פעהיג צו דעם וואס מיר ווילען איהם דערפיהרען; און ער וועט ניעמאלס דאצו פעהיג זיין. אָ, ברודער וויא קען דער גרויסער סטעפּאנאָוו זאָ וואס זאגען? ווען אונזער פאָלק וואלט דאצו קיין פעהיגקייט געהאט, וואלט ער ניט געהאט היינטיגען טאָג אזעלכע סטעפּאנאָווס, הארטמאַנס, שירייעווס, מ׳כיילאָווס, קיבאלטשיטשעס: סאָפּיא פּעראָווסקעס און נאך פיעלע אנדערע העלדען! אן אויסגעטריקענטער און פערדאָרבענער באָדען קען ניט קיינע פרוכטבוימען, בלומען און ראָזען ארויסברייננען. וויא באלד ער בריינגט עס יא ארויס, איז א בעוויז, אז ער איז א פרוכטבארער באָדען, נור ער איז פערנאכלעסינט. אונזער פאָלק איז ניט ערגער פון אנדערע פעלקער, ער בעזיצט אלע גוטע און שלעכטע אייגענשאפטען וואס יעדער פאָלק בעזיצט; ער איז פעהיג אויך וויא יעדער אנדער נאציאָן צו פּראָגרעסירען און ער־רייכען דיא גרעסטע שטופע פון בילדונג און טוגענד. א לעבעדיגען בעוויז דערצו

האבען מיר אונזער רייבע און שעהנע ־ליטעראטור וואס האט זיך אין פערלויף נור פון איין האלבען יאהר־הונדערט אזוי ווייט אויסגעבילדעט. מיר האבען היינט אין רוסלאנד דיא גרעסטע מענשען, מיט וועלבע גאנץ אייראפא בעדארף זיך נים שעהמען, אבער זיי ליגען בעגראבען, קיינער זעהט זיי נים ארוים, ווייל דאס טויג נים פאר דער שענדליכער רעגיערונג, וועלבע בעמיהט זיך יעדע ליכט־שטראהל צו פערהילען אין א פינסטערן מאנטעל אום איהר גאנצען פאלק, איהרע אלע הונדערט מיליאן בעהערשענדע שקלאפען צו האלטען אין דער פינסטערנים. אבער איהר מאכט, ליעבער סטעפאנאוו, אן אירטהום מיט אייער מיינונג, אז דאס פאלק וועט אימער בלייבען זיצען אין דער חושב'נ'יש. ניין ברודער, א לאקאמאטיף קען מען מיט דיא הענד נים אבהאלטען! דער מענש ציהט זיך צו ליכט און צו פרייהייט; ער שטרעבט, וויא גראב ער זאל נים זיין צו ערהאבענעס און העכערעס, און וואס מעהר מען ציהט איהם־הינטער זיך, דעסטא מעהר רייסט ער זיך פארווערטס. אלזא, ווען דיא טיראנישע רעגיערונג איז א שלאנג מיט טויזענד קעפ, זיינען אבער איהרע געגנער, א שלאנג מיט מיליאנען קעפ. זיא וועט טאקי פיעלע פון דיעזע קעפ אראפרייסען, אבער דיא איבעריגע קעפ, דיא מעהרערע, וועלען איהר פערניכ־טען און דאס פאלק וועט עררייכען זיין ציעל.

סטעפאנאוו האט א שטארקען זיפץ געטהאן און האט מיט א בעדויערענדע מינע א קוק געגעבען אויף פאטאמקינען, פונקט וויא ער וואלט דערמיט וועלען אויסדריקען, דאס ער בעדויערט דעם מענשען, וועלבער פריידיגט וועגען פרייהייט, ליכט, וועהרענד ער איז געווארפען אין געפענגנים און זיצט אין דער פינסטערנים.

— און וויא באלד מיר וועלען אלע, ליעבער סטעפאנאוו, זיין געזאנגען וויא איהר זייט יעצט — האט פאטאמקין ווייטער פארטגעזעצט — האט דיא טיראנישע רעגיערונג שוין געזיעגט מעהר וויפיעל זיא קען געווינען מיט איהרע שווערע קייטען און מערדערישע טיראנייען, מיט וועלבע זיא אונטערדריקט איהר בעהערשטען פאלק. מיט אזעלבע אירען קען א פאלק נים פראגרעסירען און אהנע פראגרעס קען ער אזעלבע סטעפאנאווס נאך א מאל נים האבען, און ער פערבלייבט אויף אייביג אונגליקליך!

— אבער ווער זיינען יעצט אונזערע פרייהייטס־קעמפפער? — האט סטעפא־נאוו געזיפצט — אויב נים א קליינע צאהל יונגע און לייכטזיניגע מענשען? דיא רעגיערונג שרעקט זיך, זיא מיינט, אז זיא האט נעגען זיך א שטארקע קראפט, וואס איז ווירקליך אין שטאנד איהר צו פערניכטען; אבער ווען זיא וואלט וויסען וויא איך, אז נור לייכטזיניגע און אונפארזיכטינע קינדער שטעהן אז דער שפיצע פון דעם גאנצען געהיים־בונד אין פעטערסבורג, מאסקווא און אירקוטסק, וואלט זיא געלאכט אין דיא פויסטען. צווישען דיא אלע וועלבע עס האבען זיך אויסגעצייבענט ביי אלכסנדר דעם צווייטענס ערמארדונג, זיינען געווען נור איינינע געצעהלטע מענשען, דיא איבעריגע האבען ביי א האלב יאהר זיצען אין פעטראפאוולסקאיא קרעפאסט אויסגעפלוידערט וואס זיי האבען געוואוסט, און האבען ארויסגעגעבען זייערע בעסטע פריינדע ווען זיי האבען דערזעהן א רוט

אדער א קאָזאַצקע נאַגייקא. האט דען אונזער אונגליקליכער פאָלק פון אזעלכע מענשען וואָס צו ערוואַרטען? וואָלטען זיי חאָטש געוועזען א פּ ו ל ע, קען מען נאך עפּעס האָפען; אבער וויא מיר ווייסען, זיינען זיי זעהר ווייניג און דיעזע קליינע צאהל מענשען, זיינען אויך ניט אין גאַנצען פעראייניגט; יעדער פון זיי טהוט וויא ער פערשטעהט, און אז עס קומט צו אן אונגליק, שלעפּען זיי נאך אריין אנדערע. איך צום ביישפּיעל בין געזעסען א פּאר יאהר אין אויסלאנד און האב זיך ווידער אין דער שטיל פערגנב'עט אין רוסלאנד אום עפּעס געגען אלכסנדר דעם דריטען אויפצוטהאן; אבער איך האב אין פּעטערבורגער געהיים-בונד ניט געפונען א י י ן העלד וועלכער זאל זיך אונטערנעהמען מיט מיר צוזאמען עפּעס א גרויסע זאך אויפצוטהאן. יעדער מיטגליעד ערוואַרטעט אלץ גרויסע זאכען פון דעם צווייטען, און דערווייל ווערט גאר ניט געטהאן אין דער הייליגער אידעע צו פערניכטען היינטיגען טיראן ביי זיין קאָראָנאציע, וואס דאמאלס וועט זיין דערצו דער דיא בעסטע געלעגענהייט.... אין אירקוטסק צום ביישפּיעל האב איך זאגאר איינעם ניט געפונען מיט וועמען איך זאל מיך קענען פערטרויען, אבער אנשטאָט דעם, האב איך צוריק פאָהרענד פון דאָרט מיט א צובראָכענעם הערץ, געטראָפען אין ניזשני נאָוואָגאָראָד א יונגע פרוי, וועלכע איך האב בעטראַכט פאר א הייסע ניהיליסטין, איך האב איהר מיין געהיימניס פערטרויט און באלד וויא איך בין מיט איהר אין מאסקווא אנגעקומען, האט זיא מיך איבערגעגעבען אין דיא הענד פון דער פּאָליציי.

— זייט איהר געוועזען אין אירקוטסק און א פרוי האט אייך צוריק פאָהרענד פערראַטהען? — האט פּאָטאָמקין העכסט ערשטוינט און איבערראַשט געפרעגט.

— וואס וואונדערט איהר זיך אזוי אונגליקליכער ברודער? — האט סטעפּאַנאָוו איהם געפרעגט — אין רוסלאנד זיינען יעצט פרויען דיא בעסטע שפּיאָנען. דיא זעלבע פרוי האט אין ניזשני נאָוואָגאָראָד אונגליקליך געמאַכט נאך פיעלע אנדערע; נור דיא צוויי לעצטע מערדערייען וואס זיא האט בעגאנגען, קען איך גאר ניט פערגעסען. אין אירקוטסק זיינען געגאנגען א פּאַרטיע ארעסטאנטען, צווישען זיי איז געוועזען א יונגע א י ד י ש ע מיידעל מיט איהרען א ברודער, וועלכע זיינען געגאנגען פון מאסקווא נאך אירקוטסק אויף אייניגע יאהר „וואָלנאָע פּאָסעלעניע“, אבער יענע פערפלוכטע, ניעדערטרעכטיגע שפּיאָנין האט געגען זיי ארויסגעוויזען גאר נייע פערברעכען און אין „ניזשני נאָוואָגאָראָד“ האט מען זיי אבערמאלס געריכטעט און פעראורטהיילט אויף צעהן יאהר קאטערגא.

גאלדבוים, וועלכער איז ביז יעצט געזעסען שטיל האט א ציטער געטהאן מיט'ן גאנצען קערפּער.

— קענט איהר מיר ניט זאגען וויא יענע ברודער און שוועסטער הייסען? — האט גאלדבוים סטעפּאנאוו'ן העכסט אויפגערעגט געפרעגט.

— וויא זיי הייסען ווייס איך ניט, — האט ער טרויעריג און תמ'אוועטע ערווידערט — אבער זייער פאמיליע נאמען איז מיר בעוואוסט, זיא הייסט „גאָלדבוים“.

— אָ, אלמעכטיגער! — האט דער אונגליקליכער נאָלדבוים אויסגעשריען און איז מיט זיין געזיכט צום באדען אניעדערגעפאלען.

פּאָטאָמקין מיט גרינבערג'ן האבען איהם אויפגעהויבען, און האלב טוידט אויפ'ן טאָפּטשאַן ארויפגעלייגט. זיי האבען אפּגעשפּריצט זיין געזיכט מיט וואסער און דער אונגליקליכער האט געעפענט דיא אויגען.

— זיצט אביסעל לעבען דעם אונגליקליכען — האט פּאטאמקין געבעטען גרינבערג'ן, און איך וועל אביסעלריידען מיט מיין קאמעראד.

גרינבערג האט זיך לעבען נאלדבוימען אויפ'ן טאָפּטשאַן אוועקגעזעצט און האט איהם אלע וויילע געדריקט דיא שלייפען און געשפּריצט מיט וואסער, און פּאָטאָמקין האט העכסט טרויעריג, איבערראשט און ניעדערשלאגען זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן באָרען לעבען דעם געשמידטען מארטירער.

— און וואס האט נאך יענע בעסטיע פאר א מאָרדטהאט בעגאנגען! האט ער סטעפּאנאָוו'ן טרויעריג און פינסטער געפרעגט.

— זיא האט נאך איינעם אזוי וויא מיר צום טוידט געפיהרט — האט סטעפּאנאָוו מיט א זיפץ ערוויעדערט — איינער א געוויסער דאקטאר וואסילי פּעטראוו איז געפאהרען פון אירקוטסק צוליעב א געהיימע פּאָליטישע זאך נאך מאסקווא. זיא האט זיך פאר איהם פאָרגעשטעלט פאר אן אונגליקליכע פרוי פון א פּאָליטישען פערברעכער, פּעטראוו האט איהר געגלויבט און האט איהר זיין געהיימנים פערטרויט. יעצט זיצט ער ערגעץ אין לאָך אדער מען האט איהם שוין נאר אויפגעהאנגען.

פּאָטאָמקין איז שרעקליך איבערראשט געווארען פון סטעפּאנאָוו'ס לעצטע ווערטער, ער האט זיך מיט אלע מעגליכקייטען איינגעהאלטען אז ער זאל ניט אויסברעכען מיט א געוויין.

— מיר וואונדערט ליעבער ברודער — האט איהם פּאָטאָמקין פינסטער געזאגט — וויא קומט איהר עס אלעס צו וויסען?

— הלואי וואלט איך עס ניט געוואוסט! — האט דער מארטירער מיט א זיפץ ערוויעדערט — פּעטראָוו'ס אונגליק קען איך זאגאר ביי'ם נאלגאן ניט פערגעסען, וויל ווען מען האט מיר זיין אונגליק דערצעהלט בין איך אליין אויך אונגליקליך געוואָרען. זייענדיג איינינע טעג אין אירקוטסק האב איך פון אייניגע מענשען געהערט, אז דיעזער פּעטראָוו איז פון דיא בראווסטע, עהרליכסטע מענשען, וועלכע עס גיעבען היינטיגע צייטען. זיין שוואגער דאקטאָר אנטאן מאָראָזאָוו האט מיר זאגאר איבערגעבען צו איהם א ווארעמען גרוס און האט מיר געבעטען, אז איך זאל זיך זעהן מיט איהם אויב איך וועל בשלום אנקומען צו מיין געווינשטען פלאץ. ער האט זעהר בעדויערט, וואס איך האב איהם ניט געטראָפען אין אירקוטסק. איך בין אהין געקומען נור מיט דריי טאג שפּעטער נאך פּעטראָוו'ס פּעררייזען אין זיין מיסיאָן צו דיא אייניגע רעוואָלוציאָנערען פון מאָסקווא און פּעטערסבורג, און אזוי וויא איך האב בעמערקט אז איך בין פערדעכטיג ביי אייניגע שפּיער-הינד, און דיא פּאָליציי מאכט עפּעס א וועזען מיט מיין פאלשען פּאספּאָרט, אין וועלכע

איך האב נעהייסען ס ו ח אָ ק ו ר אָ ו ו, האב איך מיך פון אירקוטסק ארויסגעחאַפּט ביי דער נאכט, ניט צייט צו האבען זיך צו זעהן מיט דיא אייניגע ניהיליסטען, וועלכע געפינען זיך דאָרט; דען וויא איהר ווייסט איז אויך פאר אונזערן א ברודער זעהר שווער זיך צו צושלאגען צום געהיים=בונד בעפאָר מען איבערצייגט זיך אין זיין פערזענליכקייט; אבער וויא איך פערשטעה זיינען דאָרט זעהר וועניג פון אונזערע ברידער איך בין געפאהרען מיט דיא שנעלסטע און זיכערסטע וועגען ווייל איך האב געוואָלט פּעטראָוו'ן אניאגען; אבער ווען איך בין געקומען אין ניזשני נאָוואָגאָראָד, האט מיך באלד דער אונגליק געטראָפען. א יונגע דאמע האט זיך פאר מיינע אויגען געוואָלט אריינווארפען אין דער וואָלגא, אז איך האב איהר אנגעחאַפּט פאר'ן קלייד און האב זיא פון זעלבסט=מאָרד גערעטעט, האט זיא מיר דערצעהלט, אז זיא איז דיא בעוואוסטע רייכע פרוי אָ ב ו ח אָ ו ו א, וואס איהר מאַן וועט אין קורצען געהאנגען ווערען אין קערקער פאר פּאָליטישע פערברעכען, און אזוי וויא איך האב געוואוסט, אז אָבוחאָוו איז ווירקליך א ו נ ז ע ר ע ר א גענאָסע, האב איך איהר געגלויבט און האב זיא מיטגענומען נאך מאסקווא. נאכהער וויא זיא האט ביי מיר אויסגעפאָרשט פון וואנען איך פאהר, האט זיא מיר געפרעגט, צו איך קען א געוויסען דאקטאר אין אירקוטסק מיט'ן נאמען וואסילי פּעטראוו, ווען איך האב איהר געענטפערט דאס איך האב וועגען איהם אין אירקוטסק געהערט, האט זיא זיך פארנאנדערגעלאכט. דיעזע פראגע וועגען וואסילי פּעטראוו האט זיא מיר געשטעלט וועהרענד דער צוג איז געווען אין גאנצען זיעבען, אכט ווערסט פון מאסקווער וואקזאַל.

— ווארום לאַכט איהר? — האב איך איהר פערוואונדערט געפרעגט.

— אז איך לאַך, געווים האב איך וואס צו לאכען, — האט זיא מיר מיט א זאָנדערבארען טאָן געענטפערט.

איהר טאָן איז מיר ניט געפעלען, דען איך האב אין איהם ניט דערקענט דערזעלבער מאַדאם אבוחאָווא, וועלכע איז דיא גאנצע רייזע געוועזן טרויעריג און ערנסט.

— איך בין זעהר נייגעריג צו וויסען ווארום איהר לאַכט? — האב איך צו איהר מיט א העכסט ערנסטע מינע געזאגט.

— איך לאַך — האט זיא מיר פרעך געענטפערט — ווייל איך האב איהם אריינגענאַרט וויא א קאַץ אין זאַק אריין.

— איך פערשטעה אייך ניט, מאַדאַם אָבוחאָווא! — האב איך איהר בעטראכטענדיג פאר וואהנזיניג געענטפערט.

— באלד וועט איהר מיך, הערר סטעפאנאָוו פערשטעהן, — האט זיא מיט א הויכע שטימע אויסגעשריען.

הערענדיג מיין ריכטיגען נאמען סטעפאנאָוו, בין איך אויפגעציטערט געוואָרען און האב איהר געגעבען א טאָרקע פאר'ן האנד, זיא זאל אזוי ניט שרייען.

— מאכט אייך ניט נארריש, הערר סטעפאנאָוו! — האט זיא העל און שארף אויסגעשריען — היער אין מאָסקווא וועל איך אייך סוחאקוראָוו ניט אָנרו=

פען. סוחאריקאָוו האט איהר געהייסען, ווען איהר האט אין מאָסקווא געגראַ־
בען דיא מינע פאר אלכסנדר דעם צווייטען, יעצט פאהרט איהר נאך מאסקווא
מיט'ן נאָמען סוחאָקוראָוו און איהר ווילט גראָבען א מינע פאר אלכסנדר דעם
דריטען. אבער עס מוז דאך אמאל אן ענדע נעהמען צו דיא פאלשע פאספּאָרטען
און דיא מינען!

— איהר קענט זיך פאָרשטעלען מיין שרעקליכע לאַגע, — האט דער מאר־
טירער צו פּאָטאָמקינען ווייטער גערעדט — דער וואַגאָן איז געווען געפּאַקט מיט
מענשען, וועלכע האבען באלד אויסגעסטאַרטשעט דיא אויגען און האבען אונז
ביידען אנגעקוקט פון קאָפּ ביז דיא פיס און איך האב מיך אונווילענד גענומען צו
מיין רעוואָלווער.

— האלט! — האבען צוויי מענשען צו מיר א געשריי געטהאן ווען איך האב
דעם רעוואָלווער פון מיין קעשענע ארויסגעצויגען. אין א פּאָר מינוטען שפּעטער
בין איך געווען געשמידט אין קייטען און באלד וויא דער צוג האט זיך אָפּגעשטעלט,
בין איך אהער אוועקגעפיהרט געוואָרען!

— וואלט אייך פרייען ווען איהר וואלט געהאט א געלעגענהייט זיך צו זעהן
מיט פּעטראָוו'ן? — האט פּאָטאָמקין אויפגערעגט איהם געפרעגט.

— אָה, פריינד, — האט סטעפּאַנאָוו מיט א ציטערענדע שטימע ערוויעדערט.
וואס טויג אייך מיר צו שטעלען אזא פראגע? איך וועל זיך שוין מיט איהם זעהן
דאָרט, וואו דיא בלוטיגע רעגיערונג האט שוין מעהר קיין מאכט....

— ניין! — האט פּאָטאָמקין אויסברעכענד מיט א געוויין אויסגעשריען —
נאך איידער ער און איהר וועלען זיין אויף יענער וועלט, קענט איהר איהם נאך
זעהן! אָט דא פאר אייערע אויגען זיצט וואסילי פּעטראָוו—איך בין עס!

גרינבערג מיט גאָלדבוימען האבען אויסגעבראָכען מיט א געשריי „אַי"!

— איהר זייט עס וואסילי פּעטראָוו? — האט דער מארטירער יאָמערליך
אויסגעשריען און האט זיך געוואָלט פון זיין שטעלע אויפהייבען אבער דיא קייטען
האבען איהם ניט געלאָזען.

— איך בין עס! — האט פּעטראָוו אויסגעשריען און האט מעהר ניט גע־
קענט ריידען ווייל דיא טרעהרען האבען איהם געוואָרגען.

אין א ווײלע ארום זיינען ביידע ארעסטאַנטען געלעגען איינער דעם צווייטען
אויף דיא העלדזער און וויינענדע קיסע האבען פערהילכט דיא גאנצע צעלע.

אלע פיער ארעסטאַנטען האבען ביטערליך געוויינט. נור איינעמס טרעהרען
זיינען געווען וויא דיא טרעהרען פון א קראָקאָדיל, ווען זיין פערשלונגענער אָפּפער
בלייבט איהם שטעהן אין האלדז און איהם איז שווער גענצליך פאר איין מאל
איהם צו פערשלינגען.

אין יענער צייט איז נאר לעוו סטעפּאַנאָוו געשטאַנען אין ציריך אויף א
פּלאַטפאָרם און האט דערצעהלט פאר'ן עולם אין א גרויסען האָל, וויא אזוי ער
האט געפיהרט דעם געהיימען און געפעהרליכען קאמפּף מיט דיא רוסישע באַר־
באַריזמוס.

## 17טער קאפיטעל.

# מערזאַווצין׳ס צווייטער בעזוך.

מאדאם אנדריאנאָווא מיט איהרעביידע קינדער פּאוועל און ליזא, זיינען געווען אויסער זיך וואס זייער טהייערער גאסט וואסילי פּעטראָוו, אָדער סערגעי פּאָטאָמקין האט זיי גאנצע דריי טעג נאך זיין ערשטען בעזוך ניט אפּגעשטאטעט נאך א וויזיט. זיי זיינען פון מינוט צו מינוט וועגען איהם אונרוהיגער געוואָרען און האבען איבערגעקלערט שרעקליכעס.

— דער אונגליקליכער איז געוויס מיט זיין פאַלשען פּאספּאָרט אריינגעפאַלען — האט מאַריא זיפצענד צו איהרע ביידע קינדער געזאגט.

— מעגליך, אז ער איז אוועקגעפאהרען נאך פּעטערבורג — האט פּאוועל געענטפערט — דען איך וויים וויא נעטהיג ער האט בעדארפט דארט זיין; אבער ווארום האט ער אונז קיין ווארט דאריבער געשריעבען? דיא זאך איז עפּעס ניט גלאט.

— אז ער איז אין פּעטערבורג ניטא — האט ליזא טרויעריג ערוויעדערט — דאס וויים איך דורך וואסיליעוו׳ן, וועלכער האט היינט פון דאָרט א בריעף ערהאלטען. און איך דענק, אז אונזער מוטערס מיינונג איז ריכטיג.

— באלד וועט דא זיין איסטאָמין, — האט פּאוועל אונמוטהיג גערעדט — און דאמאָלס וועלען מיר זיך בעראטהען וויא אזוי זיך צו דערוויסען וואס מיט איהם איז געשעהן.

— ווייסט דוא, מוטער, אז צוליעב זאכארינען, איז נאך א מענש אין אונגליק אריינגעפאלען! — האט ליזא מיט א בעדויערענדע מינע איהר מוטער געפרעגט.

— איך וויים, טאָכטערקע — האט מאַריאַ מיט א זיפץ ערוויעדערט — אבער וויא קומט עס, אז זאכארין זאל האבען אן עסק מיט א שענדליכען מאָרד־ברענער?

— און דארום טאקי, ווייל זאכארין האט מיט איהם א פערקעהר — האט ליזא געזאגט — גלויב איך טאקי ניט, אז ער איז א מאָרד־ברענער. דעם בריעף וואס מען האט ביי דעם אונגליקליכען אויסגעפונען, איז געווען אדרעסירט צו א פריילין .N. N, וועלכע איז מיין פריינדין מאללידּ, און זאכארין וועט צו איהר דורך א מערדער קיין בריעף ניט שיקען.

— דער טראקטירשציק טימאָפיי מיכאילאָוו, — האט פּאוועל געזאגט — איז מיר דורך א צופאל בעוואוסט פאר א העכסט פערדאָרבענעם מענשען, ווייל איך האב איהם געזעהן אין א הויז פון א באנדיט און א רויבער, וועלכער שפּיעלט דא אין מאָסקווא א ראליע פון א בראווען עהרליכען מאן און דאריבער גלויב איך, אז טימאָפיי האט אליין דעם פייער צוליעב א געוויסען ציעל געמאכט.

— דוא מיין קינד, ביזט געווען אין א הויז פון א באנדיט און א רויבער? — האט מאַריא פערברעכענד מיט ביידע הענד אויסגעשריען.

— און גראדע מיט איינינע טעג צוריק! — האט איהר פּאוועל רוהיג געענטפערט — ער האט דא א ביוראָ, וואו מען בעקומט דיענער, געשעפטס־פיהרער,

בוכהאלטער און דיענסט־מיידלאך, און אליין איז ער א גוטער מאכער פון פאלשע פאספארטען.... א פערדאכט אויף זיי׳עם א פאספארט קען דיא פאליציי קיין מאל ניט האבען.

— אבער וויא קומסט דוא צו איהם? — האט איהם דיא מוטער אויפגע־רעגט אונטערבראכען.

— מיינסט דוא, מוטער, אז צו איהם איז א חרפה אריינצוקומען? — זיין קאנטאר אויף „פעטראווקא" פערנעהמט אכט גרויסע פענסטער צום גאס. און זיין נאמען „אסיפ וואסיליעוויטש חיטראוויצין", גלענצט מיט גאלדענע גרויסע בוכשטא־בען אויף א לאנגען שילד איבער אלע אכט פענסטער. איך בין אריינגעגאנגען צו איהם אין ביורא און נאכהער בין איך ארויף צו איהם אין פריוואט וואוינונג. אין מיט א פיערטעל שטונדע שפעטער האב איך פון זיין קאבינעט ארויסגעטראגען א שפאגעל־נייעם פאספארט פאר אסיפ זאבארין, אז עס איז פשוט א מחיה אויף איהם א קוק צוטהאן.

ליזא האט זיך פרעהליך פערנאנדערגעלאכט און האט איהר ברודער ליעבליך א גלעט געטהאן פאר זיינע דונקעל בלאנדע האאר, אבער זייער מוטער מאריא איז געבליעבען אונצופריעדען.

— אבוואהל דוא האסט מיין קינד, געטהאן א וואהלטהאט, — האט דיא מוטער איהם פינסטער געזאגט — דאך וואלט פיעל גלייבער געווען, אז אן אנדע־רער וואלט עס געטהאן.

— און וואס וואלט גערעדט דעם אנדערענס מוטער? — האט פאוועל מיט א שמייכעל געפרעגט.

— און אנדערער וואלט עס גאר זיין מוטער ניט דערצעהלט! — האט ליזא זיך אפגערופען — און וויא באלד פאוועל איז אזוי עהרליך און אפענהערציג, ווערסט דוא איהם געוויס מוטער פערצייהען.

וויא מאריא איז פון פאוועלס ערצעהלונג געווען אויפגערעגט, האט זיא אונ־ווילענדיג א שמייכעל געטהאן, אין וועלכען עס איז לייכט געווען צו זעהען אן אויסדרוק פון מוטער־ליעבע און פערצייהונג.

— וואסילי פעטראוו! — האט ליזא פלוצלינג אויפשפרינגענד פון איהר שטוהל, וועלכער איז געשטאנען ביים פענסטער, אויסגעשריען.

מאריא מיט פאוולען זיינען פאר פרייד אזוי איבערראשט געווארען, אז זיי האבען זיך א כאפגעטהאן פאר דיא קעפ.

אין דער טהיר גלאקע האט זיך באלד געהערט א קלונג און מיט א פאר מינוט שפעטער איז שוין וואסילי פעטראוו, אדער סערגעי פאטאמקין, געזעסען אין דער געזעלשאפט פון דער גרעפין מיט איהרע קינדער.

— א, פריינד, — האט דיא גרעפין נאך איהר ערשטער איבערראשונג איהם ליעבליך געזאגט — איהר זייט איינפאך ביי אונז פון טוידט לעבעדיג, מיר האבען שוין גערעכענט, אז איהר געהט צוריק נאך סיביר און פיעללייכט נאך ווייטער....

— און דערביי גרעפין האט עס שוין טאקי געהאלטען, — האט פאטאמקין

מיט א זיפץ ערוויעדערט — אונזערע מענשען, קענען גאר ניט וויסען וואס הייטער זייער רוקען טהוט זיך. מיר זיינען יעדע ווײלע אונטערוואָרפען אונטער דעם גרעסטען געפאהר.... דוכט זיך, אז איך בין פריעדליך איבערגעקומען דיא גרויסע און שרעקליכע רייזע פון אירקוטסק ביז מאָסקווא, איז שוין גוט ; ניין, דאס טויג נאך אלץ ניט. דעם פריסטאוו אין וועלכענס קווארטאל איך האב לאזשירט, איז מיין פאספאָרט ניט געפעהלען.... ער האט מיר גאנץ העפליך איינגעשפארט אין א שעהנעם צימער מיט אייזערנע גראטעס, וואו ביי דער טהיר זיינען געשטאנען צוויי אקאָלאָדאָטשניקעס, און וועגען מיר און מיין פערזענליכקייט און מיין פאספאָרט, האט ער אָנגעפרעגט דורך א דעפעשע אין אירקוטסק. איהר קענט אייך, פריינדע פאָרשטעלען מיין שרעקליכע לאגע און וואס איך האב דורכגעפיהלט און איבערגעטראגען אין דיא דריי טעג פון מיין ארעסט ! איך בין איינפאך שיער פון זינען ניט אראפ זיך פאָרשטעלענדיג מיין קינפטיגע לאגע אין שרעקליכע פארבען ; אבער נאט זיי דאנק, מיט א שטונדע פריהער איז אנגעקומען פון אירקוטסק וועגען מיין פאספאָרט א גוטער אנטוואָרט און יעצט בעפאר איך פעררייז נאך פעטערבורג אין מיין הייליגען מיסיאָן צו דער צענטראל קאָמיטיי, האב איך דיא עהרע אייך אָבערמאַלס צו בעזוכען.

— וויא באלד אייך האט אזא וואונדער געטראָפען — האט מאריא איהם העכסט פרעהליך געזאָגט — לאָז איך אייך היינט ניט אוועקפאָהרען ! איהר מוזט ביי מיר א פאָר טעג פערבלייבען און אונז געבען דיא געלעגענהייט זיך אביסעל צו פרייען מיט אזא טהייערען נייסט.

— ניין, טהייערע שוועסטער, — האט פאטאמקין פריינדליך און ערענסט ערוויעדערט — איך, אלס דעלעגאט צו פעטערבורגער צענטראל קאָמיטעט, טאר דא מעהר ניט פערווײלען, דיא הייליגע אידעע, צו פערניכטען ראָמאנאָוו'ס געזינדעל און בעפרייען הונדערט מיליאָן אונגליקליכע פון עלענד, ארמוטה און אונטערדריקונג, איז ביי מיר הייליגער פון פאמיליען פריינדשאפט און פאר אלעם וואס פאר א מענשענס הארץ איז ליעב, טהייער און הייליג ! איך האב דורך ראמאנאָוום געזינדעל פיעלעס אין מיין לעבען געליטען און מיין ליידען האט מיר געגעבען א הייריכטינגען בעגריף פון אונזער גאנצען פאָלקס שמערצען. דאהער איז ביי מיר א הייליגעס פפליכט פאר מיין אונגליקליכען פאָלק עפעס אויפצוטהאן. צו דער קאָראָנאציע אין מאָסקווא איז נאך אין גאנצען אייניגע מאָנאטען און מיר מוזען אונזער פלאן דורכפיהרען, אז דער באנדיט מיט א שעהנע טהייל פון זיין פערברעכערישע פאמיליע זאלען ביי דיעזער שענדליכער צערעמאָניע צופאלען וויא דיא פליעגען.

אין טהיר האט זיך געהערט א לייכטער אנקלאפען און איסטאָמין איז נאך אן ערלויבנים, אין'ם צימער אריינגעקומען.

— אָ, קריוואָסאָראָוו ! — האט פאוועל פרעהליך צולויפענד צו איסטאמינען אויסגעשריען — אט איז אונזער טהייערער גאסט, וועגען וועלכען מיר האבען זיך אזוי פיעל געזארגט !

**איסטאָמין האט זיך פריינדליך פערנייגט און האט פאטאָמקינען געדריקט זיין האנד.**

— וויא איז אייער ווערטהער נאמען? — האט פאָטאָמקין איהם פריינדליך איבערגעפרעגט.

— קריוואָסאָראָוו! — האט איסטאָמין דריקענד זיין האנד געענטפערט — וואס מאכט איהר ברודער? וואס איז מיט אייך געשעה׳, וואס איהר פערוויילט אזוי לאנג אין מאָסקווא?׳ מיר האבען זיך שון ווענען אייער פערשווינדונג שטארק בעאונרוהיגט.

— אָהן אן אורזאכע — האט דער שפּיאָן פינסטער ערווידערט — פערוויילט ניט אונזערער א ברודער איין מאָמענט. מיר וויסען אונזערע פפליכטע, אבער עס עס זיינען פאראן אנדערע, וועלכע וויסען אויך זייערע פפליכטע וויא א מענשען אונגליקליך צו מאכען.

און פאָטאָמקין האט איסטאָמינען דערצעהלט דיא גאנצע געשיכטע וואס ער האט ניט לאנג איבערגעגעבען דער גרעפין מיט איהרע קינדער.

— אלזאָ, — האט איסטאָמין העכסט ערפרייט געזאגט — האט איהר נאך גוט אָפגעשניטען, אבער ווען פאָהרט איהר יעצט נאך פעטערבורג?

— מיט׳ן ערשטען צוג אום ניין אוהר אבענדס.

— מיר וואונדערט ווארום האט איהר זיך גאר אין מאסקווא אפגעשטעלט?

— האט איסטאָמין איהם געפרעגט און האט געוואָרפען אויף איהם א פאָרשענדען בליק.

— איך האב דאך שוין אייך, הערר קריוואָסאָראָוו, געזאָגט, — האט איהם פאָטאָמקין מיט אן ערנסטע מינע ערווידערט — אז אונזערער א ברודער טהוט ניט א זאך אָהן אן אורזאכע. א מענש מיט וועלכען איך בין בעקאנט געווארען ווען איך בין געפאהרען פון „ניזשני נאָווגאָראָד״ נאך מאָסקווא, איז מיר פאָרגעקומען זעהר פערדעכטיג, איך בין געווארען א שפּיאָן און האב איהם א גאנצען טאג נאכגעשפּיערט און וועהרענד איך האב מיך איבערצייגט דאס איך מעג גאנץ דרייסט פאָהרען, בין איך הערייננעפאלען צום פריסטאוו מיט מיין פערדעכטיגען פאספאָרט.

— און וואס הערט זיך עפּעס אין אירקוטסק? — האט איהם איסטאָמין געפרעגט.

— דארט איז אלעס אין דער בעסטער אָרדנונג. אונזער געהיימער בונד בעשטעהט פון פינף און צוואנציג טיכטיגע מענשען, וועלכע זיינען בערייט זיך אויפאָפּפערן פאר דער הייליגער אידעע. מיר האבען דיא גאנצע צייט געפיהרט א קאָראָספּאָנדענציע מיט׳ן פעטערבורגער צענטראל קאמיטעט, און באלד וויא איך בין פון מיין געזעלשאפט ערוועהלט געווארען אלס דעלעגאט, בין איך אין דעם זעלבען טאג פון אירקוטסק ארויסגעפאהרען. מיין געזעלשאפט האט מיר קיינע שריפטליכע דאָקומענטען מיטגעגעבען, אויסער איין קליין בריפעל וואס מיין ליבער שוואגער האט מיר געגעבען פאר זיין ווירדיגע שוועסטער, און וויא צופריעדען בין איך וואס איך האב געהאט דיא געלעגענהייט זיך מיט איהר צו בעקענען און זעהן

איהרע ווערטהע, היער אנוועזענדע קינדער, וועלבע אנטאָן כאראַזאָוו ערצינערט טאג טעגליך, און קען נאר זיינע אויגען ניט אָפּרייסען פון זייערע בילדער, וועלבע שטעהען אין גאָלדענע ראַמען אויף זיין שרייב־טיש.

— ווייסט איהר אין פעטערבורג צו וועמען זיך צו מעלדען?

— מיין געזעלשאַפט האט מיר מינדליך איבערגעגבען דעם נאמען פון א פערזאָן, וועלבער וועט מיך אין צענטראל קאָמיטעע אריינפיהרען. און מיך אלס אירקוטסקער דעלעגאַט פאָרשטעלען; אבער זייענדיג אין „ניזשני נאָוואָגאָראָד“ האב איך צו מיין בעדוירען זיך דערוואוסט פון אונזערן א גענאָסע, אז ער איז פון דער פאליציי פערהאפטעט געווארען און ער זיצט פערשפארט אין פעטראפאוול־סקאיא. איך האב דעם גאנצען וועג פון ניזשני ביז אהער גאר ניט געקענט רוהען צוליעב דעם אונגליק וואס האט געטראפען אונזער ווירדיגען ברודער דאנילאוו, און יעצט בעדויער איך מעהר, וואס מיר איז דארט אונבעקאנט עפּעס אַן אנדער פערזאָן, דורך וועלבען איך זאל קענען אהן שווירינקייט אין דאָרטיגען געהיים־בונד העריינטרעטען.

— דאס וועלען מיר אייך שוין זאגען בעפאָר איהר וועט פעררייזען — האט איהם איסטאמין מוטהיג געענטפערט — איך וועל אייך היינט אום ניין אוהר אבענדס צום וואקזאל בעגלייטען און וועל אייך דעם נאמען איבערגעבען.

איסטאמין האט שוין יעצט מעהר ניט געצווייפעלט אין דיא פערלעגליבקייט פון וואסילי פעטראוו. ער האט געוואוסט, אז דאנילאוו איז טאקע געוועזן פון דיא וויכטיגע פאָרשטעהער אין פעטערבורגער צענטראל קאָמיטעע, וועלבער איז מיט איניגע טעג פריהער אין דיא הענד פון דער פאליציי אריינגעפאלען. ער האט אבער דאָך זיין וואהרען נאמען ניט געזאגט, ווייל דאס איז א פרינציפּ ביי דיא רוסישע ניהיליסטען, אז זאגאר נאהענטע גענאָסען ווייסען ניט דיא וואהרע נעמען פון זייערע פריינדע, אום זיי זאלען ביי איקוויזיציאָנע פייניגונגען אין דיא טורמעס, ניט אויסזאגען א נאמען און פעראונגליקען א פריינד.

איסטאָמין איז געוועזן גענוג פאָרזיכטיג — אבער ער האט נעבאך ניט גע־וואוסט, אז דער ריכטיגער וואסילי פעטראוו, זיצט אין א פינסטערע צעלע אין געפענגניס שוין זייט איניגע וואָכען, און דא גאר ניט לאנג האט דערזעלבער מאן וואס זיצט יעצט מיט איהם ביי דער גרעפין אונטער פעטראָוו'ס נאמען, פון פעט־ראָוו'ן אויסגעפאָרשט וויכטיגע געהיימניסע. דערזעלבער וואס פיגורירט יעצט פאר זיי אלס וואסיל פעטראוו, איז פאר א ווײלע צוריק געזעסען אין איין צעלע מיט דעם ריכטיגען פעטראוו אלס דער מארטירער לעוו סטעפנאוו.

18טעם קאפיטעל.

## אַ ווייב אַ פאַטשערקע און אַ דיענער אַן עזות־פנים.

פיעל ארבייט האט פריסטאוו איוואנאָוו געהאט אין זיין קווארטאל ווען שרה פיינשטיין איז פון זיין הויז אנטלאפען. עפּעס אין יענער נאכט האט זיך פאָנקע אנגע־שיכורט און פון אלע גאסען האט מען אנגעבראכט אין אוטשאסטאָק שיכורים מיט

צוקלאַפּטע געזיכטער און אונטערגעשלאָגענע אויגען, און ביז ער האט פאר זיי גע־מאַכט א פּלאַץ וואו איבערצונעכטיגען, האט שוין דיא אוהר דריי מאל אפּגע־קלונגען. דאמאלס האט ער זיך דערמאהנט, אז גאָט האט איהם צוגעשיקט א שעהנע קעבס־ווייב, וועלכע ער דארף פאר איהר בעזאָרגען עפּעס א שעהנעם וואוינונג מיט פיינע מעבעל, און אזוי וויא צו א קעבס־ווייב בעדארף מען האבען אין מאסקווא וויא אין דער גאנצער וועלט א היבשען גראָשען, האט ער זיך מישב געווען, אז יעצט איז דיא צייט צו מאכען אייניגע בעפאלען אויף אידישע הייזער. — ער האט מיט־גענומען א פּאָר אָקאָלאָדאָטשניקעס מיט אייניגע דוואָרניקעס און האט זיך ארויס־געלאָזען אויף אן אָבלאַווא (יאגד). ער איז בעפאלען איין הויז און האט ארויסגעשלעפּט צוואַנציג אידען מיט אידענעס פון דיא בעטען. ער האט זיי אוועקגעטריבען אין אוטשאסטאָק און האט זיך באלד ארויסגעלאזען אויף א צווייטער „אָבלאַווא“. ער האט ווידער ארויסגעשלעפּט א צוואנציג מענשען פון זייערע בעטען, ער האט זיי ווידער אין א פערדשטאל אריינגעוואָרפען און איז דעם דריטען מאָל אויף אן „אָבלאַווא“ ארויסגעגאנגען. ער האט אוועקגעשלעפּט דיא לעצטע פּארטיע און אזוי וויא ער האט זיך אביסעל צוגעהיילט ־היינטיגען מאל, ווייל ער האט זיך עפּעס א ביסעל בעאונרוהיגט וועגען דער קעבס־ווייב, טאָמער מאכט זיא חס־ושלום פּליטה, האט ער דיעזען מאָל געשטעלט אויף יעדער ארעסטאַנט א פּרייז פון פינף ביז זיעבען רובעל. ביז אכט אוהר מאָרגענס איז אין זיין קעשענע געלעגען איבער דריי הונדערט רובעל. יעצט דאן האט ער אנגעהויבען זיך מישב צו זיין, וואוהין זאל ער פריהער געהן? זאָל ער געוואָר ווערען צו זיין טייבעלע אדער ער זאל פאר איהר פריהער בעזאָרגען א וואוינונג און איהר גלייך אהין אוועקפיהרען.

— א וואוינונג! — האט ער ביי זיך בעשלאָסען — דאס טייבעלע וועט שוין פון איהר צימער ניט ארויספליהען חאָטש זיא האט דעם שליסעל. איך האב דיא זאך גוט בעזארגט — וויא א פּריסטאַוו.

ער האט זיך אויף א דראָשקע אוועקגעלאזען אויף טווערסקאיא אוליצא. ער האט דאָרט אפּגעקליבען א רייכען צימער אין האָטעל „דרעזדען“, נעגענאיבער דעם גענעראל גובערנאטארס וואוינונג, און נאכהער וויא ער האט דאָרט איבערגעלאָזען פופצעהן רובעל האנדגעלד, האט ער אריינגענאָסען א פּאָר ביער גלעזער „אָטשיצשעני“ פון פּאָפּאָורס זאוואָד און האט זיך אוועקגעלאזען צו זיך אין וואוינונג.

— עך, איז דאס א זשידאווקא, איז דאס א זשידאווקא! — האט ער זיך געקלערט ווען ער איז געפאהרען צוריק אויף א דראָשקע — איך האב נאך אזא גוט שטיקעל סחורה אין מיין לעבען ניט געזעהן. נור דיא זשידעס האבען אזעלכע שעהנע ווייבלעך. איך בין זיך פּשוט מחיה אויף זיי א קוק צוטהאן. זאגאר ווען איך שלעפּ זיי וויא דיא „צייג“ פון דיא בעטען ארויס, פערגעס איך מיך ניט א קוק צוטהאן אויף א שעהנע מיידעל אדער א ווייבעל. ז י א שרעקט זיך און ווײנט, און איך האב דערווײלע הנאה... אבער וויא קומען זיי אלע צו דיעזער זשידאָווקא, זיא איז נאר אן אויסנאהמע. אָ, ו ו ע ן מיין ווייבעל וואָלט עס געוואוסט, זיא וואלט מיר אלע צייהנער פון מויל אויסגעשלאָגען. אבער איך הער איהר וויא דער קאַץ, זיא וויים

ניט פון איהר קאָפּ צו זאגען. פּריסטאוו איוואנאוו איז א קלוגער אינגעל. זאל זיך ליעגען דיא געלד אויף איהר נאמען, וואס הארט עס מיר? קען איך דען ניט בע־קומען שעהנע זשידאָווקעס, וויא נאָט האט געבאָטען?

ער האט א לייכטען שמייכעל געטהאן און האט געהייסען דעם איזוואָשציק וואס שנעלער פאהרען.

נאך איידער דיא דראָשקע איז צו זיין וואוינונג צוגעפאהרען איז ער פון איהר אראָפּגעשפּרונגען און האט דערווײלע פערגעסען דעם איזוואָשציק אפּצוצאהלען. דער איזוואָשציק האט מורא געהאט ביי א פּריסטאוו בעטען געלד און איז אוועקגע־פאהרען. דערווײלע איז דער פּריסטאוו געלאָפען וויא א פּערסם׳טער און האט געקוקט אין דער הויך צו דיא פענסטער וואו שרה פּיינשטיין אין געוועז ארעטירט.

— זיי זיינען גוט פערהאַנגען, — האט ער שטיל געשעפּטשעט — אין צימער איז גוט פינסטער און דאס איז בעסער.

ער איז מיט ראַשע טריט אויף דיא טרעפּ ארויפגעשטיגען און איז באלד אריינגעלאָפען אין צימער וואו עס איז דיא טהיר פון דער זשידאָווקא׳ס צימער.

ער האט נאר אהן אנקלאָפּען זיך פּרובירט דיא טהיר צו עפענען, זיא האט זיך באלד אויפגעמאַכט און ער האט מיט דעם שליסעל פון אינווענינ, איהר באלד צוגעשלאָסען. ער האט פון דעם ליכטיגען צימער אריינגעהענד אין דעם דונקעלען פאַסט גאר ניט געזעהן, נור נאך א פּאר מינוטען איז איהם אין דיא אויגען עטוואס ליכטינער געווארען און ער האט געזעהן וויא זיא ליעגט אויפ׳ן בעטעל צוגעדעקט מיט א רויטהע קאָלדרע.

— סאָנינקע מיין קריין, אזוי שפּעט שלאָפסט דוא? — האט ער געהענד צום בעטעל אויסגעשריען — איך האב דאך שוין געדונגען א וואוינונג.

ער האט דיא קאָלדרע פון איהר אראָפּגעריסען און פּלוצלינג האט ער דער־פיעלט פיער, פינף הייסע פּעטש, וועלכע זיינען האסטיג געלאָפען איינער נאכ׳ן אנדערן אויף זיינע דיקע באקען, אז ער האט דערזעהן פייערינע קייקעלאך מיט פינטעלאך פאר דיא אויגען און דער גאנצער צימער האט זיך פאר איהם גע־דרעהט א קאדרעל, וויא א פלאַמענדער ווינט־מיהל־ראַד.

— ער האַפּט גאר פון איהר פּעטש — האט שורקין הינטערן טהיר מיט א שמייכעל געוואָרטשעט אונטער דיא צייהנער — דאס איז עפּעס א פייערינע זשידאָווקא.

— הולטאַי! אונמענש! אויסוואורף! — האט דער פּריסטאוו דערהערט זיין ווייבס שטימע מיט א קוויטש — דוא געהסט נאר צו מיר וויא מען געהט צו א....

זיא איז וויטהענד וויא א טיגערין פון בעט אויפגעשפּרונגען און איז צו איהם מיט פערקאַשערטע האָרבעל צוגעלאָפען.

פאר קיין זאך האט זיך א מאסקווער פּריסטאוו קיין מורא ניט אבער א ווייב קען אויך א פּריסטאוו צוכאָלען.

ער האט מיט זיין פּריסטאוו־קראַפט דיא טהיר פון צימער אויפגעריסען און

ער איז האסטיג אין צווייטען צימער אריינגעלאפען. זיין פלונית'טע האט איהם נאכגעיאגט מיט אויסגעצויגענע הענד.

— האלט! — האט שורקין זיך פרעך אוועקשטעלענד פאר'ן פריסטאוו אויס־געשריען — דיא זשידאווקא זאל מיר דיא מינוט זיין!

— וו—וו—אס?! — האט דער פריסטאוו וויא וואהנזיניג אנקוקענד זיין נייעם דיענער אויסגעשריען — וואס זאגסט דוא?

— שרה פיינשטיין זאל מיר דיא מינוט זיין! — האט שורקין געלארעמט טופענד מיט דיא פיס.

— שטריק! — האט דער פריסטאוו ווילד ניט מיט זיין שטימע געשריען.

— וואס איז דאס פאר אן אנשיקענעש? — האט דיא מאדאם, זיך אביסעל אויסניכטערענד דורך דער נייער סצענע פון איהר צארן אויסגעשריען.

— דיא מינוט שרה פיינשטיין אהער! — האט שורקין הענכסט אויפגערעגט און ניט מיט זיין שטימע געקווימישעט.

— טרופים! איוואן! — האט דער פריסטאוו אויף דיא אויבערשטע טענער געשריען — שטריק!

— איך וועל דיך פריהער בינדען! — האט שורקין טופענד מיט דיא פיס און קלאפענד מיט ביידע הענד אן טיש געליארמט — ווייסט דוא, הונד, ווער איך בין?

דער פריסטאוו האט פאר איבערראשונג פון דעם טיטעל „הונד" מיט וועל־כען זיין דיענער האט איהם געקרוינט, אראפגעלאזען זיין פרעכען דיענער א פאר פייעריגע פעטש, אבער שורקין האט איהם באלד מיט א פאר הייסע פעטש גע־ענטפערט און איז גלייך אריינגעקראכען אין זיין בארד מיט ביידע הענד.

— געוואלד! רעטעט! רעטעט — האט דיא מאדאם געקוויטשעט, און אין דעם מאמענט זיינען אריינגעלאפען אין צימער א פאר אקאלאדאטשניקעס.

— ארעטירט איהם! — האט שורקין געשריען אנווייזענד אויפ'ן פריסטאוו— איך בין שורקין, דער בעוואוסטער שורקין....

-- ער איז פון זינען אראפ! — האבען דיא אקאלאדאטשניקעס ארויפפאלענד אויף איהם אויסגעשריען.

דער פריסטאוו איז דערווייל ארויסגעלאפען און געבראכט א לאנגען שטריק.

— שורקין דער געהיים־אגענט! — האט שורקין געשריען מיט א פער־שטיקטע שטימע פון אונטער דיא אקאלאדאטשניקעס.

דיא אקאלאדאטשניקעס האבען געלאכט.

דער פריסטאוו האט דערווייל איהם געבונדען הענד און פיס.

— אייער לעבען וועט עס אייך קאסטען.

— און דערווייל מוזט דוא ליגען געבונדען! — האט דער פריסטאוו ווילד געליארמט — מיר וועלען דיך שוין דיין וואהנזין ארויסשלאגען.

— וואו זאלען מיר איהם אהינטהאן? — האבען דיא אקאלאדאטשניקעס דעם פריסטאוו געפרעגט.

— שטעקט איהם אריין א טיכעל אין מויל! — האָט דער פּריסטאוו בעפוילען — און פיהרט איהם אוועק אויף א דראָשקע אין אוטשאַסטאָק.

מיט א פיערטעל שטונדע שפּעטער האָט מען שורקינען האַלב פּער־שטיקט פון א דראָשקע לעבען טהיר פון קווארטאַל אראָפּגענומען.

— לאָזט איהם אראָפּ אין אונטערשטען קעלער! — האָט דער פּריסטאוו צו די אָקאָלאָדאָטשניקעס געשריען.

זיי האָבען איהם אין א פינסטערען קעלער אראָפּגעלאָזען אראָפּנעהמענד פון איהם די שטריק און איידער ער האָט צייט געהאַט א וואָרט ארויסצו־ריידען האָט די שווערע טהיר פון קעלער מיט א טראַסק זיך אראָפּגעלאָזען און איז געוואָרען פערשלאָסען מיט א גרויסען אייזערנעם שלאָס.

ענדע דעם ערשטען טהייל.

## צווייטער טהייל.

### 19טעם קאפיטעל.

# אַ קאַנדידאַט פאַר אַ פריסטאַוו.

אַסיפּ וואסילעוויטש חיטראָווצין איז א מאַן פון א יאהר צוויי דריי און ‏ערציג מיט א ברייטען נאַז וואס זיין שפּיץ איז אביסעל פעררויסען און מיט קליינע שווארצע שווינדלערשע אויגען. נאָך זיין ברייטען פעסטען קערפּער, זעהט אויס זיין קאָפּ צו קליין און צו שמאל; נור אז מיר זאלען וועלען האבען טענות צו דער נאַטור פאר דיעזען קליינעם פעהלער, האבען מיר דאס רעכט צו האבען אויף איהר נאָך א גרעסערע קלאגע, ווארום האט זיא גאר דעם גאנצען חיטראָווצינען אויף דער וועלט געבראכט? זיא וואלט פיעל אָרדענטליכער זיך בעגאנגען, ווען זיא וואלט אונז אזעלכע חיטראָווצין'ס גאר ניט געגעבען, אדער זיא וואָלט זיי געטווידמעט בעפאָר זיי טרעטען אריין אין דער מענשליכער געזעלשאפט.

מיר זעהן אבער דאך פאר זיך חיטראווצינען מיט זיין קליינעם שמאָלען קאָפּ און מיט זיין ברייטען געזונדען קערפּער און ער לעבט און איז געזונד, פריש און מונטער. לאָמיר וועגען איהם אביסעל ריידען און איהם בעקאנט מאכען פאר אונ־זערע ווערטהע לעזער.

וואו חיטראָצין איז געבאָרען און ווער ער איז פון זיין קינדהייט? קענען מיר אויף ריכטיג ניט זאגען, וויל זייט מיר קענען איהם, לעבט ער אלץ אונטער אנ־דערע נעמען און אויף פרעמדע פּאספּאָרטען. מיר ווייסען מעהר ניט דאס ער האט א מאל געוואוינט אין דער אימעניע „איוואנאָווקא" אין ניזשני נאוואָגאָראָדער גובערניע און איז געווען אן אופראווליאיעשצע ביי דעם גוט־בעזיצער באראָן גענע־ראלאָוו. דער באראן איז געווען א מאַן פון א יאהר פיער, פינף און דרייסיג, א שעהנער, שטארקער און קרעפטיגער פערזאָן מיט א מילדעס געזיכט און אן עדלעס הערץ. ער האט געהאט א יונגע שעהנע וויב מיט צוויי קליינע קינדער, א זוהן מיט א טאָכטער, און זיי האבען געלעבט רייך און גליקליך. אין א שעהנעם זומער פריה־מאָרגען אין יאהר .. 18, ווען איינער פון דיא גאָהענטע גוט־בעזיצער איז געקומען באראן גענעראלאוו אין אימעניע עפּעס וועגען א געשעפט, האט ער געקענט

(Iron. 9.)

אלע טהירען אין באראן'ס וואוינונג אויפגעבראָכען, אויף זיין געשריי זיינען צוזאמענגעלאפען דעם באראן'ס דיענער פון דער אימעניע און אריינגעהענד אין זיין שלאָפצימער, האט זיך פאָרגעשטעלט פאר זייערע אויגען א שרעקליכער שוידערהאפטער בילד: דיא אייזערנע קאסע, וועלכע איז געשטאנען אין באראן'ס שלאָף-צימער איז געווען אויפגעבראָכען און לעער. לעבען איהר אויפ'ן באָדען זיינען געלעגען דעם באראָן'ס מיט זיין ווייבס טוידטע קערפּער, וועלכע זיינען ערמאָרדעט געוואָרען מיט א טומפּעס געוועהר.

חיטראָווצין, וועלכער האט דאמאלס געהייסען קאָזלאָוו, איז געלעגען אין א זייטיגען צימער געבונדען מיט דיא פיס צו זיין בעט, דיא הענד פעסט פערבונדען אויף הינטען און אין מויל האט איהם געשטעקט א ווייסע שנופּטיכעל, אויף וועלכע מען האט געפונען אויסגענעהטע בוכשטאבען L. M.

אויף דער פראגע, ווען האט ער געזעהן און ווער האט איהם געבונדען? האט ער געענטפערט, אז איניגע בעוואפענטע אידען האבען זיך ביי נאכט אין הויז אריינגעבראָכען. איינער פון זיי האט געגען זיין ברוסט געהאלטען א געלאָדענעם רעוואָלווער און דער צווייטער האט איהם געבונדען און נאכהער, זיינען זיי מיט נאך צוויי אנדערע אידען אריינגעגאנגען אין באראָנס שלאָפצימער. עס איז געווען דייטליך צו זעהן, אז דער מאָרד איז געשעהן צוליעב געלד; אבער דאס וואר מערקווירדיג און רעטהזעלהאפט, דיא יונגע ניאניא מיט ביידע קינדער פון דיא ערמאָרדעטע זיינען פערשוואונדען געוואָרען, אָהנע זיי אויסצוגעפינען.

דער פּראָצעס איז איבערגעגאנגען צום פּראָקוראָר. עס האט זיך אנגעהויבען א שטרענגע אונטערזוכונג, און באלד איז פערהאפטעט געוואָרען דער איד ליב מאלבין, וועלכער האט געהאלטען א שענק אין'ם דאָרף קורילא, ניט ווייט פון דער אימעניע איוואנאָווקא. מען האט ביי איהם געפונען א האלב דוצענד שנופּטיכלאך מיט דיא זעלבע אויסגענעהטע בוכשטאבען ל. מ. עס איז מעהר קיין צווייפעל ניט געווען, אז ליב מלבין מיט זיין ווייב און ביידע ערוואקסענע קינדער, האבען ערמאָרדעט דעם באראָן מיט זיין ווייב אין זייער וואוינונג. קאזלאָוו (חיטראָווצין) האט זיי גלייך דערקאָנט און האט געזאגט, אז דיא מוטער מיט איהר טאָכטער זיינען געוועזן ביים מאָרד פערמאסקירט מיט לאנגע בערד און פאות. דער פּראקטישער סליעדאָוואטעל האט אָנפאנגס אביסעל פערדעכטיג געקוקט אויף קאָזלאָוו'ן, דיא פערשווינדונג פון דער ניאניא מיט דיא קינדער איז איהם זעהר זאָנדערבאר פאָרגעקומען, ער האט אין דעם געזעהן עפּעס א גאנצע בעפריעדיגונג צו זיין פערדאכט; אָבער נאכהער וויא ער האט געמאכט געהיימע נאכפאָרשונגען וועגען קאָזלאָוו'ן אין טולא פון וואַנען ער האט געהאט זיין פּאספּאָרט, און מען האט איהם געענטפערט, אז קאָזלאָוו איז א בראווער, ערליכער מאַן, איז דעם סליעדאָוואטעלס פערדאכט פון איהם הערונטערגעפאלען און ער האט זיך באלד פעסט גענומען צו דער אידישער בעשולדיגטער פאמיליע. מען האט יעדען מיטגליעד פון דער אונגליקליכער פאמיליע, טעגליך געפיהרט צום סליעדאָוואטעל פון אסטראָג אונטערן קאָנוואָי (וואך), אבער יעדערער פון זיי האט געטענה'עט **דאס ער וויים**

ניט פון וואָס צו זאגען. עס האט זיך מעהר ניט אפגעשטעלט וויא צו כשפט'ען די אונגליקליבע נאך דעם בעוויז פון דיא שנופּ-טיכלאך און דיא צייגניסע פון קאָזלאָוו'ן, און דאס איז אויך געווען גענוג, דיא פאמיליע מלבין זאל פערשיקט ווערען אויף א לאנג-יעהריגע קאטאָרגא נאך סיביר.... נאר אזוי וויא דער גאנצער דאָרף האט זיך געשטעלט אין געריכט אלס צייגע, דאס דיא פאמיליע מלבין איז ניעמאלס אין קיין זאך ניט געווען בעשולדיגט און אייניגע האבען עדות געזאגט, אז אין דער נאכט פון'ם מאָרד האבען זיי געהוליעט און געטרונקען אין מלבינ'ס שענק ביז טאָג און דיא גאנצע פאמיליע האט זיך געפונען צו הויזע, האט דער געריכט געפונען פאר נעטהיג צו פערלייכטערן דיא שטראפע צוליעב א צווייפעל, און מען האט דיא גאנצע פאמיליע אוועקגעשיקט אויף אייביגע וואָלנאָיע פּאָסעלעניע אין אירקוטסק.

מיט צוויי יאָהר שפּעטער טרעפען מיר ביטראָוויצינע'ן, דעם פריהער-דיגען קאָזלאָוו, אין ראסטאָוו ביי דעם דאָן אונטער דעם נאמען, גאַווריליאָוו. ער האלט א גרויסען האטעל אין א גרויסע, רוישענדע גאס. זיינע בעדיענטע ביים וואָקזאל ברענגען איהם דיא פיינסטע דורכרייזענדע; אבער זיין האטעל בעקומט א שלעכ-טען בערוף. אין דיא ערשטע אכט מאָנאטען פון זיין עקסיסטענץ, האבען אין איהם געטראָפען פיער זעלבסט-מאָרדען.

דיא זעלבסט-מערדער, וויא געוועהנליך, האבען נאכגעלאָזען אייגענהענדיגע שריפטען, אז מען זאל קיינעם אין זייער טוידט בעשולדיגען. אבער דאס וואר מערקווירדיג, דיא אלע זעלבסט-מערדער, זיינען געווען פון צו הויזע רייכע מענשען און האבען ניט געהאט, וויא עס האט זיך נאכהער אויסגעצייגט, דיא מינדעסטע אורזאכע זעלבסט-מאָרד צו בעגעהן....

נאך מעהר רעטהזעלהאפטער איז געווען דער לעצטער זעלבסט-מאָרד פון צוויי רייכע פערזאָן, וועלכע זיינען פערפאהרען צו גאַווריליאָוו'ן אין'ם האָטעל. זיי זיינען געווען זעהר בערופענע בראווע קויפלייטע אוים חארקאָוו און זיינען געשעפטס-מעסיג געקומען אין ראסטאָוו. אויף מאָרגען נאך זייער פערפאהרען אין האטעל, האט מען ביידע געפונען ערשאָסען אין א צימער; ביי יעדען אין האנד האט גע-שטעקט א רעוואָלווער און אויפ'ן טיש איז געלעגען א קליין שריפט אונטער דעם נאָמען: „קארטען-שפּיעלער טאָרען ניט לעבען". דער שריפט האט געלויטעט, אז ביידע האבען אויף זייער רייזע א גרויסע סומע פערשפּיעלט אין קאָרטען און זיי האבען קיין אנדער אויסוועג ניט, סיידען זיך ערמאָרדען.

עס זיינען פון חארקאָוו געקומען צופאָהרען זייערע ווייבער און קינדער, און האבען מיט טרעהרען ערקלערט, אז זייערע מענער האבען ניעמאלס אין קארטען געשפּיעלט; אבער דא האט ניט געהאָלפען קיין וויינען. דיא ריכטיגקייט פון זייערע אונטערשריפטען האבען בעשטעטיגט עקספערטען — און דיא זעלבסט-מערדער זיי-נען בעערדיגט געוואָרען.

מיט א יאָהר שפּעטער טרעפען מיר חיטראָוויצינען אלס אקאָלאָדאָטשני נאדזיראטעל אין א אידישען קווארטאל אין פּעטערבורג. ער הייסט דאמאָלס

פאפאָוו. אידלאך טראָגען איהם פינף=רובילדיגע פון אלע זייטען. ער רייסט פון טוידטע און פון לעבעדיגע. ער וואוינט אין זנאמענסקי פערעאולאָק. אין זיין פינף־צימער׳דיגען וואוינונג קאכט טאָג טעגליך וויא א קעסעל, א אידעל אריין א אידעל ארויס, מען שיט איהם אפ מיט גאלד.

מיר זעהען איינמאָל פאפאָוו׳ן ביי א אידישען בעפאל אין א גרויסע הויז אום דריי אוהר נאך האלבע נאכט. עס איז אין דרויסען א פינף און צוואנציג־גראדיגער פראָסט; ער שלעפט ארוים אידען, ווייבלאך, מיידלאך און קינדער פון די בעטען, ער פיהרט זיי האלב נאקעט ארויס אויפ׳ן הויף און ער גיט זיי איבער די גאָראָדאָוואָיע (פאָליסלייט) מיט די דוואָרניקעס אין די הענד. ער הייסט זיי דאָרט ווארטען אין דעם שטארקען פראָסט ביז ער וועט אלע זשידעס פון די לעבער ארויסשלעפען. ער קעהרט זיך צוריק אין א קליינעם אידישען וואוינונג, ער טרעט צו צו א בעט פון א פינפטעניגע קראנקע קינפעטאָרין און הויבט זיא אָן צושלעפען. זיא פאנגט אן צוציטערן און בעקומט שטארקען פיעבער. עס געהט צו איהר מאן און בעט איהם אום מיטלייד; אבער פאפאוו שטויסט איהם אפ הינ=טער זיך און שילט איהם מיט זיין גאט און זיין נאציאָן. ער שלעפט דער קימפעט פרוי ווידער. איהר מאן ווערט אויפגערעדט, ער לויפט צו איהר בעט און שטויסט דעם מערדער אפ אן א זייט. פאפאוו ווערט צארניג און ווטהענד, ער לאזט דעם אונגליקליכען אראפ עטליכע פויסטען איבער זיין-קאפ, דער איד פאלט בעזינונגס־לאז צום באדען. עס פליסט איהם בלוט פון מויל און פון נאז וויא דורך א צאפען. מארגען פריה געהט מען צו זיין לויה, אבענדס שטארבט אויך זיין ווייב. עס פער=בלייבען עטליכע קליינע יתומים׳לאך. פאפאוו ווערט ענטזאגט פון זיין אמט מיט א שטארקען ווינאָוואָר (פאָרוואורף) פון אָבער=פאָליצמייסטער, און ער פאהרט אוועק פון פעטערבורג.

יעצט וואוינט אונזער חיטראָווצי, אמאָליגער קאָזלאוו, גאוורילאָוו און פאפאָוו, זייט איניגע יאהר אין מאסקווא און טרייבט גאנץ נייע געשעפטען. ער האט א פאנד=הויז אויף „ארבאט“, אין וועלכע עס פערקויפען זיך פער אקציאָן פערשיעדענע קליידער, דיאמאנטען, פערלען, בריליאנטען און אלערליי שמוק מיט אנטיקלאך פון גאלד און זילבער, וועלכע עס ווערען ניט אויסגעקויפט פון די לייהער. אויף „פעטראָווקא“ האט ער, וויא אונזערע לעזער ווייסען שוין, א גרויסען קאנטאָר פון דיענסט=מיידלאך, אמען, באָנעס, גובערנאנטינס, בוכהאלטער, געשעפט־פיהרער און זאָ ווייטער, און אויף „יאקימאָנקא“, ביים ענדע דער שטאדט האט ער א קליין פאבריקעל, אויף וועלכען עס הענגט א קליינער שילד פון פראָנט און אויף איהם איז אויפגעשריעבען: „קנעפעל פאבריק פון א. וו. חיטראווצין“.

אין דער צייט ווען ביי גרעפין מאריא אנדריאנאָווא איז געזעסען דער טהיי=ערער גאסט און זיי האבען געפיהרט צווישען זיך פאר אונזערע לעזער דעם בעוואוס=טען געשפרעך, איז חיטראָווצין געוועזן פערשפארט אין דעם צווייטען צימער פון זיין קאנטאר אין קנעפעל פאבריק מיט נאך א פערזאָן פון א יאָהר פופציג און זיי האבען צווישען זיך גערעדט.

— אזוי ניט איינגעבען זיך אַ פּלאַן וויא היינטיגען טאָג, — האט צו חיטראָווצינען דער מאן אונמוטהיג געזאגט — געדענק איך גאר ניט ! דיא געשיכטע מיט מיין שוואָגער, איז זעהר אַ ביטערע....

— דאס איז אלץ, טימאָפּיי, וויל דוא פרעגסט ביי חיטראָווצינען ניט קיין ראטה ! — האט דער ווירטה געענטפערט — וויא טהוסט דוא אזא זאך און ביזט זיך פריהער ניט מישב מיט מיר ?

— עס איז ניט געוועזען קיין צייט דערצו, — האט טימאָפּיי פינסטער ערוויעדערט — ביידע פיינע יונגען האבען געהאט ביי זיך אַ בעשלוס צופעררייזען נאך טיפלים.

— און אויף זייער רייזע וואָלט חיטראָווצין דעם שאָץ פון זיי ניט געקענט ארויסקריגען ? — האט דער ווירטה מיט אַ שטאָלצע מינע געפרעגט.

— א בייזע שעה איז אויף מיר אנגעקומען ! — האט טימאפּיי געזיפצט — אזא זאך אפּגעטהאן, קיין הנאה ניט געהאט און איהם פערפּאַקט אין אסטראָג!

— וועט ער חאטש האלטען מויל און וועגען דיר ניט אויספּלוידערן ?

— ער איז זעהר אַ הארטער קערל און וויא באלד ער האט איינמאָל געזאָגט, אז ער הייסט וואסילי חאָמיאקאָוו, און אזוי איז אויך זיין נאמען אין פּאַספּאָרט, וועלכען דוא האסט מיר געגעבען. חאָטש צורעדער איהם וועט ער שוין אנדערש ניט זאגען ! ער האט שוין געהאט אמאל אזא עסק אין ווארשוי, און דאמאלס האט ער אויך געהאט אַ פאלשען פּאַספּאָרט.

— דוא ביזט טימאָפּיי א שורקע ! — האט חיטראָווצין נאך אַ קליינעם נאכדענקען געזאגט — נור־וואָס האסט דוא מיר געזאגט, אז דוא האסט קיין צייט געהאט מיט מיר וועגען דער זאך זיך צו בעראטהען, און מיט גאנצע צוויי טעג פריהער האסט דוא פאר איהם געמאכט ביי מיר אַ פּאַספּאָרט ? וועגען וואס האסט דוא דאס געטהאן, איז ניט וויל דוא האסט דעם פּלאַן פריהער ביי זיך בעשלאָסען ?

— נייז, ברודער — האט איהם טימאָפּיי ערוויעדערט — דעם פּאַספּאָרט האב איך גאָר ביי דיר בעשטעלט פאר א פּאָליטישען פערברעכער ; אבער אז איך האב איהם שוין געהאט, איז יענער פּלוצלינג נעלם געוואָרען און האט מיך מעהר ניט בעזוכט.

— און דיין ראזבאָיעוו איז יעצט אויך אַ פּאָליטישער פערברעכער ! — האט חיטראָווצין טייפעלש געלאכט.

— זיין דיעלאָ איז אזוי פערפּלאָנטערט, אז דער סליעדאוואטעל מיט'ן פּראָקוראָר און אלע בעדיענטע אין געהיים־פּאָליציי צוברעכען זיך דיא קעפּ און קענען קיין טאלק ניט דערגעהן. ער ווערט בעטראכט אלס פּאָליטישער פערברעכער, וויל מען האט פּאדליעצאווין געפונען א טוידטען אין קאנאן. צו ער האט איהם ערמארדעט אדער דער זשיד גאָלדבוים, איבער וועלכען מאָסקווער צייטונגען האבען אזוי פיעל געשריעבען ? אין דעם איז ביי זיי אַ גאנצע פערדרעהעניש. היינט דרעהט זיך זיי דיא קעפּ וועגען דיא ציהרונג וואָס זיי האבען אין קאנאָן לעבען פּאָדלעצאָווס

לייבע געפונען. וויא קומט פּאָדלעצאוו צו מאַללידים ציערונג? און וואו זיינען דיא ריכטיגע גנבים, איוואַן מיט סטעפּאַנען? און וויא קומט אין אלגעמיין פּאָדלעצאָוו מיט ציערונג אין קאַנאַן און ראזבאָיעוו לעבען איהם?

— ווייסט דוא, טימאָפּיי, וואוהין דיין שוואָגעריק וועט זיך צוליעב דיעזע פּערדרעהעניש אוועקלאָזען? — האט חיטראָווצין לאַבענד געפרעגט.

— איך ווייס מיט וואס דא שמעקט! — האט טימאפּיי מיט א זיפץ ער-וויעדערט — אבער צו וועל איך פון דיר ברודערקע עפּעס ניט ארויסקריגען א גוטען ראטה, וועלכער פּאסט פאר א ממזר׳שע קעפּעל וויא חיטראָווצינס?

— וועס דוא אבער מיין ראטה פּינקטליך ערפילען? — האט חיטראָווצין מיט א שמייכעל געפרעגט.

— איך בין דאך דאריבער צו דיר היינט געקומען.

— אבער מיין ראטה, וויא איך פּערשטעה, וועט דיר ניט שמעקען.

— וואס דוא וועסט מיך ראטהען, דאס וועל איך טהאן, — האט טימאפּיי צורודערט געזאגט — מיין לאגע, וויא איך זעה, איז זעהר ניט א פּרעהליכע. דער סליעדאוואטעל, לויט דעם פּרעאבראזשענסקען פּריסטאוו׳ס צייגניסע אין׳ם פּראָ-טאָקאָל, פאָרדערט ראזבאָיעוו׳ן אויף א פּערהער וועגען דעם מאָרד-ברענער „רינג-בערג׳ן. ראזבאָיעוו ליעגט אלס וואסילי חאָמיאקאָוו אין אסטראָג. אנפאנגס האב איך געזאגט, אז ער ליעגט קראנק; אבער וויא איך פּערשטעה אַן פּריסטאוו׳ס רייד, וועט דער סליעדאָוואטעל מיט׳ן פּראָקוראָר אליין קומען צו ראזבאָיעוו׳ן אין הויז, אום אויסצוהערען זיין צייגניס. היינט שטעלט זיך פאָר, וואָס וועט זיין, ווען זיי וועלען דעם קראנקען ניט געפינען צו הויזע?

— אלזאָ, ווילסט דוא פון מיר א ראטה? — האט חיטראָווצין ערנסט געפרעגט.

— נאך וויא איך וויל א ראטה!

— טאָ לייג־זשע ברודערקע אוועק פּינף הונדערט קערבלאך! — האט חיט-ראָווצין רוהיג געזאגט.

— ערבארעם זיך.... אזא סומע? דוכט זיך, אז מיר שטעהן דאך עפּעס אין פערבינדונג....

— האנדעלשאפט, ברודערקע, איז ניט קיין ברידערשאפט, — האט דער ווירטה מיט אן ערנסטע מינע געזאגט — ווען דיר האט זיך גערוכט, אז דוא כאפּסט אריין גאנצע זעכציג טויזענד רובל פאר איינמאָל, ביזט דוא צו מיר נאך קיין ראטה ניט געקומען, איך פּערשטעה אפילו פאר וואס, אבער יעצט, אז דוא ביזט אריינ-געפאלען, און חיטראָווצינ׳ס ראטה איז דיר נעטהיג — טאַק ראָשי דאוואי (גיעב געלט)!

— און וועניגער וועסט דוא ניט נעהמען? — האט טימאפּיי מיט א פלעהענדע און א פערוואונדערטע מינע געפרעגט.

— וועניגער ניט איין קאָפּיקע! — האט חיטראָווצין מיט א פעסטען טאָן געזאָגט — און דאָס, וייל פאר דיר.

— זעה חיטראָווצין, אז דוא האנדעלסט מיט מיר ניט וויא א גוטער ברודער!
— האט טימאָפיי ארויס׳של׳עפענד א דיקען פּאַרטעמעניי פון זיין בוזים־טאַש געזאגט.
— איך האב דיר שוין אי־נמאל געזאגט אז האנדעלשאפט איז ניט קיין ברידערשאפט — האט חיטראָווצין מיט א טייפעלשען שמייכעל ערווידערט — דער־פאר, אז חיטראָווצין וועט קומען צו דיר נאך א ראטה, זאלסט דוא איהם דיא הויט אראָפּשינדען!
— איך מוז, ברודערקע, געשטעהען, אז דוא ביזט צופיעל טייפעל און ביי טימאָפייען א ראטה וועסט דוא קיין מאל ניט פרעגען!
— אבי דוא פערשטעהסט! — האט חיטראָווצין מיט א שטאָלצען שמייבעל געזאָגט.
טימאָפיי האָט מיט ציטערענדע הענד אנגעהויבען צו שלעפּען גאנצע הונדערטער פון זיין דיקען פּאַרטעמעניי.
— איז אפשר גענוג פיער הונדערט? — האט ער מיט א רחמנות׳דיגען פּנים׳ל נעפרעגט חיטראָווצינען ווען ער האט געהאַלטען ביי דער פערטער הונדערטער.
— ניט וויינינער א קאָפּיקע! דיא געשעפטען זיינען היינט שלעכט, ברודערקע!
— נא, טייפעל! — האט טימאָפיי ארויפלייגענד פינף הונדערטער אויפ׳ן טיש געזאָגט — זאָל דיר עס באָקאָם ארויס!
חיטראָווצין האט יעדע הונדערטער בעקוקט פון אלע זייטען און לאנגזאם זיי צוזאמענגעלייגט.
— דיר, דיינקסט דוא, וועל איך אויך געבען פאלשע? — האט איהם טימאָפיי פערדריסליך געפרעגט.
— א קשיא אויף א מעשה! — האט חיטראָווצין לאכענד געזאגט.
— זאָל דיך שוין, טייפעל, דיא העללע פערשלינגען! — האט טימאָפיי מיט א פערדריסליכען שמייבעל אויסגעשריען — אלע טאָג ווערט ער מעהר טייפעל!
טימאָפיי איז געוואָרען אויפמערקזאם און האט בעצייטענס געעפענט דיא מויל פון וועלבער עס האבען זיך ארויסגעזעהן לאנגע און דונקעל־גרינליבע צייהנער.
— נעהם און ראזיר זיך אָפּ דיין ברייטען און צופלאָכטענעם באָרד — האט צו איהם חיטראָווצין לאנגזאם געזאָגט — פארב זיך אָפּ דיינע געלב־רויטע האאר אויף שווארץ, ווארף אראָפּ דיין ספּאָדניצע און טהו זיך אָן וויא א פראנט מיט א צילינדער־הוט און מיט א פּאָר דונקעל בלאָנדע ברילען; קויף ביי מיר פאר הונ־דערט רובל א שפּאָגעל־נייעם פּאספּאָרט, דיענג זיך א קווארטיר ערגעץ אין א ווייטע גאס און שטעה פון ווייטען און קוק זיך איין אויף דעם פּראָצעס.
טימאָפיי האט זיך א כאַפּ געטהאן פאר׳ן קאָפּ.
— איז דאס חיטראָווצין דיין ערנסט? — האט ער נאך א לאנגע פערוואונ־דערונג העכסט אויפגערעגט איהם געפרעגט.
— יא טימאָפיי! — האט חיטראָווצין מיט א פעסטען טאָן ערווידערט.
— און דערפאר האסט דוא פון מיר גענומען פינף הונדערט רובל?
— איך האב דיר שוין דוכט זיך געזאָגט, — האט איהם חיטראָווצין מיט א

האלב ערנסטע און האלב לאכענדע מינע געענטפערט — אז ווילע פאר דיר...
און מיין ניט אז איך שפאס. דוא בעדארפסט טימאָפיי וויסען, אז אין אזעלכע
זאכען בין איך גאנץ ערנסט, בעזאנדערס נאך אז דאס אנבעלאנגט צו א גוטען
פריינד.

טימאָפיי האט זיך פערטראכט.

— פאר אזוי געפעהרליך האלסט דוא עס מיין יעצטיגע לאגע? — האט
טימאפיי נאך איינינע מינוטען נאכדענקען געפרעגט.

געפעהרליך צו געפעהרליך איז ניט גלייך! — האט איהם חיטראָוויץ שארף
געענטפערט.

— אין וואס בעשטעהט, נאך דיינער מיינונג, דער געפאהר?

— ניט אין דעם וואס דער סליעדראוואטעל וועט קומען ראזבאַיעוו'ן בעזוכען,
— האט דער ווירטה געענטפערט — עס איז לייכט אנצושטעלען א גוטען ברודער,
וועלכער זאל טראָגען ראזבאַיעוו'ס פאספאָרט אין קעשענע, דערצו קען מען אונ־
טערשמירען דיין פריסטאַוו און אלעס קען ווערען רעכט. וועגען א פאלשע פערזענ־
ליכקייט איז דאס קלענסטע געפאהר, אבער דאס וואס מען האט דערטאפט אין
קאנאָן פאָדלעצאָוו'ס טוידטען קערפער וועהרענד אפענבאך האט געוואוסט אז ער
איז געגאנגען וועגען א פאָליטישע זאך — דאס איז זעהר א ביטערע געשיכטע.
דען וויא באלד דיין שוואָגעריק האט אויף זיך דעם מינדעסטען פערדאכט אלס
פאָליטישער פערברעכער, איז וויא הארט און וויא בעהאלטען ער זאל זיין, וועט
מען דערגעהן פון איהם מיט דער צייט דיא גאנצע געשיכטע פון'ם מארד־בראנד.
דערצו האט זיך דער ארעסטאנט גרינבערג אויך א מויל, און וויא מען וועט איהם
ניט גלויבען, וועט אלץ אויף דיר א פערדאכט ארויספאלען, און אזוי וויא דוא ביזט
דאך גלאט אויך ניט קיין גאנץ כשר'ער קערל, קענסט דוא האבען מיט דער צייט,
און פיעללייכט גאר אין קורצען, אן עסק פון וועלכען דוא וועסט זיך קראצען וואו
דיר וועט ניט בייסען.

— איך פערשטעה ניט, — האט טימאָפיי צורודערט געזאגט — מיט וואס
קען ווירקען דער פערדאכט אויף איהם אלס פאָליטישער פערברעכער, אז ער זאל
דאס געהיימניס אויספלוידערן.

— וויל צו פאָליטישע פערברעכער ווערען אנגעווענדעט דיא שטרענגסטע
און דיא קלינגסטע מיטלען. און וויא באלד אז דיין ראזבאַיעוו האט אָן אייזערנעם
אָדער שטאָלענעם „וויא רופט מען דאס“, אז קיין שמיץ זאלען איהם ניט נעהמען,
איז פאראן גאר אנדערע מיטלען וויא מען פאָרשט אויס אלעס, וואס אונטער'ן
נאָגעל. איך אליין בין געווען אמאָל א געהיים אגענט און האב אויסגעפאָרשט גע־
היימניסע פון קליגערע קעפּלאך אלס דיין שוואָגערס.

— איך זעה טאקי, אז דוא ביזט א קלוגער מענש! — האט טימאָפיי נאך
א קליינעם נאכדענקען ענטציקט אויסגעשריען — איך וועל דיין ראטה פאלגען, איך
פערקויף באלד מיין טראקטיר!

— און אז דוא וועסט ווערען א פראנט, — האט חיטראָוויץ שמייכלענד

געזאָגט — זאָלסט דוא פון דעסטוועגען ניט פערגעסען צו מיר אמאָל אריינצוקומען, דוא בעדאַרפסט וויסען, אז דאמאָלס ווען דוא קענען אָן געשעפטלאך פיעל מעהר פערדיענען אלס היינט. ווען דוא ביזט א טראַקטירשטשיק און דוא מוזט שפּיעלען א פערמאַסקירטע ראָלע צווישען דיינע נאכבארען. א ווינט־מענשעל, אָהן א הויז און אָהן א געשעפט, קען פיעל מעהר אויפטהאן און איז אימער אין א קלענערן געפאהר.

— דוא ביזט קלוג וויא דער טייפעל אליין! — האט טימאָפיי צופריעדען געזאָגט, און נאכהער וויא ער האָט מיט חיטראָווצינען נאך איינעגע מינוטען גערעדט וועגען זייערע געהיימע זאכען, איז ער פון איהם צופריעדען אוועקגעגאנגען.

אין דער טהיר פון חיטראָווצינס צימער האט זיך געהערט נאך טימאָפיי'ס אוועקגעהן א לייכטער קלאַפּען.

— העריין!

באַלד איז אריינגעגאנגען א מאַן פון הויכען וואוקס מיט א לאַנגלאַכעס גע־זיכט און דונקעל־בלאָנדע לאַנגע האָאר פערקאַמט אויף הינטען צו זיין פּאָטילניצע און האט זיך צו איהם לייכט פערנייגט.

— וואס האט איהר מיר אונבעקאנטער גאסט צו זאָגען? — האט איהם חיטראָווצין געפרעגט און בעקוקט דעם גאסט מיט זיינע קליינע אויגעלאך פון קאָפּ ביז דיא פיס.

דער מאַן האט ארויסגענומען פון זיין בוזים טאש א בריעף אין א פערמאַכ־טען קאָנווערט און האט איהם חיטראָווצינען איבערגעגעבען.

חיטראָווצין האט דעם קאָנווערט אויפגעמאכט און האט דעם בריעף דורכ־געלעזען.

— אלזאָ, — האט ער צום גאסט געזאָגט — זעצט אייך, הערר פיליפּאָוו און זאָגט מיר וואס האט אייך צו מיר געבראכט?

דער מאַן, וועלכען ער האט נאך זיין דורכלעזען דעם בריעף אנגערופען מיט'ן נאָמען פיליפּאָוו, האט זיך אוועקגעזעצט.

— איך פערלאַנג פון אייך, הערר כיטראָווצין, — האט איהם דער מאַן גע־זאגט — אז איהר זאָלט מיר בעהילפיג זיין זיך צו דערשלאָגען עפּעס צו א גוטע שטעלע, איך אליין בין פון אייער קאָמעראַדס חדר פון וועלכען איך האב אייך דעם בריעף געבראכט. צוויי יאהר האב איך טריי געדיענט אין פעטערבורג און ניט איין אייזערנעם שלאָס האב איך אויפגעבראָכען; מיין נאכט־ארבייט האט זיך אבער דא ניט לאַנג געענדיגט מיט א מאָרד און ניט מיט אן איינפאַכינגען. איך האב זיך צוהיצט ווען איך האב דערזעהן, אז דריי מענשען האלטען מיך פעסט און ווילען מיך בינדען, און מיין מעסער האט מיך פון זיי בעפרייט. נאך אזא געשיכטע האב איך מורא געהאט צו פערבלייבען מעהר אין פעטערבורג, אָבוואהל דער דריי־פאַכער מאָרד איז גאַנץ שטיל אָפּגעגאַנגען. אייער קאָמעראַד האט מיך אָפּגעשיקט צו אייך אין מאָסקווא מיט דער פערזיכערונג, אז איהר וועט מיך גוט בעזאָרגען.

— זייט איהר דיא גאנצע צייט ביי דער פּאָליציי ניט געווען פערדעכטיגט?
— האט איהם ביטראָווצין רוהיג געפרעגט.

— ניט אויף א האאר, — האט איהם דער גאסט געענטפערט — זיא איז שטענדיג בעשעפטיגט מיט דיא ניהיליסטען און אויף אזעלכע זאכען האט זיא גאר קיין צייט ניט זיך ארומצוקוקען, זיא האט פון מיר דיא בעסטע מיינונג און איך בין ניעמאלס געווען אין עפּעס פערדעכטיגט.

— טאָ וויא קומט עס, אז איהר זאָלט זיין אזא פייגלינג און פון פעטערבורג אנטלויפען? — האט איהם דער וירטה מיט א פערוואונדערטע מינע געפרעגט.

— איך בין שוין גאר קיין פייגלינג ניט, — האט דער מאן מיט א שטאָלצע מינע געענטפערט — אבער איין פרוי, וועלכע איז געבליבען פון יענער ערמאָרדעטער פאמיליע לעבען האט געמעלדעט דעם פּראָקוראָר, אז זיא וואָלט דעם מערדער דערקאַנט.

— און מיט וואס זייט איהר געזאנען דא אין מאסקווא זיך צו בעשעפטיגען?
— האט ביטראָווצין איהם מיט א שמייכעל געפרעגט.

— מיט וואס עס זאל זיך מאכען! — האט פיליפּאָוו מיט א טייפעלשען שמייכעל ערווידערט — איהר ווייסט דאך, העדר ביטראָווצין, אז אונזערע מענשע-לאך טויגען צו פיעלע מלאכות, אבער וויא דיא וואהרהייט, האב איך א נייגונג עפּעס צו גאר א זאָנדערבארע זאך.

— איך בין עס נייגעריג צו וויסען.

— איך מוז אייך פריהער זאגען, אז איך האב אמאָל דורכגעמאכט א גימ-נאזיום, — האט פיליפּאָוו געזאגט — און איך בין גאנץ שעהן געבילדעט, איך בעזיץ א גאנץ פיינע רוסישע שפּראכע און האב א גוטע ידיעה אין זאקאָן.

— דאס איז זעהר פיין פון אייך! — האט חיטראָווצין לאבענד געזאגט — אייך פּאסט גאר אין רוסלאנד צו ווערען א מיניסטער.

— און וואס מיינט איהר? — האט דער גאסט לאבענד ערוויעדערט — זיינען דען אונזערע מיניסטאָרען בעסער פון אונז?

— נו, זאָגט-זשע שוין, פיינער בריה, צו וואס פאר א זאך האט איהר א נייגונג? — האט חיטראָווצין העכסט צופריעדען זיין גאסט געפרעגט.

— איך וואלט וועלען ווערען א פּריסטאַוו — האט פיליפּאָוו דרייסט אויס-גערעדט.

— איהר זייט, העדר פיליפּאָוו, א וואוילער יונג! — האט חיטראָווצין פרעה-ליך אויסגעשריען — אהער דיין לאַפּקע ברודער. איך זעה, אז דוא ביזט פון אונזערע מענשען!

ביידע וואוילע יונגען האבען זיך געדריקט דיא הענד.

— און אז שוין יא ווערען א פּריסטאַוו, — האט פיליפּאָוו ווייטער גערעדט — מוז מען זיך דיא מיה געבען אנצוקומען גלייך אין א זשידאָווסקען קווארטאל. דא בעדארף מען מעהר קיינע אייזערנע שלעסער ברעכען און זיך שטעלען יעדע מינוט אין געפאהר, דאס געלט פליהט אליין אין קעשענע אריין.

חיטראָווצין האט זיך פאר פערגניגען צולאכט.

— איך ווייס, חיטראָווצין, אז דוא ביזט אין מאסקווא זעהר א פיינער מענש — האט פיליפּאָוו פאָרטגעזעצט — און וויא באלד דיין פּראָטעקציאָן וועט ווירקען און פיליפּאָוו וועט אָנטהאָן א פּריסטאַוו מונדיר, בעדארפסט דוא וויסען, אז א העלפט פון מיין איינקונפט וואס איך וועל האבען פון דיא זשידעס, וועט אריינפאַלען אין דיין קעשענע.

חיטראָווצין איז געוואָרען ערנסט און האט זיך פערטראכט.

— אזוי, אזוי! — האט דער גאסט שמייכלענד געזאגט — טראכט ברודערקע, וויא צו מאכען דעם גראָשען.

— ערשטענס ברודערקע, — האט חיטראָווצין נאך א קליינע פּויזע געזאגט — מוזט דוא האבען א דוואריאנסקען פּאספּאָרט און שפּעטער וועלען מיר זעהן.

— ער מוז אבער זיין פון ערגעץ א גאנץ וויטען געגענד — האט איהם פיליפּאָוו אויפמערקזאם געמאכט.

— דאס וועט שוין רעכט ווערען, אבער צו וועמען זאל איך דיר רעקאָמאַנדירען? — האט ער אביסעל צושטרייט וויא צו זיך אליין געפרעגט.

— דוא וועסט שוין געפינען א מיטעל! — האט איהם פּאָפּאָוו קוקענד גלייך אין דיא אויגען מיט א חניפה'דיגע מינע געזאגט — איך האב וועגען חיטראָווצינען פיעלעס געהערט.

— גוט — האט חיטראווצין פּלוצלינג אויפשפּרינגענד פון זיין שטוהל פרעהליך אויסגעשריען — אלעקסייעוו וועט עס דורכפיהרען.

— וועלכער אלעקסייעוו?

— דער מאָסקווער גאָלאָווא — האט חיטראצין ערוויעדערט — ער איז מיינער א גוטער ברודער.

— א ל ע ק ס י י ע ו ו איז דיינער א גוטער ברודער? — האט פּאָפּאָוו מיט ענטציקונג געפרעגט.

— פּאסט דיר אפשר ניט? — האט חיטראָווצין לאַכענד געפרעגט — ער ליעגט זאגאר ביי מיר אין לאַפּע.

— ווייסט דוא פיעללייכט, וואו איז אהינגעקומען זיין גוטער ברודער דימיטרי? — האט איהם פּאָפּאָוו געפרעגט — איך האב א מאל וועגען איהם פיעלעס געהערט. מען האט מיר דערצעהלט, אז נאכהער וויא ער האט צו זיין פערצעהן־יעהריגען אלטער דערשאסען דעם דירעקטאר פון זיין גימנאזיום, איז ער געזעסען א לאַנגע צייט אין פּאריז, און האט נאך אינגעל־וויז דאָרט אויפגעטהאָן אזעלכע גנבישע שטוקעס, וואס מיר עלטערע מענשען בעדארפען זיך מיט זיי ניט שעהמען.

חיטראָווצין איז עפּעס אביסעל איבערראשט געוואָרען;

— פון וואנען ווייסט דוא דאס? — האט ער קוקענד זיין גאסט גלייך אין דיא אויגען געפרעגט.

— פון וואנען איך ווייס? האלטסט דוא מיר עפּעס פאר אן אינגעל? איך

געהער דאך שוין זיינ צוואנציג יאהר צום חדר.... איך ווייס זאגאר, אז „דמיטרי אלעקסייעוו" איז היינט ערגעץ אין רוסלאנד אונטער א פרעמדען נאמען און דרעהט גנבישע שטוקעס וויא אויף רעדלאך; אבער איך קען פאר קיין פאל ניט דערגעהן, וואו ער איז און וויא ער הייסט?

— דאס איז א זייטיגע זאך — האט חיטראָוויצין אוועקמאכענד מיט'ן האנד געזאגט — קום צו מיר עפטערער אריין און ביי דער ערשטער געלעגענהייט וועל איך וועגען דיר מיט אלעקסייעוו'ן דורכריידען און איך דיינק, אז גאר אין קורצען וועלען מיר האבען אין מאסקווא א פריסטאוו פון אונזערע ברידער.

— און דאס וועט זיין פאר אונזערע ברידער א לעבען — האט פּאָפּאָוו צוגעלייגט.

זיי האבען אבגערעדט זיך יעדען טאָג פון היינט אן צו זעהן און האבען זיך פריינדליך פעראבשיידעט.

20טעס קאפּיטעל.

## זיי האַפּען זיך שפּעטלאַך.

„דורך דעם בעפעהל פון אונזער ווערטהען מאסקווער גענעראל-גובערנאטאר דאלגארוקאוו — האבען מאסקווער צייטונגען געשריעבען — איז דער פערהער פון ביידע שווערע אידישע פערברעכער גאלדבוים און גרינבערג און דעם דריטען פראוואָסלאוונעם פערברעכער וואסילי חאמיאקאוו איבערגעגאנגען צו דעם בעריהמ־טען און טאלאנטפאלען סליעדאָוואטעל פּעטער מ א ר ט י ן".

דיא צייטונגען האבען דערוויילע געהאט א געלעגענהייט אויסצוגיסען אלע פּאָמוניצעס אויף דער מאסקווער אידישער געמיינדע, און פאסטוכאָוו איז ווידער ארויסגעגאנגען מיט א גרויסען ארטיקעל אין זיין „מאסקאווסקי ליסטאָק" וועגען דעם שרעקליכען מארד-ברענער יאקאב גרינבערג און האט איבערציינגט דעם עולם, אז אלע אידישע יענקעלאך זיינען געפעהרליכע מערדער און מורא'דיגע ניהיליסטען, וועלכע שטעהען אין פערבינדונג מיט דיא געפעהרליכסטע מענשען וואס ווילען רואינירען און פערניכטען רוסלאנד מיט איהר גאַנץ געזאלבטען הערשער....

אלעקסייעוו האט ווידער דיא פּאָרשטעהער פון דער אידישער געמיינדע געגעבען א שטרענגען פּאָרוואורף און האט זיי געזאגט, אז ער וועט עס אין קורצען דער־צעהלען דעם באטיושקא אלכסנדר דעם דריטען. פיעלע פון אונזערע אידען האבען גוט געקענט גאלדבוימען מיט גרינבערג'ן און זיינען געווען פעסט איבערציינט, אז זיי זיינען פאלש בעשולדיגט; אבער מיט ווערטער אליין, אהנע בעווייזע — איז קיינער ניט אין שטאנד אזא שולד אָפּצורוואשען.

דערוויילע איז דער פערהער פון דיא פערברעכער געגאנגען אין זיין אָרדנונג; אבער ניט דורך דעם סליעדאוואטעל מארטין אליין, נור אויך דורך צוויי אנדערע. איינער איז געווען פון מאסקווער געריכטסהויז אלס א מיטהעלפער צו מארטינען, און דער צווייטער א שותפות'דיגער, פון אָפּענבאך'ס געהיימ-פּאָליציי און „זשאנ־דארמסקע טרעטיע אָטדיעלעניע" — דאס איז דער געהיימער אגענט, וועלכען מיר

האבען ניט לאנג געזעהן געשמידט צו א קיים אין אסטראג אלס דער גרויסער פּאָליטישער פערברעכער — לעוו סטעפּאנאוו.

מארטין איז דורך דיעזען צופאל בעקאנט געווארען מיט דעם געהיימען פּאָ־ליציי־אגענט מערזאָוויצין, וועלכער האט אין אסטראג געשפּיעלט א ראָליע אלס סטעפּאנאוו און ביי גרעפין מאריא אנדריאנאווא אין הויז — אלס וואסילי פּעטראָוו אדער סערגיי פּאָטאָמקין.

— אונזער דיעלאָ (פּראָצעס) מיט דיא דריי פּערברעכער, — האט מערזאָוויצין געזאגט צו מארטינען מיט א שטונדע שפּעטער וויא ער האט דעם צווייטען מאָל בעזוכט מאריא אנדריאנאווא׳ס הויז — איז זעהר אן אינטערעסאנטע. זיא איז אזוי פּערדרעהט און פּערפּלאָנטשעט, אז איך צווייפעל צו מיר וועלען זיך אזוי גיך דערשלאגען צו א רעזולטאט.

— נאָך מיינער מיינונג — האט איהם מארטין געזאגט — האט וואסילי חאָמיאקאָוו ערמאָרדעט פּאָדלעצאָוו׳ן און דער זשיד גאָלדבוים איז ניט אזוי שולדיג וויא מען מיינט.

— איך מוז אייך פּערטרויען א געהיימניס, — האט איהם מערזאָוויצין גאנץ פּערטרויט געזאגט — אין דער נאכט ווען מען האט חאָמיאקאָוו׳ן ביי דעם קאנאָן דערטאפּט האט אן אונבעוואוסטער מענש טעלעפּאָנירט צו אָפּענבאבען, אז פּאָד־לעצאָוו ליעגט אן ערמאָרדעטער אין קאנאָן. דער מענש וועלכער האט טעלעפּאָ־נירט האט געזאגט, אָפּענבאבען, אז ער איז א ניהיליסט, און ווען מיר זיינען געקומען דיא זאך אונטערזוכען, האבען מיר ביים קאנאן דערטאפּט חאָמיאקאָוו׳ן. לעבען פּאָדליעצאָוו׳ס קערפּער וויעדער האבען מיר אויסגעפונען מאלליך׳ס ציערונג, היינט שטעלט זיך פּאַר, הערר מארטין, וואס פיר א פּערדרעהעניש דא איז?

— דיעזע נייעס, וועגען טעלעפּאָנירען — האט מארטין מיט א פאלשע בע־גייסטערונג געזאגט — איז פאר מיר זעהר וויכטיג צו דעם פּערהער, און דאס ער־קלעהרט מיר אז חאָמיאקאָוו האט טאקע ווירקליך פּאָדלעצאָוו׳ן ערמאָרדעט.

— בעטראכט איהר דיעזען אידיאָט פאר א ניהיליסט? — האט מערזאָוויצין פּערוואונדערט געפרעגט — ער איז דאָך אן אונוויסענדער גראָבער מענש.

— מיר איז אויך אייך, הערר מערזאָוויצין א וואונדער, אז איהר זאָלט עס זאגען? — האט מארטין מיט א חניפה׳דיגע מינע איהם ערוויעדערט — ווייסט איהר דען ניט, אז דיא ניהיליסטען זיינען אויסגעמאכטע יונגען, און וויא עס קומט א מאָל צו עפּעס, קענען זיי זיך פּערמאסקירען? מיר ווייסען אלע, אז סאָפיא פּעראָווסקאיא איז געוועזען א הויכגעבילדעטע דאמע, און דאָך האט זיא ביי׳ם גראבען אין אונזער מאסקווא דיא מינע פאר אונזער זעעליגען מאָנארך עליו־השלום, געשפּיעלט פאר אלע איהרע נאכבארען א ראָליע פון אן אידיאָטישע רעליגיעזע פרוי, אז קיינעם וואלט ניעמאלס איינפאלען, דאס זיא האט א מאָל גענאָסען א הויכע בילדונג.

— דאס איז וואהר, — האט מערזאָוויצין נאָך א קליינעם נאכדענקען גע־זאגט — אבער וואס איז דא מיט דיא ציערונג?

— מיין מיינונג וועגען דיא ציערונג, — האט מארטין געזאגט — איז גאנץ

איינפאַך. וויא מיר ווייסען איז פאדלעצאוו געוועזן א געהיים=אגענט. מעגליך, אז ער האט ביי דיא גנבים דיא ציערונג אויסגעטאַרגט פאר א קליינע סומע און איז געוועזן געזאָנגען דאס איבערצוגעבען דער געהיים=פּאָליציי און דיא גנבים אויף מאָרגען צו פערהאַפטען, און דערווייל האט איהם חאָמיאַקאָוו ערמאָרדעט.

— טאָ וואָס האט געטהאַן האָמיאַקאָוו מיט איינינע טעג שפּעטער נאָך פּאדלעצאוו'ס פערשווינדונג ביים קאנאַן.

— איך גלויב, אז ער האט איהם ערמאָרדעט מיט איינינע טעג פריהער — האט מארטין ערוויעדערט — און ער האט זיין לייבע געהאלטען ביי זיך צו הויזע, נור דאמאלס האט ער איהם אריינגעווארפען אין קאַנאַן.

— דאס לייגט זיך אפילו אויפ'ן שכל, — האט מערזאַוועצין נאָך א קורצען נאכדענקען געזאגט — אבער ווער האט עס געקענט טעלעפאנירען צו אפּענבאַכ'ן ?

— טאקע איינער פון זיינע קאמעראדען ; נור ער האט ניט געקענט אויס=רעכענען אויף דער מינוט, און דערווייל איז חאמיאקאוו אריינגעפאלען.

— איך זעה, אז ניט אומזאנסט זייט איהר געריהמט פאר א טלאַנטפאלען סליעדאוואטעל — האט מערזאַוועצין ענטציקט געזאגט — אייער מיינונג שיינט מיר איז דיא וואהרהייט, דיא ריכטינקייט אליין. היינט זאגט־זשע מיר א מיינונג וועגען דעם גאלדבוימען, וועלכער האט אין דער נאַכט פון פאדלעצאוו'ס פערשווינדונג איהם ארויסגעפיהרט פון זאראַדיע און פון הינטען, לויט דעם אקאלאדאטשניק'ס ערצעהלונג, זיינען איהם נאכגעגאנגען צוויי מענשען ?

— אבוואהל דיא זשידעס זיינען אויף אלעס פעהיג, — האט מארטין ליסטיג איהם ערוויעדערט — דאָך וויא מיט שיינט איז דא גאלדבוים אין גאַנצען אונ־שולדיג. איהר ווייסט דאך, הערר מערזאַוועצין, אז דיא זשידעס זיינען איינער פאר דעם צווייטען „שטאָל און אייזען״; אין דיעזען גוטען אייגענשאפט, צייכנען זיי זיך אויס מעהר פון אלע פעלקער און דאריבער האבען זיי נאָך ביז היינטיגען טאג א קיום. אלזא, איז דאך לייכט מעגליך, אז גאלדבוים, וועלכער האט בעטראַכטעט פּאָדלעצאָוו'ן אלס א אידען, האט איהם אויסגעקויפט פון דעם אָקאָלאדאטשני און האט איהם געוואָלט אפּפיהרען ערגעץ אין א האָטעל ; נור אזוי וויא פאדלעצאוו האט בעדאַרפט יעמאנדען נאכשפּיערען, האט ער זיך פון איהם אויסגעדרעהט. און איך גלויב אז יענע צוויי מענשען וועלכע זיינען פאדלעצאוו'ן נאכגעגאנגען זיינען אויך געוועזן אידען, מעגליך, אז זיי זיינען מיט'ן אקאלאדאטשני ניט געוועזן בעקאַנט, זיינען זיי דאריבער אריינגעגאנגען צו גאלדבוימען, אז ער זאל דעם פערהאַפטעטען אידען אויסקויפען.

מערזאַוועצין האט זיך פערטראַכט.

— נור אזוי וויא דיא **זשידעס** זיינען אויף אלעס פעהיג, — האט מאַרטין ניט ווארטענד אויף מערזאַוועצין'ס אנטווארט ווייטער פאָרטגעזעצט — דארום וועל איך אין דיעזער זאך ניט שווייגען. איך וועל זעהן פון גאלדבוימען ארויסקריגען אלעס וואס אונטערן נאָגעל. ניט אזוי גיך וועט זיך א **זשיד** פון מיר אויסדרעהן. באלד

וועט מען איהם צו מיר אויפ'ן צווייטען פערהער ברייננען און גרינבערג'ן וועט מען ברייננען מיט א שטונדע שפעטער.

— איהר האט זעהר א גלייבען פערשטאנד, הערר מארטין, — האט מערזאווצין איהם נאך א קליינע פויזע ערנסט געזאגט — דאריבער וואלט איך וועלען הערען אייער מיינונג וועגען דעם צווייטען זשידאָווסקען פערברעכער גרינבערג.

— זעהט איהר, — האט מארטין מיט אן ערנסטע מינע איהם געענטפערט — מיט דעם גרינבערג'ן איז שוין עפּעס אנדערש. מען האט איהם דערטאפּט ביי א מארד-בראנד, וואו אן עהרליבער פראוואסלאוונער וויא טימאפּיי מיכיילאָוו זאגט עדות, אז ער פלעגט זיך אלע מאל צאנקען מיט דער אידישער פאמיליע, וועלכע עס האט ביי איהם געוואוינט. און זיין שוואגער ראזבאָיעוו זאגט, אז ער האט איהם מיט טימאפּייען צוזאמען געחאפּט ביי'ם מאכען דעם פייער און דערצו נאך האט מען ביי איהם דערטאפּט א בריעף פון א געפעהרליכען פּאָליטישען פערברעכער, וועלכער האט צוויי מאל געשאָסען אויף אלעקסייעוו'ן. דאס איז שוין גאר אנדערש מיט איהם וועלען מיר זיך שוין רעכענען. אבער א י י ן זאך וואונדערט מיר דאָ, — האט ער נאך א קורצען שטילשווייגען ווייטער גערעדט — ווארום ראזבאיעוו קומט ניט צום פערהער.

— לויט וויא זיין שוואגער האט געמעלדעט, ליעגט ער קראנק פון גרויס שרעק און קען ניט קומען, — האט מערזאווצין איהם ערוויעדערט.

— אבער איך האב בעמערקט — האט מארטין פאָרטגעזעצט — אז טימאָפּיי איז שטארק צושראקען געווארען ווען איך האב איהם געזאגט דאס איך מיט'ן פּראָקוראר ווילען דעם קראנקען בעזוכען. — איך אלס פּראקטישער סליעדאָוואטעל, קען פון איין מינע קומען צו אן אנדער געדאנק איבער דער גאנצער געשיכטע. אלזא, איז זעהר ראטהזאם, דאס איהר, הערר מערזאווצין, זאלט בעפאָר איך געה בעזוכען ראזבאיעוו'ן עפּעס דאָרט א שמעק טהאן.... איך דארף אייך ניט לערנען וויא זיך צו בענעהן, איהר זייט דאך פון אָפּענבאך'ס שולע.

— איך וועל עס שוין היינט בעזאָרגען! — האט מערזאווצין מוטהיג און צופריעדען פון מארטינס גלייבע מיינונגען ערוויעדערט — און אויב איך פאָהר היינט אויף אייגינע טעג פון מאָסקווא אוועק, וועט שוין אן אנדערער אייך ברענגען אן אנטוואָרט.

— און וויא באלד איהר וועט עפּעס דאָרט בעמערקען — האט מארטין גערזאגט — זאלט איהר מיר גלייך טעלעגראפּירען.

— געוויס! — האט מערזאווצין זיך אויפהייבענד פון זיין שטוהל געזאגט. ער האט זיך מיט'ן סליעדאָוואטעל פריינדליך געזעגנט און איז באלד אוועקגעגאנגען.

— איך וועל אייך אונגליקליבע אידען רעטען! — האט מארטין גאנץ שטיל צו זיך אליין גערעדט — און וועל אלע מערזאווצינס און לומפּען אָנלערנען!

א קלאָפּ אין טהיר מיט א בעזאָנדערן טאָן, האט איהם געמעלדעט, אז יעמאנד וויל זיינע קאמעראדען בעזוכט איהם.

— הערײן! — און איסטאָמין מיט פּאַוועל אנדריאַנאָוו זײנען ארײן אין זײן קאַבינעט.

— שאַדע, מאַרטין, — האָט איסטאָמין געזאָגט — וואָס דו ביסט אויך ניט געקומען מיט אַ פּאָר שטונדען פריהער צו גרעפין מאַריא אנדריאַנאָווא. איך האָב זיך דאָרט געטראָפען מיט אונזער וואַסילי פּעטראָוו, וואָס פערברייזט אום ניין אוהר אבענדס נאָך פּעטערבורג.

— אך, וויא גליקליך! — האָט מאַרטין ערפרייהט אויסגערופען — מיין הארץ האָט זיך שוין וועגען איהם געשראָקען, ווארום האָט ער דא אזוי לאנג פערווײלט?

— צוליעב אַ פערדאַכט וועגען זיין פּאַספּאָרט, — האָט פּאַוועל געענטפערט. ער איז געזעסען אונטער אַ וואַך ביי אַ פּריסטאַוו, ביז עס איז געקומען פון איר־קוטסק אַן אנטוואָרט, אַז ער איז אַן עהרליבער מאַן.

— גליקליך אָפּגעשפּיעלט! — האָט מאַרטין פייערליך געזאָגט — נו וויא גע־פעהלט ער אייך?

— ער איז אַ טיכטיגער קלוגער און ערפאהרענער מענש! — האָט איסטאָמין איהם געענטפערט — איך האָב באַלד פערשטאַנען, אַז אירקוטסקער געהיים־בונד וועט אויסקלייבען אַ וויכטיגע פּערזאָן.

— ווען ניט מיין מוטער וואָלט געוועזן נעגען ניהיליזמוס צוליעב דעם וואָס זיא פירכטעט טאָמער וועל איך נעהמען אַן אנטהייל — האָט פּאַוועל זיך אָפּגע־רופען — וואָלטען מיר מיט איהם פיעלעס געקענט ריידען, אָבער דיא גאַנצע צייט איז זיא ביים טיש מיט איהם צוזאַמען געזעסען, און אזוי וויא איך בין אין איהר געגענוואַרט זעהר פאָרזיכטיג, דארום האָט אונזער געשפּרעך ניט געקענט ווייט דערגעהן.

— און איך בין גראָדע היינט שטאַרק בעשעפטיגט! — האָט מאַרטין גע־זאָגט — איך מוז דאָ עטוואָס אויפטהאָן וועגען דיא רעטונג פוןביידע אָפּפער, וועל־כע זיינען ביי זאַכאַרינס רעטונג געפאַר'ען.... איך פערהאָף, אַז אויך גרינבערג וועט אזוי שטאַרק ניט ליידען. איך וועל ביסלאַך־וויז ארויספיהרען אויף דעם, דאָס אַלע וועלען זיין איבערצייגט, אַז טימאָפיי מיט זיין שוואָגער ראַזבאָיעוו, האָבען געמאַכט דעם פייער.... און פאַר אַ בריעף פון אַ פּאָליטישען פערברעכער, אין וועלכען עס איז גאַר ניט געשריעבען, קען ער בעקומען ניט מעהר וויא „וואָלנאָיע פּאָסעליעניע" נאָך סיביר.

— איך פירכטע אבער, — האָט פּאַוועל געזאָגט — צו וועט מען דערווײלע ביי גרינבערג'ן אין אָסטראָג ניט אויספאָרשען צו וועמען דער בריעף איז געוועזן געשריעבען.

— איך האָב געסטערן ביים ערשטען פערהער — האָט מאַרטין געענטפערט — מיט גרינבערג'ן גאַר ניט געקענט ריידען, ווייל מיין מיטהעלפער ניקאָלייאַן איז מיט מיר צוזאַמען דאָ אין קאַבינעט געזעסען; אבער היינט וועל איך איהם שוין קענען בערוהיגען און וואָרנען.

— אַזאַ זייטיגער אונגליק וויא אַ בלבול אין אַ שרעקליכען מאָרד־בראַנד, —

האט איסטאָמין געזאגט — איז א זעלטענער צופאל! זיין פרוי געהט פאסט פון זינען אראָפּ, און מיט דער סומע, וועלכע איך האב איהר געסטערן געבראכט, האב איך איינפאך איהר מיט איהרע קינדער געראטעט פון הונגער!

— האסט דוא איהר וועגען איהר מאן בערוהיגט?

— דיא אונגליקליכע איז גאָר אן אנדער מענש געוואָרען, ווען איך האב איהר געזאגט, דאָס מיר וועלען זעהן וויא ווייט מעגליך איהם צו רעטען פון אונגליק, — האט איסטאָמין ערוויעדערט — אבער צווישען זיך ריידענדיג, וויים איך ניט וויא אזוי? איז דען וואָלנאָיע פּאָסעליעניע א קליינינקייט?

— אז עס וועט שוין דערביי האלטען — האט מארטין געענטפערט — וועלען מיר דאמאָלס שוין געפינען א מיטעל וויא אזוי ער זאל אין גאנצען אנטלויפען. דוא ווייסט דאך, אז א סליעדאָוואטעל קען עס טהאָן....

— יעצט בין איך רוהיגער! — האט איסטאָמין איהם פרעהליך ערוויעדערט. און מיר פרייהט זעהר וואס מיר האט געלונגען דורך מיין פאָטער דורכצופיהרען ביים גענעראל גובערנאטאָר, אז דער פערהער זאל געהן דורך דיר.

— מיט מאדאם מאלליד׳ס ציערונג אין קאנאָן, — האט אנדריאנאָוו זיך פלוצלינג אָפּגערופען — איז עפּעס א מערקווירדיגע געשיכטע, און ווער קען עס זיין דער חאָמיאקאָוו?

— געווים עפּעס איינער פון דיא וואוילע יונגען! — האט מארטין מיט א שמייכעל ערוויעדער — איך וועל דיא זאך אזוי גוט דורכפיהרען, אז ער וועט בעד טראכט ווערען פאר׳ן מערדער פון פּאָדלעצאָוו׳ן און דאדורך וועט דער פערדאכט פון דעם ארימען גאָלדבוימען גענצליך הערונטערפאלען.

— דאס איזווירקליך א שכל! — האט איסטאָמין ענטציקט געזאגט — אָבער דיא גאנצע געשיכטע אין קאנאן מיט דיא ציערונג און חאָמיאקאָוו׳ס פערהאפטונג איז אזוי רעטהזעלהאפט, אזוי קאָמיש און פערדרעהט, אז איך הייב דאס גאר ניט אָן צו פערשטעהן.

— און וואו זיינעןביידע מאלליד׳ס דיענער? — האט אנדריאנאָוו מיט פער־וואונדערונג געפרעגט — זיי האבען דאך דיא ציערונג גענגבעט. היינט וויא אזוי קומט דיא ציערונג צום טוידטען פּאָדלעצאָוו׳ן אין קאנאָן? און וויא קומט דארט איינער א וואסילי חאָמיאקאָוו?

— איך גלויב, אז דאס האט א גרויסען אנהאנג מיט׳ן מאָרד־בראנד — האט מארטין ערוויעדערט — לויט גרינבערגס ערצעהלונג אין וועלכען עס איז קיין צוויי־פעל, אז דאס איז ריכטיג, האט טימאָפּיי מיט זיין שוואגער ראזבאָיעוו געמאכט דעם פייער. מעגליך, אז דיא גנבים האבען זיך ביי טימאָפּייען אין טראקטיר אויפ־געהאלטען, און אזוי וויא טימאָפּיי האט געלעזען אין דיא צייטונגען, אז זיי האבען בעשטוילען מאדאם מאלליד אין א גרויסע סומע, האבען ביידע שוואָגערס דיא גנבים ערמאָרדעט, און נאכהער, אז זיי האבען ביי זיי גאר ניט געפונען און זיי האבען געוואָלט דעם מאָרד פערדעקען, האט דער פערברעכען זיך געענדיגט מיט

א בראנד אין וועלכען זיי בעשולדיגען יעצט גרינבערג'ן, וועלכער איז צופעלינג דארט געזעסען אין טראקטיר. טימאָפיי האט דאך איהם אין'ם הינטערשטען פליגעל ארייגנגעגארט אום דער שולד זאל פאלען אויף איהם.

— אין דעם איז גאר קיין צווייפעל ניט! — האט איסטאָמין געזאגט — אבער וויא קומט דיא צירונג אין קאנאָן? און וויא קומט דארט איינער א חאָמיאקאָוו?

— אז איך וואלט אלעס דא פערשטעהן, — האט מארטין געענטפערט — וואלט דאך שוין דיא זאך גאר אנדערש געשטאנען! אבער איך פערהאָף, אז איך וועל מיך אין קורצען צו דיא ריכטיגע וואהרהייט דערשלאָגען און דאמאלס וועט אלעס אנדערש ווערען.

— אלזא — האט אנדריאנאָוו איהם געפרעגט — קענסט דוא מיט פעטראָוו'ן פאר זיין פעררייזען נאך פעטערבורג זיך ניט זעהן?

— איך נעפין עס זאָגאר ניט פאר נעטהיג! — האט מארטין איהם געענטפערט — אז ער וועט אהער קומען צוריק פון פעטערבורג און מיר וועלען אלע צוטרעטען צו דער זאך, דאמאָלס וועל איך מיט איהם בעקאַנט ווערען.

— צו וועמען זאל איך איהם רעקאָמאַנדירען אין פעטערבורג? — האט איסטאָמין געפרעגט — ער האט דאך וויא געוועהנליך קיינע אדרעסען מיטגענומען און דער, וועלבענס אדרעס ער האט יא געהאט, איז ניט לאנג פערהאפטעט געוואָרען.

— גיעב איהם אויף פילימאָנאָוו'ס אדרעס — האט איהם מארטין נאך א קורצען נאכדענקען געזאגט — און ער וועט איהם שוין אין צענטראל קאָמיטעט ארייגפיהרען —

— עס פאָהרט דיא שוואַרצע קארעטע! — האט אנדריאנאָוו פלוצלינג אויסגערופען א קוקטהאנדיג דורכ'ן פענסטער — מען פיהרט דיא ארעסטאַנטען.

ביידע פריינדע זיינען באלד דורך א הינטער טהיר פון מארטינען אוועקגעגאנגען.

צווישען צוויי סאָלדאטען פון ביידע זייטען און איינער פון הינטען, איז דער אונגליקליכער גאָלדבוים צוגעגאנגען דיא אייניגע טריט פון קארעטע ביז דער טהיר פון מארטינס וואוינונג.

א דיענער האט באלד דיא טהיר געעפענט און דיא סאָלדאטען האבען איהם ביז מארטין'ס קאבינעט דורך איינינע צימער צוגעפיהרט.

מארטין האט מיט א שטרענגע געזיכט דעם ארעסטאַנט עמפפאנגען און האט איהם געהייסען אין זיין קאבינעט ארייגנגעהען.

צוויי סאָלדאטען מיט זייערע געלאָדענע ביקסען זיינען שטעהן געבליעבען פון דער אנדערער זייט טהיר און איינער איז איבער'ן פאר־צימער ארומגעגאנגען מיט'ן ביקס אויפ'ן שולטער.

מארטין האט דיא טהיר צוגעמאכט און האט דעם ארעסטאַנט א וואונק געגעבען, אז ער זאל נאך איהם נאכגעהן אין א צווייטען צימער.

— דערקענט איהר מיר, ארעסטאנט, ווער איך בין? — האט מארטין איהם-שטיל געפרעגט און האט זיך פאר איהם אוועקגעשטעלט.

— איהר קומט מיר פאר זעהר בעקאנט, העררר סליעדאוואטעל! — האט גאלדבוים שוואך און צורודערט געזאגט — פון געסטערן אן קלעהר איך אלץ ווער איהר זייט און וואו האב איך אייך געזעהן, אבער איך וויים ניט.

מארטין איז צוגעגאנגען צו א שראנק, ער האט שטעהענדיג צו גאלדבוימען מיט'ן רוקען עפעס אויף זיין געזיכט אנגעטהאן און איידער ער האט זיך צו איהם מיט'ן פנים אומגעקעהרט האט ער איהם געזאגט, אז וויא באלד ער וועט איבער-ראשט ווערען, זאל ער אויפ'ן קול ניט שרייען.

— וועט איהר עס ערפילען? — האט ער דעם פערוואונדערטען גאלדבוימען געפרעגט.

— אייער וואונש איז מיר הייליג, העררר סליעדאוואטעל!

מארטין האט זיך מיט זיין געזיכט צו איהם אומגעקעהרט.

— אי! — האט גאלדבוים מיט א פערשטיקטע שטימע אויסגערופען — העררר מארטינאוו?....

— איך טהייערער פריינד, איך האב אייך אין דיעזען אונגליק אריינגעפיהרט! האט מארטין מיט א ציטערענדע שטימע געזאגט.

— א, ליעבער פריינד! — האט גאלדבוים איהם מיט טרעהרען ערוויעדערט. אונזער שולדיגקייט איז א מענשען צו רעטען פון אונגליק. מיר טארען ניט דענקען וואס שפעטער וועט זיין. פון אונגליק זיינען מיר ניט זיכער, ווען מיר געהען זאגאר אויף א גלאט שטיקעל ערד אונטער א פרייען הימעל. מענשען צוברעכען זיך אמאל דיא פיס, וואו אנדערע געהן זיכער! איהר האט קיין שולד וואס איהר האט געוואלט בעטען א פריינד, וויא איך האב קיין שולד אין פאדליעצאוו'ס ערמארדונג. איהר זייט צו מיר געקומען אלס א פריינד פון מיינע פערשיקטע אונ-גליקליבע קינדער און מיך געבעטען צו רעטען א מענשען. איך האב אייך זאגאר ניט געפרעגט ווער איהר זייט און איך האב מיר דאס אונטערנומען צו טהאן, ווייל רעטען א מענשען איז אונזער פפליכט, אונזער שולדיגקייט; מיר מוזען עס טהאן אהנע נאבדענקען.

— א, ליעבער גאלדבוים! איהר זייט בראוו און עהרליך וויא אן ענגעל! — האט מארטין איהם צודריקענד צו זיין ברוסט געזאגט — איך וועל יעצט אלע מעגליכקייטען אנווענדען אייך צו רעטען. זאגט מיר אונגליקליכער ברודער, וויא געהט עס אייך אין געפענגנים? אז איהר ווילט קען איך קומען אויפ'ן פערהער צו אייך! דאס מעג יעדער סליעדאוואטעל טהאן, אבער דארט וועלען מיר גאר ניט קענען ריידען. א, וויא געהט עס אייך פריינד?

— ניט אם בעסטען ברודער! — האט גאלדבוים טרויעריג געענטפערט — איך לייד דארט איבערנאטירליך און ניט אזוי פון זיך אליין, נאר גאר פון אן אנדערן....

— פון אן אנדערן? ווער איז דער אנדערער?

— אָ, פריינד, — האט גאָלדבוים ביטערליך געזאגט — מען האט היינט אין דער פריה מיך אריינגעזעצט אין א צעלע מיט דעם אונגליקליכען גרינבערג'ן און מיט נאך איינעם א פּאָליטישען פערברעכער. נאכהער האט מען צונעפיהרט נאך אן אונבעקאנטען ארעסטאנט עפּעס א האָמיאקאָוו, נאר דאס וואלט נאך ניט געווען אזוי שרעקליך, ווען מען וואלט אין צעלע ניט צוגעזעצט נאך איינעם אן אונגליקליכען, געשמידט מיט א קייט צום וואנט, נאכהער האט מען איהם נאך א קייט אויף ביידע הענד אויפגעהאנגען, אז איך בין שיער געשטאָרבען פאר צער.... יענער מאן איז א שווערער פּאָליטישער פערברעכער.

— אז איהר ווערט בעטראכט פאר א פּאָליטישען פערברעכער — האט מארטין מיט א זיפץ געזאגט — דאס ווייס איך, אָבער וויא קומט עס וואס מען האט אוועקגעזעצט אייניגע פּאָליטישע פערברעכער אין איין צעלע? דאס פער־שטעה איך ניט....

— מען האט מאקי דעם געשמידטען מארטירער פון אונזער צעלע היינט צוריק ארויסגעפיהרט — האט גאָלדבוים געזאגט — אבער איך קען מיך גאָר ניט פערגעסען זיין שרעקליכען ליידען.

— און ער איז א ניהיליסט? — האט מארטין טרויעריג געפרעגט.

— איינער פון דיא געפעהרליכסטע — האט גאָלדבוים מיט א זיפץ ערוויע־דערט — הערענדיג זיין נאָמען בין איך אויפגעציטערט געוואָרען.

— וויא הייסט ער? — האט מארטין ביטערליך געפרעגט.

— ער איז דער בעריהמטער לעוו סטעפּאנאָוו.

— לעוו סטעפּאנאָוו? — האט מארטין אויפשפּרינגענד פון זיין שטעלע, מיט א ציטערענדע שטימע געפרעגט — ווער האט עס אייך געזאגט?

— ער אליין האט עס געזאגט, נאכהער וויא איינער אן אירקוטסקער פּאָלי־טישער פערברעכער האט זיך מיט איהם פארנאנדער גערעדט. דורך איהם האב איך ערפאהרען אויך דיא ביטערע נאכריכט, אז מיינע ביידע קינדער זיינען פון דאָס ניי אויף צעהן יאהר קאטאָרגא אין „ניזשני נאָווגאָראָד" פערארורטהיילט געוואָרען.

— הערר גאָלדבוים! — האט מארטין ציטערענד ביי אלע גליעדער איהם ערגרייפענד פאר'ן האנד געזאגט — וויא גאט איז אייך ליעב, זאגט מיר צו האט איהר אדער גרינבערג פאר יענעם מאַרטירער זיך עפּעס ניט ארויסגערעדט?

— מיט מיר און מיט גרינבערג'ן איז איהם אויסגעקומען זעהר ווייניג צו ריידען; אבער דער סיבירער ארעסטאנט, האט איהם פיעלעס דערצעהלט.

— ווייסט איהר פיעללייכט וויא דער סיבירער ארעסטאנט הייסט?

— דאָקטאָר וואסילי פּעטראוו! — האט גאָלדבוים געענטפערט.

— וועה! — האט זיך פון מארטינס ברוסט א הערצרייסענדער קרעכץ ארויסגעריסען און ער האט זיך מיט ביידע הענד געריסען דיא האָר פון'ם קאָפּ.

— אָ, טהייערער פריינד, — האט גאָלדבוים איבערראשט און ערשראָקען

אויסגערופען מיט א פערשטיקטע שטימע — וואָס איז מיט אייך פּלוצלינג געוואָרען? וואָס איז דא עפּעס פּאר א געשיכטע?

— א פיעלפאכינגער אונגליק! — האט מארטין יאמערליך געברומט — דער געשמידטער מארטירער סטעפאנאוו, איז א שפּיאָן!....

נאלדבוים האט א ציטער געטהאן מיט׳ן גאנצען קערפּער.

— און דארום האט מען אייך אלע אין איין צעלע אוועקגעזעצט, — האט מארטין טרויעריג און אויפגערעגט פּאָרטגעזעצט — וויל מען דיינקט, אז איהר, גרינבערג און חאָמיאקאָוו שטעהען עפּעס אין א געהיימע פערבינדונג, וואָס האט אן אנהאנג צום אירקוטסקער מארטירער.

— אבער פאָרלויפיג איז ער פון אונז גאר ניט דערגאנגען — האט איהם נאלדבוים געטרויסט — און ווייטער, וועט ער דאך געוויס גאר ניט דערגעהן!

— איך קען אייך פריינד גאר ניט זאגען, וואס דא איז שוין אָפּגעטהאָן געוואָרען! — האט מארטין ברעכענד מיט דיא הענד געזאגט — אבער פערפאלען! יעצט אויב איהר וועט דעם אונגליקליכען ווידער זעהן זאלט איהר איהם גאנץ שטיל ערקלערן דיא טרויעריגע געשיכטע און איהר זאלט איהם זאגען, אז זיינע פריינדע ווייסען שוין אין וואס פאר אן אונגליק ער געפינט זיך.... אבער קיין נאמען טאר ער ניט וויסען.

— איך וועל עס שוין וויא ווייט מעגליך בעזארגען! האט נאלדבוים טרויעריג ערוויעדערט.

מארטין האט איהם אויסגעלערנט וואָס ער זאל וועגען זיך טענה׳ען און נאכהער וויא דער סליעדאָוואטעל מיט׳ן ארעסטאנט האבען זיך מיט הייסע טרעהרען אין דיא אויגען צוקושט איז דיא שווארצע קארעטע מיט׳ן ארעסטאנט אוועק־געפלויגען.

21טעס קאפּיטעל.

## טיגערען צווישען זיך.

— איהר זייט פריילין זלאָדייקינא, הימל־שעהן! וויא א געטין פון שעהנהייט און סימפּאטיע! — האט אָפּענבאך געפּיהלפאָל געזאגט צו דער שפּיאָנין, וועלכע ער האט בעזוכט אין רייכסטען מאָסקווער האָטעל „ערמיטאזש״ אין דער צייט ווען נאָלדבוים איז געשטאנען ביי׳ם חליעדאָוואטעל אויפ׳ן פערהער — איך וואלט מיך שעצען גליקליך אייער געגענליעבע צו געווינען!

זלאָדייקינא האט אפענבאריזן מיט אן אונשולדיגע מינע פון א קינד אָנגע־קוקט גלייך אין דיא אויגען און א זיפץ האט זיך פּלוצלינג פון איהר הארץ ארויס־געריסען.

— אָ, מיין ליעבער, טהייערער ענגעל, וואָס זיפצט איהר? — האט אפענבאך טרויעריג איהר געפרעגט און האט איהר אָנגענומען פאר איהרע צארטע הענטלאך

— קענען דען ענגלען אויך זיפצען?

— אָ, מיין טהייערע, — האט זלאָדייקינא פינסטער איהם געענטפערט —

וויא זאל איך ניט זיפצען, אז מיין ליעבע איז האָפנונגס-לאָז? איך ליעב אייך און פערהייליג אייך, אבער וואס האב איך פון אזא ליעבע צו ערווארטען?

— דוא ליעבסט מיר? — האט אָפּענבאך פייערינג אויסגעשריען איהר צודריקענד פעסט צו זיין ברוסט — אך וויא אנגענעהם, וויא ליעב און וויא זיס זיינען מיר דיינע וואָרטען!

ער האט איהר בעשאָטען מיט קיסע, וועלכע האבען פערהילכט דעם גאנצען צימער.

באלד האט ער אויך דערפיהלט אפּאָר הייסע פייערינגע קיסע וועלכע האבען זיך געענדיגט מיט א פערשטיקטען כליפּען.

— אָה, מיין ענגעל! — האט אָפּענבאך איבערראשט אויסגעשריען — ווארום וויינסט דוא?

— ווארום זאל איך ניט וויינען? — האט זלאָדייקינא ווישענד איהרע אויגען געזאגט — קענען מיר דען אמאל געזעצליך הייראטהען?

— וואס פאר א דומהייט? — האט אָפּענבאך אויסגערופען — וויא קומט ליעבע צו געזעצע? איך ליעב דיך, דוא — מיך, און דאס איז דער ריכטיגער ליעבעס געזעץ! מיר געזעץ־מענשען, ווייסען גאנץ גוט אז אלע הייראטהס־געזעצע זיינען מעהר ניט אלס א נאררישע צערעמאָניע פאר קינדער, וועלכע ווילען ליעבע פערהייליגען און איינבילדען דער וועלט, אז אין ליעבע צווישען צוויי געשלעכטער פערבאָרגט זיך א הייכער אידעאל. ניין, מיין טהייערע, מיר ערוואקסענע און ענטוויקעלטע מענשען ווייסען גאנץ גוט דעם ריכטיגען זין פון ליעבע, מיר בעדארפען ניט זיין געבונדען מיט צערעמאָניע־געזעצע פון א קירכע און א גייסטליכען. דיא ליעבע איז פיעל שטאַרקער ווען זיא איז פריי און ניט געצוואונגען. לאָמירביידע פון יעצט זיך פערבינדען מיט דער וואהרער ליעבע.... מיט דער אונגעצוואונגענער, און דוא וועסט פאַר מיר גליקליך לעבען און זיין אימער פריי.

זלאָדייקינא האט איהם דיא גאנצע צייט ווען ער האָט גערעדט אנגעקוקט מיט א ליעבליכע און א נאאיווע תמ'עוואטע מינע וויא אן אונשולדיגע צעהן־יעהריגע מיידעלע.

— וויא גרויס דוא ביזט, אָפּענבאך, אין דיין פאך — האט זיך זלאָדייקינא געקלערט — אזוי קליין ביזט דוא אין'ם פערשטעהן דאס הערץ פון א דורכגעמאכטע פרוי. דיין ליעבע וועט דיר שווער אָנקומען; דערפאר אָבער וועט זלאָדייקינא'ן גרינגער זיין עפּעס אויספיהרען פאר זיך — דורך דיין גרויסען גענעראַלסקען קראַפט.

— ניין, מיין ליעבער! — האט איהם זלאָדייקינא מיט א טרויעריגע מינע ערוויעדערט — איך, אלס אנשטענדיגעס, עהרליכעס מעדכען, קען מיט דיין מיינונג וועגען ליעבע ניט איינשטימען. איך ליעבע דיך ענגעל מיט דעם גאנצען פייער פון מיין יונגעם הערץ, אבער איך קען ביי זיך ניט רעכטפערטיגען צו מאכען אזא פערברעכערישען אנארכיסטישען שריט. מיר אליין פערדאַמען און פערפאָלגען אזעלכע מענשען, וועלכע ווילען אויף אזא ארט דיא וועלט אויסבעסערן; מיר פיהרען זיי צום גאלגאן, און ווארום דען? צוליעב געלט דען? זיינען מיר דען מערדער? ניין,

מיר טוט עס וויל מיר זיינען עהרליך געזאָגנען, וויל מיר זיינען נעגען אזעלכע שענדליכע אידעען, היינט זאל איך מיך בטשליסען אויף אזא שריט. וואו איז דאס געוויסען? דיא אלע זאכען וועלכע איך האב ביז היינט אָפּגעטהאָן מיט דיא ניהיליסטען, וועל איך דאך אנהויבען צו בעטראכטען פאר מערדערייען!

אָפּענבאך האט א קוועטש געטהאָן מיט דיא ברייטע אקסלען און האט בעוואונדערט דיא עהרליכקייט און דעם בראַווען כאַראַקטער פון דער שפּיאָנין.

— אלזאָ — האט ער צו איהר מיט א טרויעריגע מינע געזאָגט — מעג איך שוין מיך האלטען פאר אונגליקליך?

— ניין, מיין ענגעל! — האט איהם זלאָדייקינא ליעבליך און בארמהערציג געענטפערט — מיר קענען גאר ניט וויסען וואס דיא צייט קען מאכען? מיר זיינען מעהר ניט וויא מענשען און מיר בעזיצען הערצער פון פלייש און בלוט. — ליעבע ברעכט אויך אייזען, לאָמיר אבער דערווייל דאס פּרובירען פערגעסען! לאָמיר ליעבערסט ריידען וועגען דיא וויכטיגע געגענשטענדע וועלכע שטעהן אונז יעצט פאָר; מיר זיינען דאך דיא שיצער פון אונזער מאָנארכס לעבען, און מיר אינטערעסירט זעהר צו וויסען, אויב מערזאַוועצינען האט געלונגען צו דערגעהן עפּעס וויכטיגע געהיימניסע?

— נו, אז איהר פערלאנגט אזוי גיך אונזער פריהערדיגען געשפּרעך אונטערצוברעכען — האט איהר אָפּענבאך פערדריסליך געזאָגט — טהו איך עס געגען מיין ווילען. עס וואלט מיר אָבער פיעל פרעהליכער געוועזן, ווען איך וואלט געהאט פון אייך עפּעס א פערשפּרעכען. — גור לאָמיר דולדען און האָפען!

— דולדען און האָפען זיינען דיא צוויי בעסטע זאכען אין מענשליכען לעבען!

— האט זיא זאנפט מיט א נאַאיווע מינע געענטפערט — יעצט זאגט מיר נור עקסעלענץ, צו האט מיין ראטה געבראכט עפּעס נוצען?

— איך מוז געשטעהן, אז איהר זייט פריילין א זעלטענע ערשיינונג — האט איהר אָפּענבאך פריינדליך ערווידערט — אייערע איינפעלע זיינען גראָסאַרטיג, מערזאַוועצינען האט געלונגען פון וואַסילי פּעטראָוו צו דערגעהן, אז ער איז א דעלעגאט פון א געהיימע געזעלשאפט אין אירקוטסק וועלכע בעשטעהט פון פינף און צוואנציג מיטגלידער און ער פאהרט צו דעם צענטראל קאָמיטעט נאך פּעטערבורג זיך צו בעראטהען וויא דורכצופיהרען דעם בעשטימטען פּלאַן צו ערמאָרדען דעם מאָנארך מיט זיין פאמיליע ביי דער קאָראָנאציע; אבער דאס וויכטיגסטע, ווער זיינען דיא מיטגליעדער אין ביידע שטעדט פון דעם געהיים בונד. דאס האט נאך מערזאַוועצין קיין צייט געהאט צו דערגעהן און אין דעם זיינען מיר אליין שולדיג! נאכהער וויא איך מיט'ן גענעראל פון „טרעטאָע אָטדעלעניע" האבען געהאלטען א ראטה וועגען דיא בעשולדיגטע אידישע פערברעכער און דעם רעטזועלהאפטען וואסילי חאָמיאקאָוו, האבען מיר זיך בעשלאסען אוועקצושיקען אלע מיט פּעטראָוו'ן אין איין צעלע און דער פאלשער סטעפּאנאָוו זאל זיי ציהען פאר דיא צינגער, דען לויט וויא מיר פערשטעהען שטעהען זיי פאסט אלע אין איין פערבינדונג. מיר האבען ערווארטעט אלעס צו ערפאהרען אין איין שטונדע; אבער מיר האבען גער־

מאכט א גרויסען איטהום. מערזאוווצין דערצעהלט, אז חאמיאקאוו האט גאר פעטראוו'ן געבאפט שלאגען. זעלבסט פערשטענדליך, אין ז״ן געגענווארט האט ער שוין ניט געוואלט ריידען. ווען מען האט חאמיאקאוו'ן נאך מערזאוווצינ'ס א געהיימען צייכען הערויסגעפיהרט, האט פעטראוו איהם דערצעהלט פון וואגען און צוליעב וואס ער פאהרט, אבער וויא עס איז געקומען צו עפעס האט ער זיך פערהאקט, געווים צוליעב נאלדבוים און גרינבערג'ן, ביידע לעצטע וויעדער זיינען געווען שטארק פאראינטערעסירט מיט ביידע ארעסטאנטען און מען האט פון זיי אויך גאר ניט געקענט דערגעהן. דערווייל האט מערזאוווצינע פערכאפט דער אטהעם אין דער ענגער צעלע און מען האט איהם געמוזט נאך א געהיימען קלונג פון דארט ארויס-פיהרען.

ווען אפענבאך האט דערמאנט דעם נאמען גרינבערג, האט זלאדייקינא זיך געפיהלט עפעס ניט אם בעסטען; אבער אין איהר געזיכט איז עס ניט געווען צו דערקענען.

— מיין טהעאריע איז א גוטע, — האט זלאדייקינא מיט א שטאלצע מינע געזאגט — נור דיא שלעכטע פראקטיקא האט איהר פערדארבען.

אפענבאך האט זיך געפיהלט פון איהרע לעצטע ווערטער שטארק בעליידיגט און האט אויף איהר א קוקגעטהאן מיט א פערדריסליכע מינע.

— איך מוז אייך זלאדייקינא זאגען, — האט ער איהר פינסטער און פער-דריסליך געענטפערט — אז איהר האט דא אויך ניט זעהר פראקטיש געהאנדעלט. ווען איהר וואלט זיך אביסעל ניט צוגעאיילט וואסילי פעטראוו'ן צו ארעטירען, וואלטען מיר יעצט געוואוסט פון „פויגעל מילך״. איהר האט לייט דעם ריינעם פערשטאנד, בעדארפט מיט אייער אפפער זיך אונטערשפיעלען וויא א קאץ מיט א מויז, דאמאלס וואלט ער אייך אריינגעפיהרט אין זיין נארע און מיר וואלטען געקענט אלע מייז דערשטיקען ביז איינעם. אז ער האט אייך שוין יא פערטרויט זיין נאמען, וואלט ער אייך שוין מיט א פאר טאג שפעטער דערצעהלט דעם וואהרען צוועק פון זיין רייזע און ער וואלט אייך אין פעטערבורג געהיים-בונד אריינגעפיהרט.

וויא א דאנער-שלאג, האט אויף דער שטאלצער בעסטיע געווירקט אפענ-באכס פארוואורף. זיא איז לייבענבלאס געווארען פאר פערדרוס און האט א ציטער געטהאן מיט איהר גאנצען קערפער. אפענבאך האט עס בעמערקט, און איהם האט עס געפרעהט.

— איך האב א נ ד ע ר ש מיט איהם זיך ניט געקענט בעגעהן! — האט זיא אביסעל צודולט ערוויעדערט.

— אנדערש האט איהר ניט געקענט? — האט אפענבאך מיט א שמייכעל געזאגט — ווארום דען? האט איהר דען אויך געפירכטעט פאר אן ארעסט?

— פאר מיין לעבען! — האט זלאדייקינא מיט אן ערנסטע מינע געענטפערט.

— פאר אייער לעבען? איך פערשטעה עס ניט....

— ווייסט איהר דען ניט, עקסעלענץ, אז דיא ניהיליסטען האבען אויך ש פיאנען?

— וויא באַלד אזוי, בעדאַרף איך יעדע מינוט זיך שרעקען אויפ'ן גאַס מיין נאָז ארויסשטעקען.

— איך האב אָבער בעמערקט אין וואגאָן — האט זלאָדייקינא, פערדריסליך ערוויעדערט — צוויי פערדעכטיגע מענשען, פאר וועלכע איך האב מיך שטאַרק געשראָקען.

— און אז איהר זייט איינמאָל דורכגעפאלען, — האט אָפּענבאַך מיט א טייפעלשען שמייכעל לאנגזאַם ציהענד יעדען וואָרט איהר ערוויעדערט — ווילט איהר גאר ניט געשטעהן ?

— אבער דאס וואָס איך זאג אייך איז דיא ריינע וואהרהייט ! — האט זלאָדייקינא מיט א טאָן פון א פאָרוואורף אויסגעשריען.

— זאָל שוין זיין אזוי ! — האט אַפּענבאַך א מאכטהאנדיג מיט זיין רעכטע האנד געזאגט — אבער א יך בין זיך מודה, אז איך בין דיעזען מאָל דורכגעפאלען ! איך האב בעדארפט אזא סטעפּאנאָוו'ן צו יעדערן בעזונדער אין צעלע ארייננזעצען, וואָלטען מיר שוין יעצט געוואוסט, וואו דיא הינד זיינען בעגראָבען.... אבער זאָגט מיר נאָר. פריילין זלאָדייקינא, האט איהר שוין עפּעס דערגאנגען וועגען דעם ניהיליסט, וועלכער האט אין אייער געגענווארט צו מיר טעלעפאָנירט וועגען דעם ערמאָרדעטען פּאָדלעצאָוו ?

— ליידער האט זיך מיר דאס ניט איינגעגעבען ! — האט זלאָדייקינא ערוויעדערט — און נאך מיין מיינונג, האט עס געטהאן וואסילי חאָמיאַקאָוס א קאָמעראד.

— האלט איהר דען חאָמיאַקאָוו'ן פאר א ניהיליסט ?

— פאר איינעם פון דיא געפעהרליכסטע ! — האט זלאָדייקינא געענטפערט.

אפּענבאַך איז געוואָרען אויפמערקזאם ; ער האט פון זלאָדייקינא'ן שטאַרק געהאלטען און האט געוואוסט, אז זיא איז אין דעם פאך א קאָפּ־מענש.

— ער האט אָבער אן אידיאָטישעס געזיכט און האנדעלט וויא אן אידיאָט, — האט אָפּענבאַך איהר אונטערבראָכען.

— ווייסט איהר דען ניט, עקסעלענץ, אז פיעלע ניהיליסטען מאכען זיך פאר אידיאָטען, וויא עס קומט צו א פערהער ?

— און ווער האט נאך אייער מיינונג ערמאָרדעט פּאָדלעצאָוו'ן ?

— חאָמיאַקאָוו ! — האט זלאָדייקינא פעסט איבערציינגט געענטפערט, פונקט וויא זיא וואָלט עס געזעהן מיט דיא אויגען.

— אבער פּאָדליעצאָוו'ס לייבע איז דאך שוין געוועזן צוגעפּוילט, ווען מען האט חאָמיאַקאָוו'ן דערטאפּט ביים קאנאָן ?

— ער האט איהם ערמאָרדעט אין דער זעלבער נאכט פון זיין פערשווינדונג, האט זלאָדייקינא מיט אן איבערציינגטע מינע געזאָגט — און ער האט איהם געהאלטען פערשטעקט ערגעץ ביי זיך צו הויזע. נור אזוי וויא ער האט געוואָלט פון דער טרפה סחורה פטור ווערען, האט ער איהם פערשטעקט אין קאנאָן.

— איך מוז געשטעהן, — האט אָפּענבאַד שמייכלענד געזאָגט — אז איהר

האט זעהר א גלייכען שכל. אייער מיינונג איז קלוג און פּאָרטרעפליך און דאריבער וואלט איך פון אייך וועלען הערען א מיינונג אויך וועגען דיא צירונג, וועלכע מען האט לעבען זיין טוידטען קערפּער געפונען.

— וועגען דיא צירונג האב איך צוויי מיינונגען, — האט זיא מיט א שטאָלצע מינע ערוויעדערט — אדער דיא גנבים האבען דעם געשטוילענעם שאַץ אין קאנאָן בעהאלטען, אָדער פּאָדליעצאָוו איז געווען מיט זיי בעקאנט, נים אלס געהיים־אגענט און ער האט פון זיי דיא צירונג צוגענומען מיט אן אויסרייד זיי צו בעהאלטען, און איז געווען געזאנגען צושטעלען דעם שאַץ אין געהיים־פּאָליציי און דיא גנבים נאכהער צו ארעטירען.

— אייער ערשטער מיינונג איז ריכטיגער, — האט איהר אָפּענבאַך נאך א קורצען נאכדענקען געענטפערט — אבער לאמיר זעהן וואס דער קלוגער סליעדאָוואטעל פּעטער מאַרטין מיט זיין מיטהעלפער ניקאָלאיאין וועלען דאָ אויפטהאן! מערזאוווצין טהוט פון זיינער זייטע דאָס זייניגע; אבער ער האט אויף זיך נאך א מיסיאָן, וועלכע איהר מוזט עס, פריילין זלאָדייקינא, צוליעב געוויסע אומשטענדע באלד איבערנעהמען. דא קענט איהר אייער קונסט וויזען און זיך פּאָרטרעפליך אויסצייכנען....

— און וואָס בעשטעהט מיין נייע מיסיאָן?

— ניט לאנג האט דער גאלאָווא אלעקסעיעוו מיר אויפמערקזאם געמאכט אויף איינע א געוויסע גרעפין מאַריא אנדריאנאָווא, אז זיא מיט איהר זוהן פּאָוועל נעהמען א גרויסען אנטהייל אין ניהיליזמוס; דערווייל איז דורך א י י ך וואסילי פּעטראָוו אין אסטראָג אריינגעפאלען, און אזוי וויא מיר וויסען, אז ער איז איהר ברודער אנטאָן מאראָזאָוו'ס א שוואָגער, האבען מיר פערשטאנען פון דעם בריעף וועלכען מען האט ביי פּעטראָוו'ן אויסגעפונען פון אנטאן מאָראָזאָוו, אז ער איז אדרעסירט צו מאַריא אנדריאנאָוונא. מיט דיעזען בריעף האבען מיר זיך בענוצט, און נאכהער וויא איך מיט'ן גענעראל פון „טרעטאָיע אָטדעליעניע" האבען געהאלטען א ראטה, האבען מיר אוסגעקליבען מערזאוווצינען, אז ער זאל דעם בריעף מאַריא אנדריאנאָווא איבערגעבען און זאל זיך אין איהר הויז פארשטעלען אלס וואסילי פּעטראָוו, אדער סערגעי פּאָטאָמקין, נאך זיין פאלשען פּאספּארט. מערזאוווצין האט עס קונציג אפּגעמאכט, אבער ער איז באלד דארט דערגאנגען, אז אין פּעטראָוו'ס רייזע פערבאָרגט זיך עפּעס א וויכטיגע זאך. פּאוועל צום ביישפּיעל האט איהם ביי זיין ערשטען בעזוך געפרעגט ווארום ער איז גלייך אין פּעטערבורג ניט געפאָהרען און זא ווייטער.... מערזאוווצין איז ניט קראנק אויפ'ן שכל און האט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. איך האב באלד געמאכט טעלעגראפישע נאכפאָרשונגען אין אירקוטסק וועגען פּעטראָוו'ס רייזע; אבער צו מיין בעדויערן, האב איך צו קיין טאָלק זיך ניט געקענט דערשלאגען. איך האב מעהר ניט דערגאנגען וויא איינינע בעשרייבונגען פון פּעטראָוו'ס פּריוואט-לעבען, וואס דאס נוצט פאר מערזאוווצינען, אז מען זאל ניט צווייפלען ביי דער גרעפין אין הויז אין זיין פערזענליכקייט; אבער דאס וויכטיגסטע, צוליעב וואָס און צו וועמען ער פאָהרט, האט

אירקוטסקער געהיים־פּאָליציי ניט געקענט דערגעהן. אייער ראטה וועלכען איהר האט געבטען ביי נאכט פּארגעשלאָגען, איז היינט אין דער פריה ערפילט געוואָרען און מערזאווצין אלס סטעפּאנאווו איז דערגאנגען דעם צוועק פון פּעטראוו'ס רייזע נאך פּעטערבורג. ער האט באלד בעזוכט דעם צווייטען מאָל גרעפין אנדריאנאָ־וואָ'ס הויז און האט מיר דא ניט לאנג געבראכט אזא רעזולטאט: ער איז דארט אין הויז בעקאנט געוואָרען מיט א פייערינען ניהיליסט קריוואָסאָראָוו, וועלכער ווייס בעשטימט דעם צוועק פון פּעטראָווס רייזע. פּאוועל אנדריאנאָוו ווייס עס אויך און היינט אום ניין אוהר אבענדס וועט קריוואָסאָראָוו בעגלייטען מערזאווצינען צום וואָקזאל, און וועט איהם איבערגעבען דעם נאָמען פון א ניהיליסט, וועלכער וועט מערזאווצינען אין פּעטערבורג אריינפיהרען אין צענטראל קאָמיטעט פון דער ניהיליסטישער געזעלשאפט.

זלאַדייקינאס אויגען האבען אנגעהויבען צו פייערן וויא ביי א טיגערין ווען זיא דערשמעקט א שפּעלע.

— מערזאווצין, — האט אָפּענבאך פּאָרטגעזעצט — מוז אונבעדינגט פאהרען נאך פּעטערבורג און פּערזענליך דאס איבערגעבען אין „טרעטאָיע אָטדעליעניע" און דאָרט וועט בעשלאָסען ווערען ווער זאל פיגורירען אלס וואסילי פּעטראָוו אין „צענטראל קאָמיטעט". אלזאָ בעדארף איך האבען א טיכטיגע פּערזאָן דאָ אין מאָסקווא, וועלכער זאל אָפּט בעזוכען מאריא אנדריאנאָוואָ'ס הויז און פריינדליך פערבונדען ווערען מיט דער גרעפין, מיט פּאוולען און מיט דעם קריוואָסאָראָוו, וועלכער ווייס פון פויגעל מילך.... און דאס קען אויספיהרען נאר א פרוי וויא איהר, וואָס קען א מאנספּערזאָן לייכט געפעהלען און איז קלינגער פאר'ן טייפעל אליין....

אָפּענבאך האט דיא לעצטע ווערטער געענדיגט מיט א שמייכעל און האט דער שעהנער זלאַדייקינא ליעבליך א גלעט געטהאן פאר'ן בעקעל.

— איך בין בערייט צו דיענען מיין קייזער און זיינע בעאמטע! — האט דיא בעסטיע מיט אן ערנסטע מינע אויסגעשריען — ווען איהר וועט מיר עקסעלענץ בעפעהלען, וועל איך עס טהאן.

— טאָקי היינט פאנגט אן דאריבער צו דענקען, ווייל דאס מוז וואָס גיכער געשעהן.

— איך וועל שוין געפינען א מיטעל וויא אין יענער הויז זיך ארייגצומאכען — האט זלאַדייקינא שטאָלץ געזאָגט.

— יעצט וועגען ליעבע! — האט איהר אָפּענבאך האלב ערנסט, האלב שמייכלענד געזאָגט.

— ניין, מיין טהייערע, — האט זלאַדייקינא ערנסט ערוויעדערט — איך האב דאך אייך שוין געזאָגט, אז מיר ווייסען ניט וואָס דיא צייט קען מאכען?

— ביי מיר איז יעדער טאג דיא צייט! — האט אָפּענבאך געלאכט.

— אבער ניט ביי אונז פרויען! — האט זלאַדייקינא מיט א פרומע מינע ערוויעדערט.

— נו, א קוש מיין ענגעל! — האט אָפּגעבאַך זיך ערנעהערענד מיט זיין געזיכט צו איהרער נעזאגט.

זלאָדייקינא האט קאָקעטיש א שמייכעל געטהאן.

אוןביידע שלאנגען האבען זיך ווארעם צוקושט.

22טעם קאַפּיטעל.

## דער אַייזערנער מגן=דוד'ל און דער גאָלדענער צלם.

ביי פרומע עלטערן אין א קליין ליטווישע שטעדטעל ניט ווייט פון ווילנא איז מיט דריי און פערציג יאהר צוריק געבאָרען געוואָרען דער מאסקווער אידישער מיליאָנער מאַלליך. זיין טאטע איז געוועז איינער פון דיא „חצות" אָבריכטער, תהלים זאָגער און משניות לערנער אין געלען בית=המדרש, וועלכער איז ניט ווייט געשטאנען פון מרחץ און פון פריץ'ס מאיאָנטיק (גוט). ווארום הייסט יענער בית־המדרש דער געלער ווייסען מיר ניט אויף ריכטיג. דער אלטער משומד, וועלכער האט געוואוינט ביי דעם פריץ האט דערצעהלט וועגען דעם נאמען גאנץ לאנגע היסטאָריעס; נור אזוי וויא א משומד איז ניט בעגלויבט, לאמיר בעסער גלויבען מאנכע פון אונזערע אלטע זיידעס און באָבעס וואס דערצעהלען, אז דער וועלט=בעריהמטער אידישער קינסטלער, וועלכער האט דער ערשטער אונז מזכה געוועזן מיט דיא טהייערע בילדער פון דיא „ארבעה בנים" אין דיא פסח'דיגע הגדות, אום אונזערע קליינע קינדער זאָלען ווערען ענטוויקעלט אין קונסט און בעקומען א ריכטיגען בעגריף וואָס הייסט מאלעריי; דיעזער טאלאנטפאָלער קינסטלער — דערצעהלען זיי — האט געפארבט דעם „זכר לחורבן" אויפ'ן וואנט פון בית=המדרש לעבען דער טהיר. ער האט דיא פארב וויא עס פאסט פאר'ן חורבן געוואלט מאכען ריכטיג שווארץ נור אזוי וויא ער האט א טעות געהאט אין דעם כעמישען צוזאמענשטעלונג (און וועלכער מענש איז ניט פעהיג צו בענעהן א פעהלער?) איז דער זכר לחורבן ארויסגעקומען געל וויא וואקס. דארום הייסט עד היום יענער בית=המדרש „דער געלער"; אבער ניט דאס בין איך אויסען, מאַלליך'ס טאטע איז געוועזן א פרומער איד און האט געלעבט פון „חצות" אפריכטען, פון תהלים זאגען און משניות לערנען אין יענעם געלען בית־המדרש און זיין ווייב דבורה יענטע=דבאָשעם זיא האט איהם מפרנס געוועזן. זיא האט זיך בעשעפטיגט מיט פיעל מלאכות, אבער האט נעהאט ווייניג מזל וברכה. זיא פלעגט פעררײדען דיא צייהן פאר דער לבנה, אפשפרעכען אן „עין הרע", מאכען סטאָטשיקעס פון פעלד געמאָסטענע קנייטלאך. אמאל פלעגט זיא אָפּגיסען שרעקענים, פערשפרעכען א רויז, אָבקוילען א „לופט", און איז נאך געוועזן דערצו א טוקערקע אין דער קהל'שער מקוה און א קונציגע „נעגעל-שניידערקע".

מיט עטליכע טעג בעפאר דער מיליאָנער איז ביי דיא קבצנים געבאָרען געוואָרען, האט זיך זיין טאטע חייקל ברוך ארומגעטראגען מיט א חלום, פאר וועלכען ער האט זיך שטארק געשראקען. ער האט א פּאר טאג געפאסט און האט געזוכט אין שטעדטעל עפּעס א קלוגען עהרליכען איד וועד עס זאל איהם פותר חלום זיין,

און אבוואהל אלע אידישע שטעדטלאך זיינען א מאל בעשטאנען פון קלוגע עהרליכע אידען, דאך האט חייקל ברוך זיך ניט געקענט צוקלייבען א אידען נאך זיין הארץ נאך. ער האט זיך געשראָקען, טאָמער איז איהם דער א שונא, טאָמער וועט זיך יענער ארויסריידען א נאַרישקייט און אזוי וויא אלע חלומות געהן נאכ'ן מויל, האט ער פשוט געציטערט פאר אן אונגליק.

— געה צו אונזער רב, — האט איהם זיין ווייב געזאגט — דארפסט דוא דען האבען א כשר'ערען אידען וויא ער איז? ער איז דאָך א צדיק בן צדיק, הלואי אויף אונזערע קינדער געזאגט געוואָרען א העלפט פון איהם.

חייקל האט געפאָלגט זיין ווייב און האט זיך אוועקגעלאזען צום רב. ער האט דארט געפונען דעם רב מיט דער רבי'צין ביי איין טיש. דער רב איז גע-זעסען ביי א גמרא און זיא האט געצירעוועט א זאָק און האט געהאלטען בוי'ם צעהלען דיא אויגלאך.

— רבי — האט ער נאנץ שוואך ארויסגערעדט וויא ער וואָלט ציטערן פאר דיא ווענט — איך האב מיט אייך צו ריידען עפּעס א סוד־זאך.

— נו, רייד מיין קינד, — האט איהם דער רב געענטפערט — א סוד בלייבט א סוד....

— מיילע, וואס איז שייך? — האט חייקעל ברוך געשטאמעלט און א קוק געטהאן אויף דער רבי'צין.

דיא רבי'צין האט זיך א קראַץ געטהאן פאר איהר אָפּגעקראָכענעם זיידענעם פאַרוק וואס האט געגרייכט ביז דיא ברעמען, און האט דיא זאָק ווייטער גע-צירעוועט.

— דאַרפסט מיין קינד גאר קיין מורא ניט האבען, — האט דער רב געזאגט— א סוד בלייבט א סוד.—

— דאס איז אבער א חלום — האט חייקל ברוך ווייטער גערעדט און האט ווידער א קוק געטהאן אויף דער רבי'צין.

— איז בודאי רעכט, — האט דער רב געענטפערט — אפילו א פויגעל וועט פון איהם ניט וויסען.

— אבער וואס איז שייך? — האט חייקל ברוך ווידער געשטאמעלט און האט געוואלט מיט זיין קוקען אויף דער רביצין, דעם רב געבען צו פערשטעהן, אז ער וויל אין איהר געגענווארט זיין חלום איהם ניט פערטרויען.

דער קלוגער רב האט עס ניט פערשטאנען, ער האט עס זאגאר ניט געקענט פערשטעהן ווען ער וואלט איהם אפילו מיט'ן פינגער אויף זיין ווייב א וואונק גע-געבען. מילא וואס איז שייך? אלע אין שטעדטעל האבען געוואוסט, אז דער רב מיט דער רביצין זיינען איין נשמה. און דער רב האט עס נאך פריהער געוואוסט. היינט וויא אזוי זאל זיך געפינען אן עזות־פנים וועלכער זאל זיך מורא האבען דעם רב צו פערטרויען עפּעס א סוד אין דער געגענווארט פון זיין אשת־חיל?

— מיר וועלען דיר דיין חלום גוט אויסלייגען, — האט איהם דעם רב מיט א באַרמאערציגע מינע געזאגט און האט א קוק געטהאן אויף זיין ווייב, וועלכע

האט שוין דיא זאַך אוועקגעלייגט און איהרע גראָבע מעשענע שפּאַקולען ארויפ־גערוקט אויף איהר זיידענעם פּארוק — האָסט זיך מיין קינד גאר ניט צו שרעקען, אלע חלומות געהען נאָבן מויל, און נאך איידער דוא האָסט אונז דיין חלום דערצעהלט, זאג איך דיר, אז ער בעדייט אויף גוטעס.

חייקל ברוך האט איינגעזעהן, אז ער איז דא מיט זיין חלום אריינגעפאלען.

— מילא, וואס איז שייך ? — האט ער זיך געקלערט — גאָט איז א טאטע וויא עס וועט זיין וועט זיין.

— מיר האט זיך געחלום׳ט — האט חייקל ברוך מיט א ציטערענדע שטימע געזאגט — מיין דבורה האט געבאָרען א קינד מיט א פּאר אָקסענע הערנער.

— דאס איז א סימן, אז אייער ווייב וועט אם ירצה־השם בשלום איבער־קומען — האט דיא רביצין זיך ארויסגעחאפּט — און דער זוהן, וועלכער וועט אייך געבאָרען ווערען, וועט זיין א תלמוד חכם, וואס וועט זיך באָרען וויא אן אָקס מיט דיא הערנער אין אונזער היילינגער תורה.

— פון מיין מויל ארויסגעחאפּט — האט דער רב צופריעדען אויסגעשריען — א גוטער סימן, וויא איך בין א איד, דאס וועט איה״ש אנדערש ניט זיין. מיין ווייב איז א נביא׳טע.

א צופריעדענע מינע האט זיך געוויזען אויף חייקל ברוך׳ס פרומען פּנים.

— דיא הערנער זיינען אבער ניט געווען קיין גלייבע — האט ער ווייטער פּאַרטגעזעצט און געציטערט — איין האָרען איז געווען א גאָלדענער און דער צווי־טער אן אייזערנער.

— דאס איז א סימן, — האט דיא רביצין ווייטער גערעדט מיט א פּרעה־ליבע מינע — אז ביי איהם וועט זיין תורה מיט גדולה צוזאמען. דיא גאָלד ווייזט, אז ער וועט זיין רייך און דער אייזערנער האָרען איז תורה.

— אָ, וואס פאר א חכמה א ווייב איך האב — האט זיך דער רב געקלערט און ליעבליך איהר אנגעקוקט — זיא איז דאָך געראָטען אין דבורה הנביאה.

— פון מיין מויל אקאָרשט ארויסגעחאפּט — האט ער צו חייקל ברוך׳ן גע־זאגט — דוא ביסט גליקליך מיין קינד, הלואי אויף אלע אידען געזאגט געווארען.

חייקעל ברוך האט ווייטער געוואלט דערצעהלען ; אבער ער האט א שטארקען זיפץ געטהאן.

— וואס זיפצט איהר ? — האט איהם דיא רביצין פערוואונדערט געפרעגט — מען דארף דאָך אייך מקנא זיין.

— אבער ? — האט חייקעל ברוך געשטאמעלט און געציטערט.

— דערצעהל מיין קינד ווייטער — האט איהם דער רב געזאגט — אז דער ערשטער האלבער חלום איז גוט, מוז ער שוין אין גאנצען גוט זיין. דאס וועט איה״ש געשעהן.

— ביי דערצעהלען א חלום טאָר מען ניט זיפצען — האט דיא רעבעצין מיט א פרומע מינע געזאגט — איהר מוזט פרעהליך אלץ וואס אייך האט זיך געחלום׳ט דערצעהלען און האָפען צו גאָט, אז אלעס וואס מען איז אייך פותר וועט געשעהן.

—ביידע שפּיצען פון דיא הערנער, — האט חייקל ברוך טרויעריג געזאגט— מאַכען מיר גאר משוגע. איך האב צוליעב איינעם פון זיי א גאנצען טאג געפאַסט.

— זאגט וואס האט איהר געזעהן אויף דיא שפּיצען ? — האט איהם דיא רביצין מיט א העלדישע מינע געבעטען, פּונקט וויא זיא וואָלט זיך צוגרייטען צו א מלחמה.

— דער שפּיץ פון אייזערנעם האָרען — האט חייקל ברוך אונמוטהיג געזאגט — האט זיך געענדיגט מיט א קליינינטשקען „מגן־דוד'ל".

— אָ, וויא גוט, וויא גוט ! — האט דער רב זיך טרייסלענד רעכטס און לינקס וויא א לולב ענטציקט אויסגעשריען.

— דאס איז א סימן, — האט דיא רביצין פרעהליך געזאגט — אז ער וועט זיין עפּעס גאר איינער פון דיא גרעסטע גאונים. רבונו־של־עולם, הלואי אויף מיינע קינדער געזאגט געווארען. אָ, וואס פאר א געבענשטער בויך. צוליעב אזא חלום,— האט זיא זיך ווענדענד צו חייקל ברוך'ן געפרעגט — פאַסט מען און מען איז טרוי־עריג? איהר דארפט דאָך טאנצען אין דיא גאַסען.

— אבער דער אנדערער שפּיץ — האט חייקל ברוך טרויעריג געזאגט — איך קען עס גאר ניט פון מיין מויל ארויסריידען.

— מילא וואס איז שייך — האט דער רב געזאגט — צוליעב איין שפּיץ זאל זיך א מענש אזוי פיעל עגמת־נפש אנטהאן ? א חלום קען דאָך ניט זיין אהן פּוסטע זאַכען....אדרבא, ממה־נפשך....

— אלץ וועט זיין צו גוטען, — האט דיא רביצין אויסגעשריען — איהר זייט ר' חייקל ברוך א גליקליכער איד, אויף אלע אידען געזאגט געווארען. זאָגט־זשע שוין, וואס איז געווען דער אנדערער שפּיץ.

— דער שפּיץ פון גאָלדענעם האָרען — האט חייקל ברוך ציטערענד ביי אלע גליעדער שוואך גערעדט — האט זיך געענדיגט.... מיט א גרויסען.... צלם.

דער רב האט פערגלאָצט קעלבעריש מיט דיא אויגען, און ווארפענדיג מיט'ן קאָפּ הין און צוריק, האט ער שטיל אונטער דיא צייהנער געשעפּטשעט :

— הוא אלהים! שמע ישראל!

דיא העלדישע רביצען איז אויך אויפגעצאַפּעלט געוואָרען און איהרע קליינע פייכטע אויגעלאָך האבען זיך פעררינסען צום פּאַלאַפּ.

— א גוטער סמן! א גוטער סמן ! — האט זיא געשטאמעלט — א סמן, אז אין זיינע צייטען וועלען אלע תפלות מיט דיא גאָלדענע צלמים אין דער ערד איינ־זינקען צוליעב דעם קליינעם אידישען מגן־דודל. א סמן, אז משיח וועט קומען און דער קליין מגן־דודל וועט איבערלעבען אלע גוישע געטשען.

— אָמן! — האט חייקל ברוך מיט פערגלאָצטע אויגען אויסגעשריען און ער איז האלב צופריעדען, האלב אונצופריעדען אהיים אוועקגעגאנגען.

חייקל ברוך האט מורא געהאט א קוק צו טהאָן אויף זיין ניי־געבאָרענעם אינגעל וועלכען זיין דבורה האט איהם אין איינינע טעג נאָך'ן פּותר־חלום זיין

געשיינקט. ער האט אלץ געציטערט, טאמער וועט ער זעהן ביי איהם הערנער אויפ'ן שטערן.

— איז ער אָהן א שום מום? — האט ער דער העבאמע געפרעגט באלד נאך זיין געבאָרען ווערען.

— א יונג מיט ביינער, אז דיא שכינה רוהט אויף איהם! — האט איהם פיינעל דיא זאָגערקע וועלכע איז אויך געווען א „באָבע" געענטפערט — אויף אלע אידישע קינדער געזאגט געוואָרען! — אז ער האט א מום, וואס ער איז א נארר, וויל ער אז זיינע קינדער זאָלען אויך קאליקעס געבאָרען ווערען!

— און דער שטערן איז ביי איהם א גלאטער?

— אלע בייזע חלומות צו דיא גוישע קעפ! האסט דוא געהערט אביסעל? וואס דען ווילט איהר? ער זאל האבען הערנער?

דערהערענדיג „הערנער" האט חייקל ברוך זיך א צאפּעל געטהאָן.

— אָ, פּויגעלע קרוין! — האט ער אויסער זיך אויסגעשריען — זאגט מיר דעם אמת, איך שטארב, איך האלט עס ניט אויס!

— מען בעדארף אייך, ר' חייקל ברוך, פיהרען צו א גוטען אידען! — האט פויגעל זיך האלטענדיג אונטער דיא זייטען פאר געלעכטער געענטפערט — זייט איהר אָפּט ניט משוגע געוואָרען?

— פייגעלע קרוין, איך בין ניט משוגע! — האט חייקל ברוך מיט א רחמנות'-דיגען קעלבערנעם פּנים צו איהר געזאגט — איין זאך זאלט איהר מיר נור זאגען, וויא נאָט איז אייך ליעב, צו איז טאקי ביי איהם דער שטערן א גלאטער?

פייגעל דיא זאָגערקע האט זיך געקייקעלט אויפ'ן בויך פאר געלעכטער.

— ניין, מיט הערנער! — האט זיא איהם שפּאָטיש ערווידערט נאכהער וויא זיא האט זיך גוט אויסגעלאכט.

— געוואלד איך שטארב! איך בעגראָב מיך א לעבעדיגער! — האט חייקל ברוך פערברעכענד מיטביידע הענד אויסגעשריען.

— ווילט איהר אז איך זאל שיקען נאך א טאָמער? — האט פייגעל איהם פערוואונדערט און לאכענד געפרעגט — זייט איהר שכור אָדער משוגע? אבער וואָס האב איך דא מיט אייך צו ברייען? אייער ציג, אייער פעטשערע. געהט און טהוט א קוק, וועט איהר זעהן.

— איך פייגעלע איז גרינג צו לאכען, וויל איהר ווייסט נים וואס דא איז געשעהן, און איך זאג אייך דעם אמת, אז איך האב מיך מורא אויף איהם א קוק צו טהאָן.

און ער האט זיך טאקי ווירקליך מורא געהאט אויפ'ן קינד א קוק צו טהאָן. ער האט זיך אין איינינע טעג נאך זיין חלום איינגעבילדעט, אז דאס קינד מוז דוקא געבאָרען ווערען מיט הערנער.

— און איך האב מיך מורא מיט אייך אין איין שטוב צו זיין! — האט פייגעל שוין ערנסטער איהם געענטפערט — מען בעדארף אייך פּשוט בינדען און גיסען קאלטע וואסער אויפ'ן קאָפּ

— חייקל, הייקל! — האט ער דערהערט זיין ווייבס שטימע פון צווייטען צימער — וואס איז דארט מיט דיר געווארען?

פייגעל איז צו דער קימפעטארען אין צימער אריינגעגאנגען און איז גלייך מיט'ן נייגעבארענעם אינגעל אין שטוב אריינגעלאפען.

— נאט זעהט הערנער! — האט זיא לאבענד איהם געזאגט פערקאשערענדיג דעם קינדס שטערן — זעהט וויא לאנג זיי זיינען! עס נעהמט אן פשוט א מורא!

— אי, נאט צו דאנקען! — האט חייקל אויסגעשריען און האט פערגלאצט דיא אויגען צום הימעל — געלויבט איז זיין ליעבער נאמען. נו, מילא וואס איז שייך? שרעק צו שרעק איז ניט גלייך. אבער געלויבט איז השם יתברך, נאך גוט אפגעשניטען!

— — — — — — — — — —

דער אינגעל האט זיך ביי זיינע פרומע און קלוגע עלטערן, אין א גוטע שעה אויפגעהאדעוועט, און דער רב, וועלכער האט פון חלום גאר ניט געקענט פערגעסען, האט דעם אינגעל געהאלטען וויא אן אייגען קינד, ער פלעגט אויף איהם אכטונג געבען, אז ער זאל דאוונען און לערנען. ווען ער איז געווארען בר מצוה האט דיא גאנצע שטעדטעל געקלונגען מיט זיין דרשה, וועלכע דער רב האט איהם אויסגעלערנט, און דיא שדכנים האבען שוין אויף איהם געשארפט דיא צייהנער, בעצייטענס אימעצן צו מזכה זיין מיט דעם וואויל לערנער, וואס דער רב אליין האט זיך אויף זיין ערציהונג דיא גרעסטע מיה געגעבען. מיט דריי יאהר שפעטער איז דער בחורל משה'קע מאלליך געווארען א חתן מיט'ן שקלאווער מגיד'ס א מיידעל. זיא איז געוועזען א גאנץ שעהנעקע מיידעלע, אבער דיא פרומע אידישע טעכטער האבען איהר געהאלטען פאר א פרוצה.

דער שדוך איז למז"ט גאנץ גרינג געווארען. דער רב אליין האט געשריבען דיא תנאים און דיא רביצען האט דעם ערשטען טאפ מיט איהר אייגענע האנד צובראכען.

אבער אין א פאר וואכען ארום האבען זיי ביידע חרטה געהאט אויף דער גאנצער געשיכטע! דער שמש פון געלען בית מדרש איז ארויפגעגאנגען דורך א צופאל אויפ'ן „בית-שני", וועלכער איז דעם גאנצען יאהר געשלאסען און עס ווערט אין איהם געדאוונעט נור ימים-נוראים, און ער איז געווארען א פערצאפעלטער א קוק טהאנדיג וויא משה'קע מאלליך זיצט אויף צוויי גרויסע רוסישע ביכער און לערנט מיט אזא התמדה, אז ער האט איהם גאר ניט בעמערקט אריינגעהענדיג:

— משומד, גוי, ממזר! — האט דער שמש מיט א קוויטש אויסגעשריען און האט פערבראכען מיט דיא הענד — גוישקע טריף-פסל'ען אין געלען בית מדרש! אלע קינדער אין שניפישאק וועלען דאך אויסשטארבען! געוואלד ראטעוועט אידען!

דער שמש האט משה'קען א נעהם געטהאן אונטער דיא ארעמס, ער האט איהם אראפגעטראגען וויא א צוויי יעהריגעס קינד פון אלע טרעפ און איהם אזוי ארויסגעטראגען אויפ'ן מארק.

(Iron. 11).

אין איין מינוט זיינען גאנץ שניפּעשקער אידען, בחורים, בעלי־ביתלאַך, ווייבלאַך, מיידלאַך און קינדער נאכגעלאָפען דעם לאנגען שמש, וועלכער האט גע־טראָגען דעם חתן משה'קע מאַליך אין דער לופטען און געשריען:

— גוי, ממזר, משומד, צום רב, צו בית־דין!

— וואס איז דא עפּעס פאר א מעשה? — האט דער פּריץ, וועלכער איז גראדע צו יענער צייט אין מארק דורכגעפאָהרען אויף זיין קיביטקע, געפרעגט א אידען וועלכער איז פערהאסעוועט געלאָפען אויפ'ן בייזוואונדער.

— געווים א גנב! — האט דער איד איהם געענטפערט און איז באלד אוועק־געלאָפען.

דער פּריץ האט זיין פערד א טרייב געטהאן און האט דעם שמש אָנגעיאָגט. שניפּישקער פּריץ האט געקענט אלע אידען פון שטעדטעל מיט זייערע נעמען און האט זאָגאר געקענט ריידען אידיש וויא א בעלי־בתישער איד.

— וואס שלעפּסט דוא משה'קען? — האט דער פּריץ מיט א פערוואונדער־טען טאָן דעם שמש געפרעגט.

— אָ, אדוני פּריץ! — האט איהם דער שמש אראָפּלאזענדיג משה'קען נור איהם האלטענדיג פעסט פאר'ן האנד רעספּעקטפאָל געענטפערט — איך האב איהם געכאַפּט....

— געכאַפּט? מיט א גניבה, וואס?

— נאך ערגער, אדוני פּריץ!

— נאך ערגער וויא מיט א גנבה? מיט וואס־זשע האסט דוא איהם געכאַפּט?

— מיט צווי טריף־פּסל'ען! — האט דער שמש געענטפערט.

— ט—טערף פּסעלין? — האט דער פּריץ זיך געבראכען דיא צייהנגער — וואס איז דאָס אזוינס?

— צווי רוסישע ביכער — האט דער שמש געענטפערט.

— רוסישע ביכער? נו, כאָ וואס איז דאָ אזונס?

— אין געלען בית מדרש — האט דער שמש ווייטער גערעדט.

— רייד קלאָרע ווערטער וואס איז דאָס אזוינס! — האט דער פּריץ איהם נעביטעריש געזאגט — ערקלער מיר אום וואס דאָ האנדעלט זיך?

— ביי אונז אידען, — האט דער שמש דעם פּריץ ערקלערט — טאר מען אין טרפה'נע ביכלאך מיט גויישקע אותיות ניט ארייננקוקען.

דער פּריץ האט פערקאַשערט דיא ארבעל און האט א נעהם געטהאן דעם שמש פאר'ן באָרד.

— הונד! זשידאָווסקע מאָרדע! — האט דער פּריץ געליאַרעמט און האט געטרייסעלט זיין געלען קאָפּ וויא א לולב — דוא ביזט עס גאטס א פאַרשטעהער? דוא ווייסט עס וואס מען טאר און וואס מען טאָר ניט?

משה מאַליך איז צום פּריץ צוגעפאלען און האט איהם געבעטען, אז ער זאָל דעם נאררישען שמש אָפּלאזען.

— איהם צוליעב טהו איך עס! — האט דער פּריץ אפּלאזענדיג דעם צר

שראָקענעם שמש געזאָגט — ער איז אן עדעל קינד, ער בעט מיטלייד פאר זיין פיינד. — און דוא משה'קע — האט ער צום בחורל געזאגט — זעץ זיך מיט מיר אריין אין קיביטקע, דיא זשידעס וועלען דיר נאך היינט פערשטיינען. קום מיט מיר, איך וועל שוין בעזאָרגען, אז א האָר פון דיין קאָפּ זאל דיר ניט געמינערט ווערען!

ער האט משה'קען אנגענומען פארביידע הענד און האט איהם ארייגגעוואָרפען וויא א באָל אין זיין קיביטקע, און איז פון צווישען דער גרויסער מאסע, וועלכע האט זיך ארום שמש פערזאמעלט מיט משה'קען אוועקגעפאהרען.

— — — — — — — — — —

— פערשטעהסט דוא שוין גוט רוסיש? — האט דער פריץ משה'קען געפרעגט.

— מיין אויסשפראכע איז ניט אם בעסטען! — האט איהם משה געענטפערט — אבער דיא גראמאטיקע בין איך שוין דורכגעגאנגען און איך פערשטעה שוין דעם שווערסטען בוך.

— און וואס דיינקסט דוא יעצט צו טהאָן? — האט איהם דער פריץ געפרעגט — האסט דוא זיך גאר קיין מורא ניט צו פערבלייבען אין שניפּישאָק?

— אין שניפּישאָק פערבלייב איך אונגליקליך! — האט משה מיט א זיפץ איהם געענטפערט — איך וועל מיך אויפ'ן גאס ניט קענען ווייזען.

— און וואס איז מיט דיין שדוך? אז דיין כלה איז א פיין מיידעל און א שטרעבענדע צו וויסענשאפט וויא דוא, ווים איך; אבער דער שדוך וועט דאך יעצט געוויס בטל ווערען!

— אָ, ניין, הערר מיצקעוויטש! — האט איהם משה געענטפערט — מיר זיינען פערליעבט!

— פערליעבט? אין שניפּישאָק פערליעבט? — האט דער פריץ געלאכט — וויסען דען אידען אויך וואס ליעבע איז? נור גענוג, דוא ביסט א וואוילער יונג. איך זעה, אז דיין ערציהונג צווישען ווילדע מענשען האט אויף דיר ווייניג געווירקט. אלזאָ, בעדארף מען זעהן דיך ראטעווען. — פון דיר וועט דא אין שניפּעשאָק גאָר ניט ווערען; אבער זאָג מיר נור, צו וועסט דוא פאָהרען וואוהין איך וועל דיר הייסען?

— מיט פערגניגען! — האט משה מיט א דאנקבארע מינע ערוויעדערט — נור איין זאך וועל איך אייך בעטען, אז איהר זאלט מיר בעהילפיג זיין ווען עס איז, מיין ליעבער צירלען צו מיר אָפּשיקען.

— וועגען דעם זאלסט דוא שוין ניט זאָרגען, — האט איהם דער פריץ גערוהרט געזאגט — איך וועל מיך שוין דיא מיהע געבען, אז איהרע עלטערן זאלען איהר ניט פערשלייערן מיט אן אנדערן, און ווען דוא וועסט מיר שרייבען אז דוא קענסט חתונה האבען, וועל איך דיר דיין כלה צושטעלען.

— איך דאנקע, ווערטהער הערר מיצקעוויטש! האט משה מיט טרעהרען אין דיא אויגען געזאגט — איך וועל אייער וואהלטהאט קיין מאל ניט פערגעסען.

— איך וועל דיר געבען א בריעף צו מיין שוואָגער דעם פּאָלקאָווניק, וועלכער שטעהט יעצט מיט זיין לאגער לעבען ראדאָם, און אויב דוא וועסט טויגען צום

נעשעפט, וועסט דוא מיט דיין פערשטעהן דיא רוסישע שפראך זעהר גוט מאכען. ער שטעהט דארט אין פערבינדונג מיט אידישע פאָדראַטשיקעס, וועלכע פער־שטעהען ניט איין וואָרט רוסיש און זיי מאכען אָפּ דיא גרעסטע געשעפטען אויפ׳ן וואונק וויא געבאָרענע שטומע, און אז דוא וועסט אהין קומען וועסט דוא זיין א גליקליכער מענש.

און נאך אין דעם זעלבען טאָג גענען אבענד האט מיצקעוויטש אָפּגעשיקט משה׳קען נאך ראַדאָם.

— — — — — — — — — — —

מיט צוויי יאָהר שפּעטער, האט זיך דער יונגער אכצעהן־יעהריגער מאַלליך גערעכענט פאר דעם בעסטען און עהרליכסטען פּאָדראַטשיק ביי דעם פּאָלק פון מיצקעוויטשעס שוואָגער און ער איז זעהר געאַכטעט געוועזען ביי פיעלע גענערעלער, וועלכע עס האבען זיך אין איהם אנגעטרויט וויא אין אן אייגענעם ברודער. ער האט שוין דאמאלס געהאט א קאַפּיטאַל פון איבער צעהן טויזענד רובל און האט יעדען מאָנאט געשיקט זיינע אָרעמע עלטערען פופציג רובל. דיא תנאים האט דער שקלאָווער מגיד באַלד נאך משה׳ס אוועקפאהרען זיין מחותן אריינגעשיקט צוריסענע; אבער צירל האט זיך גאר ניט געקענט צוקלייבען א זיווג. מיט וועמען מען פלעגט איהר פאָרשלאָגען א שדוך, פלעגט זיא געפינען אנדערע חסרונות, און אזוי וויא איהר פאָטער האט מורא געהאט מיט איהר זיך צו קריגען, אום דאס זאל זיך ניט צוטראגען איבער׳ן שטעדטעל, האט ער געהאלטען דעם צונג אונטער דיא צייהנער, און אין יעדער שדוך וואס זיין טאכטער האט ענטזאגט, האט ער גענומען דיעם שולד אויף זיך. פּלוצלינג אין א מיטען העלען מיטוואך, איז צירעל פון זיין הויז פערשוואונדען געוואָרען. אין צוויי וואכען ארום איז אנגעקומען א בריעף מיט א הערצליכען מזל־טוב צוביידע אלטע מחותנים פון משה׳ן מיט צירלען. זיי האבען געשריעבען אין דעם בריעף, אז זיי האבעןביידע חתונה געהאט כדת משה וישראל אין ראַסטאָוו ביים דאָן. אין׳ם בריעף איז געלעגען אן אָנווייזונג אויף הונ־דערט רובל אויף ווילנער באַנק פיר נימפל דעם שמש, מיט א הערצליכען דאנק פון משה מאַלליך צו נימפלען פאר וואס ער האט איהם מיט צוויי יאָהר צוריק, געטראגען מיט אזא אימפּעט אויפ׳ן נאס צוליעב דיא צוויי „טרף־פּסלען״, ביי וועלכע ער האט איהם אויפ׳ן „בית־שני״ דערטאַפּט. נימפל איז שיער ניט אין חלשות גע־פאלען לעזענדיג דעם בריעף און זעהענדיג דעם שעהנעם אָנווייזונג.

— א אידישע הארץ! א אידישע הארץ! — האט ער שאָקלענד מיט זיין געלען קאָפּ הין און צוריק אויסגעשריען, און זיין פרומער אידיאָטישער פּנים מיט דיא זומער שפּרינקלען, האט געגלאנצט פאר ענטציקונג און פרייד, וויא א קוגעל־טעפּעל פון א רייכען שניפּעשאָקער בעל הבית.

## 23טעס קאפיטעל.

# מוסר פון זיין אייגענע טאָכטער.

משה מאלליך איז מיט צוויי יאהר שפעטער געוואָרען א מאטפיי און א בעל מטופל פון א פּאָר מאל הונדערט טויזענד רובל; ער האט מיט זיין ענערגיע און פליסינקייט אין׳ם פערלויף פון א פיער יאהר זיך ארויפגעארבייטעט פון א קליינעם דאָלמאטש׳ל ביי א קליין אידישען פּאדראטשיקעל, אויף א גרויסען זעלבסטשטענ־דיגען פּאָדראטשיק מיט א גרויסען נאמען. דיא גענערעלער און פּאָלקאָווניקעס אין ארמעע, האבען איהם א נאמען געגעבען „דער קלוגער איד״ און ער איז טאקי ווירקליך געווען זעהר א קלוגער יונגער מאן. דיא גוישע קעפּ פון דיא גענערעלער, פלעגען זיך גאר קיין עצה ניט קענען געבען וויא צו פערגלעטען עפּעס א גרויסע גנבה, אז דיא רעגיערונג זאל עס ניט דערטאפּען. זיי פלעגען גנב׳ענען פון האבער, פון היי, פון קלייהען און פון דיא בעשטימטע פּראָוויאנט פאר דיא סאָלדאטען; אבער זיי האבען בשום אופן ניט געקענט פערשמירען דיא גרויסע לעבער אז זיי זאָלען אזוי שטארק ניט אנקענטיג זיין פאר דיא קאנטראָליארען וואס קומען אויף א רעוויזיע. פיעלע פון דיא נאטשאלסטוואָ האבען דאפיר בעצאהלט מיט זייערע עמטער און זיינען נאך געשטאנען „פאָד סוד״ — אבער זייט דער שניפּישאָקער משה׳קע פון „געלען בית מדרש״ איז מיט זיי בעקאנט געוואָרען איז אלץ אנדערש געוואָרען.

— גנב׳ענען טאר מען ניט! — האט ער איינמאל געזאגט צום דיוויזיאָנעם גענעראל וועלכער איז ארומגעגאנגען וויא א צומישטער צוליעב דער גרויסער לאָך, וואס ער האט אנגעמאכט אין א פערלויף פון א פּאָר מאָנאטען, און האט איהר ניט געקענט פערשמירען — פאר גנב׳ענען גיט מען איבער דיא הענד.

— אבער וואס דען טהוט מען? — האט איהם דער גענעראל צורודערט גע־פרעגט.

— מען איז א סוחר און מען פערדיענט כשר דעם גראָשען — האט איהם משה מיט א שמייכעל געענטפערט — פון פערדיענסט ווערט מען ניט בדלות און קיין לאָך וואו א גענעראל קען ארייגפאלען קען בשום אופן ניט ווערען.

— נו, אדרבא, מאטפיי, זאָגט מיר וויא ווערט מען א סוחר?

— דיא סוחר׳שע וועלט — האט משה רוהיג ערקלעהרט — וויים פון אל־ערליי סאָרטען סחורות, איהר קענט זיך מאכען, צום ביישפּיעל, א זיידענעם מאנטעל פאר הונדערט רובעל, און אז איהר ווילט, האט איהר א זיידענעם מאנטעל מיט׳ן איינענעם גלאנץ און מיט׳ן אייגענעם פארב פאר פינף און צוואנציג רובעל; פארן אויג איז דאס גלייך, און ווער דארף דא אריינקריכען אין מבינות צו דער זייד איז אזוי געוועבט אדער אנדערש? וויא איז אבער אז איהר ווילט זיך מאכען א זיידע־נעם מאנטעל פאר הונדערט רובעל, נור אזוי וויא איהר ווילט פון איהם פינף און צוואנציג אפּשפּארען, נעהמט איהר און איהר מאכט איהם נור מיט איין פאָלע און א גאנצע פּאָלקע איז ביי אייך ניט צוגעדעקט, וואס פאר א צורה האט דער מאנטעל און וויא קוקט איהר פאר דער וועלט אוים?

— איהר זייט מאטפיי, א קלוגער מענש — האט דער גענעראל ענטציקט אויסגעשריען — איך זעה אז איך האב מיט וועמען צו ריידען און איהר פערשטעהט גאנץ גוט אז איך האב ביז יעצט אזעלכע מאנטלען אין מיין ארמעע גענעהט.

— לעדער צום ביישפיעל — האט משה ווייטער גערעדט — איז אין דער ארמעע איינער פון דיא נויטהיגסטע זאכען, אז איהר לאזט געהן דיא סאלדאטען בארוועס וועהרענד יעדער סאָלדאט דארף האבען דריי פאר שטיפעל, איז דאס א מאנטעל אהן א פאָלע. וויא איז אבער, אז יעדער סאלדאט טראגט טאקע שטיפעל אהן לאטעס און אהן לעבער, און ער האט נאך צוויי פאר שטיפעל אין זאפאס, זייט איהר אן עהרליכער מאן וועלכער ערפיעלט ריכטיג דעם זאקאָן. און איך קען אייך ווייזען א רעכנונג אז איהר זאלט אין יעדער פאר שטיעפעל פערדיענען א האלבען רובעל, און קיין לעבער אין שטיפעל און אין דער קאסע זאלען מעהר ניט זיין.

משה מאלליך איז אין א פאר וואָכען ארום דורכ'ן גענעראל פאָרגעשטעלט געוואָרען פארן גראָספירסט ניקאָלאי ניקאָלאיעוויטש, און איז געווארען אויך א פאָדריאדטשיק פון לעדער פאר דער רוסישער ארמעע.

מיט אייניגע יאהר שפעטער איז משה אויסגעוואקסען און איז געוואָרען א פיעל פאכיגער מיללי אָנ ער. ער האט זיך בעזעצט אין מאסקווא, וואו זיין ווייב צירעל, וועלכע האט זיך א נאמען גענעבען „ציציליע כריסטיאנאָווא״ (דער שקלאָווער מגיד האט געהייסען טאָדרעס) האט זיך גענומען בויען א הויז נאך פאריזער ארכיטעקטוריע. זיא האט אין גאנץ רוסלאנד ניט געפונען אן ארכיטעקטאר נאך איהר געשמאק און האט אזעלכען אויסגעשריעבען פון פאריז, וועלבער האט איהר דיא הויז אויף „טווערסקאיא אוליצא״ אויסגעבויט.

מאטפיי יעפימאָוויטש מאלליך און זיין ווייב ציציליא כריסטיאנאווא, האבען אנגעהויבען צו פיהרען אן עכט אריסטאקראטישען לעבען. זיי פלעגען געבען בעלער פאר דיא רוסישע מאסקווער אריסטאקראטען. זיי זיינען באלד בעקאנט געווארען מיט'ן מאסקווער גענעראל גובערנאטאר [illegible]אז דאָלגאָרוקאָוו, מיט זיין הויפט סעקרעטאר גענעראל ניקאלאי איסטאָמין, מיט'ן נאלאָווא אלעקסייעוו און מיט נאך אנדערע גרויסע און קליינע טשינאווניקעס.

וויא מאטפיי יעפימאָוויטש האט זיך געוואָלט פערגעסען אין זיין רייכען צו שטאנד אן זיין שניפעשאָק מיט איהרע אידען און פון אלע אידען אין אלגעמיין, האט דאָך געקלייעט אין זיין הארצען דער אידישער פונק, און ער האט זיך פון זיין פאָלק אין גאנצען ניט געקענט אָפרייסען. עס פלעגט איהם נאך ציהען צו א בית-המדרש, א שוהל און צו זיינע ברידער, צווישען וועלבע ער איז געהאָדעוועט און ערצויגען געוואָרען, און דאריבער פלעגט ער נאך א מאל אום יום-טוב אין שול זיך ארייננחאפען, און פלעגט מנדר זיין א הונדערטער פאר אן עליה און זיך לאזען ערקענען צו זיינע ארימע ברידער. זיין ווייב אבער איז געווארען א וואהרע רוסין און האט אין איין קול געשריען, אז אידען מוזען זיך אסעמעלירען מיט'ן רוסישען

פאלק און ווערען פּראוואָסלאַוונע בירגער, און ווען ניט — וויל זיא זיי גאר ניט קענען. זיא האט זיך מיט אלע מעגליכקייטען געחנפ׳עט צום רוסישען אדעל און האט זיך דיא גרעסטע מיה געגעבען זיך אויסצופיינען פאר דיא רוסען אז זיא איז פּראוואָסלאַוונע ג ע ז אָ נ ע ן, און דאהער האט זיא אויף איהר מאן אויסגעווירקט, אז ער זאל געבען גרויסע נדבות אויף צערקוועס און זאל נעהמען אן אנטהייל אין מאסקווער שטאדט־אינטערעסען וועלבע בעלאַנגען צו אונטערשטיצען פּראוואָסלאַוונע.

מאטפיי יעפימאָוויטש איז מיט דער צייט אין גאַנצען אומגעענדערט געוואָרען, און זיין טאַטענס א מאָליגער חלום איז מקוים געווארען. פאר זיינע ארימע אידישע ברידער איז ער געווען א קליינער אייזערנער „מגן־דוד׳ל״ און פאר דיא רוסען — א גרויסער גאָלד־צלם. וואו ער פלעגט געבען דער אידישער געמיינדע, פאר איהרע אינטערעסען צעהן רובעל, האט ער זיך געלאזט קאָסטען אויף צערקוועס פאר דיא רוסען צעהנדליגע טויזענדער רובעל*). גוטע שטעלען אין זיין גרויסען געשעפט האבען פערנומען נור פּראוואסלאַוונע, און קליינע פּלעצער, פון וועלבע מען קען זיך קוים ערנעהרען מיט ברויט און וואסער, האט ער אפּגעגעבען דיא ברידער פון זיין נאַציאָן, און דאס — ניט אין מאסקווא, אום דיא רוסען זאלען ניט זאגען אז ער פיהרט א ז ש י ד אָ ו ו ס ק ע ן געשעפט. פריהער האט ער עס צוליעב געטהאן זיין ווייב, דעם שקלאָווען מגיד׳ס טאָבטער, און נאבהער איז דיא געוואוינהייט געווארען ביי איהם א נאַטור — און צירעל טאָדרעסאָוונא האט געקוואָלען.

ציציליע האט געשיינקט איהר מאן צוויי זיהן מיט א טאָבטער. דאס איז דיא שעהנע בערטהא' מאטפייעוונא, וועלבע מיר האבען ניט לאנג געזעהן ביי׳ם אָבער־פּאָליציימייסטער קאָזלאָוו אויפ׳ן באַל, און מיט א פאר טאג שפּעטער ביי יאקאב גרינבערג אויפ׳ן בוידים לעבען דעם קראנקען זאכארינען.

אין דעם טאג ווען מערזאווצין האט דעם צווייטען מאל בעזוכט דער גרעפין מאריא אנדריאנאווא, איז בערטהא אונמוטהיג און ניעדערשלאגען געזעסען אין איהר שעהנעם קאבינעט און האָט ערוואַרטעט איהר פריינדין ליזא אַנדריאַנאָווא, וועלבע האט איהר פערשפּראָבען אום דריי אוהר נאך מיטאג צו בעזוכען.

דיא טהיר האט זיך פּלוצלינג אויפגעמאַכט און איהר מוטער איז אריין אין צימער

— וויא שעהמסט דוא זיך ניט בערטהאַ, גאַנצענע טעג צו זיצען אדער ארומגעהן אנגעבלאזען? — האט איהר דיא מוטער פערדריסליך געפרעגט — דוכט זיך, אז עס איז שוין נענוג וואס דוא האָסט דיין פערוואונדעטען פאטער פאר דיא לעצטע פאר טעג מעהר אלס א י י ן מאל ניט בעזוכט. דוכט זיך, אז עס איז שוין גענוג וואס דוא האָסט דיינע עלטערען אזוי בעליידיגט ביי׳ם אָבער פּאָליציי־מייסטער אויפ׳ן באַל, וואס דוא האָסט אלעקסייעוו׳ן זיין פּאָרשלאַג ענטזאגט, און נאב־

*) דער לעזער זאל ניט מיינען אז איך שרייב דאָ עפּעס אַ פאַנטאַזיע. איך פערזיכערע איהם אַז דיעזע גאַנצע ערצעהלונג איז ריכטיג, וואהר און גאָר ניט איבערטריבען.

הער האָסט דוא נעטאַנצט מיט א יונגען שנעקעל אַן אָפּיציער; עפּעס וויא אַלעקסייעוו׳ן און מיר אויף צו להכעיס. ענדליך קומט דיר נאָך א רעשטע ארויס און דוא בלאָזט זיך גאַנצענע טעג וויא אַן אינדיג.

— איך וועל ניט בייטען יענעם אָפּיציערס פּאָדעשווע אויף אַלעקסייעוו׳ס קאָפּ — האָט בערטהאַ ניט קוקענד אויף איהר מוטערס געזיכט מיט א פעסטען טאָן גענענטפערט — דוא מיינסט, אַז איך בעדאַרף זיך אויך בוקען פאַרן מאַסקווער גאָלאָווא?

זיא האָט אזוי שטאַרק בעטאָנט דעם „איך" און דעם „אויך" אַז ציציליא כריסטיאַנאָווא האָט שטאַרק דערפיהלט וועמען איהר טאָכטער מיינט.

— דוא ביסט צו פרעך מיין קינד! — האָט דיא מוטער צאָרניג אויס־געשריען.

— מיט וואָס מוטער? — האָט איהר בערטהאַ מיט א רוהיגע מינע גע־פרעגט — מיט דעם וואָס איך בעזיץ עהרענגעפיהל? מיט דעם וואָס איך האָב פיינד לאַקייסטוואָ און שקלאַפעריי?

— דיין פרעכהייט איז איבערנאַטירליך! — האָט ציציליא וויטהענד גע־קווישעט — דוא ביסט טאָכטערקע, צופיעל פון דער העזה ארויס.

— אומזיסט מוטער ערגערסט דוא זיך אזוי — האָט איהר דיא טאָכטער מיט דיא זעלבע רוהיגקייט וויא פריהער ערוויעדערט — אַז דיינער א לייבליכער אָנקעל אַן עהרליכער מענש, געהט ארום איבער מאַסקווא, עלענד, באָרפוס, נאַקעט און הונגעריג, און דוא לאָזט איהם ניט צו צו זיך מיט אַן אודיענץ, ווייל ער טראָגט לאַנגע פאות, וועהרענד דוא שיינקסט אויף צערקוועס פערציג טויזענד רובעל פאַר איין מאָל ווייל דיין טאָכטער האָט בעליידיגט אַן אויסוואורף א שלאַנג, וועלכער איז ניט ווערטה, אַז אַן אָרדענטליכער מענש זאָל זיין נאָמען דערמאַנען; דאַרפסט דוא זיך פאַר א לייכטען אנגרייפען גאַר ניט בעליידיגען.

ציציליא כריסטיאַנאָווא איז געוואָרען רויטה וויא א ראַק און האָט אויפגע־דריקט איהר רעכטע האַנד אין א פויסט.

— פון קנייפּען ביז שלאָגען, — האָט בערטהאַ מיט א שמייכעל געזאָגט — איז א קליינער אונטערשיעד. און פערקעהרט, שלאָג מיך בעסער דאָ אין צימער צעהן מאָל מיט׳ן פויסט, איידער איין מאָל מיך א קניפּצוטהאָן אין א גרויסען זאָל, וואו הונדערטער לאָמפּען לייכטען און צעהנדליגע אויגען קוקען....

— דוא האָסט מיך אויפ׳ן באַל נאָך ערגער וויא געקניפּט און געשלאָגען — האָט איהר דיא מוטער צאָרניג געענטפערט.

— אַז דוא בעטראַכסט מיין ענטזאָגען אַן אונמענש פון א טאַנץ פאַר ערגער וויא געקניפּט און געשלאָגען, — האָט איהר דיא טאָכטער שאַרף ערוויעדערט — ווייס איך שוין ניט וואָס איך זאָל דיר, מוטער ענטפערן?

— דוא דאַרפסט טאָכטערקע וויסען דיין צרה, אַז דוא ביסט א אידיש קינד — האָט דיא מוטער ערניעדערנד איהר שטימע, ריכטיג וויא זיא וואָלט איהר פערטרויען א געהיימניס געזאָגט — און דוא דאַרפסט האַלטען פאַר אַן עהרע,

ווען דער גרויסער אלעקסייעוו, מאָסקווער נאַלאָווא, וועלבען דער קייסער קושט אין געזיכט, לאָדט דיך, אידישע טאָכטער, חייקל ברוד׳ס און איינקל צום טאַנץ.

— אָט אין דעם ליעבע מוטער, — האט בערטהא זיפצענד איהר געענט־פערט — אָט אין דעם בעשטעהט דיא שקלאַפעריי. חאָטש איך האָב מיין זיידען חייקעל ברוד׳ן ניט געקענט, דאָך זאָג איך דיר אויסוועניג און איך קען דיר ביי אלע היילינקייטען שווערען, אז ער איז געווען א פיעל שעהנערער און עהרליבערער מענש וויא דיין אלעקסייעוו און אלע רוסען צו וועלכע דוא וואָלסט וועלען, אז דיין טאָכטער זאָל זיך קניען און בוקען וויל זיא שטאַמט פון אידען.... אבער מיר האבען דאריבער ניט וואס צו ריידען. עס טהוט מיר זעהר לייד וואס צווישען מיר און דיר איז אזא ווייטער אונטערשיעד; אבער ווען אונזערע כאראקטערען זיינען יא אזוי פערשיעדען, בעט איך דיך, ליעבע מוטער, אז דוא זאָלסט אריינגעהן אין מיין לאַגע און זאָלסט פערשטעהן, אז אן אכצעהן־יעהריגען מענשען איז שוין גאנץ שווער צו בייגען.... ווען איך וועל יא א מאָל בעגעהן א זאך געגען מיין עהרע געפיהל, זאָלסט דוא וויסען אז איך טהו עס געצוואונגען, וויל איך אכטע מיינע עלטערן. אבער דוא דאַרפסט מיך צו דעם ניט ברייננען און דאַן, וועלען אלע אונאנגעהמליכקייטען צווישען אונז אונטערבראָכען ווערען.

— איך קען עס גאָר ניט אריבער־טראָגען, — האט ציציליא כריסטיאנאָווא זיך א וואָרפטהאָנדיג אויפ׳ן דיוואַן מיט א ציטערענדע שטימע אויסגעשריען — איז דאס מיין בערטהא? איז דאס מיין איינציגע טאָכטער?

— דוא קענסט, מוטער, צו דיין טאָכטער גאָר ניט האָבען — האט איהר בערטהא דרייסט און מוטהיג געענטפערט — דיין טאָכטער איז בראוו און עהרליך און ליידט ניט קיין זעלבסט־ערניעדערונג. דיין בערטהא שטאָלצירט מיט איהר נאציאָן פון וועלכען זיא שטאַמט, און וויים און אנערקענט, אז ער שטעהט פיעל העכער אין יעדער בעציהונג פון דעם פאָלק וועלכער שטיקט איהם און דריקט איהם. מיר טאָרען ניט שפייען אין דעם ברונען פון וועלכען מיר טרינקען, און מיר טאָרען ניט פעראכטען דאס פאלק פון וועלכען מיר שטאַמען.

— יעצט האָסט דוא ריכטיג געזאגט, — האט איהר דיא מוטער אונטער־בראָכען — וויא באַלד, אז מיר לעבען ביי דיא רוסען טאָרען מיר זיי ניט פעראכטען. ווען ניט — שפייען מיר אין דעם ברונען פון וועלכען מיר טרינקען.

— מ י ר לעבען פון דיא רוסען? — האט בערטהא שפּאָטיש אויסגעשריען — דוכט זיך, אז זיי לעבען פון אונז. האָסט דוא דען מוטער א י י ן געשעפטס־פיהרער, א י י ן בוכהאלטער אדער איין פריקאזטשיק, וועלכער זאָל ניט זיין א רוסע? ארעמע אידען שטארבען פאר הונגער, און אונזערע בלוטיגע פיינדע, וואָס וואָלטען אונז אין א לעפעל וואסער דערטרונקען פערנעהמען אין אונזער געשעפט דיא בעסטע שטעלען.

— דוא ביסט מיין קינד צו וויט פערקראָכען! — האט איהר ציציליע מיט א זיפץ ערווידערט — עס איז שוין לאַנג צייט געווען, אז דיא „יודען פראגע" אין רוסלאנד זאָל אין גאנצען אויפהערען און דאס קען אנדערש ניט געשעהן סיידען,

אז דיא אידען זאלען זיך מיט'ן רוסישען פאלק אויסמישען און זאלען ווערען איין נאציאָן.

— וואָלסט דוא דאמאלס געוועז צופריעדען צו טהאן א שדוך מיט אלעק־סעיעוו'ן? — האט בערטהא איראָניש געפרענט — דאס וואָלט געוועזן א יחוס שדוך כ'לעבען....

— נאך וואָס פאר א יחוס שדוך! — האט ציציליע כריסטיאנאָווא האלב גיפטיג און האלב ערנסט געענטפערט.

— אי, ער איז א שארלאטאן און לאָזט קיין אנשטענדיגע מיידעל אויפ'ן גאס ניט דורכגעהן? — האט בערטהא ספאָטיש איהר מוטער געפרענט — און דיין פאָטער איז גאָר געוועזן א פרומער עהרליכער איד, וועלכער האט געווים אויף א פרעמדע פרוי ניט א קוק געטהאן.

ציציליע טאָדרעסאָוונא האט זיך געקראצט וואו עס האט איהר ניט געביסען.

— דוא זאָגסט מיר, טאָכטערקע היינט עפּעס צופיעל מוסר, — האט איהר דיא מוטער אויפגערעגט געענטפערט — און איך האב עס פיינד צו הערען!

— בעפאָר איך וועל אנשווייגען ווערען — האט בערטהא רוהיג און קאלט געזאגט — וויל איך דיר, מוטער, עפּעס פערטרויען.... ווערסט דוא עס אבער הערען?

— וואָס גלייך איז, הער איך אימער, — האט ציציליא מיט אויפמערקזאַמ־קייט ערוויעדערט.

זאגסט דוא מיר מוטער צו, אז דאס וועט פערבלייבען ביי דיר א געהיימניס?

— דאס זיינען איבעריגע ווערטער! — האט זיא איהר פערדריסליך גע־ענטפערט.

— אלזא זאלסט דוא מוטער וויסען, — האט בערטהא שטיל געזאגט — אז דיעזער אלעקסעיעוו, פאר וועלכענס זוהן דוא וואָלסט מיט פרייד דיין טאָכטער חתונה געמאכט, ווען ער זאל נאר וועלען זיך ערניעדריגען צו טהאן מיט דיר א שדוך, אז דיעזער אלעקסייעוו, האט דיין טאָכטער שרעקליך בעליידיגט....

— אלעקסעיעוו האט דיך בעליידיגט? ווען?

— מיט דריי טאג פריהער איידער ער האט מיך געלאדען צום מאזור־טאנץ.

— וויא אזוי? פאר־וואָס? און וואו?

— וויא אזוי און וואו, דאס וויים איך, אָבער פארוואָס וויים ער, און יעדער מענש קען עס פערשטעהן....

— איך בין עס זעהר נייגיעריג צו וויסען.

— איך בין געגאנגען אום זיבען אוהר אבענדס פון'ם ביבליאטעק — האט בערטהא אויפגערעגט דערצעהלט — און האב געטראָגען א בוך אונטערן ארעם, פלוצלינג איז מיר אלעקסעיעוו אנגעפאָהרען אנטקעגען אויף א קיביטקע. ער האט באלד דעם פערד אפגעשטעלט. ער האט מיך פריינדליך און העפליך בעגריסט און מיך געפרעגט וואָס מאכען מיינע עלטערן.

— איך, דאנקע, גאט זיי דאנק געזונד — האב איך פריינדליך ערוויעדערט.
— אזא גרויסע שטרעקע וועט איהר עס בערטהא מאטפייעוונא געהן צו פוס? — האט ער מיר פריינדליך געפרעגט — זעצט אייך ארויף, איך וועל אייך נאך הויזע אָפּפיהרען!
איך האב מיך אביסעל געלאָזט בעטען; אבער מיר האט ניט געפּאַסט דעם מאַסקווער גאַלאָוואַ צו ענטזאגען אין אזא העפליכע ביטע און איך האב מיך אויף זיין קיביטקע אוועקגעזעצט.
ער האט דעם פערד א טרייב געטהאן און איז געפלויגען וויא א ווינד. איך טהו אבער א קוק, אז ער פיהרט מיך גאַר אין אן אנדער געגענזייטיגען געגענד.
— איהר מאכט, הערר אלעקסעיעוו אן אירדטהום — האָב איך געזאָגט — איהר פאהרט דאך גאר פארקעהרט.
— מיין פערד איז עפּעס היינטיגען טאָג גאר משוגע געוואָרען, — האט ער מיר רוהיג געענטפערט און איז געפלויגען ווייטער.
— און איך האב מיך פאר א משוגענעם פערד שטארק מורא, — האב איך אונרוהיג געענפערט — זעהט, הערר אלעקסייעוו, שטעלט איהם גלייך אוועק.
— באלד, באלד! — האט ער מיר געענטפערט — אז ער לויפט זיך אביסעל איין, ווערט ער רוהיגער.
און דערווייל[ע] האט ער איהם מיט אלע קרעפטען געטריבען ווייטער דורך פערוואָרפענע הינטער געסלאַך פון וועלכע עס האט זיך שוין ארויסגעזעהן דער פרייהער פעלד.
אין ציציליעס נעזיכט האבען זיך געוויזען אכערליי פארבען, ווען איהר טאכ־טער האט עס איהר דערצעהלט. זיא האט שווער געאטהעמט, וויא א שטיין וואלט איהר געלעגען אויפ'ן הארצען.
— הערר אלעקסעיעוו — האב איך צו איהם שטרענג געזאגט — וויא באלד איהר שטעלט דיא מינוט דעם פערד ניט אָפּ, מאך איך א ליארעם.
— צו שפעט, — האט ער מיר מיט א שמייכעל ערוויעדערט — מיר זיינען שוין אויסער דער שטאָדט.
— גוואלד! רעטעט! רעטעט! — האב איך ניט מיט מיין קול אויסגעשריען און האב פון קיביטקע געוואלט אראָפּשפּריינגען.
דער לומפ האט מיך אבער א נעהם געטהאן מיט זיין רעכטער האנד פעסט אונטערן טאליע און איך האב זיך מעהר ניט געקענט בעוועגען....
— אָי, וועה איז צו מיר! — האט דיא מוטער פערברעכענד מיט דיא הענד אויסגעשריען — דערצעהל מיר גיכער וואס איז געוועז דיא ענדע.... איך שטארב! איך האלט עס ניט אויס!
— זעהסט דוא שוין ווער אלעקסעיעוו איז? — האט צו איהר דיא טאָכטער מיט א שמייכעל געזאגט — גיעב גיכער פערציג טויזענד רובעל אויף א צערקאָוו לכבוד דעם לומפּ!
— האב רחמנות דערצעהל שוין דיא ענדע! — האט דיא מוטער זיך געבעטען.

— דיא ענדע איז געווען א גוטע, גאר אונערוואַרטעט, — האט בערטהא ווייטער דערצעהלט — ווערהענד איך האב מיך מיט'ן באנדיט געראַנגעלט, איז איהם איין לייטשע פון האנד ארויסגעפאַלען. דער פערד האט זיך צוקלאַפּט מיט'ן קאָפּ אָן א בוים, דיא קיביטקע האט זיך איבערגעקעהרט און מיר זיינען ביידע פון איהר ארויסגעפאַלען.

בערטהא האט זיך פערהאַקט און האט אויסגעפּלאַצט מיט א געלעכטער.

— האב רחמנות, דערצעהל ווייטער! — האט זיך דיא מוטער ביי איהר געבעטען.

— ווערסט דוא אבער ווייטער לאָזען מיין פאטער אוועקפאַהרען צו אלעקסעיעווין אויף א פּראָפּעראַנס? — האט זיא מיט א שניידענדען טאָן איהר געפרעגט.

— אָ, וואָס פאר א צולהכעיס'ניצע דוא ביסט מיין טאָכטערקע! — האט ציציליע ליעבליך און פערדריסליך אויסגעשריען — דוא האסט מיך היינט פערמאטערט; אבער איך גלויב, אז דוא האסט באַלד רעכט.

— נו, גאָט צו דאנקען! — האט בערטהא אויפהויבענד איהרע צארטע הענטלאַך אין דער הויך אויסגעשריען.

— אבער דערצעהל שוין דיא ענדע!

— עס וואָלט וויעדער געהאַלטען זעהר שלעכט, — האט בערטהא פאָרטגעזעצט — עס איז שוין געווען ווייט פון הייזער און פון מענשען; אבער פּלוצלינג זיינען וויא פון'ם הימעל אראָפּגעפאַלען צוויי מוזשיקעס מיט זעקלאַך אויף דיא פּלייצעס. דער לומפּ האט זיך ארויפגעחאַפּט אויפ'ן קיביטקע און איז אוועקגעפלויגען. פאר א רובעל האבען מיך ביידע מוזשיקעס צוגעפיהרט ביז א גאס, וואו איך האב געדונגען א דראָשקע און בין געקומען צופאַהרען נאך הויזע, און פון דער גאנצער מלחמה האב איך מעהר ניט פערלאָרען וויא דעם בוך, פאר וועלכען איך האב שוין אין ביבליאָטעק צוויי רובעל אפּגעצאָהלט.

— און דיעזער לומפּ איז אזוי אונפערשעהמט און האט נאך געהאט א העזה דיר קוקען גלייך אין דיא אויגען און דיך לאַדען צו א טאַנץ? — האט דיא מוטער וויטהענד און פערוואונדערט אויסגעשריען.

— היינט זעהסט דוא שוין, אז מיין זיידע חייקל ברוך עליו השלום, איז געווען א שעהנערער מענש פון איהם? — האט איהר בערטהא שניידענד געפרעגט.

דיא מוטער איז ארויפגעפאַלען איהר טאכטער אויפ'ן האלדז און האט איהר בעשאָטען מיט הייסע קושען און בענאָסען מיט ווארעמע טרעהרען.

— פאר דיין עהרע, עדעל קינד, וועל איך קעמפּפען! — האט זיא מיט א בליפענדע שטימע אויסגעשריען.

— ניין, מוטער, — האט איהר בערטהא רוהיג געענטפערט — מען האט שוין פאר מיין עהרע געקעמפּפט, אבער דאס האט ניט געלונגען.... דער לומפּ לעבט און איז פריש, געזונד און מונטער.

— ווער האט פאר דיין עהרע געקעמפּפט? — האט איהר דיא מוטער נייגיעריג געפרעגט.

— עס לוינט ניט מוטער, דאריבער מעהר צו ריידען! — האט איהר בערטהא א מאכטהאנדיג מיט'ן האנד נעזאגט — עס איז דיר געגוג צו וויסען, אז ניט נור איך איינע אין מאסקווא בין פון דיזען לומפ זא שרעקליך בעליידיגט געוואָרען. באלד וועט דא זיין ביי מיר מיינע א פריינדין, גרעפין ליזא אנדריאנאָווא, א בעוואוסטע שעהנהייט, וועלכע דער לומפ האט גאר מיט געוואלד אויף זיין קיביטקע ארויפגעחאפט, אבער מיט איהר האט זיך איהם אויך זיין פלאן ניט איינגעגעבען. ער האט דאס זעלבע געטהאן מיט א געוויסען קאלצאָווס א שוועס־טער, וועלכע האט זיך מיט א רעוואָלווער פון איהם גערעטעט. היינט וויפיעל זיינען נאך דא אין מאסקווא דאמען, וועלכע ער האט ווירקליך פעראונגליקט און זיי שעהמען זיך אויסצוזאגען?

ציציליא כריסטיאנאָווא איז מיט א פערביטערטעס הארץ און מיט וואנקענדע קניע פון איהר טאכטערס קאבינעט ארויסגעגאנגען.

24טעם קאפיטעל.

## אַ בייזע בעגעגעניש.

שטארק אויפגערעגט און צערשמעטערט איז אָונזער טראקטירשציק טימאפיי מיכיילאָוו, איבער מאסקווער גאסען ארומגעלאָפען, נאכהער וויא ער האט חיטראָווי־צינס פאבריקעל פערלאָזען.

— איך שטעה ווירקליך אין א גרויס געפאהר, — האט ער זיך געקלערט — אבער וויא אזוי זאל איך מיין הויז און מיין טראקטיר אין איין טאָג פארקויפען? דיא סכנה איז צו מיר זעהר נאָהענט. מעגליך, אז באלד וויא איך קום צו הויזע וועך איך ארעטירט! ראזבאָיעוו איז ווירקליך א ביטערער יונג; אבער ער האט דאך ניט קיין קופערנעם „וויא רופט מען דאָס". אז מען דערפיהלט דארטען, דרעהט זיך דער צינגעל דא און מען פלוידערט מיט געוואלד עפעס אויס. בפרט נאך, אז ער איז גאָר בעטראכט פאר א פאָליטישען פערברעכער! און וואס טהו איך מיט זיין ווייב, וועלכע זיצט און ווייגט איבער מיין קאָפ? פון איהר קען מען דאך טאקי אלעס ערפאהרען! נעגוג אז זיא זאל זאגען, אז איהר מאן איז פער־שוואונדען געוואָרען און באלד דערגעהט מען ווער איז וואסילי חאָמיאקאָוו!....

מיט אזעלכע טרויעריגע געדאנקען איז דער פיעלפאכיגער מערדער ארומ־געלאָפען צוועק־לאָז איבער מאסקווער גאסען און פון ווייל צו ווייל איז אננע־פאלען אויף איהם אזא שרעק, אז ער האט זיך מורא געהאט געהן נאך הויזע.

— ניין, טימאפיי! — האט ער זיך פלוצלינג א קלעהר געטהאן — ווער עס קען קיין פולווער ניט שמעקען, טאָר אין מלחמה ניט געהן. איך בין דערזעלבער טימאפיי וואס אמאל! ניט קיין טרוס, ניט קיין פייגלינג! צעהן טויזענד רובעל וועל איך ניט לאזען פאלען. מיין טראקטיר קען איך אין פערלויף פון צוויי דריי טעג פערקויפען. לעבען זאלען דיא זשידאָווסקע מעקלערס ביי דער בערזע. זיי מאַ־כען עס אף איינס, צוויי, דריי, וועהרענד ביי אונזערע רוסען געוועהרט עס גאנצע מאנאטען. איך קען נאך פיעללייכט מאָרגען מיין הייזקע מיט'ן טראקטיר פערקוי־פען און אין איין נאכט אדער צוויי וועט דער טייפעל טימאפייען ניט כאפען!

ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף א דראָשקע און איז צוגעפאָהרען צו דער בערזע.

באלד אויפ'ן טראָטואַר פאר דיא טרעפ האט ער זיך געטראָפען מיט א גרויסע קופע אידעלאך, וועלכע מען לאָזט אינוועניג ניט אריין און זיי שטעהען אויפ'ן גאס און שמעקען. ער האט גראָדע באלד דארט דערזעהן א בעקאנטען אידישען מעקלער, דורך וועלכען ער האט מיט דריי יאהר צוריק דיא זעלבע הויז געקויפט און האט אויף איהם א קוק געטהאן.

— געשעפט? — האט דער מעקלער געפרעגט.

— געשעפט, — האט איהם טימאָפיי געענטפערט.

אוןביידע זיינען באלד אוועקגעגאנגען און זיינען אריין אין דעם גרויסען טראקטיר געגען דער בערזע. זיי זיינען אריינגעגאנגען אין א בעזאנדערן צימער און נאכהער וויא מען האט זיי דערלאנגט א פאָרציאָן טהעע, האבען זיי דיא טהיר צוגעמאכט.

— נו, וויא געהען עס, מיכיילאָוו, דיא געשעפטען? — האט איהם דער מעקלער געפרעגט — זייט איהר מיט אייער הויז צופריעדען? וויא איך פערשטעה, ווילט איהר שוין קויפען נאך איינע.

— ניין, פריינד, — האט טימאָפיי געענטפערט — איך וויל ניט קויפען, נאר פערקויפען. איך בין געוואָנען זיך צושטיפטען עפעס א באנק־געשעפט, און דעם טראַקטיר אין גאנצען אויפגעבען.

— וויאפיעל פערלאנגט איהר פאר אייער הויז מיט'ן טראקטיר?

— איהר ווייסט דאך, העררר שטיין, וויעפיעל עס קאָסט מיר. עס וואלט ניט שאדען, אז איך זאל נאך א פאָר טויזענד רובעל פערדיענען.

— דער הינטערשטער פליגעל, וויא מיר שיינט, איז דאך ביי אייך אין גאנצען אפגעברענט געוואָרען? — האט שטיין עפעס וויא מוטה־לאָז געזאָגט.

— וויעפיעל איז דאָס ווערט געווען יענע הילצערנע חאלופע?

— אבער דאך קוקט מען ביים פערקויפען, אויף דעם גאנץ אנדערש — האט שטיין געענטפערט — זייט איהר חאָטש געווען פערזיכערט (אינשורט)?

— ליידער ניין, — האט טימאָפיי מיט א זיפץ געענטפערט — דיא פייער־פערזיכערונגס קאָמפאַניע, נעהמט ניט אן קיין סטראַחאָווקא אויף א הויז לעבען א פאבריק.

— זעהט איהר, העררר מיכיילאָוו, דאס איז אויך ביי'ם פערקויפען א גרויסער חסרון! אָ, וואָס פאר א באנדיט דער גרינבערג איז געווען!

— א באנדיט צו א באנדיט איז ניט גלייך! — האט טימאָפיי שאָקלענד מיט'ן קאָפּ געזאָגט — אויסער מיין שאדען, האט ער דאך אומגעבראכט זעקס נפשות!

— וואס האט ער אייגענטליך צו זיי געהאט? — האט שטיין מיט א תם'אוואטע מינע א פרעג געטהאן — אזא מאָרד־טהאט איז דאך נאר אין דער וועלט ניט פערלאָפען געוואָרען!

— ווייס איהם דער טייפעל! — האט טימאָפיי טרויעריג געזאָגט — עפּעס א פּאָר מאל אין דער וואָך פלעגט ער קומען צו דער אידישער פאמיליע און אהן צאנקען זיך מיט איהר איז ער קיין מאל ניט אוועקגעגאנגען. איך בין שטענדיג בעשעפטיג מיט מיין פערפלוכטען טראקטיר און איך האב ניעמאלס צייט געהאט זיי א פרעג צו טהאן, וואס וויל דער באנדיט פון זיי האבען? מאנכע מאל פלעגט מיר אויפקלעמען אין הארצען זעהענדיג וויא ער שימפּפט און זידעלט אזעלכע עהרליכע מענשען און איך האב איהם שוין געוואָלט מיט א שטעקען ארויסטרייבען פון'ם הויף; אבער וויא איך בין פון'ם טראקטיר ארויסגעגאנגען, איז ער שוין געווען אויפ'ן אנדערן זייט טראָטואר.

שטיין האט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— און ווער זיינען געווען יענע צוויי פערברענטע, וועלכע מען האט געפונען אין א זייטיגע קעמערל? — האט שטיין א פרעג געטהאן מיט א נייגיעריגע מינע — לויט דיא צייטונגען שרייבען, זיינען זיי געלעגען גאָר אין דעם אונטערשטען שטאָק, וואו דיא פאמיליע האט ניט געוואוינט.

— זיי זיינען געווים צוויי אידען, וועלכע האבען ניט געהאט קיין ערלויבנים צו וואוינען אין מאסקווא, — האט טימאָפיי רוהיג ערוויעדערט — דען מיט א פּאָר וואכען פריהער, האט דיא אידישע פאמיליע ביי מיר אויך יענע קעמערל אפּגעדונ-גען און איך האב אייניגע מאל בעמערקט, וויא א פּאָר פרעמדע פערזאָנען קומען אריין אין'ם הויף גאנץ שפּעט ביי דער נאכט. און אזוי וויא איך האב אימער מיט-לייד מיט אידישע מענשען, וועלכע ליידען נעבאך אזוי שטארק פון דער פּאָליציי, האב איך זיך געמאכט ניט וויסענדיג.

— דאס איז גאָר אין דער וועלט ניט פערלאָפען געוואָרען! — האט שטיין אבערמאלס אויסגעשריען — שניידען פון אזא באנדיט שטיקער פלייש איז נאך פאר איהם ווייניג! נאָר דאָס איז מיר א חידוש, — האט ער ווייטער מיט א נאאיווע מינע פאָרטגעזעצט — וויא קומט אזא מערדער ניט וועלען אויסזאגען פאר דער פּאָליציי זיין נאָמען, אום מען זאל דערווייל ניט דערטאַפּען ביי איהם אין הויז א מענשען, וועלכער האט זיך דאָרט בעהאלטען?....

— האלט איהר דאס פאר אן עהרליכקייט פון איהם?

— עהרליכער קען גאר ניט געבען! ווען יעמאַנד זאל אפילו ביי זיך אין הויז בעהאלטען דעם גרעסטען מערדער, און ער גיט איהם ניט ארויס ביי דיא ערגסטע אומשטענדע, וועהרענד ער ליידעט אליין, איז יענער אן עהרליכער מענש. דיא עולה איז, וואס מען גיט א מערדער שוין; אבער אז מען גיט איהם שוין יא, איז זעהר פיין פון זיין שיצער וואס ער גיט איהם ניט ארויס. דיא צייטונגען שרייבען, אז אפילו צו וועמען דער בריעף איז געשריעבען וויל ער ניט אויסזאגען. הייגט שטעלט אייך פאר וויא פיין איז דאס פון איהם! איך וואלט עס ניעמאלס פון אזא באנ-דיט ערווארטען!

— לאמיר דאס אַפּלייגען אן א זייט! — האט זיך טימאָפיי אפּגערופען — האט איהר א בעלן אויף מיין הויז?

— בעלנים זיינען דא א פולע, אבער איהר מוזט הערר מיכיילאָוו אביסעל ערניעדעריגען דעם פרייז! איהר ווייסט דאך, אז פון קויפען ביז פערקויפען איז א גרויסער אונטערשיעד.

— גיט מיר נאר א בעלן, וועלען מיר שוין דורכקומען.

— אין איינינע טעג ארום ברענג איך אייך א קונה.

— און מאָרגען קענט איהר עס נים?

— איך קען עס אייך טהאן אויך מאָרגען; אבער דאמאָלס וועט שוין זיין דער פרייז א גאַנץ אנדערער, ווייל יענער קונה וואָס איך האב געמיינט איז פערר רייזט נאך פעטערבורג און וועט יעצט קומען איבערמאָרגען און דער, וועמען איך דענק צו ברייננגען צו אייך מאָרגען, איז א שווערער קערל אויף דער מטבע און אז ער וועט זעהן, אז איך אייל איהם, וועט ער מיט דיעזער געלעגענהייט זיך וועלען בענוצען און עס קען אייך קאָסטען א פאָר טויזענד רובעל.

— דער געשעפט, וועלכער שטעהט מיר יעצט פאר קען מיר מיין שאָדען נאך מיט פערדיענסט אָפּגעבען, — האט טימאָפיי נאך א קורצען נאכדענקען געד זאגט — אלזא, אזוי וויא דא האנדעלט זיך אום דער צייט, זאלט איהר, הערר שטיין, זעהן וואָס אם שנעלסטען מיך מיט א קונה צוזאמענפיהרען. עס וועט ניט שאדען, זאגאר היינט.

— דוא איילסט זיך עפּעס צופיעל! — האט זיך שטיין גֿעקלערט — דוא האסט דעם עהרליכען גרינבערג אין אונגליק געוואָרפען, און יעצט, וויא מיר שיינט, ווילסט דוא מאכען פּליטה.... נישקשה, שטיין האט דיא זאך גוט פערשטאנען. איך וועל נאך מעהר וועגען דיר נאכפאָרשען און וועל זעהן דעם אונגליקליכען גרינבערג רעטען! מאראָזאוו וויא מיר שיינט וועט מיר דאס ניט ענטזאגען!

— וויא באַלד איהר מוזט צוליעב דעם נייעם געשעפט מיט'ן אלטען באלד אפּענדיגען — האט שטיין נאך א קורצע פויזע געזאָגט — געה איך אריין אין אייער לאגע און איך וועל אייך נאך היינט מיט א קונה צוזאמענפיהרען.

און ריידענדיג האט ער אויף איהם געוואָרפען א פאָרשענדען בליק.

— וועל איך אייך דאפיר דאפעלט בעצאָהלען, — האט איהם טימאָפיי ערד פריוט געענטפערט — מיר שטעהט יעצט פאָר א גאָלדענער געשעפט און איך מוז האבען גלייך דאס געלד. שאדע וואָס עס איז שוין שפּעטלאך, ווען ניט וואָלט איך נאך היינט געמאכט אן אנלייע אין פאָליאַקאָווס באַנק.

— און מיט פּאָליאַקאָוו'ן טאקי וויל איך אייך באלד צוזאמענפיהרען, — האט שטיין איהם געענטפערט — ביי איהם ווערט עס איינס, צוויי און דריי, און מאָרגען איז אייער הויז פערקויפט און איהר האט דיא גראָשענס אין קעשענע.

— קענט איהר מיר נאך היינט מיט איהם צוזאמענפיהרען?

— יעצט אום זעקס אוהר איז דיא בעסטע צייט דערצו! — האט איהם שטיין געענטפערט. נאר אזוי וויא מיר דוכט זיך, אז ער איז יעצט אין מאראָזאָווס קאנטאָר, וועל איך געהן דאס געוואָר ווערען און איך ברענג אייך באלד אן אנטד וואָרט. ווילט איהר דא פערבלייבען און וואַרטען אויף מיר ביי א האלבע שטונדע?

— א ברירה האב איך דען? — האט טימאָפיי מיט א פריינדליכע מינע שטיינען ערוויעדערט.

— און טאָמער פערשפּעטיג איך נאך אויף א האלבע שטונדע? — האט שטיין תּמ'אָוועטע געפרעגט.

— אבי עס זאל פיהרען צום ציעל! — האט טימאפיי געענטפערט.

שטיין האט זיך אויפגעהויבען און איז האסטיג ארויסגעגאנגען, לאָזענדיג דיא טהיר פון צימער האלב אָפען און איז גלייך פון טראקטיר פערשוואונדען ווי א ווינד.

— דיא זשידעס, נאר דיא זשידעס; זיי זיינען בריות, מחבלים און קלוגע קעפּלאך! — האט זיך טימאָפיי נאך שטיין'ס אוועקגעהען געקלערט — ער האט זיך אנגעגאָסען א גלאָז טהעע און געטרונקען און אריינגעקוקט אין א צייטונג.

— אָ, וועמען זעה איך דא? — האט טימאָפיי דערהערט באלד נאך שטיינס אוועקגעהן לעבען זיך עפּעס ווי א בעקאנטע שטימע.

ער האט דיא צייטונג אוועקגעלייגט און האט דערזעהן פאר זיך אן עלעגאנט געקליידעטען מאן מיט א לאנגלאכען געזיכט, מיט דונקעל-בלאָנדע באקען־באָרד און מיט פערקאמטע האר אויף הינטען.

— ווער זייט איהר? — האט ער דעם פרעמדען עפּעס צורודערט געפרעגט.

— זעהט נור ווי ער דערקאנט מיך. שוין גאר ניט! — האט דער מאן מיט א זאנדערבארען טאָן אויסגעשריען — וואסילקי דערקאנט מיך ניט?

טימאָפיי'ס רויטהע צורה איז לייכענבלאס געוואָרען. ער האט זיך באלד פון זיין שטוהל אויפגעהויבען און האט דיא טהיר פון צימער צוגעמאכט.

— זעהסט דוא שוין וואסילקי, אז דוא האסט מיך דערקאָנט! — האט דער מאן איהם קוקענדיג גלייך אין דיא אויגען מיט א טייפעלשען שמייכעל געזאגט — זעקס יאהר זיינען ניט זעכציג....

— שטילער פיליפּאָוו אביסעל! — האט טימאָפּיי צערשמעטערט און ער־שראקען געזאגט — זעץ זיך אניעדער.

— איך קען, מיין טהייערער וואסילקי, בעשטעהן! — האט איהם פיליפּאָוו מיט א שניידענדען טאָן געענטפערט — אז מיר האט אזא גליק געטראָפען זיך פלוצלינג מיט וואסילקין צו בעגעגענען, מעג איך שוין אפילו שטעהן אויף איין פוס.... וואס זאגסט דוא וואסילקי בין איך גערעכט?

— איך קען דיר פון אמאל פאר א גוטען ברודער — האט טימאפיי עטוואָס קומענדיג צו זיך געזאגט — אלזא זעץ זיך פיליפּאָוו אוועק און זיי א ביסעל געלאַ־סענער.... דא איז אן אָפענע הויז, יעדער וואנט האט אויערן — און דאס טויג ניט פאר אונז ביידען.

— ניין, וואסילקי, נאר פאר דיר טויג עס ניט! — האט פיליפּאָוו העל אויס־געשריען — איך בין א ריינער מענש.

— דוא ביזט ניט ריינער פון מיר! — האט טימאָפיי מיט א שטילע ציטער־

'רענדע שטימע געענטפערט — אבער דוא ביסט פיליפּאָוו א גרויסער מופקר!....
דוא שטעהסט ניט אום דיין לעבען.

— אז איך האב מיך אבערמאלס געטראפען מיט וואסילקין, — האט פיליפּאָוו ווייטער מיט דער זעלבער שטימע גערעדט — וויל איך מיט איהם צוזאמען שטארבען! ער איז א גוטער ברודער, טוידטעהייט קען ער גאר ניט טהאן.

טימאָפיי האט זיך אויפגעהויבען, ער האט פיליפּאָוו'ן אננענומען פאר ביידע הענד און האט צו איהם מיט א פלעהענדע שטימע געזאגט:

— פיליפּאָוו, מיר וועלען דורכקומען, זעץ דיך אניעדער, בערוהיג דיך, מיר בעדארפען נאך ביידע לעבען....

— האנד-געלד! — האט פיליפּאָוו געליארעמט.

דיא טהיר האט זיך אויפגעמאכט און א דיענער איז אריינגעלאָפען.

— אהער דיא האנדגעלט! — האט פיליפּאָוו ווייטער געשריען גאר ניט קימערענדיג זיך וועגען דעם פרעמדען פערזאָן.

— דוא בעקומסט! — האט טימאָפיי ארויסשלעפּענדיג זיין גרויסען פּאָרטעמעניי פון זיין בוזים טאש געזאָגט און האט געציטערט ביי אלע גליעדער.

— מיינע העררען — האט צו זיי דער דיענער רעספּעקטפאל געזאגט — אים נאמען פון מיין ווירטה, בעט איך אז איהר זאלט אזוי ניט שרייען, דיא געסטע קענען עס ניט ליידען.

— גוט! — האט טימאָפיי געענטפערט — און דער דיענער איז באלד ארויסגעגאנגען.

— צעהל אָפּ צוויי טויזענד רובל! — האט פיליפּאָוו שוין שטילער אבער נעביטעריש געזאגט, האלטענדיג זיין רעכטע האנד אויס-געצויגען און האט געוויזען מיט'ן פינגער אויפ'ן פּאָרטעמעניי — דאס איז דערווייל האנדגעלט און ווייטער וועלען מיר ריידען.

מיט ציטערענדע הענד האט טימאָפיי אָפּגעצעהלט צוואנציג נייאינקע הונדערטער, און דער גראָבער בויך פון פּאָרטעמעניי איז געוואָרען איינגעשרומפּען.

— איז דאס ריכטיגע געלט? — האט איהם פיליפּאָוו ניפטיג געפרעגט.

— דוא קענסט יעדער הונדערטער בעקוקען וויפיעל דיין הארץ גלוסט.

ער האט יעדער הונדערטער בעקוקט פון אלע זייטען און אויפלייגענדיג זיי אין איין פּעקעל — האט ער זיי אריינגעלייגט אין זיין בוזים טאש.

ער האט זיך באלד לעבען טימאָפייען אוועקגעזעצט און האט איהם אריינגעקוקט גלייך אין דיא אויגען.

— איידער מיר הייבען אָן וועגען עפּעס צו ריידען — האט צו איהם פיליפּאָוו שפּאָטיש געזאָגט — וויל איך האבען דיא עהרע צו וויסען מיט וועמען איך רייד? זאָג מיר נור „וואסילקי" וויא הייסט דוא היינט אין מאָסקווא?

— בעדארפסט דוא דאָס נעטהיג וויסען? — האט איהם טימאָפיי ניפטיג געפרעגט — איז דען ווניג פאר דיר דאס פּעקל וואס דוא האסט וויא דיא העלע נור וואס פערשלונגען?

— און דוא וואסילקי מיינסט, אז דוא האסט מיר שוין דעם אלטען חוב אָפּגעצאָהלט? — האט פיליפּאָוו מיט א פּרעבען טאָן איהם געפּרעגט — מיינסט דוא אז איך וועל דיר שיינקען יענע ירושה? האלטסט דוא עפּעס פיליפּאָוו'ן פאר אן אינגעלע? דוא האסט מיך איינמאָל אָפּגענאַרט און בעטראָגען; אבער דעם צווייטען מאל וועט עס שוין מעהר ניט געהן. אז גאט האט אונז שוין יא צוזאמענגעפּאָרט נאכהער וויא איך האב מיך שוין פון דיר מיאש געווען, וועסט דוא מיר נאך היינט אָפּצאהלען צעהן טויזענד רובל, און דאס איז נאך אויך ניט אפילו קיין דריטעל חלק פון דער ירושה וועלכע דוא האסט דאמאָלס געחאפּט. דער באַטיושקא איז געווען א בעל מטופּל מיט הונדערט טויזענד רובל. פופציג יאָהר נאך אנאנד האט ער אַלץ פערצייהעט זינדע און געריסען פון טוידטע און פון לעבעדיגע, ביזט דוא געקומען און איהם אָפּגעשיקט אויף יענער וועלט און האסט זיין גאנצען פדיון פאר איינמאל צוגעלאטחעט. פיליפּאָוו שטעהט ביים פּארקאָ און ווארט; ער דערשטעכט וויא א הונד דעם באַטיושקאָ'ס א דיענער אום מציל צו זיין וואסילקין פון א בעפאל; פיליפּאָוו שטעהט ביז דיא קניע אין בלוט און ווארט. ער ווארט און ער ווארט; אבער וואסילקי איז ניטאָ! ענדליך הערט פיליפּאָוו אין דער פריה אז דער באַטיושקא איז ערמאָרדעט, זיין גאנצער פערמעגען פערשוואונדען און וואסילקי איז אַלץ ניטא, וואס זאגסט דוא וואסילקי אויף דיעזער געשיכטע?

— אפילו א גראשען האט וואסילקי אויך ניט געהאט פון דער גאנצער מעשה! — האט טימאָפּיי שטיל און אויפגערעגט ערוויעדערט.

— דוא ביזט וואסילקי א ליגנער, א כזבן! אויב דוא ווילסט קען איך דיר צוזאמענפיהרען מיט דעם באַטיושקאָ'ס א טאכטער, און זיא וועט דיר שוין זאגען וויפיעל דוא האסט צוגעלאַטחעט.

— פאר אזוי שלעכט האב איך דיר פיליפּאָוו קיין מאל ניט געהאלטען! — האט טימאָפּיי מיט א רחמנות'דיגע צורקע צו איהם געזאגט — דוא פערצאַפּסט מיר מיין בלוט אזוי וויא וואסער.

— און וואס דוא האסט געטהאן האסט דוא זיך גאר פערגעסען? — האט איהם פיליפּאָוו גיפטיג געענטפּערט — דאס וואלט דאך ניט געטהאן אפילו דער נידריגסטער זשיד, זיך בעהאלטען און ניט געבען א קאַמעראַד א חלק אין ירושה! דאס קען נור א וואסילקי.

— אלזא ברודער, — האט טימאָפּיי מיט א פריינדליכע מינע געזאָגט — לאמיר עס שוין פון יעצט אן פערגעסען, יעדער מענש קען בעגעהן אמאל א זינד.

— פעררייד מיר ניט דיא צייהנער! — האט פיליפּאָוו שטרענג געזאגט — נאך אכט טויזענד רובל מוזט דוא מיר נאך היינט געבען, דאמאלס וועלען מיר זיין פריינדע אדער ברידער. און אויב דוא טהוסט עס ניט, האסט דוא מאָרגען דעם גלח'ס טאָכטער מיט זיין ברודער אין מאָסקווא.

— און פאַר זיך אליין שרעקסט דוא זיך גאָר ניט?

— זעהסט דוא דאָך, אז איך האָב אפילו מיין נאמען ניט געענדערט! איך בין דער זעלבער פיליפּאָוו וויא מיט זעקס יאָהר צוריק אין טולא; דוא ביזט אָבער

בעוואוסט אלס א מערדער און עס פעהלט מעהר ניט, אז מען זאל דיך דערקענען, אז דוא ביזט יענער וואסילקי נור מיט אן אנדער פאספארט.

טימאפיי האט געקריצעט מיט דיא צייהנער און האט מיט דיא הענד געריסען דיא גראבע פלייש פון זיינע פיס.

— ערגער זיך היינט, ערגער זיך מארגען, — האט פיליפאוו קאלט און רוהיג גערעדט — נאך אכט טויזענד רובל מוזט דוא מיר באלד שאפען!

טימאפיי האט זיך פערטראכט.

— דיינקסט דוא לאנג צו פערבלייבען אין מאסקווא? — האט ער איהם נאך א קורצע פויזע געפרעגט.

— איך רעכען דא אין גאנצען צו פערבלייבען, — האט פיליפאוו געענטפערט — אבער געגען וואס פרעגסט דוא עס מיר?

— ווילסט דוא פיעללייכט ווערען א טראקטירשטשיק?

— דיין פראגע קומט מיר עפעס זאנדערבאר פאר!

— איך וויל דיר פאר'ן אלטען חוב, — האט טימאפיי איהם געענטפערט — אוועקשיינקען מיין הויז מיט מיין טראקטיר פאר ווערכע איך האב בעצאהלט צעהן טויזענד רובל. דיא צוויי טויזענד, וועלכע איך האב דיר געגעבען וועסט דוא מיר אפגעבען צוריק. דוכט זיך, אז יעצט בעדארפסט דוא שוין זיין צופריעדען.

— און קיין בארעס געלט ווילסט דוא מיר ניט געבען?

— גלויב מיר זיכער, אז איך בין א קבצן, אזעלכע געלדער האבען קיינמאל קיין מזל ברכה. דוכט זיך אז דוא ווייסט עס אויך, איך גיעב דיר אוועק דאס לעצטע און לאז מיך צופרידען.

— וואו האסט דוא דיין הויז מיט דיין טראקטיר?

— אין פרעאבראזשענסק — האט טימאפיי מיט א זיפץ געענטפערט.

— הייסט דוא אפט ניט היינט טימאפיי מיכיילאוו? — האט פיליפאוו איהר בערראשט געפרעגט.

— פון וואנען פאלט עס דיר איין? — האט איהם טימאפיי פערוואונדערט געפרעגט.

— פון יענער געשיכטע וואס איך האב געלעזען אין דיא ציימונגען וועגען דעם מארד-בראנד! — האט פיליפאוו געענטפערט.

— איך פערשטעה ניט וואס פאר אן אנהאנג דאס האט?

— דאס האט שוין א גרויסען אנהאנג! — האט פיליפאוו שארף און שניידענד איהם געענטפערט — דיא גאנצע געשיכטע מיט'ן מארד-בראנד האט זיך מיר עפעס גלאט ניט געלעזען, און אז וואסילקי האט א טראקטיר אין פרעאבראזשענסק, לייגט זיך אויפ'ן קאפ, אז ביי איהם האט עס בעדארפט פאסירען.

טימאפיי האט א ציטער געטהאן מיט'ן גאנצען קערפער. ער האט שוין מורא געהאט אנצוקוקען פיליפאוו'ן גלייך אין דיא אויגען.

— אלזא מעג איך דיך פון יעצט אן אנרופען מיכיילאוו? — האט איהם פיליפאוו שארף געפרעגט.

— איך בין עס, — האט טימאָפיי שוואך ארויסגערעדט — אבער אין יענער געשיכטע בין איך גאנץ אונשולדיג.

— דאס וועסט דוא דערצעהלען ביי דיין באבען אויפ'ן קבר! — האט איהם פיליפאָוו מיט א טייפעלשען שמייכעל געענטפערט — אבער פון דיעזער געשיכטע וועסט דוא מיר קיין קאראָבקע געלט ניט בעדארפען צאהלען; אהער דיא איבעריגע אכט טויזענד רובל!

— קום און בעקוק מיט מיר מיין הויז און מיין טראקטיר — האט טימאָפיי ביי איהם זיך געבעטען — דוא וועסט אליין זאגען, אז זיי זיינען זאגאר פופצעהן טויזענד רובל ווערטה פאר א מציאה.

— אלס אלטע בעקאנטשאפט טהו איך עס! — האט פיליפאָוו נאך א קורצען נאכדענקען איהם געענטפערט און האט זיך פון זיין שטוהל אויפגעהויבען.

טימאָפיי האט אויפגעשריבען א קליין צעטעלע פאר'ן מעקלער אברהם שטיין, אז צוליעב א געוויסע אורזאכע מוז ער נאך היינטיגע נאכט זיך בעראטהען וועגען דעם פערקויף פון זיין הויז, און נאכהער וויא ער האט דעם צעטעלע איבערגעגעבען א בעדיענטען פון טראקטיר, איז ער מיט פיליפאָוו'ן אוועקגעגאנגען.

25טער קאפיטעל.

## דער פאטשער בעדארף אָנקומען צו דער פאטשערקע.

— איך ליעג יעצט אכטצעהן איילען אין דער ערד, — האט פריסטאוו איוואנאָוו געזאָגט צו זיין ברודער אין איינינע שטונדען וויא ער האט שורקינען אראָפּגעלאָזען אין'ם אונטערשטען קעלער פון זיין קווארטאל-הויז — איך האב איהם געהאלטען פאר שכור אדער משוגע; יעצט אבער בין איך טאקי איבערצייגט, אז דאס איז שורקין אליין; שורקין, איינער פון דיא בעסטע אפענבאכס געהיים-אגענטען. איך האב אין זיין פעקל קליידער, וועלכער איז ביי מיר אין הויז פערבליעבען, געפונען זיין פאָליציי־מעדאליאָן, און יעצט בין איך אונגליקליך! וואָס טהוט מען? וואָס הייבט מען אָן?

— דאס איז א ביטערע געשיכטע, — האט זיין ברודער טרויעריג געענטפערט — דאָ שמעקט מיט סיביר.

— אלץ דיא זשידעס! — האט דער פריסטאוו קריצענד מיט דיא צייהנער ארויסגעשריען — אלע צרות מאכען זיי אונז אָן. עס איז פון זיי גאָר ניט פטור צו ווערען! האסט דוא געהערט א ביסעל? ביי פריסטאוו איוואנאָוו אין הויז א דעטעקטיוו? דאס האבען געוויס דיא זשידעס מיר אָפּגעטהאָן! דאס איז זייערער א שפיצעל, וויא יעצט איז טאג אויף דער וועלט? אויף אזא צרה האב איך מיך גאר ניט געריכט! ער וויים דאך יעצט אז איך האב ביי זיך בעהאלטען א מערדערין!

— אָט דאס איז טאקי דיא צרה, — האט אנטאָן איהם מיט א זיפץ געענטפערט — איך וויים, אז יעצט בין איך אליין אויך אין געפאהר. איך האב מיט איהר גערעדט וועגען אלעקסייעוו'ן, און מיר שיינט, אז דיא זשידאָווקא האט געוואוסט, אז ביי אונז צו הויזע איז דאָ א געהיים אגענט.

— וויא אזוי קען דאס דיר איינפאלען ? האט איהם דער פריסטאוו טרויער'ן און פערוואונדערט געפרעגט — פון וואנען האט זיא עס געקענט וויסען ?

— ניין, ברודער, זיא האט עס יא געוואוסט ! — האט אנטאן מיט א פעס־טען טאָן איהם ערוויעדערט — ווען עס איז אויסגעקומען אין א געשפּרעך וועגען אלעקסייעוו'ן, האט זיא מיר עפּעס געצויגען פאר'ן צונג. איך בין גאָר אויסער זיך ! איך פערשמועה דאָ ניט דיא גאנצע געשיכטע ! וויא קומט זיא צו א געהיים אגענט ? א מויז מיט א קאַץ אין איין זאק....

— ניין ! — האט איהם דער פריסטאוו נאך א קורצען נאכדענקען געזאָגט, — דוא מאכסט ברודער אַן אירטהום ; איך גלויב אז צוליעב איהר טאקי האט זיך שורקין ביי מיר צו הויזע געפונען.... געוויס האט דער מארד־ברענער גרינבערג עפּעס אויסגעפּלוידערט, אָדער אַן אנדער זשיד האט מיך דאָנאָסירט.

— אָבער וואס דענקסט דוא ברודער יעצט צו טהאן ? — האט אנטאָן ניעדערשלאָגען געפרעגט -- ער זיצט דאָך פערשפּאַרט אין א לאָך, און דאס קען דיר נאך מעהר פעראונגליקען וויא דיין בעהאלטען א מערדערין ביי זיך צו הויזע.

דער פריסטאוו האט זיך געקראַצט אין קאָפּ מיט ביידע הענד און עס איז לייכט געוועזן צו דערקענען, אז ער קראַצט זיך נעבאַך וואו עס בייסט איהם ניט.

— דיא זשידעס ! דיא זשידעס ! -- האט ער וויא א ווילדער טיגער געברומט— אלע חלאת'ן שיקען זיי אויף אונז אן. זיא האט מיך בעטראָגען און אָפּגענאַררט וויא א געמיינעם שורקע, און ענדליך האט זיא מיך אין גרעסטען אונגליק געווארפען. איך געפין מיך גאָר יעצט קיין ראַטה וויא אזוי זיך צו רעטען. לאָז איך איהם פון לאָך ארויס, בין איך אין דעמזעלבען מאָמענט ארעטירט און זענען זיך אָפּ אויף אייביג מיט מיין שטעלע און מיט מאָסקווא ; האַלט איך איהם דאָרט ווייטער — בין איך נאך אונגליקליבער. דיא זאַך מוז בעוואוסט ווערען און סיביר וועט נאך פאר מיר וועניג זיין.

ער האט זיך פון זיין שטוהל אויפגעהויבען און איז וויא א ווילדע חיה אין א שטייג הין און צוריק איבער זיין צימער ארומגעלאָפען.

— רעכט אויף דיר אונמענש ! — האט זיך פּלוצלינג געהערט זיין ווייב'ס שטימע פון צווייטען האלב־אָפענעם צימער — דוא ביסט א הולטיי א טויגעניכטס. דוא האָסט פערשוואַרצט מיין ביסעלע יאהרען מיט דיין הולטייסקען לעבען. זייט איך האב אין א פינסטערע שעה מיט דיר חתונה געהאט, האב איך קיין מנוחה שעה געהאט. אלע טאג אנדערע צרות. ער מיינט, אז איך האב ניט געוואוסט וויא ער הולטייעט אָפּ גאנצענע טעג און נעכט ; אבער היינט האב איך דיר געחאַפּט פאר'ן האנד. היינט ליעגסט דוא שוין אין דער ערד וויא א בארג. ניטאָ מעהר קיין שעהנע ווייבעלעך....אין אָסטראָג, אין אָסטראָג — דאָרט איז פאר דיר דער ריב־טיגער פּלאַץ. דאס איז דער סוף פון אלע הולטייעס און טויגעניכטסען.

און באַלד האט דער געפּאַטשטער פריסטאוו, דערזעהן פאר זיך אין צימער זיין ווייב דער פאטשערקע, און עס איז איהם פינסטער געווארען אין דיא אויגען.

— איך בעט דיך לאָז מיך היינטיגען טאָג צופריעדען — האט ער איהר מיט

א פלעהענדע שטימע געבעטען — וועגען הולטאַיסטוואָ, וועלען מיר שוין דערנאָך דורכקומען, דערווײַלע אבער האַנדעלט זיך דא וועגען סיביר. דאס וועט דיר, מיין ווייב, אויך ניט זעהר גוט שמעקען. איך גלויב, אז וויא דיין מאַן איז אַ הולטיי, וועסט דוא איהם אַליין ניט וועלען האבען אין סיביר....

— קאַטערגאַ איז נאָך פאַר דיר ווענינ! — האט דיא פרוי וויטהענד געשריען — דוא האָסט געניוג אין דיין לעבען בעגאַנגען פערברעכען. שלעפּען שוואַנגערע פרויען און קליינע קינדער ביי נאַכט פון דיא בעטען און זיי ארויסשטעלען נאַקעט און באָרוועס אויפ'ן גאַס ביי דרייסיג גראַדיגע פרעסט איז נאָך פיעל ערגער פאַר הולטאַייסטוואָ. איך האב דיר געגעבען א פערמעגען פון זעכציג טויזענד רובעל, א שטעלע האָסט דוא דורך מיין פאטער אויך א גוטע. דוא האָסט געקענט אהן מאָרדטהאטען אויך זעהר פיין לעבען, און דוא שמוציגער געלד־גייץ, האָסט בער פלעקט דיינע הענד אין אונשולדיגע בלוט — און וואו איז דיין געלט? דוא האָסט עס פערהולטייעט און אין קארטען פערשפּיעלט צווישען ציגאַנקעס און אַקטריסעס. ניין, דוא ביסט מעהר ניט מיין מאַן! שלאָג זיך קאָפּ אָן דער וואַנט, פון מיין געלט וועל איך איין קאָפּיקע ניט געבען דיך יעצט פון בלאָטע ארויסצושלעפּען. איך האב שוין גענוג געליטען.

דער פּריסטאַוו איז אַזש געל געוואָרען פאַר פערדרוס. ער האט זיך פאַר זיין ווייב אייביג געשראָקען, ערגער וויא א מאָסקווער איד פאַר א בייזען פּריסטאַוו. זיא איז געווען א פרוי מיט לאַנגע הענד, מיט א ברייטע מיילכעל און מיט דינע בלויע ליפּען, און ווען זיא פלעגט ווערען אין כעס, האט זיך באלד אין זייערע ווינק־לען געזעהן א ווייסער אויפגעקאָכטער שוים, פאַר וועלכען ער פלעגט ציטערען וויא פאַר פייער. יעדע פּינטעלע פון דיעזען שוים, ווען עס פלעגט פאלען אויף זיין געזיכט, בשעת זיא האט זיך מיט איהם „איבערגעווערטעלט", פלעגט זיך איהם אויסדוכטען, אז זיא ברענט איהם אויס, וויא פּיטעריאָל א לאָך אין פנים. יעצטיגען מאָל איז ער גאר געווארען א צומישטער. פיינשטיינס אנטלויפען, דיא פריה־מאָרגענדיגע פּעטש, שורקינס שפּאַנירען אין זיין הויז און זיין זיצען יעצט אין לאָך, און דערצו נאָך זיין ווייב'ס ברוך־הבא, האבען אלע צוזאמען וויא א דאָנערשלאַג אויף איהם געווירקט.

ער האט זיך וויא א שווערער שטיין א וואָרף געטהאַן אויף דער וויכער זאָפע און האט מיט ביידע הענד פערשטעלט זיין געזיכט, און עס איז לייכט געווען צו דערקענען, אז ער האט זיך מורא א קוקצוטהאַן אויף זיין ווייב'ס געשליפענע מיילכעל, וועלכע שיט מיט „פּריסיק".

— גענוג, — האָט ער א וואָרטשע געטהאַן נאכהער וויא איהר מיילכעל האט זיך ביי א האלבע שטונדע ניט צוגעמאַכט און ער איז פון צימער וויא געיאָגט פון דעם מלאך־המות ארויסגעלאָפען.

מיין ברודער אנטאַן, וועלכער האט דיא גאנצע צייט געשוויגען און האט זיך ניט אריינגעמישט אין דעם פּאָר־פּאָלקס אנגעלעגענהייטען, איז איהם נאָכ' געלאפען.

— איך מוז ערשטענס דער מערדעריו אויסגעפינען — האט דער פריסטאוו געזאגט צו זיין ברודער זיצענד מיט איהם אין א פערשלאָסענעם צימער פון זיין אוטשאסטאָק, נאכהער וויא ער איז פון זיין ווייב אנטלאפען — דערנאך וועל איך מיך בעראטהען וואס צו טהאן מיט'ן פערשפארטען שפיאָן.

— אָ, ברודערקע, — האט איהם אנטאָן מיט א זיפץ געענטפערט — סאָנקע איז שוין אזא פייגעלע וועלכע עס איז ניט לייכט אויסצוגעפינען; זיא איז צו קלוג צו טהאן אזא נארישקייט און זיך לאָזען דערטאפּען.... וויא שעהן זיא איז, איז זיא נאך דאָפּעלט ליסטיג.... זיא האט אונז ביידען גוט אָפּגענארט און ווער ווייסט וואו דיא פייגעלע איז שוין אוועקגעפלויגען.

דער פריסטאוו האט א קרעכץ געטהאן. אין דעם מאָמענט האט זיך דער־הערט א קלינג אין אפּפּאראט פון טעלעפאָן.

דער פריסטאוו איז ניט טוידט ניט לעבעדיג צו איהם צוגעלאָפען.

— זייט איהר דער פריסטאוו?

— איך, פריסטאוו איוואנאָוו.

— איך בין אָפּענבאך — האט פון אפּפּאראט אָפּגעקלונגען אין צימער א העלע שטימע — איך פערלאנג פון אייך דאס איהר זאלט נאכפארשען וועגען דעם געהיים־אגענט שורקינען, וועלכער האָט אויסגעפונען דער בעוואוסטער מערדערין שרה פיינשטיין, לויט וויא ער האט מיר געגעבען צו וויסען. ער האט זיך נאך צו מיר ביז יעצט ניט געמעלדעט. ער האט פונקט אום אכט אוהר מאָרגענס בעדארפט זיין אין מיין קאנצעלאריא, יעצט איז שוין דיא אוהר נאָך דריי. וואָס אַם שנעלסטען נאכצופאָרשען.

דיא קניע האבען ביי'ם פריסטאוו געזונקען נור ביי'ם הערען דעם נאמען שורקין, און וואס אין טעלעפאָן האט זיך ווייטער גערעדט, איז ער אלץ מעהר אויפגערעגט און איבערראשט געוואָרען. אז ער האט אָהנע שוידערען מיט אלע גלידער לעבען איהם גיט געקענט איינשטעהן.

— וואָס גיכער ראטה מיר ברודער, וואס צו ענטפערן! — האט ער אנטאָנען געבעטען — קוים איך זאָג באלד ניט אויס וואו ער געפינט זיך, ווערט עס אננערו־פען אז איך האב געלייקענט און וואס דא שטעהט מיר פאָר ווייסט דוא....

— דוא האָסט קיין אנדערע ברירה ניט, — האט איהם אנטאָן העכסט אויפגערעגט געענטפערט — א צרה איז בעסער אָפּצולייגען אויף שפּעטער.

— איך מאך באלד א שטרענגע נאָכפאָרשונג! — האט דער פריסטאוו אין רעהרעל אריינגעשריען און איז פון טעלעפאָן אוועקגעגאנגען.

— יעצט איז אלעס אויסגעשפּיעלט! — האט דער פריסטאוו פערצווייפעלט געזאָגט — סיידען איך זאל שורקינען ערמאָרדען.

— און איך גלויב, אז מען וויים שוין דאָרט אלעס! — האט אנטאָן בעזאָרגט געזאגט — נור א מענשעל וויא אָפּענבאך וויל זיך מיט דיר אביסעל אונטערשפּילען.

— מעגליך, אז דאס איז אויך וואהר! — האט דער פריסטאוו טרויעריג גע־זאָגט און האט א קוק געטהאן אויף דער טהיר, פונקט וויא ער וואלט שוין ער־

ווארטען זיין ארעסט — זעה נור וויא גיך דער שורקע האט שוין געגעבען אָפּענבאכען צו וויסען וועגען שרה פיינשטיין! אָבער וויא איבערציינט מען זיך צו דיין מיינונג וועגען אָפּענבאַכען איז ריכטיג?

— דוא קענסט עס לייכט דערגעהן, — האט אנטאן נאך א קורצען נאכדענ־קען געזאגט — פאָרשט נאך ביי אן אנדער פּריסטאוו פון אן אנדער קווארטאל, צו אָפּענבאך האט אויך צו איהם וועגען שורקינען טעלעפאָנירט?

— דאָס איז ווירקליך זעהר א קלוגער ראטה! — האט דער פּריסטאוו ער־פרייהט געזאָגט — איך טהו עס דעם זעלבען מאָמענט.

— אָבער קלוג! — האט איהם דער ברודער געזאָגט.

— וועגען דעם זאָרג זיך שוין ניט.

ער איז צוגעגאנגען צום טעלעפאָן און האט אָנגעפרעגט א בעקאנטען פּריס־טאוו צו האט ער אין זיין קווארטאל ערגעץ ניט בעמערקט שורקינען, וועלכער האט זיך צו אָפּענבאַכען אין דער בעשטימטער צייט ניט געמעלדעט.

— איך האב שוין זייט א שטונדע ארויסגעשיקט וועגען איהם נאָכפאָרשען, — האט ער בעקומען אן אנטוואָרט — אָפּענבאך איז דאריבער שטארק אויפגערעגט. איוואנאָוו'ס פינסטערע געזיכט איז ערהייטערט געוואָרען.

— ער וויים קדחת, — האט ער זיין ברודער ערפרייהט געזאגט — יעצט מוזען מיר זיך בעראטהען וואס טהוט מען מיט שורקינען?

— איך קען דא אויך צוליעב איהם שטארק ארייןפאלען! — האט אנטאָן מיט א פינסטערע מינע געזאגט — אָבער וואס קען מען מיט איהם מאכען?

— ערמאָרדען! — האט דער פּריסטאוו קאלט און רוהיג געזאָגט — א דאנה, איין הונד וועניגער.

— ניין, ברודער! איך אליין וועל דיר ביי אזא טהאט ארויסגעבען, — האט אנטאָן מיט א שטרענגע שטימע געזאָגט — בלוט פערגיסען וועל איך דיר אויף קיין פאל ניט דערלאָזען!

— אלזאָ, ווילסט דוא אז איך זאל געהן אויף קאטערגא? — האט איהם דער פּריסטאוו צאָרניג געפרעגט.

— איך אליין בין אויך ניט גאנץ זיכער! — האט אנטאָן איהם געענטפערט — איך האב מיך וועגען אלעקסייעוו'ן זעהר שלעכט אויסגעדריקט, און וויא באלד שורקין האט עס געהערט, קען ער מיר נאך צוציהען צו דיא בעשולדיגטע שיסער, בעזאָנדערס נאָך, אז איך האב מיך אמאל זאָ־וואס אויסגעדריקט, ווען דער לומפּ אלעקסייעוו האט מיך פון מיין שטעלע ענטזאגט.... דאך וועל איך דיך אויף קיין פאל ניט דערלאזען צו ערמאָרדען א מענשען. דוא בעדארפסט אויך וויסען, אז דיא זאך וועט ארויפשווימען. צוויי אָקאָלאָדאָטשניקעס האבען איהם פון דיין הויז געבונדען ארויסגעפיהרט, צוויי האבען געווים געזעהן וויא דוא האסט איהם אין קעלער ארייןגעוואָרפען, און אויסער דעם שרעקליכען פערברעכען וויא צו ערמאָרדען א מענשען, קענסט דוא זיך דאדורך מיט א געוויסען טוידט בעזאָרגען.

דער פּריסטאוו האט זיך פערטראכט.

— זיא! זיא! — האט ער פּלוצלינג אויסגעשריען — זיא מאכט מיך אונגליקליך!

— וועמען מיינסט דוא? סאָנקען?

— ניין, זיא האט מיך שוין אונגליקליך געמאכט — האט דער פּריסטאוו זיפצענד געזאָגט — אָבער איך מיין מיין אַרורה, זאל איהר דיא ערד צונעהמען!

— יעצט האסט דוא זיך ארומגעזעהן? — האט איהם זיין ברודער מיט א שפּאָטישען טאָן געפרעגט — מיר שיינט אז דוא ווייסט שוין פון לאנג, אז פאר א קוק טהאן אויף א שעהן מיידעל אדער ווייבעל, וואלט זיא דיך פערברענט א לעבעדיגען! אויסער דעם פעהלער איז זיא א גאנץ עהרליכע, אנשטענדיגע פרוי.

— אזא יאהר אויף איהר! — האט דער פּריסטאוו געברומט — ווען איך וואָלט ניט מורא געהאט פאר איהר טאטען מיט'ן גענעראלסקען מונדיר, וואלט איך זיא שוין לאנג דערוואָרגען וויא א צויג, אבער וויא קריגט מען יעצט פון איהר ארוים א צעהן טויזענד רובל?....

— צו וואָס בעדאַרפסט דוא גראַדע יעצט אזא סומע?

— מיר איז איינגעפאלען א פּלאן שורקינען אונטערצוקויפען! — האט דער פּריסטאוו איהם געענטפערט — וויא באלד ניט א בלייענער קוגעל אין שטערן, גלויב איך, אז אזא סומע זאל מיך דא אויסהעלפען.

— דאס איז ווירקליך א גוטער פּלאן! — האט אנטאָן ערפרייהט געזאָגט — אבער האָסט דוא דען ניט אזא קליינע סומע אין דיין אייגענעם קאַפּיטאל? דוכט זיך אז דוא שאַרסט הויפענס גאָלד פון דיא זשידעס.

— איך בין א גרויסער בעל הוצאה! — האט דער פּריסטאוו איהם געענט־פערט און האט געגען זיין ווילען א שמייכעל געטהאן.

— אז דוא ביזט אזא פאַטשער, — האט אנטאָן איהם לאַכענד געזאָגט — מעג שוין אויך דיין ווייב זיין א פּאַטשערקע.... און וויפיעל זיא פּאַטשט איז נאך אליץ ווייניג. א פּריסטאוו וויא דוא וואס שאַרט גאָלד, מוז ביי א נויט האבען אזא סומע; און ווען ניט, בעדאַרפסט דוא אויף דיין פלונית'טע גאַר קיין פערדרוס ניט האבען, און דוא מוזט זיך יעצט פון איהר לאזען אביסעל אויספּאַטשען, אום דוא זאָלסט וואס גיכער דיא צעהן טויזענד רובל בעקומען. איך גלויב אז אזא סומע וועט אויף שורקינען זעהר גוט ווירקען, און ער וועט שטומען וויא א פיש.

דער פּריסטאוו האט פערביסען מיט דיא צייהנער.

— איך מוז בעצייטענס וועגען דער סומע מיט איהר אָנהויבען צו האנדלען!

— האט ער ביטערליך געברומט — דוא, ברודער, וועסט מיר מוזען אין דעם בע־הילפיג זיין.

— וויפיעל איך וועל נור זיין אין שטאנד, — האט אנטאָן איהם געזאָגט — אבער הלואי זאל עס אונז געלינגען!

— ניש־קשה! — האט דער פּריסטאוו נאך א קורצען נאכדיינקען געזאָגט — זיא וועט מיט גאָט'ס הילף בעסער ווערען, איך וויים וויא מיט פרויען צו האנדלען.

— אָבער ניט מיט אן אייגענע! — האט אנטאָן איראָניש זיך אויסגעדריקט.

— צו אן אייגענע זיינען נאך דא פיעלע אנדערע מיטלען! — האט דער פריסטאוו זיך אליין געטרייסטעט — זיא איז אפילו א שלעכט ווייבעל און זיא האט מיך דא געכאפט ביי דער האנד; אבער פריסטאוו איוואנאוו איז ניט קיין איינגעל! דא וועט וויינען און געבען.... אז ניט — וועל איך אליין נעהמען.... צווישען זיך וועט עס פערבלייבען!....

26טעס קאפיטעל.

# אין אלעקסייעוו'ס קאבינעט.

אין דעם טאג ווען פיליפאוו האט בעזוכט חיטראוועינען, איז אלעקסייעוו געזעסען אין זיין רייכען קאבינעט אויף א ווייכע זאפע, לעבען איהם איז געלעגען אויסגעצויגען זיין גרויסער בערגארדיאנער הונד „נערא" און האט געהאלטען זיינע גראבע לאפעס אונטער זיין ברייטע מארדע און אנגעקוקט מיט זיינע גרינע אויגען דעם מאסקוועער בעל־הבית, וועלכער האט גערויכט א גוטען ציגאר און איז געווען א ביסעל פערטראכט. איבער זיין קאפ איז געווען דער פארטרעט פון אלעקסאנדר דעם דריטען אין א גרויסען פארמאט, געפאסט אין א גאלדענע ראם און זיינע טיגערשע אויגען האבען זיך יעדע ווייל בעגעגענט מיט דיא פייערינע בליקען פון דעם גרויסען הונד „נערא", נור אנשטאט וואס אין נערא'ס אויגען איז געווען צו בעמערקען עפעס א מילדקייט, א פריינדליכקייט, איז אין זיין קאמעראד'ס אויגען, וועלכענס בילד הייננט אויפ'ן וואנט, זיך ניט געפונען איין מילדער אויסדרוק. זיי האבען אויסגעזעהן וויא אויגען פון א ווילדע חיה וואס איז צוגעשמידט צו א קייט. נערא האט אלע ווייל א לייכטען האווקע געטהאן, ריכטיג וויא ער וואלט זיך געשראקען פאר יענע גרויזאמע אויגען וואס קוקען איהם אזוי שטריינג אן, און דריקען אויס א ראמאנאוו'ס „בים פא סעמו" מיט דריי גראבע אויסרופצייכענס!

אלעקסייעוו האט אלע מאל א גלעט געטהאן זיין הונד פאר זיין געדיכט־האריגען קאפ און האט גערויכערט זיין ציגאר, פון וועלכען עס האבען זיך אויפגע־הויבען הימעל־בלויע קייקעלאך און איינע נאך דער צווייטער זיך ארויסגע'גנב'עט דורך דער האלב־אפענער פארטעטשקע אין דעם גרויסען גארטען הינטער זיין קאבינעט, פונקט וויא זיי וואלטען מורא געהאט צו זיין אין איין צימער מיט דיא דריי גרויסע באנדיטען וויא אלכסנדר, אלעקסייעוו און זייער קאמעראד „נערא" וועל־כער איז ווירקליך ניט געווען איינער פון דיא גוטע הינד וואס זיינען יוצא מיט'ן בילען אליין....

נערא האט זיך פלוצלינג א הייב געטהאן, האט זיך א ווארף געטהאן צו דער טהיר און האט איינגע מאל אויסגעהויקעט מיט א באסאווע האלב־הייזעריגע שטימע.

— רוהיג! — האט איהם זיין ווירטה בעפוילען און דער הונד האט זיך א ביסעל בערוהיגט.

אין דער טהיר האט זיך געהערט א לייכטער אנקלאפען און זיין דיענער איז אין קאבינעט אריינגעגאנגען.

— א מאַן, א איד — האט דער דיענער האלב־שמייכלענד געזאגט — ווינשט אייך צו זעהן, און דער דיענער האט איהם דערלאנגט א קליין וויזיט־קארטעל אין וועלכע אלעקסייעוו האט א ווײלע אריינגעקוקט.

— הייס איהם אריינגעהן — האט ער דעם דיענער שוואך געזאגט — און באלד איז אין קאבינעט אריינגעקומען א מאַן פון א יאהר זעכציג מיט אן עכט אידישעם געזיכט און מיט א שעהנעם גרויען בארד.

ער האט באלד דערקענט דעם אידישען ראבינער ראַנים, וועלכען ער האט מיט א פאָר טאג צוריק געלאדען צו זיך און איבערגעגעבען דורך איהם א שטרייני גען פאַרוואורף דער אידישער געמיינדע, פאר וואס זיא האָדעוועט אויף אזעלכע שעדליכע גאַלדבוימס....

— ווער זייט איהר? — האט איהם אלעקסייעוו קאלט געפרעגט פונקט וויא ער וואַלט איהם ניעמאלס געזעהן.

— איך בין ראַנים, דער ראבינער פון מאָסקווער אידישער געמיינדע — האט ער אלעקסייעוו'ן ערוויעדערט.

— וואס האט איהר מיר צו זאָגען? — האט ער שטריינג געפרעגט.

— א היילינע זאך האט מיך בעוועגט זיך צו בעעהרען און בעזוכען אונזער שטאדט־ווירט — האט איהם דער ראבינער געזאגט — פיעלע רוסישע אונטערטהא־ נער פון פערשיעדענע נאציאָנען, וועלכע וואוינען אין מאָסקווא, האבען יעדערער זייערע געבעט־הייזער. מיר יודען אָבער, וועלכע דער גנעדיגער מאנארך האט ערלויבט צו שטיפטען אין מאָסקווא פערשיעדענע וואָהלטהעטיגע אנשטאלטען, וועלכע טראַ־ גען אויף זיך דעם נאמען פון דער אידישער געמיינדע, האבען לײדער ניט ביי היינטיגען טאג אן אנשטענדיגען טעמפעל, וואו מיר זאלען בעטען גאט פאר דאָס גליק פון זיין קייזערליכע מאַיעסטעט און זיינע הויכגעשטעלטע בעאמטע. מיר האבען נור איינינע „מנינים" וועלכע זיינען ווייניג פאר דיא אידישע בעפעלקערונג אין מאָסקווא —

— אלזאָ ווילט איהר נאך האבען אין מאָסקווא אויך א שוהל? — האט איהם אלעקסייעוו מיט א פערוואונדערטען טאָן אונטערבראכען.

— מיר צווייפלען גאָר ניט אז אייער הויכגעשטעלטע פערזענליכקייט וועט אונז בעהילפיג זיין דיעזען היילינען געדאנק דורכצופיהרען, — האט דער ראבינער ניט אראָפּפאלענד פון מוטה ערוויעדערט — יעדער פערנינפטינער מענש ווייס, אז געבעט־הייזער זיינען דיא בעסטע מיטהעלפער צו מאָראליזירען מענשען און זיי מאכען ניצליך פאר זייער קייזער און פאטערלאנד. געבעט־הייזער מאכען מענשען פאר גלויביגע און עדלען אויס זייערע געפיהלע צו גאט און צו דער מענשליכער געזעל־ שאפט....

— און ווילנער און קאָוונער שוהלען האבען דען אונז ווייניג מזכה געווען מיט אזעלכע שעהנע אידלאך וויא גאָלדבוים און גרינבערג? — האט איהם דער גאָלאָווא מיט א שניידענדען טאָן א פרעג געטהאָן.

— ווען אלע פעלקער — האט דער ראביּנער אויפגערעגט ערווידערט — וואָל־

מען בעדארפט פעראנטווארטליך זיין פאר זייערע פערברעכער, וואלט ביז היינטיגען טאג איין לעבעדיגער מענש אויף דער וועלט מעהר ניט עקזיסטירט. איך בעדארף אייער עקסעלענץ ניט דערצעהלען, אז פערהעלטנים מעסיג זיינען ביי אונז ווייניגער פערברעכער אלס ביי אנדערע נאציאָנען; דיא סטאטיסטיק איז פאר יעדערן אָפען און מען קען עס נאכזעהן; דאך זעהען מיר אז אלע פעלקער ליידען ניט צוליעב איינִיגע אויסווירפע, און ווארום זאלען פיער מיליאָן אידען בעטראכטעט ווערען פאר איין גוף און איין נשמה, און אז איינער בעגעהט א פערברעכען זיינען אלע אידען שולדיג? מעגליך אז יענעביידע אידען זיינען טאקי פערברעכער, אבער וואס האט עס צו מאסקווער אידישער געמיינדע, אז דאס זאל איהר עראינערט ווערען ווען א היילִיגער געדאנק בעגייסטערט איהר און זיא איז געזאָנען צו בויען פאר גאָט א היילִיגען טעמפעל, וואו מענשען גיסען אויס זייערע געפיהלע צום אלמעכטיגען און דאנקען איהם פאר וואס ער לאָזט זיי לעבען און גיט זיי צום לעבען און בעטען פאר זיינע פאָרשטעהער דיא אירדישע געטער, אז ער זאל זיי בעגליקען און בעפריי־דיגען אום זיי זאלען קרעפטען האבען צו רעגירען און בעגליקען דער מענשליכער געזעלשאפט?

— אומזיסט אייערע רייד! — האט איהם אלעקסייעוו שארף געענטפערט — מאָסקווא בעדארף קיין אידישע שוהל, וויא גאנץ רוסלאנד בעדארף ניט קיינע אידען.... מיר וועלען זיך דיא מיה געבען אז דאס זאל ניעמאלס געשעהן, ווייל מיר בעדארפען אין אונזער היילִיגער מאָסקווא אין אלגעמיין קיין אידישע געמיינדע.

א שטילער זיפץ האט זיך ארויסגעכאפט פון ראבינערס הערץ, ער האט זיך לייכט פערנייגט, און אזוי וויא ער איז דיא גאנצע צייט פון זיין ריידען, גאנץ נאָ־הענט געשטאנען צו דער טהיר, איז ער מיט צוויי טריט הינטער זיך שוין געשטאַ־נען פון יענער זייט. דער הונד האט זיך נאָכ'ן ראבינערס אוועקגעהן פערקוקט אויף זיין ווירטה, ריכטיג וויא ער וואלט וועלען אויסדריקען „גאָט צו דאנקען, געפטרט א אידען”....

נאך א לייכטען אָנקלאפען איז אריינגעקומען צו איהם אין קאבינעט א הויכער דיקער פערזאָן פון א יאָהר פערציג, מיט א לאנגען שווארצען באָרד וועלכען מיר האבען געזעהן ביים אָבער־פאָליציימייסטער אויפ'ן באל.

— אָ, איסטאָמין! — האט אלעקסייעוו פרעהליך אויסגעשריען — וואס מאכסט דוא? איז שוין דיין לאפע אויסגעהיילט?

— איין לייכטען ארבעסעל — האט איסטאָמין לאכענד געזאָגט — האט נאך היינט דאָקטאָר וואסיליעוו פון דאָרט ארויסגעשלעפט. איך טראג א באנדאזש, אבער צו א פראָפעראנס קען עס ניט שטערן.

— ווייסט דוא ניט וואס מאכט מאלליך?

— דער טייפעל וועט א זשיד אזוי גיך ניט צוכאפען! — האט איסטאָמין שמייכלענד געזאגט — עס איז נאך בעשערט אז ער זאל ווייטער מאָסקווא בדלות שטעלען. ער לעבט און ער איז געזונד וויא א מויער.

— וואס פאר א גליק זיי האבען דאס! — האט אלעקסייעוו געזאגט — די גענב'עטע צירונג איז אויך אויסגעפונען געווארען!

— איך האב דיר וועגען דיא זשידעס ניט קיין גאנץ פרעהליכע נייס געבראכט!

— האט איסטאָמין נאך א קורצע פויזע איהם געזאגט — מיין אלטער דאָלגאָרוקאָוו איז געזאָגנען זיי צו געבען אן ערלויבנים, צו בויען אין „ספאסאָ-גאָלינטשעסקי פער-רעאולאָק״ א גרויסע שוהל!

— וועה! — האט זיך פון אלעקסייעוו'ס ברוסט א שטימע אויסגעריסען ריכטיג וויא א שלאנג וואלט איהם א ביס געטהאן.

— דוא קענסט עס אבער ניט דערלאזען — האט איסטאָמין איהם מיט אן ערנסטע שטימע געענטפערט.

— וויא נעהמט מען אבער געגען דעם אלטען גענעראל־גובערנאטאָר? דיזער טייפעל איז ביי זיך זעהר שטאָלץ, און אז איך וועל איהם זאגען ניין, וועט ער גראדע זאגען יא.

— דערצו איז נור איין ראטה, אז דוא זאָלסט פאָהרען צום מאָנארך מיט אן אודיענץ — האט איהם איסטאָמין געזאגט — דוא קענסט עס נאך צייטליך פערכאפען.

— איך בין יעצט פאָריגע וואך ביי איהם געוועזן, שאדע וואס איך האב עס ניט געוואוסט!

— אלזאָ ווייסט דוא עס יעצט — האט איסטאָמין מיט אן ערנסטע מינע געזאָגט — און וויא באלד דוא ביזט נור ניט פויל, קענסט דוא דאָס פערהיטען.

— מיר וואונדערט זעהר — האט אלעקסייעוו נאך א קורצען נאכדענקען געזאגט — וויא קומט יעצט דער זשידאָווסקער ראבינער מיר בעזוכען וועגען דער שוהל, וועהרענד דיא זשידעס האט שוין געלונגען דעם אלטען נארר איבערצוריידען? ווייסען זיי דען ניט אז מיר איז שווער געגען איהם צו געהן?

— דאָ ליגט א זשידאָווסקער שפיצעל! — האט איסטאָמין איהם געענטפערט

— זיי ווייסען אז דוא קענסט זיי נאר אָן א זייט א צרה אנמאכען, דארום האבען זיי געשיקט צו דיר דעם ראבינער, אום דיך פאר זיך צו געווינען; און דערווייל וועט דיא הייליגע פראוואָסלאווגע שטאָדט מיט איהרע וועלט בעריהמטע קירכעס האבען א זשידאָווסקע "שוהל!

— דאָס וועט ניט געשעהן! — האט אלעקסייעוו צאָרניג אויסגעשריען און איז פון זיין שטעלע אויפגעשפרונגען — נאך היינטיגע וואך פאהר איך דאריבער עקסטרא נאך פעטערבורג! איך וועל דעם אלטען אליין אויך פאר אונזער מאָנארך פאָרשטעלען אין זיין ריכטיגען אויסזעהן.... ווייסט דוא, איסטאָמין, אז ער איז מיט אלע אידישע מיליאָנערען איין אויער?

— איך קען מיין דאָלגאָרוקאָוו'ן זעהר גוט! — האט איסטאָמין מיט א שמייכעל געענטפערט — ער איז א זשידאָווסקער פערטהיידיגער און שטעהט פאר זיי שטאָל און אייזען. אז א פריסטאוו אָדער דער אָבער־פּאָליציימייסטער אליין שרייבט אָן א אידען „נא וויעזד״, ווענדעט ער זיך גלייך צום אלטען דאָלגאָרוקאָוו, און ער

בעקומט פון איהם אן ערלויבנים צו פערבלייבען אין מאָסקווא וויא לאנג זיין הארץ גלוסט. ער האט דיא זשידעס פערפלאדזשעט אין מאסקווא וויא דיא וואנצען און מיט דער צייט, וועלען זיי אונז אלעמען פערניכטען און מאסקווא וועט פערבלייבען א אידישע שטאדט וויא ווילנא אדע בערדיטשעוו. ווייסט דוא אבער, אלעקסעיעוו, צוליעב וואס איז מיין אלטער גענעראל־גובערנאטאָר אזא יודען־פריינד? גאר איינ־פאך צוליעב דער מטביע! ער בעקומט אָפט א גמילות חסד פון פּאָליאקאָוו׳ן אדער פון מאלליד׳ן, ער האט גיט פון וואנען דיא געלד אפּצוגעבען, ווייל ער פערלעבט פינף מאל אזוי פיעל וויא זיינע איינקינפטע. און דערווייל בלייבט ער דיא זשידעס א בעל חוב און ער צאהלט זיי אפּ מיט גוטע בעהאנדלונגען געגען זייערע ברידער, און גאנץ מאסקווא איז שוין בעזעצט מיט זשידעס!

— מיין ניט, איסטאָמין, אז איך ווייס עס ניט — האט אלעקסעיעוו געענט־פערט — אבער איך וועל דעם אלטען הולטיי אזוי בעגראָבען, אז ער וועט מיך האבען צו געדענקען. איך וועל עס טהאן ביסלאך־וויז, ווייל ער איז זעהר ביי דעם מאנארך געאַכטעט! אבער א שוהל אין מאסקווא וועלען דיא זשידעס אויף קיין פאל ניט דערלעבען צו זעהן! אזוי ווייט וועל איך נאך פּועל׳ן ביי אונזער מאָנארך, חאָטש דאָלגאָרוקאָוו זאל צוואנציג מאל זיך אונטערשרייבען אויף דער ערלויבנים.

— יעצט בין איך שוין רוהיג! — האט איסטאָמין מיט א פרעהליכע מינע געזאגט — אבער דוא בעדארפסט זעהן וואס אם שנעלסטען פאהרען נאך פּעטער־בורג; דיא זשידעס בעדארפען גאר ניט דערלעבען צו האבען אן ערלויבנים אין קעשענע, און צו פערהיטען א זאך איז פיעל לייכטער איידער איהר צו פערניכטען ווען זיא איז שוין אפּגעטהאן.

— זיי איסטאָמין זיכער, אז איך וועל עס שוין בעזאָרגען! — האט אלעקסייעוו מיט א שטאָלצען טאָן איהם געענטפערט — און פאָרלויפיג וואָלט ניט גע־שאַדעט, אז איינער פון אונז זאל זיך זעהן מיט פּאסטוחאָוו׳ן און איהם אונטער־העצען ארויסצוטרעטען מיט א פייערינען ארטיקעל וועגען דיא זשידעס אין זיין „מאָסקאָווסקי ליסטאָק" און אויפווייזען, אז זייערע שולען זיינען דיא אורזאבע פון אלע זייערע גנבות און שמוציגע טהאטען, ווייל זיי דיענען פאר זיי אלס ראטה־הייזער, וואו זיי האלטען אפּ זייערע געהיימע פערזאמלונגען און בעראַטהען זיך וויא צו בעטריגען און בעשווינדלען אונזער ארעמען פאָלק.... איך וועל דאס בלעטעל געבען דורכלעזען אונזער מאנארך און איך וועל ניט בעדארפען פיעל ריידען!

— וועסט דוא פיעללייכט היינט לאדען פּאסטוחאָוו׳ן צו זיך? — האט איהם איסטאָמין געפרעגט — דיין פלאן איז א גוטער און עס וואָלט זעהר גלייך געוועזן, אז מאָרגען זאל שוין דער ארטיקעל זיין אפּגעדרוקט; איך פון מיינער זייטע וועל דאס בלעטעל אונטעררוקען מיין דאָלגאָרוקאָוו׳ן, און מעגליך, אז דאס זאל איהם אפּהאלטען פון דער גאנצער געשיכטע.

— איך טהו עס זאָפאָרט! — האט אלעקסייעוו נאך א קליינעם נאכדענ־קען געזאָגט.

ער האט זיך אוועקגעזעצט ביי זיין שרייב־טיש און נאכהער וויא ער אויפגעשריעבען איינינע ציילען אויף זיין וויזיט קארטעל, האט ער א דריקגעטו א קנעפעל לעבען זיין שרייב־טיש. עס איז באלד אריינגעלאפען א דיענער.

— דיעזען בריעף — האט ער דעם דיענער געזאגט אריינלייגענד דאס קארטעל אין א קאנווערט — זאלסט דוא גלייך אוועקטראגען צו פאסטוהאוו׳ן, און אויב ער וועט דיר גאר ניט זאגען, זאלסט דוא איהם בעטען א שריפטליכען אנטווארט.

— סלושאיו׳ס וואשע פרעוואסחאדיטעלסטווא! — האט דער דיענער זיך פערנייגענד געזאגט און איז גלייך מיט׳ן בריעף אוועקגעגאנגען.

— ווער קען עס זיין דער נייער שיסער? — האט אלעקסייעוו נאך א קורצע פויזע וויא צו זיך אליין געפרעגט — איך גלויב, אז מיר האט מען עס געמיינט.

— אין דעם איז גאר קיין צווייפעל ניט — האט איסטאמין ערוויעדערט — אבער מיך וואונדערט וואס דוא זאגסט דער „נייער שיסער״, פונקט וויא איינער וואלט געזעסען אין דער קיביקטע. איך האב געזעהן צוויי, און דער אנטרייבער דוכט זיך איז אויך קיין הונד ניט.

— זיי זיינען געווים זאבארינס קאמעראדען! — האט אלעקסייעוו געזאגט — נאר איך וויים ניט, וואס האט זאבארין אליין צו מיר געהאט? ער איז גאר א סטודענט פון לעצטען קורס יורידיטשעסקי פאקולטעט וועלכען איך האב גאר ניעמאלס געזעהן פאר דיא אויגען און ווען ער זאל אפילו שוין זיין א ניהיליסט, וואס האט ער צו מיר? איז דען פאר דיא ניהיליסטען ניטא וויכטיגערע פערזאנען אויף וועמען צו שיסען? דוכט זיך, אז סאבאקאוו דער גענעראל פון „טרעטאיע אטדעלעניע״ אדער אפענבאך דער אנפיהרער פון געהיים־פאליציי, זיינען פאר דיא ניהיליסטען פיעל געפעהרליכער אלס איך!

— דא איז עפעס א פערזענליכקייט! — האט איסטאמין געענטפערט.

— איך האב דיר שוין געזאגט, אז איך קען גאר ניט דעם זאבארינען און האב איהם קיין מאל ניט געזעהן. זיין מוטער אננא זאבארין וואוינט גאר אין פעטערבורג און קיינע אינטריגען צווישען מיר מיט איהר זיינען גאר ניעמאלס פארגעקומען, זיא איז שוין זייט איינינע יאהר האלב־געלעהמט און האט ניט מיט קיינעם קיין פערקעהר. מיר איז יעצט געסטערן בעוואוסט געווארען ווער זיין מוטער איז און מיר וואונדערט זעהר וואס האט איהר זוהן צו מיר?

— האט זיא ניט פיעללייכט עפעס א שעהנע טאכטער? — האט איסטאמין מיט א שמייכעל געפרעגט.

— ניין, איסטאמין, — האט אלעקסעיעוו האלב ערנסט און האלב שמייכלענד ערוויעדערט — איך האב ערפאהרען, אז זאבארין איז איהר איינציג קינד... טא וויא קומט עס, אז ער זאל מיך דערהיטען ארויסגעהענדיג פון „אוספענסקי באזאר״ אין „קרעמעל״ און אויף מיר צוויי מאל שיסען?

— מעגליך, אז זאבארין האט ערגעץ א שעהנע בראוט, וועלכע איז דיר געפעלען געווארען.... — האט איסטאמין געשניטען.

— און דוא איסטאָמין ביזט גאר א צאצקע! — האט אלעקסעיעוו פערדריס־ ליך געזאגט — און ווען מען זאל טאקי פאר א „שטיף" אלץ אזוי שיעסען, האסט דוא שוין מיין טהייערער, לאנג ניט בעדארפט לעבען.

— טא וויא דען איז דאס? — האט איסטאָמין שפּאָטיש געפרעגט — איך וועל פרעגען דיא אייגענע קשיא וואס דוא: האבען דען ניט דיא ניהיליסטען געמוזט שיסען אויסער אלעקסייעוו'ן?

— דוא האסט דאך מיר אליין געזאגט, אז ז'אס שטאמט פון דיא זשידעס? האט אלעקסעיעוו נאך א קורצען שטילשווייגען זיך אָפּגערופען.

— דאס איז אפילו א סברה — האט איסטאָמין געענטפערט — נאר איך האב מיך בערעכענט, אז זיי זיינען צו גרויסע פּייגלינגע אזא זאך צו טהאן.

— גענוג, אז זיי נעהמען אין דעם נאר אן אנטהייל — האט אלעקסעיעוו געזאגט — זיי זיינען אויסגעמאכטע יונגען און האבען ליעב צו שיסען דורך אנדערע.

— אין דעם צווייפעל איך גאר ניט — האט איסטאמין געענטפערט — אבער ווער קען עס זיין דיא אנדערע שיסער מיט א מעת לעת שפּעטער? האסט דוא פאר דער לעצטער צייט גאר ניט געזינדיגט? דוא האסט דאך עפּעס ניט לאנג געשלעפּט א שעהן מיידעל אין דיין קיביטקע....

— פאר דער לעצטער צייט אפילו דריי — האט אלעקסעיעוו מיט א שמייכעל געזאגט — אבער וויא קומט זאכארין? וויא קומען דריי מיט אמאל אין איין קיביטקע?

— ווארום זאלסט דוא ניט גלויבען, אז דריי ברידער פון יענע מיידלאך האבען זיך צוזאמענגעלייגט דיר צו שענקען א בלייענע נדבה? — האט איסטאָמין לאבענד געפרעגט.

— דאס איז זעהר ווייטלויפיג — האט אלעקסעיעוו געענטפערט — וויל צוויי פון זיי, ווייס איך בעשטימט, אז זיי קענען מיך גיט פערזענליך און איינע איז א זשידאָווקא און איהרע ביידע ברידער שטודירען נאר אין פעטערבורג. אויסער דעם, ווייסט דוא דאך, אז אונזער סיסטעם אין דעם פאך איז זעהר א גוטער — וויא דיא זאך געשעהט, צו עס געלינגט אדער ניט, שעהמען זיך דאך דיא מיידלאך אויסצוזאגען.

— וויא קלוג דוא ביסט, — האט זיך איסטאָמין געטראכט — ביסט דוא אין אזעלכע זאכען, וואו דיין ליידענשאפט בעהערשט דיך, ניט „איבערשפּיציג" אדער דוא מאכסט זיך צום נארר.

אין דער ווייל האט איהם א דיענער געמעלדעט, אז טימאפיי חיטראָוויצין ווינשט איהם צו זעהן.

איסטאָמין האט זיך מיט'ן מאסקאווער גאלאָווא ברידערליך פעראבשיידעט און איז אוועקגעגאנגען.

— אָ, וואָס מאכט איהר פריינד? — האט אלעקסעיעוו חיטראָוויצינען גע־ פרעגט ביי זיין אריינגעהן אין'ם קאבינעט און האט איהם געדריקט זיין האנד.

— איך דאנקע! — האט איהם חיטראָווצין מיט זיין נעוועהנליכען שמייכעל נעענטפערט און האט זיך גאנץ היימיש נעגען איהם אויף א שטוהל אוועקנעזעצט.

— איך האב אייך טאקי וועגען פיעלע זאכען זעהר נעטהיג בעדארפט זעהן — האט צו איהם אלעקסעיעוו געזאגט — איך האב אייך היינט געוואלט בעזוכען. נו, אז איהר זייט אליין צו מיר נעקומען איז געווים רעכט.

— איך בין בערייט אייך צו דיענען! — האט חיטראָווצין ליעבליך נעענטפערט.

— איך האב מיך מיט אייך וועגען פיעלע זאכען צו בעראטהען — האט אלעקסעיעוו פאָרטגעזעצט — נאר דיא זאך וואס איך פאנג יעצט אָן מיט אייך צו ריידען איז פערבונדען מיט זעהר אן אלטע געשיכטע און דאס מוז ביי אייך פערבלייבען א שטרענגע געהיימנים.

— חיטראָווצין זאגט פון חדר ניט אויס! — האט דער גאסט מיט א שטאָלצע שטימע געענטפערט.

— און איך פערטרוי עס אייגענטליך אייך — האט אלעקסעיעוו ווייטער געזאָגט. ווייל איהר זייט חיטראָווצין, און איך דענק, אז איהר וועט מיר געבען א גוטען ראטה, דען איהר זייט מיט אזעלכע זאכען אויסגעבונדען און איך טרעט שוין צו צו דער געשיכטע:

מיט איינינע און צוואנציג יאהר צוריק האב איך געהאט א טהייערען ברודער אין פעטערבורג, מיט וועלכען איך בין צוזאמען ערצויגען געוואָרען, — האט אלעקסעיעוו עטוואָס ערניעדערנדיג זיין שטימע גערעדט — ער האט געהייסען „דמיטרי" און איז געוועזן א פיין אינגעל. וועלכער האט צו זיין פערצעהן־יעהריגען אלטער דערשאסען דעם דירעקטאָר פון זיין גימנאזיום און האט באלד געמאכט פליטה. אלע צייטונגען האבען דאמאלס געקלונגען מיט דעם יונגען מערדער און מיין פאָטער סערגעי האט געהאט אזעלכע חרפות ביושים, אז ער האט זיך א לאנגע צייט אויף דער גאס ניט געקענט ווייזען. איך אליין ווען איך בין שפּעטער עלטער געוואָרען, האב דאדורך זעהר פיעל געליטען. ווער עס פלעגט זיך מיט מיר צורווערטלען, האט ער מיר באלד אויפגעוואָרפען דיא חרפה אז דמיטרי איז מיינער א ברודער.... מיט דער צייט אבער איז דאס פערגעסען געווארען און מיין פאָטער האט שוין גאר וועגען זיין אנטלאָפענעם זוהנעלע ניט געטראכט און ניט געדענקט. שטעלט אייך אבער הערר חיטראָווצין פאָר, וויא איבערראשט איז מיין פאָטער געוואָרען, ווען פאָריגע וואָך, האט ער פּלוצלינג ערהאלטען פון דמיטרין א בריעף אויס קיעוו, אין וועלכען ער בעט איהם דאס ער זאל איהם וואס אם שנעלסטען ארויסשיקען צוואנציג טויזענד רובעל און ווען ניט, גיט ער זיך איבער צו דער פּאָליציי, און גאנץ רוסלאנד וועט אויף דאס ניי קלינגען מיט דמיטרי דעם מערדער און דיא צייטונגען וועלען אבערמאלס האבען א געלעגענהייט צו עראינערן מיין פאטער ביי אזא שמוציגע זאך.

— דאס איז שרעקליך! דאס איז שרעקליך! האט חיטראָווצין וואָרפענד מיט זיין קאפּ רעכטס און לינקס מיט אן ערשטוינטע מינע געזאגט.

— דעם בריעף האט מיר מיין פאטער פון פעטערסבורג אריינגעשיקט — האט אלעקסייעוו וייטער פארט־געזעצט — און ער פרעגט ביי מיר א ראטה וואס זאל ער יעצט טהאן. שטעלט אייך אבער הערר חיטראָווצין פאר, וויא ערשטוינט און איבערראשט בין איך געוואָרען, אז געסטערן האב איך אליין פון מיין ברודערקע אויס קיעוו א בריעף ערהאלטען, אין וועלכען ער פערלאנגט פון מיר אויך צעהן טויזענד רובעל אום מיין נאמען זאל דורך איהם ניט בעשמוצט ווערען מיט דעם וואס ער וועט זיך צו דער פאָליציי איבערגעבען, אין פאל אז איך וועל איהם דיא סומע ניט אריינשיקען.

— דאס איז עפּעס א טייפעל! — האט חיטראָווצין ערשטוינט אויסגעשריען.

— ניט א טייפעל, נור דער אשמדאי אליין, — האט אלעקסייעוו אויפגערעגט געזאגט — איך וואָלט גערען וויסען פון וואגען וויים „דמיטרי" פון מיינע שטרענגסטע געהיימניסע? ער איז פּלוצלינג וויא פון דער ערד ארויסגעשפּרונגען און ער האט מיך מיט זיין שרייבען אזוי צערשמעטערט אז איך בין גאָר אויסער זיך. ער וויים אפילו, וואס איך האב מיט אכט טאג צוריק געטהאן מיט דיא גרעסטע פאָרזיכ־טיגקייט. פון דיא אלטע אמאָליגע געשיכטען איז גאָר קיין רעדע ניט. איך בין אזוי דערפון ערשטוינט און איבערראשט, אז איך נעה שיער פון זינען ניט אראפּ. ער איז אנטלאפען ווען ער איז פערצעהן יאהר אלט געוועזען און איך — צוועלף. מיין פאטער האט געהערט אז ער געפינט זיך אין פאריז, און אין איינינע צוואנציג יאהר ארום — נא דיר א „דימיטרי" וועלכער וויים וואס עס טהוט זיך אפילו היינט ביי מיר אונטערן נאגעל.

— דאָס איז א מערקווירדיגע געשיכטע! — האָט חיטראָווצין מיט א פער־וואונדערטע מינע געזאגט.

— קענט איהר פיעללייכט אין קיעוו עפּעס א פיינעם יונג, וועלכער איז פעהיג צו אזעלכע טייפעלשע שטוקעס? — האט איהם אלעקסייעוו העכסט אויפגערעגט געפרעגט. איך דיינק אז „דימיטרי" איז היינט עפּעס איינער פון דיא גרעסטע פיינע־בריות וואס מען פרעגט זיך אויף זיי.

— ליידער שטעה איך ניט אין קיעוו מיט קיינעם אין פערבינדונג — האט איהם חיטראָווצין ערוויעדערט — איך האב דאָרט אין אלגעמיין קיינע בעקאנטע.

אלעקסייעוו׳ס געזיכט האט אנגענומען א פינסטערע מינע. ער האָט ערוואר־טעט דורך חיטראָווצינען עפּעס זיך ערקונדיגען וועגען זיין טהייערען ברודערקע אין קיעוו; ענדליך איז דאָרט חיטראָווצין מיט קיינעם ניט בעקענט.

— אלזאָ — האט אלעקסייעוו טרויעריג געזאגט — וואָלט איך ווינשען צו הערען אייער ראטה, וויא מיין פאטער און איך זאלען זיך יעצט מיט דמיטרי׳ן בעגעהן? איך גלויב אז ער וועט ניט זיין אזא נארר און זיך איבערגעבען צו דער פּאָליציי, און דאס איז מעהר ניט וויא געדראָהעט.

— דאס קענען מיר בעשטימט ניט וויסען — האט חיטראָווצין נאך א קורצען נאכדענקען ערוויעדערט — מעגליך אז „דמיטרי" געפינט זיך אין א גרויסע פער־לעגענהייט, און נויטה קען א מענשען ברענגען צו אלעם.

— רעטען א מענשען פון נויטה — האט אלעקסייעוו ווייטער נערעדט — קען מען אויך מיט הונדערט רובעל. וואו איז עס נעשריעבען אז מען זאל איהם שיקען דוקא ד ר י י ס י ג טויזענד רובעל?

— און זיינע בריעף? — האט חיטראָווצין שמייכלענד איהם אונטערבראָכען — און אז ער בעט דרייסיג טויזענד, ווייס איך ניט צו אזא פיינער יונג, וועט עס לאזען פאַר ביליגער.

— אלזאָ, איז אייער ראמה אז מיר זאלען איהם דיא גאנצע סומע ארייג־שיקען? — האט אלעקסייעוו איהם טרויעריג געפרעגט.

— ביי מיר האט איהר געפועל'ט זאגאר איין קאָפּיקע איהם ניט צו שיקען— האט חיטראָווצין רוהיג ערוויעדערט — אבער אז איהר פרעגט ביי מיר א ראַטה, זאג איך מיין מיינונג אז מען קען דאַ גאָר ניט גוט אָפּשניידען.... מאלע וואָס אזא וואוילער יונג קען אָפּטהאָן? ער זעהט אויס צו זיין עפּעס גאָר ניט קיין נאַרר, און אז ער ווייס פון אזעלכע געהיימניסע, פּאַסט איהם טאַקע ווירקליך דער נאמען א ש מ ד י מיט וועלכען איהר האט איהם געקרוינט.

— לאָמיר נור הערר חיטראָווצין בערעכענען, וואס קען ער מיר דא טהאָן? — האט אלעקסייעוו זיך קנייטשענד געפרעגט.

— אז דער מאָסקווער גאָלאָווא זאל איין מינוט ניט בעדארפען איבער־טראַכטען טאָמער ניט ער זיך ווירקליך איבער צו דער פּאָליציי — האט איהם חיטראָווצין אונטערבראָכען — איז דאס אליין שוין פאר איהם ווערטה צעהן טויזענד רובעל, און ווייטער פערשטעהט אליין.

אלעקסייעוו האט זיך שטאַרק פערטראַכט.

— איהר האט הערר חיטראָווצין, רעכט — האט ער נאָך א לאַנגען נאָכ־דענקען איהם געענטפערט—איך זעה אז „דמיטרי" איז עפּעס א פייערדיגער קערל און מיט פייער וויל איך מיך ניט שפּיעלען. ער איז אזא מופקר אז ער האָט זיך געהייסען שיקען דאס געלד דורך אַן אנווייזונג אויף דער קייזערליכען באַנק.

— און טאַקע אויף זיין ריכטיגען נאמען „דמיטרי סערגייעוויטש"? — האט איהם חיטראָווצין מיט א תמ'אוואַטע מינע געפרעגט.

— פּאַר אזא נאַרר זאָלט איהר איהם האַלטען? — האט איהם אלעקסייעוו געפרעגט — ער שרייבט זיך טאַקע אין זיינע בריעף אונטער „דמיטרי" אבער דאס געלט האט ער זיך געהייסען שיקען אויף א פרעמדען נאמען. איך פערשטעה, אז אזוי הייסט ער טאַקע היינט לויט זיין פּאַספּאָרט

— און ער האט זיך דא טאַקע גאר ניט מורא צו האבען — האט חיטראָוו־צין וויא צו זיך אליין גערעדט — ער ווייס אז איהר אדער זיין פאטער וועלען איהם ניט דענאָנסירען. אָ, איז דאָס א קלוגער טייפעל.

אלעקסייעוו האט א זיפץ געטהאָן. ער האט געוואוסט, אז ער מוז באלד דעם דאָזיגען טייפעל ארויסשיקען א היבשע סומע.

— פון דערמיט איז שוין אָפּגערעדט — האט אלעקסייעוו נאָך א קורצען

שפילשוויגען א מאכטהאנדיג מיט דער האנד געזאגט — דאס וועט איהם א מאל ביי א געלעגענהייט באקאם ארויס.... יעצט צו דער צווייטער זאכע. זאגט מיר נור הערר חיטראוויצין, קענט איהר מיר מאכען אדער פערשאפען עפעס א גוטע באמבע?

— א באמבע? מיט דינאמיט מיינט איהר? — האט איהם חיטראוויצין פערוואונדערט געפרעגט.

— טא וואס דען? מיט זאמד? — האט איהם אלעקסייעוו מיט א טייפעל־שען שמייכעל געפרעגט.

חיטראוויצין האט זיך אביסעל פערטראכט און זיין שמאלער אביעזאנע־שטערן האט זיך בעדעקט מיט פאלדען.

— חיטראווצינען איז קיין זאך ניט צו שווער — האט ער נאך א קורצען נאכדענקען מיט א שטאלצע מינע איהם געענטפערט.

— און ווען קען איך דיא באמבע בעקומען?

— אט דאס קען איך אייך שוין ריכטיג ניט בעשטימען — האט איהם חיט־ראוויצין געענטפערט — נור אין א פערלויף פון אכט אדער צעהן טאג בעקומט איהר א באמבע מיט אלע פיצעלאך....

— און פריהער קענט איהר עס ניט בעוויזען?

— איך וויל מיר דיא מיה געבען צו בעקומען דעם קניידעל וואס פריהער; אבער ווען איך וועל איהם בעקומען, קען איך ניט וויסען. דאס מוז אייניגע טעג געדויערען.

— און וויפיעל וועט מיר דער קניידעל קאסטען?

— מיר וועלען שוין דורכקומען.

— האנדעלשאפט איז ניט קיין ברידערשאפט — האט איהם אלעקסייעוו מיט אן ערנסטע שטימע געזאגט — איידער איך קויף א סחורה וויל איך וויסען וויפיעל איך בעדארף פאר איהר בעצאהלען.

— איהר בעקומט דעם קניידעל פון מיר אין גאנצען אלס געשאנק — האט חיטראוויצין נאך א קליינעם נאכדענקען געזאגט.

— אלס געשאנק? — האט אלעקסייעוו געפרעגט — ווארום זאלט איהר מיר שיינקען א זאך וואס איך וויל אייך געבען פאר איהר אייניגע הונדערט רובעל? מיינט איהר אז צוליעב דיא צעהן טויזענד רובעל וואס „דמיטרי" שלעפט יעצט ביי מיר ארויס, ווער איך שוין א קבצן?

— איך מיין עס גאר ניט, נאלאווא — האט איהם חיטראוויצין מיט א שמיי־כעל געענטפערט — איך וויל אייך דיא באמבע שיינקען, ווייל איך האב צו אייך א ביטע....

— דאס איז גאר צוויי בעזונדערע זאכען — האט צו איהם אלעקסייעוו ליעבליך געזאגט — א טובה א גוטען ברודער דארף מען טהאן און איהם בעצאהלען פיר א זאך וואס קאסט איהם אליין געלד, דארף מען אויך.

— וועגען דער קניידעל וועלען מיר שוין דורכקומען — האט חיטראוויצין

פריינדליך געזאגט — און יעצט וועל איך אייך, הערר גאַלאָווא, עפּעס פאַרשלאָגען.

— איך בין בערייט אייך צו דיענען.

— איך האב דא אין מאָסקווא א בעקאנטען גוטען ברודער אויס קאווקאז מיט'ן נאמען „יורקאָווסקי״ — האט חיטראָוויצין געזאגט — ער איז זעהר א געבילדעטער יונג און זעהר א קלוגער. ער זוכט דא א שטעלע זייט איינינע וואָכען און בעקומט ניט. פיעלליכט איז מעגליך אז איהר זאלט מיר טהאן דיא געפעלינקייט און איהם זעהן פּראָטאָזשירען אז ער זאל בעקומען דיא שטעלע אלס א פּריסטאַוו אין א אידישען קווארטאל. איך זאג „אין א אידישען״ ווייל איך וויים אז ער איז א גרויסער יודענפרעסער, און זייט איינינע מאנאטען וועט ער אלע זשידעס פון זיין קווארטאל אויסראָטען וויא דיא וואנצען, אז עס וועט פון זיי קיין שריד ופליט ניט פערבלייבען.

— ווייסט איהר עס געוויס? — האט אלעקסייעוו מוטהיג געפרעגט.

— מיר האבען נאך אזא צורר היהודים אין אונזער לעבען ניט געזעהן — ער קען גאר א זשידאָווסקען נאמען ניט הערען, און אז ער בעגעגענט א זשיד אויפ'ן טראָטואר קעהרט ער זיך אָפּ אן א זייט, וויא ער וואלט בעגעגענט א טייפעל. הלואי וואָלטען אלע מאָסקווער פּריסטאַווס געוועזן וויא ער, וואָלטען מיר שוין לאנג פון א שעהנע טהייל זשידעס פּטור געוואָרען.

— ביי דער ערשטער געלעגענהייט, זעה איך אז ער זאל ווערען א פּריס-טאַוו — האט איהם אלעקסייעוו געענטפערט — וויא הייסט ער?

— ער הייסט מאַטפיי יורקאָווסקי — האט חיטראָויצין געזאגט — ער איז געבאָרען אין קאווקאז און שטאמט פון א שעהנע קאָזאצקע פאמיליע.

אלעקסייעוו האט ארויסגענומען זיין נאָטיץ־ביכעל, און האט דעם נאמען פון דעם נייעם קאנדידאט פאר פּריסטאַוו, מיט א בליי-שטיפט פערשריעבען.

— עך פיליפאָוו! — האט זיך חיטראָוויצין געטראכט — מזל טוב דיר מיט דיין נייעם נאמען און מיט דיין נייער שטעלע. דיא געשעפטלאך וועלען יעצט געהן וויא אויף פּוטער.

— איך דאנקע גאָלאָווא — האט חיטראָוויצין פריינדליך אלעקסייעוו'ן גע-זאגט — איך וועל עס מיין פריינד יורקאָווסקי'ן איבערגעבען, און ער וועט אייך בעצייטענס אנהויבען דאנקבאר צו זיין.

— אלזאָ ווען בעקום איך דיא באָמבע? — האט איהם אלעקסייעוו א פרעג געטהאן.

— וויא נור מעגליך פריהער, — האט איהם חיטראָוויצין געענטפערט.

— יעצט האב איך מיט אייך וועגען נאך עפּעס צו ריידען — האט אלעקסיי-עוו געזאגט — איך וויל עפּעס אפּטהאן א שפּיעל, אז דיא צייטונגען זאלען וועגען איינע א רייכע זשידאָווסקע מיידעל האבען צו ריידען, און געוויס פערשטעהט איהר אז ניט קיין גוטעס....

— איהר ווילט איינפאך, אז זיא זאל האבען חרפּות ביושים?

— אז גאנץ מאָסקווא זאל וועגען איהר ריידען און זיא זאל פאר חרפּה

איהר זשידאָווסקע נאָז אויף דער גאס ניט קענען ארויסשטעקען.... אבער דאס מוז קונציג אבגעטהאן ווערען, אז זיא זאל קיינעם ניט קענען אין א בעליידיגונג פערדלאַגען.

— דאס הייסט — האט חיטראָוועצין מיט א טייפעלשען שמייכעל געזאגט — אז דיא בעליידיגונג זאל האבען געוויסע גרינדע און זיא זאל ניט זיין קיין פאלשע פערליימדונג.

— איהר פערשטעהט א זאך זעהר גוט — האט איהם אלעקסייעוו מיט א חניפה'דיגע מינע געזאגט — אבער זיא מוז אין א ש מ ו צ י ג ע זאך בעשולדיגט זיין וואס זאל שטארק בעריהרען איהר ע ה ר ע....

— און וואס עס קען שאדען א מיידעל צו א שדוך....האט חיטראָוועצין געלאכט.

— איהר זייט חיטראָוועצין א קלוגער ממזר און פערשטעהט אן עסק אויפ'ן וואונק, — האט צו איהם אלעקסייעוו ליעבליך געזאגט.

— איך קען עס אייך בעזארגען — האט חיטראָוועצין נאך א קורצען נאכ־דענקען ערפרעהט אויסגעשריען — אין דערזעלבער ווילע האט זיך געהערט א קלאפ אין טהיר.

— דאס איז פאסטוחאָוו'ס א קלאפ — האט אלעקסייעוו שטיל צו חיטראָוועצינען געזאגט און ער האט איהם באלד דורך אן אנדער טהיר דורכגעלאזען.

— מיר זעהען זיך מאָרגען אבערמאלס — האט חיטראָוועצין ביי זיין ארויס־געהן פריינדליך געזאגט און ער איז גלייך אוועקגעגאנגען.

27טעס קאפיטעל.

## ניט קיין פרעהליכעס.

דער יונגער דאָקטאר פעטער וואסיליעוו איז איינער פון דיא בעוואוסטע דאָקטוירים אין מאָסקווא. מיט צוויי יאהר צוריק האט ער געענדיגט דעם מעדיציני־שען פאקולטעט מיט א גאָלדענעם מעדאל. דאך וואָלט עס איהם נאר ניט געהאָלפען, און ער וואָלט בעדארפט וויא אלע יונגע ערצטע געגוג ארבייטען אום א נאמען זיך צו ערווערבען און גוטע פראקטיקא צו האבען; אבער א גליקליכער צופאל האט איהם מיט א י י ן מאל בעוואוסט געמאכט. דער זשאנדארמסקי גענעראל סאבא־קאָוו איז מיט א יאהר צוריק דורכגעגאנגען אין א שטילען פערעאולאָק אויף „ארבאט", פלוצלינג האט זיך געהערט א קנאק און באלד נאך איינער און סאבא־קאָוו האט געחאפט צוויי ווארימע קוגלען אין זיין הינטער פעלבעל, וועלכע עס האבען איהם באלד אוועקגעלייגט צום באָדען אין א לוזשע בלוט. א גאָראָדאָוואָי מיט א דוואָרניק, וועלכע האבען דעם קנאק דער־הערט, זיינען באלד צו דעם פער־וואונדעטען צוגעלאפען, און האבען איהם גלייך אריינגעטראגען אין וואסיליעוו'ס לעטשעבניצע (דיספענסערי), וועלכע ער האט דאמאלס געהאט אין יענעם פערע־אולאָק. דער יונגער ארצט האט באלד סאבאקאָוו'ס הינטערפעהלבעל וויא א לעבל ברויט צושניטען, און האט איהם דערלאנגט אין האנד צוויי בלייענע דרעהדלאך,

וועלכע האבען זיך זעהר שטארק געלאזט בעטען פון זייער מקום מנוחה ארויסצר
געהן.... מיט צוויי וואָכען שפּעטער האט שוין סאבאקאוו געקענט אָהן שמערצען
זיצען אויף זיין פערהיילטען לייב און אין איינינע טעג ארום איז ער פאָלקאָמען
געזונד פון וואסיליעוו'ס פריוואט־האָספּיטאל ארויסגעגאנגען.

דער יונגער ארצט האט דערמיט זיך ערוואָרבען סאָבאקאָוו'ן פאר א גוטען
פריינד, אז ער וואָלט פאר איהם זיין האלז זיך געלאָזט שניידען, און דערווײַלע איז
ער אין גאנץ מאָסקווא פאר איינעם פון דיא בעסטע אָפּעראַטאָרס בעוואוסט גע־
וואָרען, ער האט בעקומען א גרויסע פּראַקטיס, און סאבאקאוו'ס הינטערפעלכעל
האט איהם אזוי מצליח געווען, דאס אין פערלויף פון א קורצע צייט, איז ער געווען
אין שטאַנד זיך צו שטיפטען א גרויסען פּריוואַט האָספּיטאל אויף „פּאָקראָווקא“
מיט איינינע און פופציג בעטען פאר קראנקע.

און אין א הינטערשטען פליגעל פון זיין האָספּיטאל אין דער אבטהיילונג
פאר וואהנזיניגע, וואו דיא פענסטער זיינען געמאכט מיט אייזערנע גראַטעס, גע־
פינט זיך יעצט אונזער אָסיפּ זאכארין.

עס בעדיענט איהם דאָרט א יונגע „פעלשערין“ מיט א פּאר שוואַרצע ריי־
צענדע פייעריגע אויגען און מיט רונדע ראָזע באַקען, וועלכע איהר ווייסע מיץ אויף
איהר שוואַרצהאָריגען קאָפּ און איהר ליינענער ריינער פאַרטוך אונטער איהר הויכער
בעוועגענדער ברוסט גיעבען איהר צו א בעזאנדערע רייצענדע סימפּאטיע. זיא
קוקט אויס הימליש שעהן און בליהענד וויא א ראָזע, זיא איז פריש, מונטער און
לעבהאפט; עס איז שווער צו דערקענען, אז דאס איז דיא זעלבע טרויעריגע, גיע־
דערשלאָגענע שׂרה פיינשטיין, וועלכע מיר האבען ניט לאנג געזעהן פער־
שפּאַרט ביי'ן פּריסטאוו איוואנאָוו אין א צימער און ביי דעם אונגליקליכען יאַקאָב
גרינבערג אויפ'ן בוידים.

אויך זאכארין איז פיעל מוטהיגער און לעבהאפטער. אין זיין שעהנעם געזיכט
איז שוין צו זעהן עטוואס א ראָזע פאַרב און זיין הויכער שלאַנקער וואוקס איז שוין
ניט אזוי געבויגט און געבראָכען, ער געהט שוין אונגעשטערט ארום איבערן צימער
און זיין קראנקע פוס איז שוין כמעט אין גאנצען אויסגעהיילט. ער פיהלט נאך
מאנכע מאל אין איהר א שטיך וויא מיט א נאָדעל; אבער דאס געהט אויגענ־
בליקליך פאָראיבער.

— אלזא — האט זאכארין געזאגט צו שׂרה'ן אין איינינע טעג ארום וויא זיי
האבען זיך דאָרט געפונען — האט אונזער געהיימע געזעללשאַפט נאך א מיטגליעד
געפונען, דאס פרעהט מיך זעהר. מיר טרעטען באלד צו צו אונזער הייליגע ארבייט,
און פון היינטיגען טאג אן וועט איהר הייסען מאטילדא האָפּמאַן.

— מיט וואס אבער קען איך שוואכע פרוי, — האט פיינשטיין מיט א זיפץ
געזאגט — אייך בעהילפיג זיין אין אייער הייליגער אונטערנעהמונג? איך בין פון
מיין יוגענד אן געזאָגען געגען דער רוסישער טיראַניי און בארבאַריזמוס, איך בין
א איד ין, און דאס אליין איז שוין גענוג אויף מיר צו ווירקען ביי א געלעגענ־
הייט, אז איך זאָל מיט לייב און זעלע זיין איבערגעגעבען צו ניהיליזמוס. רוסישע

טיראַניי נעגען אידען איז נאָך פיעל שטאַרקער און שרעקליכער וויא צו איהרע פערשקלאַפטע רוסען; אבער מיט וואס קען איך אייך דיענען? וואס קען איך אייך עפּעס אויפטהאן, אז עס זאל דער הייליגער אידעע ברייננען עפּעס נוצען? איך בין בעלעזען און האב גענאָסען א שעהנע בילדונג און ערציהונג; אבער וויא קום איך צו אייך הויכגעבילדעטע מענשען, וועלכע האבען בעענדיגט אוניווערזיטעטען?

— יעדער טרייער מיטגליעד אין א געזעלשאַפט, — האט איהר זאַכארין פריינדליך ערוויעדרט — בריינגט זיך זיינע נוצען. מיר מעסטען ניט אונזערע מיטגליע־דערס בילדונג אויפ'ן שפּאַן. עס גיעבען טהעטיגע מענשען גאר אהן בילדונג, און הויכגעבילדעטע מענשען זיינען מאַנכע מאָל אונפעהיג דאס מינדעסטע אויפצו־טהאן. עס טרעפט נאָך א מאל, אז זיי שטערען אונז אין פיעלע נוטע זאכען.... אלזא מאַטילדא, זייט ניט ביי זיך געפאלען, און איהר דארפט שטאָלצירען דערמיט וואס איהר האט א געלעגענהייט אנטהייל צו נעהמען אין דיא רעטונג פון הונדערט מיליאָן אונטערדריקטע שקלאַפען.

— איך בין דערמיט העכסט צופריעדען — האט איהם פיינשטיין געפיהל־פאָל געענטפערט — אייערע אלע ערקלערונגען פאר ד'א איינינע טעג וואס מיר געפינען זיך היער, האבען אויף מיר אזוי געווירקט, אז איך בין בערייט אויפצו־אָפּפערן מיין לעבען פאר דער הייליגער אידעע; אבער ווען פאנגט איהר אן עפּעס צו טהאן און אין וואס אייגענטליך וועט בעשטעהן אייער טהעטיגקייט?

— עס איז שוין לאַנג ביי אונז בעשלאָסען, — האט איהר זאַכארין געזאגט— צו מינירען ק ר ע מ ל, וואו דער באנדיט וועט געקרוינט ווערען. מיר זיינען געיאָגען, אויך א מינע צו מאכען אונטער דעם אייזענבאַהן לעבען ניקאָלאיעווער וואק־זאל, וואו ער מיט זיין גאנצער פאמיליע בעדארפען אונבעדינגט דורכפאהרען. מיר ווארטען נור אויף א בעפעהל פון פעטערבורגער צענטראל־קאָמיטעט, וועלכער האט צוזאמענגערופען דעלעגאטען פון אלע שטעדט וואו מיר האבען געהיימע גע־זעלשאַפטען; אבער מיר וואונדערט זעהר, וואס פאר דער גאנצער צייט, וועלכע איך געפין זיך דא, האט מיך נאך איינער פון מיינע קאמעראדען ניט בעזוכט? דאס בעאונרוהיגט מיך זעהר, און פון דאס מעדכען, וועלכע איהר האט דא איינינע מאל ביי מיר געזעהן, קען איך גאר ניט דערגעהן. זיא שטעהט ווייט פון דער גאנצער בעוועגונג און וויים ניט וואס דא קומט פאָר חאָטש זיא קען פיעלע פון מיינע קאמעראדען און וויים אז מיר זיינען ניהיליסטען און האבען עפּעס אין זינען אויפ־צוטהאן.

— און דאקטאר וואסיליעוו נעהמט עפּעס אן אנטהייל? — האט איהם שרה געפרעגט.

— ער איז אויך א הייסער מיטגליעד אין אונזער געזעלשאַפט; אבער זיין טהעטיגקייט איז גאר אן אנדערע. ער בעהאלט ביי זיך „גוטע ברידער" ביי אן אונ־גליק, און ביי איהם איז מען זיכער וויא אויף דער לבנה, וויל ער איז זעהר גע־אכטעט ביי אונזערע פערפאָלגער. נור ניט אייביג קען ער געבען שוין; עס גיעבט

מאנכע מאל וואס זיין נאנצער האספיטאל און אויך דיעזע אבטהיילונג וואו מיר געפינען זיך יעצט, איז פערנומען מיט קראנקע.

אין דער טהיר האט זיך געהערט א לייכטער אנקלאפען און שרה האט איהר באלד אויפגעמאכט.

— אָ, מארטין! — האט זאכארין אויסער זיך פאר פרייד און איבערראשונג אויסגעשריען דערזעהענדיג דעם הויכען פערזאן, וועלכער האט דעם שוועל איבער־געטרעטען — איך קוק דיר שוין אוים פון יענער נאכט אָן.... וואָס איז מיט אייך געוואָרען, וואס קיינער האט מיך ביז יעצט ניט בעזוכט? האט עפּעס פּאסירט?

מארטין האט זיך פריינדליך בעגריסט מיט שרה פיינשטיין און האט זאכא־רינען געדריקט ליעבליך זיין האנד.

— דיעזע דאמע, — האט איהם זאכארין געזאגט — איז מיט מיר דאמאָלס געזעסען אויפ'ן בוידים און היינט האבען מיר זיא ערוואָרבען פאר א טרייען מיט־גליעד אין אונזער געזעלשאפט. זיא האט שוין דיא ערשטע שבועה אונז געגעבען און זיא געהערט שוין גענצליך צו אונזער הייליגער אידעע.

— עס פרעהט מיך זעהר! — האט מארטין איהר רייכענד זיין האנד גע־זאגט — איך האב נאך דאמאלס, אייך ווערטהע דאמע געזאגט, אז אייערע ערשטע נוצען וועלען זיין אונז צו בעלייכטען דעם וועג.

— דאס איז פאר מיר א צו גרויסער קאָמפּלימענט, — האט שרה פיינשטיין דעמיטהיג ערוויעדערט — גענוג, אז איך זאָל זעהן אליין וויא צו געהן און ניט טאפּען אין דער פינסטער.

— דיא צייט וועט עס אונז אלץ ווייזען, — האט מארטין פריינדליך ערוויע־דערט און האט זיך לעבען איהר און זאכארינען אוועקגעזעצט.

— וויא געהט עס זאכארין! — האט מארטין געפרעגט — האסט דוא שוין קרעפטען ארומצוגעהן?

זאכארין האט זיך פון זיין געלעגער אויפגעהויבען און איז דעם צימער אייניגע מאָל דורכגעגאנגען.

— יעצט גלויב איך דיר, — האט מארטין מיט א שמייכעל געזאָגט — נו, וויא פיהלסט דוא זיך אזוי?

— פריש און מונטער!

— ביזט דוא אין שטאנד עטוואָס אויך ניט פרעהליכעס איבערצוטראָגען?

— אזא קראפט מוז א פרייהייטס־קעמפּפער אימער בעזיצען! — האט זאכארין רוהיג געענטפערט — אונזער לאגע אין אונזער קאמפּף איז שוין אזעלכע.... אז איך זאָל האבען היינטיגען טאג א פאטער, צום ביישפּיעל, מיט מיינע געזינונגען און זאלסט מיר קומען אנזאגען, אז מען האט איהם נאָר וואס אויפגעהאנגען, מאכט עס אויף מיר זעהר א שוואכען איינדרוק. דאס איז ביי מיר קיין נייעס, איך האב מיר אלעס פריהער פאָרגעשטעלט און ערווארטעט און וויא באלד עס געלינגט ניט, מוז אזוי געשעהן.

שרה פיינשטיין איז ערשטוינט געוואָרען מיט זאכארינ'ס אנטוואָרט און מיט

זיין רוהיגקייט. זיא האט יעצט אנגעהויבען צו פערשטעהן, וואס הייסט א רוסישער ניהיליסט און וויא בעדארף ער אויסזעהן.

— אלזא, — האט צו איהם מארטין טרויעריג געזאגט — זאלסט דו וויסען, אז דער אירקוטסקער דעלעגאט וואסילי פעטהאוו איז ארעסטירט.

— ווען איז עס געשעהן? — האט איהם זאכארין קאלטבליטיג געפרעגט.

— נאך מיט איינינע וואכען צוריק.

— איך פערשטעה עס ניט, — האט זאכארין פערוואונדערט געזאגט — ווען איסטאמין האט מיך מיט איינינע טעג צוריק בעזוכט אויפ'ן בוידים, האט ער דאך מיר דערצעהלט, אז וואסילי פעטראוו איז בשלום אנגעקומען אין מאסקווא און האט בעזוכט דער גרעפין.

— דאס איז געוועזן א שפיאן! — האט מארטין ערווידערט.

שרה פיינשטיין האט זיך א כאפגעטהאן פאר'ן קאפ.

— און ער איז דערווייל אלעם דערגאנגען? — האט זאכארין שוין עטוואס אונרוהיג מארטינען געפרעגט.

מארטין האט איהם דערצעהלט דיא געשיכטע וואס אונזערע לעזער איז שוין בעוואוסט און האט געענדיגט מיט פאלגענדעס:

— איסטאמין האט זיך ביי זיין צווייטען בעזוך פאר איהם פארגעשטעלט מיט'ן נאמען קריוואסאראוו און האט איהם געוואלט פערטרויען א נאמען פון אונ־זערן א קאמעראד אין פעטערבורג, וועלכער זאל איהם אין צענטראל קאמיטע אריינפיהרען; נאר אזוי וויא דיא זאך איז מיר דורכ'ן אונגליקליכען ארעסטאנט נאלדביים בעוואוסט געווארען, בין איך צו אונזערע קאמעראדען אוועקגעלאפען און מיר האבען אפגעטהאן דעם שפיאן א שפיצעל, וועלכער וועט איהם קאסטען זיין לעבען. איסטאמין האט איהם טאקי געזאגט א נאמען, און צו גלייך מיט'ן שפיאן זיינען אין פעטערבורג אוועקגעפאהרען אונזערעביידע קאמעראדען אסטראוו מיט קאלצאוו. אסטראוו וועט זיך פאר איהם פארשטעלען מיט יענעם נאמען און קאלצאוו וועט דערווייל בעזארגען איהם אריינצופיהרען אין א צענטראל־קאמיטע, פון וואנען ער וועט שוין לעבעדיג צוריק ניט ארויסגעהן.

— דער פלאן איז א גוטער, — האט זאכארין טרויעריג געזאגט — אבער איסטאמין און דיא גרעפין מיט איהרע קינדער זיינען פערלארען.

— איך מוז ליידער געשטעהן, אז דו מאכסט ניט קיין אירטהום! — האט איהם מארטין מיט א זיפץ געענטפערט — איסטאמין ווייזט זיך שוין מעהר ניט אויפ'ן גאס און איך ראטה איהם, אז ער זאל פערטרויען זיין פאטער, אז ער איז א ניהיליסט און אזוי וויא ער איז ביי איהם איין איינציג קינד, וועט געוויס דער אונמענש זעהן א ראטה וויא איהם צו שיצען פון יעצטיגער קריטישער לאגע. סאבאקאוו מיט אפענבאכען האבען זיך פערקליידעט און זיינען ביי דעם שפיאנ'ס אוועקפאהרען, געשטאנען פון דער וייטען אין וואקזאל און האבען געזעהן וויא דער יונגער איסטאמין גיט איהם איבער דעם אדרעס.

— ווארום האט ער נאך דעם שפיאָן בעדארפט בעגלייטען ? — האט זאכאַריין אויפגערעגט איהם געפרעגט.

— אט אין דעם בעשטעהט דאך זיין גאנצער אונגליק ! — האט מארטין טרויעריג ערוויעדערט — מיר איז דיא זאך שפּעטלאך בעוואוסט געוואָרען. איך בין צו איסטאָמינען אוועקגעלאָפען ווייל איך האב געוואוסט, אז ער בעדארף איהם אין וואָקזאל ברענגען דעם אדרעס. אָבער איך האב איהם, צו מיין בעדויערען, ניט געטראָפען צו הויזע. איך בין אויף א דראָשקע אוועקגעפאָהרען צו אָסטראָוו'ן און מיר האבען דעם פּלאן אפּגעמאכט, אז ער מיט קאָלצאָוו'ן זאלען אלס שפּיאָנען נאך דעם שפּיאָן נאכפאהרען. איך בין ווידער געלאָפען צו איסטאָמינען און איך האב איהם אלץ ניט געטראָפען. לויפען צו דער גרעפין איז שוין געווען צו שפּעט, אלזא איז מיר מעהר ניט אויסגעקומען וויא איסטאָמינען צו דערהיטען ווען ער וועט פאהרען צום וואָקזאל, און אזוי איז געווען. איך האב זאגאר קיין צייט געהאט דיא גאנצע געשיכטע איהם צו ערקלערען, נאר מיט קורצע ווארטען האב איך איהם איבערגעגעבען אין וואָס פאר א געפאהר ער מיט אונזער גאנצער געזעלשאפט שטעהען דא. ער האט פערשריעבען דעם אויסגעקלערטען נאָמען און ניט האבענדיג קיין אנדער אויסוועג איז ער גלייך צום וואָקזאל צוגעפאהרען.

— דיא געשיכטע איז זעהר א טרויעריגע ! — האט זאכארין נאך א קורצען נאכדענקען געזאגט — דיא גרעפין מיט איהרע קינדער וויא אויך איסטאָמין, זיינען פערלאָרען, אהן האפנונג !

— מיר וועלען זוכען און אָנווענדען מיטלען ! — האט מארטין געזאגט — היינט וועלען מיר אפּהאלטען אין אונזער געהיים-בונד א ראטה וואס צו טהאן און וויא זיי צו רעטען, ווען נור מעגליך איז, פון אונגליק.

— איך זעה ניט ארויס קיין האפנונג ! — האט זאכארין אונרוהיג געזאגט — פיעללייכט איז מעגליך, אז דאקטאר וואסיליעוו זאל דא עפּעס אויפטהאן ? מיר שיינט, אז ער איז גוט בעקאנט מיט ליזאָ'ן.

— ער ווייס שוין פון אלעס — האט מארטין ערוויעדערט — און נאר פון איהם קען מען דא עפּעס ערווארטען. אבער מיר וואונדערט ווארום בעטראגט ער זיך אזוי קאלט צו דער גאנצער געשיכטע ? איך ווייס זיכער, אז ער איז אין ליזאָ'ן שוין זייט דריי יאהר שטערבליך פערליעבט, נאר צווישען זיי שפּיעלט זיך דא עפּעס א געהיימע אינטריגע, וועלכע איז מיר גענצליך אונבעוואוסט —

— איך זעה איהם ! איך זעה איהם ! אָט איז ער ! אָט איז ער ! — האט זיך פּלוצלינג אין צימער דערהערט עפּעס א פערשטיקטע שטימע וויא פון יענער זייט וואנט.

מארטין האט אונווילענדיג מיט זיין גאנצען קערפּער א ציטער געטהאן.

— וואָס איז דאס ? — האט ער מיט א שטאמעלענדע שטימע געפרעגט.

— דאס איז נעבאך אן אונגליקליכער וואהנזיניגער איד ! — האט זאכארין מיט א זיפץ געענטפערט — ער זיצט אין א גאנץ ווייטען צימער — אבער אז ער

שרייט זיך פערנאנדער: „איך זעה איהם", „אָט איז ער" — הערט מען זיינע קולות אין אלע צימערן.

— איך שרעק מיך ביי נאַכט איינצושלאָפען! — האָט שרה טרויעריג זיך אָפּגערופען — מיין צימער איז דער דו טער פון זיינעם און אַז ער שרייט זיינע צוויי גענוויסע פּראַזען, נעהמט מיך אָן אַ גרויל צו הערען.

מארטין האָט זיך אביסעל בערוהיגט.

— רוף מיר אהער אריין דאָקטאָר וואַסיליעוו — האָט איהם זאַכארין נאָך אַ קורצע פּויזע געזאָגט — איך וויל איהם פרעגען צו איך קען שוין דעם האָספּיטאַל פערלאָזען.

— דוא האָסט זיך זאַכארין ניט וואָס צו היילען! — האָט צו איהם מארטין געזאָגט — מיר מוזען דאָ זעהן וויא דיא זאַך וועט זיך ענדיגען.

— איך דענק אבער, אַז ווען איך וועל ניט זיצען פערשפּאַרט — האָט זאַכארין בעטריבט געזאָגט — וועט מיר פיעללייכט געלינגען צו רעטען דיא אונגליקליכע פון געפאהר.

— האָסט דוא דען עפּעס אַ מיטעל?

— וואָס פאַר אַ מיטעל קען דאָ געבען? אבער דאָך פיעללייכט וועט מיר עפּעס איינפאַלען.

— פאַרלויפיג ביזט דוא נאָך מיט זיך אליין אויך ניט זיכער — האָט איהם מארטין פינסטער ערוויעדערט — רוה זיך אביסעל אויס, און מיר וועלען שוין וואָס מעגליך איז עפּעס אויפטהאָן. אבער וואָס האָט צו מיר דער אונגליקליכער מיט זיין ביטערן שרייען „איך זעה איהם"? איך בין גאַר אויסער זיך און קען עס ניט הערען!

— יעדע קראַנקהייט האָט אַן אורזאַכע! — האָט זאַכארין אונמוטהיג געזאָגט — געוויס וואָלטען גוטע אומשטענדע, דעם אונגליקליכען דערצו ניט געבראַכט.

— מען קען עס גלויבען! — האָט מארטין זיפצענד געזאָגט — און מיט איינע מינוט שפּעטער איז ער שוין געוועזען פון יענער זייט הויז.

28טעס קאַפּיטעל.

## צוויי וואָכען אַנשטאָט צוויי יאָהר.

אין דער צייט ווען מארטין איז געזעסען ביי דאָקטאָר וואַסיליעוו אין אירערען הויז לעבען זאַכארינען, האָט ליזא אנדריאַנאָווא געהאַט ביי זיך אין קאַבינעט גאַסט, וועלכער האָט איהר שוין זייט אַ לאַנגע צייט ניט בעזוכט; דאָס איז געווען דאָקטאָר פעליקס סאָבאַקאָוו, וועלכער איז מיט איהר שוין זייט אַ פּאָר יאָהר בעקאַנט געוואָרען אויף אַ באַל. באַלד מיט זיין ערשטען דערזעהן דער יונגער שעהנ־הייט ליזא אנדריאַנאָווא, האָט ער זיך אין איהר פערליעבט און האָט אָנגעהויבען אָפט צו בעזוכען דער גרעפינס הויז, וואו ער האָט זיך אָפט בעגעגענט מיט זיין קאָלעגא דאָקטאָר וואַסיליעוו; וואַסיליעוו האָט שוין דאַמאָלס געענדיגט זיין שטודיום, און ער, פעליקס, איז נאָך געווען אין דריטען קורס. ער האָט גלייך פערשטאַנען אַז זיין קאָלעגא פעטער וואַסיליעוו בעזוכט דער גרעפינס הויז צוליעב דער שעהנער

ליזא'ן, און ער האט איהם פון דעם ערשטען בעגעגנען אָן, בעטראַכט פאר זיינעם א קאָנקורענט אין ליעבע ביידע יונגע קאָמעראַדען, וועלכע זיינען געווען צווישען זיך בעפריינדעט נאך פון גימנאַזיום אָן, האבען אָנגעהויבען איינער אויפ'ן צווייטען קרום צו קוקען. ליזאַ האט עס געוואוסט, און וויא אַ קלוגעס, גוט-ערצויגענעס מעדכען, האט זיא צוביידען גלייך געאייסערט איין סימפּאַטיע און האט זיך געהאלטען גלייכגילטיג, אבוואהל דאקטאר וואסיליעוו איז איהר זעהר געפעהלען און זיא האט איהם היים געליעבט.

— איך בין נאך יונג, און פאַר צוויי און צוואַנציג יאָהר וויל איך נאָר וועגען ליעבע ניט דיינקען — דאס איז געווען איהר אנטוואָרט צו ביידען ווען זיי האבען זיך ערקלערט פאר איהר אין ליעבע.

זיא האט גוט קענען געלערנט אין א קורצע צייט דיא כאראקטעריע פון ביידע פערליעבטע, און זיא האט גוט געוואוסט דעם עולם'ס ווערטעל: „ניט וויט פאלט דער עפּעל פון בוים" איז אויך געזאגט געוואָרען אויף דעם יונגען פעליקס סאָבאַקאָוו, וואס זיין פאָטער איז דער הויפּט רעדעל פיהרער אין „זשאנדאַרמסקאָיע טריעטאָיע אָטדעלעניע". זיא האט אין איהם דערקענט א פוסטען לייכטזיניגען פראַנט, וועלכער איז פעהיג צו בעגעהן פערברעכען געגען זיין געוויסען אום זיין ציעל צו ערגרייכען און איז ווידער פעהיג אָפּצושטעהן מארגען פון א זאך, צו וועלכער ער איז היינט געווען פערבונדען מיט לייב און זעעלע. זיא האט זיך פאר איהר נייעם ליעבהאבער שטארק געשראָקען און האט אויך שטארק געציטערט פאר וואסיליעוון, אז ער זאל ניט ליידען עפּעס אן אונגליק דורך סאָבאַקאָוו'ס אייפערזוכט און לייכטזין, און דארום האט זיא איהם אימער פריינדליך עמפּפאנגען, און האט זיך פון זיין ליעבעס ערקלערונג אָפּגעוועהרט מיט דעם אויסרייד אז פאר צוויי און צוואַנציג יאָהר איז איהר הארץ געשלאָסען. זיא האט זיך אין סאָבאַקאָוס געגענווארט גאנץ קאלט און גלייכגילטיג בענומען צו זיין קאָמעראַד דאָקטאר וואסיליעוו, און דאס האט ווירקליך מיטגעווירקט, אז סאָבאַקאָוו זאל אויפהערען צו זיין אייפערזיכטיג אויף וואסיליעוו'ן און נאך דער צופאל וואָס האט מיט א יאָהר צוריק געטראָפען זיין פאטער, אז דאקטאר וואסיליעוו האט צוויי קוגלען פון זיין לייב ארויסגעקריגען און איהם אויסגעהיילט פון א געפעהרליכע פערלעצונג, האט מיטגעהאלפען אז ביידע אלטע פריינד זאלען אויף דאס ניי בעפריינדעט ווערען און פעליקס האט געגלויבט אז אמאָליגער קאָנקורענט וועט איהם מעהר ניט שטעהן אין וועג. ער האט דאס געזעהן אין ליזא'ס פריינדשאפט צו איהם, אָן איהר קאלטער בענעמונג צו וואסיליעווען און בעזאָנדערס אן וואסיליעוו'ס אָפּשטעהן פון דער גאנצער זאך. עס זיינען מאָנאטען פאָראיבער און ער האט ניעמאלס מעהר געטראָפען וואסיליעוו'ן אין דער גרעפינס הויז.

פאר דער לעצטער צייט, האט אבער אויך דאקטאר פעליקס אויפגעהערט צו בעזוכען זיין געליעבטער ליזא'ן. ליזא איז געווען העכסט צופריעדען, ווען זיא האט צו איהר ערשטוינען דערהערט, אז פעליקס סאבאקאָוו האט אנגעהויבען ארומצוטאנצען ארום איהר פריינדין, דער שעהנער בערטהא מאלליך. און אָבוואהל

זיא האט געוואוסט, אז פעליקס איז א לייכטזיניגער מענש און ער איז פעהיג זא וואס צו בעגעהן, דאך איז עס איהר פארגעקומען זעהר זאנדערבאר. זיא האט עקסטרא מיט איהר פריינדין דאריבער פערפיהרט א געשפרעך און זיא האט צו איהר פערוואונדערונג פון איהר געהערט, אז אין פערלויף פון א מאנאט, האט פעליקס דריי מאל זיך ערקלערט פאר איהר אין הייסע ליעבע.

ביידע פריינדינען האבען זיך געהאלטען ביי דיא זייטען פאר געלעכטער, ווען זיי האבען זיך איינער פאר דער צווייטער ערקלערט אום וואס דא געהט.

וויא איז ליזא יעצט ערשטוינט און איבערראשט געווארען, ווען פלוצלינג האט זיא דערהערט אין טהיר פון איהר קאבינעט א לייכטען אנקלאפען און, ווען דיא טהיר האט זיך געעפענט האט זיא דערזעהן פאר זיך דעם יונגען פעליקס סאבאקאוו.

— א, וואס פאר א גאסט! — האט זיא מיט א פערוואונדערטען שמייכעל געזאגט איהם רייכענד קאלט איהר האנד — זעצט אייך פעליקס וולאדימיראוויטש.

פעליקס האט פעסט איהר האנד געדריקט און האט זיך באלד לעבען איהר אוועקגעזעצט.

— ענטשולדיגט מיר, מיין ענגעל, — האט ער צו איהר ליעבליך געזאגט — פערציייהעט מיר וואס איך האב אייך, מיין טהייערע, אזוי לאנג ניט בעזוכט. געוויס ווייסט איהר דאך וויא שווער עס איז צו ענדיגען דאקטאר. שוין זייט צוויי מאנאטען אז איך בין פון מיין צימער ניט ארויסגעגאנגען. איך בין אזוי געוועזן פערנומען מיט דיא לעצטע עקזאמענס, אז איך האב דיא ווייסע וועלט ניט אנגעזעהן. יעצט אבער, גאט זיי דאנק, האב איך מיין שטודיום מיט גרויס ערפאלג דורכגעמאכט.

— איך גראטולירע! — האט איהם ליזא שמייכעלהאפט אונטערבראכען — איהר האט געוויס געכאפט א גאלדענעם מעדאל פאר אזא פלייסינקייט?

— כאפט זיי דער טייפעל מיט זייערע גאלדענע מעדאליען! — האט פעליקס א מאכטהאנדיג מיט דער האנד געזאגט — איך האב פיינד זיך נאכצויאגען נאך אזעלכע פוסטע זאכען, דאס פאסט פאר פראנטען. איך האב אויך געזאלט בעקרמען א מעדאל, נור צו וואס נוצט עס מיר?

— דאך דיינק איך, אז דאס האט עפעס צו זאגען! — האט ליזא מיט א נאאיווע מינע געזאגט.

— דאס איז א גראשען ניט ווערטה! — האט פעליקס איהר געענטפערט — נו, וואס מאכט איהר, מיין ענגעל! וויא געהט עס אייך? ווען וועט שוין קומען אמאל דיא גליקליכע צייט, אז איך זאל שוין אנשטאט „אייך" קענען זאגען „דוא"? נאך אלץ ביז צוויי און צוואנציג יאהר?.... א, וויא שווער עס איז צו ווארטען! אוןריידענדיג האט ער איהר ערגריפען פאר'ן האנד.

— נעדוכה, פעליקס וולאדימיראוויטש! — האט ליזא ארויסנעהמענדיג מיט א נעהיימע פערזאבטונג איהר האנד פון זיינער איהם געענטפערט.

— איך איז גרינג צו ריידען! — האט איהר פעליקס מיט א זויערע מינע געזאגט — פרויען איז זעהר גרינג אויף דאס הארץ א שלאס אויפצוהייננען.... די

זיינען אזוי געדיהמט מיט זייער עמפפינדליכקייט און ווארימע געפיהלע; ענדליך אבער לאזט זיך גאר אויס בוידים מיט פּאַליצע!

— מענליך אז דיא פּסיכאָלאָגיע און דיא מענשענ־קענער מאכען גאר אן אירטהום — האט איהם ליזא קאַלט געענטפערט.

— אויף אייך, מיין טהייערע א קוק צו טהאָן, — האט איהר פעליקס ער־ווידערט — מוז איך עס געשטעהן. וויא הייסט עס א מענש זאל זיינע געפיהלע ביז א צייט קענען פערשליסען פונקט וויא פליעגען אונטער א גלאָז?

— זעהט איהר דאך אז איך קען עס.

— סיידען איהר ליעבט מיך ניט! — האט איהר פעליקס אויפגערעגט ער־ווידערט.

— צו איך ליעב אייך יא אדער ניין, האב איך אייך נאר קיין מאל געזאגט, — האט איהם ליזא רוהיג געענטפערט.

— היינט טא וואָס־זשע פיהרט איהר מיך פאר׳ן נאָז? — האט איהר פעליקס פערדריסליך געפרעגט.

— איך פיהר אייך פאר׳ן נאָז? וואס מיינט איהר מיט דעם?

— שוין צוויי יאָהר, אז איך ווארט! — האט פעליקס צאָרניג אויסגעשריען — און נאך צוויי יאהר הייסט איהר מיר ווארטען!

— סיידען איהר מאכט זיך הערר סאַבאַקאָוו צום נארר, — האט ליזא פער־דריסליך איהם ערווידערט — האב איך אייך דען געזאגט אז איך ליעב אייך? איך האב אייך ביי אייער ליעבעס ערקלערונג געענטפערט, אז פאר צוויי און צוואנציג יאהר, נעהם איך ניט אן קיין פּאָרשלאג און וויל גאר וועגען דעם ניט דענקען. יעצט האט איהר מיך אויך אזוי פערשטאנען, און איהר האט זיך בעקלאגט אויף פרויען, אז זיי קענען זיך בעהערשען און אויפהענגען אויף זייער הארץ א שלאס. פּלוצלינג מאכט איהר זיך עפּעס וויא איהר פערשטעהט ניט.

— קורצע ווערטער ליזא, — האט פעליקס שארף איהר געענטפערט — איך וויל מיט אייך וועגען דעם פיעל ניט דעבאטירען, דאס איז צו שווער פאר מיין געפיהל־פאָלעס הערץ, וועקבע ליעבט אייך ביז צום וואהנזין. איך מוז אייך פער־טרויען א געהיימניס, אז איהר, אייער מוטער און אייער איינציגער ברודער שטעהן אויפ׳ן שוועל פון דעם קאלטען סיביר. נור איין זאך קען איך אלעמען רעטען, אז איהר, ליזא, זאלט מיר שיינקען אייער הערץ....

אָבוואהל ליזא האט שוין פון געסטערן אבענד געוואוסט, אז זיא מיט איהר פאמיליע שטעהן אין געפאהר, דאך האט זיא מיט׳ן גאנצען קערפּער א ציטער געטהאָן. — פון וויסען ביז הערען איז א גרויסער אונטערשיעד. פּראָוורטהיילטע צום גאלגאן ווייסען זייער ביטערע ענדע, דאך פיהלען זיי א שוידער דורך דיא ביי־נער, ווען מען זאָגט זיי אן דאס באלד פיהרט מען זיי צום עשאַפּאָט. אין אזא לאגע איז יעצט געווען ליזא אנדריאַנאָווא.

איהר שטאַלץ מיט איהר עהרע־געפיהל האבען זיך אין דעם מאמענט ער־וועקט און זיא איז געווען געזאָגען דעם ניערערטרעכטיגען שורקע, וואס צווינגט

איהר איהם צו ליעבען, א שפיי צו טהאָן מיט פעראַכטונג אין געזיכט; אָבער זי האָט זיך דערמאָנט אָן איהר מוטער מיט איהר אונגליקליכען ברודער; אָן איהר געליעבטען וואַסיליעוו וועלכער איז אין דיעזער ווייזע טויזענד מאָל העכער אין איהרע אויגען געשטיגען. זי האָט זיך אויף א ווײלע פערטראַכט.

פעליקס האָט א ווײלע פון איהר די אויגען ניט אַרונטערגענומען, פונקט ווי ער וואָלט וועלען זעהן, וואָס עס טהוט זיך יעצט אָפּ ביי איהר אין הארצען.

— קענט איהר מיר פעליקס וולאַדימיראָוויטש געבען 2 וואָכען צייט? — האָט איהם [illegible] ליזא נאָך איהר גרויסען אינערליכען קאַמפף מוטהיג און מיט א שמייכעל אויף א[illegible] [illegible]יהרע ראָזע ליפען געפרעגט.

— דאָס איז אַביט[illegible] [illegible]יל צופיעל! — האָט איהר פעליקס ערוויעדערט.

— פון צוויי יאָהר ביז [illegible] צוויי וואָכען איז דאָך אַן אונטערשיעד? — האָט איהם ליזא מיט א געצוואו[illegible] [illegible]גענעם שמייכעל געפרעגט.

— נו, זאָל זיין אַזוי! — האָט ער נאָ[illegible] [illegible] א קורצען נאָכדענקען איהר געזאָגט.

— און דערווײלע מעגען מיר זיין גאַנ[illegible] [illegible] רוהיג? — האָט איהם ליזא ווייטער געפרעגט.

— איך שטעה אַייך דאַפיר גוט! — האָט פעליק[illegible] [illegible]ט מיט א פריינדליכע מינע געזאָגט — אָבער איהר מוזט יעצט פאָרזיכטיגער זיי[illegible] [illegible]ז און זיך היטען מיט א וואָרט אָדער מיט אַ טהאַט.

— גוט, איך דאַנקע! — האָט איהם ליזא מיט אַ זאָנדערבאַרען [illegible]טאָן גע־ענטפערט.

— אַדיע! לעבט וואָהל, ליזא! — האָט פעליקס איהר רייכענד זיין האַנד געזאָגט — אויף ווידערזעהן!

פעליקס איז אַרויסגעגאַנגען בעגלייטעט מיט ליזא'ס א פערעכטליכען, גיפטיגען בליק.

29טעס קאַפּיטעל.

## זיי ווערען מושוה.

שורקין זיצט שוין פיער טעג פערשפּאַרט אין א פינסטערען קעלער אונ־טערן „גאָראָדסקאָי אוטשאַסטאָק", און זייט דריי טעג אַז ער ווערט שטרענג געזוכט דורך אָפּענבאַך'ס געהיים־פּאָליציי. עס געהען אַרום איבער מאָסקווא עטליכע צעהנדליג געהיים־אַגענטען און שמעקען פון אַלע זייטען. פּאָדלע־צאָוו'ס ערמאָרדונג האָט ביי זיי אַנגעמאַכט א גרויסען פּאַניק. זיי גלויבען אַז דאָס נעמליכע האָט אויך געטראָפען מיט שורקינען. זיי האָבען איהם שוין געזוכט אין גרויסען קאַנאַן, אין „מאָסקווא־רעקאַ" און אין אַלע לעכער וואו מען קען פערשטעקען א טוידטען קערפּער; נור אַז ער געפינט זיך א לעבע־דיגער ביי א פּריסטאַוו אין א קעלער איז קיינעם ניט איינגעפאַלען.

דער פּריסטאַוו האָט פון מינוט צו מינוט אַלץ מעהר פּאַר זיין פעהלכעל

אנגעהויבען מורא צו האבען, ער האט דייטליך נעזעהן, אז לאנג קען ער זיך דאָ ניט האלטען מיט דער לעבעדיגער „טרפה כחורה״. ער וואלט זיין ברודער ניט געפאָלגט און וואָלט שורקינען ערמאָרדעט אדער געלאזט שטארבען פאר הונגער און פאר דורשט; אבער ער האט געוואוסט, אז צופיעל מענשען אין זיין אוטשאסטאָק ווייסען דערפון און ער קען נאך דאָ מעהרער אריינפאלען.

— טהו נור א קוק אויף מיין רשעת צו איז זיא עטוואס אויפגעלייגט? — האט ער בעטריבט געזאגט צו זיין ברודער מיט א פאָר טאג שפעטער וויא ער האט מיט איהם וועגען שורקינען גערעדט — איך וויל מיך פרובירען עפּעס א טהו צו טהאן וועגען דיא צעהן טויזענד רובל. איך געה יעצט אריין צו מיין ווייב אין צימער איך וועל זיך צו איהר נעהמען; נור ווען איך וועל זעהן, אז איך דארף דיר האבען דוא זאלסט מיר העלפען איהר איבעררייד־ען, זיא זאל מיר דאָ ארויסהעלפען, וועל איך א הוסט טהאָן, און דוא זאָלסט באלד אריינקומען.

דער פריסטאוו האט זיך געמאכט הארץ און מיט וואנקענדע קניע איז ער אריין צו זיין ווייב אין צימער. ער האט איהר געפונען זיצען ביי'ם טיש און לעזענדיג א בוך.

— אננא פּאוולאָוונא! — האט דער פריסטאוו מיט א געמאכטע ציטערענדע שטימע צו זיין ווייב געזאגט — איך בין געקומען דיך בעטען אום פערצייהונג.

— פערצייהונג? חא, חא, חא, — האט אננא גיפטיג געלאכט — האסט דוא עפּעס געזינדיגט.

— יא מיין טהייערע! — האט איוואנאָוו זיך אוועקשטעלענד אויף דיא קניע און איהר ערגרייפענד פארביידע הענד געזאָגט.

— אין וואס בעשטעהט דען דיין פערברעכען? — האט זיא קאלט און רוהיג איהם געפרעגט ריכטיג וויא זיא וואלט גאר ניט וויסען אום וואס דא געהט יעצט פאָר.

— ווילסט דוא נאך אז איך זאָל ווידערהאלען דיא זאך וואס דיר איז שוין בעוואוסט? — האט דער שטאָלצער פריסטאוו ביטערליך געפרעגט — איז דען ווענינ פאר דיר וואס איך בערייהע און פערשפרעך דיר, אז מעהר זאל עס ניט געשעהן.

— מיר איז שווער צו גלויבען מעהר אין דיין עהרליכקייט! — האט איהם זיין ווייב געענטפערט, און האט איהרע הענד ארויסגעריסען פון זיינע.

— אז דוא וועסט מיר נאָך אמאָל כאפּען — האט איוואנאָוו מיט א פלע־הענדע שטימע געזאָגט — זאָל מיין נאָמען ניט הייסען איוואנאָוו.

— ווייל דוא דיינקסט שוין צו זיין קלינער און פאָרזיכטינער! — האט איהם זיין ווייב מיט א ניפטיגען שמייכעל געענטפערט.

— ניין, מיין ליעבע אננא! איך שווער דיר ביי אלער היילינקייט; אים נאמען פון דער „איווערסקער באָזשיע מאַטערי״ און אלע היילינע גאָטס מארטירער.

און באלד האט ער זיך ביי א זיעבען מאל איבערגע'צלמ'ט.

— און צו דער אקטריסע אין האטעל, וועסט דוא שוין מעהר ניט געהן?

— אָ, וואס רעדסט דוא? צו וועלכער אַקטריסע? — האט דער פּריסטאַוו אויפגערעגט און עטוואס ערשראָקען איהר געפרעגט,

— צו פּאַולינאַ'ן מיין איך, — האט זיין ווייב מיט א שוואכע שטימע איהם אריינקוקענד גלייך אין דיא אויגען געזאָגט.

דער פּריסטאַוו איז געווארען אַן אויפגעציטערטער. ער האט ניט געגלויבט, אַז זיין ווייב זאָל עס וויסען.

— זעהסט דוא שוין מיין טהייערער, — האט איהם דיא ווייב מיט א טיי־פעלשען שמייכעל געזאָגט — זעהסט דוא שוין, אַז דיין ווייב וויס פון אלעמען. איך האב זיך אין דיא לעצטע דריי טעג דערוואוסט פון „פויגעל מילך".

— ניין, מיין ליעבער ענגעל! — האט דער פּריסטאַוו ביטערליך איהר געזאָגט

— זאלען מיר מיינע פיס אָפּדארען אויב איך וועל שוין צו איהר מעהר געהן.

— אהער דיין האנד! — האט איהם זיין פלונית'טע געזאגט.

דער פּריסטאַוו האט איהר געררייכט זיין האנד און האט איהר געשוואָרען, אַז מעהר זאָל זיין פוס ניט קומען צו קיין אַקטריסע, צו קיין זשידאָווקא, צו קיין ציגאַנקע און צו קיין רוסין....

— און צו קיין פרוי אין דער וועלט? — האט איהם זיין ווייב געפרעגט.

— ביי גאָט, ביי זיינע הייליגע אַפּאָסטאָלען און זיין מאַמען מיט איהר זוהן, אַז ניט צו קיינער אין דער וועלט! — האט דער פּריסטאַוו געשוואָרען און האט זיך אבערמאָלס ביי א זיעבען מאָל איבערגעקרייצט.

— נו, פערצייהע איך דיר! — האט זיין פרוי מיט א זאנפטע שטימע געזאגט.

דער פּריסטאַוו האט זיך פון באָדען אויפגעהויבען און האט איהר א קוש געגעבען אין שטערן.

— יעצט, מיין טהייערער ענגעל, — האט ער איהר ליעבליך געזאָגט זיך אוועקזעצענד לעבען איהר — מוז מען עפּעס זעהן א מיטעל וויא זיך צו רעטען פון'ם אונגליק. שורקין איז ווירקליך א געהיים אגענט און דא שמעקט מיט סיביר.

— און ער זיצט נאָך אלץ פערשפּארט אין קעלער?

— וואס דען? אַז ער וואלט פריי ארומגעגאנגען, וואלט איך שוין לאנג גע־זעסען אין פינסטערן אסטראָג.

— מיט וואס קענסט דוא זיך דא העלפען?

— איך דיינק, אַז א סומע פון צעהן טויזענד רובל — האט דער פּריסטאַוו צו איהר געזאגט — וואלט ער צוגענומען מיט ביידע הענד און ער וואָלט מאכען א שוויג.

— נו, ווארום האסט דוא דאָס ביז יעצט ניט געטהאן? — האט איהם זיין ווייב מיט א תם'עוואטע מינע געפרעגט — ווייסט דוא דען ניט, אַז וואס ער זיצט לייגנער ווערט עך אלץ מעהר אויפגערייצט?

— וועגען דעם מוז איך שוין מיין ליעבער ענגעל צו דיר אָנקומען, — האט איהר דער פּריסטאַוו א גלעט טהאנדיג פאר איהרע דונקעל־רויטהע האר געזאגט.

— צו מיר? און אין דיין קאסע געפינט זיך ניט אזא סומע?

— ליידער ניט! — האט דער פּריסטאַוו מיט א זיפץ איהר ערוויעדערט.

— ביזט דוא ניט ווערטה, אז מען זאל אויף דיר רחמנות האבען! — האט איהם דיא ווייב מיט א שטריינגען טאָן געענטפערט.

— וואס געוועזען איז שוין געוועזען, — האט דער פּריסטאַוו ביטערליך איהר גע־ענטפערט — פון יעצט אָן וועל איך שוין פיהרען אַן עהרליכען לעבען.

— ניין, מיין טהייערער, פון מיין קאַסע בעקומסט דוא ניט איין קאָפּיקע — האט איהם זיין ווייב רוהיג געענטפערט — דאס קען איך ניט טהאָן.

דער פּריסטאַוו האט געטהאָן א שטאַרקען הוסט.

— אָ, מיין ענגעל, — האט ער זיך געבעטען — איז דיר אנגענעהם צו האבען א מאַן אויף קאַטערגא אין סיביר?

און אין דער ווײַלע איז אויך אַנטאָן אריינגעגאנגען אין צימער.

— אויף אַזעלכע מענשלאַך דאַרף מען ניט רחמנות האבען! — האט זיין ווייב ווייטער גערעדט.

— היינטיגען מאָל, אננא פּאַוולאָוונאַ, — האט אַנטאָן זיך אריינגעמישט אין זייער געשפּרעך — מוזט איהר עס איהם טהאָן, חאָטש איך אליין געשטעה, אז ער איז דאס ניט ווערטה.

— ניין, זאל ער געהן אויף קאַטערגא! — האט אננא שטריינג געזאָגט.

— איך קען אייך גאר נימ פאר אזא שלעכטע פרוי — האט אַנטאַן ווייטער גערעדט — אז איהר האט מיטלייד מיט פרעמדע, בעדארפט איהר מיט זיך אליין געוויס מיטלייד האבען. אייך וועט ניט פרעהען צו האבען א מאַן אין סיביר און איך גלויב, אז איהר וועט ניט איינמאל וויינען און קלאָגען. איך וויים, אז איהר ליעבט איהם, ווייל איהר זייט אַן עהרליכע און אנשטענדיגע פרוי, און אז ער האט איינמאל בעגאנגען געגען אייך א פערברעכען, וועט ער עס שוין ווייטער ניט טהאָן.

אננא פּאַוולאָוונאַ האט זיך פערטראַכט און דערווײַלע האט איהר שוואָגער אַנטאַן ווייטער געשניטען און האט איהר מיט אלערליי חניפות אויפגעהויבען ביז דעם זיעבעטען הימעל און דער פּריסטאַוו איז געזעסען אין געהאַקטע וואונדען און געוואַרט אויף דער מטביע.

— אז איהר ווילט שורקינען געבען געלד, — האט זיא ערוויכט געזאגט — בעדארפט איהר דאָך פריהער וויסען צו וועט ער גאר וועלען נעהמען?

דעם פּריסטאַוו'ס פינסטערע געזיכט איז ערהייטערט געוואָרען פאר פרייד דערהערענדיג ענדליך זיין ווייבס גוטען אנטוואָרט.

— אלזא געה איך מיט איהם דורכריידען — האט ער זיך אויפהויבענד פרעה־ליך פון זיין שטוהל געזאָגט.

— זאָלסט אבער באַלד אזא גרויסע סומע איהם ניט אָנבאָטען — האט איהם זיין ווייב געלערנט.

— וואס און וויא צו טהאָן ווייס איך שוין, — האט דער פּריסטאַוו געזאָגט.

ער האט איהר ליעבליך אנגעהאַלדזט און נאכהער וויא ער האט איהר מיט

הייסע קושען בעשאַטען איז ער פון צימער האסטיג ארויסגעלאָפען און זיין ברודער אנטאַן איז איהם מונטער נאָכגעלאָפען.

— וואַרט, נאָך איין פּראָבע וועל איך מיט דיר מאַכען! — האט זיין ווייב צו זיך אליין גערעדט ווען זיא איז אליין אין צימער פערבליעבען — נאָך היינט וועל איך וויסען צו מיר לוינט צו האָבען פריסטאַוו איוואַנאָוו פאר א מאַן, אָדער גלייכער איהם צו האָבען אין סיביר און פערשפּאַרען אפּפינסטערן מיין ביסעל יאָהרען!

זיא האט זיך פיין אָנגעצויגען און האט איהר הויז גלייך פערלאָזען.

— — — — — — — — — —

— פינסטער! ארום און ארום פינסטער! — האט שורקין געברומט ליגענדיג ניט טוידט ניט לעבעדיג אויסגעצויגען אויפ'ן באָדען פון נאַסען קעלער מיט זיינעביידע הענד אונטער'ן קאָפּ — דאס הייסט אריינגעפאלען! עפּעס אַזעלכע דיקע ווענט צום טייפעל, איך האב שוין פערלאָרען מיין שטימע שרייענדיג, אין ברוסט חאַרחעלט מיר וויא ביי א גוסס'ן, און ניטא קיין פוס פון א לעבעדיגען מענשען. — עפּעס ליג איך שוין דא אזוי לאַנג. געוויס א צעהן צוועלף טאָג און וויא לאַנג נאָך וועל איך דאָ ליגען? איך פיהל מיך זעהר שוואַך. דער טוידט געהט אלץ נעהענטער און נעהענטער. ניין, איך וועל שוין פון דאַנען לעבעדיג ניט ארויסגעהן. דער שורקע וויים מיט וועמען ער האט דא געהאט צו טהאָן! אך, וויא שרעקליך עס איז צו שטאַרבען אין דער פינסטער! דורך אוים נאַכט, — האט שורקין ווייטער געברומט — ניטא איין ליכטשטראַל. וועלכער טייפעל האט מיך צו אזא טיראַן פערטראָגען? דאס הייסט אריינגעפאלען. אזא אונגליק, האב איך קיין מאל ניט ערוואַרטעט!

ער האט זיך האסטיג אוועקגעזעצט און האט מיט ביידע הענד געטאַפּט דיא פייכטע ווענט.

— ניין איך בין פערלאָרען — האט ער נאָך א לאַנגען שטיל-שווייגען ווידער גערעדט — דאָ וועל איך שטאַרבען, און רעכט אויף מיר. וויפיעל מענשען אין מיין לעבען האב איך עס פעראונגליקט!? וויפיעל יונגע, בליהענדע און קרעפטיגע מענשען, פול מיט האָפנונג און לעבען האב איך אין אזעלכע פינסטערע לעבער אריינגעוואָרפען. וויפיעל זיינען דאָרט צושטאַרבען? וויפיעל האבען זיך מיט זייערע איינענע הענד דיא אָדערן פון זייערע העלזער אויפגעריסען אום בעפרייט צו ווערען פון דיא שרעקליכע פינסטערניס אין וועלכע איך האב זיי אריינגעפיהרט? און וואס האב איך געטהאן אין דעם טאָג וואס דער טייפעל האט מיך אנגערעדט צו פער-קריכען צום פערפלוכטען פריסטאַוו? נאָך דריי מענשען פעראונגליקט! און צוליעב וואס? ווייל איך בין געגען זיי און זייערע אידעען? ווייס איך דען אליין ניט, אז דיא גרויסע באנדיטען, צוליעב וועלכע איך פעראונגליק דיא בעסטע קינדער פון אונזער לאַנד, שטעלען דער וועלט בדלות און לעבען אויף אונזער רעכענונג? נור צוליעב וואס האב איך ביז היינט אזעלכע שרעקליכע פערברעכען בעגאַנגען? צוליעב דעם פערפלוכטען גראָשען! איז דאס רעכט? איז דאס עהרליך? האב איך מיר דען אן אנדער לעבענסמיטעל ניט אויסגעפונען? — ניין, רעכט אויף מיר! איך בין אפּ-

נעצאהלט געוואָרען נאך מיין פערדיענסט.... נאך א טאג, און איך בין פארטיג. מיינע שטונדען זיינען געצעהלטע!

ער האט זיך צוריק אויסגעצויגען אויפ'ן פייכטען באָדען און האט ליגענדיג זיך איינינע מאל איבערגעצלם'ט און א בערייהונגס-זיפץ האט זיך פון זיין הערץ ארויסגעריסען. פּלוצלינג איז ער פון זיין געלעגער אויפגעשפרונגען. ער האט דער־הערט א שטימע:

— שורקין! שורקין!

— ווער זייט איהר? — האט ער מיט א הייזעריגע שטימע און האלב ער־שראָקען געפרעגט.

— איך בין אנטאָן איוואנאָוו און בין געקומען אייך פון מיין מערדערישען ברודערס הענד צו רעטען, — האט ער בעקומען אן אנטוואָרט.

— איך וועל אייך דאפיר אימער דאנקבאר זיין — האט איהם שורקין גע-ענטפערט.

— מיין ברודער האט אייך מערדעריש בעהאַנדעלט, — האט אנטאָן ווייטער גערעדט — און נאכהער וויא איהם איז בעוואוסט געוואָרען, אז איהר זייט ווירקליך, הערר שורקין, האט ער דאך געווים מורא געהאט אייך צו בעפרייען; יעצט אבער קוק איך ניט וואס מיט מיין ברודער וועט דאדורך געשעהן און איך בין געקומען אייך פריי צו מאַכען פון אייער געפענגניס.

— איהר זייט אן עדעלמאַן — האט איהם שורקין געענטפערט.

— און ווייל איך בין אן עדעלמאַן, — האט אנטאָן ווייטער גערעדט — וואָלט איך וועלען דיא זאך אזוי ווייט בריינגען, אז איהר, הערר שורקין און מיין לייבליכער איינציגער ברודער, האָטש ער איז א טיראַן, זאלעןביידע פערבלייבען צופריעדען. קען איך עס ערוואַרטען?

— איך וואָלט גערען הערען אייער פּלאַן — האט איהם שורקין געענטפערט.

— מיין פערמעגען בעשטעהט אין פינף טויזענד רובעל, — האט אנטאָן פּאָרט־געזעצט — איהר בעקומט פאר אייער בעליידיגונג יעדעס מאנאט טויזענד רובעל אין קייזערליכען באנק אויף מיינעם אן אנווייזונג, גאנצע פינף מאנאטען נאָכ־אנאנאנד.

דא האט זיך צוריק ערוועקט אין שורקינען דיא שלויהייט און דיא ליסטיג־קייט פון א שפּיאָן.

— דאס איז ברודערקע ווענינ, — האט איהם שורקין ערווידערט.

— איך וועל נאך פון מיין ברודער אויך נעהמען א פאר טויזענד רובעל, — האט איהם אנטאָן געענטפערט.

— דאס בעקום איך — האט איהם שורקין געזאגט — פאר ארייגקריגען אזא גרויסען העבט וויא אייער ברודער אין מיין נעץ, היינט טאָ וואס פערדיען איך דאָ פאר מיין זיצען אזא לאַנגע צייט אויף ברויט מיט וואסער אין אזא פינסטערע לאָך? אָן עדעלמאַן וויא איהר בעדארפט דאָך האבען איינזעהעניש.

— אלזא ליעבער שורקין, — האט אנטאָן געזאגט — איך פיהל מיט אייך

מיט, און איך פערשטעה וויא גרויס אייער בעליידיגונג איז געווען. איהר בעקומט גאנצע צעהן מאָנאטען צו טויזענד רובעל א מאָנאט אויף מיינעם א „טשעק" אין דער קייזערליכע באנק.

— איך בין צופריעדען — האט איהם שורקין נאך א קורצען שטילשווייגען ערוויעדערט.

— אלזא, אדיע הערר שורקין, — האט אנטאָן געזאגט.

— טאָ וואס לאָזט איהר מיך דא איבער? — האט שורקין איהם געפרעגט — דיא זאך איז דאָך שוין אָפּגעמאכט.

— וויא באלד אז איהר בעקומט ניט היינט דיא ערשטע טויזענד רובעל — האט אנטאָן געזאגט — פערבלייבט איהר ביי אונז ביז מאָרגען; אבער ניט דא אין קעלער, מען וועט אייך שוין ביי נאכט פון דאנען אין א ליכטיגען צימער ארויס-נעהמען.

— אבער אין גאָטעס נאמען, לאזט מיך דא לאנג ניט זיצען, — האט זיך שורקין געבעטען.

— איך גלויב, אז היינט וועט עס נאך געשעהן — האט איהם אנטאָן גע-ענטפערט און ער האט זיך דורך א געהיימע טהירעל פון קעלער ארויסגעכאפט.

— דיא זאך וויא מיר שיינט איז אָפּגעמאכט — האט אנטאָן געזאגט צו זיין ברודער ארויסגעהענד פון קעלער — דאס געלד בעקומט ער ניט פאר איין מאָל, וויא מיר האבען אפגערעדט. און איך גלויב, אז ער וועט זיך קוואפען אויף אזא גרויסע סומע און וועט זיין שפּיאָן ניט ארויסווייזען.

— עס איז שוין אבער נאכט, — האט דער פריסטאוו אנטאָנען געזאגט — און אזוי וויא איהר געלד איז אין באנק מוז עס שוין דויערן ביז מאָרגען.

— האָסט דוא דען ניט דיא ערשטע טויזענד רובעל?

— איך האב ביי א זעקס הונדערטער; אבער דא געהט ניט אום דיעזעס. בעפאָר איך האב דיא גאנצע סומע פון איהר ניט ארויסגקריגען, קען איך איהם ניט בעפרייען. איך קען אזעלכע חברה-לייט זעהר גוט. איך וועל נאך גוט אָפּשניי-דען, אז נאך זיין בעפרייאונג וועט ער זיין צופריעדען דיא גאנצע סומע פאר איינ-מאל צו נעהמען, מיט'ן אויסצאהלען דאס געלד ראטענווייז, האבען מיר דאך מעהר ניט וויא איהם פרובירט צו דער עסק וועט געהן, און ווער קען וויסען וואס ער טראכט זיך אין הארצען? מעגליך אז איך וועל גאר דארפען מ א כ ע ן פ י ס פון מאָסקווא און אהן אזא סומע קען איך מיר גאר ניט ריהרען.

— דוא האָסט רעכט — האט איהם אנטאָן געענטפערט — אבער מיר טאָרען איהם מעהר ניט אויפרייצען. דוא מוזט זעהן איהם פון קעלער ארויסנעהמען און אריינזעצען ערגעץ אין א פערשפארטען צימער, עפּעס מיט פרישערען לופט.

דער פריסטאוו האט זיך פערטראכט.

— גוט, — האט ער צו אנטאָנען געזאגט — געה נאך הויזע און זעה אז זיא זאל דערוויל קיין חרטה ניט האבען. איך קען מיין בעסטיע זעהר גוט. איך וועל שוין דא אלעס בעזאָרגען.

אנטאן איז אוועקגעגאנגען און דערווייל האט פריסטאוו איוואנאוו מיט זיינע ביידע פערטרויטע אקאלאדאטשניקעס ארויסגענומען שורקינען פון קעלער. ער איז זיך גאנץ רוהיג געגאנגען צווישען אלע דרייען, און האט זיך געלאזט אריינפיהרען אין א קאזעמאט פאר ארעסטאנטען, אבוואהל ער האט געהאט א ברירה צו מאכען אויפ'ן הויף פו'ם אוטשאפּסטאק א לארעם.

דער ה י י ז ע ר י ג ע ר שורקין איז געווען אין גאנצען געראטען אין יענעם וואלף, וואס האט ניט צוריסען מעהר קיין שעפּסען, ווען ער האט פערלארען די צעהנער.

— אלזא הערר פריסטאוו — האט ער שטיל צו איוואנאוו'ן געזאגט נאכהער וויא ער איז מיט איהם אליין אין קאזאמעט פערבליבען — איהר האט מיך גוט אנגעלערנט.

— איהר ווערט, הערר שורקין, פאר אייער בעליידיגונג גוט בעפריעדיגט ווערען — האט איהם דער פריסטאוו פריינדליך ערוויעדערט — אז איך וואלט אייך דאמאלס ניט געהאלטען פאר שיכור אדער משוגע, וואלט איך אייך אזוי ניט בעהאנדעלט. יעצט וויעדער, אז איהר זייט שוין אריינגעפאלען, און איך האב מיך דערוואוסט ו ו ע מ ע ן איך האב אזוי געטהאן, האב איך איינפאך פאר זיך אליין געציטערט. אבער ניש-קשה, צעהן טויזענד רובעל איז ניט אזא קליינע סומע. איהר ווערט נאך פון מיר אפּט בעקומען גרויסע פּרעזענטען און איהר ווערט אין מיר האבען דעם בעסטען גוטען פריינד.

— אבער ווארום טהיילט איהר מיר אוים קצבה געלט ? — האט איחם שורקין תמ'אוואטע געפרעגט — בין איך ניט ווערט דיא גאנצע סומע פאר א י י ן מאל ?

— איהר זייט עס ליעבער שורקין ווערטה, — האט איהם איוואנאוו געענטפערט — אבער וויא וואלט א י ה ר אויף מיין שטעלע געהאנדעלט ? איהר פערשטעהט דאך עס אליין.

— איך פערלאנג א העלפט יעצט און דיא צווייטע העלפט אין א מאנאט ארום — האט שורקין שוין מיט א העכערען טאן געזאגט.

— מיר וועלען שוין דורכקומען — האט איהם איוואנאוו געענטפערט און איז פון קאזאמעט ארויסגעגאנגען אויפהענגענד אויפ'ן טהיר א גרויסען אייזערנעם שלאס.

30טעס קאפּיטעל.

## גאר פון א זייט.

אברהם שטיין, וועלכען מיר האבען געזעהן מיט דעם טראקטירשציק טימאפיי מיביילאוו אין טראקטיר לעבען מאסקווער בערזע, און ער איז דאמאלס אוועקגעלאפען זיך זעהן מיט פאליאקאוו'ן וועגען דעם פערקויף פון טימאפיי'ס הויז, איז געווען איינער פון דיא פארנעהמסטע מעקלער ביי דעם שוועל פון מאסקווער בערזע, וואו ער פלעגט אפּמאכען דיא גרעסטע געשעפטען ניט איינמאל אנצוזעהן דיא אינערליכע ווענט פון יענער הויז, וועלכע איז געשלאסען פאר א אידען אהן אן ערשטע גילדע. ער איז געווען א קלוגער אויסגעמאכטער אידעל, וועלכער האט ניט געקוקט

אויף קיין כבוד, און אז דער אקאַלאַדאַטשני פלעגט איהם אראַפּלאָזען אין קארג ווען ער האט זיך מיט איין פוס ארויפגעשטעלט אויף דעם ערשטען טרעפּ פון מאָסקווער האנדעלס=הויז, האט ער דיא פוס פון'ם טרעפּ'ל אראַפּגענומען און האט ווייטער געשמועסט וועגען געשעפט מיט דיא וואס זיינען ארום איהם געשטאנען. און אין אזא לאגע, האט ער דאך פערדיענט דורכ'ן יאהר, מעהר וויפיעל צעהן אקאַלאַדאַטשניקעס נעהמען געהאלט אין צוויי יאהר. נאט האט עשו'ן געשענקט גראָבע קאפּעס, דערפאַר אבער האט דער קליין יעקב'ל א קלוגע אידישע קעפּעלע. ער וויים, אז ער איז אין גלות און אז מען איז מקבל א קלאפּ בעדארף מען האנדלען ווייטער. א גרויסען פערמעגען פון אזעלכע גרויסע פערדיענסטען האט שטיין ניט געהאט, דאס לעבען אין מאסקווא קאסט זעהר טהייער, דער פריסטאוו נעהמט בעזונדער, דיא אקאַלאַדאַטשניקעס פאר דיא קלעפּ בעזונדער, און דערצו איז מען דאך עפּעס א איד וואס האט פאר זיך א געמיינדע מיט פיעלע וואהלטהעטיגע אנשטאלטען; וואס האט א שוהל, וואו ער דאווענט און מען מוז זיך לאזען דערקענען, און שטיין; אלס בראווער עהרליכער איד מיט אן עדעלען כאראקטער, האט אומעדום זיך געלאזט קאָסטען גוטע געלד. ח"י מאל ח"י רובעל פאר אן עליה איז געווען ביי איהם וויא אויך ביי אנדערע מאָסקווער אידען איינע פון דיא קלענסטע זאכען. דערפאר האט ער זיך ערוואָרבען זעהר א גוטען נאָמען און איז געווען אויסגעצייכנעט מיט דער גאנצער מאָסקווער אידישער געמיינדע און האט געהאט אן איינגאנג אין דיא רייכסטע און שעהנסטע הייזער. אויך ביי פיעלע רוסען, וועלכע יעדערער פון זיי האט זיך זיין אידעל, „וואס איז ניט קיין שווינדלער, ניט קיין רויבער און בייטעל=שניידער וויא אלע איבעריגע זשידעס", איז געווען שטיין זעהר געאַכטעט. ער האט ביי יעדען איינעם פון זיי געהייסען „זיין אידעל" פאר וועלכען ער וואָלט זיך געלאזט דיא האלדז שניידען.

שטיין, וועלכער האט גוט געקענט זיין גלויבענס=גענאָסע גרינבערג נאך פון צוהויזע, און ער האט געוואוסט, וואס פאר א שעהנע עלטערן ער האט נאך היינטיגען טאָג אין קאָוונא, האט אויף קיין פאל געגלויבט, אז דיעזער עהרליכער גרינבערג, זאל פלוצלינג בעגעהן אזא שרעקליכען פערברעכען און אונטערצינדען א הויז אום ראכע צו נעהמען פון א פאמיליע מיט וועלכע ער פלעגט זיך אָפט צאנקען. אלס מעקלער פון הייזער און פאבריקען איז ער אויך געווען גוט בעקאנט מיט מאָסקווער פאָרשטאָדט פּרעאָבראזשענסק און האט געוואוסט, אז טימאָפיי מיכיילאָוו איז בעקאנט ביי פיעלע פון זיינע נאכבארען פאר זעהר א פערדעכטיגען מענשען, אז אין זיין טראקטיר ווערען אָפּגעטהאן שמוציגע זאכען וואס ווערען אפּגעוואשען מיט חאבאר ביי פּרעאָבראזשענסקען פריסטאוו מיט זיינע מיטהעלפער.

באלד וויא דער שרעקליכער מארד=טהאט איז בעוואוסט געוואָרען, האט איהם דער מיליאָנער מאראָזאָוו, ביי וועלכען ער איז געווען זעהר געאַכטעט, דיא זאך פאָרגעוואָרפען. ער האט זיך עדעל אויסגעדריקט, אז אידען אין מאָסקווא ווייסען זיך ניט וויא צו האלטען און ער בעדויערט דאס זיי בעשמוצען זיך מיט אזעלכע טהאטען.

— ניין, הערר מאַראָזאָוו, — האט שטיין געענטפערט — אבוואהל מיר זיינען ניט פעראנטוואָרטליך פאר יעדען געמיינעם פערברעכער און מיר קענען ניט גוט זאגען פאר דער גאנצער אידישער נאציאָן, אז זיא זאָל זיין דורכאוים ריין און עהרליך, אבער אז גרינבערג איז אונשולדיג, קען איך ביי אלער היילינקייט שווערען. איך קען דעם מאן נאך פון קינדהייט אן און איך וויים, אז אזא בראווען עהרליכען מענשען איז נאר שווער היינטיגע צייטען צו געפינען.

— אבער דיא בעווייזע שמייסען דאך זיינע פערטהיידיגער גלייך אין געזיכט, האט מאַראָזאָוו געענטפערט.

— וועלכע בעווייזע? — האט איהם שטיין רוהיג געפרעגט — טימאָפיי מיט זיין שוואָגער ראזבאַיעוו זיינען צייגע, אז זיי האבען איהם ביי'ם מאָרד=בראנד געכאפט; אָבער ווער איז עס זיי מחויב צו גלויבען? איך האב געהערט גאנץ בע=שטימט, אז טימאָפיי איז אן אויסוואורף, און זיין טראקטיר איז אן ערטעל, וואו מען זעצט אפּ אלע גנבות פון שטאדט. איך קען אייך דערצו ברענגען לעבעדיגע עדות פון זיין נאכבארשאפט. איז דאך זיכער צו גלויבען, אז טימאָפיי האט עס אליין געטהאן צוליעב א געוויסען ציעל, וועלכער איז אונז אונבעקאנט.

— אויב אזוי, — האט מאַראָזאָוו געענטפערט — טאָ וואָס=זשע שווייגט איהר? דערצעהלט עס וואו מען בעדארף, פיעללייכט וועט דער גאנצער פראָצעס אננעהמען אן אנדער ווענדונג.

— איך שווייג טאקי ניט, — האט שטיין געענטפערט — איך האב מיך היינט דאריבער געזעהן מיט פאָליאקאָוו'ן און ער האט מיר געראטהען, אז איך זאל מיך בעמיהען צו פערשאפען מעהר בעווייזע מיט וועלכע מען קען עפּעס אויפטהאן און איך בין געזאנגען צו זאמלען שריפטליכע מיינונגען וועגען טימאָפייען מיט זיין שוואָגער פון זיינע נאכבארין.

— דאס איז ווירקליך א גוטער פלאן! — האט מאַראָזאָוו געזאגט — איך ווינש אייך ערפאָלג, עס וועט מיך אויך פרעהען און איך וועל דערביי אויך אין מאנכע אינזיכטען ניט ליידען.

— איהר? ליידען? — האט שטיין פערוואונדערט געפרעגט — וואָס מיינט איהר מיט דעם?

— אייך, הערר שטיין, וועל איך עס פערטרויען, — האט מאַראָזאָוו מיט אן ערנסטע שטימע געזאגט — אלעקסעיעוו האט מיר שוין איינינע מאל פאָרגעוואָרפען, פאר וואס איך האלט פיעלע אידען פאר פריקאשציקעס (קלערקס) אין מיינע געשעפטען אויפ'ן פראָווינץ. איך האב איהם אפענהערציג ערקלערט, אז איך האב נאר ניט געגען אידען וואס אויסצוזעצען. ער אבער וויל מיר יעדען מאל איבערצייגען, אז אידען זיינען געמיינע פערברעכער, שווינדלער, בעטריגער און דעם גלייבען. יעצט אז ביידע מאָרדטהאטען זיינען פאָרגעקומען, אין וועלכע צוויי אידען זיינען בעשולדיגט, איז שוין אלעקסעיעוו הייטע אין דער פריה ביי מיר געוועזן, און האט מיך געוואָלט איבערצייגען, אז דיא גאנצע אידישע געמיינדע שטעהט מיט ביידע פערברעכער אין פערבינדונג און ער האט זיך ניט געשעהמט מיר צו בעטען

אים נאמען פון דער הייליגער פּראוואָסלאוויע, אז איך זאל אננעהמען רוסען אויף די פּראָווינצען פאר מיינע געשעפטס-פיהרער. ער האט אויך אויף מיר אָנגעשיקט דעם פּרעזידענט פון מאָסקוער בערזע נאדיאָנאָוו'ן און די ביידע בערעכענען נאָך נים וויא אונטאַקטיש דאס איז, זיך אריינצומישען אין יענעמס אנגעלעגענהייטען.

שטיין האט א זיפץ געטהאן און האט זיך אויף א ווײלע פערטראכט.

— הערר מאַראזאוו, — האט ער נאך א קורצע פּויזע מיט א פלעהענדע שטימע געזאגט — איך וועל פון יעצט אן, אלע מעגליכקייטען אנווענדען אויפצו-ווייזען דאס אונשולד פון דעם אונגליקליכען גרינבערג'ן. איך טהו עס צוליעב מיין עלענדען אונגליקליכען פאָלק, וועלכע מען מאכט פעראנטוואָרטליך פאר יעדער איינציגען וואס טראגט זיין נאמען; אבער צו קען איך מיר נעהמען די דרייסטקייט און בעטען פון אייך עפּעס א געפעלינקייט?

— מיט'ן בעסטען פערגניגען! — האט מאַראָזאוו געריהרט ערוויעדערט.

— איך וויס, — האט שטיין ווייטער גערעדט — אז טימאָפּיי'ס נאכבארען וועלען ווענען איהם שריפטליכע מיינונגען נים וועלען געבען. זיי האבען זיך פאר איהם מורא און מאנכע ווילען מיט א נאכבאר נים איינרייסען, דארום מוז איך דא אנווענדען אן אנדער מיטעל. איך וועל מיט ליסטיגקייט צוזאמענקלייבען מינד-ליכע מיינונגען, אבער איך מוז דערצו האבען זעהר אן אנשטענדיגען, בעגלויבטען און נעאכטעטען מענשען, וועלכער זאל די מיינונגען מיט זיינע אויערן הערען, אום איך זאל ביי א געלעגענהייט איהם האבען אלס ציינע (עדות) פאר'ן פּראָקר ראָר און פאר'ן געריכט. קען איך עס אייך, הערר מאראזאוו, אנמוטהען?

מאראזאוו האט זיך אויף א ווײלע פערטראַכט.

— דערצו איז נאר גוט א געהיים-אגענט, — האט מאראזאוו פריינדליך ערוויעדערט.

— איך קען זעהר גוט די אלע באנדיטען — האט שטיין געענטפערט — און ביי מיר איז קיין צווייפעל נים, אז טימאפּיי וועט זיי בעשטעכען (אונטערקויפען) און די גאנצע זאך וועט נעהן קאפּוט.

— איז דאך די בעסטע זאך, אז איהר זאלט זיך ווענדען צו פּאָליאַקאָוו'ן אדער צו מאַלליך'ן — האט צו איהם מאראזאוו געזאגט.

— איהר פערשטעהט דאך אליין, — האט שטיין פארטגעזעצט — אז וויא באלד די גאנצע אידישע געמיינדע איז בעשולדיגט דאס זיא שטעהט מיט די פערברעכער אין פערבינדונג, וועלען דאך אונזערע פיינדע זאגען, אז דא שטעקט א אידישער שווינדעל און ווען גרינבערג וועט אפילו ערקלערט ווערען פון'ם געריכט פאר אונשולדיג, וועט אלץ דאס שולד ביי דער עפענטליכער מיינונג פון איהם און פון אלע אידען נים הערונטערפאלען; אבער ווען איהר, הערר מאראזאָוו, וועט אלס ציינע ארויסטרעטען, האט איהר געטהאן א מענשען-פפליכט און אונזערע פיינדע וועלען בלייבען אהן לשון. די גאנצע זאך בעשטעהט דא נאר אין א קליי-ניגקייט. איך וועל אייך שוין ברענגען צופיהרען מענשען, וועלכע עס וועלען אייך אלעס דערצעהלען, זייערע נעמען ווילען ביי מיר פערשריבען ווערען און איהר

ועט אייער צייגניסע איבערגעבען דעם סליעדאָוואטעל אדער דעם פּראָקוראָר. איהר וועט אפילו אין געריכט ניט בעדארפען געהן, אייער צייגניסע וועט אויפ'ן פּראָקוראָר אדער סלידאָוואטעל מאכען אזא ווירקונג, אז זיי וועלען זיך אליין נעהמען אין יענער נאכבארשאפט נאכצופאָרשען וועגען טימאָפייען און דאס וועט שוין זיין גענוג. אין א טויזענדען פאל, קען יא טרעפען, אז איהר זאלט אלס צייגע בעדארפען ארויסטרעטען אין געריכט, אבער אייער עהרע הערר מאָראָזאָוו, וועט דערביי גאָר ניט ליידען.

— איך וועל מיך דאריבער בעראטהען — האט מאראזאוו געענטפערט — אין לעצטען פאל, אז איהר וועט קיין אנדערן פון אונזערע רוסען ניט געפינען, זאלט איהר זיך ווענדען צו מיר.

אברהם שטיין איז פון מאראָזאָוו'ן צופריעדען אוועקגעגאנגען און האט זיך באלד גענומען אין טימאָפיי'ס געגענד וועגען איהם נאכצופאָרשען. ער איז צו זיין ערשטוינען וואס שרעקליכעס דערגאנגען, אבער איידער ער האט ביי זיך בעשלאסען א פּלאן, וויא דיא זאך דורכצופיהרען, האט ער זיך דערווייליגע געטראָפען מיט טימאפייען ביי דער בערזע, מיט וועלכען ער איז אין טראקטיר וועגען געשעפט אריינגעגאנגען און וויא איבערראשט איז ער געוואָרען, אז טימאָפיי האט איהם געבעטען, אז ער זאל איהם שאפען וואס אם גיכסטען א קונה אויף זיין הויז! דאָ האט ער דייטליך געזעהן, אז טימאָפיי האט עפּעס צוליעב א געהיימען ציעל דעם מאָרד בעגאנגען און ער איילט זיך פון זיין הויז און זיין טראקטיר פּטור צו ווערען, אום ער זאל קענען מאכען פּליטה איידער מען קוקט זיך ארום.

ער איז באלד פו'ם טראקטיר צו מאָראָזאָוו'ן אוועקגעלאָפען און האט איהם געפונען אליין אין זיין קאבינעט.

— הערר מאָראָזאָוו, — האט צו איהם שטיין געזאגט — מיר האט זיך איינגעגעבען צו דערגעהן וועגען טימאָפייען גאר שרעקליכעס. פאָריגעס יאהר האט מען אין א זייט הויף פון זיין טראקטיר געפונען אן ערמאָרדעטען רייכנעקליידעטען מענשען און דער פּריסטאוו פון זיין אוטשאסטאָק האט איינגעשריעבען אין פּראָטאָקאָל, אז ער האט יענעם מענשען געקענט פאר א פּיאניצא, וועלכער האט געפיהרט א שענדליכען לעבען. אין דעם ערמאָרדעטענס בוזים-טאַש האט דיא פּאָליציי אויסגעפונען א פּאספּאָרט מיט'ן נאמען אנטאָן קורילאָוו, און איינינע נאכבארען האבען עדות געזאגט, אז דיעזער אנטאָן, האט זיך אין יענעם געגענד דעמוזעלבען אבענד ארומגעדרעהט מיט צוויי אונבעקאנטע פרויען. דיא פּאָליציי האט קיינע וייטערע נאכפארשונגען געמאכט, און מען האט איהם בעערדיגט. אין „פּאָליציייסקי ליסטאָק" איז געקומען א קליינער בעריכט, אז א געוויסער טרעמפּ קורילאָוו איז אין בעטרונקענעם צושטאנד ערמאָרדעט געוואָרען דורך צוויי אונבעקאנטע נאכט-פרויען. אבער דיא נאכבארען ווייסען, אז דער יעניגער וואס האט דעם ערמאָרדעטען אויף טימאָפיי'ס הויף געפונען אום זעקס אוהר מאָרגענס, האט פון זיין פינגער ארונטערגענומען א גרויסען גאָלדענעם רינג מיט אויסגעקריצטע בוכשטאבען. דאס צייגט, אז דער ערמאָרדעטער איז ניט געוועזן קיין טרעמפּ, נור עפּעס א רייכער מאָן, און

ביי מיר איז גאר קיין צווייפעל ניט, אז טימאָפּיי האט איהם ערמאָרדעט און האט ביי איהם א גרויסען פערמעגען צוגענומען.

ווען שטיין האט גערעדט איז מאראָזאָוו געוואָרען יעדע ווילע אלץ מעהר אויפמערקזאמער, און ווען ער האט געענדיגט דיא לעצטע ווערטער האט ער זיך אויף א ווילע פערטראכט.

— האט איהר געזעהן דעם מאן וועלכער האט פון זיין פינגער דעם רינג ארונטערגענומען? — האט איהם מאראָזאָוו פעראינטערעסירט געפרעגט.

— איהם אליין האב איך ניט געזעהן, — האט שטיין געענטפערט — אבער איך האב געזעהן זיינעם א קאמעראד, וועלכער האט עס מיר פערטרויט אלס א געהיימניס ביי א פלעשעל „וואָרקא״

— האט ער אייך פיעללייכט געזאגט וועלכע בוכשטאבען זיינען אויפ׳ן רינג געווען גראַווירט.

— איך האב שכל געהאט איהם דאס צו פרעגען; אבער ער האט מיר גע־ענטפערט אז ער געדענקט ניט.

— ווייסט איהר אויך ווער איז דער מענש וואס האט דעם רינג פון ערמאָר־דעטענס פינגער ארונטערגענומען?

— ער האט מיר געזאגט, אז ער וואוינט היינט אין מאסקווא, און ער ארבייטעט ביי א שניידער אויף „ניגליני פראָיעזד״ נומער 7.

מאָראָזאָוו׳ס געזיכט האט אנגענומען זעהר אן ערנסטען אויסדרוק.

— ווייסט איהר וויא ער הייסט?

— זיין נאמען איז חאָחלאָוו. דיא „וואָדקי״ האט אין זיין קאמעראד׳ס מויל גערעדט גאנץ דייטליכע ווערטער.

— האט איהר שוין פיעללייכט זיך מיט איהם געזעהן?

— איך האב מיר מיט פליים בעשטעלט דאָרט נעהען א פּאָר הויזען און איך האב געבעטען דעםווירטה, אז זיין מיטהעלפער חאָחלאָוו זאָל זיי שטעפּען. חאָחלאָוו האט זיך פון צווישען פופצעהן ארבייטער ארויסגעהאפּט און האט מיר אנגעקוקט מיט א פריינדליכע מינע.

— איהר זייט, הערר שטיין א מאָלאָדיעץ! — האט איהם מאָראָזאָוו א קלאפּ־טהאָנדיג אויף דיא שולטערן געזאגט — איך זעה אז נור א י ד ע ן טאקע טויגען צו אלעס; אבער זאגט מיר נור הערר שטיין, פיעללייכט איז מעגליך אז איהר זאלט באלד דעם חאָחלאָוו׳ן ברייגגען צו מיר?

— אזוי ווייט פעראינטערעסירט עס אייך? — האט איהם שטיין פערוואונדערט געפרעגט.

— איך קען אייך פאָרלויפיג גאר גיט זאגען אום וואס דא האנדעלט זיך, — האט מאראָזאָוו עטוואס אויפגערעגט געזאגט — נור דאס זאג איך אייך, אז איך האב זעהר נעטהיג דעם חאָחלאָוו׳ן צו זעהן.

— אזוי ווייט האלט עס? — האט שטיין ערשטוינט וויא צו זיך אליין גע־פרעגט.

— איך מוז איהם נאך היינט זעהן! — האט מאַראַזאָוו מיט א פעסטען טאָן געזאגט.

— איך וועל שוין זעהן נאך היינט איהם אהער צו ברייננען — האט שטיין מיט אן איגערליכע פריידע און פערוואונדערונג איהם געענטפערט — און וואס עס אנבעלאנגט צו היינטיגען מאָרד, קען איך אייך זאגען אז טימאַפיי וויל פלוצלינג פערקויפען זיין הויז און ער פערלאנגט, אז דיא זאך זאל נאך היינט געשעהן. איך האב איהם געלאזען אין בערזען-טראַקטיר און איך בין געקומען אייך מאכען א פאָרשלאג, אז איהר זאלט ביי איהם דיא הויז אָפקויפען; זיא שטעהט טאקע ניט וויט פון אייערן א פאבריק, און אויסער וואס איהר קענט זיא קויפען פאר א האלבען פרייז, איז פאר דעם פראָצעס פון דעם אונגליקליכען גרינבערג, זעהר וויכטיג, אז היינט אדער מאָרגען זאל טימאַפיי'ס הויז פערקויפט ווערען. איך וויל דא זעה וואס וועט זיין דיא ענדע נאכ'ן פערקויף. איך וועל איהם שוין היטען נאך מעהר אלס טויזענד שפּיאָנען.

— דיא גאנצע געשיכטע מיט טימאַפייען — האט מאראזאוו געזאגט — האט יעצט גענומען גאר אן אנדער ווענדונג. איך מוז אונבעדינגט זעהן חאָחלאָוו'ן און אויב איך וועל מיט איהם נאך היינט ריידען, וועל איך אייך זאגען גלייך אן אנט־וואָרט, צו מען דארף דיא הויז אפקויפען, אדער עס וועט נאך אזוי פיעל בעסער זיין.

וויא שטיין'ען איז יעצט געוועזען דיא גאנצע טרויעריגע געשיכטע אונגעאייר אינטערעסאנט, דאָך האט איהם זיין טאקטיק ניט געלאָזען, אבערמאלס צו פרעגען אום וואס דא געהט.

— איך וועל איהם וואס גיכער, וויא נור מעגליך צו אייך אהער ברייננען — האט מאַראַזאָוו געזאגט און איז גלייך אוועקגעגאנגען.

ער האט זיך דורכגעהענדיג אריינגעחאפּט אין בערזען־טראַקטיר, וואו ער האט טימאַפייען געלאזען ווארטען אויף אן אנטוואָרט; אבער א דיענער האט איהם איבערגעגעבען טימאַפיי'ס א בריעפעל, וועלכען ער האט איבערגעלאזען ווען ער איז אוועקגעגאנגען מיט זיין בייזע בענעגעניש, פיליפּאָוו'ן, איהם צו ווייזען זיין הויז, פּיעללייכט וועט ער איהר אננעהמען פאר'ן אלטען חוב פון א מאָליגער ירושה.

— א בריעפעל מיט טימאַפיי'ס האנדשריפט וועגען פערקויף פון זיין הויז, — האט זיך שטיין געקלערט, — קען מיר דא, אויך זעהר ניצליך זיין, און ער איז גלייך פון טראַקטיר ארויסגעגאנגען און אין א ווייַלע ארום פערשוואונדען געווארען צווישען דער גרויסער מאסע מענשען, וועלכע געהען שוין צוריק פון דיא ווערק־הייזער און געשעפטען נאך הויזע.

31טעס קאַפּיטעל.

## ווער זיינען דיא אידישע און ניהיליסטישע פערפאָלגער?!

אין דער צייט ווען שטיין האט גערעדט מיט מאַראַזאָוו'ן דאס וואס אונזערע לעזער איז שוין בעוואוסט, איז חיטראָווצין געזעסען פערשלאָסען אין א זייטיגען צימער פון זיין ביוראָ און האט געפיהרט מיט א מאַן פון א יאהר פינף און פערציג א שטילען געשפרעך.

— איך מוז אייך, הערר חיטראָווצין זאגען, אז איהר האַנדעלט מיט מיר ניט וויא מיט א גוטען ברודער, — האט צו איהם דער מאַן געזאגט — איהר האט זיך געשטעלט פאר דער שטיקעל ארבייט א צו גרויסען פּרייז. אלס אַן אַלטען בעקאנטען נאך פון פּאריז, האט איהר עס בעדאַרפט לאָזען פאר פיעל ביליגער....

— איהר מאַכט אייך, הערר פּאַסטוחאָוו, אומזיסט נאַרריש — האט איהם חיטראָווצין מיט אַן ערנסטע שטימע געענטפערט — איהר זייט גאָט צו דאנקען היינט א מיללייאָנער, אייער „מאָסקאָווסקי ליסטאָק“ קאָסט מיר אליין אויך עטליכע רובעל א יאהר, און אז א י ה ר זאָלט ניט בעצאהלען פאר אזא שטיקעל ארבייט אַן ארענטליכען פּרייז, איז שוין גאר דיא וועלט קיין וועלט ניט.

— עפּעס וויא איך זעה — האט פּאַסטוחאָוו צורודערט געזאגט — האַלט איהר מיך פאר א מערדער, פּון ווענען מען דאַרף רייסען א פּאַס. גלויבט מיר זיכער, אז זיא איז פּלוצלינג געשטאָרבען פון אפּאָפּליעקסע און, אז איך זאל וועלען, קען איך זיא נאך היינט בעערדיגען גאַנץ אָפען פאַר דער וועלט....

— דאס איז טאקע דאס בעסטע, — האט איהם חיטראווצין רוהיג געענטפערט — ווארום זאלט איהר עס אפּמאַכען אין דערשטיל, פּונקט וויא איהר וואָלט זיא אליין פערגיפטעט? מען קען עס א מאל ערפאהרען, און דער רעדאקטאר און הערויסגעבער פון בעוואוסטען „מאָסקאָווסקי ליסטאָק“, אין וועלכען ער פּריידיגט מאָראַל און שרייט, אז נור דיא „זשירעס“ זיינען מערדער, וועט גאר אליין אלס מערדער בעטראַכט ווערען.

פּאַסטוחאָוו'ס רויטהע געזיכט איז געל געוואָרען וויא וואַקס.

— איהר ווייסט אבער ניט, — האט פּאסטוחאוו מיט א שוואכע אַן [illegible] ציטערענדע שטימע צו איהם געזאגט — וויא ווייט אונגליקליך איך בין דורך אזעלכע פיינדע וויא דיא „זשירעס“. איך ווייס בעשטימט, אז באלד וויא דיא זאך וועט דורך אַן עפענטליכע בעערדיגונג ווערען בעוואוסט, וועלען זיי אונטערקויפען דעם פּראָקוראָר מיט אלע געריכטס בעאַמטע, און עס וועט פאלען אויף מיר א פערדאכט דאס איך האב איהר פערגיפטעט*).

— דאס איז א דומהייט, — האט חיטראָווצין א מאַכנעבענד מיט'ן האנד איהם געענטפערט — ווייסט איהר דען ניט, אז ערצטע קענען אין א טויטען קערפּער אויסגעפינען צו ער איז פערגיפטעט אדער ניט?

— דאס אונגליק איז אבער דא — האט פּאַסטוחאָוו מיט א תם'אוואטע מינע געזאגט — וואס זיא פלעגט אָפט איינגעהמען גרויסע דאָזען אַרסעניק, ווייל זיא האט זיך געפיהלט בלוט-ארעם. ביי מיר אליין איז אויך א צווייפעל צו האט זיא דיעזען מאל ניט איבערגעחאַפּט דיא מאָס.

— אבער ווען וועט עס איינפאלען צו האבען אויף אייך א פערדאַכט? —

*) אַז ביי פּאַסטוחאָוון איז אַ גאָווערנאַנטין געשטאָרבען פון פערגיפטונג איז אַ פאַקט וואָס איז געשעהן אין יאהר 1882 אַם ענדע אויגוסט, ווען זיין ווייב איז געוועזען אין אויסלאַנד, און זיא אַליין מיט איהם האבען זיך אין וואוינונג געפונען.

האט איהם חיטראָווצין מיט א נאַאיווע מינע געפרעגט — אלע קענען אייך פאר א בראווען עהרליכען מאַן, און מאלע וואָס א גאָווערנאַנטין פערגיפטעט זיך אָדער שטאַרבט דורך א הערצשלאַג?

— איך האב דאָך אייך שוין געזאגט, — האט איהם פּאסטוכאָוו פערדריסליך און אונרוהיג געענטפערט — אז דיא „זשידעס“ וועלען דא ניט שווייגען. זיי זיינען אין מאסקווא א גרויסע קראַפט. פּאָליאַקאָוו איז א גענעראַל און איז מיט'ן גענע־ראַל־גובערנאַטאר איין אויער. אלע אידען זיינען ד אָ מילליאָנערען און אויסגע־בונדען מיט דער פּאָליציי און מיט אלע בעאַמטע, און דיא זשידאָווסקע שטוקעס איז דאָך אייך גוט בעקאנט. בעזאנדערס קענען זיי דא אויפשפּיעלען מיר א חתונ'קע מיט דעם, וואס מיין ווייב איז פעררייזט נאך אויסלאַנד.

— אלזא ווילט איהר הערר פּאסטוחאָוו, פון דאס טריף שטיקעל סחורה פטור ווערען אין דער שטיל? — האט איהם חיטראָווצין א פרעג געטהאן.

— איך האב דא קיין אנדער אויסוועג; אבער איהר נעהמט מיר א צו גרויסע מאָס....

— נו, אלם אלטע בעקאנטשאפט, — האט חיטראווצין פריינדליך געזאגט און האט א מאַכגעטהאָן מיט ביידע הענד — וועט עס אייך קאָסטען צעהן טויזענד רובעל.

— נאך א ל ץ צו טהייער — האט פּאסטוחאָוו בעטאָנענדיג דעם „אלץ“ געזאגט.

— ניין, פריינד, ניט וויינינגער איין קאָפּיקע.

— און ווען זאל עס געשעהן?

— מאָרגען נאָך צוועלף אוהר ביי נאַכט.

— ניין, — האט פּאסטוחאָוו בעטריבט געזאגט — דאס מוז נאך היינט גע־שעהן. פאר אזא סומע קענט איהר עס נאך היינט טהאָן.

— נו, זאל זיין היינט — האט איהם חיטראווצין געענטפערט — אבער א האלבע סומע מוז איך ש ו י ן בעקומען.

פּאסטוחאָוו האט פאר פערדרום געביסען מיט דיא צייהנער זיין אוי־בערשטען ליפּ.

— אָ, האנדעלט איהר עם עדעל? — האט ער פערדריסליך איהם געזאגט.

— אזוי איז עס שוין באַטיושקא, — האט איהם חיטראָווצין רוהיג ערוויע־דערט — יעצט האנדעל איך ניט מיט פּאסטוחאָוו דעם ר ע ד אַ ק ט אָ ר, נור מיט פּאסטוחאָוון וואס קען ליכט בעשולדיגט זיין אין א מאָרד, און איך מוז אייך פאָראויס זאגען, אז דיא אנדערע האלבע סומע וועט איהר דארפען געבען באלד וויא מיינע מענשען וועלען קומען צו אייך אין הויז אריין.

— נאך פרעמדע מענשען דענקט איהר צו מיר שיקען?! — האט איהם פּאסטוחאָוו העבסט אויפגערעגט געפרעגט.

— טאָ וואס דען האט איהר געמיינט? — האט איהם חיטראָווצין שטאָלץ געפרעגט — איך אליין וועל מיך אָפּגעבען מיט אזעלכע געשעפטען?

פאסטוהאָוו איז אויסער זיך געוואָרען פאַר אויפרעגונג, ער האָט דאָ געפיהלט א גרויסע בעליידיגונג.

— איך בין אויף קיין פאַל ניט איינשטימיג, אז אונבעקאַנטע מענשען זאָלען ביי אזא לאַגע מיין הויז בעזוכען! — האָט צו איהם פּאסטוהאָוו מיט א שטרענגען טאָן געזאָגט.

— טהוט אייך באַטיושקא, וואס איהר ווילט, — האָט איהם חיטראָווצין קאַלט געענטפערט — אז איהר ווילט ניט זיין אנגעטרויט אין מיינע פערטרויטע מענשען, ווענדעט אייך צו וועמען איהר פערשטעהט. איך וועל אייך ניט ארויסגעבען.

פּאסטוהאָוו האָט זיך פערטראַכט און אין זיין געזיכט האָבען זיך אין איין ווײַלע געביטען אַלערליי פאַרבען.

— און איהר אַליין, — האָט ער איהם נאָך א קורצע פויזע געפרעגט — קענט מיין הויז ניט בעזוכען?

— אפילו ניט פאַר א מילליאָן! חיטראָווצין בעשעפטיגט זיך ניט מיט אַזעלכע זאַכען!

פּאסטוהאָוו האָט א זיפץ געטהאָן.

— זייט פּאסטוהאָוו זיכער, — האָט צו איהם חיטראָווצין געזאָגט — אז אַלעס וועט געטהאָן ווערען וויא פאַר א גוטען ברודער.

— איך מוז שוין אויף אזא אַרט זיין צופריעדען! — האָט איהם פּאסטוהאָוו געענטפערט — אָבער היינט ביי נאַכט מוז עס געשעהן!

— ניט שפּעטער אַלס אום צוויי אוהר. זייט שוין אין דעם זיכער.

— און א האַלבע סומע פערלאַנגט איהר טאַקע באַלד אויף דיעזער שטעלע?

— אָהן דעם הייבט זיך גאַר ניט אָן.

פּאסטוהאָוו האָט ארויסגענומען פון זיין בוזם־טאַש א גרויסען לעדערנעם פּאָרטמענעע, ער האָט אויס גרויס אויפרעגונג ניט בעמערקט, אז ארויסנעהמענ־דיג איז איהם פון טאַש ארויסגעפאַלען א קאָנווערט, וועלכען חיטראָווצין האָט באַלד פערדעקט מיט זיין פוס.

ער האָט אָפּגעצעהלט פינף טויזענד רובעל און נאַכהער וויא ער האָט מיט איהם נאָך איינינע מינוטען פערבראַכט אין א שטילען געשפּרעך איז ער פון זיין צימער ארויסגעגאַנגען.

— א נייער גאָלד־גרוב! — האָט חיטראָווצין צו זיך אַליין אונטער דיא וואָנצעס געברעדט אויפהייבענדיג דעם קאָנווערט פון באָדען — עך, חיטראָווצין דוא ביסט א גרויסער מוצלח! דוא האָלסט אַלע גרויסע ביי זיך אין לאַפּע. אין רוס־לאַנד קען אַלעס געשעהן, לעבען זאָלען דיא קעפּלאָך וואס האָבען אויסגעקלעהרט פּאַספּאָרטען, היינט דא, מאָרגען דאָרטען און דיא געשעפטען געהן וויא אויף פּוטער!

פּלוצלינג האָט ער דערהערט אין טהיר א לייכטען אנקלאַפּען.

— הערריין! — האָט ער העל אויסגעשריען און האָט דעם קאָנווערט ארונטער־געלייגט אונטערן גרינעם טישטוך.

עס איז אריין אין צימער א זעלטען שעהנע יונגע דאמע זעהר עלעגאנט גע־קליידעט נאך דער לעצטער פאריזער מאָדע און האט זיך לייכט פערנייגט.

חיטראָווצין האט אויף איהר א קוקגעטהאן און האט דערפיהלט א לייכטען הערצקלאפּען מיט א היץ אין קאָפּ.

— האב איך דיא עהרע צו זעהן הערר חיטראָווצינען אליין? — האט דיא דאמע מיט א קלינגענדע שטימע איהם געפרעגט.

— יא, מאדאם דאס בין איך! — האט ער אין גאנצען אומענדערינדיג זיין שטימע איהר געענטפערט — מיט וואס האב איך אייער בעזוך צו פערדאנקען?

דיא דאמע האט איהם עפּעס אייניגע מאָמענטען שטארק אנגעקוקט, ריכטיג וויא זיא וואלט אין איהם וועלען דערקענען אן אלטען בעקאנטען.

— איך בין אליין א געהיים־אגענטין — האט דיא דאמע גאך א קליינע פּויזע געזאגט — און מיר האט צו אייך געבראכט זעהר א וויכטיגע זאך.

— ביטע! ביטע! זעצט אייך מאדאם! — האט חיטראָווצין גאנץ העפליך געזאגט איהר אנווייזענד א שטוהל לעבען זיך.

דיא דאמע האט זיך אוועקגעזעצט.

— רופט מיך פריילין, הערר חיטראָווצין, — האט דיא דאמע מיט א שמייכעל געזאגט — איך בין נאך גאָר ניט אזוי אלט.

— ענטשולדיגט מיר פריילין, — האט חיטראָווצין געענטפערט — מיר עלטע־רע מענשען זיינען שוין אביסעל קורצזיכטיג. אָ, ענטשולדיגט מיר, איהר זייט נאך ווירקליך זעהר יונג, איך האב געמאכט אן אירטהום.

— איך האב אייך מעהר ניט וויא אויפמערקזאם געמאכט, — האט דיא דאמע לאַבענד געזאגט — אבער איך האב צו אייך גאר ניט. יעצט לאמיך ריידען צו דער זאך. איך בין אליין א געהיים־אגענטין פון דער פּאָליציי און אזוי וויא מען האט מיר געזאגט, דאס איהר האט דא גאר ניט לאנג אויך געדיענט אין דער געהיים־פּאָליציי, בין איך אים נאמען דעם געזעצעס געקומען פון אייך בעטען א געפעליגקייט.

— ווען נור מעגליך, בין איך עס בערייט צו טהאן, — האט חיטראָווצין געענטפערט.

— זעהר א וויכטיגע זאך בעוועגט מיך אריינצוטרעטען אין א הויז וואו איך האב צו דערגעהן פּיעלע געהיימניסע — האט דאָס פריילין ווייטער גערעדט — איך האב מיך בעשלאָסען דערצו אנצו־ווענדען דעם אלטען שפּיאנישען מיטעל: אין יענער הויז אנצוקומען אלס אן עקענאָמקע אדער אלס בעדיענטע, און ווען ניט דיא ביידע, גאר אלס איינפאכע קעכין. און אזוי וויא איהר האט דיא גרעסטע ביורא אין מאָסקווא פאר מענשען וועלכע זוכען אזעלכע שטעלען, פערלאנג איך פון אייך, אז איהר זאלט זעהן וויא ווייט נור מעגליך איז, מיך אין יענער הויז אריינצופיהרען; אין לעצטען פאל קען איך מיר נעהמען א ראָליע פון א פּיאנא לעהרע־רין אדער א וועשין.

— איך וואָלט עס זעהר גערן אייך געטהאן, — האט חיטראָווצין מיט דער

זעלבער קינסטליך אומגעענדערטע שטימע געענטפערט — אבער איהר פערשטעהט דאך אליין, אז אין מיין ביורא קומט מען נאר נעהמען בעדיענטע און אז איך זאל אנמוטהען צו נעהמען דיענערשאפט אין א הויז, נעהט דאך ניט.

— דערצו איז אויך דא א מיטעל, — האט דאס פריילין פארטגעזעצט — און ער איז גאר אן איינפאכער. מען בעדארף דא זעהן, אז דער אלטער בעדיענ־טער אדער בעדיענטע זאל זיך ענטזאגען און זאל אליין רעקאמאנדירען אן אנדערע.

— דאס איז ווירקליך א גוטער פלאן! — האט חיטראווצין געזאגט — אבער איך מוז דאך וויסען אין וועלבע הויז איהר ווילט אלס בעדיענטע אנקומען?

— און אז איך וועל אייך זאגען, וועט איהר עס טהאן?

— דאס איז דאס פפליכט פון יעדער מענשען וועלבער איז טריי זיין קיסר.

— און אייך בעטען, אז דאס זאל פערבלייבען א געהיימנים בעדארף איך דאך געוויס ניט! — האט דאס פריילין מיט א שטריינגליבען טאן צו איהם גע־זאגט, אין וועלבען עס איז לייבט געווען צו דערקענען א דראהונג.

— זעלבסטפערשטענדליך, — האט איהר חיטראווצין רוהיג געענטפערט.

— נו, טא זעהט־זשע, — האט זיא מיט אן ערנסטע שטימע געזאגט.

— איהר בעדארפט מיך גאר אזוי פיעל ניט אויפמערקזאם מאכען, מא־דאם, — האט חיטראווצין געענטפערט — אבער ענטשולדיגט מיר, האט ער זיך פלוצלינג פערכאפט, איך האב געמיינט פריילין. זעלבסטפערשטענדליך, אז דאס וועט פערבלייבען ביי מיר א געהיימנים!

— אלזא וועל איך אייך פרעגען צו קענט איהר היער אין מאסקווא גרעפין מאריא אנדריאנאווא?

— גרעפין מאריא אנדריאנאווא? — האט חיטראווצין איבערגעפרעגט — זיא האט דאך אן עקענאמקע פון מיין ביורא.

— אך, וואס פאר א גליקליכער צופאל! — האט דיא מאדאם אדער דאס פריילין ענטציקט אויסגעשריען.

— דא איז קיין צופאל, — האט חיטראווצין רוהיג ערוויעדערט — דיא עדעלע מאדאמען געפינען אלץ צופעלע אין יעדער געוועהנליבע זאך. מיין ביורא איז איינ־פאך דיא ערשטע און דיא עהרליכסטע אין מאסקווא פון וואנען אלע גראפען און קניאזען פערשאפען זיך בעדיענטע, און וואס פאר א צופאל איז דא צו זעהן?

— איך האב, הערר חיטראווצין, ניט געוואוסט דאס איהר זייט אזוי עמפ־פינדליך! — האט דיא פריילין געפונען זיך בעליידיגט צו איהם שארף געזאגט — דאס פאסט עפעס פאר א פראנט; אבער ניט פאר אן אנשטענדיגען מענשען.

— ענטשולדיגט מיר, מ א ד א ם! — האט חיטראווצין שטארק בעטאנענדיג דעם „מאדאם" ליעבליך געזאגט — איך האב אייך ניט געמיינט צו בעליידיגען.

— און דאס אליין וואס איהר נענט מיך מאדאם, נאכהער וויא איך האב אייך אין דעם אויפמערקזאם געמאכט, איז דען פאר אן אנשטענדיגעס מעדכען קיינע בעליידיגונג?

— און דוא מאריא זלאַדייקינא — האט חיטראָוועצין זיך אויפהויבענד פּלוצלינג פון זיין שטוהל אויסגעשריען שוין מיט זיין נאטירליכע שטימע — ביזט אן אנשטענדיגעס מעדכען?

— אָי! — האט זיך א געשריי פון מאריא׳ס ברוסט ארויסגעריסען און זיא האט זיך מיטביידע הענד אן טיש אנגעהאפּט.

— וואָס האסט דוא זיך בעסטיע אזוי דערשראָקען? — האט איהר חיטראָוועצין רוהיג געפרעגט — איך בין דאך דיין אמאליגער געליעבטער.... האסט דוא שוין קאָזלאָוו׳ן פערגעסען? אָט איז ער דאך! געדענקסט דוא דיא געשיכטע אין דער אימעניע „איוואנאָווקא״?....

— אָי, איך שטארב! — האט זלאַדייקינא מיט א פערגליווערטען צונג געשטאַמעלט.

— איין מאל שטארבען איז נאך פאר דיר וועניג! — האט חיטראָוועצין שארף און שניידענד געזאגט — דוא האסט מיך אנגערעדט דעם באראָן גענעראַלאָוו׳ן מיט זיין פרוי צו ערמאָרדען, דאס געלד פון דער אויפגעבראָכענער קאסע, האב איך דיר אוועקגעגעבען און פון דאמאלס אן ביזט דוא פערשוואונדען.... וואו האסט דוא חאטש אהינגעטהאן ביידע יתומים?.... לעבען זיי נאך אדער דוא האסט זיי, וויא דיין מעטאָדע איז, פערניפּטעט?

— ניין, איך האב זיי ניט פערניפּטעט! — האט דער שלאנג געשעפּטשעט — איך האב זיי געלאָזען אין אַ גרוב....

— און וואו ביזט דוא אהינגעקומען? — האט חיטראָוועצין שטרענג געפרעגט. מיין ניט, אז דוא ועסט פון דאנען לעבעדיג אוועקגעהן אויב דוא וועסט מיר זאָגען נאר איין ליעגען! חיטראָוועצין וועט שוין דיינעם א ליגען אנטאפּען מיט דיא הענד.

— אָי, וואס איז דאס פאר א בעגעגעניש! — האט זלאַדייקינא ווילד אויסגעשריען.

— שטילער שלאנג! — האט חיטראָוועצין ארויסחאפּענדיג א רעוואָלווער פון זיין טיש־קעסטעל וויטהענד צו איהר געזאגט — אז ניט דערשיס איך דיר וויא א צויג! איך צוטרעט דיך וויא א וואָרים!

דערזעהענדיג דעם רעוואָלווער אין חיטראָוועצין׳ס האנד האט זיך זלאַדייקינא פון׳ם שטוהל אראָפּגעלאָזען. זיא האט זיך אוועקגעשטעלט אויף דיא קניע און האט אויפגעהויבען איהרע ביידע הענד אין דער הויך איהם אנקוקענד מיט א שטומע מינע, וואס האט אויסגעדריקט א ביטע אום מיטלייד. אזוי איז זיא פאר איהם געשטאַנען אונבעוועגליך, וויא א מראַמאָרנע סטאטוע.

— דוא ביזט נאך צו דיא צרות א גוטע אקטריסע! — האט חיטראָוועצין קאלט געזאגט — וויז נור מיר ערשטענס אהער דיינע בריליאַנטענע רינגען. זיא איז גאר געוואָרען א גאנצע מיליאָנערשע! אויף אלע פינגער אזעלכע טהייערע רינגען!

ער האט איינציג־וויין אראפּגענומען דיא בלישצענדע רינגען פון איהרע אלע פינגער און האט זיי לאנגזאם אויפ׳ן טיש אוועקגעליינט.

— יעצט הייב נור אויף דיין קעפעלע, — האט ער געלאסען געזאגט איהר אננעהמענד מיטביידע הענד פאר איהרע שווארצע לאָקען — לאמיר נאר א קוק־טהאן וואס טהוט זיך אויף דיין ווייסע העלדזעלע.

— אָה, אָה! וואס פאר א פיינע פערעלאך! — האט ער ווייטער גערעדט — געווים נאך פון דער באראָנעסע גענעראלאוו!

ער האט לאנגזאם אפגעשפילעט דעם הינטערשטען שלעסיל און האט פון איהר האלדז אראָפגענומען זעקס שניערלאך גרויסע פערלען און האט זיי צווישען דיא רינגען אויפ'ן טיש אוועקגעלייגט.

זלאַדייקינא איז געשטאנען אויף דיא קניע און האט פיבעריש געציטערט. עס האט זיך געהערט איבערן שטילען צימער איהר ראשענדער הערצקלאפען און מאנכע מאל א קנאקען פון איהרע צייהנער ווען דיא אויבערשטע מיט דיא אונ־טערשטע האבען זיך פאר ציטערניס בעגעגענט.

— יעצט מיין קעצעלע, — האט חיטראָווצין ווייטער פארטגעזעצט — לאָמיר נאר א קוקטהאן וואס טהוט זיך אויף דיין בריסטעלע.

ער האט זיך גאנץ היימיש וויא א בעל־הבית אין זיין הויז זיך א נעהם געטהאן צו איהר הויבגאָרסירטען בוזים. ער האט באלד פון איהם אראָפגעשלעפט א גרויסען ברילליאנטענעם קרעבס און האט איהם פאר איהרע אויגען צווישען איהרע אלע צירונג אויפ'ן טיש אוועקגעלייגט.

— נישקשה מיין טייבעלע, — האט ער רוהיג געזאגט דוא האסט א שעהן פנים'על, ער וועט דיר אין קורצען דיין שאָדען אומקעהרען!....

— אָ, מיטלייד, קאזלאוו! — האט זלאַדייקינא שוואך געשטאמעלט.

— חא, חא, חא! — האט חיטראָווצין טייפעליש געלאכט — זלאַדייקינא בעט מיטלייד! גיב נור מיר, קעצעלע, אוועק אויך דיין ביסעלע מזומנים! האסט דוא א פולע קעשענע?

ער האט איהר א הייבגעטהאן פון באָדען טאקי וויא א קעצעלע, און נאכ־הער וויא ער האט איהר אויף א שטוהל אוועקגעזעצט, האט ער זיך א נעהם געטהאן צו איהרע קעשענעס. אין איין מינוט זיינען זיי אלע געווען איבערגעקעהרט מיט דיא נעט ארויף.

— וואו האלסט דוא, מיין טהייערע, דיין אפיתיקו? — האט איהר חיטראָוו־צין מיט א פריינדליכע מינע געפרעגט און האט זיך גאנץ קאלטבלוטיג און געלאַ־סען דעם רעוואָלווער געגען איהר ברוסט אנגעשטעלט.

זיא האט ארייגעשטעקט איהר ציטערענדע האנד אין בוזים און האט פון דאָרט ארויסגענומען א שעהן טייסטער'ל אויף וועלכען עס וואר אויסגעשניצט א לייבען־קאָפּ.

— אזוי, אזוי, מיין קעצעלע, — האט חיטראָווצין צונעהמענדיג דעם טייסטער געזאגט — הייב תאָטש אן ביסלאך־ווייז אָפצוגעבען.

ער האט דאס טייסטערל געעפענט און האט זיך פארנאנדער געלאכט.

— א פינף רובעלדיגע! חא, חא, חא!

זלאַדייקינא האט איהם אנגעקוקט מיט א פלעהענדע מינע און האט געוואָר־פען אויף איהם רחמנות בעטענדע בליקען.

חיטראָוועצין האט זיין גראָבע הענטעלע אין איהר בוזים אריינגעשטעקט און האט באלד דאָרט עפּעס דערטאַפּט....

— אָ, מיין ליעבער, מיין טהייערער קאָזלאָוו! — האט זלאַדייקינא צודריקענד מיט איהרעביידע הענד זיין לאַפּע צו איהר ברוסט מיט א פערשטיקטע שטימע געזאָגט — ערינער דיך אַן אונזער אמאָליגער ליעבע! האב מיטלייד, ערבאַרעם זיך! לאמיר איינער דעם צווייטען זיין וואס מיר זיינען אמאָל געווען!

— באלד, באלד מיין טהייערע, — האט חיטראָוועצין מיט א טייפּעלשען שמייכעל איהר ערוויעדערט ארויסשלעפּענד פון איהר בוזים א ברייטען פּאָרטעמעניי — לאמיר נור פריהער זעהן וואס פאר א פּרעזענט מיין אמאָליגע געליעבטע האט מיר היינט נאך אזא לאנגע צייט געבראַכט.... און ריידענדיג האט ער דעם פּאָרט־מאָניי אויפגעעפענט און האט פון איהם ארויסגענומען א פּעקעל מיט הונדערטער.

— בעדאַרף איך עס נאך, מיין טהייערע, איבערצעהלען? — האט איהר חיטראָוועצין געלאַסען געפרעגט, — אדער דוא וועסט מיר אליין מיין טייבעלע זאגען וויפיעל דאָ געפינט זיך? איך גלויב דיר, מיין קעצעלע, אויפ'ן וואָרט.

— ליעבער טהייערער ענגעל! — האט זלאַדייקינא פאלענד פאר זיינע פיס אויף דיא קניע געזאָגט — איך האב דיך אימער שטערבליך געליעבט, איך וועל דיך נאך היינט ליעבען! לאָמיר שליסען פון יעצט אָן פריעדען און לעבען וויא מיר האַ־בען אמאָל געלעבט! איך וועל דיך האלטען טהייער וויא מיין אויג אין קאָפּ.

— אָ, מיין קעצעלע, — האט חיטראָוועצין ליעבליך איהר געענטפערט — שוין צושפעטלאך אביסעל. איך בין שוין א בעווייבטער. מיין ווייב איז אייפערזיכטיג און קען מיך נאך פאר אזא פערברעכען פערפאַלגען! און צו וואס מיין קעצעלע האסט דוא מיך אזוי נעטהיג? זעה נור וויפיעל קאָרטעטשקעס אין דעם פּאָרטעמעניי גע־פינט זיך. אלע זיינען פון געליעבטע! אָט איז אָפּענבאך; אלעקסעיעוו; איסטאָמין; דאָקטאָר פעליקס סאַבאַקאָוו; פּאסטוכאָוו און אָט זיינען נאך הונדערט געליעבטע. היינט צו וואס בעדאַרפסט דוא האָבען דיין אמאָליגען קאָזלאָוו'ן? ער איז שוין אלט און אויסגעוועבט, נאָ דיר מיין טהיערע דיינע קאָרטעטשקעס צוריק און געה זיך געזונדטער־הייד מיין קעצעלע.... פאר מיר איז שוין גענוג מיין אלטע באָביצע.

— ליעבער טהייערער ענגעל! — האט זלאַדייקינא איהם אננעהמענד פאר ביידע הענד און איהם פאלענד אויף זיין האלדז זיך געבעטען — דוא האסט מיך געלאָזען בלויז און נאַקעט, איך בין יעצט ארעמער פאר אלע ארעמע, האב אויף מיר רחמנות און זיי צו מיר וואס אמאָל! איך וועל דיר זיין טריי און ערגעבען.... דוא וועסט אליין זעהן, אז איך וועל אויסקויפען מיין אמאָליגען פערברעכען מיט טרייהייט און ליעבע....

— ניין, מיין טהייערע, — האט איהר חיטראָוועצין אונטערבראָכען — איך בין

פון דיא מענשען, וועלכע קענען נאך דער ערשטער יוגענד ניט לעבען.... געה צו יענע, זיי וועלען דיר מיט גאָטס הילף דיין שאָדען אומקעהרען.... אבער האב איינזעהעניש און ברייננ מיר אלע מאָל עפּעס א חלק. דאס וועט זיין צו מיר דיין נייע ליעבע און טרייהייט און איך וועל מיך דיא מיה געבען, אז דיינע אמאָליגע מעשים זאלען ניט פערעפענטליך ווערען.

— דוא בעהאנדעלסט מיך גרויזאם! — האט זלאָדייקינא מיט א ציטערענדע שטימע און מיט טרעהרען אין דיא אויגען געזאגט — איך האב זאָגאר יעצט ניט פאר מיין וואוינונג און עסען צו בעצאהלען. מיר קומט אוים פון בריק אין וואסער.

— ניש-קשה, מיין קעצעלע, — האט איהר חיטראָווצין ליעבליך ערוויעדערט

— א מענש מיט א שעהן פּנים'על וויא דוא, קען זיך לייכט ארויפּארבייטען.... אבי געזונד!

— לאָזט דוא מיך אזוי פון דיר אוועקגעהן? — האט זלאָדייקינא וויינענד איהם געפרעגט.

— אביסעל שטילער, מיין טייבעלע! — האט חיטראָווצין געזאגט — דיינע טרעהרען זיינען אונגעזאלצען, היינט טאָ וואס טויגען דיא קולות? געה, מיין ענגעל געזונדער-הייד, גאט וועט דיר דיין שאָדען צוריקקעהרען.

ער האט דיא טהיר אויפגעמאכט און ערגרייפענד דער ציטערענדער מאריא זלאָדייקינא פאר'ן האנד, האט ער זיא פון זיין קאבינעט ארויסגעפיהרט.

— צום ווידערזעהען מיין טייבעלע! — האט ער צו איהר מיט א טייפעלשען שמייכעל געזאגט — איך פערהאָף, אז דוא וועסט ניט אויספּלוידערן וואס פאר דיר טויג ניט....

— אויסוואורף! טיראַן! — האט זלאָדייקינא אונטער דיא צייהנער געברומט און האט מיט ראַשע טריט, ניט טוידט ניט לעבעדיג, פון זיין ביורא זיך ארויס-געכאפּט.

## 32טעס קאפּיטעל.

# ער מאכט א „ויברח".

אונזערע לעזער ווייסען, אז דעם סליעדאָוואטעל מארטין איז ניט געווען גע-פעהלען וואס טימאָפּיי האט זיך אביסעל צושראָקען, ווען ער האט דערהערט אז דער סלעדאָוואטעל איז געזאָגנען צוזאמען מיט'ן פּראָקוראָר בעזוכען זיין קראנקען שוואָגער ראָזבאָיעוו'ן, וועלכער איז געווען אנגעשטעלט אלס דער צווייטער צייגע אין גרינבערגס מאָרד-בראנד בעשולדיגונג. מערזאָווצין האט דעם סליעדאָוואטעל פערשפּראָכען אום ניין אוהר אבענדס טימאָפּיי'ס הויז צו בעזוכען און דארט א שמעק טהאָן וועגען דער גאנצער געשיכטע, נור אזוי וויא מערזאָווצין איז דעם זעלבען אבענד אוועקגעפאהרען אלס וואסילי פּעטראָוו נאך פּעטערבורג, האט ער דיא זאך איבערגעגעבען זיינעם א קאָמעראד, דעם געהיים-אגענט וויאטקין. וויאטקין האט זיך אום אכט אוהר אבענדס געזעהן מיט מארטינען, ער האט זיך מיט איהם ביי א צעהן מינוט בעראטהען, און ער האט זיך אום ניין אוהר אוועקגעלאָזען צו

טימאָפּיי׳ען. ער איז אלס מוזשיק וואס קומט יעצט פון דארף, געגאַנגען געבויגט אונטער א זעקעל, צו וועלכען זיינע גראָבע שטיפעל מיט לאַנגע חאָליעוועס זיינען געווען צוגעבונדען, און אויף דיא פיס האט ער געטראָגען א פּאָר האָלץ־געפּלאַכטענע פּאַנטאָפעל אונטער גראָב־פּערוויקעלטע אָניצעס ביז דיא קניע, און האַלטענדיג אין האַנד א לאַנגען שטעקען, איז ער זיך צופוס צו טימאָפּייען אוועקגעגאַנגען. ווען ער האט זיך פערנומען אויף באַסמאַנאַיא אוליצא, איז לעבען איהם פאַרביינגעפאַהרען א דראָשקע מיט א דיקען פּאַסאַזשיר אין וועלכען ער האט דערקענט דעם רייכען חיטראָווצינען, וועלכער האט ניט לאַנג אויך געדיענט אלס געהיים אַגענט אין אָפּענבאַכס חדר.

— ער האט זיך עס אביסעל ארויפגעארבייט! — האט זיך וויאַטקין געקלערט — הלואי אויף מיר געזאגט געוואָרען. אין גאַנצען האט ער איין יאהר געדיענט און יעצט האט ער אזא גרויסע ביורא אויף „פּעטראָווקא״! איך האב נאך געהערט, אז ער האט אויך א קנעפּעל־פאַבריק, און פון וואַנען איז ער פּלוצלינג אזוי רייך געוואָרען?.... געוויס ווייל ער האט געהאט שכל און האט געוואוסט וויא זיך מיט זיין אמט צו בענוצען.... ער איז א קלוגער טייפעל דער חיטראָווצין, ער האט געוויס געכאַפּט א שעהנע מטבע פון דיא ניהיליסטען און נאך פון אנדערע פערברעכער פאר כאַפּען א שווייג. אך, איך וואלט אויך וועלען מיך אזוי ארויפארבייטען; אבער דער טייפעל וויים, מיר האט זיך נאך ניט געמאכט איין גוטער צופאַל! איך האב אַלץ עסקים מיט שלעפּערס, אז איינער איז גרעסער פאר׳ן אנדערן! וויעדער א גנב׳ל, אבער א גנב׳ל און עפּעס א פּעטער אינדיק, פון וועלכען מען זאל קענען אָפּלעקען א ביינדעל, האט זיך מיר וויא אויף צולהכעיס קיינמאל ניט געמאכט. אויך אַלע ניהיליסטען, וועלכע זיינען דורך מיר אריינגעפאלען, זיינען אויך עפּעס געווען אזעלכע מורא׳דיגע קבצנים. זיי האבען מיין אָנצוהערעניש פערשטאַנען און האבען מיר געשטעקט אין האַנד נור דרייערלאך אדער פינפערלאך. נאַ דיר א נדבה פאר בעפרייען א מענשען פון קאַטערגא אדער פון׳ם גאַלגאַן! א שעהנער מוצלח איז דאס וויאַטקין, אזא יאהר אויף מיינע שונאים׳ס קעפּ, און אָפּענבאַך מיט סאָבאַקאָוו זיינען נאך אַלץ ניט צופריעדען! ניעב זיי וואָלפיש! ברייננ זיי צושלעפּען לייבען מיט טיגערען פאר דיא ווידלען, און פאר וואס? פאר פערשיסענע זעכציג רובל א מאָנאט —

— צום טייפעל דוא מוזשיק! חאַחאָל! אָבעדראַנעץ! — האט ער דערהערט א פרויען שטימע, וועלכע ער האט פערטראַכטער־הייד אנגעטראָטען אויפ׳ן קלייד און האט איהר מיט זיינע שווערע פאַנטאָפעל אפּגעריסען א האַלבע זייט שלעפּע. ער האט איהר אויך באלד דערזעהן און זיא איז גלאַט איהם עפּעס געפעהלען געוואָרען, חאָטש זיא איז געווען אין כעס. דאס איז געווען א דאַמע פון מיטעלער וואוקס, מיט א פּאָר ברענענדע אויגעלאך און שווארצע געקרייזעלטע לאָקען האבען זיך ארויסגעזעהן פון אונטער איהר הויכען פערפּוצטען שטרוי הוט.

— וויגאָוואַט, מאַטיושקאַ! — האט צו איהר דער שפּיאָן געזאגט.

— אַלע קראַנקהייטען זאל אויסגעהן צו דיין קאָפּ פערשטונקענער חאַחאָל!

— האט דיא דאמע וויטהענד געשריען ווען זיא האט דערזעהן, אז א האלבע שלעפע איז איהר אָפּגעריסען — איך הייס דיך דיא מינוט ארעטירען, ביזט ניט קראנק צו געהן און קוקען וויא דוא געהסט. האסט דוא געהערט אביסעל? ער מיינט, אז ער איז אין דאָרף צווישען חאחאלעס! וואס טהוט מען יעצט? וואס הויבט מען אָן?

זיא האט איהר שלעפע פון באָדען אויפגעהויבען און האט זיך געהאלטען ביים הינטען ניט אויפהערען צו שילטען דעם מוזשיק.

— ניטשעוואָ'ס מאַטושקא! — האט דער מוזשיק אראָפּנעהמענדיג זיין היטעל תמ'עוואטע געזאָגט — זעצט אייך מאַטושקא אויף א דראשקע, איך וועל דעם איזוואָזטשיק אפּצאָהלען. מאַלע וואס עס טרעפט? האט מאַטיושקא קיין פּעראיבעל ניט....

— מוזשיק! חאחאָל! אָבעדראַנעץ! — האט דיא פרוי געלאַרעמט — האסט דוא קיינע אויגען אין קאָפּ?

דער מוזשיק האט איהר ניט געענטפערט און האט געוואָלט געהן ווייטער, אבער וויא זיא האט זיך גוט ארומגעקוקט אויף איהר שלעפּע און האט דערזעהן דעם גרויסען ריס, האט איהר אזוי פערקלעמט אין הארצען, אז זיא האט אנגעהויבען צו רופען פון דער ווייטענס צו אַן אקאָלאָדאָטשני.

דער מוזשיק האט זיך צו איהר מיט'ן פנים אומגעקעהרט און נאכהער וויא ער האט איהר נאך אמאל געבעטען אום פערצייהונג האט ער איהר געראטהען אז זיא זאל דאס ניט טהאָן.

— ניין, אין אסטראָג וועל איך דיך לומפּ אריינבריינגען! — האט דיא פרוי געקוויטשעט — איך מוז דיך דאפיר אָנלערנען.

— אלזאָ מאדאם,, — האט דער מוזשיק שוין ניט מיט א בויער שפּראכע געזאגט — איך מוז אייך אויפמערקזאם מאכען, אז איך בין א געהיים־אגענט און איהר וועט דאָ גאָר ניט אויספיהרען. און ריידענדיג האט ער איהר געוויזען זיין מעדאליאָן.

דיא פרוי איז אין גאנצען אומגעענדערט געוואָרען.

— ענטשולדיגט מיר פאר מיין גראבהייט, — האט איהם דיא פרוי מיט אן ערוויינטען טאָן געזאָגט — איהר פערשטעהט דאך, ווען איך וואלט געוואוסט ווער איהר זייט, וואלט איך אייך אזוי גראָב ניט אָנגעקומען, חאָטש דאס איז מיר א וועהטאג אין הארצען, און ריידענדיג האט זיא איהם אנגעוויעזען אויף איהר קלייד.

— יעצט איז פינסטער, — האט וואזאַטקין געזאגט — נעהמט און פערשפּילעט דעם ריס מיט א פּאָר שפּילקעלאך, וועט עס קיינער ניט בעמערקען, אז איהר ווילט קען איך אייך עס העלפען. זיא האט וויא עס איז ארויסגעקריגען א פּאָר האר־שפּילקעס פון איהר קאָפּ און וואזאַטקין האט איהר געהאלפען פערשפּילען איהר שלעפּע.

— איך דאנקע! — האט זיא געזאגט נאכהער וויא ער איז מיט איהר קלייד פּערטיג געווארען — דאס איז עפּעס געוועזן א בעגעגעניש! געהיים אגענטען זאלען זיך אויף אזא ארט צוזאמענטרעפען, דאס איז גלאט עפּעס א מאָדנער צופאל!

- זייט איהר דען אויך א געהיים אגענטין? — האט איהר וויאטקין פער־וואונדערט געפרעגט.

זיא האט איהם געוויזען א פאָליציי מעדאליאָן.

— אָ, וואס פאר א צופאל! — האט וויאטקין ערשטוינט געזאגט.

— דאס לעבען איז גאנצען בעשטעהט פון צופעלע! — האט דיא פרוי שוואך ארויסגערעדט — קענט איהר מיר זאגען אייער ווערטהען נאמען?

— איך הייס וויאטקין — האט איהר דער מוזשיק געענטפערט.

— און איך בין מאריא זלאַדייקינא — האט זיא עפעס אונמוטהיג געזאגט.

— אָ, ווען מען האב איך דיא עהרע צו זעהן! — האט וויאטקין אויסער זיך פאר ערשטוינען געזאָגט — אייער נאמען איז מיר גוט בעקאנט; אבער עס טהוט מיר זעהר לייד, וואס דורך אזא צופאל זיינען מיר בעקאנט געוואָרען!

— געוויס איז עס שוין אזוי בעשערט! — האט זיא איהם מיט א לייכטען שמייכעל געזאגט — און פיעללייכט קען נאך אמאל אונזער בעגעגנען זיך פאר אונזביידע ניצליך זיין. בעקענט ווערען שאדט קיינמאָל ניט.

— מעגליך — האט איהר וויאטקין געענטפערט — האט איהר היינט פריילין זלאַדייקינא עפעס א מיסיאָן?

— היינט איז ביי מיר זעהר אן אונגליקליכער טאָג! — האט איהם זלאַדייקינא ערוויעדערט און א זיפץ געטהאן — מיר האט געטראָפען אן אונגליק וואס איך שעהם מיך אויסצוזאָגען און דא ניט לאנג איז עס געשעהן.

— אייך אן אונגליק? — האט איהר וויאטקין פערוואונדערט געפרעגט.

— טאָ ווען מען דען, אז ניט אונזערע מענשען? — האט איהם זלאַדייקינא מיט א טרויעריגע שטימע ערוויעדערט — מיר זיינען דאך יעדע ווילע מעהר אלס אנדערע אונטערוואָרפען אונטער אלערליי געפאהרען.

— איך זעה, אז מיט אייך האט עפעס זאָנדערבאַרעס פאסירט, און מיין נייגיערדע איז אזוי צורייצט, אז איך שעהם מיך ניט אייך צו פרעגען וואָס מיט אייך איז געשעהן, אבוואהל דאס איז פון מיינער זייטע זעהר אונטאַקטיש.

— אלס געהיים אגענט וועל איך עס טאַקי אייך פערטרויען, — האט איהם זלאַדייקינא אונמוטהיג ערוויעדערט — מיר זיינען מענשען וועלכע ווערען אין איין ווילע בעקאנט מעהר אלס אַנדערע אין צעהן יאהר, און מיר האבען זיך איינער פאר'ן אַנדערן גאר ניט וואס צו זשענירען. איך האב מיט א האלבע שטונדע פרי־הער געליטען א בעפאל און צוויי רויבער האבען פון מיר צוגענומען א סומע פון אכט טויזענד רובל געלד, אויסער צירונג וואס האט איך בעטראָפען אונגעפעהר א דריי טויזענד רובל.

וויאטקין האט זיך א חאפ געטהאן פאר'ן קאָפּ.

— וואו האט עס אייך געטראָפען? — האט ער איהר העכסט איבעראשט געפרעגט.

— אויפ'ן שאָסע לעבען סאָקאָלניקי, וואו איך האב נאכגעשפיערט צוויי פערדעכטיגע פערזאָנען.

— ווען איהר פיעללייכט דיא רוּבער זיין אין שטאנד צו דערקענען, ווען מיר וועלען זיך דיא מיה געבען איינינע מענשען צו ארעטירען?

— איך צווייפעל — האט איהם זלאַדייקינא מיט א זיפץ געענטפערט — דאס איז געשעהן אין א פינסטערע אלעע לעבען שאָסעע און דיא רוּבער וויא מיר שיינט זיינען געווען פערמאסקירט.

— דאס איז א פרעכע רוּבעריי! — האט וזיאטקין העכסט אויפגעבראכט געברומט — סאקאָלניקי איז דער איינציגער אונזיכערסטער פּלאץ אין גאנץ מאָסקווא.

— איך דאנק נאך גאט וואס זיי האבען מיך ניט ערמאָרדעט! — האט זלאַדייקינא ווייטער גערעדט — איינער האט געהאלטען א רעוואָלווער געגען מיין ברוסט און דער צווייטער האט אלעס פון מיר ארונטערגענומען, אז זיי האבען מיר איין קאָפּיקע פון מיין גאנצען פערמעגען ניט איבערגעלאָזען. איך זאג אייך הערר וזיאטקין דיא ריינע וואהרהייט, אז איך קען צוריק אין מיין האטעל ניט קומען. ערשטענס, ווייל אלע ווייסען אז אָהנע צירונג געה איך אויפ'ן גאס ניט ארויס און צווייטענס, גאר איינפאך, ווייל איך האב ניט אין פערמעגען איין קאָפּיקע און קען פאר מיין לאָזשי און עסען ניט אָפּצאָהלען. איך האב נאך גראדע היינט אפּגענו־מען מיין געהאלט אין געהיים פּאָליציי און קען דארט ביז דעם אנדערן מאנאט גאר ניט בעקומען, און דאס דערצעהלען אָפּענבאכען שעהם איך מיך וויא א גנב. אז מיר זאל עס טרעפען, איז דאס ווירקליך א שאנדע.

— אָפּענבאך וועט ווירקליך לאַכען, — האט איהר וזיאטקין געריהרט ערוויע־דערט — ער פערלאנגט צופיעל פון זיינע אגענטען. ער וויל אז זיי זאלען אלע זיין מלאכים אדער טייפלען. ער בערעכענט גאר ניט אונטער וואס פאר א געפאהר זיי שטעהען.

— אָט דאס איז טאקי דיא צרה, — האט זלאַדייקינא געזאגט — און דארום נעפין איך מיר יעצט גאר קיין ראטה ניט וואס צו טהאן? איך נעה עפּעס ארום וויא א צומישטע, אלע מיינע פּלענער וויא זיך צו רעטען פון מיין קריטישער לאגע גיבען זיך מיר ניט איין, און וויא דיא וואהרהייט, בין איך יעצט גאר ניט פעהיג נאכצודיינקען. איך בין נאך איבערראשט און צושראָקען פון דעם בעפאל, אז איך בין גאָר אויסער זיך.

וזיאטקין האט זיך פערטראכט.

— איך האב א פארטרעפליכען פּלאן! — האט ער זיך אויף א ווילע אָפּ־שטעלענד איהר געזאגט — ער איז אפילו אביסעלע געגען געוויסען; אבער אין א נויט קוקט מען דאך ניט שטארק אויף יושר. זייט איהר מיט דיעזער אידעע איינ־שטימיג?

— נויט ברעכט אייזען! — האט זלאַדייקינא אויפגערעגט געענטפערט.

— אלזא — האט וזיאטקין געזאגט — ראטה איך אייך, אז איהר זאלט צוריק אין אייער האטעל אונבעמערקט ארייננעהן, אין דער פריה זאל זיך דיא טהיר געפינען אָפען און איהר זאלט מאכען א ליארעם דאס מען האט אייך בע'גנב'עט.

— איך מוז געשטעהן, אז וואו שפיאָן דארט איז שמד־שטיק! — האט זלאָ־דייקינא איהם ערווידערט.

— ניש־קשה — האט וואָטקין געזאגט — דער איינגעסטהימער פון׳ם „ערמי־טאזש״ איז געַנוג רייך, דער טייפעל וועט איהם ניט צונעהמען, ווען אייער קוואַר־טירען אין זיין האטעל וועט איהם קאָסטען א פופצעהן טויזענד רובל; ער וועט וויינען און געבען. ער וועט איינפאך ניט וועלען, אז זיין האטעל זאל בעקומען א שלעכטען נאמען. דערצו נאך איז א ווירטה פאר זיין האטעל פעראנטווארטליך.

— אייער פלאן איז פּאָרטרעפליך! — האט זלאדייקינא געזאגט — איך האב קיין אנדער אויסוועג ניט. נויט ברייננט צו אלעס.

— איהר בעדארפט זיך פריילין זלאדייקינא גאר ניט אזוי פיעל פערענט־פערן. איהר קענט זאגען, אז מען האט אייך אויף צוואנציג טויזענד רובל בעגנב׳עט. דיא רייכע מענשען זיינען ניט קראנק צו בעצאהלען, און אגב בעדארף וואָטקין פון אזא מעשה אויך עפּעס אָפּלעקען א ביינדעל.

— אויסער מיין ערגעבענהייט צו אייך, — האט איהם זלאָדייקינא געזאָגט — וועט איהר נאך בעקומען א האלבע סומע. זאל א קאָלעגא אויך עפּעס געניסען.

זיי האבען דיא זאך אָפּגערעדט וויא און וואָס, און מאריא זלאָדייקינא איז נאך א פריינדליכען אבשיעד פון איהם אוועקגעגאנגען זיך טאפּענדיג אלע ווילע ביי איהר צוריסענע שקעפּע.

— עך, וואָטקין, נא דיר א צופאל! — האט זיך דער פּאָליצייסקער שפּיאָן געקלערט זיך ארויפּזעצענדיג אויף א דראָשקע — אבי דוא האסט זיך שוין פון א גוטען צופאל כמעט מיאש געווען! יעצט נא דיר געלט און נאך פיעללייכט — — ליעבע!....

— — — — — — — — — — —

— וואס ביזט דוא טימאָפיי אזוי צופּלאָכטען? — האט געפרעגט א פערזאָן מיט אן אפּען־שטערן און מיט ברייטע שולטערן זיצענדיג מיט איהם פערשתּארט אין א זייטיגען צימער פון זיין טראקטיר.

— דוא פרעגסט מיך נאך היינט וואס איך בין צופּלאָכטען? — האט טימאפיי מוטהלאָז געענטפערט—ווייסט דוא דען ניט וואס פאר א צרה איך האב אויף זיך? דוא חיטראָוויצין האסט דאך מיר אליין געראטהען דאס איך זאל מיין הויז פערקויי־פען ווייל מיר שטעהט פאר א געפאהר? איך רייד שוין ניט וואס דוא האסט ביי מיר דערפאר גענומען פינף הונדערט רובל, זאלסט דוא זיי אויסקריינקען; אָבער מיר פערדריסט אויף דיר, ווארום האסט דוא נאך אָנגעשיקט גאר א נייע צרה.

— איך האב אנגעשיקט אויף דיר א נייע צרה? — האט איהם חיטראָוויצין וויא פערוואונדערט געפרעגט — אדרבא זאג לאמיך הערען.

— קענסט דוא פיליפּאָוו׳ן? — האט איהר טימאָפיי א פרעג געטהאן.

— נעגען וואס פרעגסט דוא עס מיר?

— ווייל ער האט מיר דערצעהלט, אז דוא האסט איהם געזאגט דאס איך געפין מיך אין מאָסקווא.

— נו, טא וואס איז דא אזוינס? — האט איהם חיטראָווצין תמ'עוואטע גע־פרעגט — ער איז דאך וויא מיר שיינט א גאנץ עהרליכער מאן.

— אזא יאהר אויף דיר מיט איהם! — האט טימאפיי בייז געזאגט — ער האט דאך מיר היינט גאר בדלות געשטעלט!

— ער האט דיך גאר בדלות געשטעלט? וואס האט ער צו דיר געהאט?

— זעהט נור וויא ער מאכט זיך גאר ניט וויסענדיג — האט טימאָפיי פער־דריסליך געברומט.

— איך וועל באלד צו דיין נארישען קאָפּ אויסבטל'ען בייזע חלומות — האט חיטראָווצין מיט א טייפעלשען שמייכעל געזאגט — זאלסט דוא אזוי וויסען פון דיין קאָפּ צו זאגען וויא איך וויים, וואס דוא פּלוידערסט דא.

— ער האט דאך מיט א שטונדע צוריק ביי מיר צוגענומען מיין הויז! — האט ער ביטערליך געזיפצט.

— דיין הויז? פאר וואס? -

— ער האט מיך געצוואונגען מיט א דראָהונג פון אן אלטע געשיכטע, אז איך זאל איהם ארויסגעבען פאר צעהן טויזענד רובעל וועקסלען; אויסער וואָס ער האט נאך פון מיר גענומען צוויי טויזענד רובל בארעס געלד. ווייסט דוא חיטראָוו־צין ווירקליך ניט פון דער גאנצער געשיכטע?

— גלויב מיר זיכער אז יעצט הער איך דאס פון דיין מויל, — האט איהם חיטראָווצין מיט אן ערנסטע שטימע געענטפערט — אבער געוויס האסט דוא איהם טימאָפייעשקע אמאל גוט אָנגעפייפט. צו גלייכע וועגט טשעפעט מען זיך ניט!

— אבער ווארום האסט דוא איהם געזאגט, דאס איך בין אין מאסקווא?

— עס איז געקומען צו רייד וועגען „וואסילקין" האב איך איהם געזאגט אז וואסילקי געפינט זיך היינט אין מאָסקווא; אבער דוא הייסט דאך טימאָפּיי מיכיי־לאָוו, און וואו דוא וואוינסט האב איך איהם ניט געזאגט. ער האט עס זאגאר ביי מיר ניט געפרעגט, ווייל ער איז א קלוגער טייפעל און ער האט עס וויא מיר שיינט געלאזען אויף אן אנדער מאָל.

— נו, דאס איז שוין אָפּגערעדט — האט איהם טימאָפּיי נאך א שווערען זיפץ געענטפערט — יעצט פרעג איך דיר וואס זאל איך טהאן?

— חיטראָווצין קייט ניט צוויי מאל זיינע ווערטער! — האט איהם חיטראָוו־צין מיט א שטאלצע מינע געענטפערט — איך האב דיר איין מאל געראַטהען וואס צו טהאן, דיר האט עס געקאסט פינף הונדערט רובל, היינט טהו וויא דוא פערשטעהסט?

— זאל איך טאקע דאָ פערבלייבען אין מאָסקווא?

— ווארום דען ניט? א נייער פּאספּארט מיט א נייעם נאָמען זיינען דיא איינציגע שיצער אין רוסלאנד פיר אלע מערדער! דיין קאַלטענוואָטען באָרד זאלסט דוא אין גאנצען אָפּראזירען, דיינע האָר אָפּפארבען און זיך טראָגען וויא א פראנט, וועט דיך דער טייפעל אליין ניט דערקענען. קיין „דאגת פרנסה" וועסט דוא אויך ניט האבען, דוא בעזיצסט א גרויסען קאפּיטאל, און אויסער דעם, קענסט דוא אלע

מאל האבען לייכטע שטיקלאך ארבייט, וועלכע וועלען דיר איינטראגען טויזענדער. מאסקווא איז א גרויסע שטאָדט, עס מאכען זיך שוין „געשעפטלאך" גאר אונער־ווארטעט. — היינט צום ביישפיעל איז דא א לייכטע „בעשטעלונג" ארויסצוטראגען א „זעקל" פון א רייכע הויז און דערביי קענסט דוא פערדיענען דריי טויזענד רובל, און דאריבער טאָקי בין איך צו דיר געקומען, ווייל מיר איז ליבערשט דיר אָפּצו־געבען א שטיקעל ארבייט איידער אן אנדערן.

— איך זעה טאקע ברודער, אז דוא ביזט א געטרייער קאַמעראד, — האט טימאָפּיי פריינדליך געזאגט — וואו האסט דוא עס פאר מיר דאָס שטיקעל ארבייט?

— אז דוא וועסט דערביי האלטען וועל איך דיר שוין זאגען — האט חיט־ראָווצין ליעבליך ערוויעדערט.

— דריי טויזענד רובעל געהן ניט צופוס! איך וועל געוויס דיא בעשטעלונג פינקטליך און עהרליך ערפילען. זאג מיר נאר וואָס האב איך צו טהאן?

— דוא בעדארפסט אריינגעהן אין א הויז, וואו דוא וועסט אלע טהירען געפינען אָפען, און פון דארט ארויסטראָגען א זעקעל און איהם אריינלאָזען אין „מאָסקווא-רעקא" נאכהער וויא דוא וועסט צו איהם אנבינדען א שווערען שטיין.... א קארעטע וועל איך דיר שוין געבען.

— מען בעדארף געוויס א לעבעדיג שטיקעל סחורה אויסלערנען שווימען? האט איהם טימאָפּיי מיט א שמייכעל געפרעגט.

— דאס שטיקעל סחורה איז שוין שטום וויא א פיש, — האט חיטראָווצין רוהיג געענטפערט — זעהסט דוא וואָס פאַר א גרינגע ארבייט דיר שטעהט פאַר!

— דאס איז אפילו אביסעל ריזיקאַליש, — האט טימאָפּיי געענטפערט — אבער איך וועל עס געוויס טהאן.

— אלזאָ בעשטעל איך דיר היינט צו מיר אום איינס נאָך האלבע נאכט — האט חיטראָווצין געזאגט.

— און ווען זאל איך אנהויבען צו שפּילען מיין נייע ראָלע? — האט טימאָפּיי געפרעגט.

— יעצט, אז דוא האסט שוין זאָ־וויא־זאָ ניט דיין הויז, — האט חיטראָווצין געענטפערט — בעדארפסט דוא עס טהאן וואס שנעלער. דיין וויב און קינדער האסט דוא בעגראָבען בעצייטענס, דוא ביסט א מענש אליין, ווארום זאלסט דוא יעדע ווילע שטעהען אין געפאהר? מיינסט דוא דען, אז דיא פיהרער פון גרינבערגס פּראָצעס שלאָפען? מיינסט דוא, אז דיא זשידאָווסקע געזינדעל אין מאָסקווא זוכען ניט קיינע מיטלען איהם צו בעפרייען און דעם גאנצען שולד אויף דיר ארויפ־וואהפען? דיא זשידעס זיינען ליסטיגע (חיטרע) יונגען און זיי טהוען געוויס אין דער שטיל וואס זיי קענען.

אין טהיר האט זיך געהערט א לייכטער אָנקלאַפּען. טימאָפּיי האט זיך פון זיין שטוהל אויפגעהויבען און האט דיא טהיר אפגעשלאָסען.

עס איז אריין איינער פון זיינע בעדיענטע און האט איהם געמעלדעט, אז

א מוזשיק פון דאָרף „בורלאַווקא", וועלכער איז נאר וואס פון דאָרט געקומען פרעגט זיך אויף איהם.

טימאָפיי איז ארויסגעגאנגען און איז אריין אין פאַר־צימער פון זיין טראַקטיר.

ער האט פאר זיך דערזעהן א געבויגטען מוזשיק מיט גראָבע פאַנטאָפעל, געקליידעט אין אן אלטע קורצע פאָדיאָווקא און פערגאַרטעלט מיט אן אָפגעקראַ־ בענעם רויטען גארטעל אויף זיין גראָבע טאַליע.

— ווער ביסט דוא און וואָס בעדארפסט דוא דא? — האט איהם טימאָפיי גראָב געפ... ט

— איך בין אייער ראַזבאָיעווס א פעטער, — האט דער מוזשיק האלטענדיג זיין היטעל אין האנד רעספעקטפאָל געזאגט — איך האב איהם געבראַכט א בריעף פון זיין ברודער וואס א פערד האט איהם צובראָכען א פוס ניט ווייט פון „בור־ לאַווקא", אין גאנצען צוויי אדער דריי ווערסט פון דארט אדער פיעללייכט אפשר מעהר, דאָס קען איך שוין ניט וויסען.

טימאָפיי, וועלכער האט געוואוסט, אז זיין שוואָגער ראַזבאָיעוו וואוינט גאר אויף א פרעמדען פאַספאָרט אין מאָסקווא און יענער ראַזבאָיעוו פון'ם דאָרף „בורלאַווקא" איז שוין לאנג פערפוילט אין דער ערד, האט א ציטער געטהאן מיט'ן גאנצען קערפער. ער האט פערשטאַנען, ווער איז דער מוזשיק וואס שטעהט פאר איהם.

— זעהר אנגענעהם, — האט טימאָפיי מיט א געצוואונגענע רוהיגקייט געענט־ פערט — זעץ זיך אויף א ווײַלע אניעדער, איך געה עס איהם זאגען.

דער מוזשיק האט זיך אוועקגעזעצט און האט געוואָרפען שארפע בליקען אויף יעדער טימאָפיי'ס בעוועגונג.

טימאָפיי איז גלייך ארייננעלאפען צו חיטראָוויצינען.

— ברודער א געהיים־אַגענט! — האט ער שטארק אויפגערעגט און זעהר שטיל געזאגט.

— וואס האט ער מיט דיר גערעדט?

— ער האט מיר געזאָגט, אז ער איז מיין ראַזבאָיעווס א פעטער און ער איז געקומען צו איהם מיט א בריעף פון זיין ברודער, און דוא האסט דאך איהם דאַ־ מאָלס געמאכט דעם פאַספאָרט אויף א נאָמען פון א געשטאָרבענעם?

— זעהסט דוא שוין טימאָפיי, אז דיא זשידעס שווייגען ניט, — האט חיט־ ראָוויצין געלאסען געזאגט.

— אבער וואס זאל איך יעצט מיט איהם טהאן? ער וועט געוויס וועלען זעהן ראַזבאיעוו'ן, זאל איך פאר איהם פאַרשטעלען אן אנדער פערזאָן אלס מיין שוואָגער?

— דורך א הינטער טהיר! — האט איהם חיטראָוויצין דיא האנד ארויפלייג־ גענד אויפ'ן נאז געזאגט — ניטא מעהר קיין טימאָפיי מיביילאוו! פערשטעהסט דוא?....

— דוא האסט רעכט! — האט טימאָפיי נאך א קורצען נאכדענקען געזאגט. ז זעה איך טאקי וויא קלוג דוא ביזט.

— פערווייל ניט איין מאָמענט! — האט חיטראָווצין זיך אויפהויבענד פון ין שטעלע געזאגט — קום לאָמירביידע אוועקגעהן, איך נעהם דיך צו מיר ביז לעס וועט אפגעטהאן ווערען.

און טימאָפיי איז נאך חיטראָווצינען דורך א הינטער טהיר באלד אויפ'ן גאס ארויסגעגאנגען.

— גוטען אבענד! — האט זיך א מאן ווענדענדיג צו טימאָפייען געזאגט — איך האב א קונה אויף אייער הויז און איך לויף עס טאקי צו אייך, הערר מיביילאָוו.

— איך האב דאך אייך, הערר שטיין, א בריפעל איבערגעלאָזען, — האט טימאפיי געהענדיג ווייטער מיט ראשע טריט געענטפערט — אז איך מוז מיך נאך היינטיגע נאבט דאריבער בעראטהען.

— איך האב געדיינקט, — האט שטיין נאכלויפענד געזאגט — אז איהרווילט מיר פיעללייבט ניט האבען פאר קיין מעקלער.

— וואָרום דען ניט? — האט טימאָפיי געענטפערט — איך קען אייך פאר פיעל א פעהיגערען מאן אלס אנדערע, קומט אריין צו מיר מאָרגען, יעצט האב איך קיין צייט ניט.

ער האט געחאפט א דראָשקע און האט זיך מיט חיטראָווצינען אויף איהר אוועקגעזעצט און זיי זיינען באלד אוועקגעפאָהרען.

— זאלסט וויסען טימאָפיי, — האט חיטראָווצין פאהרענדיג געזאגט — אז דער זשיד מיט וועלבען דוא האסט יעצט גערעדט געפעהלט מיר ניט. איך זעה אן איהם, אז ער איז א שפיאָן!

— דיעזען מאל מאכסט דוא חיטראָווצין, אן אירטהום! — האט טימאָפיי געענטפערט — איך קען דעם מאן זעהר גוט, ער איז א שווינדלער וויא אלע זשידעס, אבער קיין געהיים-אגענט געווים ניט.

— זאלסט חיטראָווצינען ניט לערנען קיין שכל! — האט חיטראָווצין מיט אן ערנסטע שטימע געזאגט — ווען דוא זאלסט מיר אפילו געבען א מיליאָן נעהם איך דיך ניט יעצט צו מיר נאך הויזע, טהו נאר א קוק פון הינטען און זעה צו קיינער פאָהרט דיר ניט נאך.

טימאפיי האט זיך אומגעקוקט.

— איך זעה עפעס פון דער ווייטען הינטער אונז צוויי דראָשקעס איינע נאך דיא אנדערע.

— אלזא זאלסט דוא טימאָפיי וויסען, אז צוויי שפיאָנען אדער מעהר פאָהרען דיר נאך, — האט חיטראָווצין עטוואס צורודערט געזאגט — איך קען דא אויך צוליעב דיר ארייגפאלען.

— טא וואס טהוט מען? — האט טימאָפיי צושראקען געפרעגט.

— חיטראווצין וועט שוין געפינען א מיטעל! — האט ער שטאלץ געענטפערט — לאמיר נור א ווייל א קלעהר טאהן.

חיטראָווצין האט זיך פערטראכט.

— איזוואָזשציק! — האט ער פּלוצלינג אויסגעשריען — צום גאָלאָווא אכעק-סעיעוו!

— סלושאיו'ס, באַרין!

און דיא דראָשקע האט זיך באלד פערנומען אן א זייט.

— טהו נור טימאָפּיי נאך אמאל א קוק! — האט ער צו טימאָפּייען שטיל געזאגט.

טימאפּיי האט זיך אומגעקוקט.

— ביידע דראשקעס פון הינטען פאהרען אונז יעצט אויך נאך! — האט טימאפּיי העכסט צושראָקען געזאגט.

— האסט זיך שוין ברודערקע ניט וואָס צו שרעקען, — האט חיטראווצין מיט א טייפעלשען שמייכעל געענטפערט — דוא פאהרסט מיט חיטראווצינען!....

— איך גיעב מיך יעצט אין גאנצען צו דיר איבער, — האט טימאפּיי מיט א שוואכע שטימע געזאגט.

— א ברירה האסט דוא? — האט חיטראָווצין לאַכענד געזאגט — עה, איז-וואזשציק, פאהר אביסעל שנעלער! „נא וואָדקי, גריוועניק“! (א צוואנציגער אויף בראנפען).

33טעס קאַפּיטעל.

## פאַר אידישע בלוט.

— הערר פּריסטאוו א דעפּעשע! — האט געזאָגט צו איוואנאָוו'ן זיין סעקרעטאר נאכדעם וויא דער פּריסטאוו האט מיט שורקינען דיא זאך האלב אָפּגעמאכט און ער איז פון קאָזעמאט אין אוטשאסטאָק אויף א וויילע אריינגעגאנגען, און ריידענדיג האט ער איהם איבערגעגעבען א פערזיגעלטע דעפּעשע.

דער פּריסטאוו האט איהר אויפגעפּענט און האט גאנץ שטיל דורכגעלעזען פאָלגענדעס:

„איך פערצייהע דיר, מיין ליעבער, פאר דאס גראב ווערטעל, געווים האָסט דוא ניט געמיינט מיך צו בעליידיגען. קום גליך אויף א האלבע שטונדע, מיר לאַנגווייל; אבער אין נומער פינף, איך האב מיך אהין איבערגעטראגען.

פּאַאולינא“.

— זיא לאַדט מיך ווידער, — האט דער פּריסטאוו ארויסגעהענד פון אוטשאסאָק פרעהליך צו זיך אליין גערעדט — איך האב פריהער פערשטאנען, אז אהן מיר וועט זיא איין טאָג ניט קענען לעבען.... אך, מיין ענגעל, וואָלסט דוא אבער וויסען וואס פאר א צרות איך בין דיא לעצטע טעג אויסגעשטאנען!

ער איז פון דיא טרעפּ אראָפּגעגאנגען און האט זיך אביסעל פערטראכט.

— א האלבע שטונדע פערגניגען נאך אזעלכע געברענטע ליידען — האט ער זיך געקלערט — איז טאקע ווירקליך פאר מיר זעהר נעטהיג; מען דארף אבער שוין פאַרזיכטיג. מיין ארורה צו אלע שווארץ יאהר, האט זיך דאס דערוואוסט,

און פון וואנען? ווייס איהר דער טייפעל! סיידען זיא האט מיר נאכגעשפיערט. אבער וואו וועט זיא מיר יעצט נאכשפיערען? דיא קליפה, זאל איהר דיא ערד צונעהמען, גלויבט אין מיין שבועה!

ער איז לאנגזאם אוועקגעגאנגען און האט זיך אלע מאל אומגעקוקט.

— דאס געלט איז וויא אין קעשענע, — האט ער זיך געקלערט — א נארר וועט זיא זיין, זיא וועט לאזען געהן איהר מאן אויף קאטערגא!

ער איז צוגעגאנגען צום האָטעל „מעטראָפּאָל", נעגען דעם קליינעם טהעאטער און נאכהער, וויא ער האט זיך פון אלע זייטען אומגעקוקט האט ער זיך דורך א הינטער טהיר דאָרט אריינגעגנב'עט.

ער האט זיך ארויפגעהאפּט אויפ'ן צווייטען שטאָק און האט לייכט אין טהיר פון נומער פינף אנגעקלאפּט. איהם האט זיך געדוכט, אז ער הערט א שטימע „הערײַן" און ער האט דיא טהיר אויפגעמאכט זיך אריינגעהענד גאנץ היימיש אין צימער.

— וואו ביסט דוא דאָרט מיין ענגעל? — האט ער געפרעגט ניט זעהענדיג פאר זיך קיין לעבעדיגען מענשען.

— אָט בין איך! — האט ער פּלוצלינג דערהערט א קוויטשענדע שטימע און פון אונטערן פּאראוואן איז ארויסגעלאָפען א געלבהאריגע פרוי מיט א פּאר בלויע דינע ליפּעלאך און מיט א מיילבעל ביז דיא אויערען — דערקענסט דוא ניט דיין ווייב „אננא פּאוולאָוונא"?!

דער פּריסטאוו האט א ציטער געטהאן מיט'ן גאנצען קערפּער און איז פאר שרעק און איבעראשונג ארויפגעפאלען הינטער זיך אויף דער ווייכער זאָפע.

— נו, וואס זאגט איהר יעצט, הערר פּריסטאוו?! — האט איהם זיין פרוי זיך אוועקשטעלענד נעגען זיין ערבלאסטע געזיכט שניידענד געפרעגט — וועט איהר יעצט אויך זיין אזא נארר און בעטען ביי אייער ווייב צושטייער אויף א י י ע ר ע שאַרלאַטאַנעריי?!

דער פּריסטאַוועלבער האט אנפאנגס פערשטעלט זיין געזיכט מיט ביידע הענד און איז אזוי געלעגען אנגעלענט מיט'ן קאָפּ צום וואנט, ער האט זיך פּלוצלינג א שטעל געטהאן אויף דיא קניע און האט נאך זיין אלטער מאָדע אנגעהויבען צו בעטען אום פערצייהונג; אבער זיין ווייב האט זיך פון איהם אפּגעקעהרט.

— אדיע הערר פּריסטאוו! — האט זיא מיט א בעזאנדערען שניידענדען נגון געזאגט — לעבען זיי וואהל און גליקליך!

און איידער ער האט צייט געהאט צו זיך צו קומען איז שוין דער צימער געווען לעער.

— אָ, האט זיא מיר א מאָס גענומען! — האט דער פּריסטאוו קריצענד מיט דיא צייהנער געברומט — ראבע „מוז איך נעהמען! ראבע פון ביידע שלאַנגען, פון מיין פערפלוכטער אננא און פון דעם אויסוואורף שרה פיינשטיין!

און מיט דיעזע ווערטער איז ער מיט וואנקענדע קניע פון צימער ארויסגע-גאנגען.—

— אומזיסט ברודערקע אונזער מיה! — האט ער געזאגט אנטאנען וועלכע! ער האט געטראפען אויפ'ן הויף פון אוטשאסטאק — איך האב מיין שטעלע פערלאָרען און איך מוז כאלד אנטלויפען וואו דיא אויגען וועלען מיך טראגען.

— וואס רעדסט דוא? — האט איהם זיין ברודער ערשטוינט געפרעגט — זיא האט דאך דיר פערשפראָכען צו געבען דיא גאנצע סומע; איך האב מיט איהר נאך א מאל דאריבער ניט גערעדט, ווייל איך האב איהר צו הויזע ניט געטראָפען; אבער וואס פאר אן ענדערונג האט דא אין דער שטונדע געקענט ווערען?

דער פריסטאוו האט זיך געשעהמט זיין ברודער צו דערצעהלען דעם נייעם אונגליק וואס איהם האט דא יעצט געטראפען און האט א מאך געטהאן מיט'ן האנד.

— איך מוז ברודערקע אנטלויפען, — האט ער בעטריבט געזאגט, אבער וואו נעהמט מען עפעס געלד?

— האט שורקין חרטה געהאט? — האט זיין ברודער איהם צורודערט געפרעגט — זאג מיר וואס איז דא געשעהן?

— וואס עס איז שוין איז שוין! — האט דער פריסטאוו ביטערליך געזאגט — איך מוז נאך היינט זעהן אביסעל געלד צו פערשאפען, אז ניט, בין איך אונגליקליך.

— אום גאָטעס ווילען, זאג מיר, וואס דא איז געשעהן? — האט איהם זיין ברודער אנגעהמענד פארביידע הענד געזאגט — איך וויים דאך, אז דוא ביסט מאנכע מאל אביסעל אונבעזאָנען און דוא קענסט אפטהאן א זאך, וועלכע זאל דיך פעראונגליקען, וועהרענד דוא קענסט זיך נאך פיעלייכט אן עצה געבען.

— קורץ און שארף, זיא גיט מיר ניט א י י ן קאפיקע — האט דער פריסטאוו צורודערט איהם געענטפערט — און איך וועל שוין זיך גאר ניט פרובירען איהר דאצו אנצומוטהען.... זיא איז א בעסטיע, זיא איז א שלאנג און איהרע געלד איז יעצט ביי מיר טריף!

— נו, דארף מען שוין דאריבער אנטלויפען? — האט איהם אנטאן געלאסען געפרעגט.

— וויא הייסט? ער וועט דאך מיך אונגליקליך מאכען.

— און דוא קענסט שוין גאר ניט מאכען אן אנלייע? איז שוין קיינער ניטאָ אין מאסקווא וועלכער זאל פריסטאוו איוואנאוו'ן אויסלייהען צעהן טויזענד רובעל? ווייסען דען אלע, אז דאס געלט ליעגט אין באנק אויף א י ה ר נאמען?

— דאס איז ווירקליך א פלאן — האט דער פריסטאוו נאך א קורצען נאכדענקען ערפרעהט געזאגט — איך דיינק, אז ביי דיא ז ש י ד ע ס וועל איך קריגען אזא סומע אויף מיינעם א וועקסעל. — זיי וועלען אפילו רייסען א גרויסען פּראָצענט; אבער איך וועל דורך א י י ן בעפאל היינטיגע נאכט דעם פּראָצענט זיך ארויסשלאגען.

— האָסט דוא שוין עפעס אן אויסזיכט וואו דיא סומע צו בעקומען? — האט איהם אנטאָן געפרעגט.

— איך לאָז מיך שוין אוועק צו פישקא דעם פּראָצענטניק — האט דער

פריסטאוו איהם נעענטפערט — לאַנג לעבען זאלסט דוא פאר דיין איינפאל. מיר איז דאס גאר פון זינען ארוים צוליעב דיא נעברענטע ליידען. איך צווייפעל גאר ניט, אז איך וועל ביי פישקא'ן דיא סומע באלד קריגען.

— לאָז מיך אריין דערווייליע אין קאזעמאַט צו שורקינען, — האט איהם זיין ברודער געזאגט — איך וועל אביסעל מיט איהם פלוידערען און אָנטאַפּען דעם דופק און אויב דוא וועסט בעקומען דאס געלד, זאלסט דוא איהם אנדערש ניט געבען, סיידען איך וועל דיר א ווינק טהאן מיט דיא אויגען.

— נאַ דיר דעם שליעסעל — האט דער פריסטאוו געזאגט — אבער זיי זעהר פאָרזיכטיג.ביידע אָקאָלאָדאָטשניקעס זאלען זיך געפינען אין פאָרצימער פאַרן קאַזעמאַט און דוא זאלסט זיצען מיט איהם פון אינוועניג פערשלאָסען.

— בעדארפסט מיר וועגען דעם גאר ניט זאגען, — האט אנטאן צונעהמענד דעם שליסעל געזאגט — אויסער וואס מיר זיינען ברידער, ארבייט איך נאָך דא אויך פאר זיך אליין. דוא ווייסט דאָך, אז איך קען דא אויך אין אן אונגליק אריינ־פאלען.

דער פריסטאוו האט א זיפץ געטהאן און איז מיט ראשע טריט אוועקגע־גאנגען.

פישקא דער פראָצענטניק איז געוועזן א מאל אין דער קליינער שטעדטעל קנישין, גראָדנער גובערניע א שוחט און דערצו א חזן. ער איז אבער ניט געוועזן דאָרט איינער. קנישין איז אונבעשרייענד א קהילה פון פינף הונדערט אידען און וויא האבען עס ניט פינף הונדערט אידען א דריי רבנים מיט א פינף שוחטים? און אזוי האט זיך טאקע אויסגעלאזען; קנישין האט זיך אין פערלויף פון איין האלב יאָהר פערשאפט צו איהר אלטען רב, נאך צוויי רבנים און צו איהרע ביידע שוחטים נאך דריי. דיא קאָנקורענציע איז געווארען זעהר גרויס, דיא צדדים פון דיא רבנים מיט דיא שוחטים האבען זיך אין דיא בתי־מדרשים געפאטשט יעדען מאָנטאג און דאנערשטאג, דיא קיה פון דיא עטליכע צדדים זיינען געבליעבען מיט אָפּגעשניטענע וויידלען; פעטש זיינען געפלויגען וויא האָלץ אין דיא בתי־מדרשים; ביי טאָג און ביי נאכט האָט מען אין דיא שטאלען געשניטען וויידלען פון דיא קיה (וויא בעוואוסט האט יעדער איד אין קנישין איין קוה אָדער צוויי). פישקאַ, וועלכער איז געוועזן אין שטעדטעל איינער פון דיא ערשטע צוויי שוחטים, האָט זיך ארומגעזעהן, אז ער האָט זעהר א שוואַכען צד אין טיש און אין שטעדטעל רעדט מען שטארק וועגען איהם אז ער איז „מאכל טריפות“ און זינגט וויא א „כאָר־חזן“ „גויישקע“ נגונים, און אזוי וויא ער האט מורא געהאט פאר „שמיץ“ וויל ער האט געוואוסט, אז אין קנישין קריגט א מאָל א שוחט אריינגעשמיסען, האט ער זיך אין א מיטען העלען מיטוואָך פון קנישין ארויסגעחאפט און איז זיך גלייך אוועקגעפאהרען אין מאסקווא. זיין באסאָווע שטימע האט־דורך א צופאל דערהערט דער דירעקטאָר פון קייזערליכען טהעאטער, זיא איז איהם שטארק געפעלען געוואָרען און ער האט איהם צוגענומען צום כאָר פאר זיין טהעאטער. ער האט דאדורך בעקומען דאס רעכט צו וואוינען אין מאָסקווא, און פון זיין פופציג־רובעלדיגען

געהאלט יעדען מאָנאט, האט ער א העלפט אפגעשפּארט און איז מיט דער צייט געווארען א מלוה ביי דיא אקטיארען פון טהעאטער. ער האט נאך זייענדיג אין קנישין געוואוסט, אז דיא אקטיארען זיינען גרויסע שארלאטאנעס, און אז זיי דארפען א רובעל אויף דער מינוט צאהלען זיי נאכהער פאר איהם אַפּ פינף. און אזוי וויא אונזער פישקא איז געווען אן אויסגעמאכטער יונג און האט געוואוסט, אז שארלאטאנעריי דארף קאָסטען דיא שארלאטאנעס טהייער, האט ער פון זיינע „קונדען" געריסען א פאס. פון דיא ערשטע הונדערט רובעל וועלכע ער האט צוזאמענגעקליבען עסענדיג א לאנגע צייט נור ברויט מיט וואסער און לעבענדיג וויא א הונד — האט ער אפגענומען פינף בלאנקע הונדערטער, און אזוי איז ער זיך בעגאנגען מיט אלע זיינע „קונדען" דיא לעבע־יונגען, אז אין פערלויף פון צעהן יאהר האט ער זיך דערשלאגען צו א גאנץ גרויסען קאפּיטאל, און דיא אלע זידלערייען אויף איהם און אויף אלע אידען אין אלע מאסקווער צייטונגען, האבען איהם אזוי גוט אדווערטייזט און אזוי בעוואוסט געמאכט דאס ער האט אנגעהויבען צו בעקומען גאָר זייטיגע „קונדען", איין שארלאטאן גרעסער פארן אנדערן, און פישקא איז פון טאָג צו טאג געוואַקסען.

— גוטען אבענד, אלטער בעקאנטער! — האט פּריסטאוו איוואנאוו געזאגט צו פישקא'ן איהם טרעפען ביי'ם טיש ביי א פעקעל מיט הונדערטער — וויא געהט עס אייך? ווארום האט איהר זיך פון מיין אוטשאסטאָק אזוי גיך ארויסגעקליבען? אין גאנצען, וויא מיר שיינט, האט איהר דאָרט געוואוינט איין מאָנאט אָדער צוויי.

— ביטע הערר פּריסטאוו זעצט אייך אניעדער, — האט פישעל העפליך געזאגט — מיך פרעהט זעהר אייך צו זעהן.

דער פּריסטאוו האט זיך לעבען פישלען אוועקגעזעצט.

— יעצט וועל איך אייך זאגען ווארום איך האב פון אייער קווארטאל ארויסגעצויגען, — האט פישעל מיט א שמייכעל געזאגט — איך האב מיך איינפאך מורא געהאט פאר א בעפעל. איך וויים דאך, אז איהר זייט זעהר א שטרענגער מענש און האט ליעב.... צו היטען דעם זאקאָן.

ער האט זיך ביי דעם וואָרט „ליעב" אויף א ווייל פערהאקט און צוגעשמייכעלט. ווער עס האט געקענט פישעלס כאראקטער האט געקאָנט לייכט מערקען, אז ער טראכט זיך: „איך וועל דיר שוין היינט רייסען דיא פעהלבעל, ווייל דוא אליין האסט אויך ליעב דיא מטביע און דוא רייסט פון טוידטע און פון לעבעדיגע".

— עס איז היינט ברודערקע געוואָרען זעהר שטרענג, — האט דער פּריסטאוו מיט אן ערנסטע שטימע ערוויעדערט — איך בין דאך מעהר ניט וויא א שטעקען אין דיא הענד פון געזעץ; אבער דאס אן א זייט, איך בין צו אייך פישקא געקומען מאבען א קליינע אנלייע. מיר פעהלט אוים א קליינע סומע צו קויפען אן אימעניע, און וועלבע איך האנדעל א ווילדע מציאה.

— וויפיעל פעהלט אייך אוים? — האט פישעל געפרעגט.

— אין גאנצען צעהן טויזענד רובעל.

— איז דאס ביי אייך א קליינע סומע?

— וואס דען א גרויסע? ווייסט איהר וויפיעל איך צאהל אָפּ פאר דער אימעניע? טרעפט אקאַרשט, פישקא?

— מעגליך, אז ביי אייך איז דאס ווירקליך א קליינע סומע, — האט פישעל רוהיג געענטפערט — אבער ביי מיר איז צעהן טויזענד רובעל א גרויסער פערמעגען.

— נו, אז א גרויסער? איהר זייט דאך דארויף א מלוה.

— דאס וועט אייך הערר פריסטאוו קאָסטען צו טהייער! — האט פישעל נאך א קורצען נאכדענקען געזאגט.

— איך וואלט וועלען וויסען, וואס הייסט ביי אייך טהייער.

— אויף וויא לאנג בעדארפט איהר דאס געלד?

— אין גאנצען נור אויף איין מאָנאט, ביז איך וועל זיך קענען אפּשפּארען א ביסעל צייט און מאכען אויף דער אימעניע אן אנלייע אין באנק.

— ווילע פאר אייך, הערר פריסטאוו, וועט עס אייך קאָסטען פיער טויזענד רובעל.

— דאס איז הערר פישקא, צו טהייער! — האט דער פריסטאוו ניט וועלענד באלד ארויסווייזען זיין צופריעדענהייט איהם געענטפערט.

— אז ניט האב איך אויף דאס געלד אן אנדער בעלן, — האט איהם פישקא מיט א געקנייטשטע צורה געענטפערט — איך קען זאגאר נעהמען פינף טויזענד; אבער ווילע פאר אייך....

— דיא אימעניע איז אזא מציאה, — האט דער פריסטאוו נאך א קורצען נאכדענקען איהם ערוויעדערט — אז איך מוז מיט אזא פּראצענט אויך זיין צו-פריעדען אבוואָהל איהר שינדט מיר היינט דיא הויט, הערר פישקא.

— דאס איז שוין הערר פריסטאוו, מיט איינזעהעניש, — האט איהם דער פּראָצענטניק פריינדליך ערוויעדערט.

— נו, וואס קען איך טהאן? — האט דער פריסטאוו א מאכטהאָנדיג מיט'ן האנד געזאגט — „לעבען און לעבען לאָסען“ דאס איז אייביג מיין רעגעל; ווייזט אהער פישקא וועקסלען.

— אויף זיי מוז אבער אויך אייער ווייב זיין אונטערגעשריבען — האט איהם פישקא רוהיג ערוויעדערט.

וויא א דאנערשלאג האבען פישקא'ס לעצטע ווערטער אויף איהם געווירקט. ער האט מורא געהאט טאָמער דערקענט פישקא אן זיין געזיכט וואס ביי איהם אין הארצען טהוט זיך יעצט אָפּ. ער האט זיך פארנאנדערגעהוסט אויף א היבשע ווילע.

— און מיינעם א וועקסעל נעהמט איהר ניט אָן? — האט איוואנאוו מיט א פערוואונדערטע און אויך ליעבליבע מינע איהם געפרעגט.

— היינט באַטיושקא זיינען גאַר אנדערע צייטען, — האט איהם פישקא זיך קנייטשענד געענטפערט — אידען אין מאסקווא היינגען אויף איין פוס און מיר

מוזען אימער זיין זיכער מיט אונזער קאפּיטאל. איך צווייפעל ניט, אז אייערער א וועקסעל איז קוראנט; אבער אזוי איז עס שוין.

דעם פּריסטאוו'ס געזיכט האט אנגענומען א פרעהליכען אויסדרוק פון א געדאנק וועלכער איז אין זיין שווינדעל־קאָפּ אין דעם מאָמענט דורכגעלאפען.

— ווילט איהר טאקע אפּרערש ניט, אז איך זאל בעמיהען צוליעב אזא קליינע סומא מיין ווייב? — האט איהם דער פּריסטאוו מיט א פערדריסליכען טאָן געפרעגט.

פּישקא איז ניט קיין גרויסער פריץ און אויב פאר אייער ווייב איז שווער צו קומען אהער, וועל איך מיט אייך, הערר פּריסטאוו, געהן צו איהר — האט פּישקא מאבענד מיט ביידע הענד ערווידערט.

— ביי מיר זיינען יעצט פיעלע געסט, — האט דער פּריסטאוו געענטפערט — און גלייכער איז אז איך זאל ברייננגען מיין ווייב אהער אויב דאס וועט מיר נור געלינגען, און ווען ניט, מוז דאס האבען געדולד ביז מאָרגען אדער איבערמאָרגען. איך וועל שוין מאכען, אז דיא אימעניע זאל דערווילע ניט פערקויפט ווערען צו אן אנדערען.

— טהוט וויא איהר פערשטעהט — האט פּישקא קאלט געזאגט.

— אלזא, — האט דער פּריסטאוו נאך א קליינע פּויזע שטילשוויינען געזאגט זיך אויפהויבענד פון זיין שטעלע — איך געה ברייננגען צו אייך מיין ווייב. מעגליך, אז דיא געסט זיינען שוין אוועקגעגאנגען און ווען זיי זיינען אפילו דאָ וועט דאס אויך פיעל צייט ניט נעהמען און דערווילע וועט זיי אונטערהאלטען מיין ברודער.

— אבער מעהר וויא א שטונדע זאלט איהר ניט פערווילען — האט איהם פּישקא ערנסט געזאגט — איך מוז נאך היינט ווענען א געשעפט אוועקגעהן.

— דאס וועט זאגאר א האלבע שטונדע ניט דויערען — האט איהם דער פּריסטאוו געענטפערט — אין גאנצען האב איך דא א פּאָר קליינע גאסען דורכצופאהרען. צום ווידערזעהן הערר פּישקא.

— צום ווידערזעהן! צום ווידערזעהן! — האט איהם פּישקא געענטפערט, און דער פּריסטאוו איז ארויסגעגאנגען.

— מיין טהייערע פּאאולינא וועט מיך דא רעטען! — האט דער פּריסטאוו זיך אוועקזעצענד אויף א דראָשקע גערעדט צו זיך אליין אונטער דיא וואָנצעס — דיא זעקס הונדערט רובעל וועלכע איך האב יעצט ביי זיך, וועל איך איהר פּאָרן אונטערשרייבען מיין ווייב'ס נאמען אוועקגעבען, זיא וועט עס געוויס טהאן אויך אוים ליעבע....

אבער טאָמער קען ער איהר דער הונד? — האט ער זיך פּלוצלינג א קלעהר געטהאן — טאָמער קען ער איינער פון זיי ביידען?

ניין! — האט ער אונווילענד דייטליך ארויסגערעדט — מיין ארורה וויזט זיך זעלטען אויפ'ן גאס. פּאאולינא איז נאָר אן אקטריסא אין קארשא'ס פּריוואַט־טהעאַטער און ער איז א „באָריסט" אין קייזערליכען; דאס איז זעהר ווייטלויפיג.

— — — — — — — — — — — — —

— דער שורקע צאַפּט פון מיר וויא פון א צאַפּען! — האט פּאַולינא גע־ברומט זיצענד אליין אין איהר צימער ווָעהרענד דער פּריסטאַוו איז צו איהר יעצט געפאהרען — האַסט דוא געהערט א ביסעל? א פרוי זאל צאָהלען פּאַר ליעבע געלד? דאס איז נור אין מאָסקווא א מאָדע! דוכט זיך א פארטיגער דאָקטאָר, א פאטער א גענעראל פון „טרעמאָיע אָטדעליעניע״, ענדליך צאהל איהם נאך צו! איך האב דא אנגעמאַכט אן אינטריגע ביז דעם זיעבעטען הימעל, און צוליעב וואס? צוליעב דעם פערפלוכטען פעליקס סאבאַקאָוו מיט זיין שעהנער צורה'קע!.... זיא וועט איהם נעווים א לעבעדיגען אויפעסען. דאס איז עפּעס א פרוי מיט בלויע ליפּעלאך און מיט א געשליפענע מיילכעל! ניט זינדיג איז דער, ווער עס פאלט אין יענעם ני־הנם אריין.... און וואו איז דיא דריי הונדערט רובעל וואס זיא האט מיר דאפיר געגעבען? אָ, פערפלוכטער סאבאַקאָוו! דוא צאַפּסט פון מיר אויס דעם לעצטען גראָשען און וויא איך פערשטעה, וועסט דוא מיך ענדליך אוועק־וואַרפען. אבער ניט זינדיג וועסט דוא זיין! איך וועל דיר נאך בעסער אפצאהלען וויא מאדאם איוואנאוו האט אפגעצאהלט איהר מאַן.... איך קען מיר פּאָרשטעלען וואָס פאַר א פּאָרציע ער וועט דאָ היינט פון איהר חאַפּען! אָ, איז דאָס א פרוי מיט א מיילכעל! אָבער ווער קלאַפּט עס אין טהיר? איז דאָס אָפּט ניט פעליקס? אָ, איך ליעב איהם דאָך....

— הערייז! — האט זיא נאך א פּאָר שטאַרקע קלעפּ אין טהיר אויסגעשריען.

דיא טהיר האט זיך אויפגעעפענט און פּריסטאַוו איוואַנאָוו איז אריין אין צימער.

דיא אקטריסא איז געווארען אויפגעציטערט. זיא האט געמיינט, אז דער פּריסטאַוו האט זיך דערוואוסט וואס זיא האט איהם הינטערן רוקען אָפּגעטהאן און ער איז איהר געקומען דערפאר אָפּצאָהלען; אבער זיא האט באלד געפאסט מוטה פון אַן אקטריסא און האט איהם פריינדליך בעגעגענט.

— אָ, וואס מאכסט דוא, מיין ענגעל? — האט זיא העל אויסגעשריען — שוין אזוי לאנג ניט געוועז?

— גרויסענע צרות! — האט איהר דער פּריסטאַוו מיט א טרויעריגע מינע געזאָגט.

— אָ, וואס איז מיט דיר מיין ענגעל? — האט איהם דיא דאַמע פּאַלענד אויפ'ן האלדז געפרעגט — וואָס ביזט דוא אזוי ניעדערגעשלאָגען? איך האב דאך עס געשפּאַסט. דוא מיינסט טאַקי ווירקליך, אז דיין ליעבע פּאַאולינא האט גע־מיינט דיך צו בעליידיגען? ווייסט דוא דען ניט, אז איך קען אָהן דיר איין טאָג ניט לעבען? אָ, מיין טהייערער, וואס ביזט דוא אזוי צוטראָגען, אזוי מוטהלאָז? איך שטאַרב אויף דיר א קוק צו טהאן, איך האלט עס גאר ניט אוים!

— איך בין צוליעב דיר מיין טהייערער, הייליגער ענגעל — האט איהר דער פּריסטאַוו טרויעריג געזאָגט — אריינגעפאלען איבער דיא אויערן.

— צוליעב מיר אריינגעפאלען? — האט דיא אקטריסא אויסגעשריען און האט

זיך מיטביידע הענד א כאפּ געטהאן פאר'ן קאָפּ — געוואלד, זאָג מיר ניכער וואס איז געשעהן? יעדע מינוט איז ביי מיר א יאָהר אין גיהנום, אין כף־הקלע.

— זיא האט זיך דאך דערוואוסט פון אונזער ליעבע.

— וו—וו—ווער? — האט דיא אקטריסא מיט א העכסט פערוואונדערטען טאָן איהם געפרעגט און האט איהרע ביידע הענד האסטיג אַרויפגעלייגט אויף איהר הויכען בוזים.

— זיא, מיין בעסטיע, זאל איהר דער טייפעל צונעהמען!

— אָי, וועה געשריען! — האט פּאאולינא צודריקענד מיט איהרע הענד ביידע זייטען פון איהר בוזים א קוויטש געטהאן.

— מילא, דאס איז שוין א זאך וואס איז פערפאלען, — האט דער פּריסטאוו א מאך טהאנדיג מיט'ן האנד איהר געענטפערט — ווילסט דוא מיך מיין טהייערער ענגעל יעצט רעטען פון א שרעקליכען אונגליק?

— אין פייער וועל איך, מיין ליעבער, פאר דיר לויפען! אָ, זאג מיר שוין מיין טהייערער מיט וואס קען איך דיך רעטען.

— אָט, האסט דוא פון מיר א געשאנק! — האט איהר דער פּריסטאוו גע־זאָגט ארויסלייגענדיג אויפ'ן טיש זעקס נייענקע הונדערטער — און דיא טובה זאָלסט דוא מיר באלד טהאן.

— דוא בעליידיגסט מיך מיין ענגעל! — האט פּאאולינא מיט א פאלשע פערדריסליכע מינע געזאגט — וויא הייסט דוא צאָהלסט מיר אָפּ פאר א טובה? נעהמען געלט ווייסט דוא, אז איך לאז מיך ניט בעטען, א פרוי וויא איך בעדארף פיעל האבען, אבער אז דוא מוטהסט מיך אָן צו נעהמען געלט פאר א געפעהלי־קייט בעליידיגסט דוא מיך!

— איך גיעב דיר עס אלס געשאנק פיר אלטע און נייע ליעבע, — האט איהר דער פּריסטאוו ליעבליך געענטפערט — אבער אין דער געפעהליגקייט טאָרסט דוא זיך ניט ענטזאגען.

— איך האב דאך דיר שוין געזאגט, אז איך וועל לויפען פאר דיר, מיין ליעבער, אין פייער אהן אין וואסער.

— אויב אזוי, קום מיט מיר אונטערצושרייבען אויף א וועקסעל מיין ווייבס נאָמען! — האט דער פּריסטאוו איהר ערגרייפענד פאר'ן האנד געזאָגט.

— א פאַדלאָג מיינסט דוא? — האט פּאאולינא געשטאמעלט.

— און ווארום דען ניט? איך וואָלט עס דען פאר דיר ניט געטהאן?

פּאאולינא האט זיך פערטראכט און האט געוואָרפען געהיימע בליקען אויף דיא זעקס רעגנען־בויגען קאָלירטע פּאפּירלאך, וועלכע זיינען געלעגען אויסגעלייגט וויא א שלאָס־מס אויף איהר קליין טישעל.

— איז דאָס אויף א גרויסע סומע? — האט זיא נאך א קורצע פּאווע איהם געפרעגט, שטארק בעטאָנענדיג דעם וואָרט „גרויסע״.

דער פּריסטאוו האט זיך דא אויף עפּעס געשטויסען. ער איז געווען א גע־איבטער חאבארניק און האט פערשטאנען אזעלכע זאכען אויפ'ן וואונק.

— דוא וועסט נאך פון מיר בעקומען מאָרגען א פּרעזענט — האט ער איהר נעענטפערט — וואס דוא האסט נאך קיינמאל אין דיינע אויגען ניט געזעהן.

— דוא בעליידיגסט מיך שוין דעם צווייטען מאָל! — האט פּאאולינא מיט א פּערדריסליכע מינע איהם פאָרגעוואָרפען.

— מאך זיך ניט נאַרריש, — האט דער פּריסטאוו ערוויעדערט — מיינסט דוא טאקי, אז וויל מיר זיינען פערבונדען מיט ליעבע בעדארפסט דוא מיר אזא זאך טהאָן אומזיסט?

ריידענדיג האט ער דיא זעקס הונדערטער פון טיש אראָפּגענומען און האט זיי אריינגעשטעקט צו איהר אין קעשענע.

— געדיינק מיין ענגעל, דוא בעליידיגסט מיך, — האט זיא געזאגט ארויפלייגענדיג א פינגער אויף'ן נאָז. זיא האט באלד אָנגעצויגען איהר אויבערמאנטעל און אנגעטהאן אויף איהר קאָפּ א דריי־שטאָקיגע הוט מיט געדרעהטע פליעגלען און איז מיט איהם אוועקגעגאנגען.

דער פּראָצענטניק איז געזעסען וויא אויף שפּילקעס. חאָטש ער האט געהאט א בעלן וועלכער האט איהם אָנגעבאָטען פינף טויזענד רובל פאר דער סומע, נור פון דעם פּריסטאוו'ס וועגען, לאזט ער אראָפּ גאנצע טויזענד רובל; דאך האט איהם דאס הארץ געשראָקען טאמער קומט ער ניט. אבער פּלוצלינג האט זיך דיא טהיר פון זיין צימער נאך א לייכטען אָנקלאַפּען אויפגעמאכט און דער פּריסטאוו מיט זיין קעבס וויב זיינען אריינגעקומען.

דיא אַקטריסע האט זיך גליך אוועקגעזעצט און האט שווער געאטהעמט, פּונקט וויא זיא וואָלט זיך פערמאטערט אויף דיא טרעפּ ארויפגעהן און דער פּריסטאוו איז צוגעגאנגען און האט ארויפגעלייגט זיין האנד אויף פּישעלס שולטער.

— נו, פּישקא — האט ער צו איהם רוהיג געזאגט — אָט איז מיין וויב, פּטרט מיך וואָס שנעלער אָפּ ווייל דיא געסטע זיצען און ווארטען אויף אונז.

דער פּראָצענטניק האט אין דער קרים געוואָרפען א געהיימען בליק אויף'ן פּריסטאוו'ס וויב, ווייל זיא איז איהם געזעסען אָן א זייט. ער האט ארויסגענומען א בלאנקען וועקסעל פון זיין טיש־קעסטעל און האט פאר'ן פּריסטאוו אוועקגעלייגט.

— נאָט שרייבט אייך אונטער — האט ער צו איהם געזאָגט.

— איך וועל פריהער דעם וועקסעל אויספּיהלען — האט איהם דער פּריסטאוו נאך א קליינעם נאָכדיינקען געזאָגט.

— פּיהלט איהם אייך אויס, — האט איהם דער פּראָצענטניק רוהיג געענטפערט — אבער ער זאל זיין געשריבען אין „מעהרצאהל“ ווייל צוויי פּערזאָנען זיינען אונטערגעשריעבען.

דער פּריסטאוו האט דעם וועקסעל אויסגעפּיהלט און האט אונטערגעשריבען זיין נאָמען.

ער האט איהם דערלאנגט דער אַקטריסא און זיא האט זיך אויף איהם אויך אונטערגעשריעבען.

דער פּראָצענטניק האט דעם וועקסעל לאנגזאם איבערגעלעזען און וויא ער

איז געקומען צום צווייטען אונטערשריפט, „אננא פאוולאָוונא איוואַנאָווא“ האט ער זיך אויף דער דאמע שטארק פערקוקט.

— טא שרייבט־זשע שוין אויך צו „פּאַאולינא נריגאָריעוונא קאָזאקאָווא“! — האט פישעל רוהיג געזאגט — מילא, אז איהר האלט שוין ביים שרייבען, טאָ שרייבט־זשע ווייטער....

דער פריסטאַוו מיט זיין קעבס־ווייב האבען א שטארקען ציטער געטהאן, עס האט זיי אָנגעהויבען צו טרייסלען וויא אין א פיעבער.

— וואס האט איהר זיך אזוי צושראָקען? — האט פישעל ווייטער גערעדט — מאלע וואס עס טרעפט? נור אידען זיינען שווינדלער, נור דיא „זשידעס“ זיינען בעטריגער און איהר זייט אלע פיינע לייטע, איך האב פיינד צו ריידען!

ער האט דעם וועקסעל אריינגעלייגט אין זיין בוזים טאש און האט זיך גע־נומען געהן צו דער טהיר.

— דער וועקסעל זאל מיר באלד זיין צוריק! — האט געלארעמט דער פּריס־טאַוו זיך אוועקשטעלענד געגען פּראָצענטניק מיט צוויי אויפגעדריקטע פויסטען און האט געטופעט מיט דיא פיס, אז ניט בלייבסט דוא באלד ליגען טוידט אויף דער שטעלע, זשידאָווסקאיא מאָרדאַ!

— ער וועט געהן וואו מען דארף! — האט איהם פישעל געלאסען געענט־פערט בעריהרענדיג א קנעפּעל אין דער וואנט — ראבע פאר אידישע בלוט! ראבע פאר אונשולדיגע נפשות וועלכע זיינען דורך דיר, מערדער, אומגעקומען!....

עס האט זיך געהערט א גערויש פון יענער זייט טהיר און דריי הויכע קרעפּ־טיגע מענער זיינען אין צימער אריינגעלאָפען.

— פּאָליציי! — האט פישעל עפענענדיג א פענסטער געשריען און האט געהייסען דיא מענער דעם פּריסטאַוו צוהאלטען.

פּאאולינא איז מיט א שרעקליכען קרעכץ אין אָהנמאכט געפאלען און דער פּריסטאַוו האט זיך געכאפּט אנטלויפען.

— ניין, הערר פּריסטאַוו! — האבען צו איהם דיא מענער געזאגט — איהר וועט פון אונז ניט אנטלויפען; וויא באלד מען וועט אנערקענען, אז מיר האבען אייך אומזיסט בעליידיגט, וועלען מיר אונזער שטראפע מיט פריידען אָננעהמען; אָבער דערווייל זייט איהר אונזער ארעסטאנט....

— זשידעס! — האט דער פּריסטאַוו ארויסכאפּענד א רעוואָלווער געשריען.

אבער דיא זשידעס האבען איהם א נעהם געטהאן פון הינטען פארביידע הענד, ער האט זיך געראנגעלט וויא אן אָקס; אבער ער האט ניט געקענט זיך ארויסרייסען, און מיט צוויי מינוט שפּעטער, זיינען אלע דורך דער פּאָליציי אָפּגע־פיהרט געווארען צו אָפּגעבאבען אין חדר.

34טעס קאפּיטעל.

## דיא מאַרטירער פון דער רוסישער טיראַניי.

מיט א פערוואונדעטעס הערץ האט זיך דער אונגליקליכער אברהם גאָלד־בוים א ווארף געטהאן אויפ'ן טאפּטשאן פון זיין פינסטערע צעלע, ווען ער איז נאכן

צווייטען פערהער צום סלעדאוואטעל, צוריק אין דער שווארצער קארעטע אפגע-פיהרט געווארען אין אסטראג. ער האט אין דער האלבער שטונדע פאהרענדיג, זיך בערעכענט אין וואס פאר אן אונגליק דער מארטירער וואסילי פעטראוו האט זיך אליין געווארפען מיט דעם וואס ער האט פאר דעם פאלשען סטעפאנאוו אויסגעזאגט פיעלע פון זיינע געהיימניסע. ער האט געדענקט, אז ער וועט יעצט איהם קענען ווארנען אום ער זאל חאטש ווייטער עפעס ניט אויספלוידערן און דערמיט פעראונגליקען א גרויסע צאהל פון זיינע קאמעראדען; אבער צו זיין גרעס-טען בעדויערען האט מען איהם שוין מעהר אין דערזעלבער צעלע צו פעטראוו'ן ניט אריינגעזעצט. ער האט אויך ניט געזעהן מעהר גרינבערג'ן און האט זיך גע-פונען גאר צווישען אנדערע דריי ארעסטאנטען, וועלכע זיינען געזעסען און גערעדט וועגען פערשיעדענע מערדער און מארדטהאטען, אז א שוידער איז איהם אריבער איבער דיא ביינער.

— אונגליקליכער פעטראוו! — האט ער זיך געקלערט — דיא טיראנען וועלען שוין יעצט פון דיר אלע דיינע געהיימניסע אויסזויגען און וועלען דיך נאכהער פיהרען צום גאלגאן!

ער איז אונבעוועגליך געלעגען אויפ'ן הארטען טאפטשאן און אלטע, פער-געסענע עראינערונגען האבען זיך פלוצלינג אין שווארצע בילדער פאר זיינע אויגען פארגעשטעלט. ער האט זיך דערמאהנט אן זיין אמאליגען שטילען און רוהיגען לעבען צווישען זיינע ברידער אין ווילנא און דאס ביל̈ד פון א דריי יעהריגען שעהנעם אינגעלע האט זיך פאר איהם פלוצלינג וואהר לעבעדיג פארגעשטעלט. ער האט איהם דייטליך געזעהן מיט זיין הויבען ווינקעלדיגען שטערענדעל, מיט זיינע שווארצע פייעריג אויגעלאך, מיט זיין רונדע צורה'קעלע און מיט זיין קליין געטאקטע מיילבעלע און איהם האט זיך אויסגעדוכט, אז ער הערט זיין קלינגענדע שטימע: „פאפא, וואו ביסט דוא דא?!"

גאלדבוים האט זיך א צאפעל געטהאן און האט געווארפען ווילדע בליקען אויף דיא שווארצע וועגט פון זיין קערקער, פונקט וויא ער וואלט געזוכט דאס קינד דא אין אסטראג.

— אי! — האט זיך א שרעקליכער זיפץ פון זיין ברוסט ארויסגעריסען און ער האט איינגענארעט זיין געזיכט אין פערפוילטען ווערימדיגען שטרוי-זעקעל.

— דוא ביסט ניטא מיין קינד, — האט ער אהן א שטימע געברומט — מען האט דיך פון מיר אוועקגעשטויכען און צוליעב דיר בין איך אין דעם גרויסען לויבענגרוב — מאסקווא אריינגעפאלען.

וועה מיר! ווארום בין איך דא פערבליבען צווישען ווילדע טהיערע, צווישען טיגערען און שלאנגען, וואו דיא לופט איז פערפעסטעט מיט מענשען-האס און ניעדערטרעכטיגקייט? וואו בלוטדורשטיגע וועלף שלעפען אונשולדיגע שעפעלאך אין אלע גאסען און קיינער דערגעהט ניט זייער קריוודע, קיינעם הארט עס ניט און קיינעם טשעפעט עס ניט!

ווארום האב איך באלד דיא ווילדע קאצאפען־שטאדט ניט פערלאזען און זיך צוריקגעקעהרט צו מיינע ארעמע ברידער, וואו עהרליכקייט, גערעכטיגקייט, בארעמהערציגקייט און טוגענד געהען האנד אין האנד געשלאָסען?

פאר ווענען האב איך דא אויפגעהאָדעוועט קינדער? פאר ווענען האב איך דאָ אזוי געהאָרעוועט?

וואו זיינען יעצט מיינע ליעבע, זיסע, גוטע און עהרליכע קינדער?! צוויי זיינען אין סיביר און פאר וואס? פאר א ווארט, פאר א געדאנק און פאר לעזען עפעס א ביכעל! — און צוויי זיצען נעבאך אין א פערשטיקטע קעמערל אויף „זאראדיע" און בעוויינען מיט זייער אונגליקליכער מוטער זייער שוועסטער און ברודער מיט זייער פאטער!

מיט וואס האבען מיר פערזינדיגט? אין וואס בעשטעהט אונזער פערברע־כען? א גאָט, דוא ווייסט דיא ריינע וואהרהייט!

אָ, וואו זיינען אמאליגע גוטע און רוהיגע יאהרען צווישען מיינע ברידער? וואו זיינען דיא שעהנע ערהאבענע שבתים, וועלכע מיר האבען פערבראכט אין דיא אידישע עהרליכע קווארטאלען, וואו עס איז ניט צו זעהן איין בעטרונקענעם, ניט צו הערען קיין הויך קול פון א בעליידיגטע פרוי, אדער א פערפאָלגטען פון רויבער אינ'ם מיטען העלען טאָג! וואו זיינען אמאָליגע רוהיגע און מאָראל־פאָלע ימים־טובים, וועלכע מיר האבען דורכגעלעבט אין עהרליכקייט, אין וואהלטהאטיגקייט, אין ליעבע און אין פריעדען? צו האב איך עס שוין צוואנציג יאהר אנגעזעהן אין דער פערפלוכטער קאצאפען־שטאדט? וויא ווערט דא אפגעריכט א קאצאפישער שבת אדער יום־טוב, אז ניט אין שכרות, אין גנבות, גזלות און מארד־טהאטען?—און מיר טויגען ניט! מיר זיינען מערדער, רויבער און בלוט־זויגער!

נאלדבוים האט זיך בעוואשען מיט הייסע טרעהרען און ער האט אנגעהויבען שטארק צו כליפען.

— מאלטשאט סאבאקא! — האט איינער פון דיא ארעסטאנטען א געשריי געטהאן — וואו מען גיט זיך א קעהר זיינען דיא זשידעס!

נאָלדבוים האט זיך געמעכטיגט שטיל צו ווערען; אבער ער האט געגען זיין ווילען געוויינט. זיינע שווערע ליידען האבען געכליפעט.

— לאז איהם צורוה דעם הונד, — האט זיך איין ארעסטאנט אפגערופען — ער זיצט דא מיט אונז דער זשיד, ווייל ער האט געווים דערהרגעט א פליי און ער האט נעבאך חרטה....

און איך וועל איהם באלד וויא א פליי צוקנאקען, — האט זיך דער ערשטער ארעסטאנט אָפגערופען — סיי־וויא־סיי אויף קאטערגא, זאל שוין זיין נאך א זשיד.

נאלדבוים האט זיך צוגעדריקט צום וואנט און האט מיט ביידע הענד צוגעדריקט זיין מויל אום זיין כליפען זאל זיך ניט הערען.

— לאמיר בעסער ביי איהם נעהמען ביער געלד און איהם צונעהמען אין חברה! — האט זיך אפגערופען דער דריטער ארעסטאנט — עה, זשיד! וויז נאר עפעס אהער א פאָר קערבלאך!

דער ארעסטאנט האט זיך אויפגעהויבען און איז צו גאָלדבוימען צוגעגאנגען.

— איך וואלט עס געווים געטהאָן, — האט גאָלדבוים צושראָקען געענט־פערט — ווייסט איהר אבער ניט, אונגליקליכער, אז ביי ארעסטאנטען נעהמט מען צו אלעם וואס זיי האבען?

— דוא ביזט א חיטרער זשיד! — האט דער ארעסטאנט געזאגט — דוא האסט אין וועמען צו געראָטען זיין; אבער אונז ברודערקע וועסט דוא ניט אפנאַ־רען, מיר זיינען ניט אזוי קלוג וויא דיא זשידעס, דאך האבען מיר געלד זיצענדיג דאָ אין צעלע. וויז נאָר אהער עטליכע קערבלאך!

ער האט גאָלדבוימען אנגענומען פאר'ן האנד און האט איהם א טרייסעל געטהאָן.

— גלויבט מיר זיכער, אז איך האב ניט איין קאָפּיקע! — האט גאלדבוים מיט א פלעהענדע שטימע געזאגט — מעגליך, אז איך בין קלוג; אבער איך זיין צום ערשטען מאל אין אסטראָג און איך האב ניט געוואוסט וויא מען קען עטליכע רובעל אריינגנבענען.

— לאָז איהם צורוה דעם זשיד! — האט דער פריהערדיגער ארעסטאנט צו זיין קאָמעראד געזאגט — זעהסט דוא ניט, אז ער איז עפּעס א קאליקע צום טייפעל? איך פערשטעה ווירקליך ניט, וואָרום זעצט מען איין אזעלכע קאליקעס אין אסטראָג?

— מיר איז דאס טאקי אינטערעסאנט צו וויסען! — האט זיך זיין קאָמעראד אפגערופען — עה זשיד, זאג מיר נאר וואָרום האט מען דיך דא איינגעזעצט?

— צוליעב א פאלשען קופּאָן — האט גאלדבוים געענטפערט, וועלענדיג פון איהם זיך בעפרייען.

— אָ, ברודערקע, ביזט דא דאך עפּעס א גאנצער מאכער! — האט דער ארעסטאנט געזאגט — וויז נאר אהער עטליכע קופּאָנטשיקעס!

— לאָזט מיך צופריעדען! — האט זיך גאָלדבוים ביי איהם געבעטען — איך האב דאך אייך שוין געזאגט, אז איך זיץ צום ערשטען מאל אין אסטראָג.

— א מאכער פון פאלשע קופּאָנען — האט דער ארעסטאנט ווייטער גערעדט א נעהמטהאנדיג גאָלדבוימען וויא א צוויי יעהריגען קינד אין דער לופּטען, וויים געווים וויא געלט אין'ם אסטראָג אריינצושמוגלען! אהער דיא מטביע!

— געוואלד רעטעט! — האט דער אונגליקליכער ניט מיט זיין שטימע אויס־געשריען.

— לאָז איהם קודריאווצין צורוה! — האט זיין קאָמעראד לאָכענד צו איהם געזאגט — דוא זעהסט דאך מיט וועמען דוא האסט דאָ צוטהאָן!

— ווען ער זאל אפילו פיינקען — האט קודריאווצין געשריען — מוז ער אונז באלד עטליכע קופּאָנטשיקעס אוועקלייגען! א האלבער רובעל א גלעזעל שנאפּס אין ניט קיין קלייניגקייט! איך האב אפילו ניט מיט וואס דיא ליפּען צו בעלעקען.

ער האט גאָלדבוימען אוועקגעלייגט אויפ'ן באָדען און האט זיך גענומען צו זוכען ביי איהם קופּאָנען.

— קאראאול! קאראאול! — האט דער אונגליקליכער מיט אלע קרעפטען געשריען.

אין דער אייזערנער טהיר האט זיך געעפענט א טהירעלע און א שווארצ־האריגער קאפ האט אין צעלע אריינגעשריען:

— רוהיג פערפלוכטע הינד!

— דער זשיד מאכט דא גרויסע סקאנדאלען! — האט קודריאווצין געשריען. ער וויל מיך דערווערגען.... און דערווײלע האט ער גאלדבוימען געשטיקט פאר'ן האלדז.

זיינע קאמעראדען האבען זיך צולאכט.

— רעטעט! — האט דער אונגליקליכער מיט א פערשטיקטע שטימע קוים אויסגערעדט.

— עה, זשיד! — האט דער קאפ דורכ'ן טהירעל געשריען — מיין ניט אז דוא ביזט אויף זאראדיע!

גאלדבוים האט ניט געקענט ענטפערן, ער האט זיך נור קראמפפענהאפטיג געווארפען מיט די פיס.

דער ארעסטאנט, וועלכער האט געהייסען גאלדבוימען צורוה לאזען איז צו קודריאווצינען צוגעגאנגען און האט איהם שטיל געזאגט:

— לאז דעם זשיד אפ, מיר קענען דא פאר אזא מעשה ניט גוט אפשניידען.

— ניט ערגער אלס קאטערגא, — האט קודריאווצין געענטפערט ניט אראפ־נעהמענדיג זיין לאפע פון גאלדבוימס האלדז.

דער ארעסטאנט האט קודריאווצינען אן א זייט אפגעשטויסען.

— איך ווייס שוין פון לאנג, אז דוא ביזט א זשידען־פריינד, — האט קוד־ריאווצין פערדריסליך געזאגט.

— איך בין א פריינד צו זיך אליין און צו מיינע קאמעראדען! — האט דער ארעסטאנט געענטפערט — און מיר קענען דאדורך פערלירען א געלעגענהייט צו אנטלויפען.

גאלדבוים האט שווער אויפגעאטהעמט און האט זיך מעהר פון'ם באדען ניט געקענט אויפהויבען.

— אביסעל וואסער! — האט ער שוואך ארויסגערעדט אננעהמענדיג זיין פערטהיידיגער פאר'ן האנד.

— זעהסט דוא אז ער איז שוין האלב טויטט! — האט ער קודריאווצינען געזאגט — דוא ביזט א טויגעניכטס.

ער האט דערלאנגט גאלדבוימען אביסעל וואסער.

— זיי ניט קיין נארר און הייב זיך אויף! — האט ער צו דעם אונגליקליכען געזאגט — ער האט דאך עס נור געשפאסט.

דער דריטער ארעסטאנט איז צו גאלדבוימען צוגעגאנגען און האט איהם בעקוקט.

— א שעהנער שפאס! — האט ער מיט א טייפעלישען שמייכעל געזאגט — זיינע אלע פינף פינגער זיינען בלוי אויסגעמאלט אויף זיין האלדז.

זיי האבען דעם אונגליקליכען ארויפגעלייגט אויף טאפטשאן און ער איז אביסעל צו זיך געקומען.

— — — — — — — — — — — — — — —

וועהרענד אין דיעזער צעלע האט זיך אפגעשפיעלט דיא טראגעדיע, איז אין אן אנדער צעלע נאך עטוואס הערצרייסענדערעס פארגעקומען: איין ארעסטאנט איז געווען צוגעשמידט מיט דיא קניע צו א דיקע ברעט און לעבען איהם איז געשטאנען א הויכער שלאנקער פערזאן מיט גרויע האר אין קאפ, געקליידעט אין א גענעראלסקען מונדיר און האט איהם געקוקט גלייך אין דיא אויגען.

— ווערסט דוא ניט זאגען ווער דיינע קאמעראדען זיינען אין אירקוטסק און אין פעטערבורג? האט דער מאן געפרעגט.

דער ארעסטאנט האט ניט געענטפערט.

— איך קען דיר דיין שטראפע פערלייכטערן, — האט צו איהם דער מאן געזאגט — מיר זיינען ניט קיין מערדער, אבער זאג ווער האט דיך נאך פעטערבורג געשיקט און ווער זיינען דיינע קאמעראדען אין מאסקווא?

— אומזיסט, גענעראל אייערע רייד! — האט איהם דער ארעסטאנט רוהיג געענטפערט — מעהר אלס אייער פערפלוכטע שפיאנין איז פון מיר דערגאנגען, וועט איהר ניט דערגעהן.

— דוא ווערסט חרטה האבען פעטראוו! — האט דער מאן ארויפלייגענד דעם פינגער אויף דער נאז שטרענג געזאגט.

— ערגער וויא שטארבען גיט עס ניט.

— און דוא ווערסט באלד זעהן ערגערעס, — האט דער גענעראל קאלט געענטפערט.

— הייב נור דארט אביסעל אונטער דיא ברעט! — האט דער גענעראל א געשריי געטהאן.

דיא ברעט האט זיך ביסלאך־ווייז פון דער זייט פון געשמידטענס געזיכט אויפגעהויבען. דער ארעסטאנט האט זיך געוואלט אנהאפען אן איהרע ביידע זייטען אום זיין קערפער זאל ניט בלייבען הייגגען אין דער העלפט; אבער ער האט פון גענעראל געקריגען א שמיץ איבער דיא הענד. דיא ברעט האט זיך גלייך אויפגעשטעלט און זיין קערפער איז געבליבען אין דער לופטען, אנגעהאנגען אן ביידע געשמידטע קניע, וועלכע זיינען באלד פערלאפען מיט בלוט.

— ווער איז דיא געהיימע געזעלשאפט אין אירקוטסק? — האט געפרעגט רוהיג דער גענעראל זיך אוועקשטעלענד נעגען דעם מארטירערס קאפ, וועלכער איז געווען פערוואָרפען אויף הינטען פון זיין הייגגענדען קערפער.

— א גרויסע קראפט, וועלכע וועט פערניכטען ראמאנאוום געזינדעל מיט איהרע אלע הינד! — האט דער קאפ מיט אלע קרעפטען געענטפערט.

דער גענעראַל האָט זיך אַ צאַפּעל געטהאָן און האָט געקריטשעט מיט דיא ציינער.

— איך וועל דיר אַזוי לאָזען שטאַרבען! — האָט ער וויטהענד אויסגעשריען צו דעם קאָפּ, וועלכער איז פון מאָמענט צו מאָמענט געוואָרען רויטער און רויטער.

— איך — — — דאַנ — — קע! — האָט זיך פון פּעטראָוו׳ס מויל געהערט אַ שוואַכע שטימע.

— ווער איז דיא געהיימע געזעלשאַפט אין אירקוטסק? — האָט דער גענע־ראַל ווייטער געפרעגט.

— אַ קראַ — אַפּט.... צו אויס — ראָ — — טען אַל — — ע בעסט — — יעס! האָט דער קאָפּ שטיל געשעפּטשעט.

— ווער איז דער צענטראַל קאָמיטע אין פּעטערבורג?

— העלדען! פריי — — הייטס קעמפּ — — קעמפּפער....

מעהר האָט דער אונגליקליכער ניט געקענט ענטפערן. זיין געזיכט איז גע־וואָרען דונקעל רויטה, דיא פערגלאָצטע אויגען פערגאָסען ווייא מיט געדיכטען טינט און פון דיא נאָז־לעכער האָט אָנגעהויבען צו שפּריצען בלוט.

— גענוג! — האָט דער גענעראַל אַ געשריי געטהאָן און דיא ברעט האָט זיך צוריק אַראָפּגעלאָזען.

עס זיינען באַלד אַריינגעלאָפען צוויי מענשען. דיא קייט פון מאַרטירערס קניע איז פלינק אָפּגעשפּילעט געוואָרען און זיי האָבען דעם אונגליקליכען פון צעלע אַרויסגעטראָגען.

— — — — — — — — — — —

אין אַ דריטע צעלע וויעדער, שוין זעהר אַ ליכטיגע מיט דריי פענסטער צום הויף פון אָסטראָג איז געלעגען אַ האַלב נאַקעטער קערפּער געשמידט צו אַ לאַנגע באַנק מיט׳ן געזיכט צום באָדען, פון ביידע זייטען זיינען געשטאַנען צוויי סאָלדאַטען מיט לאַנגע בינדלאַך ריטער אין דיא הענד. אויף אַ שטוהל לעבען דעם געשמיד־טענס קאָפּ איז געזעסען אַ דיקער פערזאָן מיט אַ ברייטע צורה און מיט אַ רויטע נאָז.

— וואו איז אָסיפּ זאַבאַרין? — האָט ער געפרעגט דעם מאַרטירער און זיינע גרינע, טיפזיצענדע פייערינע אויגען האָבען געשאָטען פונקען.

— איך ווייס ניט, — האָט דער מאַרטירער געענטפערט.

— ניין, דוא ווייסט יאָ! — האָט דער דיקער באַנדיט געשריען — זאָג, וואו איז אָסיפּ זאַבאַרין!

דער מאַרטירער האָט ניט געענטפערט.

— צעהן מאָל פון ביידע זייטען! — האָט דער דיקער צו דיא סאָלדאַטען אַ געשריי געטהאָן.

דיא סאָלדאַטען האָבען מיט אַלע קרעפטען געשמיסען מיט דיא לאַנגע טער דעם מאַרטירער פון ביידע זייטען רוקען און דיקער האָט געצעהלט.

דאס געזיכט פון ארעסטאנט איז געוואָרען געל און זיין לייב האט בעקומען דונקעל בלויע קוויטען פערלאָפענע מיט בלוט.

— צו וועמען האסט דוא געטראָגען זאכארינ'ס בריעף? — האט דער דיקער שטרענג געפרעגט.

— צו וועמען ער האט געהייסען! — האט דער מארטירער געענטפערט.

— צו וועמען האט ער געהייסען? — האט דער באנדיט צאָרניג געפרעגט. דער מאַרטירער האט ניט געענטפערט.

— זאָג, גרינבערג, צו וועמען האסט דוא געטראָגען זאכארינס בריעף? — האט דער דיקער זיך אוועקשטעלענד געשריען — דוא וועסט פיעל בעסער מאכען.

— קיין בעסערעס פערלאנג איך ניט! — האט דער אונגליקליכער שוואך געענטפערט — ניטא פון שלאָגען וואס צו ערווארטען.

— מיר וועלען דיך אין גאנצען פריי־שפּרעכען! — האט דער דיקער מאן מיט אן ערווייכטע שטימע געזאָגט — אבער זאג מיר צו וועמען האסט דוא זאכארינס בריעף געטראָגען?

— מאכט אייך ניט נארריש — האט איהם גר נבערג גאנץ רוהיג געענטפערט

— מיינט ניט, אז איהר האט דא געטראָפען א אינגעלע, איהר וועט אויף אזא ארט איין וואָרט פון מיר ניט דערגעהן.

— איך הייס דיך באנדיט פערשמייסען ביז צום טוידט!

— דעסטאָ בעסער! — האט גרינבערג געענטפערט.

— צעהן מאָל פוןביידע זייטען! — האט דער דיקער ווידער א געשריי געטהאן.

דיא סאָלדאטען האבען געשמיסען, דער דיקער האט געצעהלט איינס, צווי, דריי. גרינבערג האט אויך געצעהלט; אבער גאנץ אנדערש, ער האט אָנגעהויבען פון „אל מלך נאמן"; דער „שמע ישראל" האט זיך נאך פון זיין מויל ארויסגעלאָזען גאנץ זאכט, פונקט וויא ער וואָלט שטעהן און דאווגען אין שוהל; אָבער דעם „אחד" האט ער שוין מעהר ניט געקענט ארויסריידען און איז געבליעבען ליעגען אונבעוועגליך.

— גענוג! — האט דער באנדיט אויסגעשריען — און מען האט באלד פון צעלע א פערבלוטיגטען קערפער ארויסגעטראָגען.

— — — — — — — — — — —

דריי קראנקע און אלע געפעהרליכע זיינען אין יענעם טאג אריינגעבראכט געוואָרען אין האספיטאל פון אָסטראָג אין דריי קליינע צימערלאך איינער לעבען אנדערן; א דאָקטאר האט זיי אונטערזוכט און האט אנגעשטעלט א פעלשערין זיי צו בעדיענען און זיי איינגעבען דיא פערשריעבענע מעדיצין און אליין האט ער זיי ביז אויף מארגען ניט בעזוכט. זיי זיינען דיא גאנצע נאכט געלעגען אין שרעקליכען פיבער און דיא פעלשערין האט זיי וויא א מוטער צערטליך און טריי בעהאנדעלט זיא האט מיט קיין אויג ניט צוגעטהאן ביז אם מאָרגען און איז פון איין צימער אין דעם צווייטען ארומגעלאָפען און געלייגט צו זייערע קעפּ קאלטע וואסער און האט

איינגעריבען זייערע קערפערס מיט דיא פעראָרדענטע זאלבען. דאס וואר א יונגעס שעהן מעדכען פון הויכען שלאנקען וואוקס מיט א מילדעס געזיכט און מיט א פּאָר בלויע אויגען, וועלכע האבען אימער אויסגעדריקט ליעבע, פריינדשאפט און גוטהערציגקייט. דיא קראנקע וועלכע זיינען אונטער איהר בעאָבאכטונג פעראָרדענט געוואָרען, פלעגען זיך פיהלען גליקליך און האבען איהר בעטראכט אלס אן ענגעל גאָטעס אין דער העלע. פיעלע פון דיא וועכטער האבען איהר געהאסט פאר איהר גוטהערציגקייט און טרייהייט צו דיא קראנקע. זיי האבען איינינע מאל זיך גערופט איהר צו פערליימדען ביי דיא נאָטשאלסטוואָ אז זיא איז צופיעל ליבעראל, צופיעל גוטהערציג און ווייך; אבער זיא האט געשטאמט פון א גאנץ הויכע אריסטאָקראטישע פאמיליע, און אלס פעלשערין אין האָספיטאל פון אסטראָג, האט איהר רעקאָמענדירט גענעראל וולאדימיר סאָבאקאָוו אליין, ער איז מיט איהר בעקאנט געווארען ביי דעם יונגען דאָקטאר פעטער וואסיליעוו, וועהרענד ער איז געלעגען מיט א יאהר צוריק אין זיין פריוואַט האספיטאל נאכדעם וויא ער האט פון זיין לייבביידע קוגלען ארויסגעקריגען. — דיא יונגע פעלשערין האט איהם דאמאלס טריי און צערטליך בעהאנדעלט, און אויף דער ביטע פון איהרען אָן אָנקעל א פּאָלקאָווניק, האט דער גענעראל סאָבאקאָוו איהר געגעבען דיעזע שטעלע אלס פעלשערין אין האספיטאל.

— וויערא אלעקסאנדראָווא איז א זעלטען גוט מיידעל! — האט סאָבאקאָוו איינמאל געענטפערט דעם סמאָטריטעל פון אסטראָג, ווען ער האט אויף איהר אויפגעבראכט א רכילות אז זיא בעדיענט צו טריי דיא קראנקע ארעסטאנטען — זיא האט איינפאך מיר ביי מיין לעבען דערהאלטען מיט איהר גוטהערציגקייט און טרייהייט אין מיין געפעהרליכען צושטאנד.

— אבער זיא איז צו גוט און ווייך — האט דער סמאָטריטעל געזאָגט.

— דעסטא בעסער — האט סאבאקאָוו געענטפערט — זאלען דיא קראנקע גיכער געזונד ווערען אום מיר זאלען קענען פון זיי וואס ג׳כער עפּעס דערגעהן!

וויערא אלעקסאנדראווא פלעגט פיר אלע נאטשאלניקעס אין דיא אויגען ארויסווייזען איהר טרייהייט און פריינדשאפט צו דיא קראנקע ארעסטאנטען; אָבער דאס איז פון זייער זייטע בעטראכטעט געוואָרען פאר אן אונשולדיגע אָפענהערציגקייט פון א תם׳עוואטע, נאאיווע און עהרליך מיידעל און דאס האט אויף איהר קיין פערדאכט ניט ארויפגעצויגען זאָגאר פון דעם רויהען, הארטהערציגען און שלויהען סמאָטריטעל מיט זיינע וועכטער. זיי האבען איהר גוט דיא ערשטע צייט נאכגעשפּיערט און זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, אז דיעזע גוטע און בארמהערציגע מיידעל טהוט קיין מאל קיין זיפץ ניט, ווען זיא זעהט זאגאר א געשטאָרבענעם מארטירער דורך זייער געהיימער אינקוויזיציאן.... און דאס וואס זיא איז אזוי גוטמיטהיג און בארעמהערציג, איז שוין גלאט ביי איהר אזא נאטור!

וויערא אלעקסאנדראָווא איז געווען אויסער א גוטע, אויך א קלוג מיידעל און האט געוואוסט וויא איהר ראָלע צו שפּיעלען!

אום צעהן אוהר מארגענס איז געקומען דער דאקטאר און האט דורכגעלאָ־

פען מיט דיא אויגען דעם געשריבענעם ראפּארט פון דער יונגער פעלשערין.

— וואסילי פּעטראָוו פערצינ גראד היץ? — האט ער איהר געפרעגט.

— נאך מיט דריי צעהנטעל — האט וויערא געענטפערט און האט איהם אנגעוויזען דעם ציפער אויפ'ן ראפּארט.

— און וויא איז ביי איהם דיא טעמפּעראטור יעצט?

— אויף א גאנצען גראד געפאלען.

— געברויכט דיא זעלבע מיטלען, — האט ער צו איהר געזאגט — איך האב קיין צייט איהם צו בעזוכען.

— און יענער, דער גרינבערג, — האט איהם וויערא אויפמערקזאם געמאכט — איז אין גאנצען צרוואונדעט.

— כאפּט זיי אלע דער טייפעל! — האט דער דאָקטאר א מאך טהאנדיג מיט'ן האנד געזאגט — איין מינוט רוה האט מען ניט פון זיי.

— זאל איך איהם-מיט דעם זעלבען זאלב שמירען, אדער איהר וועט זיך העררר דאָקטאר בעמיהען אויף א ווייל דיא וואונדען צו בעקוקען? — האט איהם דיא מיידעל מיט א תמ'עוואטע מינע געפרעגט.

— אלעס, אלעס דאס זעלבע! — האט דער דאָקטאר בעפוילען און האט געוואלט פון'ם צימער ארויסלויפען.

— און וואס מאכט מען מיט דעם גאָלדבוימען? — האט איהם וויערא נאכ-לויפענד געפרעגט — ער האט א שטארקען הארצ=קלאַפּען, אז מען הערט איבער'ן גאנצען צימער און זיין פּולס שלאָגט דריי און ניינציג?

— קאלטע קאָמפּרעסען צום ברוסט! — האט דער דאָקטאר איילענד ארויס=גערעדט און איז גלייך פערשוואונדען געוואָרען.

— געבילדעטער טיראן! — האט דאס מעדכען צווישען דיא צייהנער געברומט און א פּאָר גלענצענדע טרעהרען האבען זיך פון איהרע הימעל-בלויע אויגען ארויס-געוועלצט, וועלכע זיא האט פון איהרע ראָזען-פארבינע באקען שנעל אפּגעווישט — דרעסירטער אונמענש, וואו נעהמט מען אזוי פיעל פייכטינקייטען אין מויל אום דיין מערדערישע געזיכט צו בעשפּייען? דוא געהסט שפּיעלען אין קאָרטען און אונשול=דיגע מענשען-אָפּפער ליעגען און פּאָבען מיט דער נשמה? אָ, ווען וועלען שוין אמאָל קומען יענע גוטע און גליקליכע צייטען וועלכע מיר ערוואַרטען?

דאס מעדכען האט זיך אומגעקוקט אויף דיא ווענט, זיא האט זיי גוט בע=בעטראכט פונקט וויא זיא וואָלט מורא געהאט צו דערזעהן זיא ניט אין זיי עפּעס א פּאָר אויגען אדער אויערן, און זיא איז באלד פון'ם צימער ארויסגעגאנגען.

— וויא פיהלט איהר אייך, העררר פּעטראָוו? — האט זיא דעם אונגליקליכען געפרעגט איהם אננעהמענד פאַר'ן פּולס — מיר שיינט, אז אייך איז פיעל בעסער?

— דיא קניע — האט דער מארטירער שוואך ארויסגערעדט.

— עס דריקט אייך געוויס דער באנדאזש? — האט איהם דיא מיידעל מיט א בארמהערצינע שטימע געפרעגט.

— עס דריקען אמאליגע עראינערונגען — האט דער קראנקער שוואך ערוויע־דערט — עס דריקען היינטיגע, עס דריקט דאס לעבען.

— האָפט! — האט דאס מעדכען מיט א זאָנדערבארע שטימע געזאָגט און האט זיך הין און צוריק ארומגעקוקט — עס לעבען אייערע פריינדע, עס לעבען אייערע קאָמעראַדען.

פעטראוו האט אויף איהר מיט א פערוואונדערטע מינע א קוק געטהאן און א שטארקער זיפץ ניט נאך זיינע קרעפטען האט זיך פון זיין הערץ ארויסגעריסען.

— האָפט הייליגער מארטירער! — האט וויערא שטיל געזאגט און האט געשיינקט דעם קראנקען א הייסען קוש אין שטערען, וועלכער האט באלד בעקומען א צייכען — האָפט, איהר וועט לעבען און זעהן.

א שוויס האט זיך באלד נאך דיעזען קוש ארויסגעגאסען אויפ'ן גאנצען לייב פון דעם מארטירער; זיין אויפגעפלאמטעס געזיכט איז פון מינוט צו מינוט געוואָרען נאסער און נאסער און זיינע האלב פערגלעזערטע אויגען — פרייהער און פרייהער.

וויערא האט מיט א ווייסע טיכעל זיין געזיכט אלע ווילע אפגעווישט און האט בענעצט זיינע טרוקענע ליפען מיט וויין.

— איך דאנקע! — האט דער קראנקער מיט א דאנקבארען בליק שוואך ארויסגערעדט.

— דאנקט מיר ניט! — האט דאס מעדכען מיט א שטילע זאנפטע און ריהרענדע שטימע געזאגט און האט איהם פארן פולס ערגריפען — מיר קומט קיין דאנק דערפאר, וויא אייך האט ניט געקומט אייער שטראפע.

— ענגעל אין דער העלע — האט דער קראנקער געשעפטשעט און זיינע אויגען זיינען פייכט געוואָרען.

— שטיל!! — האט דאס מעדכען איהם א דריקטהאנדיג פארן האנד געזאגט.

פעטראוו האט א מאך געטהאָן מיט דיא אויגען וועלענדיג דאמיט אויסדריקען אז ער פערשטעהט.

— אדיע פ ע ט ר אָ ו ו, אויף וויעדערזעהן! און דאס מעדכען איז באלד ארויסגאנגען.

35טעס קאפיטעל.

## פון איין צרה האַלב אַרויס אין דער צווייטער האַלב אַריין.

ליעבע אָדער סיביר? — דאס איז פאָרגעשטאנען ליזא אנדריאנאווא'ן ווען דאקטאָר פעליקס סאבאקאָוו האט איהר קאבינעט פערלאָזען. זיא האט פערבראכט פיעלע שטונדען אין שרעקליכע ליידען און האט עס פאר איהר מוטער און ברודער ניט פאָרגעבראכט; נור אויף מאָרגען, ווען זיא איז אביסעל צו זיך געקומען, איז זיא מונטער ארונטערגעגאנגען צו איהר מוטער אין קאבינעט וואו זיא האט גע־טראָפען אויך איהר ברודער און האט זיך לעבען זיי אוועקגעזעצט.

זיי האבען זיך א לאנגע ווילע שטום אנגעקוקט און זייערע אויגען האבען גערעדט שרעקליכעס.

— מוטער און ברודער, — האט זיך ענדליך ליזא אפגערופען — אונזער לאנגע

וויא איהר ווייסט, איז א טרויערינע. וואסילי פעטראָוו זיצט אין פינסטערן קערקער און מיר האבען זיך פאר א ניעדערטרעכטיגען שפּיאָן אויסגעגעבען, גענוג איז פאר דיא באנדיטען צו וויסען, אז מיר האבען איהם מיט אונגעדולד ערווארטעט און מיר האבען געוואוסט ווענען וועלכען ציעל ער פאהרט פון אירקוסטק נאך פעטערס-בורג.... פערהיטען דאס אונגליק קענען מיר ניט. מיר וויסען בעשטימט, אז מיר שטעהען אויפ'ן שוועל פון אונגליק און מענליך, אז אָט אָט קומט ער.... זאגט מיר, מיינע ליעבע, וואס פערבלייבט ביי אונז צו טהאן?

— איך האב אייך אימער, מיינע קינדער געראטהען זיך צו האלטען ווייט פון דער ניהילעסטישער בעוועגונג, — האט דיא מוטער בעטריבט געזאגט — יעצט האלטען מיר שוין גאנץ ווייט. דאס איז שוין ניש-קשה'דיג פערקראָכען, אזש אין דעם וויטען סיביר!

— יונגע מענשען זאלען אין בארבארען-לאנד זיך האלטען ווייט פון ניהי-ליזמוס! — האט פאוועל געברומט — און ווער איז אין רוסלאנד ניט קיין ניהיליסט, אויב ער האט נור גענאָסען עפּעס בילדונג און פערשטעהט דיא לאגע פון אונזער ארעמען פאָלק!

איך וויים מוטער וויא עהרליך, וויא עדעל און אנשטענדיג דוא ביסט, זאג מיר דיא ריינע וואהרהייט צו דוא אליין ביסט ניט נ י ה י ל י ס ט י ש געזאָנען? ביי מיר איז קיין צווייפעל, אז דוא ווענסט פו דיין מונד קיין ליגען ניט ארויסלאזען און איך וויל עס פון דיר הערען.

מאריא האט א זיפץ געטהאן.

— אלע פערנינפטיגע מענשען, — האט פאוועל פאָרטגעזעצט — מוזען זיין ניהיליסטען ביי אזא פיהרונג אין לאנד! דיא טיראַנייע פון דער בלוטיגער רעגיערונג האט ערדריקט דיא לעצטע שטופע פון לומפעריי און ניעדערטרעכטיגקייט; אבער עס גיעבען מענשען ד י י נ ק ע ר און עס גיעבען קעמפּפער. דיא ע ל ט ע ר ע, וועלכע פיהלען זיך שוואך — ד י י נ ק ע ן און דיא א י נ ג ע ר ע ביי וועלכע דיא געפיהלע זיינען הייסער, דיא קרעפטען זיינען יונג און ש ט א ר ק ע ר דיעזע ק ע מ פ פ ע ן.

— האט פאוועל ניט ריכטיג געזאגט, ליעבע מוטער? — האט ליזא איהר גע-פרעגט.

דיא עהרליכע פרוי האט א קוק געטהאן אויף איהרעביידע קינדער און א שטראָם פון טרעהרען האט זיך פון איהרע אויגען ארויסגעגאָסען.

— דיא עלטערע מענשען, — האט פאוועל ווייטער גערעדט — וויינען ביי אן אונגליק און דיא אינגערע קעמפּפען ווייטער....

— וויא איז אבער אז דיא שווערע קייטען לאזען ניט? — האט דיא מוטער ביטערליך געפרעגט.

— מוז מען זעהן אז דערצו זאל ניט קומען, וועז מען האט נאך א געלעגענ-הייט זיך צו פערהיטען.

— איך וואָלט געוואָלט וויסען וואס דענקסט דוא צו טהאן? — האט דיא מוטער פערצווייפעלט געפרעגט.

— וואס אנדערע קעמפפער טהוען, — האט פּאוועל מיט העלדענמוטה איהר געענטפערט — האַלטען דעם שווערד אין האַנד און טראגען א מאסקע אויפ'ן געזיכט.

— ניין מיין קינד, איך וויל עס ניט.

— דוא ערלויבסט עס מיר ניט, ווייל איך בין דיינס א קינד און דוא מיינע א מוטער, — האט פּאוועל פּאָרטגעזעצט — דיא אנדערע קעמפפער האבען אבער אויך געטרייע מיטער און דאָך געהען זיי פון שלאַכטפעלד ניט אראָפּ....

— פאר יענע זאלען זארגען זייערע עלטערן — האט מאריא זיפצענד געענטפערט — און איך וועל עס מיינע קינדער ניט ערלויבען; סיידען זיי זאלען געהן געגען מיין ווילען.

— היינט זאָג־זשע אונז מוטער, וואס דענקסט ד ו א צו טהאן? — האט ליזא איהר אונטערבראָכען.

— אנטלויפען! — האט דיא מוטער טרויעריג געענטפערט.

— דאס פּאַסט ניט פאר פרייהייטס־קעמפפער! — האט פּאוועל העכסט אויפגעבראַכט ערוויעדערט — דער קאַמפּף, וועלכער שטעהט אונז פאָר, איז א היילינער. ער איז ניט פאר זיך אליין צוליעב איינענליעבע, וועלכע מען קען אין א נויטה ברעכען; ער איז פאר הונדערט מיליאָן פערשקלאַפּטע און ניעדערשלאַגענע קנעכט....

— ניט אלע קעמפפער — האט דיא מוטער געענטפערט — שטעהען אויסגעשטעלט אין פראָנט אויפ'ן שלאַכטפעלד; מען געברויכט סאָלדאַטען אויך פון הינטען... דער וואס זיצט און שלייפט דיא שווערדען אדער פּוצט דיא פיילען, איז אויך בעטראַכט פאר א קעמפפער וויא דער וואס שטעהט פון פראָנט.

— דאס איז אויך א פּלאַן! — האט ליזא נאך א קורצען נאכדיינקען אויסגערופען.

— קיין אנדער אויסוועג האבען מיר ניט — האט דיא מוטער מיט א בעשלאָסענעם טאָן געזאגט.

— און אז איך זאל פערבלייבען אין מאסקווא ווילסט דוא מיר ניט ערלויבען? — האט איהר פּאוועל פערדריסליך געפרעגט.

— אויב דוא ווילסט האנדלען געגען מיין ווילען, זאָלסט דוא עס טהאן.

— און דער לומפּ אלעקסייעוו זאל בלייבען לעבען?

— מיין האַנד וועט איהם טוידטען!

— פון וואַנען? פון אויסלאַנד? — האט איהר פּאוועל אויפגעבראַכט געפרעגט.

— מיט זיין טויט וועט ער ניט שטארבען... נור איך טהו ניט א זאך איבעראיילט.

— און דיין טאָכטערס עהרע?

— דאס מוז האבען געדולד. ער האט אנדערע פרויען נאך פיעל מעהר בעד לײדיגט, און דאך לעבט ער נאך.

— חאפען אן עהרליכעס מעדכען אין א קיביטקע, איז דיא גרעסטע בעלײ דיגונג! — האט פּאוועל אויסער זיך געזאגט.

— ביסט נאך יונג מײן קינד — האט איהם דיא מוטער ביטערליך ערוויע דערט — און דוא ווייסט ניט וויא וויט א בעלײדיגונג פון אן אויסוואורף קען דערגעהן....

— אלזא מוטער, — האט ליזא זיי אונטערבראָכען — פערבלײבט ביי דיר, אז מיר זאלען אנטלויפען נאך אויסלאנד.

— אונבעדינגט,

— און ווען דײנקסט דוא עס צו טהאן?

— וואס אם שנעלסטען און מיט גרויס פאָרזיכטיגקײט.

— און אונזער הויז מיט אונזער אימעניע (גוט)?

— דאס קען איך נאך היינט אפשרייבען אויף מײן אָנקעל און ער וועט שוין דעם אײנקונפט אונז אָפּשיקען.

— מיר האבען נאך מוטער גאנצע דרייצעהן טעג צײט, — האט ליזא מיט א טרויעריגען שמײכעל זיך אפּגערופען — פעליקס סאבאקאוו האט געסטערן פון מיר פערלאנגט מײן האנד און האט מיר געגעבען צוויי וואָכען צײט זיך צו בעדיינ קען וואס לוינט פאר מיר ניבער — געהערען צו איהם אדער צו דיא סיבירישע מינען?

מאריא מיט פּאוולען זײנען אויפגעציטערט געוואָרען.

— אזוי ווייס שוין דער טויגעניכטס אויך פון אונזער אונגליק?! — האט מאריא זיפצענד געפרעגט.

— נאך פריהער פון אלע, — האט ליזא טרויעריג ערוויעדערט — ער איז דאך וולאדימיר סאבאקאוו'ס א זוהן און זײן פאטער איז דאך דער הויפּט אינקוויזיטאָר אין „טרעטאָיע אָטדעליעניע".

— און ער וויל זיך יעצט מיט דיזער געלעגענהייט בענוצען? — האט דיא מוטער העכסט אויפגערעגט געפרעגט.

— דיא טיראנען איז קײן זאך ניט צו שווער! — האט ליזא שאָקלענד מיט'ן קאָפּ איהר געענטפערט — ער האט עס מיר פאָרגעלײגט וויא איך האב דיר פריהער דערצעהלט. איך האב מיך קוים ביי איהם אײנגעבעטען מיר צו געבען צוויי וואָכען צײט.

פּאוועל איז דיא גאנצע צײט געזעסען וויא א צודולטער און האט געהאלטען דעם קאָפּ אנגעלענט צווישען ביידע הענד. פּלוצלינג איז ער פון זײן שטעלע אויפּ געשפּרונגען.

— דאָ וועט איהם קאָסטען זײן לעבען! — האט ער וויטהענד אויסגעשריען און זײנע אויגען האבען געפייערט.

— נעלאָסען מיין קינד — האט מאריא איהם אננעהמענד פאר ביידע הענד געזאָגט — דאס געהער ניט צו דיר.

— אַלץ ניט צו מיר? — האט פּאוועל בעטאָנענדיג דעם „אַלץ״ געשריען — אלעקסייעוו'ן טאָר איך ניט וויא א הונד דערשיסען און דעם אויסוואורף סאַבאַקאָוו איז מיר אויך ניט ערלויבט וויא א וואָרים צו טרעטען — היינט ווער דען זאָל פאר אונזער בעלײדיגונג קעמפּפען. ווער וועט זיך אננעהמען פאר מיין שוועסטערס עהרע?

— דאָקטאָר פּעטער וואסיליעוו, אויב ער וועט עס געפינען פאר נויטהיג — האט דיא מוטער איהם רוהיג געענטפערט.

— ער קומט דאָך שוין מעהר ניט צו אונז! — האט פּאוועל פּערדריסליך געזאָגט.

— ער קומט ניט ווייל ער האט ניט בעדאַרפט קומען — האט דיא מוטער איהם געענטפערט.

— איך פערשטעה ניט אזא פּאָליטיק.

— איך וועל דיר עס ברודער ערקלערען, — האט ליזא זאָנפט געזאָגט — זייט וואסיליעוו האט זיך ערוואָרבען וולאדימיר סאבאקאוו'ס פריינדשאַפט און צוטרויען, האט ער מיט זיין זוהן'על זיך ניט געטאָרט רייצען.... ווייסט דוא דען ניט, אז וואסיליעוו טאָר ניט זיין פערדעכטיג? ער האט דאָך אין האָספּיטאל פון אָסטראָג ארייננעשמוגעלט א הייסע ניהיליסטין פאר א פעלשערין.

— וויא באלד אזוי, — האט פּאוועל זיך אָפּגערופען — וואָלט דאָך זעהר גלייך געוועזן, אז מיר זאלען זיך מיט וואסיליעוו'ן בעראטהען וועגען אונזער גאנצער טרויעריגע געשיכטע.

— איך האב איהם געסטערן ניט געקענט זעהן, — האט איהם ליזא געענטפערט — אבער זיי זיכער, אז ער וועט אין דעם ניט שווייגען; ער ווייס שוין אונזער לאַגע נאך פון געסטערן און וועגען סאבאקאוו'ס פּאָרשלאג וועל איך זיך באלד מיט איהם זעהן.

אין טהיר האט זיך געהערט א לייכטער אנקלאַפּען און דער גרעפינס דיענער איז אריין אין צימער.

— מאַטושקא, — האט ער זיך געוועגדענדיג צו דער גרעפין געזאָגט — עס טהוט מיר זעהר וועה מיין הארץ אייך צו זאגען, אז איהר מיט אייערע ליעבע קינדער שטעהט אין געפאַהר.... יעוורושין וועט קיין פערברעכען געגען זיין אלטע ווירטהין ניט בעגעהן!.... איך בעדיען אייך שוין זייט צוועלף יאהר. אָ, גאָט, וואס פאר א גוטע בעהאנדלונג איך האב פון אייך מיט אייערע קינדער געהאט. עס האט מיר קיין זאך ניט געפעהלט. אלע מאָנאט האב איך געשיקט געלט אין דאָרף אריין און יעדען זאנטאג האט איהר מיך אויפ'ן גאנצען טאָג פריי געלאָזען. יעוורושין איז ניט קיין אויסוואורף.... ניט קיין אונמענש...

— וואס איז געשעהען יעוורושין? — האט איהם מאריא פערוואונדערט און ערשראָקען געפרעגט.

— האט איהר געהערט אן איינפאל? — האט דיער דיענער ווייטער גע-

רעדט — איך זאל צוליעב הונדערט רובעל זיך ענטזאגען פון מיין ווירטין'ס הויז און זאל איהר רעקאמאנדירען אן אנדער דיענער?

— זאג ניכער יעוורושין וואס דוא מיינסט מיט דעם? — האט איהם מאריא אנדריאנאווא געפרעגט — דיינע ווערטער זיינען מיר אין גאנצען אונפערשטענדליך.

— אַ, מאַמושקא, וויא אזוי קענט איהר פערשטעהן דיא פערדאָרבענהייט פון א ניעדערטרעכטיגען לומפ? — האט יעוורושין ווייטער גערעדט — ער איז צו מיר געקומען און האט מיר אנגעבאָטען הונדערט רובעל אום איך זאל מיך פון מיין שטעלע ענטזאגען און איהם רעקאָמאנדירען פאר מיינעם אן אָנקעל אלס דיענער צו אייך אין הויז.... דארף מען דען יעוורושינען שטעקען א פינגער אין מויל?.... פערשטעהט דען ניט יעוורושין אז דאס איז עפעס א שפיאָן, א טויגעניכטס?

מאריא אנדריאנאווא מיט איהרע ביידע קינדער האבען זיך א צאפעל געטהאן און זייערע געזיכטער זיינען געוואָרען פערוואָלקענט.

— נו, וואס האָסט דוא איהם געענטפערט — האט איהם מאריא בעטריבט געפרעגט.

— יעוורושין איז ניט קיין אינגעל — האט דער דיענער ווייטער גערעדט — איך האב איהם געלאָזט שטעהן אין קיך און האב איהם געזאגט, אז איך געה בעטען אן ערלויבניס מיך צו בעפרייען, וויל איך מוז אוועקפאהרען....ווען איך וועל קומען צוריק און איהם זאגען, אז מיין ווירטהין ערלויבט מיר ניט, וועט זיך דיא זאך גאנץ גלאט אָפּגעהן און איהר וועט דערוויילע וויסען וואס צו טהאן.

— קענסט דוא יענעם מענשען? — האט ליזא איהם א פרעג געטהאן.

— פון וואנען זאל איך איהם קענען? — האט יעוורושין געזאגט — וועלכער עהרליכער מענש האט עסקים מיט א שפיאָן?

— פון וואנען ווייסט דוא אז ער איז א שפיאָן? — פיעללייכט וויל ער טאקע פאר דיעזער סומע א שטעלע בעקומען?

— צו באָרשץ דארף מען ניט האבען קיין צייהנער, — האט יעוורושין געענט- פערט — ער האט מיר אויסדריקליך געזאגט, אז אין דריי פיער טאג ארום מעג איך קומען און ער וועט מיר דיא שטעלע צוריק איבערגעבען.

— איך בין א בעלן איהם צו זעהן — האט פאוועל זיך אויפהויבענד פון זיין שטוהל געזאגט.

— ווארט, לאָמיר זיך בעראַטהען, — האט זיין מוטער אויפגערעגט זיך אָפּ- גערופען. זיא האט געהייסען יעוורושינען זיך אוועקזעצען און נאכדעם וויא זיי האבען ביי א פיערטעל שטונדע צווישען זיך גאנץ שטיל גערעדט, איז יעוורושין ארויסגע- גאנגען און באלד איז צו זיי אין צימער אריינגעקומען אונזער בעקאנטער וו ז י א ט ק י ן געקליידעט אלס לאקיי פון א האטעל, אין א דונקעל בלויע און קורצע פאדיאָווקא (ספּאָדניצע) און מיט געגלענצטע שטיבעל מיט לאנגע חאָליאַוועס ביז דיא קניע, וועלכע זיצען אויף וויבען לעדער מיט געקינסטעלטע רונדע פאלדען וויא געטאָקט.

— דוא ביסט יעוורושינס אן אָנקעל? — האט איהם דיא גרעפין רוהיג געפרעגט.

— אזוי איז עס, מאמעלע קרוין, — האט איהר וזיאטקין רעספעקטפאָל גע־ענטפערט האלטענדיג זיין היטעל אין דער האנד.

— קענסט דוא גוט אנטרייבען א פערד?

— נאך וויא, מאטושקא! אין דאָרף וואו איך בין פאר א יאהרען געוועזן, בין איך אלץ ארומגענאנגען ארום פערד.

— קענסט דוא אויך גוט רייטען?

— וויא א קאָזאק מאטושקא.

— מיינער א דיענער, — האט דיא גרעפין געזאגט — מוז טאקע קענען רייטען וויא א קאָזאק; איך האב ניט וויט פון מאסקווא אן אימעניע וואוהין איך דאַרף יעדען מאל מיין דיענער שיקען.

— איך וועל עס, מאמעלע, פינקטליך ערפילען.

— מעגליך, אז דוא מיינסט נור דאס דוא ביסט א גוטער רייטער? — האט דיא גרעפין איהם געפרעגט.

— ניין, מאמעלע, איך בין איינער פון דיא בעסטע.

— קען מען דיך פּרובירען?

וזיאטקין האט זיך א קראַץ געטהאן אין קאָפּ.

— פאר וואָס ניט מאטושקא? — האָט ער נאָך א קליינע פויזע א מאַכ־טהאָנדיג מיט דער האנד געענטפערט.

דיא גרעפין האט א דריק געטהאן א ווייסען קנעפּעל אין וואַנט און באַלד איז אין צימער אריינגעלאפען יעוורושין.

— דיין־אָנקעל — האט איהם דיא גרעפין געזאגט — וויל ווייזען זיין קענטניס אין רייטען; געה און פיהר ארויס פון שטאַל דעם „שימעל“ זאָל ער זיך אויף איהם אביסעל דורכפאהרען. מיר וועלען זיך צוקוקען דורכ'ן פענסטער.

— קום ליעבער אָנקעל מיט מיר, — האט יעוורושין ליעבליך געזאגט — איך וויים דאָך שוין פון לאַנג וואָס פאר א פלינקער רייטער דוא ביסט. דיא גרעפין האט מיר ניט געוואלט גלויבען, אז דוא רייטסט בעסער פון מיר; יעצט זאל זיא זעהן.

ער האט אנגענומען דעם שפּיאָן פארן האנד און האט איהם ארויפגעפיהרט אויפ'ן הויף.

יעוורושין האט באַלד געעפענט א האַלבען טהויער פון א שטאַל און האט פון דאָרט ארויסגעפיהרט א הויכען „שימעל“ מיט א הויכע געבויגענע האלז וויא א דוגע און מיט לאנגע שמאָלענקע פיסעלאך.

דאס פערדעל איז געגאנגען אין דער קרים און האט געוואָרפען מיט זיין הינטער־חלק.

— קום אהער ליעבער אָנקעל, — האט יעוורושין געזאגט צו וזיאטקינען

וועלכער איז געשטאנען און האט אנגעקוקט דאס פערדעל עפעס מיט א זויערע מינע.

וויאטקין איז מיט א געמאכטען דרייסט צו איהם צוגעגאנגען.

— נאך א פינף און צוואנציגער, אבי מיט חסד! — האט ער שטיל יעוורו־שינען געזאגט.

— קענט איהר, באטיושקא, גאר ניט רייטען?

— איך קען יא; אבער וואס איז דאס עפעס פאר א פערדל?

— א גאנץ געוועהנליכער, באטיושקא, — האט איהם יעוורושין איינגערעדט און האט איהם אונטערגעהויבען ביי׳ם ארויפקריכען פאר דיא פיס.

וויאטקין האט זיך פלינק אויפ׳ן פערד ארויפגעכאפט און יעוורושין האט דעם פערד געגלעט ביי דיא נאז־לעכער.

— אויפ׳ן גאס! — האט דיא גרעפין דורכ׳ן פענסטער א געשריי געטהאן.

יעוורושין האט דעם פערד אויפ׳ן גאס ארויסגעפיהרט און האט איהם פלוצ־לינג אפגעלאזען.

דאס פערדל האט זיך לוסטיג אנגעהויבען צו טאנצען מיט דיא הינטער פיס און פון איין טאנץ צום צווייטען איז וויאטקין געפאלען אויפ׳ן בויך איבער׳ן פערדס רוקען, אז ער איז אזש נעל געווארען פאר שרעק און פאר וועהטאג.

— פעסטער פאר׳ן צוים! — האט פאוועל געשריען דורכ׳ן פענסטער.

וויאטקין האט דעם צוים פעסט אנגענומען און דער פערד האט זיך פלוצ־לינג א שטעל געטהאן אויף ביידע הינטערשטע פיס, אז וויאטקינס ברייטע מארדע איז געבליבען שטעקען אין פארדערשטען שפיץ פון דעם זאטעל.

— רעטעט! — האט וויאטקין מיט א פערשטיקטע שטימע א געשריי געטהאן.

ווען דער פערד האט דערפיהלט וויאטקינס האלבען קערפער לעבען זיין ווייַדעל האט ער א שפרונג געטהאן מיט דיא הינטערשטע פיס, אז דער רייטער האט זיך אין איין מאמענט געפונען מיט׳ן גאנצען קערפער לעבען פערד׳ס האלדז.

— חא, חא, חא, — האט זיך געהערט א געלעכטער דורך דיא פענסטער פון דער גרעפינס וואוינונג.

— חא, חא, חא, חי, חי, חי! — האבען געלאכט דיא קאצאפעס וועלכע זיינען זיך צוזאמענגעלאפען אין גאס אויפ׳ן בייז וואונדער.

דער פערד האט זיך פלוצלינג פערנאנדערגעלאזען אין א ווילדען טאנצענדען גאלאפ און דער רייטער איז געבליעבען מיט איין פוס אין דער אייזערנער „סטרעמיא״ (שטייגבינגעל) און מיט איין האנד האט ער זיך געהאלטען אן דער לאנגער גריווע פון דעם שימעלס האלדז און היינגענדיג מיט׳ן רוקען צום באדען, האט זיין לאנגע פוס זיך געשלעפט אויף דער ערד און האט זיך געהאקט אן דיא שטיינער.

דער פערד האט זיך ענדליך פערהאקט אן א סלופ פון׳ם טעלעגראף און וויאטקין איז מיט א צולעבערטען קאפ און א צוריסענע פוס געבליעבען ליגען אויפ׳ן באדען.

— דיא צייט איז קורץ! — האט מאריא אנדריאנאווא געזאגט צו איהרע

קינדער נאכהער וויא יעוורושין האט איהר געבראכט דיא נאכריכט אז דער שפּיאָן איז האלב-טוידט אפּגעפּיהרט געוואָרען אין אוטשאסטאָק — מען מוז זעהן וואס גיכער פון אונגליק זיך צו רעטען. איך דיינק גאר אנדערש ניט, וויא צו פערדרייזען נאך אויסלאנד, אויב דאס וועט זיך אונז איינגעבען.

— איך דיינק אבער מוטער, — האט איהר ליזא טרויעריג ערוויעדערט — אז אונזער הויז איז ארומגערינגעלט מיט שפּיאָנען; א בעוויז דערצו איז יעצטיגער גאסט, און ווער ווייס וויפיעל אזעלכע מענשלאך שפּיערען אונז יעצט נאך?

— ערגער וויא שלעכט קען ניט זיין! — האט דיא גרעפין אויפגערעגט גע-זאגט — געה ליעבע טאָכטער, אין גרויסען ביבליאָטהעק, און איך וועל שוין בעזאר-גען דורך יעווירישענען אז דוא זאלסט זיך דאָרט בעגעגענען מיט וואסיליעוו'ן.

— און איך, מוטער, וועל געהן געוואר ווערען צו ניקאָלאַי איסטאָמין — האט פּאוועל איהר געזאָגט — ער איז יעצט אין דעם זעלבען געפאהר וואס מיר אלע. סאָבאקאָוו מיט אָפּענבאָכען האבען איהם געזעהן אין וואקזאל ווען ער האט בעגלייט דעם שפּיאָן, אלס וואסילי פּעטראָוו'ן נאך פּעטערבורג; וואס מיט'ן שפּיאָן האָט פּאסירט דורךביידע אונזערע שפּיאָנען, ווייס איך אויך ניט. מעגליך אז איך וועל באלד בריינגען וויכטיגע נייעס.

— נײן מײן קינד, — האט צו איהם זיין מוטער מיט א פעסטען טאָן געזאגט — דאָ אין רוסלאנד לאז איך דיך מעהר קיין אנטהייל נעהמען אין דיא ניהיליס-טישע טהעטיגקייט. דוא מוזט מיך פאָלגען אויב דוא שעצט מיך וויא א קינד זיין מוטער.

פאוועל האט א זיפץ געטהאן און איז געבליבען זיצען אויף זיין שטעלע.

— העריין! — האט דיא גרעפין אויסגעשריען נאך אן אָנקלאַפּען אין דער טהיר.

עס איז אין צימער אריינגעקומען א הויכער שלאנקער פערזאָן מיט א לאנגען שווארצען באָרד און מיט עטוואס גרויע האר אין קאָפּ און האט זיך העפליך פערנייגט.

— ווער זייט איהר אונבעקאנטער מאן? — האט דיא גרעפין פערדריסליך געפרעגט און האט זיך געערגערט אויף איהר דיענער וויא קומט ער אריינלאזען א פרעמדען מענשען אונגעמעלדעט.

— איך! — האט דער גאסט געענטפערט און האט א שמייכעל געטהאן.

— פּעטער! — האט ליזא איבערראשט אויסגעשריען און איז האסטיג צו איהם צוגעלאָפען.

— דאס בין איך אליין, — האט דער גאסט מיט א זאנפטע שטימע געענטפערט און האט אין איין מאמענט דעם באָרד מיט'ן פּאריק פון זיך אראָפּגענומען.

ליזא איז וויא וואהנזיניג אין זיינע ארעמס אריינגעפאלען און האט זיך שטארק צו-וויינט.

— וויין ניט ענגעל, — האט דאקטאר וואסיליעוו מיט א ריהרענדע שטימע

נעזאנט — אין מענשענס לעבען קומט פיעלעס פאר און מען מוז אויך שלעכטעס געדולדיג איבערטראָגען.

— טהייערער, גוטער און ליעבער פריינד, — האט מאריא מיט טרעהרען אין דיא אויגען צו איהם געזאָגט — איהר זייט אין דער ריכטיגער צייט צו אונז געקומען; זייט אונז ווילקאָמען, מיין צוקינפטיגער זוהן. זעצט אייך אנידער און לאמיר בע־שפרעכען אונזער שרעקליכע לאגע.

פאוועל האט איהם אונטערדעסען ליעבליך געדרייכט זיין האנד און האט זיך העפליך פאר איהם פערנייגט.

נאר זיך ניט געשראָקען טהייערע מוטער, — האט וואסיליעוו זיך אוועקגע־זעצט מיט ליזא'ן אויף איין שטוהל געזאָגט — פון געפאהר רעטעט העלדען־מוטה און פייגלינגע געפינען זיך ניט קיין אויסוועג.

— ווייסט איהר, ליעבער וואסיליעוו, אלעס וואס מיט אונז האט פאסירט?

— האט איהם דיא גרעפין צורודערט געפרעגט.

— לײדער, ווייס איך אלעס, — האט וואסיליעוו נאך א שטילען זיפץ גע־ענטפערט.

— און וואס פעליקס האט מיך פלוצלינג בעזוכט, ווייסט דוא אויך? — האט איהם ליזא מיט א ביטערן שמייכעל געפרעגט.

— דאס ווייס איך גראדע ניט.

— ער האט מיך נעכטערן בעזוכט און האט מיר געגעבען צוויי וואכען צייט

— האט ליזא ביטערליך געלאכט.

— וואס? — האט פעליקס איהר פערוואונדערט געפרעגט.

— איך מיט מיין ליעבע מוטער און ברודער — האט ליזא ווייטער גערעדט — לינגען יעצט ביי פעליקס סאבאקאָוו אין דיא הענד. וויא באלד איך וועל איהם הייראטהען זיינען מיר אויסער געפאהר און ווען ניט — געהן מיר אלע נאך סיביר.

— און ער וויל זיך טאקי מיט דער געלעגענהייט בענוצען?

— פאר אזא פיינעם מענשען האלטסט דוא עס איהם, אז ער זאל גאר ניט פעהיג זיין צו אזא ניעדערטרעכטיגקייט? — האט איהם ליזא טרויעריג געפרעגט — איך האב מיך קוים ביי איהם איינגעבעטען צוויי וואכען צייט אום זיך צו בעדיינקען.

וואסיליעוו האט א זיפץ געטהאן און זיין געזיכט האט אנגענומען א טרוי־עריגע מינע.

— מיינסט דוא פיעללייכט, מיין טהייערער, אז איך וויל זיך טאקי בעדיינקען?

— האט ליזא מיט א טרויעריגען שמייכעל איהם געפרעגט — איך האב ביי איהם אויסגעבעטען צייט אום יוצא צו זיין געגען מיין ליעבער מוטער און ברודער, און אום דאס אונגליק עטוואס צו פערציהען, פיעללייכט וועט זיך אונטערדעסען עפעס ארויסווייזען א פלאן; אבער אט זיצט פאר דיר מיין מוטער און מיין ברודער; זיי זיינען מיט מיר איינשטימיג צו געהן נאך סיביר איידער זיך צו בענוצען מיט סאבאקאָוו'ס געפעהליגקייט.

— ליעבע און טהייערע פריינדע, — האט וואסיליעוו נאך א קורצען נאכדיינ־

סען פלוצלינג אויסגערופען — איך מוז אייך זאגען דיא ריינע וואהרהייט, אז מיין פריהערדינער זיפץ האט בעדייטעט גאנץ אנדערש וויא מיין טהייערע ליזא האט איהם בעטראכט....

— איך האב איין מינוט ניט געצווייפעלט, אז דיעזער ענגעל, — און ריידענ־דיג האט ער אנגעוויזען אויף ליזא'ן — וועט מיך אויף קיינעם אין דער וועלט ניט אומבייטען, אין דער ערגסטער צייט און אין דער ביטערסטער לאגע; אבער מיין זיפץ איז געווען וועגען אייער אונגליק.

איך בין געצוואונגען אייך צו זאגען, אז איהר שטעהט אין גרעסטען גע־פאהר; וויא ווייט עס האלט מיט דער גרעפין אליין וויים איך ניט, מעגליך, אז זיא וועט פאר אונשולדיג ערקלערט ווערען; אבער דוא מיין ענגעל און איהר, ליעבער, טהייערער ברודער פאוועל, מיט אייך האלט עס זעהר שלעכט. איך וואלט פיעל־לייכט געקענט ביי דעם אלטען סאבאקאוו עפּעס אויסווירקען. ער איז אין מיר איינגעטרויט וויא אין א הייסען מאנארכיסט; אבער זיין טהייערער זוהנעלע פעליקס שטעהט דא וויא א הויכער בארג אין וועג, און מיט איהם צו קעמפפען, ווען עס האנדעלט זיך וועגען זיין ליידענשאפט, איז א זאך וואס איז אונמעגליך. איך אליין קען נאך דערביי אויך אריינפאלען און ניט איך איינער, נור אויך דיא יונגע פעל־שעריו, וועלכע איך האב אין האספיטאל פון אסטראג אריינגעשמוגעלט צו א געוויסען ציעל. פעליקס אלס ארצט אין יענעם האספיטאל קען דא פערקאכען אזא קאשע, אז אונזער גאנצע געהיימע געזעלשאפט זאל צושאטען ווערען וויא א בערגעל אש....

— אלזא, וואס־זשע ראטה איהר אונז צו טהאן? — האט איהם דיא גרעפין פינסטער געפרעגט.

— לעבען שלום מיט פעליקס'ן! — האט וואסיליעוו מיט א פעסטען טאן גענטפערט.

— ער וויל דאך אבער מיין האנד? — האט ליזא פערדריסליך אויסגערופען.

— ביי א לעבענס־געפאהר, — האט וואסיליעוו רוהיג ערוויעדערט — מוז מען אויך האנדלען געגען געוויסען.

— זאל איך הייראטהען פעליקסען? — האט ליזא מיט א געוויין אויסגע־בראכען.

— בעדארפסט איהם, מיין ענגעל, ניט הייראטהען; א קלוגער מענש קען א לייכטזינינגען איינגעל פיהרען פאר'ן נאז.

— ראמאנסירען געגען מיין געוויסען?

— דער געוויסען בלייבט ריין, ווען עס האנדעלט זיך אום לעבען....

— און פון סאבאקאווס א קוש בלייבט דער געוויסען אויך ריין?

— אפילו פון ענטפערן מיט א קוש, — האט וואסיליעוו מאבענדיג מיט'ן האנד געענטפערט — דא האנדעלט זיך ניט אום דאס לעבען פון דיין פערזענליבקייט אליין. מיר פערגעטערן דעם מענשען, וועלכער לאזט זיך טוידטען פאר זיין עהרענ־געפיהל אדער ווען מען צווינגט איהם צו האנדלען געגען זיין געוויסען; דאס איז

אבער געררעדט געווארען ווען עס גייט אום זיין אייגענעם לעבען; וויא איז אבער אז פאר זיין עהרע־געפיהל טוידטעט א מענש עטלעכע צעהנדליג נאך אנדערע מענשען?

— אייערע ווערטער פריינד קלינגען זאנדערבאר אין מיינע אויערן — האט איהם מאריא אנדריאנאָווא אונטערבראכען.

— איך וועל עס אייך ערקלערען, — האט איהר וואסיליעוו געלאסען גענענט־פערט — מיר יונגע מענשען קעמפפען אין דער שטיל מיט דער בארבארישער זעלבסט־העררשונג אין אונזער פינסטערן פאטערלאנד. מיר ווענדען אן אלע שארפע מיטלען צו בעפרייען הונדערט מיליאן מענשען פון אן אייזערנעם יאך. דיא ניעדער־טרעכטיגע רעגיערונג נעהמט מיט איהר פיזישען קראפט. זיא האט זשאנדארמען, פאָלקאָווניקעס און גענערעלער, וועלכע זיא שטאפט און קראפט אויף דעם רעכע־נונג פון איהר בעהעררשטען פאלק; מיר אבער, וויא איהר פערשטעהט, מוזען אנשטאט א שווערד אנווענדען א ביסעלע מארך און אנשטאט א ביקס — קלארען געדאנק. דאס וואס איינער קען אויפטהאן מיט זיין קאפ, קענען טויזענד סאלדאטען ניט אפמאכען מיט ביקסען און שווערדען.

אלזא, טהייערע פריינדין, פערשטעהט וואס עס הייסט צו האבען א הייסע ניהיליסטין פאר א פעלשערין אין א האספיטאל פון אסטראג! דאס איז דאך א גרעסערע קראפט פאר אונז אלס טויזענד זשאנדארמען ביי דער טיראנישער רע־גיערונג. זיא איז מעהר ניט וויא א שוואכע יונגע מיידעל; אבער וואס קען זיא פאר אונז אויפטהאן? זיא איז דאך אין שטאנד אונז צוריק צו געבען פון דארט איינינע קעמפפער, וועלכע דיא טיראניי האט פיעלע יאהרען געזוכט און טויזענדער זשאנ־דארמען און געהיים־אגענטען האבען פאר'ן זוכען גענומען געהאלט און זיך דיא קאפ צובראכען איידער זיי האבען זיי אויסגעפונען.

היינט וועל איך אייך, גרעפין, שטעלען א פראגע: צו יענע מיידעל דיא פעל־שערין, וועלכע איז פאר דיא מארטירער גאָטס אן ענגעל אין דער העלע און פאר אונז, דיא גרעסטע האפנונג.... צו יענע מיידעל פון וועלכע מיר ערווארטען גאר זאנדערבארעס, בעדארף פערשווייגען דעם אלטען סאבאקאווס א קוש און אמאל אויך דעם יונגענס, ווען ער זעהט דארט ניט זיין טאטען, אדער זיא בעדארף זיי א שפיי טהאן אין זייערע טרפה'נע צורה'עס?

— איהר זייט קליגער אלס איך האב וועגען אייך געדענקט, — האט דיא גרעפין פריינדליך געזאגט — אבער וואס געהער עס צו אונזער ליזא'ן?

— אונזער ליזא — האט וואסיליעוו ווייטער פארטגעזעצט — געהערט צו אונ־זער געהיים־בונד. עס איז שוין יעצט גרעפין אלץ איינס, איהר מעגט עס שוין ווימען. אלזא, טהייערע פריינדין, בעדארפט איהר וויסען, אז זיא איז א געשווארענע און וויא באלד א טיראן צווינגט איהר צו ליעבע און דאס געהט, ניט נאר אום איהר לעבען, נור אויך אום לעבען פון פיעלע ברידער און שוועסטער פון געהיים־בונד און, אום דאס לעבען פון פיעלע טיכטיגע ארעסטאנטען, וועלכע דיא פעלשערין קען מיט דער צייט גענצליך בעפרייען, מוז אונזער ליזא האנדלען וויא יענע פעל־

שערין עטוואָס געגען געוויסען.... איך דענק, אז דעם אלטען סאָבאָקאָווס א קוש איז נאך פיעל אבשייליבער פון דעם איננערינס.

דיא גרעפין מיט איהרע קינדער האבען א לאך געטהאן אלע צוזאמען, ריכטיג וויא זיי וואָלטען זיך אויפגערעדט.

— און פערדייזען נאך אויסלאנד? — האט דיא גרעפין נאך א קורצען שטיל-שווייגען געפרעגט.

— אלץ איינס גרעפין, — האט וואסיליעוו געענטפערט — פעליקס סאָבאָקאָווס פערדאכט וועט פון מיר ניט הערונטערפאַלען ער וועט אלץ פערשטעהן, אז צווישען מיר מיט ליזא'ן איז עפּעס א געהיימע ליעבע, און ווען ער וועט מיך אונגליקליך מאכען, איז אלעס קאַפּוט.

— נאָר צוליעב אייך אליין, וועל איך עס שוין אויך ניט טהאָן, — האט דיא גרעפין פריינדליך געזאגט.

— און מיינט ניט גרעפין, אז דער אנטלויפען וועט דא העלפען! — האט וואסיליעוו פאָרטגעזעצט — וויא באלד דיא באנדיטען האבען דערטאַפּט אזא הויז, וועלען זיי שוין פון אייך קיין אויג ניט אראָפּלאזען און דענקט ניט, אז דאָקטאָר פעליקס טהוט דא גאָר ניט. איך קען דעם לומפּ פריהער פון אייך און איך קען אייך זאגען, אז אייער הויז איז אומגערינגעלט מיט צוואנציג שפּיאָנען.

פּאַוועל האט זיך פון זיין שטעלע אויפגעהויבען און איז צוגעלאָפען צו וואַ-סיליעוו'ן, ער איז איהם אויפ'ן האלדז ארויפגעפאלען און האט איהם בעשאָטען מיט הייסע קישע.

— ברודער! — האט ער מיט א ציטערענדע שטימע געזאגט — יעצט זעה איך, אז איך בין נאך א אינגעל, איך פאַל פאר דיר ליעבער ברודער. דוא ביסט קלוג, בעזאנען און העלדענ-מוטהיג, הלואי האט רוסלאנד נאך פיעל אזעלכע קלוגע און עהרליכע קעמפּפער!

— זיא האט ברודער, — האט איהם וואסיליעוו דריקענד דיא האנד געזאָגט. זיי זיינען צושפּרייט איבער גאנץ רוסלאנד, עס וועט א בלאָז טהאן א פרייער ווינ-טעל און אלע וועלען זיך צוזאמענקלייבען און עס וועט זיך אויסבילדען איין גרויסע, מעכטיגע קראפט צו פערניכטען אלע שלאַנגען, צו פערטיליגען אלע טיראנען און אויסצוראָמען אלע בעסטיעס פון אונטער גאָטס הימעל!

— אבער ווען נעהמט מען זיך דא אין מאָסקווא צו דער ארבייט?

— זאכארין נעהמט מאָרגען ארויס פון מיין האָספּיטאל און ער וועט זיך דער ערשטער א נעהמטהאן צו דער מינע באלד וויא עס וועט קומען א בעפעהל פון פּעטערבורג.

— אלזא מיין טהייערער, — האט ליזא וועלכע איז געזעסען טרויעריג זיך אָפּגערופען — מוז איך עס טהאן?

— דוא מוזט מיין ענגעל. דוא רעטעסט דאמיט זיך און אויך דיין מוטער מיט דיין ברודער, און שפּעטער, ווען עס וועט האלטען צו פערקריכען אין צו הויכע דרבים, וועלען מיר זיך בעראטהען וואָס צו טהאָן.

— דיין ווילען איז מיר הייליג.

— און דאס וועט נאך ברייננגען גרויסע נוצען. דער לומפ האט ליעב א שנעפסעל און דאמאלס קען מען פון איהם פיעלע וויכטיגע זאכען דער־געהן.

— איך מוז אויך איינשטימען! — האט די גרעפין געזאגט און האט גענומען אין האנד די ציימונג, וועלכע איהר טרייער דיענער יעוורושין האט אין דער ווילע אריינגעטראגען.

— היינט וועט איהר דארט געפינען זעהר אינטערעסאנטע נייעס — האט וואסיליעוו איהר געזאגט — דער פריסטאוו איוואנאוו פון גאראדסקאי אוטשאסטאק האט געמאכט א פאדלאג. ער איז געקומען צו א אידען מיט אן אקטריסא, ער האט איהר פארגעשטעלט פאר זיינס א ווייב און האט מיט איהר צוזאמען אונטערגעשריעבען א וועקסעל אויף פערצעהן טויזענד רובעל און דער איד האט דעם פריסטאוו מיט דער אקטריסא באלד אויף דער שטעלע ארעטירט.

— קיין זאך איז די באנדיטען ניט צו שווער! — האט פאוועל זיך אפגערופען.

— אבער מיינט ניט, אז דאס איז שוין די ענדע, — האט וואסיליעוו ווייטער גערעדט — איין אקאלאדאטשני האט דערהערט, אז דער פריסטאוו פון זיין אוטשאסטאק איז פערהאפטעט, איז ער גלייך אוועקגעגאנגען צו אפגעבאבען און האט איהם געמעלדעט, אז דער פריסטאוו האט געהאלטען בעגראבען דריי מעת־לעת אין א קעלער דעם געוויסען געהיים־אגענט שורקינען, וועלכער איז פלוצלינג ווי א פאדליעצאוו אין דער ערד אריין און די פאליציי האט איהם שוין געהאלטען פאר טויט. מען האט באלד שורקינען ארויסגענומען פון א פינסטערן קאזעמאט אין וועלכען ער איז געזעסען צוזאמען מיט דעם פריסטאווס א ברודער, וואס האט מיט׳ן שפיאן געהאנדעלט וועגען בעשטעכונג, אום ער זאל ניט אויסזאגען דאס דער פריסטאוו האט איהם ארעטירט.

— דאס איז ווירקליך זעהר אינטערעסאנט! — האט די גרעפין מיט א שמייכעל געזאגט — די שפיאנען האבען אנגעהויבען צו האבען שרעקליכע מפלות. מיט א האלבע שטונדע פריהער איז פון מיר אליין אויך א שפיאן גוט אפגעצאהלט געווארען.

— פון אייך א שפיאן אפגעצאהלט געווארען? — האט וואסיליעוו פערוואונדערט געפרעגט.

די גרעפין מיט איהרע קינדער האבען איהם דערצעהלט די געשיכטע מיט ווזיאטקינען, און וואסיליעוו האט זיך ניט געקענט איינהאלטען פון לאכען.

— דאס איז געווען מיין ברודערס אן איינפאל! — האט ליזא לאכענד געזאגט.

— ער וועט שוין יעצט א צעהנטען פערזאגען אהער ניט אריינצושמעקען — האט וואסיליעוו געענטפערט

די גרעפין האט זיך ווידער גענומען צו דער ציימונג. איהרע ליידען האבען איהר געדריקט דאס הארץ און זי האט זיך געוואלט אביסעל צושטרייען.

— נאך א פאר ארטיקלען וועל איך אייך איינ׳שפארען צו לעזען — האט

וואסיליעוו געזאָגט — איינער איז שימפּפּעריי אויף אידען, פאר וואס זיי ווילען בויען א שוהל אין מאָסקווא און דער צווייטער איז וועגען עפּעס א באַראָנעסע אנדרייעווא וועלכע מען האט פאָרינע נאכט בעגנבעט אין׳ם האָטעל „ערמיטאזש״, וואו זיא לאָזשירט. מען האט געפונען דיא טהיר פון איהר צימער אָפען און עס פעהלען איהר אכט און צוואנציג טויזענד רובעל פון איהר קאפּיטאל. דיא גנבים האבען אזוי שטאַרק געזוכט אין איהר צימער, אז זיי האבען איהר צוריסען א זיידענע שלעפּע.

— באַראָנעסא אנדרייעוונא! — האט דיא גרעפין איבערראַשט אויסגעשריען. וויא איז איהר פאַר-נאָמען?

— איך געדענק ניט.

אנדריאנאווא האט דעם בעריכט פלינק אויפגעזוכט אין דער צייטונג און איז דורכגעלאָפען דיא איינינע ציילען מיט דיא אויגען.

— קסעניא אנדרייעוונא! — האט זיא אויסער זיך פאר איבערראשונג אויס-געשריען — איך האב איהר דאָך אויף מיינע הענד געטראָגען אלס זיא וואר א קינד פון צוויי יאָהר! מיינע עלטערן זיינען געווען בעפריינדעט מיט איהרע וויא ברידער און שוועסטער. מיט איין און צוואנציג יאָהר צוריק פלעג איך פאסט יעדען טאג באראָן אנדרייעווס הויז בעזוכען. מיט ניין יאָהר צוריק האב איך דעם באראָן מיט דער באַראָנעסע געזעהן דאָ אין מאָסקווא. איך האב מיך נאכגעפרעגט ביי זיי וואָס מאכט דיא קליינע, שעהנע קסעניא, וועלכער איך האב אמאל אזוי היים געליעבט, און זיי האבען מיר דערצעהלט, אז זיא איז אויסגעוואקסען א זעל-טענע שעהנהייט. זיא איז געבילדעט און קלוג, און רעכענט זיך פאר איינע פון דיא זעלטענהייטען אין פּעטערבורג. אָ, וויא נייגיעריג איך בין צו זעהן דער שעהנער קסעניא׳ן, וועלכע איך האב אמאל אלס קינד אין מיינע ארמען געהאלטען.

— געוויס וועט איהר זיא האבען אין קורצען פאר א גאסט! — האט וואסי-ליעוו זיך אפּגערופען.

— מעגליך, אז זיא האט גאר מיין נאמען ניט געהערט, — האט דיא גרעפין מיט א טרויעריגע שטימע געזאגט — מיר טהוט זעהר וועה דאס הערץ וועגען דעם דיעבשטאל, עס שלעפען זיך נעבאך נאך דער יונגער באראָנעסע אונגליק און עלענד.

— דער איינענטהימער פון „ערמיטאזש״ וועט איהר מוזען דיא סומע צוריק-געבען! — האט פּאוועל זיין מוטער געטרויסטעט — אין מאסקווא זיינען דיא ווירטהין פון דיא גרויסע האטעלם פאר א גנבה פעראנטוואָרטליך.

— אך, וויא איך וואלט איהר וועלען זעהן! — האט דיא גרעפין געזאגט — איך בין אליין אויך אין א טרויעריגע לאגע; אבער דאך דענק איך איהר נאך היינט צובעזוכען!

— צו איהר וועט איהר יא בעזוכען אדער ניט איז מיר אלץ איינס, — האט זיך וואסיליעוו אפּגערופען — אבער דאס קען איך אייך זאָגען, אז אייער לאגע איז גאר ניט אזוי שלעכט. פעליקס סאָבאקאָוו איז ביי זיין טאטען א בן-יחיד׳ל און וואס

ער וויל פיהרט ער אויס. ער קען זאגאר אראפנעהמען א מענשען פון'ם גאלגאן און זאָ לאנג ליזא וועט ווּסען וויא איהם צו פיהרען פאר דער נאָז, זייט איהר פאָרלויפיג אלע זיכער.

— איך וועל איהם שוין פיהרען, — האט ליזא עטוואָס מוטהיגער אויסגע־רופען — איך גלויב, אז ווען עס האלט שוין יא דערביי, וועל איך שוין פיעלע וויכ־טיגע זאכען פון איהם דערגעהן.

— אלזאָ, — האט וואסיליעוו מיט א צופריעדענע מינע געזאגט — פערגניגט מיך זעהר וואס איך געה פון אייך פרעהליכער אוועק וויא איך בין געקומען. איך בין צו אייך געגאנגען האָפנונגסלאָז; איך האב אייך געטרויסט, אבער איך האב ניט געוואוסט קיין אויסוועג. יעצט האבען מיר דערווייל עפּעס צו ערווארטען און אויב עס וועט שוין יא האלטען ביי'ם פאָהרען נאך אויסלאנד, וועלען מיר שוין ווּסען וויא אייך אָפּצוהיטען פון דיא שפּיער־הינד.

— וואס איילסט דוא זיך אזוי אוועקצוגעהן? — האט ליזא איהם ערגריי־פענד פאר'ן האנד געזאגט — קום לאמיר זיך אביסעל דורכגען אין אונזער גאָרטען.

— איך וואָלט עס מיין ענגעל מיט פערגניגען געטהאן — האט ער ליעבליך ערוויעדערט — אבער דוא ווייסט דאך, אז איך האב זאכארינען ביי זיך צו הויזע; צו איהם זיצט נאך ביי מיר איינע א אידישע פרוי מאַטילדא האָפמאן, וועלכע קען זיך נאך אויף אויפ'ן גאס ניט ווייזען, און אז זיי שטעהען אונטער מיין שוץ, מוז איך זיי היטען און זיין אויך פאָרזיכטיג פאר זיך אליין. אויסער דעם, האב איך אין דעם משונעים אבטהיילונג זעהר א געפעהרליכען וואהנזיניגען, וועלכען בערטהא מאלליך האט אָפּגענומען פון פרעאָבראזשענסקען דול־הויז און אריינגעזעצט צו מיר. ער איז נעבאך אן אונגליקליכער איד אויס פעטערבורג, וועלכער איז דורך דער טיראנישער פּאָליציי פעראונגליקט געוואָרען. אן אקאָלאָדאָטשני האט איהם זיין וואהנזין פעראורזאכט. זיין שגעון בעשטעהט אין א פיקסע אידעע: ער שרייט אלע ווײלע מיט שרעקליכע קולות „איך זעה איהם" „אט איז ער", אז מען הערט זיין געשריי אין דיא וויטסטע צימערן. אדיע מיין ענגעל! מאָרגען אין ביבליאָטהעק!

ער האט אנגעטהאן זיין פאריק מיט'ן באָרד און נאך א פריינדליכען אבשיעד איז ער פון דער גרעפינס הויז ארויסגעגאנגען בעגלייטעט מיט ליעבליכע בליקען פון דער גאנצער קליינער פאמיליע.

36טעס קאפּיטעל.

## דיא געלד־גייציגע מערדער.

נאך איין אינטערעסאנטען בעריכט, וועלכען דאָקטאָר פעטער וואסיליעוו האט ניט ערמאָנערט, איז געווען געדרוקט אין'ם „מאָסקאָווסקי ליסטאָק". צווישען אלע נייאיגקייטען אין יענער שמוציגער בלעטעל איז געווען געשריעבען פאָלגענדעס: „טימאָפיי מיכיילאָוו, א פראוואָסלאווּנער, איז געווען פעררעכנ:ט פאר א בראַווען עהרליכען מאַן. ער האט געהאט אן אייגענעם הויז און א טראַקטיר אין פרעאָבראַ־זשענסק. מיט א יאָהר צוריק איז אויף זיין הויף געפונען געוואָרען אן ערמאָרדעטער,

וועלכען דיא פּאָליציי האט בעטראכטעט פאר א טרעמפּ. אין זיין בוזים־טאַש איז
געפונען געוואָרען א פּאַספּאָרט אויפ'ן נאָמען קורילאָוו. יעצט ווייזט זיך אבער
ארויס, אז דער ערמאָרדעטער איז געוועזען דעם מיללּיאָנער מאַראָזאָווס א פּריקאַד־
שציק, וועלכער האט געטראָגען מיט זיך דרייסיג טויזענד רובעל בארעס געלד,
דאס איינצוצאָהלען צו אַ געוויסען קויפמאן. ער איז מיט דאס געלד פערשוואונדען
געוואָרען און מאַראָזאָוו האט געדיינקט, אז ער איז אנטלאָפען נאך אויסלאנד.
דעם פערשוואונדענעמס ווייב מיט זיינעם א ברודער זיינען דאריבער געזעסען מעהר
אלס אכט מאָנאַטען אין אסטראָג און שטעהען נאך אונטער דער בעאָבּאַכטונג
פון דער פּאָליציי אויך יעצט. א געהיים־אַגענט איז געקומען צו מיכיילאָוו'ן גאָר
וועגען אן אַנדער זאך; אבער מיכיילאָוו מיט נאך עפּעס אן אונבעקאַנטען פּערזאָן
זיינען ארויסגעגאנגען דורך א הינטער־טהיר, וואו זיי האט בעגעגענט א איד מיט'ן
נאמען שטיין, וועלכער האט אויפגעוויעזען דעם מיליאָנער מאַראָזאוו, אז דער ער־
מאָרדעטער איז געווען זיין געשעפט־פיהרער, און האט יענעם אבענד מיכיילאָוו'ן
געהיט. מיכיילאָוו אבער האט זיך מיט'ן אונבעקאַנטען פּערזאָן אוועקגעזעצט אויף
א דראָשקע, שטיין מיט מאראָזאָווס און איינגערן ברודער, זיינען זיי נאכגעפאָהרען
און האבען געזעהן וויא ביידע זיינען אריינגעגאנגען אין דער פראָנט־טהיר פון אונזער
ווירדיגען גאַלאָווא אלעקסעיעוו. דער יונגער מאראזאוו איז מיט דריי פיער מינוט
שפּעטער אויך אריינגעגאנגען צום גאָלאָווא מיט'ן אבזיכט טימאָפייען צו ארעסטי־
רען; אבער שטעלט אייך פאר וויא ערשטוינט ער איז געוואָרען, ווען ער האט
געהערט פון גאלאווא, אז קיינער האט איהם ניט בעזוכט! ער האט באלד מיט'ן
גאלאווא נאכגעפאָרשט ביי דעם שווייצאר, וואס האבען דאָרט געטהאן צוויי אונ־
בעקאנטע פערזאָנען? און דער שווייצאר האט געענטפערט, אז זיי האבען זיך גע־
מעלדעט דאס זיי האבען זעהר א וויכטיגע זאך צום ווירטה, דארום האט ער זיי
אין פראָנט־ציכער אריינגעלאָזען. אונזער ווירדיגער גאלאווא האט באלד צוזאמענ־
גערופען אלע זיינע בעדיענטע און דער קוכאר האט דערצעהלט, אז צוויי אונבע־
קאנטע מענשען זיינען דורך דער קיך דורכגעגאנגען גאנץ היימיש וויא אייגענע
מענשען.

— „סטייטש ווארום האסט דוא זיי ניט פערהאלטען? — האט דער גאלאָווא
געליארעמט.

— „וויא אזוי זאל איך זיי פערהאלטען? — האט דער קוכאר פערוואונדערט
געפרעגט — איך האב זיי דאך בעטראכט פאר אייערע געסט, וויא באלד דער
שווייצאר האט זיי דורכגעלאָזען, האב איך דען אנדערש געקענט דענקען?

„מיט אזא שווינדלערישען וועג זיינען זיך ביידע פערברעכער גאנץ רוהיג פער־
שוואונדען און דיא פּאָליציי קען זיי יעצט ניט אויסגעפינען. און דאס איז טאַקי
ווירקליך א גוטער איינפאל!“

דיעזער בעריכט איז מיט איינינע ענדערונגען געווען נעדרוקט דעם איינענעם
טאג אין אלע מאסקווער צייטונגען און וועהרענד פיעלע געהיים־אגענטען פון אָפּענ־
באַנס קהל־שטיבעל, האבען געשארפט דיא צייהנער אויף טימאָפיי מיכיילאָוו'ן

מיט דעם אונבעקאנט... ברזאן, וועלכע האבען אזוי גוט און קונציג אפגעגארט מאראזאווין מיט שטיינע, איז חיטראָווצין געזעסען פערשלאָסען אין א ווייטען צימער פון זיין פריוואט וואוינונג איבער זיין ביורא און האט אנגעקוקט א קליין קארטעל אויף וועלכע עס איז געווען פאטאגראפירט דאס בילד פון א יונגע, שעהנע און בליהענדעס מעדכען.

— אזא שעהנהייט פערגיפטען? — האט ער בעקוקענדיג דאס בילד צו זיך אליין גערעדט — דאס קען נאר פאסטוחאָוו! ער איז דא געווים אריינגעפאלען און האט קיין אנדער אויסוועג ניט געהאט; אבער ווארום פרעדיגט ער אזוי פיעל מאראל? ער לעהרענט רוסלאנד עהרליכקייט און אליין איז ער נאר א מערדער! אך, וואס פאר א בילד־שעהנעס מעדכען דאס איז געווען! ער האט איהר געווים פערגיפטעט, ווייל זיין ווייב קומט שוין אין קורצען צופאָהרען פון אויסלאנד און זיא האט איהם דאָ געוואָלט אויפשפילען א חתונ׳קע —

אבער וואס הארט עס מיך? איך האב בעקומען צעהן טויזענד רובעל קבורה־געלד, דריי טויזענד האט טימאָפיי פון איהם ארויסגעשלעפט אלס א צוגאָב ווייל ער האט זיך נעבאך שטארק דערשראָקען.... דאס איז פאר דעם קארגען הונד א היבשע סומע!

ניין! — האט ער נאך א קליינעם נאכדענקען צו זיך ווייטער גערעדט — דאס וועט איהם קאסטען און קאָסטע! פון אזא עסק בעדארף מען צאָהלען חיטראָווצינען קאראָבקע־געלד.... געבענטשט זאל זיין פאסטוחאָוו, וואס ער האט דאס קארטעל ערשראָקענערהייד אונטער מיין טיש אראָפּגעלאָזען, זיא וועט געבען געלד.

עך, חיטראָווצין, דוא ביזט א טהייערער מוצלח! — האט ער א קוקטהאנדיג אין שפיגעל זיך נעקלערט — דיא לעצטע צייט האסט דוא א חאפּגעטהאן א שעהנעם גראָשען! פון טאטען צוואנציג טויזענד, פון׳ם ברודער צעהן טויזענד. איהם האט זיך אפילו שטארק ניט געוואָלט ארויסשיקען, אָבער א דאנק חיטראָווצינען — דאס געלד איז שוין באלד אין קיעוו! לעבען זאל רוסלאנד מיט איהרע פאספּאָרטען!

חיטראָווצין איז א ווילע געזעסען פערטראכט; פלוצלינג האט ער אויסגעפּלאצט מיט א טייפעלשען געלעכטער.

— דיא געבראָטענע טייבעלע אליין אין מויל אריינגעפלויגען, — האט ער מיט א שמייכעל צו זיך אליין ווייטער גערעדט — אך, וויא געשמאק מיר איז געווען דער בעסטיע ארומצושינדען! איך האב איהר ארויסגעשיקט פון מיר אן אפגעשונדענע פון קאפּ ביז דיא פיס. אכט טויזענד רובעל בארעס געלד אויך צוגענומען. א גוטע ראכע פון מאריא זלאָדייקינאַן! זיא וועט מיר האבען צו געדענקען.

אבער וויא קומט זיא יעצט צו הייסען בארָאנעסא קסעניא אנדרייעוונא? — האט חיטראווצין נאך א קורצען שטילשווייגען ווייטער אונטער דיא צייהנער גע־רעדט — זיא וועט יעצט חאפּען א שעהנע סומע פון דעם איינענטהימער פון

„ערמיטאזש"! זיא איז ווירקליך א טייפעל מיט אן אויסגעמאכטע קעפעלע....
אבער חיטראָווצין וועט איהר ווייטער שינדען דיא הויט. דאס איז נאר א נייער גאָלד־גרוב, זיא וועט וויינען און טראגען!

ער האט נאך אמאל א קוקגעטהאן אויף דאס בילד פון דער שעהנער דאמע און האט א שמייכעל געטהאן.

— דאס וועט דיר פאסטוחאוו קאָסטען טויזענדער! — האט ער שטיל גע־וואָרטשעט און האט דאס קארטעל אין בוזים־טאש אריינגעלעגט.

אין דער טהיר פון זיין צימער האט זיך געהערט אן אנקלאפען. חיטראָווצין האט דיא טהיר אפגעשלאָסען און א מאן איז אהין אריינגעגאנגען.

— פיליפּאָוו! — האט ער ערפרייהט אויסגעשריען.

— יעצט איז דיא צייט, — האט פיליפּאָוו געלאסען געזאגט — ווענען מיר עפּעס א טהו צו טהאן. ווייסט דוא, חיטראָווצין, אז דער מאסקווער גאָראָדסקאָי אוטשאסטאָק איז געבליעבען אהן א פּריסטאוו?

— איך האב עס היינט געלעזען אין דיא צייטונגען, — האט חיטראָווצין געענטפערט איהם אנוויזענד א שטוהל — איך האב שוין פאר דיר א שפּאָגעל־נייענקען פּאספּאָרט אין וועלכען דוא וועסט הייסען „יורקאָווסקי". אזוי האב איך דיר שוין פאָרגעשטעלט פאר אלעקסעיעוו'ן, וועלכער האט דיין נאמען אריינגע־שריעבען אין זיין נאָטיץ־ביכעל; אבער זאג מיר נאר פיליפּאָוו וויא וועט עס צווישען אונז געהן?

— וויא אויף רעדלאך, — האט פיליפּאָוו מיט א שמייכעל געענטפערט — ערשטענס, נא דיר אוועק דיא וועקסלען, וועלכע איך האב געסטערן גענומען פון מיביילאָוו'ן אויף זיין הויז פאר אן אלטען חוב; איך אלס פּריסטאוו אין א זשי־דאָווסקען קווארטאל בעדארף קיין הויז ניט האבען. איך וועל מיך ניך ארויפאר־בייטען און צווייטענס, זאג איך דיר, אז א העלפט פון מיין איינקופט וואס איך וועל האבען פון דיא זשידעס, וועל איך דיר אוועקגעבען. דאס וועט זיין גענוג פאר אונז ביידען.... ביזט דוא צופריעדען?

— אפגעמאכט, — האט חיטראָווצין געזאגט צונעהמענדיג פון איהם מיביי־לאָווס וועקסלען — אלעקסעיעוו בעדארף דא באלד ביי מיר זיין און איך פערהאָף, אז היינטיגע וואך וועלען מיר האבען א נייעם פּריסטאוו אין מאסקווא.

— אלעקסעיעוו בעזוכט דיר?

— וואס וואונדערסט דוא זיך אזוי? ער איז אויך א זינדיגער מענש וויא מיר אלע. און חיטראָווצינען צו בעזוכען איז נאר קיין שאנדע.

— איך וועל דיר חיטראָווצין, עפּעס פרעגען, — האט פיליפּאָוו נאך א קורצען נאכדענקען געזאגט — אבער איך פערלאנג פון דיר, אז דוא זאָלסט מיר וויא א קאמעראד ענטפערן דיא ריינע וואהרהייט.

— נו, אדרבא, פרעג, — האט איהם חיטראָווצין פריינדליך ערוויעדערט — פון אזא קלוגען טייפעל וויא דוא ביסט, וועל איך דיא וואהרהייט ניט פערדעקען.

— ביסט דוא ניט דער בעריהמטער ד מ י ט ר י אלעקסייעוו? — האט איהם

פיליפּאָוו שאַרף אַ פרעג געטהאָן און האַט געוואָרפען אויף איהם אַ פאַרשענדען בליק.

— וויא אזוי פאַלט עס דיר איין?

— ווייל איך האָב וועגען „ד מ י ט ר י ן“ געהערט עפּעס נאָר וואונדערליכעס, — האַט איהם פיליפּאָוו געענטפערט ניט אראָפּנעהמענד פון איהם זיין שאַרפען בליק — ווערענד איך האָב געדיענט אין פּעטערסבורג ביי דיין קאמעראַד, איז מיר דאָס איינגעפאַלען, נאָכדעם וויא איך האָב געהאַפּט פון איהם עטליכע ווערטלאַך....

— דוא מאַכסט, פיליפּאָוו, אַן אירטהום, — האַט איהם חיטראָווצין מיט אַן ערנסטע מינע געענטפערט — פערשטעהסט דאָך אַליין, אַז וויא באַלד דוא ווייסט פון מיר אַזעלכע זאַכען, וואָלט איך דאָך ניט געפירכטעט זיך אויסגעבען פאַר דיר פאַר „דמיטרין“. דען וואָס האָט ער אַזוינס געטהאָן? ער האָט צו זיין פערצעהן־יעהריגען אַלטער דערשאָסען אַ דירעקטאָר פון גימנאַזיום; איז דאָס דען אַ גרעסערער פערברעכען פון דיא וועלכע דוא ווייסט אויף מיר נאָך פון פּעטערבורג? דאָך זאָג איך דיר, אַז איך בין ניט „דמיטרי“ און דוא האָסט ניט קיין אורזאַכע מיר ניט צו גלויבען....

— אַלזאָ גלויב איך דיר, — האַט איהם פיליפּאָוו האַלב אונצופריעדען געענטפערט — יעצט זאָג מיר נור וואָס איז עפּעס געוואָרען מיט טימאָפיי מיכיילאָוו'ן? עס קלינגען דאָך מיט איהם אַלע צייטונגען.

— ער איז אַריינגעפאַלען וויא אַ שורקע, וויא אַ שלימזאַלניק, — האַט חיטראָווצין מיט אַ שמייכעל געענטפערט — אַז ער שינדט אַראָפּ אַ מענשען, לאָזט ער איהם ליעגען אויפ'ן הויף פון זיין טראַקטיר. עס געהט אַריבער אַ גאַנצער יאָהר און טימאָפיי פּאַטשט זיך אין בייכעל; ענדליך געפינט זיך אָבער עפּעס אַ שניידער האַחלאָוו, וועלכער האָט פון דעם ערמאָרדעטענס פינגער אַ רינג אַראָפּגענומען. דעם פינגערל קויפט אויס מאַראָזאָוו פון אַ פּפאַנד־הויז און עס לאָזט זיך אויס, אַז ער דערקענט אין איהם דעם רינג פון זיין פריקאַזשציק! נאַ דיר אַן עסק!

— און וויא קומט עס טאַקע, אַז טימאָפיי זאָל טהאָן אַזאַ נאַררישקייט? — האָט פיליפּאָוו איהם געפרעגט — איך בין דאָך קיין נאַרר און ער האָט מיך אַליין אַ מאָל אָפּגענאַרדט.

— ווייס איהם דער טייפעל! — האָט חיטראָווצין פערדריסליך געזאָגט — ער איז נאָר אין גאַנצען אויסגעוועבט געוואָרען. דיא געשיכטע מיט'ן מאָרד־בראַנד איז נאָך נאַררישער פון יענע! ער האָט אַנגעשטעלט זיין שוואָגער ראַזבאַיעוו'ן פאַר אַן עדות, ער איז פערשריעבען געוואָרען אין פּראָטאָקאָל פון פּריסטאַוו מיט'ן סליע־דאָוואַטעל און ענדליך איז ראַזבאַיעוו אונטער אַן אַנדער נאָמען אַריינגעפאַלען און יעצט ווערט געזוכט ראַזבאַיעוו מיט ליכט.

— און וואו האָט ער זיך אַליין בעגראָבען?

— ווייס איהם דער טייפעל.

— איך זעה, חיטראָווצין, אַז דוא האַנדעלסט פאַלש מיט דיינעם אַ קאַמעראַד, — האָט פיליפּאָוו מיט אַ פאָרוואורף געזאָגט.

— פון וואנען זעהסט דוא עס?

— טאקע פון דעם וואס דוא זאגסט מיר, אז דוא ווייסט ניט וואו טימאפיי איז אהינגעקומען.

— איך פערשטעה ניט פאר וואס? דארף איך דען וויסען וואו טימאפיי בעהאלט זיך?

— און ווער איז דער צווייטער פערזאן, וועלכער איז מיט טימאפייען פון זיין טראקטיר אנטלאפען, איז ניט דוא חיטראווצין? דיא צייטונגען שרייבען דאך, אז נאך א פערזאן איז מיט טימאפייען אויף א דראשקע אוועקגעפאהרען.

— פון וואנען דיינקסט דוא, אז איך בין עס געוועזן?

— פון דעם וואס טימאפיי מיט'ן צווייטען פערזאן זיינען פערפאהרען צום גאלאווא אלעקסייעוו. צו אלעקסייעוו'ן פערפאהרען און נאך אפטהאן אזא שפיצעל קען נור אסיפ חיטראווצין!

— איך מוז געשטעהן, אז דוא ביסט א קלוגער טייפעל! — האט חיטראווצין מיט א פריינדליכע מינע אויסגעשריען — איך האב דיך נאך באלד ביי דעם ערשטען בעזוך קענען געלערנט פאר א קלוגען מענשען.... מיין ניט, אז איך האב שטארק געקוקט אויף דער גוטער מיינונג וואס מיין קאמעראד פון פעטערבורג האט וועגען דיר געשריבען. איך גלויב קיינעם ניט ביז איך זעה מיט מיינע אויגען. יעצט בין איך טאקע איבערציינגט, אז איך האב פאר זיך א פערזאן מיט וועמען צו ריידען און פון ווייטער אן וועל איך זיין פאר דיר אפענהערציג—

— און וועסט מיר שוין מודה זיין אז דוא ביסט דעם גאלאווא אלעקסייעוו'ס ברודערקע „דמיטרי״? — האט איהם פיליפאוו אונטערבראכען.

— חאטש איך בין נאר אן אנדערער?

— נו, זאל זיין אן אנדערער — האט פיליפאוו א מאכטהאנדיג מיט דער האנד געזאגט — אבער זאג מיר נור וואו איז טימאפיי מיביילאוו?

— וואס האסט דוא איהם אזוי נייטהיג?

— איך וויל נאך פון איהם א ביסעלע מזומנים פאר אן אלטען חוב — האט פיליפאוו געענטפערט.

— לאז איהם שוין צופריעדען! — האט איהם חיטראווצין ערוועערט — באלד וועסט דוא ווערען א פריסטאוו און דיר וועט ניט פעהלען דיא מטבע.

— ער האט מיך א מאל בעהאנדעלט ערגער וויא א זשיד, — האט זיך פיליפאוו בעקלאגט — ער האט מיר געלאזט שטעהן אוןווארטען ביי א פארקאן ווען ער האט ערמארדעט א נייסטליכען אין מ ו ל א. איך האב צוליעב איהם דערשטאכען א מענשען, און ענדליך איז ער מיט'ן גאנצען פערמעגען אנטלאפען געווארען און איך האב דערפון ניט געהאט איין קאפיקע.

— גאר גערעכטען אין מאריא זלאדייקינא — האט זיך חיטראווצין געטראכט— פון דער אימעניע „איוואנאווקא״ איז זיא אויך מיט גענעראלאווס גאנצען פערמעגען פערשוואונדען און איך האב גאר ניט גענאסען.

— הער נור פיליפאוו, — האט חיטראווצין פלוצלינג געזאגט — איך זעה, אז

דוא ליעבסט דעם גראשען ניט ערגער פון מיר און דוא ביסט דערפאר גאר קיין נארר ניט. איך וועל דיר איבערגעבען א בילד פון א שעהנעם מעדכען, גאה אריבער צו א גוטען קינסטלער און בעשטעל אפצוקאפירען פון דאס קליין בילד דריי גרויסע בילדער, און געלט וועט דערפון זיין וויא האלץ.

— וואס איז דאס עפעס פאר א מיטעל? — האט פיליפאוו לאכענד איהם נעפרעגט.

— דאס איז שוין א גוטער מיטעל, — האט איהם חיטראָווצין מיט א טייפעלשען שמייכעל ערוויעדערט — איך האב פיינד צו ריידען וועגען אן אונפארטיגע זאך. אז דוא וועסט מיר דיא דריי בילדער ברייגגען אין א גאנץ גרויסען פארמאט, וועל איך דיר שוין זאגען וויא מען קען האפען א היבשע מטביע.

— איך פערשטעה, אז חיטראָווצין האט שוין עפעס פערטראכט! — האט פיליפאוו מיט א חניפה'דיגע מינע געזאגט.

— נא דיר דאס בילד, — האט חיטראָווצין צו איהם געלאסען גערעדט און האט איהם דאס קארטעל וועלכע ער האט פאר זיין קומען געהאלטען אין האנד איבערגעגעבען — אבער זעה, אז דיא בילדער זאלען ארויסקומען וואהר לעבעדיג. דוא מענסט דעם קינסטלער געבען מיט א פינף-רובעלדיגע מעהר; ער דארף אבער גאר ניט אויספלוידערען.

פיליפאוו האט דאס קארטעל צוגענומען און האט דאס בילד בעטראכט.

— אך, וואס פיר א שעהנע דאמע! — האט פיליפאוו ענטציקט געזאגט.

— דיעזע דאמע וועט אונז געבען שעהנעס געלד! — אבער גאה און בעשטעל עס. איך וועל דערווייל זעהן, אז דוא זאלסט ווערען פריסטאוו.

פיליפאוו האט דעם בילד אריינגעלייגט אין זיין בוזים טאש; ער האט פריינדליך געדריקט חיטראָווצין'ס האנד און איז באלד אוועקגעגאנגען.

— דאס איז עפעס א קלוגער טייפעל, — האט חיטראווצין געזאגט נאך פיליפאוו'ס אוועקגעהן — ער איז פאר א פריסטאוו וויא געוואונשען....ער וועט שינדען דיא פעהלבלאך פון דיא זשידעס, אז עס וועט פון זיי פערבלייבען נור בערגלאך ביינער; אבער וואס פארשט ער עפעס אלץ פון מיר וועגען דמיטרין? ער איז ממזר'ש קלוג און פערשטעהט גוט אן עסק!

חיטראָווצין האט זיך פערטיעפט אין געדאנקען און איז אזוי געזעסען א היבשע ווייל. פלוצלינג האט זיין געזיכט אנגענומען עפעס א בעוואונדערטע מינע.

— צו וואס דארף אלעקסייעווקע א באמבע? — האט ער שטיל געשעפשצעט — און וועלכע אידישע מיידעל וויל ער עס אנטהאן א „ווידעל" אויפ'ן שטערן? ער איז אויך פון דיא וואס מען פרענט זיך אויף זיי. ער האט אין וועמען צו זיין געראָטען.

אין דער טהיר פון א זייטיגען צימער, וועלבע געהט אריין אין זיין קאבינעט האט זיך געהערט א לייכטער קלאפען. חיטראווצין האט דיא טהיר אפגעשלאסען און א דיקע פערזאן מיט א רויטהע ראזירטע צורה און מיט קורץ געשארענע שווארצע האר איז אריין אין צימער.

— טהו נור א קוק אין שפיגעל, — האט חיטראָווצין צו דעם פּערזאָן גע־זאָגט — דוא וועסט זיך אליין ניט דערקענען.

— און איך האב מיך גרייליך מורא! — האט איהם דער דיקער געענט־פערט — איך וואָלט זעהר געוואָלט פון מאסקווא אנטלויפען.

— דוא ביסט אויף דער עלטער געוואָרען א גרויסער פּיינלינג — האט חיט־ראָווצין מיט א פאָרוואורף געזאגט — אויסער וואס איך קען דיר נאך אויך פּאר א נאָרר פון אלטע יאהרען.

— פּאָר א נארר קענסט דוא מיר חיטראָווצין? — האט איהם דער דיקער פּערזאָן מיט א בעליידיגטע מינע געפרעגט.

— טאָ וואָס דען, פּאר א קלוגען? דוא האָסט דאָך זיך אליין אונגליקליך געמאכט און האָסט נאך מיר אויך געקענט אין אונגליק פערשלעפּען.

— אדרבא, זאג מיט וואס?

— דוא פרעגסט נאך מיט וואס? און לאזען אן ערמאָרדעטען ליגען פריי אויף דיין הויף, איז ניט דיא גרעסטע נאררישקייט? אָט האָסט דוא איצטער א פּעקעל.

— דוא ווייסט דאָך, חיטראָווצין אליין, וויא גוט בערעכענט דיא זאך איז דאמאלס אפּגעטהאן געוואָרען! מיט צוויי וואָכען פריהער האב איך נאך ביי דיר בעשטעלט פּאר איהם א פּאספּאָרט אום מען זאל ניט וויסען ווער ער איז, און דאס וואס איך האב איהם אויפ'ן הויף געלאָזט ליגען, איז דאָך געווען א שפּיצעל, וועלכער איז דיר אליין דאמאלס געפעהלען געוואָרען. פאר דער פּאָליציי האט דאָך עס געדיענט פּאר א בעוויז דאס איך בין אונשולדיג.

— אבער ווען דוא האָסט געוואוסט, אז דוא האָסט ניט קיין אוינען אין קאָפּ, האָסט דוא דאס ניט בעדאַרפט טהאן! — האט חיטראווצין פערדריסליך געזאגט — אלץ האָסט דוא פון איהם צוגענומען און דעם רינג מיט זיין נ א מ ע ן האָסט דוא גראָדע פערגעסען....

— וועלכער טייפעל קען דאמאלס זיין ביי'ם קלארען זינען? דוכט זיך, אז איך האב אויף איהם גאר ניט געלאזען, ענדליך נא דיר גאר א רינג!

— און דער זעקס־פּאָבינער מאָרד־בראַנד איז געווען בערעכענט?

— זעהסט דוא חיטראָווצין, — האט טימאָפּיי מוטהלאָז געזאָגט — דאָ האב איך טאקע געמאכט א פעהלער.... איך האב געקענט דיא ציערונג אהן אלעמדעם פון קאנאָן ארויסקריגען און דיא גנבים וואָלטען אפילו ניט געוואוסט פון זייער קאָפּ צו זאָגען.

— דאָס איז אלץ וואס דוא פרענסט ניט חיטראָווצינען, — האט חיטראווצין מיט א פערדריסליכע מינע איהם פאָרגעוואָרפען.

— אָבער וואס זאל איך יעצט טהאן? וועל איך דען אייביג זיצען פערשפּאַרט ביי דיר אין א צימער.

— קיין בעסערער פּלאָץ וויא מאָסקווא איז ניטא אין גאנץ רוסלאנד וואו זיך צו בעהאלטען. דא זיינען דיא שפּיאָנען שטענדיג פערנומען מיט דיא ניהיליסטען

און זיי וועלען דיך קיינמאל ניט אויסגעפינען. בעזאָנדערס נאך, אז דו אליין קענסט זיך ניט דערקענען. דו ביזט דאך איבער נאכט געוואָרען אויף צוואנציג יאהר איננער....

— מיר שרעקט זיך אבער דאס הארץ.

— דאס איז נור וויל דו ביזט נאך ניט איינגעוואוינט צו דיין יעצטיגער לאגע; אבער איך האב דיר שוין געזאָגט און איך זאָג דיר יעצט אויך, אז נור דא אין מאָסקווא קענסט דו זיין געשיצט. דערצו מאכט זיך נאך אלע מאל א גע־שעפטעל. וואס הארט דיך אז פאר אראָפּלאזען א זעקעל אין טייך אריין, האסט דו געסטערן ביי נאכט געכאפּט דריי טויזענד רובל? ביזט אנטלאָפען, געזוכט געוואָרען, און נאך אלעם דעם האסט דו אָפּגעטהאן א געשעפטעל.... וואו וואָלסט דו עס געקענט בעווייזען, אז ניט אין מאָסקווא?

— דער שורקע האט זיך פאר מיר אזוי דערשראָקען, — האט טימאָפּיי מיט א שמייכעל געזאָגט — אז וויפיעל איך האב ביי איהם געבעטען, האט ער געגעבען. שאדע וואָס איך האב איהם ניט געבעטען זעקס טויזענד רובל „ביער־געלט״, ער וואלט געווים אויך אזא סומע מיר אפּגעצאָהלט, אום וואס־גיכער פון דעם טרפה'ען זעקל זיך צו בעפרייען.

— זעהסט דו שוין טימאָפּיי, אז נור אין מאָסקווא איז א פּלאץ צו מאכען דעם גראָשען! — האט חיטראָוויצין מיט א טריאומפירענדע מינע געזאָגט — דו האסט זיך גאר ניט וואס מורא צו האבען. מאָרגען אדער נאך היינט, גיעב איך דיר א נייעם פּאספּאָרט און דו קענסט זיך גאנץ דרייסט דיענגען א וואוינונג ערגעץ אין א וויימען אוטשאַסטאָק.

— אז שוין יא א נייעם פּאספּאָרט — האט טימאָפּיי נאך א קורצען נאכ־דענקען געזאָגט -- טאָ מאך מיך חאָטש עפּעס פאר א מיוחס אום דיא פּאָליציי זאל ניט האבען קיין העזה מיר צו טשעפּען.

— איך וועל דיך מאכען פאר א דוואָריאנין פון א גאנץ וויימען געגענד.

— דאָס איזווירקליך א פּלאן.

— און וויא וועל איך הייסען?

חיטראָוויצין האט זיך פערטראכט.

— העד נור טימאָפּיי — האט ער נאך א לאנגען נאכדיינקען געזאָגט — עס איז מיר יעצט איינגעפאלען א פּאָרטרעפליכער פּלאן פון וועלכען דו קענסט ווערען א מיליאָנער, ביזט דו צופריעדען צו בעזיצען גאר אין קורצען א פּאָר מיליאָנען?

— דו לאכסט עס געווים חיטראָוויצין, — האט טימאָפּיי מיט א פערוואונ־דערטע מינע געזאגט.

— ניין טימאָפּיי, איך מיין עס ערנסט.

— טאָ ווארום פרעגסט דו מיר אזא קשיא?

— וויל איך וויים דאס דו ביזט דיא לעצטע צייט געוואָרען א שטיקעל פּייגלינג און צו מיין פּלאן בעדארף מען נור האבען עפּעס א חוצפּה, א „ווייסעל פון אויג״.

— איך זעה חיטראָווצין, אז דוא האלטסט מיך עפּעס פאר א שלימזלניק וואָס טויג ניט א קאַץ א ווייד׳ל צו פערבינדען, דוא מאכסט אָבער חיטראָווצין אַן אירטהום, איך בין דער זעלבער טימאָפיי וואס אמאל.

— און פון דעסטוועגען האסט דוא נעבטען ניט דערקאנט, אז דער זשיד שטיין, וועלכער האט אונז בעגעגענט איז א שפּיאָן.

— א מענש קען אמאָל דורכפאלען, — האט טימאָפיי מיט א האלב=פערשעהמטע מינע איהם געענטפערט — דערצו נאך ווייסט דוא דאך אין וואס פאר א לאגע איך בין געווען.

— נו, וואס איז געווען איז שוין געווען — האט חיטראָווצין א מאכטהאנדיג מיט דער האנד געזאגט — איך פערהאָף אבער יעצט אז דוא וועסט נאר ווערען אן אנדער מענש דערשמעקענדיג א פּאָר מיליאָנען.

— אבי דוא פערשטעהסט; אבער זאג מיר שוין ברודער דיין פּלאן.

— טאָ הער־זשע טימאָפיי מיט קאָפּ, — האט חיטראָווצין מיט אן ערנסטע שטימע געזאָגט — אין יאהר 1859 איז פון קיעוו אוועקגעגאנגען אין דער קאווקאזער קריג א רייבער פּאָדראַטשיק אנדריי זאכארין. ער האט אין קיעוו איבערגעלאָזט א פרוי מיט א קליין אינגעלע פון איין יאהר אלט. עס זיינען צוויי יאהר אריבער און דער פּאָדריאַטשיק זאכארין איז פון דער קריג צוריק ניט געקומען, אלע נאכפאָרשונגען האבען צו קיין רעזולטאט ניט געפיהרט, דער פּאָדראטשיק איז וויא אין וואסער אריין, זיין פרוי האט איהם בעוויינט; אבער נאך אלעמדעם איז זיא געווען צופריעדען, אז דער גרויסער פערמעגען פון א פּאָר מיליאָן וואָס דער מאן האט איהר איבערגעלאָזט, פערבלייבט פאר איהר מיט איהר קינד. דאס קינד אָסיפּ זאכארין איז אבער פּלוצלינג קראַנק געוואָרען און געשטאָרבען. דער גאנצער פערמעגען האט בעדארפט איבערגעהן לויט איהר מאנס טעסטאַמענט (צואה), וואס ער האט איבערגעלאזט איידער ער איז אוועק נאך קאווקאז צו דער קריעג, צו זיינעם א ברודער, א האלבען אידיאָט, וועלכער האט דאמאלס געוואוינט אין פּעטערבורג. דיא פרוי האט זיך דאמאלס דורך א צופאל געווענדעט צו מיר, און איך האב איהר געראטהען, אז איהר קינדס טוידט זאל ניט פערעפענטליכט ווערען און זיא מוז ערגעץ צוגנבנ׳ען א קינד פון דעם זעלבען אלטער און אלעס וועט אָפּגעהן גלאט. דיא פרוי איז אוועקגעפאהרען נאך ווילנא און האט דארט אָפּגענגבעט א אידישען דריי יעהריגען אינגעל און האט איהם אין דער שטיל געבראכט אין קיעוו. דיא זאך איז פערבליבען א געהיימניס און איך האב דערפאר בעקומען א שעהנע מטבע. מיט איינינע יאהר צוריק איז איהר שוואגער דער אידיאָט געשטאָרבען אונפערהייראַטהעט און דער גאנצער גרויסער פּערמעגען בעדארף יעצט געהערען צו א זשיד וועלכער טראגט דעם נאמען אסיפּ זאכארין.

— אָסיפּ זאכארין? — האט איהם טימאָפיי פּערוואונדערט אונטערבראכען — איז דאס דער זעלבער וועלכער האט צוויי מאל געשאסען אויף אלעקסייעוו׳ן און מען ווייס ניט וואוהין ער איז פערשוואונדע ?

— דאס איז דער זעלבער אָסיפּ זאכאריז, — האט חיטראָווצין מיט א פּער־דריסליכע מינע געזאגט — ער איז א געשטוילענער זשיד פון ווילנא און מעהר וויא אלץ פערדריסט מיר, וואס ער אליין קען אויך די ירושה שוין מעהר ניט בעקו־מען, ווייל ער טאר זיך אויף דער וועסער וועלט ניט ארויסווייזען, און זיין מוטער איז שוין א בעיאהרטע קראנקע פרוי, האלב בלינד און האלב געלעהמט. זיא וועט געוויס איהר גרויסען פערמעגען אפּשרייבען צו דיא אידישע עלטערן פון׳ם גע׳גנב׳־עטען קינד.

— אלזא, טאָ וואס האט עס עפּעס א שייכות צו מיין נייעם פּאספּאָרט ?

— דאס האט יא א גרויסע שייכות, — האט חיטראָווצין מיט א פעסטען טאָן געענטפערט — דוא מוזט אבער זיין א מענש.

— דוא מאכסט מיר חיטראָווצין אומזיסט דעם טוידט, — האט טימאָפיי מיט א פאָרוואורף געזאָגט — מיין ניט, אַז טימאָפיי איז עפּעס אן אינגעלע.

— וויא באלד דוא ביזט טאקי ניט קיין אינגעלע, — האט חיטראָווצין גע־לאסען ערוויעדערט — לאָמיך נאר הערען פון דיר צו דוא וואָלסט וועלען האבען א פּאספּאָרט אויף אנדריי זאכארינס נאָמען ?

— אויפ׳ן נאמען פון דעם פערשוואונדענעם פּאָדריאדטשיק ? — האט טימאָ־פיי פערוואונדערט געפרעגט.

— אהאָ, זעהסט דוא שוין, אַז דיר קומט עס זאנדערבאר פאָר !

— און ביי דיר, חיטראָווצין, איז דאס אזוי גלאַט ?

— עס קען גאָר גלאטער ניט זיין.

— אַ צוויי און צוואנציג יאָהר זיינ׳ען ניט קיין פופציג אדער זיבציג ? און יעצט ניט ריידענדיג פון זייטיגע מענשען, קען דאך דיא פרוי זאכארי[illegible] אז איך בין ניט איהר מאַן ?

— אויף אלעס איז דאָ פאַראַן א תירוץ, — האט חיטראָווצין רוהיג ערוויע־דערט — זייטיגע מענשען וועלען דיך ניט דערקענען, ווייל דער פּאָדריאדטשיק איז אוועק פון קיעוו און זיין פרוי וואוינט יעצט אין פּעטערבורג. זיא אליין וויעדער ווייס ניט פון איהר קאָפּ צו זאגען. איך האב דיר שוין פריהער געזאגט, אז זיא איז פאסט אין גאנצען בלינד און געלעהמט. זיא קען זאָגאר דיין שטימע ריכטיג ניט הערען, ווייל דיא לעהמונג האט איהר האלב טויב געמאכט.

טימאָפיי האט זיך שטארק פערטראכט.

— דאס איז באלד ניט קיין קרומער פּלאן, — האט ער נאך א לאנגע פּויזע געזאגט — אבער וויא ווערט עס א מענש אויף צוויי און צוואנציג יאהר פערלאָרען ?

— דאס וועט אלעס רעכט ווערען ! דוא מעגסט זיך שוין אויף חיטראָווצינען פערלאָזען, אז דיא זאן וועט וויא אויף פוטער אוועקגעהן און אלע צייטונגען וועלען שרייבען וועגען דיר וואונדער איבער וואונדער.

— איך טהו עס ! — האט טימאָפּיי בעשלאָסען אויסגעשריען.

— וואס דען, א נארר וועסט דוא זיין ?

— און איך וועל מוזען פער־רייזען נאך פּעטערבורג ?

— ניין, ברודער, דאס וועט אלעס אין מאָסקווא פאָרקומען, וואו חיטראָווצין געפינט זיך און ער קען דיר בעהילפיג זיין.

— דיא פרוי וואוינט דאך אבער אין פעטערבורג?

— זיא איז געסטערן מיט צוויי בעדיענטע געקומען צופאָהרען אהער אין מאָסקווא און זיא וויל אויסווירקען ביי אלעקסייעוו'ן, אז ער זאָל איהר זוהן פער־צייהען און זאָל זיך דיא מיהע געבען, אז אָסיפּ זאכארין זאָל זיך קענען אויף דער פרייהער וועלט ארויסווייזען. איהר פערמעגען בעשטעהט ניט אין קיין הייזער אָדער אימעניעס, נאר אין גוטע קייזערליכע באנק־בילעטען אדער ווינגרישע בילעטען און פאר איהר איז אלץ איינס, פעטערבורג אדער מאסקווא.

— וועט זיא נאר נאך פעטערבורג צוריק ניט פאָהרען?

— איך וועל שוין מאכען, אז זיא זאָל פערבלייבען וואוינען דא אין מאָסקווא, האט חיטראָווצין מיט א טייפעלשען שמייכעל געזאגט — און דוא וועסט פּלוצלינג אלס איהר פערלאָרענער מאן אנדריי זאכארין, וויא פון דער ערד ארויסשפּרינגען.

— אזוי זיכער ביזט דוא עס, אז דיא פּאָליציי וועט מיך ניט דערקענען?

— מאך זיך ניט טימאָפיי צום נארר!

— דיר איז גרינג צו ריידען.

— גענוג אין דיר טימאָפיי צו וויסען, אז אויסער מיר, וועט נאך זעהר א הויכע פערזענליכקייט אין דעם זיין פערמישט און וועט דיך פון דער פּאָליציי שיצען.

— מיינסט דוא ניט אלעקסעיעוו'ן אליין? — האט טימאָפיי מיט א נייגעריגע מינע געפרעגט.

— וואס חיטראָווצין וויל ניט זאָגען בעדארפסט דוא ניט וויסען, — האט חיטראָווצין מיט א שטאָלצע מינע געזאגט — מיר מאכט גאר ניט אויס, אז דוא ווילסט ניט זיין קיין יורש פון אייניגע מיליאָן. עס וועט זיך שוין געפינען א קליגערער פון דיר.

— ניין, חיטראָווצין, איך נעהם עס אן! — האט טימאָפיי מיט א בעשלאָ־סענעם טאָן אויסגעשריען — מאך מיר דעם פּאספּאָרט.

— דאס האט נאך אביסעל צייט, — האט חיטראָווצין געלאסען געזאגט — געה אריין אין דיין צימער, ווייל מיר שיינט, אז איך הער א גערויש אין פאָרצימער און באלד בעדארף מיך דא בעזוכען א הויכע פערזענליכקייט.

טימאָפיי האט זיך העפליך פאר זיין לעהרער פעו'נייגט און איז גלייך ארויס־געגאנגען.

37טעס קאפּיטעל.

## געצימבעלט אויף אַ שלאַנגען־פּעלבעל.

— וואו וואוינט דא ביי דיר אויפ'ן הויף א יונגער מענש וואָלקין? — האט געפרעגט א הויכער פּערזאָן מיט א לאנגען שווארצען באָרד דעם דוואָרניק, וועלכער איז געזעסען ביי דער טהיר פון טהויער אויף א קליין ביינקעלע און לעבען איהם אין א ווינקעל איז געשטאנען א לאנגער בעזים מיט וועלכען ער האט נאר וואס אפּגעקעהרט דעם טראָטואר.

- וויא האט איהר נעזאגט, באַרין? — האט איבערגעפרעגט דער דוואָרניק קראַצענדינ אין פּאַטעלניצע.

— וואלקין, וואוינט ביי דיר?

— וואַלקין? — האט דער דוואָרניק ווידערהאָלט — דאס איז מיר גאָר אַן אונבעקאנטער נאמען. אין מיין הויף באַרין, וואוינט קיינער ניט, וועלכער זאל הייסען וואָלקין.

— איך ווייס אבער בעשטימט, אז ביי דיר אויפ'ן הויף וואוינט א יונגער מענש מיט'ן נאמען וואָלקין, — האט דער מאן געזאגט.

— ניין באַרין, איך קען אלע איינוואוינער פון מיין הויף פּערזענליך — האט דער דוואָרניק איהם גענטפערט — און פון קיין וואָלקינען ווייס איך ניט.

— פּיעלליעבט האסט דוא עפּעס אן אורזאכע וואס דוא ווילסט עס מיר ניט פּערטרויען — האט דער מאן שטיל געזאגט — איך גיעב דיר א גאנצען פּאַפּירעל און זאג מיר, וואו איך קען איהם זעהן.

— ניין, באַטיושקאַ, — האט דער דוואָרניק גענטפּערט — אז איך וואלט וויסען פון א וואָלקין, וואלט איך אייך געוויס געזאגט גאר אהן א בעלוינונג. איך הער אבער דיעזען נאמען צום ערשטען מאל. ביי אונז אויפ'ן הויף האט קיינמאל קיין וואלקין ניט געוואוינט.

דער מאן איז געבליעבען שטעהען עפּעס וויא פערוואונדערט און האט פּערצויגען מיט די אקסלען.

— אפשר האט איהר א טעות? — האט דער דווארניק געפרעגט.

— דא איז דאך נומער 45 אין דער פּיערטער ראָטע?

— דא איז עס באַרין.

— און קיין אנדער הויז מיט דעם זעלבען נומער 45 געפינט זיך ניט אין דער פיערטער ראָטע?

— ניין, באַרין. דער נומער פון אונזער הויז איז 45 און דער נומער פון דער צווייטער איז שוין גאר 47. אבער פּיעלליעבט מאכט איהר אן אירטהום אין דעם נומער?

— איז פאראן אין דיעזער הויז אן אויבער=דוואָרניק? — האט דער מאן מיט א האלב פערצווייפעלטע מינע געפרעגט.

— איך בין, עס אליין באַרין, און איך האב אייך שוין געזאגט, אז איך קען די אלע איינוואוינער פון דיעזען הויף וויא מיינע צעהן פינגער. איהר ווייסט דאך, אז ביי אונז אין פּעטערבורג איז זעהר שטרענג.

— און קיין וואָלקין זאגסט דוא האט ביי דיר קיינמאָל ניט געוואוינט?

— ניין, באַרין.

דער מאן איז א ווילע אונטערגעשטאנען, ער האט א קוועטש געטהאן מיט די פּלייצעס און איז מוטהלאז לאנגזאם אוועקגעגאנגען. — — — —

אויפ'ן צווייטען טראטואר זיינען ארומגעגאנגען לאנגזאם צוויי מענער און האבען צווישען זיך גערעדט זעהר שטיל.

— ער איז איינער אליין — האט געזאגט איינער צום צווייט־
אליין געקומען פון מאסקווא.

— איך האב אבער געמיינט, אז נאך אימיצער פאהרט מיט איהם,
דער צווייטער שטיל געענטפערט — איך זעה אבער יעצט, אז ער איז זיך
אליין געפאהרען.

— און דאס וואס ער איז נאך אין ערגעץ ניט געווען, איז פאר אונז א גרוי־
סע מעלה, — האט דער ערשטער געזאגט — גענוג אריבער וואו מען בעדארף און
איך וועל איהם שוין אהין ברייגגען.

— זאלסט אבער זיין פארזיכטיג מיט'ן פיהרען איהם.

— דוא ווייסט דאך, אז מיר דארף מען ניט אויפמערקזאם מאכען.

— אלזא, אויף ווידערזעהן.

— דריי און איך א פיערטער זיינען גענוג, — האט ער פאר זיין אוועקגעהן
גאנץ שטיל זיין קאמעראד איינגעראמט אין אויער.

— דאס וועלען מיר שוין זעהן.

דער פערבליבענער מאן פון דיא צווי אויפ'ן געגענזייטיגען טראטואר איז
באלד אויפ'ן צווייטען טראטואר ארויסגעגאנגען און האט מיט ראשע טריט אנגע־
יאגט פון הינטען דעם הויכען מאן, וועלכער האט פאר א ווילע געפיהרט דעם
געשפרעך מיט'ן דווארניק.

— ווייסט איהר ניט באטיושקא, וויא געהט מען דא אויף נעווסקי פראס־
פעקט ? האט ער געפרעגט דעם הויכען פערזאן, וועלכער איז געגאנגען עפעס וויא
פערטראכט.

דער הויכער האט זיך אומגעקוקט.

— איך בין דא אליין אויך א פרעמדער, — האט ער איהם געענטפערט —
אבער וויא מיר שיינט, בעדארף מען צו נעווסקי פראספעקט געהן לינקס.

— פיעללייכט ווייסט איהר, וואו מען בעקומט דא אין דיעזע געגענד עפעס
ניט קיין טהייערען האטעל פיר לאזשי ? — האט דער מאן ווייטער געפרעגט.

— איך וואלט עס אייך געוויס געזאגט, — האט איהם דער הויכער פערזאן
געענטפערט — אבער איך בין נאר וואס אראפ פון צוג און האב נאך אליין אויך
קיין קווארטיר.

— איהר זוכט דא פיעללייכט עפעס א בעקאנטען ? — האט דער מאן פלוצ־
לינג א פרעג געטהאן.

— נו, טא וואס איז אז איך זוך ? — האט דער הויכער האלב פערוואונדערט
געפרעגט.

— אויב ער הייסט וואלקין, — האט דער מאן רוהיג געזאגט — קענט איהר
איהם באלד זעהן.

דער הויכער פערזאן איז אביסעל איבעראשט געווארען.

(Iron, 19).

— איך זעה, אז אונזערע ברידער האבען טאקי שכל, — האט דער הויכער מיט א שטאמעלענדע שטימע געזאָגט און האט איהם פריינדליך אנגעקוקט.

— וואס דען האט איהר הערר פּאָטאָמקין געמיינט, אז איהר האנדעלט דאָ מיט נאַררען? — האט דער מאן מיט א ליעבליכען שמייכעל געפרעגט.

— אלזא קען איך אייך רופען הערר וואָלקין? — האט פּאָטאָמקין גאנץ שטיל געפרעגט.

— טאָ וואס דען? האט איהר טאקי געמיינט, אז איך וואוין אין נומער 45, וויא מיין קאַמעראד קריוואָסאָראָוו אין מאָסקווא האט אייך אויפ'ן וואָקזאל מיין אדרעס איבערגעגעבען?

— און שוין ווייסט איהר פון אלעס? — האט פּאָטאָמקין פערוואונדערט געפרעגט.

— און ביי אייך אין אירקוטסק זיינען דען ניטא אזעלכע אויסגעמאכטע ברידער? — האט וואָלקין גאנץ שטיל געפרעגט.

— איך מוז געשטעהען, — האט דער שפּיאָן וואס רופט זיך פּאָטאָמקין גע-ענטפערט — אז ביי אייך געהט עס אלעס מיט מעהר ארדנונג צו.

— אלזא ליעבער פּאָטאמקין, קומט מיט מיר, איך געה אייך פאָרשטעלען פאר אונזער צענטראַל-קאָמיטע.

פּאָטאמקין האט א לייכטען הוסט געטהאן און האט זיך דערווייל אומ-געקוקט.

— איך וויל אייך, הערר וואָלקין, בעמיהען מיר אויפצוזוכען פריהער א קווארטיר, ווייל איך פיהל מיך זעהר מיעד — האט פּאָטאמקין עפּעס וויא צורר דערט געזאגט.

— איהר וועט לאזשירען ביי אונזערן א ברודער.

— איז ניט גלייך דאס איך זאל זיין אין דער פּאָליציי איינגעמעלדעט?

— דאס איז א זאך אויף שפּעטער; אבער פאָרלויפיג בעדאַרפט איהר זיך מעלדען אין אונזער געזעלשאפט.

— דענקט איהר טאקי מיך באַלד אהין אוועקפיהרען?

— דאס מוז באלד געשעהן, ווייל איהר זייט דער איינציגער וועלכער פעהלט צווישען אלע דעלעגאטען.

פּאטאמקין האט אריינגעשטעקט זיין האנד אין דער הויזען-קעשענע און עטליכע זילבערנע מאָנעטען האבען זיך פון דאָרט אויסגעשאָטען אויפ'ן טראָטואר.

— אין דער וועגענס ווערט פון אלעמען אש, — האט ער וויא צו זיך אליין נערעדט און האט זיך איינגעבויגען אויפצוקלייבען דאס זילבער-געלט.

וואָלקין האט בעמערקט אז קלייבענדיג דיא מאנעטען קוקט זיך פּאָטאמקין ארום אין אלע זייטען און א מאן אויפ'ן געגענזייטיגען טראָטואר שטעהט און ווישט זיך דעם שטערן מיט א ווייסע טאשען-טיכעל

— ער איז דאָ ניט געפאהרען אליין! — האט זיך וואָלקין געקלערט — דיא שפּיאָנען האבען אויך שכל זיך צו בעווארנען פון אלע זייטען.

— אט ליעגט דאָ נאך איין מאָנעטע, — האט וואָלקין געזאָגט, נאכדעם אז פאָטאמקין האט זיך שוין גלייך אוועקגעשטעלט און האט געוואָלט געהן ווייטער.

פאטאמקין האט זיך נאך אמאל איינגעבויגען און דערוויילע האט זיך וואָלקין גוט ארומגעקוקט פון הינטען.

— פערבלייבט טאקי ביי אייך, אז מיר זאלען גלייך אהין אוועקגעהן? — האט פאָטאָמקין געפרעגט.

— איך פערשטעה איבערהויפט ניט, — האט וואָלקין געזאגט — ווארום איהר שטעלט מיר שוין דעם צווייטען מאל דיזע פראגע? אלס ברודער און אלס פרעמדער אין דיזער שטאָדט בעדארפט איהר דאך געהן וואוהין איך פיהר אייך.

— איהר ווייסט דאך ברודער, — האט פאטאמקין שטיל געזאגט — וויא מען בעדארף זיין פאָרזיכטיג.

— דאס איז פון אייך זעהר פיין, הערר פאטאמקין; אבער איהר ווייסט דאך, אז איך בין אויך עפעס ניט קיין איינגעלע, וויא באלד איך בין צו דיזער מיסיאָן בעשטימט געוואָרען, ווייס איך געווים וואס צו טהאן.

— נו, לאָמיר געהן, — האט דער שפּיאָן מערזאוויצין, וועלכער פיגורירט יעצט אלס פאטאמקין ענטשלאָסען געזאגט.

— יעצט ניט, ברודער, — האט וואָלקין שטיל געזאגט — ביי אונזערע ברידער קען זיך אין איין מאָמענט מאכען אן ענדערונג.

— אָה, וואס איז אזוינס געשעהן? — האט איהם פאָטאָמקין מיט אן איבערראשטע מינע געפרעגט.

— נור געשווינגען ברודער, — האט איהם וואָלקין רוהיג ערווידערט — איהר זייט דא א פרעמדער און איהר בעדארפט זיך גענצליך פערלאָזען אויף מיר.

— אבער צו שטעהען מיר ניט אין געפאהר? — האט איהם פאָטאָמקין אין דער שטיל געפרעגט.

— שטעלט מיר קיינע פראגען, — האט איהם וואָלקין ערנסט געענטפערט — אויפ'ן גאס איז ניט דער פלאָץ דאריבער צו ריידען.

— דוא האסט געטראָפען מערזאוויצין אויף א קליגערן טייפעל וויא דוא ביזט אליין — האט זיך פאָטאָמקין געקלערט.

— אלזאָ, וואס זאָלען מיר יעצט טהאן? — האט פאָטאָמקין זיך גלעטענדיג פאר'ן שווארצען לאנגען בארד געפרעגט.

— לאָמיר דערוויילע אריינגעהן אין א טראָקטיר. קומט לאָמיר געהן אביסעל שנעלער.

זיי זיינען געגאנגען ביי א פערטעל שטונדע און וואָלקין האט צוגעפיהרט פאָטאָמקינען צו א גרויסען טראקטיר אויף באָלשאיא מאָרסקאיא אוליצא.

— דא וועלען מיר ביי א שטונדע פערוויילען, — האט ער צו פאָטאָמקינען געזאגט און האט איהם אין טראקטיר אריינגעפיהרט.

זיי זיינען אריינגעגאנגען אין א בעזונדערן צימער און וואָלקין האט געהייסען דערלאנגען א פאָרציאָן טהעע.

פאטאמקין האט געוואלט צו איהם ריידען; אבער וואלקין האט איהם געגעבען א וואונק, אז ער זאל שווייגען.

טרינקענדיג דיא טהעע האט וואלקין בעמערקט אז אין טראקטיר איז אויך אריינגעגאנגען דער מאן וועלכען ער האט בעמערקט האלטענדיג דיא ווייסע טאשענטיכעל ביי'ם שטערן וועהרענד פאטאמקין האט געקליבען דיא צושאטענע קליין-געלד.

— נו, הערר פאטאמקין — האט זיך פלוצלינג וואלקין אפגערופען — וויא פיהלט איהר זיך נאך אייער רייזע?

— עפעס זעהר מיעד און צובראכען — האט איהם פאטאמקין וויא מוטהלאז ערוויעדערט — פון אירקוטסק ביז מאסקווא האב איך מיך געפיהלט פריש און מונטער און דאס קליין שטיקעל רייזע פון אכצעהן שטונדען האט מיך זעהר מיעד געמאכט.

— ניש־קשה, איהר וועט זיך דא צווישען אונזערע ברידער גוט ערהאלען — האט איהם וואלקין פריינדליך ערוויעדערט — איך געה אייך דינגען א נומער; איהר וועט זיך א גאנצען מעת לעת אויסרוהען און איהר וועט זיך גאנץ אנדערש פיהלען.

— און אהין וועלען מיר שוין היינט מעהר ניט געהן?

— פארלויפיג ניט.

— א, זאגט מיר, וואס איז דא אזוינס געשעהן? זיינען מיר חאטש זיכער מיט אונזער לעבען?

— אזוי טהייער האלט איהר עס הערר פאטאמקין אייער לעבען? — האט איהם וואלקין וויא פערוואונדערט געפרעגט.

— צוליעב דער הייליגער אידעע! — האט איהם פאטאמקין גאנץ שטיל געענטפערט.

— דאך מוזען מיר זיין בעשלאסען אויף אלעס און מיר טארען ביי א נויט זיך ניט ווייזען וויא פייגלינגע.

— אבער ביי א נויט איז דאך פרעהליבער, ווען מען ווייס וואו מען האלט.

— קיין געפאהר, הערר פאטאמקין; אבער צוליעב פארזיכטיגקייט, וועל איך אייך יעצט אהין ניט אוועקפיהרען.

— טהוט מיט מיר וויא איהר פערשטעהט.

— איך געה אייך דינגען א נומער.

— זאל איך אייך דא אפווארטען, אדער איך זאל מיט אייך מיטגעהן?

— ווארטעט מיר דא אפ, אין א פיערטעל שטונדע ארום האט איהר מיך צוריק.

— נו, זאל זיין אזוי.

וואלקין איז ארויסגעגאנגען.

— מיר קעמפפען מיט א צוגרויסע קראפט! — האט זיך דער שפיאן געקלערט — דאס זיינען אויסגעמאכטע יונגען איינער אין איינעם. ווער ווייס וויפיעל אזעלכע

מענשען האט אונזער פאטערלאנד? נור איינינע הונדערט זיינען שוין גענוג אז דער קאפ זאל אויף אונזער באטיושקא אלכסנדר'ס אקסלען ניט איינשטעהן!

— וואוהין איז ער אוועקגעגאנגען? — האט נעפרעגט דער מאן פון דער ווייסער שנופ־טיבעל אריינגעהענדיג צו מערזאווצינען אין צימער.

— דוא ביזט א טויגעניכטס בורלאקאוו! — האט איהם פאטאמקין צארניג געזאגט — דוא טוינסט אזוי פאר א שפיאן וויא אן עזעל צו א לייטער.

— וואס איז דאס עפעס פאר א פארוואורף? — האט איהם דער מאן ער־שטוינט געפרעגט.

— ווייל דוא קענסט ניט דיא חברה, דוא מיינסט אז דוא האסט צו טהאן מיט עזלען וויא דוא ביזט.

— דוא ביזט אליין א גרויסער עזעל! — האט איהם בורלאקאוו צארניג ער־ווידערט — האסט דוא געהערט א ביסעל?

— און דוא האלסט זיך נאך פאר א חכם!

— זאג, אדרבא, וואס פאר א נאררישקייט בין איך דא בעגאנגען?

— אז א שפיאן שפיערט נאך, בעדארף דער נאכגעשפיערטער דאס ניט בעמערקען ווען ער זאל אפילו האבען טויזענד קעפ מיט צוויי טויזענד אויגען.... פערשטעהסט דוא מיך?

— דוכט זיך, אז איך האב געטהאן אלץ וויא עס איז אפגערעדט געווארען.

— יעצט גער זוך איהם! — האט מערזאווצין קריצענדיג מיט דיא צייהנער געברומט — א נארר ווערט ער זיין און נאך אמאל קומען.

— האט ער זיך אין גאנצען אויסגעדרעהט?

— ווייס דיך דער טייפעל מיט איהם צוזאמען! ער האט געזאגט, אז ער נעהמט מיר בעשטעלען א נומער; אבער איך דיינק, אז ער ווערט שוין מעהר ניט קומען אהער.

— יעצט זעה איך טאקי אז דוא ביזט אליין אן עזעל! — האט איהם בור־לאקאוו געזאגט — וויא אזוי הייבסט דוא גאר אן צו דיינקען אז ער ווערט שוין צוריק ניט קומען?

— ווייל ער איז קלינער פאר דיר.

— נו, זאל זיין אז ער איז שוין יא קלינער פון מיר; אבער וויא באלד ער בעטראכטעט דיך פאר סערגיי פאטאמקין, איז דאך גאר אונמעגליך אז ער זאל צוריק ניט קומען.

— מיר קענען גאר ניט פערשטעהן וואס אזעלכע חברה־לייט דיינקען, — האט מערזאווצין פערדריסליך געזאגט — איך קען דיר מעהר ניט זאגען, אז דוא האסט דא געהאנדעלט וויא אן אידיאט. פריהער האב איך דיך גאר ניט געזעהן. איך האב געמיינט דאס דער טייפעל האט דיך צוגעבאפט. איך האב דאהער אנדערש גע־מוזט מיט איהם ריידען ווייל איך האב איינפאך מורא געהאט מיט איהם אליין אוועקצוגעהן, און נאכהער וויא איך האב דיך שוין יא דערזעהן, ביזט דוא צו נאהענט געשטאנען, אז א בלינדער וואלט דיך אויך בעמערקט. הייסט, אז דוא האסט

געהאנדעלט וויא אן אידיאט. און איך האב צוליעב דיר געמוזט דרעהען מיט'ן צונג, גלויב איך, אז ער האט געוויס פערשטאנען דאס איך בין ניט סערגיי פאטאמקין.

— פאר אזוי קלוג זאלסט דוא איהם ניט האלטען,—האט בורלאקאוו געזאגט.

— דוא ועסט אָבער זעהן, אז איך פערשטעה אן עסק.

— זאל איך איהם אפשר געהן זוכען?

— קיין זוכעניש קען דא שוין גאר ניט העלפען. וויא באלד ער האט דעם קונץ פערשטאנען, וועסט דוא איהם שוין מעהר ניט אויסגעפינען.

— ער קען עס ניט פערשטעהן; אבער ווען ער פערשטעהט עס אפילו יא, קען מען איהם לייכט אויסגעפינען; ער איז דאך נור וואס אוועקגעגאנגען.

— טהו וויא דוא פערשטעהסט; אבער וויא באלד דוא געהסט איהם יא זוכען, מוזט דוא מיר דא בעזארגען מיט אן אנדער געהיים־אגענט. טאמער קומט ער און ער וויל מיך עבען אוועקפיהרען, האב איך אנגסט אליין דארט צו געהן.

— איך וועל זיך אריינבאפען אין אן אוטשאסטאק — האט בורלאקאוו געזאגט — און וועל דיר א שפיאָן אהער אריינשיקען.

— טהו וויא דוא פערשטעהסט.

בורלאקאוו איז ארויסגעלאפען.ביידע שפיאָנען האבען ניט געוואוסט, אז אין דעם צווייטען צימער פון זייערן איז געזעסען וואָלקין מיט נאך אייניגע יונגע מענשען און האבען געהערט דורך א געהיימע וואנט רעהרעל ווארט אין ווארט וואס זיי האבען דא צווישען זיך גערעדט, וויל טאקי אין יענעם צימער פון'ם טראקטיר זיינען טאג טעגליך אבגעהאלטען געווארען ניהיליסטישע פערזאמלונגען. דעם גרויסען טראקטיר האבען געגרינדעט דיא ניהיליסטען און דארט איז געווען זייער זיכערסטער פערזאמלונגס פלאץ.

— וואס מאכט מען דאָ מיט איהם? — האט וואָלקין זיינע קאמעראדען געפרעגט.

— א קויל אין שטערן! — האט זיך איינער אפגערופען.

— ניין פריינד, — האט וואלקין איהם געענטפערט — וויא באלד מיר טוידטען איהם, ווערט גרעפין אנדריאנאָווא מיט איהרע קינדער אין מאסקווא אונגליקליך גאר אהן א האָפנונג. לאמיר איהם פיעללייכט גלאט לאָזען זיצען ביז איבער־א־יאהר און ווארטען.

— ניין, מען מוז איהם אנלערנען! — האט אן אנדערער געזאגט.

— שמייסען ביז בלוט! — האט זיך א דריטער אפגערופען.

— דאס איז ווירקליך א פלאַן! — האבען אלע איינשטימיג געזאגט.

זיי האבען א ווייל צווישען זיך אין דער שטיל גערעדט און זיינען זיך צוגאנגען.

— — — — — — — — — — — — — —

מערזאוועץ איז געזעסען אין צימער און האט געוויכט א ציגאר און פון מי־נוט צו מינוט איז ער אלץ געווארען מעהר אונגעדולדיג און מעהר אויפגערעגט. נאט האט איהם צוגעשיקט אזא מציאה, ער האט געקענט אריינטרעטען וויא א וואָלף אין א סטאדע שעפסען; ענדליך האט ער אדער זיין קאמעראד (וועלבער

איז איהם נאכגעפאהרען פון מאָסקווא) דאס אזוי פערפושט, אז עס איז א חרפּה אויסצוזאָגען.

— ער וועט געווים מעהר ניט קומען! — האט ער זיך געקלערט און האט אזש געציטערט פאר פערדרוס.

פּלוצלינג איז צו איהם אין צימער אריינגעגאנגען א הויכער, קרעפטיגער מאן פאסט מיט א האלבען קאפּ העכער פון איהם.

— איך בין א געהיים־אגענט פון אוטשאסטאָק — האט ער צו איהם שטיל געזאגט — בורלאַקאָוו געהט ארום און זוכט עפּעס איינעם א וואָלקין. ער האט מיך צו אייך געשיקט.

— גוט, — האט מערזאוועצין געזאגט — געהט אריין אין צווייטען צימער און וויא באלד עס וועט קומען צו מיר א מאן און איך וועל מיט איהם אוועקגעהן אדער אוועקפאהרען, זאלט איהר אונז נאכשפּירען און ביי א נויט זאלט איהר מיר זיין צוהילף.

— זיי האבען צווישען זיך א קליינע ווילע זיך געסודעט און דער הויכער מאן איז אריינגעגאנגען אין פאָר־צימער.

— אומזיסט מיין ארבייט! — האט זיך מערזאוועצין ווייטער געקלערט — איך דיינק אז ער וועט שוין מעהר זיך ניט ווייזען!

ער איז אבער באלד איבערראשט געווארען זעהענדיג פאר זיך וואָלקינען.

— קומט, העררר פּאָטאָמקין, — האט וואָלקין געזאגט אריינלויפענד צו איהם אין צימער און איהם ערגרייפענד פאר'ן האנד — קומט שנעלער.

— טאַקי אין א נומער? — האט איהם פּאָטאָמקין תם'עוואטע געפרעגט.

— ניין, אין צענטראל־קאָמיטעט — האט איהם וואָלקין שטיל און ערנסט געענטפערט — דער געפאהר איז פאָראיבער; אבער שנעלער.

— וואָלקין האט פּאָטאָמקינען פון א זייטיגע טהיר ארויסגעפיהרט און אין איינע מינוט ארום זיינען זייביידע געזעסען אין א האלב פערמאַכטען עקיפּאַזש, וועלכער איז פון טראַקטיר אבגעפאהרען.

— פון דעסטוועגען וואָלט ניט געשאדעט זיך אומצוקוקען אביסעל פון הינטען! — האט פּאטאמקין געזאגט צו וואָלקינען, ווען זיי זיינען שוין א פּאר גאסען דורכגעפאהרען — א מאָל דענקט מען אז דער געפאהר איז אריבער און דאָך קען נאך עפּעס געשעהן! — און דער ווי... אט פּאָטאָמ... זיך אומ־געקוקט און האט מיט צופריעדענהייט געזעהן, וויא יענער הויכער פערזאָן פאהרט איהם נאך אויף א דראָשקע.

— אויף מיין אחריות ברודער, — האָט וואָלקין געזאגט — איך בין דאָ אין פּעטערסבורג ניט קיין גאסט. איך וויים וואס איך האב צו טהאָן און א פּאָרזיכ־טיגערע מענשען אלס א פּעטערבורגער גענאָסע וועט איהר אין דער גאנצער וועלט ניט געפינען.

— א מענש קען קיין זאך ניט אויסרעכענען, — האט דער שפּיאָן מיט א

נאאיווע מינע געזאגט — אין מאסקווא האב איך געקענט וויא א „האאר פון מילך" ארייגפאלען.

— און דא אין פעטערסבורג טהוען מיר נ י ה י ל י ס ט ע ן ; וואס מיר ווילען — האט וואלקין מיט א שמייכעל שטיל געזאגט — מיר האבען זאגאר א געהיים־אגענט דא ניט לאנג אפגעשמיסען, אז עס איז געגאנגען א רויך.

— א געהיים־אגענט אפגעשמיסען ?

— ביז בלוט, ליעבער פאטאמקין....

מערזאווצין האט דערפיהלט א לייכטען שוידער דורך אלע ביינער.

— אזעלכע נאררען זיינען עס פעטערבורגער געהיים־אגענטען ?

— זיי זיינען אפילו גאנץ קלוגע יונגען ; אבער מיר זיינען נאך גלינער פון זיי.

— און ביי א ו נ ז אין א י ר ק ו ט ס ק זיינען אונזערע ברידער יעדע ווייל'ע אין געפאהר.

— אירקוטסק נעגען פעטערבורג איז א קליין שטעדטעל ; דארט קען דיא פאליציי יעדען מענשען פערזענליך ; דא אבער איז א גרויסער מעער, און אז מיר ווילען שמייסען מיר אונזערע פיינדע, אז עס פאלט פון זיי שטיקער פלייש....

מערזאווצין האט זיך אינסטינקטיוו אומגעקוקט און איז געווארען פיעל פרעה־ליכער דערזעהענדיג דיא דראשקע פון הינטען...

וואלקין האט זיך געמאכט ניט זעהענדיג.

— דער געשמיסענער שפיאן — האט וואלקין ווייטער געשמועסט — האט זיך ביי דעם פינף און צוואנציגסטען שמיץ אנגעהויבען צו שווערען, אז ער וועט ווערען א הייסער ניהיליסט אבי מען זאל איהם אפלאזען ; דערפאר אבער האט מען איהם אפגעצעהלט נאך פינף און צוואנציג.

— אך, וואס פאר א זיסע ראכע ! — האט דער פאלשער פאטאמקין מיט אן ערנסטען שמייכעל געזאגט — ביי אונז אין אירקוטסק אבער, היטען מיר זיך פאר דיא שפיאנען וויא פאר פייער.... א, וויא דערלעב איך שוין זיין אין צענראל־קאמיטעט און דערצעהלען אונזערע ברידער וויא ניעדערטרעכטיג און טיראנייש עס ווערען אונזערע ברידער בעהאנדעלט, ווען זיי פאלען דארט אריין אין דיא הענד פון דער הינטישער געהיים פאליציי ! איך וועל מאכען א פארשלאג, אז אונזערע ברידער זאלען זיך א נעהם טהאן אויך צו דיא שפיר־הינד און אלע בעאמטע פון טרעטאיע אטדעלעניע, אז מען זאל גרינדען בעזאנדערע געזעלשאפטען צו פערניכ־טען יענע בעסטיעס וויא ווייט מען קען נור ; דען זיי זיינען דיא איינציגע, וועלכע שטעהן אונז אין וועג און דערלאזען אונז ניט צו ערדייכען אונזער הייליגען ציעל.

— אייער פארשלאג, העדר פאטאמקין, וועט געוויס דורכגעפיהרט ווערען מיט ערפאלג ! — האט וואלקין ליעבליך געזאגט מיר האבען אין אונזער געזעלשאפט פיעלע טערראריסטען, וועלכע האבען שוין פיעלעס אויפגעטהן און ניט איין קאפ איז שוין פון אונזערע פיינדס אקסלען אראפגעפלויגען....

— און אזוי ווערט טאקע יעדע רעוואלוציאנערע אידעע דורכגעפיהרט — האט פאטאמקין מיט א בעגייסטערטע מינע ווייטער גערעדט — אין אירקוטסק

זיינען מיר שוואך; אונזער גאנצע געזעלשאפט בעשטעהט פון פינף און צוואנציג מענשען אונגעפעהר. דא אבער אין מאסקווא האבען מיר דאך הונדערטער פרייהייטס־קעמפפער.

— הונדערטער? — האט איהם וואלקין מיט א שמייכעל אונטערבראכען. — וויא איך זעה ליעבער ברודער, האט איהר אין אירקוטסק גאר קיין בעגריף ניט וואס הייסט געהיימע געזעלשאפט אין רוסלאנד! ווייסט איהר, אז נור אין פעטערבורג אליין בעשטעהט אונזער געהיימ־בונד אין איניגע טויזענד פערזאן?

— אזוי ווייט האב איך ניט געוואוסט, — האט פאטאמקין מיט א נאאיווע מינע איהם געענטפערט.

— איהר וועט עס שוין ליעבער ברודער באלד וויסען! — האט איהם וואלקין שאר ערוויעדערט — אונזער צענטראל קאמיטעט וועט אייך אלעס ערקלערען און וועט אייך באלד געבען א מיסיאן.

— איז נאך ווייט פון בעשטימטען פלאץ?

— מיר זיינען שוין אונטער דער שטאדט; מיר דארפען נאך אריינפאהרען אין א קליין וועלדעל וואו דארט ווערט אפגעהאלטען אונזער פערזאמלונג.

— גאר אונטערן פרייהען הימעל?

— פרייהייט האט ליעב פרייהייט, — האט איהם וואלקין מיט אן ערנסטע מינע געענטפערט — מיר האלטען אונזער פערזאמלונג אין וואלד און אונזערע מיטגליעדער קומען אהין צופאהרען אויף וועלאסיפעדען (בייסיקלאך).

— דאס איז ווירקליך א גוטער איינפאל; אבער פירבטעט איהר ניט פאר'ן קוטשער וועלכער פיהרט אונז?

— דיינקט איהר טאקע, אז ער איז אן איינפאכער קוטשער? — האט איהם וואלקין פערוואונדערט געפרעגט.

— יעצט זעה איך טאקע, אז ביי אייך געהט אלעס קלוג צו.

— וואס דען, הערר פאטאמקין, איהר שפיעלט זיך מיט פעטערבורגער געהיימ־בונד?

פאטאמקין האט אויסגעשנייצט דיא נאז און האט זיך דערוויילע אומגעקוקט.

— ער איז א געניטער קערל, — האט ער זיך געקלערט דערזעהענדיג פון ווייטען דיא דראשקע וואס פאהרט איהם נאך — פעטערבורגער געהיים־אגענטען זיינען אויך ניט קיין אינגלאך.

— שטעה! — האט וואלקין צום קוטשער א געשריי געטהאן.

דער עקיפאזש האט זיך אוועקגעשטעלט.

וואלקין און נאכהער פאטאמקין זיינען פון עקיפאזש ארויסגעשפרונגען.

— יעצט אביסעל צופוס! — האט וואלקין געזאגט אריינשטעקענד דעם קוטשער עפעס אין דער האנד און איהם הייסענד פאהרען צוריק.

דער קוטשער איז אוועקגעפאהרען און ביידע קאמעראדען זיינען אריינגעגאנגען אין וועלדעל.

זיי זיינען ביי א פיערטעל שטונדע געגאנגען צווישען געדיכטע ביימער

און זיינען ענדליך דערגאנגען צו א שטיקעל ליידיג פעלד וועלכען דער וואלד רינגעלט ארום וויא א שלאָס-מס.

— דאָ איז דער פּלאַץ, — האט וואָלקין מוטהיג געזאָגט און האט זיך אוועק-געזעצט אויפ'ן גראָז.

פּאָטאָמקין האט געוואָרפען מיט דיא אויגען און האט קיינעם ניט געזעהן.

— דאָ איז דאָך קיינער ניטאָ! — האט ער צו וואָלקינען געזאָגט.

— באלד וועלען אלע זיין — האט איהם וואָלקין געענטפערט — ביטע ברודער זעצט אייך אניעדער.

פּאָטאָמקינען איז פאַרגעקומען וואָלקין'ס בעטען איהם זיצען עפּעס אביסעל געביטעריש. ער האט זיך אבער באלד אוועקגעזעצט.

וואָלקין האט זיך פערטראַכט און פּלוצלינג האט ער א לאַך געטהאן.

— אָ, איז דאָס א פּלאַץ! איז דאָס א פּלאַץ! — האט ער וויא צו זיך אליין גערעדט — ער איז דאָ כמעט געבליעבען ליעגען טוידט.... מיר האָבען איהם אזוי פיעל געשמיסען, אז עס האט זיך גענאָסען בלוט.

— אלץ וועגען דעם געשמיסענעם שפּיאָן רעדט איהר עס? — האט איהם פּאָטאָמקין מיט א שמייכעל געפרעגט — וויא איך זעה קענט איהר עס גאר ניט פערגעסען.

— געשמיסען איז נאך ערגער וויא א קוגעל אין קאָפּ — האָט איהם וואָלקין שמייכלענד געזאגט — פון א געשמיסענעם לאַכט דיא וועלט און קיינער האט מיט איהם קיין מיטלייד.... ער האט אריינגעחאַפּט ביי א הונדערט פּייטשע ריטער און האט זיך אפילו געשעהמט דאָס דערצעהלען אין „טרעטאָיע אָטדעלעניע".

— דאס איז ווירקליך א גוטע ראַכע! — האט פּאָטאָמקין מיט א שמייכעל געזאגט — און האט געראַטשעט מיט זיינע שפּיאָנישע אויגען, וועלכע האבען געזוכט זיין שומר — דעם נייעם שפּיאָן.

וואָלקין האט פּלוצלינג א פייף געטהאן און פינף קרעפטיגע יונגע מענשען זיינען פון צווישען דיא בוימער וויא פון דער ערד ארויסגעשפּרונגען.

פּאָטאָמקין איז אזוי איבערראַשט געוואָרען אז עס האט איהם פערהאַקט דער אָטהעם; אבער ער האט באלד געפּאַסט מוטה און האט זיך געמעבטיגט אויסצודריקען א גלייכגילטיגע מינע.

דיא יונגע מענשען זיינען צו דעם גאסט צוגעגאנגען.

— איך בעעהרע מיך ברידער פאר אייך פאַרצושטעלען אונזער טהייערען לאַנג-ערוואַרטעטען גאסט וואסילי פּעטראָוו פון אירקוטסק, — האט וואָלקין געזאגט זיך אויפהויבענד צוגלייך מיט פּאָטאָמקינען פון באָדען.

אלע האבען איהם פריינדליך געגעבען דיא הענד.

— זיי אונז ווילקאָמען ליעבער ברודער — האבען זיי אין איין שטימע אויסגע-שריען — עס לעבע דיא פרייהייט! עס לעבע דיא אידעע צו פערניכטען אלע טי-ראַנען און באַנדיטען!

— זיי פערשטעהען קדחת! — האט זיך פּאָטאָמקין געקלערט.

— עס פרעהט מיך זעהר טהייערע ברידער אייך צו זעהן! — האט פּאָטאָמ־קין מיט טרעהרען אין דיא אויגען אויסגעשריען און האט זיך באלד צוהליפּעט.

— דוא ביסט א טהייערער שורקע! — האבען דיא ברידער זיך געקלערט.

— אלזאָ, ברודער, לאָמיר זיך אוועקזעצען! — האט איינער פון דיא פינף יונגע מענשען צו איהם געזאגט — מיר האבען דא א וויכטיגע זאך צו בעהאנדלען.

אלע האבען זיך אוועקגעזעצט.

— נו, וואָס מאכט איהר ליעבער פּעטראָוו? וויא געהט עס אייך? וואָס הערט זיך עפּעס אין אירקוטסק? — האט איהם דערזעלבער יונגער מענש גע־פרעגט — איך בין פּרעזעדענט אין אונזער יעצטיגער קליינער פערזאמלונג, וועלכע וועט באלד ווערען גרעסער און גרעסער.

— וואָס זאָל איך מאכען, טהייערער ברודער? — האט פּאָטאָמקין מיט א טרויעריגע מינע איהם ערוויעדערט — איך בין קוים לעבעדיג אהער געקומען. דורכ־צומאכען אזא שרעקליכע רייזע אין אזא לאנגע, זעלבסטפערשטענדליך, אז דאס איז שווער און געפעהרליך; אבער גאָט זיי דאנק וואס איך האב שוין דערלעבט צו זיצען אין דער געזעלשאפט פון צענטראל־קאָמיטעט.

— ניט נור זיצען, זאָנדערן אויך ל י ע ג ע ן! — האט זיך דער פּרעזידענט מיט א שמויכעל אפּגערופען.

— וו־אָ־אָ־אָ־ס? — האט פּאטאמקין געפרעגט און האט איהם מיט א משונה׳־דיגע מינע אנגעקוקט אין דיא אויגען.

— אלס פּרעזידענט פון דער ניהיליסטישער געזעלשאפט, — האט געענט־פערט דער יונגער מענש ציהענד געלאסען יעדער וואָרט — הייס איך אייך, הערר פּאָטאָמקין אדער פּעטראָוו, זיך באלד אוועקלייגען!

— איך פערשטעה ניט וואס מיינט איהר מיט דעם? — האט דער שפּיאָן מיט א ציטערענדע שטימע איהם ערוויעדערט און האט אויסגעשטעלט א פּאר נאַאיווע תמ׳וואטע אויגען.

— איך ווייס אז איהר פערשטעהט ניט, — האט איהם דער פּרעזידענט רוהיג געענטפערט — איהר זייט א גאסט אין אונזער געזעלשאפט און איהר ווייסט ניט אונזערע זיטען.

— ניין, ער פערשטעהט יא, — האט זיך וואָלקין רוהיג אפּגערופען — איך האב איהם דיא גאנצע וועג געגעבען אנצוהערעניש, אז א קלוגער דעלעגאט פון אירקוטסק וויא אונזער הערר פּאָטאָמקין, בעדאַרף עס פערשטעהן....

— אלזא, הערר פּאָטאָמקין, — האט איהם דער פּרעזידענט מיט א גאנץ געלאסענע שטימע געזאגט — מאכט ניט קיין שיחות; מיר זיינען אלע פערנומענע מענשען און האבען קיין צייט ניט צו פערוויילען. לייגט אייך אוועק!

מערזאוועץ איז האסטיג פון זיין שטעלע אויפגעשפּרונגען און האט געוואלט מאַכען פּיס.

— ניין, ברודער, — האט וואלקין איהם ערגרייפענד פאַרן קראגען געזאגט —

אן אירקוטסקער דעלעגאט טאָר ניט זיין קיין טרוס (פייגלינג), לייגט אייך שוין אוועק, — אז ניט וועט איהר ערגער מאכען.

— זייט איהר וואָהנזיניג ? — האט דער שפּיאָן איהם געפרעגט — אזוי בע־האנדעלט איהר אן אירקוטסקער דעלעגאט !

— לייגט איהם אוועק דעם שורקע ! — האט דער וואס האט זיך גערופען פּרעזידענט אויסגעשריען.

וואָלקין מיט דיא איבעריגע פיער פּערזאָן האבען דעם שפּיאָן א נעהם גע־טהאן אין דער לופטען און האבען איהם אויסגעצויגען אויפ'ן גראָז גלייך וויא א סטרונע.

— קאַראַאול ! קאַראַאול ! — האט דער שפּיאָן ניט מיט זיין שטימע געשריען.

פון צווישען דיא ביימער איז באַלד ארויסגעלאָפען דער הויכער מאן וועלכען בורלאקאָוו האט איהם געשיקט אלס געהיים־אגענט פון אוטשאסטאָק, און האַל־טענדיג א רעוואָלווער אין האנד איז ער צו דיא יונגע מענשען צוגעלאָפען.

— שיס ! ! — האט מערזאָוועצין מיט אלע קרעפטען געשריען.

— דיר הונד אין קאָפּ אריין ! — האט דער הויכער אויסגעשריען אנשטעלענד דעם רעוואָלווער געגען מערזאָוועצין'ס שטערן — איין הויך קול, דערשיס איך דיר לומפּ, וויא א הונד !

מערזאָוועצין האט ניט קיין צייט געהאט זיך צו בעטראַכטען. אין א י י ן מאָמענט איז ער שוין געלעגען מיט'ן פּנים אראָפּ. צוויי זיינען איהם געזעסען אויפ'ן קאָפּ, צוויי אויף דיא פיס, דיא קליידער אויף איהם זיינען צוריסען געוואָרען און זיין שלאנגען־פעהלכעל איז געבליעבען נאקעט.

— צוואנציג מאָל פוןביידע זייטען ! — האט דער פּרעזידענט בעפוילען.

עס האט זיך געהערט א דומפּפער גערויש פון נאַסע ריטער און מערזאָוועצין'ס פעהלכעל איז געוואָרען שטעלענווייז בלוי וויא מילץ און שטעלענווייז נאס פון בלוט.

— מיטלייד ! — האט דער שפּיאָן מיט א פערשטיקטע שטימע געברומט.

— וואו איז וואסילי פּעטראָוו ? — האט דער פּרעזידענט איהם געפרעגט.

— איך....א....—האט דער געשמיסענער געשטאמעלט.

— צוואנציג מאל פון ביידע זייטע ! — האט דער פּרעזידענט געלארעמט.

— אָי, אָי, איך זאָג.... אויף מיין וואָרט איך זאָג....

— וואס ניבער !....ניטאָ קיין צייט !....

— אין אסטראָג.

— דורך וועמען איז ער אין אסטראָג אריינגעפאלען ?

— דורך מאריא זלאָדייקינא.

— וואו איז מאריא זלאדייקינא ?

— איך ווייס ניט....

— צוואנציג מאָל פון ביידע זייטען !

צוויי הענד פון ביידע זייטען האבען אָנגעהויבען צו שמייסען.

— האלט! — האט דער שפּיאָן מיט אלע קרעפטען געשריען — זיא איז אין מאָסקווא.

— וואו וואוינט זיא?

— אין האָטעל „ערמיטאַזש“.

— אונטער וועלכען נאמען?

— וויא איך האב אייך געזאָגט.

— און וויא הייסט דוא אליין?

— פאַ—אל—קין! — האט דער שפּיאָן זיך פערהאקענד געענטפערט.

— פאלקין? דוא זאָגסט א ליגען.... שמייסט.

דיא ריטער וועלכע האבען זיך אויף א ווילע אפּגערוהט, האבען ווייטער געשמיסען.

— מערזאַוועצין! געוואלד, מערזאַוועצין!....

— שינט דיא הויט!

ביידע הענד פון דיא שמייסער האבען אָנגעהויבען זיך צו בעוועגען האסטיגער.

— געוואלד האט מיטלייד! איך הייס מערזאַוועצין, ביי גאָט, מערזאַוועצין!

— טאַקי מערזאַוועצינען מיינט מען עס! — האט דער פּרעזידענט געלאסען געזאָגט.

— געוואלד, מיטלייד! איך שטארב!

— און וויפיעל מענשען זיינען צוליעב דעם הונד געשטאָרבען? — האט דער פּרעזידענט פייערליך געשריען.

— איך וועל פון יעצט אָן אנדערש ווערען.

— אלץ איינס, פאלקין אָדער מערזאַוועצין, מיר שמייסען דיר פאר דער פערגאנגענהייט. פאר דער צוקונפט וועסט דוא אייך אָפּגעצאָהלט ווערען נאך דיין ווערטה....

— געוואלד, מיטלייד! איך געה אוים! איך שטארב!.... ווייב און קינדער!

— און וויפיעל אונגליקליכע מענשען וועלכע האבען אויך ווייבער און קינדער האסט דוא לומפּ אין אונגליק געשליידערט? וויפיעל שמאכטען יעצט אין דיא אָסטראָגען? וויפיעל זיינען בעגראָבען אונטער דיא סיבירישע מינען?

— געוואלד, מיטלייד! — האט דער שפּיאָן שוין מיט א שוואכע שטימע געברומט — איך שטארב אונטער אייערע הענד!

— גענוג!

דיא שמייסער האבען דיא ריטער אַוועקגעוואָרפען און זיערע מיטהעלפער האבען דעם האלב-טויטען שפּיאָן פריי געלאָזען.

ער האט זיך אבער פון דער ערד מעהר ניט געקענט אויפהויבען.

— אדיע, וואסילי פּעטראָוו, לעבען זיא וואָהל! — האט דער פּרעזידענט מיט א שניידענדען טאָן געזאָגט — מיר האבען דיך ניט געטוידטעט אום דוא זאלסט א ברירה האבען טאַקי צו ווערען אנדערש, וויא דוא האָסט פריהער געזאָגט. פאר דיינע צוקינפטיגע זינדע, וועט דיך דיא נאַטור אליין בעשטראָפען, אויב דוא וועסט

אָבערמאלס אין אונזערע הענד ניט אריינפאלען; ריידענדיג האט ער פון זיין טאש ארויסגענומען א קליין פלעשעל קאָניאַק מיט א פעקעל ציגארען און האט עס לעבען איהם אוועקגעלייגט.

— אדיע פאלקין!

— אדיע מעריזאוצין!

— אדיע וואסילי פעטראָוו!

— אדיע סערגיי פאָטאָמקין! — האט יעדער איינער בעזונדער געזאָגט און זיי זיינען באלד אין דעם טיעפען וואלד צווישען דיא געדיכטע ביימער פערשוואונדען געוואָרען.

38טעם קאפיטעל.

## פרייהייטס קעמפפער.

ווייט אין באָנאראָדסקער וואלד אונטער „סאָקאָלניקי״ לעבען מאָסקווא, וואו עס איז ניט צוזעהן א פוס פון א שפאצירענדען איז אום זעקס אוהר אבענדס געגאנגען א יונגער בויער מיט דריי קליינע קערבלאך אין דיא הענד. ער האט זיך אלע מאָל איינגעבויגען און וואו ער האט דערזעהן א שוואום אונטער א בוים, האט ער עס אויסגעריסען און אין זיינע קערבלאך אריינגעלייגט. גאנץ ווייט פון איהם אויף דעם ברייטען וועג, איז געפלויגען א יונגע דאמע אויף א וועלאָסיפעד (בייסיקל) און מיט איניגע מינוטען שפעטער האט זיא איהם אָנגעיאָגט. דיא יונגע דאמע איז פון איהר בייסיקל אראָפגעשפרונגען און נאכהער וויא זיא האט זיך איניגע מאל פון אלע זייטען ארומגעקוקט, איז זיא לאנגזאם צום יונגען בויער צוגעגאנגען.

— זאכארין! — האט דיא דאמע צו איהם געזאגט און צוויי גלענצענדע טרעהרען האבען זיך פון איהרע פייערינע שווארצע אויגען ארויסגעוועלצט — דוא האסט נאך צייט זיך אומצוקוקען וואו דוא ביזט אין דער וועלט! דיין קראנקע מוטער איז געקומען פון פעטערבורג שוין זייט איניגע טעג, און זיא בעט זיך ביי דעם שלאנג, ער זאל זיך אויף דיר דערבארעמען און דיין פערברעכען פערצייהען; דאס ערגערט מיך ביז צום טוידט. זיא ווייס ניט אז ווען דער שלאנג זאל אפילו זיין גיפט פערליערען, ביזט דוא גאר אויסער דעם א הייסער ניהיליסט. אָ ליעבער זאכארין, קוק זיך צייטליך ארום. דוא בעדארפסט אין מאָסקווא, אין רוסלאנד גאָר ניט פערבלייבען. דיך ערוואַרטעט דאָ דער גאלגאן און אויך מיין לעבען איז דאדורך אין קאָן. איין ווייל אהן דיר וועל איך ניט קענען לעבען. — געוואלד, ליעבער זאַכארין, האב מיטלייד מיט זיך און מיט מיר. דוא וועסט אויך פון אן אנדער לאנד קענען פיהרען דיין קאמפף. איך וועל דיר מיט אלע קרעפטען מיטהעלפען און אונזער לעבען וועט ניט זיין אזוי אין געפאהר!

— ליעבע, טהייערע בערטהא! — האט דער בויער איהר ערגרייפענד פאר ביידע הענד מיט א ריהרענדע שטימע געזאגט — דוא ביזט נאך יונג מיין טהייערע דוא פערשטעהסט ניט וואס הייסט א הייליגע אידעע, וואס הייסט א געדאנק צו בעפרייען הונדערט מיליאָן אונגליקליכע פון אן אייזערנעם יאָך! דיעזע אידעע איז

בײ מיר הײליגער אלס מוטער-ליעבע און הײליגער פון דיר, מײן ענגעל!

— אבער איך ראטה דאך דיר ניט דײן געװעהר פון האנד אװעקצולײגען,— האט דאס מעדכען ביטערליך איהם ערװיעדערט — איך, אלס אידיש קינד און אלס מענשען פרײנדין בין איך װיא דוא געזאנען. איך בין אויך מיט לײב און זעעלע פאר דער אידעע צו פערניכטען דיא טיראנען; אבער װאצו האבען מיר נײטהיג מאסקװא?

— װײל דא מוז דער טיראן מיט זײן געזינדעל בעגראבען װערען?

— װעט אויפשטעהן אן אנדער טיראן! — האט דאס מערכען איהם זיפצענד ערװיעדערט — זא לאנג דאס רוסישע פאלק איז נאך אזוי װילד און פערגרעבט, װעלען דיא טיראנען אײביג איהם בעהערשען. מיר בעדארפען דערצו געברויכען גאר אנדערע געװעהר, און דאס זײנען געדרוקטע בוכשטאבען. מיר מוזען דעם פאלק אויסבילדען און איהם ערקלערען װאס הײסט פרײהײט, װאס הײסט זעלבסט־שטענדיגקײט.

— דיעזע פראפאגאנדע, מײן טהײערע, געהט שוין לאנג אין רוסלאנד — האט איהר זאכארין רוהיג ערװידערט — און ביז דער רוסישער פאלק װעט זיך אויסבילדען און אלײן פערשטעהן װאס ער האט צו טהאן, װעט פון א הם דערװײלע װערען א בארג מיט אש. דיא טיראנישע רעגיערונג דריקט איהם פון יאהר צו יאהר אלץ שטארקער און שטארקער, זיא מאכט דאס פאלק פאר פיאניצעס (שכורים) און נעהמט פון איהם צו דעם לעצטען פערהארעװעטען גראשען און דאס גאנצע פאלק זינקט דאדורך אלע מאל מעהר.

— אלזא, ליעבער זאכארין ביזט דוא פעסט ענטשלאסען צו פערבלײבען אין מאסקװא? — האט איהם בערטהא אויפגערעגט געפרעגט.

— איך מוז עס, ליעבער ענגעל!

— און דײן געשװארענע ליעבע? — האט בערטהא מיט א ציטערענדע שטימע איהם געפרעגט און האט זיך בעװאשען מיט הײסע טרעהרען.

— איך בין אבער געשװארען צו דער אידעע פריהער װיא צו דיר מײן טהײערע — האט איהר זאכארין רוהיג געענטפערט — און דיא אידעע איז בײ מיר הײליגער פון אלעס אין דער װעלט, אפילו פון דיר....

— איז דאס דײן לעצטער װארט?

— דוא בעדארפסט איהם בערטהא גרינדליך פערשטעהן.

— איך פערשטעה איהם גרינדליך — האט דאס מעדכען מיט א װײנענדע שטימע ערװיעדערט.

— װיא באלד דוא פערשטעהסט איהם גרינדליך — האט זאכארין פײעריג װײטער גערעדט — בעדארפסט דוא מיר פערצײהען און ניט װײנען.

— חאטש איך בין אונגליקליכער פון אלע אונגליקליכסטע?

— דוא בעדארפסט זיך שעצען גליקליך, אז דער װאס ליעבט דיך ביז צום װאהנזין, איז א קעמפפער פאר הונדערט מיליאן מענשען.

— חאטש ער קעמפט װאהנזיניג?

— איך קעמפף גאנץ בעזאנען מיט'ן פאלען פערשטאנד.

— קעמפּפען מיט צוויי אויסגעשטרעקטע ארמען געגען א לויפענדען לאָקאָ־מאָטיף רופסט דוא אָן א בעזאָנענעם קאמפף?

— דאס איז ניט, מיין ענגעל, קיין ריכטיגער פערגלייך.

— ווייל איך האב געזאגט מיט איין לאָקאָמאָטיף און ניט מיט הונדערט!

— האט דאס מעדכען עטוואס גיפטיג איהם געזאגט — אבער געדיינק זאכארין, אז דוא וועסט נאך אמאל קומען צו דיעזער איבערציינונג, דוא וועס עס בערייהען; אבער דיין בערטהא וועט שוין מעהר אויף דער וועלט ניט זיין!

דאס מעדכען האט זיך מיטביידע הענד אָנגעלעהנט צו א בוים און האט אויסגעבראכען מיט אן איסטערישען געוויין.

— ליעבע זיסע בערטהא! — האט זאכארין פאלענד איהר אויפ'ן האלדז געזאָגט — מאך זיך העלדענמוטהה און ווער אויף איין מאמענט געזאָנגען וויא איך! פערשטעה מיך אביסעל טיפזיניגער איין קליינע ווייל: פערשטעה דעם שרעקליכען קאמפף וואס טהוט זיך יעצט אָפּ אין מיין יונגעם הערץ! האב מיטלייד מיט דעם וואָס ער עס ליעבט דיך, פערגעטערט דיך און פערהייליגט דיך. — פערשטעה מיך אנדערש....

— וויא זאל איך דיך פערשטעהן? — האט בערטהא זיך אָפּקעהרענד פון בוים מיט א ציטערענדע שטימע איהם געפרעגט — פערשטעה איך דען דיך ניט פאר א הייסען, פייערינגען פאטריאָט? וויס איך דען ניט, אז דוא ביזט א העלד? אבער דיין העלדענמוטהה איז ניט אָנגעווענדעט צום ריכטיגען ציעל. דיין ענערגיע נעהט פערלאָרען און פיעללייכט, מיט דיר און מיט מיר צוזאמען!

— ביזט דוא טאקע גענצליך געגען דער מינע געזאנגען?

— און וואס וועט דא העלפען ווען איך וועל דיר שוין אָבערמאלס מיין מיי־נונג ארויסזאָגען? וויא באלד דוא ענטזאגסט זיך צו פערלאזען מאָסקווא, איז דאך א בעוויז, אז דוא נעהמסט מיין מיינונג ניט אָן.

— דוא האסט רעכט, בערטהא! — האט איהר זאכארין מיט א פעסטען טאָן געענטפערט — צו צוויי געליעבטע און ליעבענסווירדיגע איז מיין יונגעם הערץ פערבונדען מיט אלע איהרע געפיהלע; איינע הייסט פאטריאָטיזמוס, דיא צווייטע — בערטהא מאַלליך. פאטריאָטיזמוס האט געזיעגט!....

— אדיע זאכארין, — האט בערטהא זיך לייכט פערנייגענד געזאגט.

— לעבע וואהל, מיין ליעבער, זיסער ענגעל! — האט זאכארין איהר ערגריי־פענד פאר'ן האנד ערוויעדערט — איך פערהאָף, אז דוא וועסט מיר פערצייהען.

— איך האב צו דיר גאר ניט.

— און איך געוויס ניט; אבער פערגעס ניט בערטהא, אז מיין הערץ פער־בלייבט דיינע.

— איך קען עס ניט פערגעסען! — האט בערטהא בעטאָנענדיג דעם וואָרט „קען" ערוויעדערט.

זיא איז לאנגזאם צום וועלאָסיפעד צוגעגאנגען, לאנגזאם זיך אויף איהם אוועקגעזעצט, צוויי טרעהרען זיינען פון איהרע אויגען ארויסגעפאלען, וועלכע זיינען

וויא צוויי בלייענע שרויטען האסטיג אויף איהר הויבען בוזים ארויפגעפאלען און אין א ווילע ארום איז זיא שוין פון איהם געווען ווייט אויף איינינע הונדערט טריט.

— דוא ביסט א טיראַן זאכארין! — האט זיך דער בויער געקלערט איהר איהר נאכקוקענד מיט נאַסע אויגען — ניט דאס האט דאס געטליבעס וועזען בערטהא מאַלליך פון דיר פערדיענט.... זיא איז אן ענגעל פון גאטס פּאַראַדיז! זיא איז א בליהענדער בלום פון גאָט'ס פלאַנצונגען.... זיא איז דיא גערעכטיגקייט, טוגענד בארעמהערציגקייט און דיא העלדענמוטהע אליין!.... אבער א טיראַן מוז זיין דער, וואס טרעט ארוים געגען טיראַנען! אַ טיראַן אויף זיין אייגענעם לעבען; א טיראַן אויף דאס לעבען פון אזא הימלישעס וועזען וויא בערטהא מאַלליך! טוידט דיא טיראַנען! טוידט דיא דעספּאָטען! טוידט דיא געקרוינטע שלאַנגען! עס לעבע דיא פרייהייט! עס לעבע דער אונגליקליכער פערפאָלגטער פאָלק! עס לעבע דיא נאַ־ ציאָן, וועלכע האט פון זיך ארויסגעגעבען גאָלדבוימען, גרינבער'ן, שרה פיינשטיין און בערטהא מאַלליך....

ער האט פון דער וויטענס דערזעהן א רייטער אויף א וועלאָסיפּעד.

— אין א גליקליכע שטונדע! — האט זאכארין צו זיך אליין גערעדט.

דער רייטער איז צו זאכארינען צוגעפאָהרען.

— ווילקאָמען איסטאָמין! — האט זאכארין צום רייטער געזאגט — ווער פאָהרט נאך?

— מאַרטין, אָסטראָוו, קאַלצאָוו, וואסיליעוו, אנדריאנאָוו, אנדריאנאָווא און נאך אנדערע.

— האסט דוא קיינעם אויפ'ן וועג ניט געטראָפען?

— בערטהא מאַלליך מיינסט דוא?

— איז זיא שוין וויט פון דאנען?

— איך דיינק, אז זיא איז שוין ביי באָגאָראָדסק, — האט איסטאָמין ערוויעדערט — איז זיא עס געפאָהרען פון דיר?

— פון מיר איסטאָמין, — האט זאכארין מיט א פערבאָרגענע קריינקונג געענטפערט.

— ווארום נעהמט זיא ניט אנטהייל אין אונזער געזעלשאפט?

— זיא האט דערצו געוויסע גרינדע.

— זיא איז א זעלטענעס וועזען, — האט איסטאָמין געזאָגט — נו, וויא האלט עס מיט אייער ליעבע?

— וויא פערשטעהסט דוא, איז יעצט א צייט פאר דיעזעס?

— אט איז אסטראָוו! — האט איסטאָמין געזאגט אָנווייזענד אויף א רייטער, וועלכען ער האט דערזעהן שוין גאר ניט וויט פון זיך.

אין פינף מינוטען ארום זיינען אלע פריינדע געזעסען אויפ'ן גראָז.

מאַרטין איז באלד בעשטימט געוואָרען פאר פאָרזיצענדער און דיא פערזאַמלונג איז ערקלערט געוואָרען פאר ערעפענט.

(Iron, 20).

— ברידער! — האט מאַרטין געזאָגט — דעם ערשטען רעפּאָרט מוז איך אייך אָפּגעבען וועגען ביידע אונגליקליכע אידען גאָלדבוים און גרינבערג. דער פּראָצעס פון ביידע געהט פאָרלויפיג נאָך בעסער וויא איך האב ערוואַרטעט. איך האב דיא פערדרעהטע געשיכטע מיט גאָלדבוימען אזוי פערפּלאָנטערט, אז צוליעב דיא גרויסע פערדרעהעניש וועלען איהם דיא געשוואָרענע (דזשורי) געוויס ערקלערען פאר אונשולדיג.

דיא פערדרעהעניש איז דא אזוי גרויס — האט מאַרטין לאַכענד ווייטער געזאָגט — ווען אָפּענבאַך האט דעם לעצטען פּראָטאָקאָל דורכגעלעזען, האט ער זיך שטאַרק געקוועטשט; ענדליך אבער האט ער מיר פריינדליך געדריקט דיא האנד און האט געזאָגט, אז ער האט גאר ניט געוואוסט וואָס פאר א קלוגער סליעדאָוואַטעל עס געפינט זיך אין מאָסקווא.

— און ווער איז טאַקי וואַסילי חאָמיאַקאָוו? — האט אסטראָוו געפרעגט — וויא קומט ער יענע נאַכט צום קאַנאָן?

— איך פערשטעה דא דיא גאַנצע געשיכטע, — האט מאַרטין שמייכלענד געענטפערט — אבער לאָמיך אייך רעפּאָרטירען פריהער וועגען גרינבערג'ן וועלען מיר זא וויא זא אויף חאָמיאַקאָוו'ן ארויפקומען. — גרינבערגס פּראָצעס האלט דערביי: טימאָפיי מיט זיין שוואָגער ראַזבאָיעוו האבען דעם מאָרד-בראַנד בעגאַנגען. דער מעקלער אברהם שטיין האט דעם מיליאָנער מאָראָזאָוו ארויפגעפיהרט אויף דער אידעע, אז טימאָפיי האט מיר א יאָהר צוריק ערמאָרדעט זיינעם א פריקאַזשציק, וועלכער פלעגט אָפּט טראָגען מיט זיך גרויסע סומען געלד. דיא זאַך איז גראָדע בעוואוסט געוואָרען רעם איינענעם אבענד ווען דער געשמיסענער געהיים-אגענט מערזאָוועצין האט זיינעם א קאַמעראַד צו טימאָפּייען אין טראַקטיר אוועק-געשיקט נאָכצופאָרשען וועגען דעם קראַנקען ראַזבאָיעוו'ן. ווען דער דעטעקטיוו איז צו טימאָפּייען געקומען, האט טימאָפּיי עפּעס דערשמעקט וועגען דעם אלטען אדער דעם נייעם מאָרד און ער איז גענצליך פערשוואונדען און האט זיך נאָך פון צוויי פּריוואַט-דעטעקטיווס מיט א קונץ אויס-געדרעהט. אלזאָ איז ביי מיר יעצט נאר קיין צווייפעל ניט, אז חאָמיאַקאָוו איז טימאָפּיי'ס שוואָגער ראַזבאָיעוו.

— איז דאס מעגליך? — האבען איינינע מיט איין שטימע אויסגערופען.

— וויא יעצט איז אבענד אויף דער וועלט! — האט מאַרטין געענטפערט — איך בין איבערציינגט, אז דער מאָרד-בראַנד איז געשעהן צוליעב ביידע גנבים, וועלכע האבען זיך בעהאלטען ביי טימאָפּייען אין טראַקטיר און וועהרענד טימאָפּיי האט זיך געפונען אין אָפּענבאַכס קאַנצעליאַריע אום עדות צו זאָגען געגען דעם אונגליקליכען גרינבערג, אז ער האט דעם מאָרד בעגאַנגען, האט זיך ראַזבאָיעוו געפונען לעבען קאַנאָן און דאס איז דערזעלבער מאַן, וועלכען דוא אסטראָוו האסט דאַמאָלס געזעהן לעבען קאַנאָן ווען דוא ביסט געגאַנגען דאָרט דעם אָפּגערעדטען בריעף אריינשליידערן און דוא האסט עס צוליעב איהם ניט געטהאָן.

— וויא קומט ער אבער לעבען קאַנאָן? — האט איסטאָמין געפרעגט.

— ווייל דאָרט האבען דיא גנבים דיא ציערונג בעהאלטען?

— וויא אזוי פאלט עס דיר איין?
— פונקט וויא אונז האט געקענט איינפאלען אפצורײדען מיט זאכארינען זיך צו בעהאלטען אין קאנאן, נאכהער וויא ער וועט אויף אלעקסעיעוו'ן שיסען, אזוי האט אויך דיא גנבים געקענט איינפאלען, פערשטעקען דיא געשטוילענע צירונג אין יענעם קאנאן.
— דאס ליינט זיך טאקי אויפ'ן שכל — האט אסטראוו זיך אפגערופען.
— דאס איז דיא וואהרהייט אליין, — האט מארטין מיט אן איבערצייגענדע שטימע ערוויעדערט.
— היינט וויא קומט, אז ראזבאיעוו זאל גאר הייסען וואסילי האמיאקאוו?
— ווייל א פאלשען פאספארט בעקומט מען אין רוסלאנד גאנץ לייכט און טימאפיי מיט ראזבאיעוו'ן האבען אויסגערעכענט דיא זאך פריהער און זיינען געוועזען פארזיכטיג.
— אויב אזוי, — האט זאכארין געזאגט — ווארום האסט דוא דעם פראצעס פערדרעהט? ווען דוא וואלסט אויפגעוויעזען, אז האמיאקאוו איז ראזבאיעוו, וואלט דאך גרינבערגס בעשולדיגונג גאנץ לייכט הערונטערגעפאלען.
— איך האב דא אבער געמוזט זעהן אויך צו רעטען גאלדבוימען. וויא באלד טימאפיי מיט ראזבאיעוו'ן זיינען יעצט פערשוואונדען און יענער מארד פון מאראזאוו'ס געשעפטס-פיהרער איז ארויפגעשוואומען, וועט זא וויא זא דיא בעשולדיגונג פון גרינבערג'ן אראפפאלען, און אז האמיאקאוו וואלט ניט בעטראכט ווערען פאר פאדליעצאוס מערדער, וואלט יעצט געהאלטען מיט גאלדבוימען זעהר שלעכט, ווייל אפענבאר וויים, אז פאדליעצאוו האט מיט א יאהר צוריק ארעסטירט גאלדבוימסביידע קינדער און ער האט עס שריפטליך איבערגעגעבען דעם פראקוראר, וועלבער מאכט עס פאר א בעוויז, אז גאלדבוים האט פאדלעצאוו'ן ערמארדעט און פערדאפעלט דאמיט דיא שווערע בעשולדיגונג געגען דעם אונגליקליבען.
— דאס איז ווירקליך א קלוגער פלאן! — האט זיך אנדריאנאוו אפגערופען — גאלדבוימס בעשולדיגונג קען דאדורך לייכט הערונטערפאלען.
— וואס וועט אבער זיין, ווען האמיאקאוו וועט זיך אין מיט'ן מודה זיין, אז ער איז טימאפיי'ס שוואגער ראזבאיעוו? — האט קאלצאוו א פרעג געטהאן.
— מיין ניט, אז איך האב עס פריהער ניט אויסגערעכענט, — האט מארטין געענטפערט — אבער דיא לאגע פון דיאביידע ארעסטאנטען, גרינבערג און גאלדבוים האט מיך געצוואונגען דעם פראצעס אין אזא לאגע צו שטעלען. עס איז לייכט צו פערשטעהן, אז איידער איינער זאל דא שטעהן גענצליך אין געפאהר, איז שוין פיעל גלייבער, אז דער פראצעס זאל שטעהן וויא יעצט, וואו מיר קענען האפען, אז ביידע זאלען פאר אונשולדיג ערקלערט ווערען.
— דוא האסט דא זעהר עהרליך געהאנדעלט, — האט דאקטאר וואסיליעוו ערוויעדערט — פאר ביידע אונגליקליבע האסט דוא גלייך געצויגען און האסט זיי געשטעלט אין א גלייבע לאגע. ווייטער וועלען מיר זעהן וואס דיא צייט וועט דא מאבען.

— דער אונגליק איז דא אבער, וואס גרינבערג איז אויסער יענע בעשול־דיגונג אריינגעצויגען אויך אין א פּאָליטישען פערברעכען וועגען זאבארינס בריעף, — האט מארטין טרויעריג געזאגט — ער ווערט דארט געפּייניגט מיט אינקוויזיציאָנע מיטלען.

— און וויא פאר גאָלדבוימען איז דאָ א גליק וואָס חאָמיאקאָוו ווערט בע־טראכט פאר א ניהיליסט — האט זאבארין זיפצענד געזאגט — דאך איז ער אין אן ערגערע לאגע אלס גרינבערג. איך גלויב, אז אויב ער איז טאקי ראזבאָיעוו, וועט זיך דאס געהיימנים לאנג ביי איהם ניט איינהאלטען. וולאדימיר סאָבאָקאָוו איז א שרעקליכער אינקוויזיטאָר און ער וועט שוין דאס געהיימנים דורך שמיץ פון איהם אויספּאָרשען.

— מיר וועלען באלד אויף אלעס ארויפקומען — האט מארטין נאך א קור־צען נאכדענקען געענטפערט — לאָמיר אבער פריהער צומרעטען צו דיא בעראַ־טהונגען וועגעןביידע מינען. איך ערקלער ברידער אונזער פערזאמלונג פאר געעפענט און איך פאָרדער אויף אסטראוו'ן און אויך קאָלצאָוו'ן צו רעפּאָרטירען אונז, וואס איז געשעהן אין „צענטראל־קאָמיטע“ און וואס איז דאָרט בעשלאָסען געוואָרען.

אסטראָוו האט זיך אויפגעהויבען און האט צו דער קליינער פערזאמלונג זיך פערניינט.

— שוועסטער און ברידער — האט ער נעזאגט זיך אָנלעהנענדיג אן זיין וועּ־לאָסיפּעד — אלס „וואָלקין“ אין דער פיערטער ראָטע נומער 45 אין פּעטערבורג, האט מיר געלונגען דעם ניעדערטרעכטיגען שפּיאָן מערזאווצין צו געבען א גוטע לעקציאן וויא מיט דיא ניהיליסטען זיך צו בעטראגען. ער ליעגט יעצט קראנק אין האָספּיטאל און פּעטערבורגער געהיים־אגענטען זיינען יעצט אויף דיא פיס אפּצו־זוכען דיא שמייסער.... אבער אונז האט געלונגען נאך דעם אייגענעם טאג אפּצו־האלטען א גרויסע פערזאמלונג אין טראקטיר אויף „באָלשאיא מאָרסקאיא“ און דער צענטראל קאָמיטע האט בעשלאָסען צו גראָבען צווי מינען אין מאָסקווא. איינע אונטער דער ניקאָלאיעווסקי אייזענבאהן, ניט ווייט פון וואָקזאל, און דיא צווייטע אין „קרעמעל“ אונטער „אוספּענסקי סאָבאָר“ וואו דער באנדיט דארף געקרוינט ווערען. אונטער ניקאָלאַיעווסקי באהן קען אונז דיא זאך זעהר לייכט געלינגען. מיר דארפען אָפּקויפען א הויז לעבען דעם „פּעראייניגונג באן“ וועל־כער איז זעהר נאָהענט צו ניקאָלאיעווער ליניע, און אין יענער גאס שטעהען פיעלע הייזער צו פערקויפען. אונטערגראָבען א מינע אונטער דער קירכע „אוספּענסקי סאָבאָר“, איז אבער איינע פון דיא שווערסטע זאכען, ווייל קיין פּריוואט הייזער אויסער קייזערליכע זיינען אין „קרעמעל“ ניטא; דארום איז ביי'ם צענטראל־קאָמיטע פערבליבען, דאָ אָנצו־ווענדען קלוגע מיטלען. עס איז בעשלאָסען געוואָרען, אז יעמאנד פון אונז זאל בעקאנט ווערען מיט'ן קאמענדאנט פון דער קרעמלישער פעסטונג, גענעראל אנטאן מוחינאָוו און זאל זיך פּרובירען בעקאנט צו ווערען מיט אלע זיינע הויזלייטע און נאָהענטע פריינד; דערצו נאך זאל אויך יעמאנד בעקאנט ווערען מיט'ן גייסטליכען דוחאָווקין, וועלכער איז דער פערוואלטער איבער

דיא קרעמלישע קירכעס, און ווען דורך איינעם פון דיעזע צוויי מענשען וועט אונז געלינגען זיך אריינצוהאפען אונטער קרעמלישען באדען, דארפען מיר גאר ניט גראבען קיין מינע און ניט פאבריצירען קיין דינאמיט ווייל אלעס איז דארט פערטיג, גאנץ קרעמעל איז מינירט פון דער רעגיערונג אליין.

— דאס איז א פארטרעפליכער פלאן! — האבען אלע איינשטימיג געזאגט.

— אונזער קאמיטעט — האט אסטראוו פארטגעזעצט — וועט אונז גלייך ארויסשיקען צוויי גוטע טעכניקער, באלד וויא מיר וועלען איהם געבען צו וויסען, אז מיר האבען שוין א הויז. —

זיי האבען א לאנגע צייט צווישען זיך גערעדט און האבען אלעס וועגעןביידע מינען געלאסען אפגעשטימט.

— יעצט האב איך אייך פריינדע אויפמערקזאם צו מאכען, — האט זיך קאל־צאוו אפגערופען — ווען מיר האבען געשמיסען מערזאוויצינען, האבען מיר פון איהם ערפאהרען אז איינע א געוויסע פרוי „מאריא זלאדייקינא” איז דיא שפיאנין, וועלכע האט פעראונגליקט אונזער טהייערען ברודער וואסילי פעטראוו—

— מאריא זלאדייקינא?! — האט זאבארין איבערראשט אויסגעשריען — וואס איך הערר?!

— קענסט דוא יענער פרוי? — האבען איהם דיא פערזאמעלטע געפרעגט.

— איך קען זיא ניט; אבער דיא אידישע יונגע פרוי שרה פיינשטיין האט מיר וועגען איהר דערצעהלט גאר שרעקליכעס, — האט זאבארין געענטפערט — מאריא זלאדייקינא האט פערגיפטעט שרה פיינשטיין'ס מאן מיט איהר קינד און זיא האט איהר מארד אזוי קלוג בעגאנגען, אז דער גאנצער שולד איז געפאלען אויף דער אונגליקליכער שרה פיינשטיין. דיא אונגליקליכע האט מיר דערצעהלט, אז וועהרענד זיא האט זיך געפונען ביי פריסטאוו איוואנאוו צו הויז, האט זיא פון איהם ערפאהרען, אז מאריא זלאדייקינא איז היינט דיא גרעסטע שפיאנין אין רוסלאנד.

— האט דער געשמיסענער מערזאוויצין אייך געזאגט, וואו מאריא זלאדיי־קינא געפינט זיך? — האט מארטין געפרעגט זיך ווענדענד צו אסטראוו'ן מיט קאלצאוו'ן.

— ער האט געזאגט, אז זיא וואוינט דא אין מאסקווא אין האטעל „ערמיטאזש”.

— „ערמיטאזש”? — האט ליזא אנדריאנאווא אויסגערופען און איז עטוואס איבערראשט געווארען.

— ווייסט איהר גרעפין, אויך עפעס וועגען יענער פרוי? — האט איהר מארטין פערוואונדערט געפרעגט.

— איך וויים וועגען איהר גאר ניט — האט ליזא געענטפערט — אבער איך שטוים מיך דא אויף א גאנצע רעטהזעלהאפטע געשיכטע....

— קענען מיר עס פון אייך הערען? — האט איהר מארטין נייגיעריג גע־פרעגט.

ליזא האט זיך אביסעל פערטראכט און האט א קוק געטהאן אויף איהר

ברודער, וועלכער איז דיא גאנצע צייט געזעסען אביסעל מעלאנכאָליש און האט אין דער פערזאמלונג זעהר וועניג גערעדט.

— דאס איז אזא געשיכטע, — האט ליזא נאך א קורצע פויזע געזאגט — אין האָטעל „ערמיטאזש" לאָזשירט א געוויסע בּאראָנעסע קסעניא אנדרייעווגא. מיט אייניגע טעג צוריק האט מען דיא טהיר אין איהר נומער געפונען אין דער פריה אויפגעמאכט, און עס האט זיך אויסגעוויזען, אז מען האט פון דער באראָ־נעסע אוועקגעשטויל צוואנציג טויזענד רובל באארעס געלד און פאר אכט טויזענד רובעל ציערונג, און וויא באלד אז יענע שפּיאָנין לאָזשירט אין האָטעל „ערמיטאזש" גלויב איך, אז זיא האט דער באראָנעסע בעגנב'עט....

דאקטאר וואסיליעוו האט איהר בעוואָרפען מיט ליעבּליכע בּליקען.

— מיר קענען עס לייכט גלויבען, — האט ער זיך מיט א שמייכעל אפּ־גערופען.

— און דיא באראָנעסע, וועלכע האט געסטערן אונזער הויז בעזוכט, — האט ליזא ווייטער גערעדט — האט אונז טאקע געזאגט, אז זיא האט א פערדאכט אויף א פרוי.

— עס וואָלט געווען זעהר גליך, — האט איסטאמין געזאגט — דאס מיר זאלען געוואָרווערען וואס טהוט מאריא זלאדייקינא און איהר נאכשפּירען.

— און איהר אפּצאהלען פאר וואסילי פעטראָוו'ס בלוט, — האט וואסילעוו געענטפערט.

— מיר קענען עס טאקע דורך דער באראָנעסע אנדרייעווגא דערגעהן, — האט מארטין נאך א קורצען נאכדענקען געזאגט — איז זיא אָפּט ליזא אין אייער הויז ?

— מיין מוטער האט זיך דערוואוסט, אז זיא איז אין מאסקווא און זיא האט איהר א בריעף געשריעבען, אז זיא ווינשט איהר צו זעהן, און דיא באראָנעסע האט איהר דעמזעלבען טאג בעזוכט, — האט ליזא איהם געענטפערט — זיא איז זעהר א שעהנעס מעדכען און זעלטען קלוג. מיין מוטער האט איהר א מאל אלס קינד אויף דיא הענד געטראגען און באלד ביי דעם ערשטען בעזוך זיינען מיר אלע צו איהר מיט לייב און זעלע צוגעבונדען געוואָרען. איך גלויב, אז זיא וועט אונז אָפט בעזוכען.

— דעסטאָ בעסער, — האט מארטין געזאגט — מיר וועלען איהר אויפמערק־זאם מאכען וועגען יענער פרוי, אז זיא זאל דאָרט וועגען איהר אלעס דערגעהן און אונז איבערגעבען וואס זיא וויים.

— יעצט וועגען וואסילי פעטראווין! — האט מארטין נאך א קורצען שטיל־שווייגען געזאגט — איך פאָדער אויף דיך וואסיליעוו אויסצושפּרעכען עטליכע ווער־טער וועגען דער געשיכטע וועלכע דו;ז האָסט מיר פערזענליך דערצעהלט.

וואסיליעוו האט זיך אויפגעהויבען.

— פריינדע, — האט ער געזאגט — וויערא אלעקסאנדראווא האט מיר איבערגעגעבען, אז וואסילי פעטראָוו האלט נאָהענט צום גאלגאן! וולאדימיר סא־

באקאָוו אַליין האָט אויף איהם אַלע זיינע אינקוויזיציאָנע מיטלען אויסגעאיבט אין אַז ער זעהט, אַז ער קען שוין פון איהם גאָר ניט דערגעהן, איז ער געזאָגנען דיא טעג ־יהם אויפצוהענגען. ער ליעגט נאָך זעהר קראַנק אין האָספּיטאַל פון אַסטראָג; אָבער באַלד וויא ער וועט געזונטער ווערען, וועט ער איהם שטעלען אין אַסטראָג פאַר'ן קריעגס־געריכט און איהם הייסען הינריכטען.

א שרעקליכער אַנגסט האָט ערגריפען דער גאַנצער קליינער געזעלשאַפט ביי זיינע לעצטע ווערטער. אַלע אַנוועזענדע האָבען זיך איינער צום אַנדערן נעהענטער צוגערוקט, וויא אַ סטאַדע שעפּסען ווען זיי דערשמעקען אַ ציקלאָן (א שרעקליכען שטורם ווינד).

— איז גאָר נימאָ קיין מיטעל איהם צו רעטען? — האָבען אייניגע געפרעגט.

— זיא האָט אַ שוואַכע האָפנונג פון אינעווייניג עפּעס אויפצוטהאָן, — האָט וואַסיליעוו טרויעריג געזאָגט — אָבער מען דאַרף האָבען אייניגע מענשען אויף פון אויסענוועניג.

— איך געה דער ערשטער! — האָט זאַכאַרין זיך אויפשטעלענד אויסגערופען.

— איך דער צווייטער! — האָט איסטאָמין אויסגעשריען.

— דוא קענסט עס ניט טהאָן! — האָט מאַרטין געזאָגט — דוא ווערסט אַלס סוחאָקוראָוו פון דיא שפּיאָנען געזוכט און ביסט אין מאָסקווא צופיעל בעוואוסט....

— איך מוז אייך מיינע פריינדע זאָגען, — האָט איסטאָמין זיך אוועקשטעלענד געזאָגט — אַז איך האָב מיך שוין געענצליך ענטזאָגט פון מיין פאָטערס הויז און נאָך אַוועקגעהענד פון היינטיגער פערזאַמלונג, קום איך מעהר ניט אין זיין הויז און איך וועל אַזוי פערמאַסקירט ווערען, אַז איהר און מיין פאָטער אַליין וועלען מיך ניט דערקענען. איך בין שוין בעזאָרגט אויך מיט אַ נייעם פּאַספּאָרט און מיט אַ וואוינונג. פון יעצט אָן געהער איך אין גאַנצען צו דער אידעע.

— בראַוואָ איסטאָמין! — האָבען זיינע פריינדע אויסגערופען.

— עס קומט מיר דערפאַר קיין ריהמונג, — האָט איסטאָמין זיי געענטפערט — איך טהו מיין פפליכט צו אונזער פאַטערלאַנד.

— איך געה אויך! — האָט אַסטראָוו זיך אָפּגערופען — מיר מוזען אונזער טהייערען ברודער וואַסילי פּעטראָוו רעטען!

— אַלזאָ פריינדע, — האָט דאָקטאָר וואַסיליעוו זיי געזאָגט — האָבען מיר יעצט מעהר ניט וויא צו ערוואַרטען אַ ריכטיגען אַנטוואָרט פון אונזער טהייערער שוועסטער וויערא אַלעקסאַנדראָוונא. זיא איז אַ העלדענ־מיטהיגעס מעדכען אַ קלוגע און אַ בעזאָנענע, דערצו אויך אַ גוטע און אַ באַרמהערציגע. איך גלויב, אַז זיא וועט אַלע איהרע קרעפטען אַנווענדען דעם אונגליקליכען צו רעטען.

— און איך פערהאָף נאָך אַליין זיך מיט פּעטראָוו'ן צו זעהן אין האָספּי־טאַל — האָט מאַרטין נאָך אַ קורצען נאַכדיינקען זיך אָפּגערופען — אַלס פעלדשער וואָטעל פון ביידע קראַנקע ארעסטאַנטען נאַלדבוים און גרינבערג, האָב איך דאָס רעכט זיי צו בעזוכען מיט דעם אויסרייד, אַז איך בעדאַרף נאָך עפּעס פון זיי דער־

נעהן און אז איך וועל שוין דאָרט זיין, וועט נעווים וויערא מיר נעבען א געלעגענהייט מיט איהם זיך צו זעהן.

— עס לעבע דיא פרייהייט! — האבען דיא פערזאמעלטע שטיל געשעפּטשעט — עס לעבע דיא פערפאָלגטע פאר פרייהייט! עס לעבע איהרע פריינדע! עס לעבע אלע פרייהייטס דיינקער און פרייהייטס קעמפּפער!

און אין פערלויף פון א פערטעל שטונדע זיינען אלע פערשוואונדען אין דעם פינסטערען און מיט נאכט בעדעקטען באָנאָראָדסקער וואלד.

39טעס קאפּיטעל.

## מען פערהאַפּט איהם.

— זעהר א מיאוסע און טרויעריגע געשיכטע צוזאממען! — האט צו זיך אליין נערעדט דער מיליאָנער מאַראָזאָוו זיצענד אין זיין קאבינעט ווי א צומישטער — שוין אייניגע טעג זיינען פאַראיבער און דער פערשוואונדענער מערדער טימאפיי מיכיילאָוו איז ווי אין וואסער אריין! א שעהנע געהיים־פּאָליציי האט עס מאסקווא! טאָג און נאכט ניהיליסטען! און דא ווערען מענשען אין דיא גאסען געקוילעט און קיינער געפינט נאר דיא מערדער ניט אוים.... וואס הארט עס זיי? אבי זיי נעהמען נעהאַלט פון דער רעגיערונג פאר אויסצוגעפינען דיא וואס לעזען עפּעס א ביכעל אדער שרייבען א בריעוועל וואס דער פּאָליציי געפעהלט ניט. אָט דאָס איז זייער הויפּט בעשעפטיגונג און מאָרדטהאטען מעגען אפּגעטהאן ווערען האָטש טויזענד א טאָג!

ער איז פון זיין שטוהל אויפגעשטאנען און האט אויפגערעגט איבער זיין קאבינעט ארומגעמארשירט.

— אבער ווי קומט דער מערדער צו אלעקסייעוו'ן? צום מאסקווער נאָלאָווא מיט וועלכען דער באַטיושקא צאר קושט זיך? — האט ער געוואָרטשעט — דאס איז עפּעס ניט קיין גלאַטע געשיכטע! צו א פרעמדען מענשען אין הויז געהט מען אזוי ניט אריין! דאס איז א זאך וועלכע עס קען נאר ביי מיר ניט רעכט ווערען! ווי הייסט עס, אז צוויי מערדער נעהען אריין צום מאָסקווער נאלאווא אין הויז און געהן זיך דורך א הינטער־טהיר ארויס? א שפּיעצעל היינט, א שפּיעצעל מאָרגען; אבער דאס איז דאָך ניט גאנץ גלאט! ווי קומט גאר אן אונבעקאנטער מענש אריינצוגעהן צום מאסקווער נאָלאָווא? האבען דען דיא מערדער געקענט אויסרעכענען, אז אלעקסייעוו וועט זיי ניט קומען אנטקעגען און זיי פרעגען וואס ווינשען זיי? איך בעגרייף עס ניט!....

אין טהיר האט זיך געהערט א לייכטער אנקלאפּען, דער דיענער איז אריינגעגאנגען און האט איהם געמעלדעט, אז אברהם שטיין ווינשט איהם צו זעהן.

— הייס איהם אריינגעהן! — האט ער דעם דיענער מיט א צופריעדענע מינע בעפוילען.

אברהם שטיין איז אריינגעגאנגען און האט איהם פריינדליך בעגריסט.

— זעצט אייך הערר שטיין, — האט צו איהם מאַראָזאָוו ליעבליך געזאגט — לאָמיר זיך אביסעל וועגען דער טרויעריגער געשיכטע דורכריידען.

שטיין האט זיך אוועקגעזעצט.

— איהר זייט הערר שטיין א קלוגער, פערנינפטיגער מענש — האט מאראָזאָוו פריינדליך געזאגט — אייער בליק וועגען טימאָפיי מיכיילאָוו'ן האט זיך געצייגט אזוי ריכטיג, אזוי אויסגערעכענט, פונקט ווי א איהר וואָלט געוועזן א נביא; אלזא בעט איך אייך פריינד, איהר זאָלט מיר זאָגען אייער מיינונג וועגען דער רעטהזעל־האפטער געשיכטע, וואס דער מערדער מיט זיין קאמעראד זיינען אריינגעגאנגען אין אלעקסייעוו'ס הויז און פון דאָרט פערשוואונדען....

— און אלעקסייעווס ערקלעהרונג געפעהלט אייך ניט, הערר מאראָזאָוו? — האט איהם שטיין מיט א לייכטען שמייכעל געפרעגט — דיא צייטונגען הערען גאָר ניט אויף צו ריהמען דיא מערדער פאר דיעזען איינפאל....

— דאס בעגרייפט ניט מיין פערשטאנד! — האט איהם מאראָזאָוו אויפגע־רעגט ערוויעדערט — דאס קען מען איינשמועסען איינגלאך; אבער מיר עלטערע און פראַקטישע קופּלייטע קענען עס ביי זיך ניט רעכט מאַכען....

— דיינקט איהר דען, הערר מאָראָזאָוו, אז אונזער גאָלאָווא שטעהט אין פערבינדונג מיט מערדער? — האט איהם שטיין שארף געפרעגט.

— איך ווייס דא גאר ניט וואס צו דענקען! — האט איהם מאָראָזאָוו ער־וויעדערט — און איך בעט אייך, הערר שטיין, אז איהר זאָלט מיר זאגען אייער מיינונג.

— מיין מיינונג? — האט שטיין געענטפערט — א, הערר מאָראָזאָוו, איך בין א מענש פון דיעזען פאָלק, וועלכער פּלאָגט זיך שוין באלד צוויי טויזענד יאהר פאר דיא וואהרהייט, פאר זיין דיינקען וואס אנדערע געפעהלט ניט, און דארום טאָרען מיר ניט אונזער מיינונג וועגען אונזערע הערשער פריי ארויסריידען זאגאר פאר אונזערע אייגענע אויערען.

— מאכט אייך הערר שטיין ניט נאררייש! — האט איהם מאראזאוו פריינד־ליך ערוויעדערט און זיין געזיכט האט אנגענומען אן ערנסטען אויסדרוק — איהר זייט א קלוגער מענש און דאַרפט וויסען מיט וועמען איהר רעדט.... איהר ווייסט אליין, אז ווען איך וואָלט געוועזן א יודען־פיינד וואָלט איך בעשעפטיגט מיינע גלויבענס־גענאָסען אין מיינע געשעפטען אויף'ן פּראָווינץ; איהר דארפט אבער וויסען, אז איך האב צו אידען גאר ניט. איך בעטראכט זיי אימער פאר א קלוגעס און עהרליבעס פאָלק און איך זעה, אידען זאלען לעבען מיר מאבען א לעבען.

— מיין פאָלק איז אייך דאפיר זעהר דאנקבאר — האט איהם שטיין געענט־פערט — אבער איך קען אייך מיין מיינונג וועגען דער געשיכטע ניט זאגען, ווייל איהר מוזט פריהער גוט קענען לערנען אלעקסייעוו'ן....אז ניט — וועלען מיינע ווערטער זעהר זאנדערבאר אייך פאָרקומען.

— איהר זייט א בראווער עהרליבער מאַן, הערר שטיין. אלעס וואס איך וועל פון אייך הערען איז ביי מיר הייליג.

שטיין האט זיך פערטראכט.

— קענט איהר פיעללייכט דא אין מאסקווא דעם רייכען לעדער-העגדלער קאַלצאָוו? — האט איהם שטיין פלוצלינג א פרעג געטהאן.

— איך קען איהם פון דערווייטען; אבער נעגען וואס פרעגט איהר עס מיר?

— מיר וועלען באלד אויף דעם ארויפקומען, — האט איהם שטיין רוהיג ערוויעדערט — אבער איך וועל אייך הערר מאראזאוו שטעלען נאך א פראגע: צו האט איהר א געלעגענהייט מיט קאַלצאָוו'ן נעהענטער צו בעקאנט ווערען?

— וויא באלד איך וועל עס געפינען פאר נייטהיג, זעלבסטפערשטענדליך, אז איך וועל עס מוזען טהאן.

— אלזא הערר מאַראָזאוו — האט שטיין געלאסען געזאגט — ראטה איך אייך, אז איהר זאלט מיט קאַלצאָוו'ן נעהענטער בעקאנט ווערען; דאמאלס וועט איהר וויסען ווער אלעקסייעוו איז. איך טאר געגען מיין פרינציפּ ניט געהן און קען אייך ניט איין וואָרט וועגען אלעקסייעוו'ן זאגען, אבוואהל עס טהוט מיר לייד אייך צו ערגערן....

מאַראָזאָוו האט זיך אויף איינינע מינוטען פערטראכט.

— איהר זייט הערר שטיין א מענש מיט א פעסטען און עהרליכען כאראקטער! — האט מאַראָזאָוו זיך אויפהויבענד פון זיין שטעלע געזאגט — איך ליעב אזעלכע מענשען וועלכע געהען ניט געגען זייער פרינציפּ און וויא איך בין נייגיעריג אייער מיינונג צו הערען, דאך וועל איך געדולדיג דאס אפּווארטען ביז איך וועל מיך זעהן מיט קאַלצאָוו'ן; אבער זאגט מיר נור הערר שטיין צו האט זיך אייך איינגעגעבען עפּעס צו דערגעהן וועגען דעם פערשוואונדענעם מיכיילאָוו'ן?

— איך האב דיא גאנצע צייט ניט גערוהט, — האט שטיין ערוויעדערט — אייער ווירדיגער ברודער איז אויף איבער מאסקווער גאסען ארומגעגאנגען; אבער ליידער איז דער מערדער וויא אין וואסער אריין.

— איך בין פון דיעזער געשיכטע אזוי אויפגערעגט, אז איך בין גאר אויסער זיך. דער אונגליקליכער זאַוויאַלין איז ביז דער פערגאנגענער וואך געוועזען ביי מיר פעררעכענט פאר א געמיינעם שורקע וואס איז אנטלאפען מיט מיין געלד נאך אמעריקא. זיין ווייב מיט זיין ברודער זיינען דאריבער געזעסען גאנצע אכט מאנאטען אין אסטראג. שטעלט אייך יעצט פאר זייער לאגע.

— דאס איז ווירקליך זעהר א טרויעריגע געשיכטע.

— הערט נור הערר שטיין, — האט מאַראזאוו נאך א קורצען נאכדענקען געזאגט — זייט איהר צופריעדען זיך אפצולייגען נור אויף אויסצוגעפינען דעם מערדער?

— איך דיינק, אז דיא געהיים-אגענטען וועלען איהם גיכער אויסגעפינען.

— דאס איז ניט ווערטה א זעץ אין דער ערד. זיי זיינען שטענדיג פערנומען מיט דיא ניהיליסטען און זיי זיינען גלאט אויך טויגעניכטסען; אבער אז איהר הערר שטיין וועט זיך אפּלייגען נאר אויף דעם, בין איך זיכער, אז איהר וועט איהם אויסגעפינען. איך בין בערייט צו פערשווענדען אויף דיעזעס פיעלע טויזענדער און וועל ניט רוהען איין מינוט ביז איך מוז ראכע נעהמען פאר דיא אונשולדיגע בלוט.

— איך האב אבער דערצו איין בעדינגונג, האט איהם שטיין געענטפערט.

— איך וויל זיא הערען.

— אז איהר זאלט זיין א פאטער צו דיא ביידע אונגליקליכע פאמיליען גרינבערג און נאָלדבוים. דיא ווייבער און קינדער פון דיא אונשולדיגע ארעסטאנטען ווערען פערפאָלגט פון דער פאָליציי. נאך איידער דער פראָצעס האט זיך געענדיגט וויל זיא זיי פון מאסקווא ארויסשיקען. דיא אָקאָלאָדאָטשניקעס האבען פון זיי אויס־געצאפּט דעם לעצטען גראשען. זיי וועלען זאגאר ניט קענען זיין אין געריכט אום א קוקצוטהאן, פיעללייכט דעם לעצטען מאל אויף זייערע ליעבסטע, טהייערסטע, וועלכע וועלען געהן אין קאטערגא!

— איך וועל מיך דיא מיה געבען וואס נור מעגליך איז פאר זיי צו טהאן — האט מאראזאָוו געריהרט ערוויעדערט.

— אלזא, הערר מאָראָזאָוו — האט שטיין מיט טרעהרען אין דיא אויגען גע־זאגט — אויסער וואס איך בין אייך דערפאר זעהר דאנקבאר, נעהם איך פון יעצט אָן דיעזע מיסיאָן. איך וועל אייך דיענען וויא אן איינענער ברודער און וועל מיך מיט קיינע אנדערע געשעפטען ניט אָפּגעבען ביז איך וועל ד ע ם מערדער אָדער ד י א מערדער אויסגעפינען. איך מאך אייך אבער אויפמערקזאם, אז איהר דאַרפט דעם פּראָקוראָר און דעם סליעדאָוואטעל בעמערקען, אז זיי זאלען זיך פעסט א נעהם טהאן צו דעם פּרעאָבראזשענסקען פּריסטאָוו מיט זיינע אָקאָלאָדאָטשניקעס, וועלכע האבען זעלבסט עדות געזאגט אז זיי האבען געקענט זאוויאלינען אלס א געמיינעם פיאניצע. איהר האט דאך אליין געהערט פון חאָחלאָוו׳ן אז טימאָפּיי׳ס נאכבארען האבען דאמאלס געמורמעלט וועגען דעם פּריסטאָוו, אז ער האט א שעהנעם גראָשען גענומען פון טימאָפּייען פאר דיעזער שטוקע.

— איך וועל עס אלעס בעזאָרגען! — האט מאָראָזאָוו אויפגערעגט ערוויע־דערט — און איהר גיט מיר איבער דיא אדרעסען פון דיא אונגליקליכע פרויען נאָלדבערג און גרינבערג.

שטיין האט איהם מיט פרייד דיא אדרעסען איבערגעגעבען און איז צופריע־דען פון זיין קאבינעט ארויסגעגאנגען.

— אָט דאס הייסט א קלוגער, עהרליכער און בראַווער איד! — האט מאָ־ראָזאָוו נאך שטיינס אוועקגעהן צו זיך אליין גערעדט — אומזיסט ווילען אונזערע רוסען דיעזען פאָלק ערניעדריגען און פערניכטען. דאס איז מעהר ניט וויא מענשען האָס, דעספּאָטיזמוס און נייד (קנאה)! וואס קענען מיר האבען צו א פאָלק, וועלכער איז קליגער פון אונז? מיר בעדאַרפען זיך דיא מיהע געבען אויך קלוג צו זיין, מיר מוזען שטרעבען צו ערדייכען אלע גוטע איינענשאַפטען וואס מיר זעהען און געפינען אין איהם; אבער איהם פערפאָלגען דערפאר וואס מיר שטעהען ניעדריגער פון איהם, איהם וועלען פערניכטען ווייל ער איז מעהר ענטוויקעלט, מעהר אינטעליגענט און אויפגעקלערט פון אונז, דאס איז נור א ניעדערטרעכטיגקייט און א הימעל־שרייענדעס אונרעכט!

דער דיענער איז אריינגעלאָפען און געמעלדעט, אז דער מאָסקווער גאָלאָווא אלעקסייעוו ווינשט איהם צו זעהן.

— אַלעקסייעוו? -- האט מאָראָזאָוו איבערראשט ארויסגערעדט — הייס איהם אריינגעהן.

וויא מאראזאוו'ן האט זיך ניט געוואָלט איהם ליעבליך עמפפאנגען, דאך איז ער איהם ענטגעגען געלאָפען און האָט איהם פריינדליך אויסגעשטרעקט זיין האנד און גאַנץ העפליך איהם געבעטען זיצען.

דיא עטיקעטע ביי פראַקטישע און ערפאהרענע מענשען מוז אייביג אין איהר אָרדנונג געהן, און דיא וועלט פאָרדערט עס.

— אָ, וואס פאר א נאסט! — האט מאראָזאָוו מיט אן ענטציקטע מינע אויסגעשריען — וויא צופריעדען איך בין אייך גאָלאָווא אין מיין קאבינעט צו זעהן.

— און איך בין עבענזאָ צופריעדען אייך, הערר מאראזאוו, צו בעזוכען! — האט איהם אלעקסייעוו מיט א ליעבליכע מינע געענטפערט — וויא געהט עס? וואס מאכט איהר, הערר מאראזאוו?

— איך מאך גאר נישט — האט איהם מאראזאוו מיט א פריינדליכען שמייכעל געענטפערט — דיא מאשינען דרעהען זיך, ליינען מיט סיץ ארבייט זיך און עס מאכט זיך.

— און דאס איז ביי אייך גאָר נישט געמאכט? — האט איהם אלעקסייעוו שמייכלענד געפרעגט — אָ, אָ, זייט איהר שוין א מאכער! אז רוסלאנד וואָלט געהאט נאך איינינע אזעלכע, וואָלט דיא גאנצע לאנד געווען גליקליך.

— איך דאנקע גאָלאָווא, פאר אזא קאָמפלימענט.

— דאס איז קיין קאָמפלימענט, נור דיא וואהרהייט אליין. זייט איהר דען ניט אין גאנץ רוסלאנד דער איינציגער גרעסטער פאבריקאנט? אונזער פאטערלאנד האט אייך ווירקליך וואס צו פערדאנקען.

— דוא חנפענסט מיר היינט עפעס צופיעל, — האט זיך דער קלוגער מאָראָזאָוו געקלערט.

— ווייסט איהר גאלאווא, — האט מאראזאוו פלוצלינג א זאג געטהאן — אז דיא געשיכטע מיט מיין פריקאזטשיק האט מיך אזוי אויפגערעגט, אזוי צערשמעטערט, אז איך בין גאר אויסער זיך. איך קען גאנצענע נעכט ניט איינשלאָפען, איך געה אַרום וויא וואהנזיניג.

— דאס איז ווירקליך אזא טרויעריגער פאַל, וועלכער קען דעם שטארקסטען מענשען צוברעכען, — האט אלעקסייעוו מיט אן ערנסטע שטימע געענטפערט — אבער וויא געפעהלט עס אייך דיא געשיכטע מיט'ן מערדער? ער האט געפונען א גוטען פלאץ פון וואנען זיך אויסצודרעהען פון זיינע פערפאָלגער.

— דאס איז ווירקליך געווען א גוטער איינפאל — האט איהם מאָראזאוו פאָליטיש געענטפערט — אבער דאס איז אויך געווען גענוג ריזיקאַליש.

— ריזיקאלישער קען עס גאר ניט געבען, — האט אלעקסייעוו איהם אונטערבראָכען — איך האב זיצענדיג ביי מיר אין קאבינעט געהערט א גערויש

אין פאַר־צימער, איך האב געוואָלט אין צימער אריינגעהן! אבער עפּעס אויף זייער גליק בין איך אויף מיין שטעלע געבליעבען; זיצען און פּלוצלינג איז אייער ברודער אריינגעקומען און מיר געפרעגט ווענען צוויי מענשען, וועלכע האבען מיר נור־וואָס בעזוכט.

— און ווער קען דאָ זיין דער צווייטער פּערזאָן? — האט מאַראזאוו קוועטשענ־דיג מיט דיא פּלייצעס געפרעגט.

— אך, וויא קונציג דאס איז אָפּגעמאכט געוואָרען, — האט אלעקסייעוו מיט ענטציקונג וויא צו זיך אליין גערעדט — איך וואלט קיינמאל ניט געגלויבט, אז מענשען זאָלען זיך עס ערלויבען. דאס קענען טאַקי טהאן נור מופקרים.

— און אויף אזאַ ארט איז זיי געלונגען זיך צו רעטען.

— איז גאָר פון זיי קיין שפּור ניטאָ?

— נים א שאָטען זאָגאר.

— איהר ווייסט, הערר מאַראָזאוו, מיר גלויבט זיך גאָר ניט, אז זיי האבען אייער פּריקאַזטשיק ערמאָרדעט — האט איהם אלעקסייעוו פּלוצלינג א זאג געטהאן.

— דאס איז קלאר וויא יעצט איז טאָג אויף דער וועלט.

— האט איהר טאקי ריכטיגע בעווייזע דערצו?

— וואס קען זיין א בעסערער בעוויז וויא א גאָלדענ־רינג מיט׳ן נאָמען „זאוויאלין״, וואס איינער א חאַחלאָוו האט פון זיין פינגער ארונטערגעצויגען?

— האט איהר טאקי ווירקליך אזא בעוויז?

— דער רינג איז ביי דעם פּראָקוראָר; אבער מיר איז א וואונדער וואס איהר ווייסט גאר ניט פון דעם; דיא צייטונגען האבען נאך גאר דאריבער ניט אויפגע־הערט צו רעדען.

— איך זאג אייך דיא וואהרהייט, אז פאר איבערראשונג וואס דיא מערדער האבען זיך דורך מיין הויז גערעטעט, האב איך גאר דיא צייטונגען דאריבער ניט געלעזען.

— דוא זאגסט א גראָבען ליגען, — האט זיך מאַראָזאוו געקלערט — דא מוז עפּעס זיין א זאָנדערבארע געשיכטע. איך מוז מיך נאך היינט זעהן מיט מיט קאָל־צאָו׳ן און וויסען וואס דער קלוגער שטיין האט דא געמיינט.

— דער פּערזעהן איז דאָ געוועזען, — האט מאַראָזאוו געזאגט — וואס מיין ברודער האט באלד דעם מערדער ארויסגעהענדיג פון זיין הויז ניט פּערהאפּטעט.

— און ווארום האט ער עס טאקי ניט געטהאן?

— ווייל דער רינג איז נאך ניט געוועזן פון פּפאנד־הויז אויסגעקויפט. ער איז יעצט אויסגעקויפט געוואָרען ווען דער פּפאנד־לייער איז געקומען אום צוועלף אוהר ביי נאכט פון׳ם טהעאטער.

— דאס איז ווירקליך א שרעקליכער פּערדרוס.

— א פּערדרוס צו א פּערדרוס איז ניט גלייך.

— לאָמיר דאס הערר מאראזאוו דערווייל אוועקלייגען, — האט אלעקסייעוו נאך א קורצען שטילשווייגען געזאגט — איך גלויב, אז דער מערדער וועט זיך פון

דער פּאָליציי ניט אויסדרעהען; ער וועט געוויס אריינפאלען און וועט אָפּגעצאָהלט ווערען וויא ער האט פערדיענט. איך בין אבער צו אייך נעקומען וועגען זעהר א וויכטיגע זאך, וואס בעלאנגט צו יעדען איינציגען, וועלכער איז נור טריי אונזער פּראַוואָסלאַוונע פּאָלק און אינטערעסירט זיך מיט זיין לאגע. — זייט איהר, הערר מאראזאוו אויפגעלעגט דאס צו הערען?

— מיט'ן בעסטען פערגניגען.

— אלזאָ, הערט מיך הערר מאראזאוו אויפמערקזאם אויס. איך האב ערפאהרען, אז דיא זשידאָווסקע געזינדעל אין מאָסקווא וויל דא זיך אויסבויען א גרויסען טעמפּעל אויף „ספּאַסאָנאָליטשעסקי פּערעאולאָק" און דער אלטער נארר דאָלגאָרוקאָוו וויל זיי עס ערלויבען. היינט שטעלט אייך פאר וויא דיא זשידעס וועלען זיך יעצט אין מאסקווא איינוואָרצלען. זייערע אלע געבעט-הייזער דיענען פאר זיי אלס בערזען-הייזער, וואו עס ווערען אָפּגעטהאן אלע שווינדלען און געמיינהייטען, און וויא באלד זיי וועלען האבען אין מאָסקווא א גרויסע שוהל, האבען מיר צו ערווארטען, אז מאסקווא זאל ווערען דיא צווייטע „ווילנא" אָדער „בערדיטשוב". אונזערע פּראַוואָסלאַוונע וועלען באלד ניט האבען וואו זיך אהינצוטהאן צוליעב דיא זשידעס. מאסקווא וועט אין א פערלויף פון צעהן יאהר ווערען א זשידאָווסקע שטאדט און דעם גאנצען האנדעל וועלען דיא זשידעס פערכאפּען אין זייערע הענד. אלזאָ, איז ביי מיר פערבליעבען דאריבער צו פאָהרען צו אונזער מאָנארך. איך האב עס נאך געוואלט טהאן מיט איינינע טעג פריהער; אבער לײדער האבען דיא צייטונגען בעריכטעט, אז דער מאנארך האט געליטען פיעבער און האט פאריגע וואך קיינעם ניט עמפּפאנגען. יעצט בין איך שוין בערייט צו דער רייזע; אבער איך זוך דא א הויכגעשטעלטע פּערזאן, וועלכער זאל דעם אלטען גענעראל גובערנאטאר אָפּהאלטען פון צו געבען דאָס ערלויבניס, און דיעזען מאן געפין איך אייער פּערזענליכקייט. איהר, הערר מאראזאוו, זייט דער ערשטער און גרעסטער פּאבריקאנט אין רוסלאנד און אייערער א ווארט וועט אויף דעם אלטען ווירקען.

— מיר וואונדערט זעהר הערר אלעקסייעוו, — האט מאראזאוו רוהיג געענטפערט — ווארום איהר טהוט עס ניט אליין? ווער איז מעהר געאכטעט אין מאָסקווא אלס דער גאלאָווא?

— איך מוז אייך זאגען דיא וואהרהייט הערר מאראזאוו, אז צווישען מיר און דעם אלטען איז דורכגעלאָפען א שווארצע קאץ.... מיר זיינען אפילו גוטע פריינד; אבער ווען איך זאג אייך הערר מאראזאוו, אז אייערער א ווארט וועט אויפ'ן אלטען מעהר ווירקען אלס מיינער, בעדארפט איהר פערשטעהן, אז איך מאך ניט קיין אירטהום.

— אָבער וואס הארט עס אונז, אז דאס ביסעלע אידען אין מאָסקווא וועלען יא האבען א שוהל? — האט איהם מאראזאוו נאך א קורצען נאכדענקען געפרעגט

— אין געגענטהייל, איך דיינק, אז א געבעט-הויז בילדעט א פאלק אויס און מאכט איהם פיעל מאָראלישער.

— אלץ ניט דיא זשידעס! — האט אלעקסייעוו גיפטיג אויסגעשריען — זייערע

גענעט־הייזער זיינען איינפאכע גנבישע נאָרעס, וואו עס ווערען אָפּגעזעצט אלע דיעבשטאַלען און וואו עס ווערען אָפּגעהאלטען פערזאמלונגען וויא צו בעשווינדלען אונזער ארעמען פאלק און אראָפּשינדען פון איהם זיין הויט. איהר זאגט הערר מאראזאוו, אז אידען זיינען וועניג אין מאָסקווא; אבער איך פערזיכער אייך, אז זיי זיינען היער מעהר אלס הונדערט טויזענד. דאס איז אן אכטעל טהייל פון מאָס־קווער בעפעלקערונג. — איין איד צווישען הונדערט רוסען איז אויך זויא א וואָלף צווישען א סטאַדע שעפּסען, היינט וואס בעדייטעט איינער צווישען זיעבען?.... עס איז דיא שולדיגקייט פון יעדען עהרליכען פּראַוואָסלאַוונעם צו פערפאַלגען דיעזע שעדליכע פּאַראזיטען, וועלכע זויגען אויס דאס מארך פון אונז און לאזען איבער פון אונזער אַרעמען פאָלק נור א הויפען מיט ביינער. איך גלויב הערר מאראזאוו, דאס איהר אלס עהרליכער און פרומער פּראַוואָסלאַוונער וועט ניט דערלאָזען, אז דיא זשידעם זאלען זיך מאכען דאָ א נעסט.

— אבער אז איהר פאָהרט דאריבער צום מאָנארך, וואצו בעדארפט איהר, אז יעמאַנד זאָל ריידען מיט'ן גענעראל־גובערנאטער? — האט מאראזאוו מיט אן ערנסטע מינע געפּרעגט.

— איהר ווייסט אליין אויך הערר מאראזאוו, — האט אלעקסייעוו מיט א טרויעריגע מינע געענטפערט — וויא דער אַלטער איז ביי אונזער קיסר געאכטעט. אמת ער האט איהם ניט איבעריגענס האָלד; אבער ער האט פאר איהם רעספּעקט, און וויא באלד דער אַלטער וועט אן ערלויבנים געבען, וועט דער מאנארך זיא ניט וועלען מבטל זיין. איך פערשטעה דיא זאך זעהר גוט און דארום ווענדע איך מיר צו אייך און איך פערהאָף, אז איהר וועט מיר פון אזא ביטע ניט ענטזאגען, ווייל זיא איז אין אייערע אינטערעסען אזוי גוט וויא אין מיינע. מיר ליעבען ביידע אונזער פאָלק און מיר פערשטעהען וואס א זשיראָווסקע שוהל אין מאָסקווא קען דא אָנ־מאכען....

— איך גלויב, אז פּאַסטוחאָוום דריי ארטיקלען אין זיין „מאָסקאָווסקי ליס־טאָק" וועגען דיא אידישע שוהלען אין אַלגעמיין, וועלען אויף דעם אלטען מעהר ווירקען אלס מיינע ווערטער — האט איהם מאראָזאָוו שוואך געענטפערט — דאל־גאָרוקאוו'ס סעקרעטער איסטאָמין איז א גרויסער יודען־פיינד און האט איהם געוויס דיא ארטיקלען געגעבען צו לעזען.

— דער אלטער לעזט ניט דעם „מאָסקאָווסקי ליסטאָק" — האט איהם אלעק־סייעוו פערדריסליך ערוויעדערט — אבער מיך וואונדערט גלאט אויף אייך הערר מאראָזאָוו, ווארום איהר האט זיך באלד ניט אָנגעחאפּט נאך היינט דעם אלטען דאריבער צו בעזוכען. דאס איז דאך דיא שולדיגקייט פון יעדען פרומען פּראַוואָס־לאַוונעם.

מאראָזאָוו האט זיך פערטראכט.

— גוט! — האט ער נאך א קורצען שטילשווייגען געזאגט — היינטיגע וואך וועל איך דעם אלטען דאריבער בעזוכען.

— איך דאנקע הערר מאראזאוו, — האט אלעקסייעוו ערפרייהט אויסגערופען

און האט איהם נעררייכט זיין האנד — אבער איך מוז אייך אויפמערקזאם מאכען, אז ניט שפעטער וויא מארגען מוז דיא זאך געשעהן. — איך וויים בעשטימט, אז דער אלטער איז געזאגען דאס ערלויבנים וויא אם שנעלסטען צו געבען. דיא זשידעס לאזען איהם ניט צו רוה. זיי שטויסען זיך, אז איך שטעה זיי אין וועג און דאריבער האבען זיי צו מיר געשיקט זייער ראבינער, וועלכער איז „מיט א נאז" פון מיין צימער ארויסגעגאנגען.

— איך קען עס אבער פריהער וויא איבערמארגען ניט טהאן! — האט איהם מאראזאוו געענטפערט — איך מוז נאך היינט אויף א טאג פערדייזען נאך באגא-ראדסק.

— וויא באלד איהר קענט ניט איז אנדערש, — האט אלעקסייעוו מאכענדיג מיטביידע הענד געענטפערט — איך וועל בעטען גענעראל איסטאמין, אז ער זאל דעם זשידאווסקי ביט־שריפט נאך א פאר טעג אין זיין טיש-קעסטעל אפהאלטען און איך וועל דערווייל א פאהר טהאן צום מאנארך.

— ווען דענקט איהר צו פאהרען?

— מארגען אום דריי אוהר נאך מיטאג.

— און באלד איבערמארגען וועט איהר ביי איהם האבען אן אודיענץ?

— וויא פערשטעהט איהר הערר מאראזאוו, וועל איך דען אין אזא זאך שווייגען?

— נו, זאל אייך גאט מצליח זיין.

— איך פערהאף, אז דורך אונז ביידען וועט דיא זאך צייטליך געשטערט ווערען — האט אלעקסעיעוו זיך אויפהויבענד פון׳ם שטוהל געזאגט.

זיי האבען זיך פריינדליך געדריקט דיא הענד און אלעקסעיעוו איז צופריעדען אוועקגעגאנגען.

מאראזאוו איז אין זיין קאבינעט געבליעבען זיצען א ווייל פערטראכט. פלוצלינג איז ער פון זיין שטעלע אויפגעשטאנען און האט בעריהרט א ווייסען קנע-פעל אין וואנט.

עס איז באלד אריינגעלאפען א דיענער.

— גיה ברענג וואס שנעלער אן איזוואזשציק — האט מאראזאוו בעפאהלען. און ברענג מיר אהער דעם איד אברהם שטיין! ער וואוינט אויף „קוזנעצקי מאסט", דאם סטערעלצקאווא.

— סלושאיום בארין! — האט דער דיענער זיך פערניינענד געענטפערט און איז באלד ארויסגעלאפען.

מיט א פירטעל שטונדע שפעטער האט אונזער בעקאנטער אברהם שטייי זיך געפונען אבערמאלם ביי מאראזאוון אין קאבינעט.

— איך האב אייך הערר שטיין צוא בערופען א וויכטיגיז געהיימנים, האט ביי ראזאוו גאנץ ערענסט געזאגט — אבער קיינער טאר ניט וויסען, אז איך האב עס אייך פערטרויט.

— דאס פערבלייבט א שכענדיגע געהיימנים!

— ווייסט איהר, אז אייערע גלויבענס־גענאָסען ווילען בויען א טעמפעל? האט מאראזאָוו געפרעגט.

— צו איך וויים? איך בין ניט קיין רייכער מאן; אבער וויעפיעל געלד איך בעזיץ גיעב איך אויף דעם אוועק. עס פעהלט מעהר ניט וויא דאָס ערלויבנים, וועלכע מיר דענקען צו בעקומען אין פערלויף פון היינטיגען מאָנאט.

— האט זיך אייער געמיינדע געווענדעט צו אלעקסעיעוו'ן?

— מיר האבען געשיקט צו איהם דעם ראַבינער; אבער ער האט איהם זעהר גראָב בעהאנדעלט און נאך גרעבער ענטזאָגט.

— נו, טא וויא אזוי דענקט איהר אין פערלויף פון היינטיגען מאנאָט צו האבען דאס ערלויבנים?

— ווייל דאָלגאָרוקאָוו, זאל מאריך ימים ושנים זיין איז זעהר ליבעראל און טאָלעראַנט און דיא זאך הייננט אפ נאר פון איהם.

— טאָ וואצו האט איהר בעדארפט שיקען דעם ראבינער צו אלעקסעיעוו'ן?

— ווייל מיר האבען געדענקט, אז ביי איהם וועט עס רעכט ווערען און ווען אפילו ניט, האבען מיר דאך געמוזט יוצא זיין און ניט רייצען אזא הויכע פערזענליכקייט.

— דאס איז געווען פון אייער געמיינדע א נאררישקייט.

— איהר הערר מאראזאָוו, בעטראכט עס פאר א נאררישקייט, — האט שטיין געענטפערט — ווייל איהר קענט זיך זאָגאר דעם קלענסטען בעגריף ניט מאַבען וואס הייסט א פערפאָלגטעס און געדריקטעס פאָלק. אונזערע אמאליגע געלעהרטע האבען אונז געהייסען פּאַרזיכטיג זיין אפילו מיט א גאנץ קליינינקען, וועלכער געהערט ניט צו אונזער פאָלק. ווייל א פערפאָלגטע און ערניעדעריגטע נאציאָן אויף וועלכער אלע שפייען, אלע ניסען פאמוניצעס, אלע שלאָגען איהם אין קארק אריין און שטויסען איהם פון יעדער געזעלשאפט ארויס, אזא נאציאָן בעדארף ציטערן אויך פאר א פליעג. היינט שטעלט אייך פאָר וויא מיר ציטערן פאר'ן גרויסען און מעכטיגען אלעקסעיעוו! מיר האבען געמוזט צו איהם שיקען אונזער ראַבינער; אבוואהל מיר האבען געוואוסט, אז דאָס ערלויבנים איז וויא אין קעשענע. מיר האבען געדענקט, אז ער וועט עס ביי זיך רעכט מאכען, און ווען אפילו ניט, זאל ער געוואוינט ווערען מיט'ן געדאנק, אז אידען ווילען אין מאָסקווא האבען א שוהל און וויא דיא וואהרהייט מוזען מיר טאקי האבען א שוהל, ווייל א געמיינדע פון צוואנציג טויזענד אידען קענען מיט אייניגע מנינים־שטיבלאך ניט אויסקומען און אפילו פּאָביעדאָנאָסצעוו אליין וועט אנדערש ניט זאָגען. וויא שלעכט ער איז צו אידען, דאך שטערט ער זיי ניט אין רעליגיעזע זאכען. ער וויים גאנץ גוט, אז נעבעט־הייזער מאָראַליזירען א פאָלק און גיעבען זיי עדעלע בעגריפע.

— איהר האט פאָלקאָם רעכט, — האט איהם מאראָזאָוו פריינדליך ערוויעדערט — אבער איך מוז אייך פערטרויען, אז אלעקסעיעוו וויל אייך אין דעם שטערען.

— אבוואהל דאס איז ביי מיר קיין נייעס ניט, — האט שטיין געענטפערט —

דאך דאנק איך אייך דאפיר אין'ם נאָמען פון דער גאנצער אידישער געמיינדע!

— איך דענק אבער, — האט מאראָזאָוו ווייטער גערעדט — אז דאס וואס אלעקסעיעוו פאהרט דאריבער צום מאָנארך, וועט יא ביי אייך זיין א נייעס! שטיין איז איבערראשט פון זיין שטעלע אויפגעשפרונגען.

— דאס איז ווירקליך ביי מיר א נייעס! — האט שטיין געשטאַמעלט — אזוי וויט האבען מיר גאר ניט געקענט אויסרעכענען.

— און וואס דענקט איהר יעצט צו טהאן?

— איך דענק, אז דיא זאך איז יעצט אויסגעשפּיעלט, — האט שטיין מיט א זיפץ ערווידערט.

— ניין, הערר שטיין, דיא זאך איז ניט אויסגעשפּיעלט! — האט מאראָזאָוו ערנסט געזאגט — אידען אין מאסקווא מוזען האבען א שוהל!

— אבער וויא אזוי, ליעבער הערר מאראָזאָוו?

— גאר איינפאך, אז נאך היינט זאל זיך פּאָליאקאָוו אדער מאלליך זעהן מיט'ן אלטען דאָלגאָרוקאָוו און זיי זאלען פון איהם דאס ערלויבניס אויסבעטען. ער איז אן אדעלמאַן, און אז מען וועט איהם צואיילען וועט ער גלייך ערלויבען!

— און אלעקסעיעוו?

— הערט איהם וויא דעם קאָטער! נעגען דאָלגאָרוקאָוו'ס אן ערלויבניס וועט דער מאָנארך אליין אויך ניט געהן. אלעקסעיעוו פערשטעהט עס אויך און ער ציטערט וויא א פיש פיעללייכט וועלען דיא אידען נאך פאר זיין אודיענץ ביים קיסר דאס ערלויבניס פערהאפּען.

— אָה, הערר מאראָזאָוו, איך דאנק אייך פון טיעפסטען הערצען! — האט שטיין מיט א ציטערענדע שטימע אויסגעשריען — איך געה שוין צו פּאָליאקאָוו'ן מיט מאלליך'ן!

— אבער אליין ניט אין מיין נאמען!

— דאס פערבלייבט ביי מיר אן אייביגע געהיימניס! — האט שטיין געענטפערט און נאכדעם וויא ער האט איהם פריינדליך געדריקט דיא האנד, איז ער פון מאראזאָווס קאבינעט האסטיג ארויסגעגאנגען.

40טעס קאפּיטעל.

## דער נייער פריסטאַוו.

„א נייער פריסטאוו! א נייער פריסטאוו!" — האט זיך געהערט אין יעדער אידישער הויז פון „גאָראָדסקאָי" אוטשאַסטאָק אין מאָסקווא.

— מען זאגט, אז ער איז א גרויסער עמלק, א המן וואס דיא וועלט פערמאָגט עס ניט!

— פון וואנען ווייסט דוא עס? — האט געפרעגט א יונגע פרוי איהר מאן, װעלכער האט איהר דיא נאכריכט פון דער גאס געבראכט.

— זעה וואס פאר א נארר דוא ביזט, — האט געענטפערט איהר מאן — וויא פערשטעהסט דוא, וועט מען אויף איוואנאָווס שטעלע אוועקזעצען א בעסערן

פון איהם? איז יעצט א צייט פאר גוטע פריסטאוו'ס אין מאסקווא? מיט אידען ווערט דאך פון טאג צו טאָג ערגער.

— אבער דאך קען אמאל זיין, אז ער איז גראדע א גוטער מענש, — האט זיין ווייב איהם געטרייסטעט.

— וויא גוט קען ער שוין זיין, אז ער איז פון דער קאזאצקער געזינדעל? — האט איהר מאן ווייטער גערעדט — געה זוך יושר ביי א קאָזאק! עס איז געווען אמאל א קאָזאק, וועלכער האט געהייסען חמעלניצקי און ער האט א האלבע וועלט אידען אויסגעקוילעט. דיעזער הייסט „יורקאָווסקי" און פון „חמעלניצקי'ן" אָן, גע-פעהלט מיר ניט א קאָזאק וואס זיין נאָמען ענדיגט זיך מיט א „קי"....

— דוא ווייסט וועלוועל, — האט זיין ווייב בעזאָרגט געזאגט — איך וואָלט דיך ראטהען זיך מיט איהם בעצייטענס צו בעקענען. דוא ווייסט דאך, אז א המן קען אונז גוטע צרות אויסטהיילען.

— איך ווייס אבער ניט וויא בעקומט מען צו איהם א צוטרעט? — האט וועלוועל געענטפערט — מען זאגט, אז ער לאָזט ניט א אידען אויף דיא אויגען. ער איז זעהר א שטרענגער מענש, און וועדליג איך האב געהערט, נעהמט ער ניט דעם גראָשען!

— דאס איז שוין אביסעל איבערטריבען. א רוסישער טשינאָווניק נעהמט ניט קיין חאבאר! דאס איז ריכטיג וויא דוא וואלסט געזאגט, אז א קאצאפ קען לעבען אהן בראנפען.

— אזוי זאָגען אידען און זייערע א זאגע וועגען הערשער, קען מען ניט אוועק-מאכען מיט דער האנד. איך ווייס, אז אונזער פאָלק ישראל האט צו דיעזע זאכען גאר א בעזאָנדערן אינסטינקט.

— אָבער מאך זיך ניט נאַרריש, — האט זיין ווייב געענטפערט — א פריס-טאוו אין א קווארטאל פון צעהן טויזענד אידען, וועט ניט נעהמען קיין געלד?

— ווייסט דוא וואס דבורה, — האט וועלוועל נאך א קורצען נאכדענקען געזאגט — איך וועל שיקען דעם דוואָרניק א קוקטהאן צו דער נייער פריסטאוו איז יעצט אין אוטשאסטאָק און אויב ער איז דא, וועל איך צו איהם אריבערגעהן. איך וועל מיך פרופען מיט א פינף און צוואנציגער; וואס וועט זיין זאל שוין זיין!....

— שיק ניט דעם פיאניצא, — האט זיין ווייב געענטפערט — ער טאר גאר ניט וויסען, אז דוא מאכסט מיט'ן נייעם פריסטאוו א בעקאנטשאפט. געה בעסער אליין אריבער.

— דוא האסט רעכט דבורה, היינטיגע צייטען מוז מען שוין פאָרזיכטיגער זיין. איך געה אליין און איך וועל זעהן וואס איך האב צו טהאן.

אין דיעזען אויגענבליק האט זיך דיא טהיר געעפענט און אן אקאָלאָדאָטשני איז אין זייער וואוינונג אריינגעגאנגען.

— צום פריסטאוו! — האט ער גראָב געזאגט אוועקלייענדיג אויפ'ן טיש א פאָוויעסטקע.

— איך געה מיט אייך צוזאמען, הערר אקאלאדאטשני! — האט וועלוועל געזאגט מיט א געהיימע ציטערניש און ער איז גלייך מיט'ן קהל'שען שמש אוועקגעגאנגען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— דער נייער פריסטאוו יורקאווסקי איז עפּעס נאר א מחבל! — האט געזאגט אפרים זילבערשטיין צו זיין ווייב אין דער געגענווארט פון זיין יונגען זוהן מיט זיין שוויגער=טאכטער — עפּעס עס הערט זיך, אז ער איז אן איינפאכער גזלן, א מערדער וואס דיא וועלט האט נאך ניט געהאט. מען האט איהם מיט פליים בעשטימט אויפ'ן „גאראדסקאָי“ אוטשאסטאק וויל דארט איז דער גרעסטער טהייל פון מאסקווער אידען. אלעקסעיעווקע ימח=שמו, האט איהם אליין רעקאמאנדירט. איך וויים ווירקליך ניט וויא מען בעקומט צו איהם א צוטרעט?

— א גרויסער קונץ? — האט זיין שוויגער=טאכטער געלאכט — מיין מאן וועט געהן און עס וועט אלעס רעכט ווערען.

— ניט אזוי גיך טאכטערקע, — האט איהר שווער אפרים זילבערשטיין איהר געענטפערט — מיין ניט, אז דאס איז דער געוועזענער איוואנאוו. ער איז געווען א צורר היהודים; אבער ער האט ליעב געהאט דעם גראשען; דער אבער איז א קאזאק און אויסער וואס אידען זאגען, אז ער איז א טייפעל, האט מיר נאך דערצעהלט א בעקאנטער קריסט חיטראווצין, אז ער קען איהם נאך פון קאווקאז פאר א ביטערן יונג.

— דאס איז ניט קיין פרעהליכע נעשיכטע, — האט זיך זיין ווייב אפּגערופען — איך וואלט מיך וועלען בעצייטענס פון דיעזען קווארטאל זיך ארויסחאפּען.

— אזוי גיך חאפּט מען זיך ארויס? — האט אפרים טרויעריג געזאגט — און וואו טהוט מען אהין דיא הויז? דיא פאבריקא?

— דער חיטראווצין אליין, — האט זיך דער יינגער יונה זילבערשטיין אפּגערופען — איז אויך א גרויסער יודען=פיינד און דאריבער דענק איך, אז ער האט דיר געמאכט א צוגרויסע מוזשע. מיר האבען איינג=טליך זיך וועניג פאר איהם וואס צו שרעקען. מיר זיינען קויפלייטע פון דער ערשטער גילדיע און אונזער זייףפאבריק פיהרט זיך רעעל.

— א רשע קען שוין געפינען פּריטשעפּעס! — האט דער פאטער זיפצענד געזאגט, און אין דיעזער ווילע האט דער דווארניק אריינגעטראגען א פּאוועסטקע פון נייעם פּריסטאוו, אז ער מיט זיין זוהן זאלען דיא מינוט זיך מעלדען אין אוטשאסטאק!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס זיצט א אידישע פרוי אין א פינסטערן קעלער און לאטעט אלטע קליידער פאר'ן שיין פון א קליין פענסטערל אין דער טהיר. לעבען איהר זיצט א יונגע, בילד=שעהנעם מעדכען לעבען א לאנגען טיש וואס איז געמאכט פון צוויי לאנגע ברעטער אנגעלעגטע צו צוויי ביער=פעסלאך. זיא העלפט דער עלטערער פרוי פערנעהען דיא לעבער און טהוט אלע ווילע א זיפץ.

— אה, מוטער! — האט דאס מעדכען טרויעריג געזאגט — וויא לאנג נאך וועט אונז זיין אזוי פינסטער? וויא לאנג נאך וועלען מיר זיך ראנגלען מיט דיא שרעקליכע כוואליעס פון דעם גרויסען מעער — מאסקווא? מיר מוזען יעדער האפ- נונג אויפגעבען! מיין אונגליקליכער פאטער איז אין גוטע הענד.... דאקטאר וואסיליעוו געפעהלט מיר פאר זעהר אן ערדלען מענשען. ער וועט געוויס אלע מעגליכקייטען אנווענדען איהם צו רעטען און מיר מוזען דערווייל ערגעץ אוועקפאה- רען אין א אידישע שטאדט און זוכען צווישען אונזערע ברידער און שוועסטער א קווענע זיך צו ערנעהרען! מיר זיינען דאך היער וויא לעמעלאך צווישען וועלף! דעם לעצטען שוואר-פערהארוועטען גראשען פערשלינגט דיא פאליציי און מיר זיינען הויל, נאקעט און בארפוס. ווארום זאלען מיר זיך אומזיסט קוועלען? מיר קענען דאך וויא אונזער טהייערער שפייזער אויך פון זינען אראפ!

— ניין, טהייער קינד! — האט איהר דיא פרוי מיט א פעסטע שטימע ער- ווידערט — מיר האבען ניט וואוהין אוועקצופאהרען! דיא גאנצע וועלט איז פאר אונז געשלאסען. אונזער ליעבער, בעסטער און טהייערער איז וואהנזיניג.... ער זעהט דעם מערדער מיט דיא אויגען און איך מוז איהם דעם מערדער ווייזען אין קייטען! זאל ער איהם טאקי זעהן ניט גייסטיג, נור טאקי קערפערליך! מעגליך, אז ער וועט דערפון געזונד ווערען! מעגליך, אז ווען ער וועט איהם טאקי זעהן פאר זיך אין קייטען וועט ער אויפהערען צו שרייען „איך זעה איהם", „אט איז ער"! איך האב, מיין קינד, א גוטען אינסטיקט.... איך זיין ניט אומזיסט אין מאסקווא! דער מערדער איז היער, היער אין מאסקווא! דיין פאטער שרייט ער זעהט איהם אין וואהנזיניגען צושטאנד; אבער איך זעה איהם קלארער-הייד! איך וועל איהם דערטאפען!

— פיעללייכט איז מעגליך ליעבע מוטער, — האט דאס מעדכען מיט טרעה- רען אין דיא אויגען איהר נעפרעגט — אז איך זאל מיך דא אין מאסקווא בעשעפ- טיגען מיט מיין טאלענט? דוא ווייסט דאך, וויא איך שפיעל פיאנא. א גימנאזיום האב איך דאך אויך געענדיגט. זאלען מיר ביידע פיעללייכט זוכען פאר מיר לעק- ציאנען אין רייכע הייזער? מיר קוועלען דאך זיך אזוי שרעקליך!

— דוא פערגעסט זיך אבער מיין קינד, אז דוא פערליערסט דאמיט דיין פראווא-זשיטעלסטווא (דיא רעכט צו וואוינען אין מאסקווא). וויא באלד מען וועט דיך איינמאל ניט געפינען ביי דיא לאטעס, וועט מען אונז ביידען פון מאסקווא ארויסטרייבען, און וואוהין וועלען מיר געהן? וואו וועלען מיר אהינקומען? וויא וועלען מיר פערלאזען אונזער ליעבסטען, אונזער טהייערסטען, ניט קענען חאטש איינמאל אין וואך איהם זעהן? און וואס וועט זיין מיט'ן מערדער? איך טאר פון איהם קיין אויג ניט אראפלאזען.

— דוא רעדסט פון איהם ריכטיג וויא דוא וואלסט בעשטימט וויסען וואו ער איז! — האט דאס מעדכען וויינענד געזאגט — דאס איז אויך א וואהנזין.... א, מוטער, דאס איז שרעקליך!

— מיין ניט, מיין ליעב קינד, אז איך בין משוגע! — האט דיא מוטער מיט

א ציטערענדע שטימע געזאגט — איך בין איבערציינט, אז דער באנדיט איז אין מאָסקווא וויא יעצט איז טאָג אויף דער וועלט.

דיא טהיר פון׳ם קעלער האט זיך פלוצלינג אויפגעמאכט און אן אקאָלאָדראָטשני איז געבליעבען שטעהן מיט איין פוס איבער׳ן שוועל.

— עה, זשידאָווקא! — האט ער אויסגעשריען — קום אהער, איך וועל ניט קריכען צו דיר אין דיין ראטען־נארע!

— א נייער אונגליק! — האט דיא מוטער שטיל געברומט — וויעדער דיא לעצטע קאפיקע. האסט דוא ניט מיין קינד א פאָר רובעל?

— ניין מוטער, איך האב דאך זיך געקויפט א פאָר שיך. אָ, ווען איך וואָלט עס פריהער געוואוסט!

— עה זשידאָווקא! — האט דער אקאָלאָדראָטשני אבערמאלס געשריען — ווארטסט דוא דאָרט, אז איך זאל אריינקומען אין דיין עפוש׳דיגען קעלער? גיבער אהער צו מיר! איך וועל דיר באלד אויפשפיעלען אזא חתונה׳קע, אז דוא וועסט זיך האבען צו קראצען!

דיא אונגליקליכע פרוי איז צו איהם מיט ציטערענדע קניע צוגעגאנגען זיך טאפענד ביי אלע קעשענעס.

דער אקאָלאָדראָטשני האט א קוקגעטהאן אין דעם פאפיער, וועלכען ער האט געהאלטען אין האנד און האט גיפטיג אויסגעשריען:

— און וואו איז דיין חייקאַ? בעשעפטיגט זיא זיך גאר ניט מיט איהר ארבייט? אין פאפיר איז דאך געשריעבען, אז דוא האסט אן אכצעהן־יעהריגע חייקאַ!

דאס מעדכען איז באלד צום אקאָלאָדראָטשני צוגעגאנגען.

— אָ, דוא ביזט עס חייקאַ? — האט דער אקאָלאָדראָטשני וויא פערוואונדערט אויסגעשריען און האט געוואָרפען אויף איהר שארפע בליקען — איך האב מיך גאר ניט פאָרגעשטעלט, אז אזא שמוציגע זשידאָווקא זאל האבען אזא שעהנע חייקאַ! עך, טאָכטערקע, דוא ביזט דאך גאר א שעהן מיידעל פון דיא זעלטענהייטען! קום־זשע מיט מיר, איך וועל דיר וויסען וויא צו שעצען און ביי מיר וועסט דוא שוין אין אזא פינסטערן גרוב ניט ליגען.

— וואס ווינשט איהר? — האט איהם דאס מעדכען שטרענג געפרעגט.

— וואס ווינש איך? עך מאטושקאַ, איך ווינש מיך צו זעהן אלע מאָל אזעלכע שעהנע חייקאס! — האט דער אקאָלאָדראָטשני שמייכלענד געזאגט און האט איהר א גלעט געטהאן מיט זיין האנד איבער איהר געזיכט.

— האלט דיין האנד! — האט דאס מעדכען געביטעריש אויסגעשריען און האט איהם מיט קראפט פון זיך א שטויס געטהאָן.

— דיין האנד? — האט דער אקאָלאָדראָטשני וויעדערהאָלט גאר וויא ניט איהם מיינט מען עס — עך, חייקעלע קרוין, איך האב דיך טאקי דערפאר ליעב.... „דוא" איז דער ערשטער וואָרט פון הייסע ליעבע.

— טרייבט דאָ קיין קאטאָוועס, — האט דיא פרוי איהם שטריינג געזאגט—

— זייט איהר בעטרונקען, געהט זיך אויסשלאָפען און אויב איהר זייט ניכטער, טהוט אייער פּפליכט און זאגט וואס האט אייך אהער געבראכט?

— אייער שעהנע חייקע! — האט דער אקאַלאדאטשני אויסגערופען און האט זיך נעהענטער צו דאס מעדכען צוגערוקט.

— דוא קריגסט באלד געשפּאָלטען דעם קאָפּ מיט א פרעס-אייזען! — האט דאס מעדכען אויסגעשריען אראָפּכאפּענד פון'ם טיש דעם הייסען אייזען — מיין ניט, אז דוא האסט דא אנגעטראפען עפּעס א זשידאָווקא איבע וועלכע זיך לוסטיג צו מאַכען?

— אזוי נאר טאָכטערקע, — האט דער אקאלאדאטשני ציהענד יעדען ווארט געזאגט — דוא כאפּסט זיך גאר בייסען וויא א וואהרע ניהיליסטין! דוא געהסט גאר מיט אייזענס געגען טשינאָווניקעס? דאס וועט דיר שוין טאָכטערקע ניט גע- שיינקט ווערען. לאמיר נור פריהער א געה טהאן צו אונזער נייעם פּריסטאָוו. דוא ביזט טאָכטערקע צוזאמען מיט דיין מוטער אהין געלאדען און דארט וועלען מיר זיך שוין אויסרעכענען.

— געהט, מיר וועלען שוין קומען! — האט דיא מוטער מיט א ציטערענדע שטימע איהם געענטפערט.

— איהר שעהמט אייך אפשר מיט מיר צו געהן? — האט דער אקאלאדאטשני מיט א גיפטיגען שמייכעל איהר געפרעגט — שעהם זיך ניט זשידאָווקא, דוא ביזט ניט אזא גרויסע יחסנטע חאָטש דוא האסט חייקען פאר א טאָכטער. דיין חייקע וועט מיט מיר אויך מיטגעהן; ווען ניט, וועט זיא געהן מיט מיר געארעסמט. איך שעהם מיך גאר ניט צו געהן מיט א זשידאָווקא געארעסמט, וויא איהר זשידעס שעהמט אייך מיט א טשינאָווניק.

ביידע אונגליקליכע האבען געוואוסט, אז קיין ריידען וועט דא מעהר ניט העלפען און אזוי וויא זיי האבען איין קאָפּיקע אויך ניט געהאט, זיינען זיי צוזאמען מיט זייער גאסט אוועק אין אוטשאסטאָק.

— — — — — — — — — —

דער גרויסער זאל אין נאַראָדסקאַי אוטשאסטאָק איז געפּאקט לויטער מיט אידען. עס זיצען דאָרט ביי א פינף און דרייסיג פערזאָן. דער צווייטער צימער איז האלב אָפען. דארט זיצט דער נייער פריסטאָוו אויף א הויכען שטוהל. איבער זיין קאָפּ אויפ'ן וואנט הייננט דער פּאָרטרעט פון קיסר אלעקסאנדער III. אין א גרויסען פאָרמאט. ער שטעהט אויסגעמעלט אין א פּאָר שמאלע ווייסע הויזען, מיט לאנגע שטיפעל, אין וועלכע דיא שמאָלע חאָליאוועס בעדעקען זיינע פיס איבער דיא קניע. ער איז געקליידעט אין אן הוזארסקען מונדיר בעדעקט מיט לאנגע געפלאכטענע פון ווייסע זייד שנירלאך פון ברוסט ביז דעם גארטעל, זיי געהען געשלייפט און פער- שפּילען זיין מונדיר ענג צום קערפּער. זיין רויטהאָריגער קאָפּ איז אָפּגעדעקט און זיין לאנגער שטערן איז עטוואס געקנייטשט; עס זעהען זיך פון אונטער איהם ארויס א פּאָר אידיאָטישע בייזע אויגען וואס דריקען אויס דעספּאָטיזמוס און פרעכ- הייט; זיין שמאלע מויל איז פעסט צוגעמאכט ביז עס בילדען זיך אויס א פּאר

טיפע קניטשען אויף זיין מאָרדע און גיעבען איהם אן אויסדרוק עפּעס פון א וואלד־מערדער, וועלבער שטעהט און לויערט אויף אונשולדיגע אָפּפער.

עס זיצט אונזער בעקאנטער פיליפּאָוו ברייטליך ביי א גרויסען שרייב־טיש און עס שטעהט פאר איהם דער יונגער מענש, וועלבען מיר האבען איהם ניט לאנג געזעהן זיצענדיג מיט זיין יונגער ווייב ביים טיש און האבען געשמועסט וועגען דעם נייעם פּריסטאַוו.

— אייער נאמען איז וועלוועל רייפּענבערג? — האט איהם דער פּריסטאַוו יורקאָווסקי געפרעגט און א ליעבליכער שמייבעל האט אויף זיינע ליפּען געשוועבט.

— יא, הערר פּריסטאַוו.

— מיר האבען גאר אלע א טעות געהאט, — האבען גאנץ שטיל גערעדט דיא אידלאך וועלבע זיינען געשטאנען לעבען דער האלב־אפענער טהיר — זעהט נור וויא פריינדליך ער רעדט דאָרט מיט'ן יונגען מאן. עס איז פּשוט א נחת אויף אזא פּריסטאַוו א קוק צו טהאן.

— מיר שיינט ער צו זיין א זעלטענער דימענט, — האט זיך אָפּגערופען אן ארימע אידענע, וועלבע איז נור וואָס צוגעגאנגען צו דער טהיר — זעהט נור וויא ער שמייבעלט.

— מיט וואס בעשעפטיגט איהר זיך אין מאָסקווא? — האט דער פּריסטאַוו, אונזער אמאָליגער פיליפּאָוו דעם יונגען מאן ווייטער געפרעגט.

— איך האב דא א קליין פאבריקעל פון ווארשטלאך.

— האט איהר אויך א ערשטע גילדיע?

— ניין, הערר פּריסטאַוו, דאס איז אן ארבייט און צו אזא ארבייט בעדארף מען דאך קיין ערשטע גילדע ניט קויפען.

— זייט אזוי פריינדליך, הערר רייפּענבערג, — האט דער פּריסטאַוו מיט א פריינדליכע מינע געזאגט — אוועקצופאהרען פון מאסקווא אין פערלויף פון זעכצעהן שטונדען.

— אנדריי! — האט דער פּריסטאַוו א געשריי געטהאן צו דעם סעקרעטאָר — זייט אזוי ליעבליך און שרייבט אויף א „נא וויעזד“ (ארויסצופאהרען) אויף רייפּענבערגס פּאספּאָרט און שטעמפּעלט איהם אָפּ מיט א רויטען שטעמפּעל.

— אָ, הערר פּריסטאַוו, ערבארעמט אייך! איך האב היער אן אייגענע הויז און א פאמיליע.

— אן אייגענע הויז? — שאדע, שאדע! אבער איהר קענט דאך דא אי־בערלאזען אן אגענט און ער וועט אייך שוין דיא הויז מיט'ן פאבריקעל פערקויפען.

— אבער הערר פּריסטאַוו, — האט וועלוועל געזאגט קומענדיג אביסעל צו זיך — אייער בעפעהל איז געגען דיא געזעצע; איך בין אן ארבייטער און אידען וועלבע בעשעפטיגען זיך מיט ארבייט איז ערלויבט צו וואוינען אין דיא אינערליבע רוסישע גובערניעס און קויפען דאָרט הייזער, און אזוי האב איך טאקי געטהאן.

— געווים האט איהר געוואוסט וואס איהר טהוט, הערר רייפּענבערג, —

האט פּיליפּאָוו מיט דיא זעלבע ליעבליכקייט איהם ערוויעדערט — איך ווייס אבער אויך וואס צו טהאָן....

— איך וועל זוכען מיינע רעכטע ביי דעם אבער פּאָליציימייסטער! — האט רייפענבערג צאָרניג אויסגעשריען — אז ניט לעבט דער אלטער גענעראל־גובערנאַטאָר און עפּעס א מיניסטער אויך....

— טהוט עס אייך מיט'ן בעסטען פערגניגען! — האט איהם דער פּריסטאַוו רוהיג געענטפערט — אבער דולט מיר מעהר ניט דעם קאָפּ. איך האב קיין צייט צו הערען אלע נאררישקייט.

רייפענבערג, וועלכער האט געוואוסט, אז וואס א פּריסטאַוו טהוט אין מאסקווא אָפּ איז דערוויילע אָפּגעטהאָן, האט זיך פּלוצלינג געענדערט.

— הערר פּריסטאָוו, — האט ער נאך א קורצען שטילשווייגען געזאגט — איז מיר ערלויבט צו קומען פאר מיין אפּרייזע פון אייך אבשיעד נעהמען?

— ווארום דען ניט? — האט איהם דער פּריסטאַוו פריינדליך געענטפערט— זיינען מיר דען גראָבע מענשען?

— קענט איהר מיר פיעללייכט זאגען וואו איהר וואוינט?

— אויפ'ן צווייטען שטאָק אין דיעזעם הויז.

רייפענבערגס געזיכט האט אויפגעשטראַלט פאר פריידע. ער האט זיך טיעף פערנייגט און איז פון פּריסטאַוו'ס צימער ארויסגעגאנגען.

— זאגט אונז יונגער מאן וואס איז דאס פאר א מין פויגעל? — האבען עטליכע אידען רייפענבערג'ן ביי זיין ארויסגעהן איהם געפרעגט און האבען איהם פון אלע זייטען אומגערינגעלט.

— מיט א שפּיצינגען שנאבעל און מיט שאַרפע נעגעל! — האט זיי רייפענבערג געענטפערט — מען דארף אבער וויסען וויא מיט איהם צו האנדלען.

— אבי עס נעהט נור א געשעפטעל! — האבען מאנכע געזאגט און זייערע געזיכטער זיינען ערהייטערט געווארען.

— גראָבע מטבעות! האט זיי וועלוועל געענטפערט און איז האסטיג ארויסגעלאָפען.

— — — — — — — — — — — — —

— איהר מיט אייער זוהן זיינען קופּלייטע ערשטע גילדע? — האט פּיליפּאָוו געפרעגט דעם אלטען אפרים זילבערשטיין, וועלכער איז באלד נאָך רייפענבערגען צום פּריסטאַוו אין קאבינעט אריינגעגאנגען.

— יא, הערר פּריסטאַוו.

— איהר האט א גרויסען זייף פאבריק?

— יא, א זייף פאבריק.

— שוין לאנג האט איהר איהם דאָ אין מאסקווא?

— זייט פופצעהן יאהר.

— און ווער האט אייך ערלויבט דעם זייף פאבריק אין מיטען דער שטאדט צו בויען?

— דער געוועזענער פּריסטאַוו איוואַנאָוו האָט עס דורכגעפיהרט — האָט איהם דער אַלטער זילבערשטיין ערוויעדערט און האָט אַ טאָרקע געגעבען זיין זוהן פאַר דער האַנד.

— אַזוי, דער אַלטער פּריסטאַוו האָט עס אייך ערלויבט — האָט דער פּריסטאַוו זיך קנייטשענדיג גערעדט — ער איז געווען אַ וואוילער יונג און האָט בע־האַלטען אַלע אַנקלאַגעס וואָס זיינען אַנגעקומען וועגען אייער פאַבריק פון אייערע נאָכבאַרען. איך קען אָבער דיא ביטשריפטען ניט בעהאַלטען, זיי וועלען געהן וואו מען בעדאַרף און אייער פאַבריק וועט פערזיגעלט ווערען.

— סטייטש, — הערר פּריסטאַוו — האָט אפרים געשטאַמעלט.

— ניט אַ וואָרט, הערר זילבערשטיין — האָט דער פּריסטאַוו קאַלט גע־זאָגט — היינט געהען דיא פּאַפּירען אַוועק, און איך וועל מיר דיא מיה געבען אַז דיעזע וואָך זאָל דיא פאַבריק געשלאָסען ווערען.

דער פאָטער מיט'ן זוהן האָבען זיך אַנגעקוקט. זיי האָבען געוואוסט אַז זיי זיינען מיט דער פאַבריק גאָר ניט זיכער. פּריסטאַוו איוואַנאָוו האָט אַ מאָל פאַר דער ערלויבניס גענומען פון זיי פינף הונדערט רובעל און איינע נאָכבאַרען האָבען טאַקע דאַמאַלס דיא פאַבריק לעבען זיך ניט געוואָלט ליידען, און וויא באַלד דער נייער פּריסטאַוו וועט זיך צו זיי אַ נעהם טהאָן קען ווירקליך דיא פאַבריק פער־זיגעלט ווערען.

— מיר זיינען זייך הענדלער, — האָט דער יונגער יונה זילבערשטיין מיט אַ פריינדליכע מינע צו יורקאָווסקין געזאָגט — און פאַר דער לעצטער צייט האָבען מיר אויסגעפונען אַ נייעם סאָרט זייף וואָס קען ריינוואַשען דעם שטאַרקסטען פ ל ע ק....

— מיר איז זעהר אינטערעסאַנט אויף אַזאַ שטיקעל זייף אַ קוקצוטהאָן — האָט יורקאָווסקי מיט אַ שמייכעל ערוויעדערט.

— נאָך היינט וועט איהר אונזער **ע ר פ י נ ד ו נ ג** האָבען ביי זיך צו הויזע, — האָט איהם דער יינגער זילבערשטיין פריינדליך געזאָגט — איהר וואוינט דאָך איבערן אוטשאַסטאָק דוכט זיך.

— טאַק טאָטשנאָ'ס.

דער פאָטער מיט'ן זוהן זיינען צופריעדען אַוועקגעגאַנגען.

— — — — — — — — — — — — — —

חנה פראַנק! — האָט דער פּריסטאַוו אויסגעשריען נאָכדעם וויא ער האָט אין אַ פּאַפּיר אַריינגעקוקט.

אין קאַבינעט איז אַריינגעגאַנגען דיא אונגליקליכע פרוי, וועלכע איז ניט לאַנג מיט איהר טאָכטער חייקע געקומען אין אוטשאַסטאָק.

— איהר זייט עס חנה פראַנק?

— איך, הערר פּריסטאַוו.

— און וואו איז אייער טאָכטער חייקע?

— זיא מוז אויך אַריינגעהן?

— רופט איהר אַריין.

חנה האט איהר טאָכטער אין פּריסטאַוו'ס קאַבינעט אריינגערופען.

— איז דאס אייער טאָכטער? — האט פּיליפּאָוו איהר וויא פערוואונדערט געפרעגט און האט איהר בעקוקט פון קאָפּ ביז דיא פיס.

— יא. מיין טאָכטער, הערר פּריסטאַוו.

— זיא איז טאקע ווירקליך א היבשעס מעדכען! — האט דער פּריסטאַוו מיט א שמייכעל געזאגט — מיין אָקאָלאָדאָטשני האט מיר אבער דערצעהלט, אז זיא איז איהם זעהר פרעך און גראָב אנגעקומען וויא א וואהרע נ י ה י ל י ס ט י ן.

— דאס בין איך קיין מאל ניט געווען, — האט דאס מעדכען מיט א פער־טכטליכע מינע איהם געענטפערט — איהר דארפט אייערע אָקאָלאָדאָטשניקעס אנ־זאגען, אז זיי זאלען וויסען וויא זיך צו האלטען, וועט צו גראָבהייטען ניט קומען.

— אזוי גאָר? — האט פּיליפּאָוו צודריקענד זיין קאָפּ צום רעכטען שולטער אנגערופען — וויסען טאקע ווירקליך ניט רוסישע טשינאָווניקעס וויא זיך צו האלטען?!

דאס מעדכען האט ניט געענטפערט און האט זיך אן א זייט אפּגעקערט.

יורקאָווסקי האט אויף איהר געוואָרפען א שארפען בליק און האט זיך נאָכ־דעם געווענדעט צו איהר מוטער.

— וויא לאַנג וואוינט איהר שוין אין מאסקווא? — האט ער איהר א פרעג געטהאן.

— א י י ן יאהר — האט איהם חנה געענטפערט.

— מיט וואס בעשעפטיגט איהר זיך?

— איך מיט מיין טאָכטער לאַטען אלטע קליידער.

— און עפּעס פון א זייט ש א ח ע ר מ א כ ע ר?

— בעליידיגט אונז ניט הערר פּריסטאַוו! — האט דאס מעדכען מיט א שטרייכנען טאָן אויסגעשריען — דיא וועלט איז נאָך ניט הפקר וויא איהר מיינט.... פערפאָלגטע און אונטערדריקטע בעזיצען אויך מענשליכע געפיהלע! אז איהר ווילט ריידען זאלט איהר ריידען צו דער זאַך.

— אזוי גאָר טאָכטערקע? דוא לעהרנסט א רוסישען טשינאָווניק וואס צו ריידען?

— ביטע האלט אונז לאַנג ניט אויף, — הערר פּריסטאַוו! — האט איהם דאס מיידעל שארף געענטפערט — מיר זיינען ניט פערפליכטעט א י י ן ז י י ט י־נ ע ן װאָרט פון אייך צו הערען! האט איהר אונז עפּעס צו זאגען וועגען פּאָליצי־זאכען, טאָ זאָגט אונז.

— זעהט נור וואס פאר א העזה! — האט פּיליפּאָוו געלאסען געזאגט — דאס שמעקט דאָך טאקע מיט ניהיליזמוס!

— אדיע פּריסטאַוו! — האט איהם דאס מעדכען געזאגט און האט געוואָלט אוועקגעהן.

— וואהין געהט איהר חייקע? — האט איהר דער פּריסטאַוו רוהיג גע־פרעגט — איך בעפעהל אייך דא צו פערבלייבען!

— איך וועל פערבלייבען ווען איהר וועט ריידען צו דער זאכע!

— אלעס איז צו דער זאכע! — האט דער פריסטאוו שטריינג געזאגט.

— ווילען מיר וויסען וואצו איהר האט אונז צו אייך געלאדען.

— אום אייך צו זאגען, אז אין פערלויף פון זעקס שטונדען זאל אייער פוס ניט זיין אין מאָסקווא! — האט דער פריסטאוו רוהיג געענטפערט.

— חנה האט א ציטער געטהאן מיט'ן גאנצען קערפער; אבער דאס מעדכען איז געבליעבען שטעהן גלייכגילטיג.

— וואוהין בעפעהלט איהר אונז צו פאהרען? — האט איהם דאס מעדכען רוהיג געפרעגט.

— אין אייער געבורטס־שטאדט.

— זייט אזוי פריינדליך און גיט אונז צוריק אונזערע פאספאָרטען.

— אייערע פאספאָרטען וועלען שוין אָפגעשיקט ווערען אין דער פאָליציי פון אייער היימאטה.

— קום מוטער! — האט דאס מעדכען מוטהיג געזאגט אננעהמענד איהר מוטער פארן האנד.

חנה האט אבער אויסגעבראָכען אין א שרעקליכען געוויין, און דער פריסטאוו האט דערווייל געוואָרפען אויף דאס מעדכען געהיימע בליקען.

— וואָס וויינט איהר אזוי? — האט איהר דער פריסטאוו מיט א באָרמ־הערציגע מינע געפרעגט.

— איהר פרעגט נאך וואס איך וויין? — האט חנה זיך בעוואָשענד מיט טרעהרען אויסגעשריען — פערשטעהט איהר דען ניט, אז איהר האט יעצט צוויי מענשען פעראונגליקט!

— פעראונגליקט? וועט איהר דען ניט קענען לאטען קליידער אין בערדיטשוב אדער ווילנא? דערצו איז נאך אייער טאָכטער א שעהן מיידעל, זיא וועט דאָרט חתונה האבען און וועט אייך אָפגעבען א טהייל פון איהר נדן.

— נור ניט קיינע עצות, הערר פריסטאוו! — האט דאס מיידעל שארף און שניידענד געזאגט — מיר פרעגען ביי קיינעם ניט קיין ראטה.

פיליפאָוו האט זיך געמאכט ניט הערענדיג.

— מאך איך אייך טאקע אונגליקליך! — האט ער דער פרוי מיט א טאָן פון בארמהערציגקייט געפרעגט און האט איהר מיט א פריינדליכע מינע אנגעקוקט.

— אינגליקליך צו אונגליקליך איז ניט גלייך! — האט דיא פרוי וויינענד גע־ענטפערט.

— אלזא, וויל איך אויף זיך קיין צוויי נפשות ניט נעהמען! — האט ער איהר ווייך ערוויעדערט — און איך הייס אייך פערבלייבען אין מאָסקווא.

— נור ניט קיין מיטלייד, הערר פריסטאוו! — האט דאס מעדכען מיט א ערנסטע און שארפע שטימע געזאגט — מיר בעטען עס ניט פון קיינעם און וויא באלד דער זאקאָן זאגט, אז מיר מוזען פון מאסקווא ארויספאהרען, האנדעלט נאכ'ן זאקאָן; אבער ניט קיין רחמנות!

— און אייך גלוסט זיך טאקי פון מאסקווא אנטלויפען? — האט ער דאס מיידעל מיט א ליעבליכען שמייכעל געפרעגט, פונקט וויא ער וואָלט דא גאָר ניט פערשטאנען.

— פון אזעלכע רחמנות מוז מען לויפען וואו דיא וועלט האט אן עק.

— און טאקי אייך אויף צו להכעיס — האט דער פריסטאוו מיט א טייפעל־שען שמייכעל איהר ערוויעדערט — מוזט איהר דוקא פערבלייבען אין מאסקווא.

— האנדעלט נאך דיא געזעצע, הערר פריסטאוו, — האט איהם דאס מעדכען מיט א פעסטע שטימע געזאגט — האט אויף אונז קיין רחמנות אדער שפיעלט ניט קיין צו־לעבעים. מיר ווילעןביידע זאבען ניט האבען.

— אזוי שטאָלץ זייט איהר עס, מיין טהייערע?

— אָהנע קאָמפלימענטע, הערר פריסטאוו!

— און אז איהר זייט הימליש שעהן טאָר איך אייך אויך ניט זאָגען?

— אדיע, הערר פריסטאוו.

— שטעה! — האט ער געביטעריש אויסגעשריען.

— וואָס ווינשט איהר? ווארום פלאָגט איהר אונז?

— איך הייס אייך פערבלייבען אין מאָסקווא.

— ווען איהר וועט זאָגען, אז איהר טהוט עס ניט אויס מיטלייד זאָנדערן אים נאמען דעם געזעצעס, נעהמען מיר עס אן.

— איהר זייט צו שטאָלץ, הייקעניו!

— שטאָלץ וויא מיין גאנצער נאציאָן, וועלכער האט נאך זיין עהרע־געפיהל ניט פערלאָרען אונטער דיא פיס פון באַרבאַרען! — האט דאס מעדכען מיט טרעה־רען אין דיא אויגען אויסגעשריען — שטאָלץ וויא אונזערע אלע הייליגע מארטירער וועלכע האבען זייערע עדעלע געפיהלע ניט געבראָכען אונטער דיא מעסער פון זייערע שלאכטער! דיעזען הערליכען שטאָלץ וועל איך געגען אונזערע היינטיגע פערפאָלגער ניט ברעכען.

דיעזער אנטוואָרט האט אויפ'ן מערדער אזוי געווירקט, אז ער איז געבליבען זיצען וויא צודולט. ער האט אויף איהר נאך אמאָל א קוק געטהאן און זיינע לייר־דענשאפטליכע, טהיערישע געפיהלע זיינען נאך מעהר אויפגערייצט געוואָרען.

— און אנדערש ווילט איהר אין מאָסקווא ניט פערבלייבען? — האט ער איהר שוואך געפרעגט.

— איך פערלאנ ניט קיין מיטלייד, איך שפיי אויף דעם!

— נו, פערבלייבט איהר דא אים נאמען דעם געזעצעס, וועלבע ערלויבט אר־בייטער צו וואוינען אין מאָסקווא.

— אויב אזוי ווינש איך צו האבען צוריק אונזערע פאספארטען.

פיליפאָוו האט זיך פערטראכט.

— דאָס איז עפּעס א ממזר'שע זשידאָווקא — האט ער זיך געקלערט — זיא איז נאך קליגער אלס שעהן. זיא וויל זיך גענצליך פון מיר אויסדרעהען.

— וואָצו בעדאַרפט איהר אייערע פּאַספּאָרטען? — האָט איהר פּיליפּאָוו פריינדליך געפרעגט.

— וויא באַלד איהר האַנדעלט דאָ אים נאָמען דעם געזעצעס, — האָט איהם דאָס מעדכען געענטפערט — גלויב איך ניט, אַז דער זאַקאָן זאָל הייסען לאָזען ליגען אַ פּאַספּאָרט אַ רונדען יאָהר אין אוטשאַסטאָק.

— איך בין אַ נייער פּריסטאַוו און ווייס נאָך ניט אַלע געזעצע.

— און מיר זיינען אַלטע מאַרטירער, — האָט איהם דאָס מעדכען שאַרף געענטפערט — און מיר ווייסען, אַז אָהן אַ פּאַספּאָרט אין דער האַנד, איז מען אונגליקליך.

פּיליפּאָוו האָט זיך נאָך אַמאָל פערטראַכט.

— דוא ביזט קלוג וויא אַ טייפעל, וויא חיטראָוועץ אַליין! — האָט ער זיך געקלערט — דוא פערשטעהסט, אַז איך וויל דיך אַבערמאָלס זעהן אונטער פּיער אויגען.... אַבער פון פּיליפּאָוו'ן דרעהט מען זיך ניט אויס! אַלץ איינס, וואו דוא וועסט זיין אין מאָסקוואַ, וועל איך דיך דערטאַפּען. אַז ניט, וועט שוין חיטראָוועץ מיר ראַטהען וויא דיך אויסצוגעפינען.

— אַנדריי! — האָט ער פּלוצלינג צו זיין סעקרעטאַר אַ געשריי געטהאָן — גיעב זיי אָפּ זייערע פּאַספּאָרטען!

אַנדריי האָט זיך איינינע מינוטען געראַיעט צווישען דיא פּיעלע פּאַפּיערען און האָט פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט צוויי אויפגעקנייטשטע פּאַספּאָרטען. ער האָט זיי אָבער גלייך ניט אָוועקגעגעבען און האָט שטאַרק געקוקט דער זשידאָווקאַ אויף דיא הענד.

— מיר זיינען ליידער צו-אַרעם! — האָט איהם חנה זיפצענד געזאָגט.

— חאָטש איין פּאַפּיערעל וויא ניט מען עס ניט? — האָט ער איהר שטיל געפרעגט.

— לאָז זיי צופריעדען! — האָט איהם דער פּריסטאַוו בעפאָהלען.

ער האָט זיי דיא פּאַספּאָרטען מיט אַ שטילען וואָרטש אָפּגעגעבען און זיי האָבען זיך וויא פון פייער פון'ם פּריסטאַווס קאַבינעט אַרויסגעבאַפּט.

— לויף, לויף טאָכטערקע! — האָט פּיליפּאָוו שטיל אונטער דיא וואָנצעס געברומט — אַזאַ שעהנהייט וויא דוא, וועט שוין פּיליפּאָוו אין מאָסקוואַ ניט אויסענלאָזען!

42טעם קאַפּיטעל.

## אַ ליכטיגער שטראַהל.

מיר זיינען נאָך אַמאָל ביי דעם אונגליקליכען אַברהם גאָלדבוים אין וואוינונג אויף זאַראַדיע. אין דעם זעלבען צימער פון וואַנען מען האָט ניט לאַנג דעם אונגליקליכען אין געפענגנים אוועקגעפיהרט בלישצעט אַ קליינע הענג-לאַמפּע; אויף דער בעט וואו ער איז דאַמאָלס ערקראַנקט געלעגען, ליעגט יעצט זיין פרוי קראַנק; אויף אַ קליינעם טישעל לעבען איהר שטעהען אויסגעשטעלט פלעשלאַך מיט מעדי-צין. זיא ליעגט מיט'ן פּנים צום צימער און אָטהעמט זעהר שווער. איהר געזיכט

אין געקנייטשטע, דיא ליפּען פערדאַרט און איהרע אויגען זיינען טיעף אין קאָפּ פער-זונקען. עס זיצט לעבען איהר א יונגע, שעהנע פרוי אונגעפעהר פינף און צוואַנציג יאהר אלט, זיא האלט א קינד אויפ׳ן האנד און צוויי עלטערע קינדער האלטען איהר פארביידע זייטען קלייד. דיא פרוי איז בלאס וויא דיא קאַלך, איהרע שוואַרצע, פייעריגע אויגען בעוועגען זיך שנעל אונטער איהר הויבען ווייסען שטערן און יעדע בעוועגונג דריקט אויס עפּעס שרעקליכעס, טרויעריגעס און שווידערהאַפטעס.

— וויפיעל וועט שוין יעצט זיין דיא אוהר? — האט דיא קראַנקע מיט א שוואַכע שטימע געפרעגט.

— פּונקט אכט, — האט איהר דיא פרוי וואס איז לעבן איהר געזעסען גע-ענטפערט — וויא פיהלט איהר אייך מאַדאַם גאָלדבוים?

— שוואַך! — האט דיא קראַנקע מיט א שווערען זיפץ געענטפערט.

— ערמונטערט אייך מאַדאַם גאָלדבוים, — האט דיא פרוי געזאגט — נעהמט אייך א ביישפּיעל פון מיר. זעהט איהר וויא איך לעב און געה נאך ארום.

— איהר זייט נאך יונג, מאַדאַם גרינבערג, — האט דיא קראַנקע לאַנגזאַם און שטיל געענטפערט — יוגענד טראגט אלעס אריבער; אבער איך, ליעבע אסתר, איך בין שוין אלט און געבראכען. אכט און פערציג יאהר און ניט קיין גוטע! איין קינד אוועקגעשטויכען; אָ, וואס פאר א ליעבעס זיסעס קינד! ער שטעהט מיר יעצט פאר דיא אויגען. צוויי ערוואַקסענע קינדער אין סיביר, און מיין מאַן? אָ, וואו איז ער יעצט?

ביידע פרויען האבען מיט איינמאל אנגעהויבען צו וויינען. דאס קינד אויף אסתר׳ס הענד האט באלד אויך אויסגעבראכען אין א געוויין און ביידע קינדער פון איהרע ביידע זייטען האבען אויך געוויינט.

— מוטער וואו איז דער פּאַפּאַ? — האט דאס עלטערע קינד, א אינגעלע פון א יאהר דריי מיט רויטהע קיילאכדיגע בעקעלאך און מיט א קליין מיילכעלע וויינענד איהר געפרעגט.

— אין גאַס, מיין קינד! — האט איהם דיא מוטער חליפּענדיג געענטפערט.

— אזוי לאַנג אין גאַס? — האט דער אינגעלע געפרעגט — ווען וועט ער קומען?

— מארגען, מיין טהייער קינד, — האט דיא פרוי איהם געענטפערט צו-דריקענד איהרע ביידע הענד צום ברוסט פּונקט וויא זיא וואלט געוואלט איינהאַל-טען דעם שרעקליכען שטורים אין איהר זעעלע, אז ער זאל זיך דורך איהר מונד און איהרע אויגען ניט ארויסבאַפּען.

— געסטערן האסט דוא מיר געזאגט אז ער וועט קומען היינט — האט דאס קינד ווייטער גערעדט.

— היינט טראָג עס אריבער! — האט פרוי גרינבערג צו דער קראַנקער קוים ארויסגערעדט און א שטראָם טרעהרען האט זיך פון איהרע אויגען א גאס געטהאָן.

— א מענש איז שטאַרקער פון אייזען, — האט דיא קראַנקע געברומט און האט איהר דאַרע האנד צום וויינענדען אינגעלע אויסגעשטרעקט.

— וועט מיר דער פאפא ברייגגען א פאר נייע שיכעלאך? — האט דאס קינד ווייטער געפרעגט.

— יא, יא מיין קינד, ער וועט דיר שוין אלעס ברייגגען! — האט דיא פרוי מיט אווילדע שטימע פלוצלינג אויסגעשריען און האט זיך וויא וואהנזיניג פון איהר שטעלע א הייב געטהאן און האט מיט ווילדע בליקען דיא וועגט פון'ם צימער אנגעקוקט.

דיא קראנקע איז פון איהר בעט ארויסגעשפרונגען און ארויסנעהמענד דאס קליין קינד פון דער אונגליקליבערס ארעמס האט זיא איהר פארביידע הענד אנ־געכאפט.

— לאמיר ביידע רוהיג זיין! — האט דיא קראנקע ניט מיט איהר שטימע געשריען — לאמיר זיך מעכטיגען און פון זינען ניט אראפגעהן, לאמיר ביידע זיין שטארקער פון אייזען, פעסטער פון שטאל און דיא קעפ ניט פערלירען.

דיא טהיר האט זיך אין דיעזען אויגענבליק אויפגעמאכט און גאלדבוימס ביידע קינדער יעפים און העלענא זיינען אין הויז אריינגעגאנגען.

— א, טהייערע מוטער, וואס איז דאס? — האט דאס מעדכען אויסער זיך פאר שרעק אויסגעשריען.

— אט דאס איז עס! — האט איהר דיא מוטער מיט א שטארקע שטימע ערוויעדערט — איך בין שוין מעהר ניט קראנק! — כח מוז מען האבען, און יעצט האב איך דאס בעקומען!

— ניין, דוא ביזט קראנק! — האט דאס מעדכען מיט א ציטערענדע שטימע אויס־געשריען — א, ליעבער ברודער קום אהער, העלף מיר אונזער קראנקער מוטער אין בעט אריינלייגען.

יעפים איז צו איהר צוגעלאפען און האט איהר פאר ביידע הענד ערגריפען.

— האלטס מיך ניט ליעבע קינדער פאר וואהנזיניג! — האט דיא פרוי גע־שריען — איך בין נאך פון זינען ניט אראפ. איך האב מיר פערשאפט נייע קרעפטען און איך בין שוין שטארקער פון אייזען.

— זיא איז קראנק וויא אלע קראנקע! — האט אסתר קומענדיג צו זיך אויס־געשריען — לאמיר זיא אין בעט צוריק אריינלייגען.

זיי האבען איהר זאלבע־דריט אין בעט מיט אלע קרעפטען אריינגעלייגט און זיא האט זיך מיט אלע כחות געריסען פון בעט ארויסצוגעהן.

— נעהם מוטער איין דעם נייעם פולווער וואס מיר האבען דיר פון דער אפאטהעקע יעצט געבראכט! — האט יעפים געזאגט — דאס וועט דיך אביסעל בערוהיגען און דוא וועסט קומען צו זיך.

— קיין מעדיצין! — האט דיא פרוי געשריען — איך בין שוין געזונד

אסתר גרינבערג איז אין גאנצען צו זיך געקומען; אבער רחל גאלדבוים האט אנגעהויבען צו שטאמלען אונפערשטענדליכע ווערטער.

— מען האט נויטהיג א דאקטאר! — האט העלענא מיט א ציטערענדע שטימע געזאגט צו איהר ברודער.

— איך גלויב אז זיא וועט זיך באלד בערוהיגען, — האט איהר יעפים נעענטפערט — מען מוז איהר דעם פולווער איינגעבען. עס איז אין איהם פאראן א היבשע דאָזע מאָרפיום און דאס וועט איהר אביסעל רוהיגער מאכען.

זיי האבען איהר מיט געוואלד דעם פולווער איינגעגעבען און מיט א פערטעל שטונדע שפעטער האט זיך רחל אביסעל בערוהיגט.

— שלעכט, שלעכט קינדער! — האט דיא קראנקע זיפצענד געברומט — אלעס פערלאָרען!.... איין קינד געשטוילען, צוויי אין סיביר, דער פאָטער איז אין אסטראָג!

— מעכטיג זיך טהייערע מוטער, — האט איהר העלענא געענטפערט — נעהם זיך א ביישפיעל פון מאדאם גרינבערג. אט זיצט זיא דא לעבען דיין בעט, זיא איז אָנגעגריפען; אָבער זיא האלט זיך דאך! אָ, מוטער, ניט אייביג איז שלעכט! ניט אייביג האלט דיא פינסטערניס. עס וועט נאך א מאל דיא זון אין אונזערע פענסטער אויך שיינען; מיר ליידען דאך עס אלץ פאר א וואָהלטהאט, פאר רעטען אן אונגליקליכען פון לעבענסגעפאהר און איך גלויב ניט, אז דער עוויגער זאל פאר א וואָהלטהאט אזוי הארט בעשטראָפען.

אין דער טהיר האט זיך געהערט א לייכטער אנקלאָפען און אן אונבעקאנטער רוסע איז אריין אין הויז.

— איז דא דער וואוינונג פון אברהם גאָלדבוים? — האט ער יעפימען וועלכער איז איהם אנטקעגען געגאנגען געפרעגט.

— דאָ איז עס, וועמען ווינשט איהר צו זעהן?

— ניט איך, נאָר מיין ווירטהין ווינשט צו זעהן גאָלדבוימס פאמיליע! — האט דער אונבעקאנטער מאן געענטפערט — זייט אזוי גוט און בעלייכטעט דיא טרעפ.

יעפים האט א האפּגעטהאן דיא לאמפע פון פאָר-צימער און איז מיט׳ן גאסט ארויסגעגאנגען.

— דאס איז עפּעס א נייעס! — האט דאס מעדכען געזאגט — עס פיהלט זיך מיר עפּעס גוטעס.

— הלואי, מיין קינד! — האט דיא קראנקע שוואך ארויס-גערעדט.

דיא טהיר האט זיך אויפגעמאכט און צוויי מענשען האבען אין גאָלדבוימס וואוינונג אריינגעפיהרט א פרוי פון א יאָהר פופציג געקליידעט אין א שווארצע זיידענע קלייד. דיא פרוי איז לאנגזאם נעגאנגען קוים זיך האלטענדיג אויף דיא פיס.

— איך ווינש צו זעהן הערר גאָלדבוימס פאמיליע, — האט דיא פרוי אזוי שוואך און שטאמלענד געזאגט, דאס מען האט איהר קוים פערשטאנען.

העלענא איז איהר ענטגעגענגעקומען און האט געהייסען איהר צוויי פיהרער אריינפיהרען דער פרוי אין צימער פון דער קראנקער.

זיי האבען איהר אין צימער אריינגעפיהרט און זיא האט זיך אויף א שטוהל לעבען דער קראנקערס בעט אוועקגעזעצט.

אויף איהרען א וואונק זיינען ביידע מענער פון הויז ארויסגעגאנגען.

— שטעלט אייך אלע פאר מיר פאר! — האט דיא פרוי געזאגט שטאמלענד און קוים ארויסריידענדיג יעדער ווארט.

— דיא וואס ליעגט אין בעט איז מאדאם גאלדבוים! — האט העלענא געזאגט.

דיא פרוי האט ארויסגענומען פון איהר קלייד א רעהרעל און האט זיך אין רעכטען אויער אריינגעשטעקט.

— וואס? — האט זיא העלענא'ן איבערגעפרעגט.

העלענא האט פערשטאנען, אז דיא פרוי איז טויבלאך. זיא האט גלייך צוגעלייגט איהר מויל צום רעהרעל.

— דיא וואס ליעגט אין בעט איז מאדאם גאלדבוים! — האט העלענא אין רעהרעל אריינגעשריען.

אסתר גרינבערג האט געוואלט אין דער ווילע אוועקגעהן; אבער דיא פרעמדע פרוי האט צו איהר א וואונק געגעבען מיט דער האנד, אז זיא זאל בלייבען זיצען.

— איך בין גאלדבוימס טאכטער! — האט דאס מעדכען ווידער אין רעהרעל אריינגערעדט — און דיזער יונגער מענש איז מיין ברודער.

דיא פרוי האט געשאקעלט מיט'ן קאפ.

— און דיזע פרוי מיט דיא קינדער איז מאדאם גרינבערג! — האט העלענא אין רעהרעל וויטער אריינגעשריען.

דיא פרוי האט זיך לאנגזאם אויפגעהויבען פון איהר שטעלע און האט אלעמען מיט א פריינדליכע מינע בעגריסט. זיא האט זיך באלד צוריק אוועקגעזעצט און איהר געקנייטשטעס, קריינקליכעס געזיכט האט אנגענומען א מוטהלאזע מינע.

— הערר גאלדבוים אליין איז אין געפענגניס? — האט דיא פרוי מיט איהר געוועהנליך שוואכע און לאנגזאמע שטימע געפרעגט.

— אין געפענגניס, — האט העלענא מיט א זיפץ ערוויעדערט.

— איז עפעס דא א האפנונג אויף זיין בעפרייהונג?

— מען קען נאך גאר ניט וויסען.

— און דיזע פרוי, — האט זיא וויטער געפרעגט — איז אייערע א בעקאנטע?

— מיר זיינען ביז יעצט געווען בעקאנט פון דערוויטענס; אבער א שרעקליכער אונגליק האט אונז נעהענטער בעקאנט געמאכט, — האט העלענא אין רעהרעל אריינגערעדט.

— אין וואס בעשטעהט ער?

— איהר מאן איז בעשולדיגט אין א מארד־בראנד און זיצט אין געפענגניס גאנץ אונשולדיג.

— איז דאס דער זעלבער גרינבערג, וועלבער האט געטראגען זאבארינס א בריעף? — האט דיא פרוי געפרעגט.

— ער איז דער זעלבער אונגליקליכער.

דיא פרוי האט זיך ניט נאך איהרע קרעפטען פון שטוהל א הייבגעטהאן און האט אסתר'ן ערגריפען פארביידע הענד.

— האט איהר, ליעבע פרוי, געזעהן זאבארינען? — האט זיא איהר האסטיג ניט מיט איהר שטימע געפרעגט.

אסתר האט געפירכטעט צו ענטפערן. זיא האט געהערט וויא גרויזאם איהר מאן ווערט אין אסטראָג בעהאנדעלט און דער געדאנק, טאָמער איז דיא פרוי עפּעס א שפּיאָנין, האט איהר מויל געשלאָסען.

— העלענא האט עס פערשטאנען.

— ליעבע פרוי, — האט העלענא אין רעהרעל אריינגערעדט — אבוואהל מיר זעהן, אז עס שטעהט פאר אונז אן עדלע, עהרליכע פרוי; אבוואהל מיר צווייפלען ניט אין אייער פערזענליכקייט; אבער מיר זיינען אונגליקליכע, ניעדערשלאָגענע מענשען. אן אונגליקליכער ציטערט זאגאר פאר זיין אייגענעם שאטען. זאגט אונז פריינדין ווער איהר זייט, וועלען מיר וויסען וואס אייך צו ענטפערן.

— איך בין אננא זאבארין, דעם אונגליקליכען זאבארינס מוטער! — האט דיא פרוי איהר לאנגזאם ערוויעדערט.

זיי האבען זיך פאר איבערראשונג אלע א חאפּגעטהאן פאר דיא קעפּ.

— איך וויל אבער ניט, אז איהר זאָלט מיר גלויבען אויפ'ן וואָרט, — האט דיא פרוי ווייטער גערעדט — אָט איז מיין פּאספּארט און אט איז אן אנווייזונג אויף מיין נאָמען פון דער קייזערליכער באנק אויף א קליין טהייל פון מיין פערמעגען.

און ריידענדיג האט זיא פון איהר בוזים ארויסגעצויגען א פּאספּאָרט מיט א טשעק פון דער קייזערליכער באנק און האט עס העלענאן געוויזען.

— זייט אונז ווילקאָמען, מאדאם זאבארין! — האט העלענא מיט טרעהרען אין דיא אויגען אויסגעשריען — מיר זיינען העכסט צופריעדען און איבערראשט פון אייער בעזוך!

דיא קראנקע האט איהר מאָגערע האנד פון בעט ארויסגעשטעקט און האט אננא'ן אנגענומען פאר דער האנד.

אננא האט זיך צו איהר צוגעבויגט און האט איהר צוויי מאל א קוש געטהאן אין געזיכט.

— זייט רוהיג עדלע פרוי, — האט זיא דער קראנקער געזאגט — גאט פערלאָזט ניט קיינע עלענדע און שטראפט ניט מיט ביידע הענד.... איהר וועט נאך אמאל זיין גליקליך און איהר וועט עס אלעס אין פריידען דערצעהלען.

— אמן! — האט דיא קראנקע געשעפּטשעט און איהרע אויגען זיינען פייכט געוואָרען פון טרעהרען.

— אלזא, עדלע פרוי, — האט אננא געזאגט צו אסתר גרינבערג — זאגט מיר, צו האט איהר געזעהן מיין אָסיפּ'ן?

— ער איז געלעגען ביי מיר אין וואוינונג אויפ'ן בוידים, — האט אסתר אין רעהרעל אריינגערעדט — און איך האב איהם בעדיענט וויא א מוטער. אזא עדלע

און פיינעם מענשען האב איך נאך אין מיין לעבען ניט געזעהן. דאס איז עפּעס אן ענגעל אין מענשען־געשטאלט.

— און וויא אזוי איז אייער מאן דורך זיינעם א בריעף אריינגעפאלען?

— ער האט איהם געגעבען א בריעף צו א וואהלטהעטיגעס מעדכען זיא זאל מיין מאן געבען טויזענד רובעל אום אויסצוקויפען אן עלענדע פרוי פון א מער־דערישען פריסטאוו, און געהענדיג צו דאס מעדכען האט א געוויסער מערדער אין א מאָרד־בעשולדיגונג מיין מאן אריינגעצווינגען.

— ווייסט איהר ניט, וואו איז מיין אָסיפּ פון אייער הויז אהינגעקומען?

— טאקי יענעס מעדכען מיט נאך איינינע פון זיינע קאַמעראַדען האבען איהם שפּעט אין דער נאכט פון מיין הויז צוגענומען.

— קענט איהר מיר ניט זאגען וויא יענע מעדכען הייסט?

— מיין מאן איז געוועזען אזוי פאָרזיכטיג, אז ווען ער איז געגאנגען צו דאָס מעדכען מיט'ן בריעף האט ער זאגאר מיר איהר נאמען ניט געזאגט.

— איז דאס דיא ריינע וואהרהייט אדער איהר פירכטעט מיר איהר נאָמען צו פערטרויען? — האט מאדאם זאבארין מיט אן ערנסטע מינע געפרעגט.

אסתר האט זיך פערטראכט און האט אנגעקוקט העלענא'ן מיט איהר ברוּ־דער וויא זיא וואלט זיי געפרעגט מיט דיא אויגען, וואס זאל זיא דא ענטפערן.

יעפים מיט העלענא'ן האבען ניט געוואוסט וואָס איהר צו ראטהען.

— ליעבע מאדאם גרינבערג, — האט מאדאם זאבארין געזאגט — איך זעה, אז איהר זייט נאך אין מיר ניט איינגעטרויט; איך בעטראכט עס ניט פאר אן עולה; אבער איך מוז אייך זאגען, דאס איך מוז וויסען וואו מיין אונגליקליכער אָסיפּ געפינט זיך, איך האב איהם צו פערטרויען זעהר א וויכטיגע געהיימניסע, דורך וועלכע אייניגע אונגליקליכע וועלען גליקליך ווערען. אלזא, בעט איך אייך אים נאָמען פון מענשענ־ליעבע, אז איהר זאלט מיר זאגען וויא יענע מעדכען הייסט. איהר בעדאַרפט מאדאם גרינבערג וויסען, אז נאך היינט האב איך געוואָלט אייך אָפּשטאטען א וויזיט אין אייער וואוינונג. איך האב געדענקט דא אין הויז צו ער־פאהרען וואו איהר געפינט זיך און ווען איך קען אייך זעהן. אז גאט האט אונז שוין יא נאָר אונערוואַרטעט צוזאמען געפיהרט, בעט איך אייך, אז איהר זאלט מיר זאגען דעם נאָמען פון יענעס מעדכען. איך מוז ערפאהרען וואו מיין אָסיפּ גע־פינט זיך.

— וועט עס אבער בלייבען א געהיימניס? — האט אסתר געפרעגט.

— איהר בעדאַרפט פערשטעהן, אז איך וועל ניט פעראונגליקען א מעדכען מיט וועלכע מיין טהייערער אָסיפּ שטעהט אין פערבינדונג.

— זיא הייסט בערטהא מאלליך! — האט אסתר אין רעהרעל אריינגערעדט.

—,איז זיא דעם מיליאָנער מאטפיי מאלליך'ס א טאָכטער?

— יא, דעם מיליאָנערס א טאָכטער.

— איך דאנקע! — האט דיא פרוי מיט א דאנקבארע מינע געזאגט — דאס פערבלייבט א געהיימניס.

זיא האט זיך שטארק פערטראכט און פאר איהרע האלב=בלינדע אויגען האט זיך געמאָלט דיא פערגאנגענהייט. זיא האט זיך געזעהן אין א רייכפערפוצטע הויז אין קיעוו. איהר יונגער געמאהל האלט זיא טהייער וויא אן אויג אין קאָפּ. א פאָר יאהר נאך איהר האָכצייט שענקט זיא איהם א זוהן. דיא ליעבע ווערט פער־דאָפּעלט און דאָס לעבען געהט זיך רוהיג וויא א שטילע קוועלע. איהר מאן איז אבער א געלד=גייץ, איהם איז ווענינ דיא פאָר מיליאָן רובעל וואָס ער בעזיצט, איהם פערוויילט זיך זיין קאפּיטאל פערדאָפּלען. ער שרייבט א טעסטאמענט, אז אין פאל וועז ער שטארבט געהערט זיין גרויסער פערמעגען צו זיין איינציג קינד און אויב דאס קינד שטארבט געהערט עס צו זיין ברודער אין פעטערבורג, מיט דער בעדינגונג, אז א פינפטער טהייל זאל הערבען זיין ווייב, און אליין פאָהרט ער אוועק אלס פּאָדריאַדטשיק צו דער קאווקאזער קריעג. עס געהט צוויי יאהר אריבער און איהר מאן איז נאך אלץ ניט געקומען צוריק. דאס קינד שטארבט אין דער באָלע=ריע און דאס פערמעגען בעדארף איבערגעהן צו אן אידיאָט. זיא בעראטה זיך מיט א קלוגען מענשען און פּאָהרט גלייך אוועק נאך ווילנא. זיא זיצט אויף א באנק אין שטאָדט־גארטען און א מעדכען פיהרט א שעהנעם צוויי־יעהריגען איי־נעלע. זיא גיט דער מיידעל קליינ=געלד און הייסט איהר געהן קויפען פאר דאס קינד קאָנפעקטען, דאס מעדכען לאָזט דאס קינד לעבען איהר אויף א באנק און געהט אוועק. זיא נעהמט דאס קינד צו זיך און פיהרט איהר גלייך אוועק מיט'ן שנעל=צוג נאך קיעוו און דאס רייכטהום בלייבט פאר איהר. זיא לעזט טאָג טעגליך אין דיא צייטונגען, אז א איד, א געוויסער גאָלדבוים זוכט זיין צוויי יעהריגען איי־נעלע וואס א דאמע האט פון שטאָדט-גארטען אוועקגעשטוילען. און וויא ערצי־טערט ווערט זיא ביים עראינערען זיך, אז זיא זיצט יעצט ביי דיא אונגליקליכע עלטערן פון דאס קינד אין הויז!.... זיין ריכטיגער פאָטער איז אין געפענגנים, זיין מוטער איז טוידט־קראנק און זיין שוועסטער און ברודער האלטען זיך פון צרות קוים אויף דיא פיס!

א שרעקליכער זיפץ האט זיך פּלוצלינג פון איהר ברוסט ארויסגעריסען, עס האט איהר פערקלעמט אין הארצען, איהר קאפּ האט זיך פערדרעהט און זיא האט זיך מיטביידע הענד אָנגעחאפּט אָן העלענא'ן, וועלכע איז געשטאנען לעבן איהר.

— אָ, וואס איז געוואָרען מיט אייך, מאדאם זאכארין! — האבען גאָלדבוימס קינדער אויסער זיך פאר שרעק אויסגעשריען.

אננא איז אביסעל צו זיך געקומען און האט אויפגיזעפענט דיא אויגען.

— גאר ניט, גאָר ניט! — האט זיא שוואך געענטפערט — איך בין א שוואַ־כע קריינקליכע פרוי, איך פיהל מיך מאנכע מאָל זעהר אונוואָהל.

— פיעללייכט אביסעל קאלטעס וואסער? — האט איהר העלענא אויפגע־רעגט געפרעגט.

— ניין, איך דארף גאר ניט, — האט אננא ערוויעדערט — איך וויל יעצט פון אייך הערען דיא ריכטיגע אורזאכע פון הערר גאָלדבוימס פערהאפטונג.

— טאקי צוליעב זאכארינען! — האט יעפים טרויעריג איהר ערוויעדערט.

אננא האט א ציטער געטהאן מיט'ן גאנצען קערפּער.

— צוליעב זאַכארינען? — האט אננא איבערגעפּרעגט — דיא ציימונגען האבען דאָך געמעלדעט, אז ער האט ערמאָרדעט א שפּיאָן!

— מיר מוזען אייך פערטרויען א געהיימניס, — האט העלענא אין רעהרעל אריינגערעדט — אז מיין פאטער איז געגאננגען רעטען זאכארינען און דערווייל'ע האט א ניהיליסט ערמאָרדעט א שפּיאָן, וועלכער האט מיין פאטער נאכגעשפּיערט....

— און וואו איז אָסיפּ דאמאלס געווען?

— ער איז געווען פערשטעקט אין גרויסען קאנאָן אין קרעמעל, זיינע קא מעראדען האבען מיין פאטער געבעטען, אז ער זאל זיי מיטהעלפען פון קאנאָן איהם ארויסקריגען און איהם געבען שוץ אין זיין הויז....

— און אין אייער הויז איז טאקע אָסיפּ אפּגעפיהרט געוואָרען?

— מיר האבען איהם דא געהאלטען איינינע שטונדען און נאכהער האבען מיר איהם איבערגעגעבען גרינבערג'ן, ווייל ביי גרינבערג'ן איז געווען יענע נאכט א בעפאל פון דער פּאָליציי און נאך א בעפאל איז לייכטער א מענשען צו בע־האלטען....

— אָ גאָט! — האט דיא פרוי אויסער זיך פאר איבערראשונג אויסגע־שריען גאר ניט מיט איהר שטימע — זיצט יעצט אייער פאטער אין אסטראג צוליעב אָסיפּ'ס רעטונג?

— אזוי האט זיך געמאכט, — האט העלענא מיט טרעהרען אין דיא אויגען איהר ערוויעדערט — ער איז געוויס אין דעם ניט שולדיג.... ער איז א זעלטענער מענש, וואס איז גאר שווער אזעלכען צו געפינען.

אננא האט א זיפץ געטהאן.

— קיין גרעסערן וואוינונג וויא דיעזע זייט איהר גאר ניט אין שטאנד זיך צו דינגען? — האט אננא איהר פּלוצלינג א פרעג געטהאן.

— מיר וואָלטען געווען העכסט צופריעדען, אז מען וואָלט אונז אין דיעזען וואוינונג רוהיג געלאזט לעבען — האט העלענא טרויעריג געענטפערט.

— ווער שטערט אייך דען דא צו וואוינען?

— דיא טעג איז דא געוואָרען א נייער פריסטאוו און ער וויל אונז נעגנצליך פון מאסקווא ארויסשיקען, חאָטש דער פּראָצעס פון מיין אונגליקליכען פאטער פאנגט זיך נאָך יעצט אן און חאָטש מיר זיינען פּאָטאָמסטווענני פּאָטשטאָטני גראזשדאניעס (ערבליכע עהרענ־בירגער) און האבען דאס רעכט צו וואוינען אין גאנץ רוסלאנד.

— און א העברעער אלס א פריסטאוו איז שוין גאר נימאָ?

— אין מאסקווא טהוען דיא פריסטאוועס מיט א י ד ע ן וואס זיי ווילען. זא קוים ער הייסט ארויספאהרען, ענטפערט שוין ניט דער אָבערפּאָליציימייסטער און זאגאר דער מיניסטער אליין. מיר זארגען זיך ניט אזוי פאר זיך וויא פאר מאָ־דאם גרינבערג. זיא איז אן עלענדע פרוי מיט דריי קליינע קינדערלאך, איהר מאן האט דא געלעבט אויף דאס רעכט פון אן ארבייטער. יעצט, אז ער זיצט אין גע־

פענגנים, איז דאס רעכט ארונטערגעפאלען און דער פריסטאוו האט פון איהר געסטערן גענומען נאנצע הונדערט רובעל פאר איין וואך פערבלייבען אין מאָסקווא. אונז האט עס שוין אויך א שעהנע סומע נעקאָסט; אבער מיר האבען נאך א האָפנונג, מיר גלויבען, אז ער וועט אזוי פרעך געגען דיא געזעצע ניט האנדלען, דאס וועט אויסגעהן צו געלד....

— און געלד האט איהר גענוג?

— אָסיפ'ס קאמעראדען האבען אונז געבראכט ניין הונדערט רובעל; אייניגע הונדערט רובעל האבען זיי אויך געגעבען מאדאם גרינבערג; אבער דער נייער פריסטאוו וועט עס שוין פון אונז ארויסשלעפען נאך מיט דיא בעט-צייג פון צו-קאָפענס....

— אבער וויא קען אזא קראנקע פרוי ליגען אין אזא ענגען צימער? — האט אננא מיט טרעהרען אין דיא אויגען געזאגט אנווייזענד אויף מאדאם גאָלדבוים.

— ווייסט איהר ניט מאדאם זאכארין, אז א מענש איז שטארקער פון אייזען? אז מיין פאטער קען לעבען צווישען מערדער אין אסטראָג, קען מיין מוטער ליעגען דא קראנק!....

— נאט אייך אויף א נייעם וואוינונג, — האט אננא געזאגט איהר איבער-געבענד אן אנווייזונג אויף דער קייזערליכער באנק.

— ניין, מאדאם זאכארין, — האט דאס מעדכען מיט א וויינענדע שטימע אויסגעשריען — זאָ לאנג איך מיט מיין ברודער לעבען, וועלען מיר אליין אונזער פאמיליע ערנעהרען.

— איך ה י י ס אייך נעהמען! — האט אננא געזאגט — איהר דארפט עס ניט בעטראכטען אלס א נדבה נור אלס אן אלטען חוב....

— א חוב? זייט איהר אונז עפעס שולדיג?

— נאך מעהר וויפיעל איהר קענט זיך פאָרשטעלען....

— איך פערשטעה אייך ניט, מאדאם זאכארין.

— איהר דארפט וויסען, אז איהר האט געגעבען שוץ א מיליאָנערינס א קינד....

— אונז איז אלין איינס וועמענס א קינד אָסיפ זאכארין וואָלט געווען. אן אונגליקליכען מוז מען שיצען אהנע בעלוינונג. פאר אן אונגליקליכען מוז מען לויפען אין פייער אבי איהם צו רעטען. מיין פאטער האט מיך פון קינדהייט אן אזוי גע-לערענט און אזוי לעהרענט אונז דער ריינער פערנונפט.

— ליעבעס עדלעס קינד! — האט מאדאם זאכארין מיט א ציטערענדע שטימע אויסגעשריען — קום אהער צו מיר אביסעל נעהענטער, לאמיך דיך בע-טראכטען.

זיא האט העלענאַ'ן אנגענומען פאר ביידע הענד און האט זיך גלייך נעגען איהר געזיכט אוועקגעשטעלט.

— דיא לאמפע! — האט אננא אויסגעשריען — גיט אהער דיא לאמפע.

דיא ערשטוינטע מאדאם גרינבערג האט אראָפּגעחאפּט פון טיש דיא לאמפּע און האט זיא געהאלטען נאָהענט געגען זייערע ביידע געזיכטער.

וויא צוויי מראמארנע סטאטוען זיינען זיי אונבעוועגליך איינע געגען דיא אנדערע געשטאנען זיך קוקענד גלייך אין דיא אויגען. אננא איז פּלוצלינג ערצי־טערט געוואָרען, איהרע אויגען זיינען געוואָרען אנגעגאסען און האבען אנגעהויבען האסטיג צו רינען.

— א י י ן געזיכט.... דיא זעלבע אויגען.... דער אייגענער כאראקטער און דאס זעלבע הערץ! — האט אננא יאמערליך געברומט און איז העלענא'ן מיט א שרעקליכען געוויין אויפ'ן האלז ארויפגעפאלען.

— אָ, טהייערע פריינדין — האט דאס מעדכען וויינענד אין דיא אויערען איהר געשריען — זאגט מיר דיא בעדייטונג פון אייערע רעטהזעלהאפּטע ווערטער, ער־קלעהרט מיר דעם שרעקליכען טרוים וואס מיר קומט יעצט פאָר.... זייט איהר ניט א פריעדענס ענגעל, וועלכען גאָט שיקט א מאל ארונטער פון הימעל, אויסצו־היילען פערוואונדעטע הערצער, ערהייטערען צערבראָכענע געמיטהער?.... מיין הערץ פיהלט עפּעס וואס איך קען ניט ארויסריידען, אין מיין זעעלע קראכט א זאָנדער־בארער שטורם, איך בין עס ניט אין שטאנד אליין זיך צו ערקלעהרען.... פיעל־לייכט הייבט דא אן עפּעס ארויסשפּראָצען א הילפע פאר מיין אונגליקליכען טהייערען פאטער, אָדער....

דאס מעדכען האט זיך פערהאקט, איהרע געפיהלע זיינען געוואָרען אזוי שטורמדיג, אז זיא האט מעהר ניט געוואוסט וואס צו ריידען.

— ליעבעס טהייערעס קינד, — האט אננא אויפגערעגט איהר ערוויעדערט — דוא ביסט נאך יונג און ווייסט ניט צו וואס געוויסע אומשטענדע קענען א מאל א מענשען דערפיהרען.... איך קען דיר יעצט גאר ניט ערקלערען און טאָר דיר פאָרלויפיג ניט זאגען וואס איך האב געמיינט.... דיר קומט עס פאָר רעטהזעל־האפט; אבער דעם טשעק אויף צוויי טויזענד רובעל זאלסט דוא פון מיר נעהמען, דוא נעהמסט ד י י נ ס מיין קינד און מעהר זאלסט דוא דאריבער מיט מיר ניט ריידען....

— גוואלד איך געה פון זינען אראָפּ! — האט העלענא אויסער זיך אויס־געשריען.

— דאס איז א טרוים! — האט יעפים געברומט און האט ווילד אנגעקוקט דיא ווענט פון צימער.

— איהר זאָלט זיך מיטהען א גרויסע וואוינונג אין אן אנדער קווארטאל — האט אננא זיי געזאגט ניט הערענדיג וויא זיי האבען דא גערעדט — און איהר מאדאם גרינבערג זאלט מיט זיי וואוינען צוזאמען. נעהמט פון מיר דיעזען פּעקעל פּאפּירען און זייט רוהיג און האָפט צו גאָט אז ער וועט אייך העלפען.

זיא האט ארויסגענומען פון איהר בוזים א פּעקעל מיט באנק־נאָטען און האט עס אסתר'ן אין קעשענע אריינגעשטעקט.

— איהר איבערראַשט אונז מאדאם זאכארין — האט אסתר מיט טרעהרען אין דיא אויגען אויסגעשריען.

— זייט רוהיג און לעבט גליקליך — האט אננא ניט הערענדיג איהר אַנט־וואָרט גערעדט — אדיע מיינע טהייערע....

43טעס קאַפּיטעל.

# אַ טיגערין אין אַ שעפּסען פעהל.

העכסט פּעראינטערעסירט מיט דער לאַגע פון דער יונגער באַראָנעסע קסעניא אנדרייעווגא, האט גרעפין מאריא אנדריאנאווא צו דער באַראָנעסע גע־שריעבען א בריעף וועלכער האט ענטהאלטען פאָלגענדעס:

„ווערטהע באַראָנעסא קסעניא אנדרייעוונא! דיעזע צייל̇ען שרייבט צו אייך א פרוי, וועלכע האט אייך מיט איין און צוואַנציג יאהר צוריק אויף איהרע הענד געטראגען, אלס איהר זייט נאך געווען א צוויי יעהריגעס קינד. זייט דאן האב איך אייך ניט געזעהן; אבער אייערע פערשטאָרבענע עלטערן האב איך דא אין מאסקווא געהאט דיא עהרע צו זעהן מיט ניין יאהר צוריק, זיי זיינען געווען א מאל דיא בעסטע פריינדע פון מיינע זעעליגע עלטערן, זיי האבען וויא בריעדער און שוועסטער צווישען זיך געלעבט. הײַנט שטעלט אייך באַראָנעסע פאַר, וויא איבער־ראשט איך בין געוואָרען לעזענדיג אין דיא צייטונגען, אז קסעניא אנדרייעוונא איז אין מאסקווא און מען האט איהר בעשטוילען אין האָטעל „ערמיטאַזש" אויף אזא גרויסע סומע!.... איך בין גאָר אויסער זיך. איך ווינש אייך צו זעהן באַראָנעסע. מיין לאַגע איז אויך צוליעב געוויסע אומשטענדע ניט זעהר א פרעהליכע. שרייבט מיר, ווען קען איך אייך בעזוכען אדער ווען קענט איהר מיר א וויזיט אָפּשטאַטען.

האָכאכט.נגספאָל גרעפין מאריא אנדריאנאָווא".

דיעזער בריעף איז אָפּגעשיקט געוואָרען צו דער יונגער באַראָנעסע קסעניא אנדרייעוונא נאכדעם וויא דאקטאר וואסיליעוו, האט דער גרעפינס הויז פערלאזען. אום אַכט אוהר אבענדס האט יעוורושין דער גרעפין געמעלדעט, אז א יונגע דאמע ווינשט איהר צו זעהן און ער האט זייןווירטהין א וויזיט־קארטע איבערגעגעבען.

— באַראָנעסע קסעניע אנדרייעוונא! — האט אנדריאנאווא אויסער זיך פאר פרייד אויסגעשריען און מיט דיעזען געשריי איז זיא אין עמפּפאַנג־צימער אריינ־געלאָפען.

עס איז איהר אנטקעגען געקומען א יונגע שעהנע דאמע מיט א ראָזענפאַר־בינעס געזיכט און מיט שווארצע געקרייזעלטע לאָקען.

— אָ, גרעפין! — האט דיא יונגע דאמע אריינפאַלענד אין מאריא אנדריא־נאווא'ס ארמען אויסגעשריען — וויא גליקליך בין איך, אז איך האב דיא עהרע צו זעהן דער פרוי וועלכע מיינע זעעליגע עלטערן האבען אימער אזוי געליעבט, אזוי פערגעטערט!

און ביידע פרויען האבען זיך באַלד הײַס צוקושט און טרעהרען האבען זיך געגאָסען אויף זייערע באקען.

— אך, מיין טהייערע קסעניא! — האט דיא גרעפין מיט געוויין אויסגעשריען, — וויא גליקליך בין איך מיט אייער בעזוך! א קוקטהאנדיג אויף אייך, שטעלט זיך פאר מיינע אויגען פאר מיין גאנצע פערגאנגענהייט, מיינע יונגע בליהענדע יאהרען! מיט זיי זיינען אפילו פערבונדען זעהר פיעל טרויעריגע עראינערונגען.

— מוטער! ליעבע, זיסע מוטער! — האט קסעניא מיט א ציטערענדע שטימע אויסגעשריען — אזוי וועל איך אייך טהייערע פריינדין רופען, ווייל איהר זייט דיא איינצעלנע וועלכע האט אין איין מאמענט מיין גאנצעס יונגעס הערץ פאר זיך געוואונען.... זייט מיין ליעבע מוטער איז געשטארבען בין איך עלענד וויא א שטיין; אבער יעצט פיהל איך מיך וויא ביי איהר אין הויז, וויא אין איהרע ארמען.... א, מוטער, פיעלעס האב איך שוין אויך אין מיין ביסעל יאהרען איבערגעטראגען! אין פערלויף פון צוויי יאהר האב איך מיינע ליעבסטע, מיינע טהייערסטע אין לעבען בעגלייטעט אין דעם עווינגען וועג.... מיין טהייערע פאטער, וועלכער איז אין גאנצען אכט און פערציג יאהר אלט געווען האט זיך דאס לעבען גענומען גאר אהן אן אורזאכע. מיין ליעבע זיסע מוטער האט זייט דאן אנגעהויבען צו קרייגקען, זיא איז יעדען טאג געווארען שוואכער און שוואכער ביז זיא האט איהר עדלע זעעלע דעם אלמעכטיגען איבערגעגעבען. איך בין פערבליעבען עלענד, ניעדערשלאגען און צערשמעטערט מיט א צובראכענע געמיטה און א פערוואונדעטעם הערץ—

קסעניא האט זיך פערהאקט און האט אויסגעבראכען מיט א ביטערען, הערצרייסענדען געוויין.

— גענוג טהייערע און ליעבע קסעניא! — האט מאריא אנדריאנאווא אויפגערעגט אויסגעשריען איהר ערגרייפענד פאר ביידע הענד — זעצט אייך און לאמיר אויף א ווייל דיא צרות פערגעסען; מיר וועלען שוין געפינען איבער וואס צו ריידען.

— א, וויא פערגעסט מען? וויא פערגעסט מען? האט קסעניא ווייטער געוויינט — איך בין דאך וויא א צערטראטענע בלומע, וויא אן אויסגעריסענע ליליע פון איהר באדען איידער זיא ווערט צייטיג!....

— ניין, טהייערע קסעניא, — איהר זייט ניט פערוועלקט! איהר זייט נאך יעצט אויך א בלומע אין פאלען פראכט! א זאנפטער זעפיר (אנגענעהמער ווינד) וועט אייך נאך אפפרישען און איהר וועט נאך בליהען וויא אין גאטעס פאראדיז! א שטורם הערשט ניט אייביג, ער געהט פאראיבער, און גליקליך איז דער יעניגער וועמ עס פערשטעהט, אז מען דארף זיך פאר א שטורם איינבייגען; יענער טראגט איהם לייכט אריבער און פערבלייבט אונבעריהרט, וויא איהר, מיין ליעבע קסעניא.

— איך אונבעריהרט? — האט קסעניא יאמערליך אויסגעשריען — מיין הערץ איז צערשמעטערט אין טויזענד שטיקער, מיין געמיטה צובראכען און מיין לעבען רואינירט!

— זא לאנג, פריינדין, אייער געזיכט זאגט עס ניט, — האט איהר אנדריאנאווא געטרייסטעט — זא לאנג איהר זייט שעהן און רייצענד, לעבהאפט און בעצויבערענד, איז א בעוויז, אז דיא שווערע ליידען קענען אייך ניט ברעכען, איהר מוזט האפען אויף בעסערעס. יונגע קרעפטען לאזען ניט וועלקען, לאזען ניט ארונטערפאלען און פערזינקען אין אבגרונד. עס איז דיא גרעסטע זינדע פאר זיך און פאר גאט, אז א יונגער מענש לאזט זיך אפ אין א נויט און-פערליערט מוטה צו קעמפפען מיט דיא שלעכטע צופעלע. דאס ווערט בעטראכט ביי מיר ערגער פון זעלבסט-מארד; ווייל דער וואס טוידטעט זיך אליין, מאכט עס קורץ און שארף; אבער דא נעהמט זיך א מענש דאס לעבען לאנגזאם און גאנץ געלאסען.

דיא באראָנעסע האט געוואָלט ענטפערן; אבער אין דעם זעלבען אייגענבליק האט זיך דיא טהיר נאָך אַ לייכטען אנקלאפּען אויפגעמאכט און פּאַוועל איז אריין אין צימער.

קסעניא האט אפּגעווישט איהרע פערוויינטע אויגען. זיא האט מיט אַ פּיער־שעהמטע מינע אַ קוק געטהאָן אויף דער ווירטהינס זוהן און האט באלד איהר געזיכט פון איהם אפּגעדרעהט, וויא אן אמתע צנועה וואס קען לאַנג ניט קוקען אַ פרעמדען מאַנס־פּערזאָן אין דיא אויגען.

מאריא אנדריאַנאָוואַ האט זיי איינער פאר׳ן אנדערן פאָרגעשטעלט און פּאַוועל איז באלד מיט דעם ערשטען בליק ענטציקט געוואָרען פון איהר רייצענדער שעהנהייט.

— אט דאס איז פון דיא שעהנהייטען וואס איך מיין! — האט ער זיך גע־קלערט און האט איהר פריינדליך געדריקט דיא האַנד.

— זייט אונז ווילקאָמען באראָנעסע! — האט ער מיט׳ן פולען מויל געזאגט. עס פרעהט מיך זעהר אייך צו האבען אין אונזער הויז פאר אַ גאסט.

— און איך שטאָלציר מיט אייער פריינדשאפט! — האט זיא איהם געענט־פערט מיט אַ חנ׳עוודיגע און האלב־תמ׳אָוואטע מינע.

— זייט איהר שוין לאנג אין מאָסקווא, באראָנעסא? — האט איהר פּאַוועל פריינדליך געפרעגט.

— שוין פיער טאָג. איך בין אהער געקומען מיט מיינעם אן אנקעל פון אויסלאנד. פּלוצלינג האט ער בעקומען אַ דעפּעשע פון פּעטערבורג, אז זיין שוועס־טער איז געפעהרליך קראנק און ער איז מיט׳ן שנעל־צוג אוועקגעפאָהרען. איך בין פערבליעבען גאנץ אליין און גנבים האבען אין מיין צימער איינגעבראָכען און ארויס־גענבעט פון אונטער מיין צוקאָפּענס צוואנציג טויזענד רובעל באארעס געלד אויסער פאר איבער אכט טויזענד רובעל צירונג.

— איז גאר קיין שפּור פון דיא גנבים ניטאָ?

— איך האב געאייסערט מיין פערדאכט אויף איינע אַ פרוי; אבער מען קען זיא ניט אויסגעפינען.

— נו, און דער איינגענטהימער פון „ערמיטאזש״?

— איך האב ניט געוואָלט, אז דיא זאך זאל פערעפענטליכט ווערען, — האט קסעניא מיט אן ערנסטע מינע געזאגט — דארום האב איך איהם געוואָלט אַ היבשע סומע פון׳ם געשטוילענעם קאפּיטאל אראפּלאָזען; אבער ער איז זעהר אַ שלעכ־טער מענש און וויל ניט ענטפערן אויף איין קאָפּיקע.

— ווייסט איהר אבער, באראָנעסע, אז דיא איינגענטהימער פון דיא גרויסע האָטעלען אין מאָסקווא זיינען פאר אַ דיעבשטאל אין זייער האטעל פעראנטוואָרטליך?

— איך האב עס יעצט הייגט געגען אבענד זיך דערוואוסט; אבער וואס טהוט מען מיט אַ שלעכטען מענשען?

— איהם איינקלאָגען אין געריכט, — האט דיא גרעפין פערדריסליך זיך אפּגערופען.

— אין רוסלאנד געריכט! — האט דיא באראָנעסע מיט אַ פערעכטליכע מינע אויסגערופען; — איך וועל ליעבערשט אין טייך אריינשפּרינגען איידער בעטען רעכטע פון אלכסנדר׳ס באנדיטען.

— דאס איז ניט געזאגט באראָנעסע, — האט פּאַוועל ערוויעדערט — דיא איינצעלנע זאך וואס אין אלכסנדר׳ס מדינה איז נאך ניט אזוי שטארק פערדאָרבען, איז דער גראזשדאנסקער־סוד (בירגער געריכט). דיא ריכטער און דיא אדוואָקאטען בעגעהן זיך נאָך ארענטליך און אנשטענדיג.

— אלעס איז אין דעם בארבארען לאנד פערדארבען! — האט קסעניע צאָרניג אויסגעשריען — זייט דער דעספּאָט אלכסנדר דער דריטער האט דעם טראָהן בעטראָטען גיבט עס מעהר קיינע גערעכטיגקייט איז רוסלאנד.

— א וואהרע ניהיליסטען! — האט זיך פּאוועל געקלערט — אזא ליעבעס מעדכען איז נאך מיין אידעאל, נאך מיין פערלאנג.

אבער דאך וואלט איך אייך גערעטהען זיך פּרופען און דערלאנגען אויף דעם ווירטה פון׳ם „ערמיטאזש״ אין געריכט, — האט איהר מאריא אנדריאנאָווא גערעטהען.

— דאס וועט העלפען וויא א טוידטען באנקעס, — האט קסעניא ווייטער גערעדט — ער וועט אונטערקויפּען דיא נאטשאלסטווא און מיין געלד און דיא ציערונג בלייבען פערלאָרען. מיר ווייסען וועה אונזערע טשינאווניקעס זיינען, אז מיט איין פינף און צוואנציגער קויפט מען זיי אָפּ, און איהר אונגליקליכע חאָטש טרינקט אייך, ווערגט אייך, וועמעס דאגה איז עס!

— פון וואנען האט איהר אזוי גוט קענען־געלערנט אונזער רוסלאנד? — האט פּאוועל מיט א פערוואונדערטע מינע געפרעגט — איהר ווייסט דאך באראָנעסע נאר פון פויגעל מילך.

דיא באראָנעסע האט א לייכטען שמייכעל געטהאן, וויא זיא וואלט וועלען דערמיט אויסדריקען, אז דאס איז א קינדישע פראגע און זיא האט באלד ווייטער געשניטען.

— פון וואנען איך קען רוסלאנד? האלט איהר דען אונז מעדכענס נאר פאר קיין מענשען ניט? מיין האס צו רוסלאנד האב איך נאך געהאט זייענדיג אין גימנאזיום אלס פערצעהן יעהריגעס קינד. איך האב שוין דאמאלס פערשטאנען, וויא טיעף אונזער פאָלק איז געפאלען, וויא ניעדעריג זיינע דעספּאָטען האבען איהם אוועקגעזעצט. רוסישע ניעדערטרעכטיגקייט איז צו זעהן, וואו מען קעהרט זיך און וואו מען ווענדט זיך, אפילו אויף דיא ווענט פון גימנאזיום. אויף יעדער באנק פון דיא שילער און שילערינען איז מיט פייער אָנגעשריעבען: קינדער, אָט איז דיא רוסישע טיראניי!

— בראַוואָ באראָנעסא! -- האט פּאוועל אויסגעשריען.

-- פון וואס ווערט איהר דא גראף אזוי ענטציקט? — האט קסעניא מיט א פערוואונדערטע מינע געפרעגט און האט אויף איהם געוואָרפען א ליעבליכען בליק פון איהרע שעהנע פייעריגע אויגען — א גרויסער קונץ איז דען דיא טיראניי צו דערקענען? דוכט זיך, אז א בלינדער קען זעהן לייכט רוסישע דעספּאָטיזמוס און ניט נור זעהן — איהר אנטאפּען מיט דיא הענד זאָגאר.

— אך, וויא גליקליך איך שעץ מיך אין אייער געזעלשאפט! — האט פּאוועל געפיהלפאָל אויסגערופען — איך זעה, אז דיא פאָרזעהונג (השגחה) האט אונז צוזאמענגעפיהרט.

קסעניא האט איהם בעשאָטען מיט ליעבע און מילדע בליקען, וועלכע האבען אין זיין יונגעם הערץ אנגעצונדען א פייער. ער האט דערפיהלט, אז ער ליעבט זיא!

דיא קלוגע זלאָדייקינא האט עס בעמערקט.

— אָ, גראף, — האט קסעניא מיט א דעמיטהיגען טאן איהם ערוויעדערט — מיט וואס זאל איך אייך פאר אזא קאָמפּלימענט אָפּענטפערן?

— קאָמפּלימענט? — האט פּאוועל אויסגערופען דאס איז מיין ערנסט, אז איך שעץ מיך איבערגליקליך זיך צו געפינען אין אייער געזעלשאפט.

דיא באראָנעסע האט אנשטאט אן אנטוואָרט אראָפּגעלאזען איהרע אויגען

וויא אַן אונשולדינגעס מעדכען וואס בעקומט צום ערשטען מאל אַ גלעט פאַר׳ן בעקעל.

— שאַדע וואס מיין טאָכטער פיהלט זיך היינט עפּעס אונוואָהל! — האָט דיא גרעפין זיך אפּגערופען — זיא וואָלט געוועזען העכסט צופריעדען און איבער גליקליך מיט אייך בעקאַנט צו ווערען.

— האָט איהר גרעפין אויך אַן ערוואַקסענע טאָכטער? — האָט קסעניא מיט אַ תמ׳אוואַטע מינע נעפרעגט.

— מיין טאָכטער איז מיט מיין זוהן אין איין אַלטער. זיי זיינען אַ צווילינג.

— אַך, וויא גליקליך איך וואָלט געוועזען צו האָבען אייער טאָכטער פאַר אַ פריינדין! — האָט קסעניא מיט אַ צופריעדענע מינע אויסגערופען — זיא איז אויך געוויס שעהן און —

קסעניא האָט זיך פּלוצלינג פערהאַקט און האָט דיא אויגען אַראָפּגעלאָזען צום באָדען, פּונקט, וויא זיא וואָלט זיך פערשעהמט זיך אַרויסהאַפּענדיג מיט אַזאַ וואָרט וואס עס ריהמט פּאַוולען.... פּאַוועל אָבער האָט זיך געפונען העכסט געשמייכעלט.

— זיא פיהלט צו מיר דאָס זעלבע וואס איך צו איהר! — האָט זיך פּאַוועל געטראַכט — אָ, וואס פאַר אַ גליק מיר האָט דאַ היינט געטראָפען!

גרעפין אַנדריאַנאָווא האָט באַלד געדעקט דעם טיש. זיי האָבען אָפּגעגעסען אָבענד ברויט און זיך אונטערהאַלטען ביז עלף אוהר אָבענדס.

פּאַוועל האָט נאָך איהר אַוועקגעהן דיא גאַנצע נאַכט ניט געקענט איינשלאָפען. איהם האָט זיך אַלץ פאָרגעשטעלט דיא שעהנע פיגור פון דער רייצענדער און בעצויבערטער קסעניא אַנדרייעוונא. זיין הערץ האָט אַלע מאָל מעהר און מעהר געקלאַפּט מיט ליעבע צו דער שעהנהייט, וועלכע איז אויך ניהיליסטיש געזאָנען וויא ער און איז פון איהם ניט זעהר ווייט. עס פעהלט מעהר ניט וויא איין מאָל זיך ערקלערען פאַר איהר אין ליעבע!

ער האָט קוים ערוואַרטעט דעם פריה־מאָרגען. דיא זאָנע האָט גאַר איהם אַנדערש געשיינט אין דיא אויגען, איהרע שטראַהלען האָבען איהם געבלישצעט מיט אַן אַנדער גלאַנץ. אַ קליינינקייט איז דען ליעבע פאַר אַ יונגעס הערץ, בעזאָנדערס נאָך דיא ערשטע, דיא עדעלע, קיישע און הייסע ליעבע, ווען דער יונגער מענש פינדעט אויס זיין ריכטיגען, לאַנג זיך פאָרגעשטעלטען אידעאַל.

ער האָט מיט דער ערלויבניס פון זיין מוטער זיך געהייסען שפּאַנען דעם עקיפּאַזש און איז אַוועקגעפאָהרען לאַדען דער יונגער באַראָנעסע אויף פריהשטיק.

אין יענער צייט איז געזעסען ביי דער יונגער באַראָנעסע אין צימער אונזער בעקאַנטער שפּיאָן וויאַטקין מיט אַ באַנדאַזשירטען קאָפּ איבער דיא אויערן. ער האָט געסטערן געכאַפּט אַ שטאַרקע מפּלה ביי גרעפין מאַריא אַנדריאַנאָווא אין הויז. ער איז פון דעם ווילדען פערד אַראָפּגעפאַלען און אַנשטאַדט אָנצוקומען אין דער גרעפינס הויז פאַר אַ דיענער, איז ער גאַר אָפּגעפיהרט געוואָרען אין אַ האָספּיטאַל, וואו מען האָט איהם זיין שפּיאָנישען צושפּאָלטענעם קאָפּ פעסט פערבאַנדאַזשירט מיט צוויי ווייסע באַנדאַזשען און זיין צוריסענע פּוס פערלאַטעט מיט עטליכע פלאַסטערס.

— איהר אַלע מאַנספּערזאָנען טויגט פאַר שפּיאָנען אויף אַ כפּרה! — האָט איהם אונזער פרומע קסעניא געזאָגט און אַ גלעט געטהאָן פאַר זיין באַנדאַזש אויפ׳ן שטערן — אַט נעהמט איהר נאַר אַרום מיט אַ צושפּאָלטענעם מוח און דער טוידט ליגט אייך אויפ׳ן נאָז. דאָרט ביי דעם טראַקטירשטשיק טימאָפיי מיכיילאָוו האָט

זיך אייך אויך דיא מעשה ניט איינגעגעבען, אבער אז מיר פרויען נעהמען זיך צו עפּעס, פליהען קעפּ ארונטער פון דיא אקסלען און פאלען וויא דיא שפּענער. דיא דריי קעפּ, איבער וועלכע איהר האט זיך אייער קאָפּ צושלאָגען, ליגען אלע יעצט אין מיין קליין הענטעלע; אבי איהר האט געזאגט, אז איהר וועט דיעזע מיסיאָן קונציג אויספיהרען? נאט אייך אויסגעפיהרט. א דריי שטאָקיגע לאַטע אויפ׳ן קאָפּ און אויפ׳ן פוס, ווייס אייך דער טייפעל! איהר הינקט זיך צו וויא גאט האט גע־באָטען....

— דער טייפעל האט געקענט וויסען, אז זיי בעדארפען א גוטען רייטער — האט וזיאטקין אויפגערעגט אויסגערופען.

— חאַ חאַ, חאַ! — האט דיא צנועה נעלאכט.

— איך פערשטעה ניט וואס איז דער געלעכטער? — האט וזיאטקין פער־דריסליך געברומט.

— טאקי וייל איהר פערשטעהט ניט, דאריבער לאַך איך.

— איך פערשטעה אייך ניט פריילין וואס איהר מיינט מיט דעם.

— ווידער ניט פערשטאַנען! — האט דיא צדקניות אויסגערופען — עס איז שוין אָבער צייט, אז איהר זאלט יא פערשטעהן אן עסק. טראגט איהר דען א שפּיאָנישען קאָפּ אויף אייערע אקסלען, ווען איהר מיינט, אז דאס איז געווען א צופאל מיט׳ן פערד?

— וואָס דען ניט קיין צופאַל? האבען זיי דען ניט בעדארפט א גוטען רייטער?

— זלאָדייקינא פערשטעהט עס אנדערש! — האט דיא בּאראָנעסע מיט א שטאָלצע מינע אויסגערופען.

— איך וואלט געוועזן א בעלן צו וויסען וויא איהר פערשטעהט עס.

— איך פערשטעה, אז זיי האבען אייך מיט פלייס געגעבען אזא פערד וואָס א פרעמדער רייטער מוז פון איהם ארונטערפאלען און נאכדעם ארומגעהן מיט אָן אָפּענעם מוח.

— וואָצו זאלען זיי עס טהאָן?

— חא, חא, חאָ! חי, חי חי!

— ווידער געלאכט, אָבער געלאכט, — האט וזיאַטקין פערדריסליך גע־בורטשעט.

— און ווארום זאל איך ניט לאכען, אז איהר פערשטעהט ניט דאס זיי האבען אין אייך דערקענט דעם שפּיאָן דורך דיא אויגען.

— פאר אזא נארר זאָלט איהר מיך ניט האלטען.

— נו, האט זיי זייער דיענער פערטרויט דיא געהיימנים.

— אייער איבערשפּיציגקייט דערפיהרט אייך צו מאדנע איינפעלע! — האט ער איהר מיט פערדרוס ערוויעדערט.

— איך וועל אייך אבער אויסשטעכען דיא אויגען, ווען איך וועל ערפאהרען היינט, אז איך מאך קיין אירטהום.

— דיינקט איהר באך היינט אבערמאלס דער גרעפינס הויז צו בעזוכען?

— טאָ וואס דען, איך וועל שווייגען?

— און וואס הערט זיך עפּעס וועגען דער גנבה? וואס ענטפערט אייך דער ווירטה פון׳ם „ערמיטאזש״?

— דער שורקע אנטאָנאָוו וויל גאָר ניט ענטפערן.

— ער מוז אייך ענטפערן.

— איך גלויב, אז ער וועט וויינען און טראָגען.

— און דאס איז געווען מיינע אן עצה! איז דאס אויך נארריש?

— איך מוז געשטעהן, אז דאס איז געווען א גוטער איינפאַל; אבער פּלוצלינג צו ווערען ביי דער גנבה א באַראָנעסע אַנדרייעוונאַ איז נאך א גרעסערער איינפאַל. און דאס איז מיר איינגעפאַלען בעפאר איך האב דיא טהיר אויפגעעפענט און געמאכט א געוואלד, אז מען האט מיך בעגנבעט.

— און דאס האט איהר אַלעס געטהאן צוליעב דער גרעפין אַנדריאַנאָווא?

— וואס דען? איך האב ליעב צו טהאן א זאך אויסגערעכענט און וועהרענד איך האב אייך צו דער גרעפין געשיקט, איז שוין דיא זאך פריהער געווען בעוואָרענט, אז טאָמער געלינגט אייך ניט, זאל איך אליין דאָרט אין הויז זיך קענען אריינכאפּען.

— דאס איז ווירקליך איינע פון דיא גרעסטע איינפעלע! — האט וויאַטקין ענטציקט אויסגערופען — אבער ווען בעקומט איהר דיא מטבע? מיר האבען דאך עפּעס צווישען זיך אָפּגעמאכט אז איך זאל האבען א העלפט פאר מיין ראטה.

— היינט וועל איך מיך צו אַנטאָנעוו'ן, דעם ווירטה פון „ערמיטאַזש" פעסט א נעהם טהאן — האט איהם דיא באַראָנעסע ערוויעדערט — ער וויים מיט וועמען ער האט דא צוטהאן. ער האט באַלד נאך דער גנבה בעקומען א בעפעהל פון אָפּענבאַכען, אז מיין נאָמען זלאַדייקינא טאר אין גאנצען האטעל ניט ערמאָנערט ווערען און איך מוז הייסען ביי אַלע, באַראָנעסע קסעניא אַנדרייעוונא.

— דאס איז אַלעס פאָרטרעפליך; אבער דיא מטבע.

עס האט זיך געהערט א לייכטער קלאַפּען אין טהיר.

— הערייַן! — האט דיא באַראָנעסע אויסגעשריען און פּאַוועל איז אין צימער אריינגעגאַנגען און האט דערזעהן זיין ליעבער קסעניא'ן מיט דעם שפּיאָן וויאַטקין ביי איין טיש. ער האט גלייך דערקענט, אז דאס איז דער זעלבער וואס האט נעסטער אלס שפּיאָן אין זיין הויז געוואלט אריינטרעטען און פּאַוועל האט אונווילענד א ציטער געטהאן.

זלאַדייקינא איז אַביסעל איבערראַשט געוואָרען; אבער זיא האט באַלד געפאסט מוטה.

— אָ, וועמען איך האב דיא עהרע צו האבען פאר א גאַסט! — האט זיא ערפרייהט אויסגעשריען לויפענד איהם ענטקעגען.

זיא האט איהם פעסט געדריקט זיין האנד און האט איהם געבעטען זיצען.

פּאַוועל האט העכסט צורודערט געגריסט און האט זיך שמערצליך אויפ'ן שטוהל לעבען פענסטער אוועקגעזעצט.

— ענטשולדיגט מיר גראף אויף איין ווייל, — האט זיא צו איהם ליעבליך געזאגט — איך מוז דא מיט דיעזען מאןריידען נאך א פּאָר ווערטער.

פּאַוועל האט לייכט א שאָקעל געטהאן מיט'ן קאָפּ און דיא באַראָנעסע האט זיך געווענדעט צו דעם איבערראַשטען שפּיאָן.

— אלזא, הערר געהיים=אַגענט, — האט זיא צו איהם געלאסען געזאגט — וויא באַלד דיא פּאָליציי וויל ווירקליך, אז דורכרייזענדע זאלען ניט האבען וואס זיך צו בעקלאגען אויף מאָסקווא, מוזט איהר זעהן דיא גנבה זאל אויסגעפונען ווערען.

— איך וועל טהאן וואס עס וועט נור זיין אין מיין מעגליכקייט — האט דער שפּיאָן געענטפערט און שטאַרק צוהינקענד אויף זיין רעכטער פוס, איז ער נאך א טיפּע פערנייגונג פון איהר צימער ארויסגעגאַנגען.

— ארויסגעוואָרפען מיין מיה! — האט דיא באַראָנעסע מוטהלאָז וויא צו זיך אליין גערעדט — מענשלאך וועלכע איך האב אימער געהאסט און פעראַכטעט, מוז איך יעצט זעהן מיט מיינע אויגען און נאך מיט זיי ריידען! אָי, איז דאס אן אונגליק!

— זיינ ניט געפאלען באראָנעסע, — האט פאוועל אונמוטהיג געזאגט — איך בין זיבער, אז אייער ווירטה וועט אייך דיא גאנצע סומע בעצאהלען. ער מוז עס טהאָן און ווען ניט, וועט מען איהם זיין האטעל צושליסען.

— אבער איך בין דא גאנץ אליין און ווייס ניט וואס אָנפאנגען צו טהאָן.

— איך וועל פאר אייך אלעס טהאָן, — האט איהר פאוועל פריינדליך ער־קלערט — ווען איהר ווילט, געה איך שוין צו אנטאָנאָוו'ן דעם ווירטה פון אייער האָטעל און אויב ער וועט זיך עוטזאגען, ווענד איך מיך גלייך צו דעם גרויסען אדוואָקאט שייקאָוויטש און ער וועט שוין דיא סומע פון איהם געריכטליך אויפ־מאנען. אין א גרויסען האטעל וויא דער „ערמיטאזש" טאָרן אזעלכע גנבות ניט געשעהן.

— איך דאנק אייך פון טיפסטען הערצען פאר אייער ליעבליכקייט — האט איהם קסעניא מיט א פריינדליכע שטימע געענטפערט — אבער איך וויל אייך ניט בעמיהען; דאס וועט אייך פערשאפען, וויא איך פערשטעה, פיעל קריינקונג. מארגען איבערמאָרגען בעדארף צוריק קומען מיין אָנקעל פאפאוו פון פעטערבורג; ער איז שוין אן עלטערער און ערפאהרענער מענש, ער וועט דיא סומע מאָנען.

— יעדען פאלס בעדארפט איהר זיך באראָנעסע וועגען דעם ניט בעאונרו־היגען, — האט פאוועל וויטער גערעדט — אזא געטליכעס וועזען וויא איהר זייט וועט דיא נאטור אליין ניט דערלאזען, אז זיא זאל זיך לאנג קוועלען.

קסעניא האט איהרע אויגען אראָפּגעלאָזען און האט א לייכטען זיפץ געטהאָן.

— וואס זיפצט איהר באראָנעסא? — האט פאוועל איהר געריהרט געפרעגט — ענגלען זיפצען דען אויך?

— אָ, ווערטהער גראף, — האט קסעניא שוואך ארויסגערעדט — א צו־גרויסען טיטעל האט איהר מיר געגעבען.

— איהר זייט צופיעל דעמיטהיג ליעבע באראָנעסע — האט פאוועל געפיהל־פאָל איהר ערוויעדערט — מענשען בעדארפען זיך שעצען גליקליך, ווען אזא ענגעל וויא איהר געפינט זיך אין זייער געזעלשאפט.

— און איך שטאָלציר מיט אייער ליעבליכקייט עדלער גראף, — האט דיא שלאנגע מיט א קלינגענדע שטימע איהם ערוויעדערט — און וויא באלד איך בין אן ענגעל האב איך קיין אויסדריק ניט אין מיין שפראכע וואס קען אייך בעטיטלען.

— איך ליעבע דיך ליעבער, זיסער ענגעל! — האט פאוועל צוהיצט אויסגע־שריען און האט זיך א ווארף געטהאן פאר איהר אויף דיא קניע.

— און איך, — האט קסעניא מיט טרעהרען אין דיא אויגען געשטאמעלט און מעהר ניט ריידענדיג האט זיא זיך צו איהם ערנעהערט.

פאוועל האט איהר אָנגענומען פאר איהרעביידע צארטע און ווייבע הענטע־לאך און האט מיט היץ אויסגעשריען:

— זיי מיינע, מיין ליעבער, זיסער ענגעל גאָטעס! דוא מאכסט מיין לעבען פאר א הימעלשען פאראדיז, פאר א בליהענדען בלומען־גארטען.

— איך בין דיינע! — האט דער אויסוואורף מיט א ציטערענדע שטימע לאנגזאם ארויסגערעדט און באלד האבען געקלונגען איבער'ן צימער הייסע קיסע.

— דאס עדלעס קינד ווערט פערפאנגליקט! — האט פאוועל דערהערט עפעס א שטילע שטימע הינטער דער טהיר און נאכדעם א לייכטען גערויש פון טריט.

פאוועל האט דיא שטימע געהערט אזוי דייטליך, אז ער איז פון זיין שטעלע אויפגעשפרונגען און א שוידער איז איהם אריבער איבער אלע ביינער וויא א שלאנג וואלט איהם א ביס געטהאן.

ענדע דעם צווייטען טהייל.